STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00597

YID UN VELT

Chaim Zhitlowsky

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Gilda S. Deckel & Myra S. Miller
in memory of
their parents, Rosalind & Morris Silverstein

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי

אַלע ווערק

אַלע ווערק פֿון

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

באַנד 1

120

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי

ייד און וועלט

אַלוועלטלעכער יידישער קולטור-פֿאַרבאַנד, איקוף
ד"ר חיים זשיטלאָווסקי-פֿאָלקס-קאָמיטעט

דער באַנד איז צוגעגרייט צום דרוק דורך
נחמן מייזיל

דאָס בוך „ייד און וועלט“ איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון
אַהרן סטעף און זיין פאַמיליע, ניו־יאָרק

Copyright by
Dr. Ch. Zhitlowsky People's Committee
New York, 1945

Dr. Ch. Zhitlowsky
YID UN WELT

Printed in U. S. A.

געזעצט און אויסגעפּאַרטיקט דורך דער ע. לאוב פּרינטינג קאָמפּאַני,
250 וועסט 54סטע סטריט, ניו־יאָרק 19, נ״י.

אינהאַלט:

צו די לייענער — נ. מ. 7
אַ ייד צו יידן 9
ש. דובנאָווס „גייסטיקער" נאַציאָנאַליזם 45
צו דער טעאָריע פֿון נאַציאָנאַליטעט 67
ייד און מענטש (צוויי פֿאָרלעזונגען) 77
ווער איז דאָס יידישע פֿאָלק? 146
זאָלן מיר דאָ בויען אונזער קולטור אין ענגליש? 153
דעמאָקראַטיע און פֿאָלק ביי יידן 160
פֿופֿציק יאָר טעטיקייט און וואו האַלט עס? 165
רעליגיע, קולטור, און שפּראַך 181
מיטלאַלטער און נייַ־צייט אין דער קולטור־געשיכטלעכער
אַנטוויקלונג פֿון אונזער פֿאָלק 200
מיט אייגענע כּוחות 227
דער פֿאַרלוירענער דור 232
שפּראַך אָדער רעליגיע 236
די לאַגע פֿון אונזער פֿאָלק און וואָס דאַרף מען טון? 251
אונזערע נעאָ־קלעריקאַלן 289
גלות־נאַציאָנאַליזם 300
די אַסימילאַציע און דער קאַמף קעגן איר 308
מיין אמתע שטעלונג 313
ווערטער־פֿאַרטייטשונגען 317

צו די לייענער

מיט אַט דעם באַנד „ייד און וועלט" הויבט אָן דער איקוף, מיט דער פאַרשטענדיקונג פון דעם ד"ר חיים זשיטלאָווסקי־פאָלקס־קאָמיטעט, ארויסצוגעבן די ווערק פון דעם גרויסן דענקער און אומדערמידלעכן קעמפער און באַגרינדער פון דער פּראָגרעסיווער יידישער קולטור — ד"ר חיים זשיטלאָווסקי.

מיר נעמען אַריין אין אַט דעם בוך די אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען, וואָס האָבן צו טון מיט דעם פּראָבלעם ייד און וועלט, — דאָס פּראָבלעם, וואָס ד"ר זשיטלאָווסקי האָט נישט אויפגעהערט צו זוכן פאַר דעם אַ ראַדיקאַלע לייזונג אַלע זיינע יאָרן, פון זיין ערשטן אַרויסטריט אין דער פּאָליטישער וועלט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן, זינט 1892 ביז 1943.

מיר עפענען דאָס בוך מיט זיין באַרימטער אָפּהאַנדלונג „אַ ייד צו יידן", וואָס איז צוערשט פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך ד"ר זשיטלאָווסקי אויף רוסיש (אין 1892) און דערנאָך האָט עס זשיטלאָווסקי אַליין איבערגעזעצט (אין 1913) אויף יידיש, און אַריינגעגעבן עס אין זיינע ווערק.

אויסער די ערשטע פיר גרעסערע אָפּהאַנדלונגען, וואָס זיינען אין פאַרשיידענע צייטן דערשינען אין בוכפאָרם, געבן מיר דאָ אַריין נאָך 14 אַרטיקלען און רעפעראַטן, וואָס זיינען געדרוקט אָדער געהאַלטן געוואָרן דורך ד"ר זשיטלאָווסקי די לעצטע יאָרן. די אַרטיקלען דרוקן מיר פון די פאַרשיידענע צייטונגען און צייטשריפטן, און די רעפעראַטן — פון די מאַנוסקריפּטן, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן דורך ח. זשיטלאָווסקי די לעצטע יאָרן, ווען די דאָקטוירים האָבן אים פאַרבאָטן צו רעדן אויסנווייניק. די מאַנוסקריפּטן זיינען אונדז איבערגעגעבן געוואָרן דורך די יורשים פון ד"ר ח. זשיטלאָווסקי.

מיר האָבן זיך באַמיט דורך די אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען צו געבן אַ באַגריף וועגן דעם געדאַנקען־גאַנג פון ד"ר ח. זשיטלאָווסקי. די אַרטיקלען זיינען די וועג־צייכנס פון אַט דעם גאַנג איבער דער יידישער און נישט־יידישער וועלט.

עס איז אין זיי אַרויסגעבראַכט דאָס אָרט, וואָס יידן האָבן פאַרנומען און פאַרנעמען אין דער וועלט, ווי ד"ר ח. זשיטלאָווסקי האָט עס אויפגעפאַסט. מיר האָבן דאָ פאַר זיך די שטריכן, וואָס ד"ר ח. זשיט־

לאָווסקי האָט געהאַט אויסצושטיין אין זיין שטרעבן געזונט צו מאַכן און נאָרמאַליזירן דאָס יידישע עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע לעבן. מיר האָבן פאַר זיך דעם ליידנשאַפטלעכן קאַמף, וואָס זשיטלאָווסקי האָט געפירט פאַר זיינע אידעען מיט פּאָליטישע טוער און דענקער, ווי ער האָט עקשנותדיק באַקעמפט די אַסימילאַציע אין אירע פאַרשיידענע פאָרמען און פאַרלאַנגט אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין די באַציאונגען פון דער וועלט און פון דער אייגענער אינטעליגענץ צום יידישן פאָלק, צו זיינע נויטן און צו זיין שפּראַך און קולטור.

די אַלע אַרבעטן זיינען געדרוקט ווי זיי זיינען געשריבן געוואָרן דורך ד"ר ח. זשיטלאָווסקי. עס זיינען דאָך פאַר אונדז אינטערעסאַנט די פּראָצעסן, וואָס דער גרויסער יידישער דענקער און פאָרשער האָט אַדורכגעמאַכט אין לויף פון איבער 50 יאָר. עס איז פאַר אונדז וויכטיק, ווי עס האָט זיך בהדרגה אויסגעפורעמט זיין שטעלונג צו די עיקר־פראַגן פון דעם יידישן לעבן. אין אייניקע פון די אַרטיקלען זיינען דאָ איבערחזרונגען. ד"ר זשיטלאָווסקי איז נישט מיד געוואָרן ביי יעדער געלעגנהייט נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל צו מאָנען און וועקן, צו רופן און וואָרענען. מעגלעך, אַז ווען ד"ר ח. זשיטלאָווסקי אַליין וואָלט צונויפגעזאַמלט די אַלע אַרטיקלען און זיי צוגעגרייט פאַר אַ נייער אויסגאַבע, וואָלט ער אפשר געמאַכט דאָ און דאָרטן קאָרעקטיוון; אפשר וואָלט ער דעם אָדער אַנדערן אַרטיקל נישט געגעבן, אָדער אים איבערגעאַנדערשט. מיר האָבן זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט דערלויבט דאָס צו טון.

מיר האָבן אין די פריערדיקע אַרטיקלען איבערגעלאָזט אַזעלכע סטיליסטישע אויסדרוקן, וואָס ד"ר זשיטלאָווסקי, דער גרויסער מקפּיד אויף שפּראַך, וואָלט זיי איצט איבערגעשליפט און איבערגעפּוצט. מיר האָבן זיי געלאָזט ווי זיי זיינען געווען פאַרעפנטלעכט. פאַר אונדז איז דאָך וויכטיק צוצוזען, ווי צוזאַמען מיט דעם דענקער זשיטלאָווסקי איז כּסדר אויך געוואַקסן דער שפּראַך־מייסטער זשיטלאָווסקי.

נ. מ.

דעצעמבער, 1944.

אַ ייִד צו אַ ייִדן

דאָס גאַנצע לעבן פון דעם ייִדישן פאָלק שטימט ניט צונויף מיט דעם אידעאַל פון פיזישער, גייסטיקער און מאָראַלישער געזונטקייט. די געזעצגעבונג וועגן ייִדן אין רוסלאַנד שטימט ניט צונויף מיט די אידעאַלן פון געזעלשאַפטלעכן יושר. אויסגעפינען די מיטלען און וועגן, ווי אַזוי ראַדיקאַל איבערצובויען דאָס ייִדישע לעבן, עס זאָל ווערן ווידער געזונט, און ווי צו רעפאָרמירן די געזעצגעבונג וועגן ייִדן זי זאָל ווידער צונויפקלינגען מיט די פאָדערונגען פון יושר — אָט דאָס הייסט פאַרענטפערן די ייִדישע פראַגע אין רוסלאַנד.

צום אומגליק און צו דער שאַנדע פאַר אונדזער צייט האָבן זיך פאַרשיידנאַרטיקע רעאַקציאָנערע עלעמענטן פון דעם סוף נײַנצנטן יאָרהונדער דערשלט צו אַזאַ שטאַנדפונקט אין אונדזער פראַגע, וואָס רוקט זיי אַוועק שיר ניט אויף אַ יאָר פינף הונדערט צוריק. אין דעם ייִדישן פאָלק זעען זיי ניט מער ווי אַ מחנה ווילדע פאַראַזיטן, מיט וועמען מען מוז פירן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט, און די גאַנצע ייִדישע פראַגע ווערט ביי זיי פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָבלעם, ווי אַזוי אויסצוגעפינען די בעסטע קאַמף־מיטלען אַנטקעגן די דאָזיקע ווילדע ברואים.

אויסטערליש געראָטענע עקזעמפּלאַרן פון יענעם מין רעאַקציאָנערן געפינען זיך איצטער ביי אונדז אין רוסלאַנד. פאַר זיי, ווי אויך פאַר זייערע אָנהענגער, וועמען זיי פירן פאַרן נאָז, באַשטייט דער תמצית פון דער ייִדישער פראַגע נאָר אין דעם אַליין, ווי אַזוי צו פאַרטיידיקן די פעלדער פון דעם רוסישן דאָרפסמאַן פון יענע אַנפאַלן, וועלכע די פרעס־גיריקע פאַראַזיטן מאַכן אויף זיי.

אַזאַ מין באַהאַנדלען די ייִדישע פראַגע האָט, פאַרשטייט זיך, זייער שעדלעך זיך אָפּגערופן אויף אונדזער לאַגע אין רוסלאַנד. מיט אַ שטילן הסכם ווערט אָנגענומען פון אַלע צדדים, אַז די וויכטיקסטע פּאָזיציעס אין אונדזער פּראָבלעם זײַנען פאַרנומען דורך די שטרייט־קרעפטן פון די יודאָפאָבן און אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון די פרײַנד פון דעם ייִדישן פאָלק איז: צו זען מיט אַלע כּוחות צו צעשטערן און איינצונעמען די דאָזיקע פּאָזיציעס.

ניט קוקנדיק דערויף, וועלן מיר אין אונדזער היינטיקער אַרבעט זיך כּמעט אַ ברעקל ניט באַשעפטיקן מיט די טענות פון די אַנטיסעמיטן. מיר וועלן זיך אַ ביסל אָפּשטעלן נאָר אויף איין איינציקן פּונקט, — אויף איינער פון די שטאַרקסטע פּאָזיציעס, וואָס די יודאָפּאָבן האָבן באַפעסטיקט, ווייל דער דאָזיקער פּונקט איז זייער אַ וויכטיקער פאַר דער יידישער פראַגע אויך אין דעם זין אירן, וואָס מיר האָבן אַנגענומען אויבן. דאָס איז די פראַגע וועגן דעם, וואָס אַזוינס שטעלט מיט זיך פאַר די יידישע אומה אין רוסלאַנד: איז דאָס אַן אַרבעטאַרישע מאַסע, ווי אַלע פעלקער פון אונדזער פאָטערלאַנד, אָדער ניט מער ווי אַ סוחריש־אינדוסטריעלער שטאַנד, וואָס די אידעאַלן און די פאָדערונגען פון דער אַרבעט קאָנען קיין מאָל ניט אַריינדרינגען אין אים?

די פראַגע איז נאָך עד היום ניט אויפגעקלערט, סכסוכדיק און אָפּט מאָל פאַלש פאַרענטפערט, און שולדיק אין דעם זיינען ניט נאָר די יודאָ־פאָבן. אויך די יודאָפילן האָבן אַ היפּשן חלק אין דער שולד. ביידע צדדים האָבן כּלל ניט אָפּגעלייקנט דעם סוחריש־אינדוסטריעלן כאַראַקטער פון דאָס רוב יידישע באַפעלקערונג. מער ניט, די יודאָפאָבן טענהן אַן אַן אויפהער, אַז די הענדלערישע ווירקונג פון די יידן איז אַן אומגליק פאַרן לאַנד, בעת די יודאָפילן ווערן ניט איינגעמאַטערט צו באַווייזן, אַז אַזאַ בליק איז לגמרי פאַלש, אַז אדרבה! אַ גאַנצער שטראָם פון גליקן וועט זיך אויסגיסן אויף אונדזער לאַנד, ווי נאָר מען וועט אָפּשאַפן אַלע גרע־נעצן, וואָס ענגען איין די סוחריש־מעקלערישע טעטיקייט פון די יידן.

די יודאָפאָבן זיינען די פאַרטרעטער פון דער רוסישער קליינער און מיטעלער בורזשואַזיע, וועמען עס איז אַזוי שווער צו פירן דעם עקאָ־נאָמישן קאַמף אַנטקעגן דעם יידישן סוחר, דעם מער ענערגישן, מער אויפ־טוערישן. און דערפון נעמען זיך זייערע געשרייען וועגן „דעם אַנפאַל פון די זשידעס". די יודאָפילן ווידער האָבן אין זינען כּמעט ניט מער ווי די אינטערעסן פון די יידישע סוחרים און בעל־מלאָכהס — אַ קלאַס פון מענטשן, וואָס מוז, אונטער דעם קאָנקורענץ־דרוק אין דער אייגענער סביבה, זיך באַנוגענען מיט אַ קלענערן ריוח, איידער דאָס טוען די ניט־יידישע סוחרים און בעל־מלאָכהס — און דערפון שטאַמען די געשמוסע־רייען אַן אַ סוף וועגן דער רעטונג פון דעם פאָטערלאַנד דורך די יידן.

דאָס יידישע פאָלק — דער פשוטער האַנט־אַרבעטער, דער ערד־גראָבער, דער טרעגער, דער שטיין־האַקער און אַזוי ווייטער, און וואו וואו עס איז נאָר מעגלעך, דער ערד־אַרבעטער — אַט דער גאַנצער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז ערגעץ וואו אין גאַנצן פאַרשוואונדן פון דעם האָריזאָנט

פון דער יידישער פראַגע און האָט געמוזט ערשט גאָר אין דער לעצטער צייט „אַנטדעקט" ווערן פון אַ רוסישן פאַרשער, דעם באַקאַנטן עקאָנאָמיסט, סובאָטין.

ערשט נאָך אָט דער אַנטדעקונג איז לסוף געוואָרן מעגלעך צו געבן אַ קלאָרן, קאַטעגאָרישן ענטפער, אויף דער אויבן אַוועקגעשטעלטער פראַגע: יאָ, דאָס יידישע פאָלק אין רוסלאַנד איז אַן אַרבעטאָרישער פאָלק, ווייל אַ ריזיקע מאַיאָריטעט פון אים איז באַשעפטיקט כמעט אין אַלע צווייגן פון דער פיזישער אַרבעט.

אָט וואָס הער מ. ל. פעסקאָווסקי שרייבט וועגן דער דאָזיקער „אַנטדעקונג". אין ה' סובאָטינס בוך („אינעם תחום המושב") געפינען מיר אַזאַ גרעלן בילד פון דער ריזיקער פיזישער אַרבעט פון די יידן, אַז עס קומט אויס צו חדושן זיך, ווי אַזוי אָט די דערשיינונג האָט געקאָנט עד היום בלייבן אין גאַנצן אומבאַקאַנט פאַר דעם לייענעדיקן פובליקום".*

אין דעם ליכט פון יענעם בילד, וואָס אונדז גיט די יידישע אַרבעט, ווערן אין גאַנצן פאַרבלאָסט אונדזערע געוויינטלעכע פאַרשטעלונגען וועגן דער ראָלע, וואָס די יידן שפּילן אין זייער תחום המושב. הער פעסקאָווסקי גייט אַזוי ווייט, אַז ער געפינט אַפילו פאַר מעגלעך צו מאַכן אויף דעם גרונד פון די עקאָנאָמישע פאַרשונגען אַזאַ קאַטעגאָרישע באַהויפּטונג: „אויב עס איז יאָ דאָ עקספּלואַטאַציע אין דעם תחום המושב, איז דאָס די עקספּלואַטאַציע פון דער אין לשער וואָלוועלער יידישער אַרבעט. אין פאַרגלייך מיט די מאָסן פון אָט דער עקספּלואַטאַציע ווערט אין גאַנצן פאַרבלאָסט און פאַרשוואונדן די אַזוי אָנגערופענע „יידישע עקספּלואַטאַציע".**

מען קאָן ניט זאָגן, אַז דער פאַקט, וואָס מיר האָבן אַ פּראָלעטאַריאַט, איז געוועזן אומבאַקאַנט דער רוסיש-יידישער פובליציסטיק. דער מוראדיקער עלנט פון דעם יידישן עולם האָט ניט געקאָנט ניט צושמידן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון איטלעכן אויספאַרשער פון דעם יידישן לעבן, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ פונק פון יושר אין הארצן. אָבער אונדזערע יודאָפילן קומען אַרויס דאָס רוב פון דער יידישער בורזשואַזיע; מיט אירע אינטערעסן זייַנען זיי דורכגעזאַפּט ביז צו דעם מאַרך פון די ביינער. און דעריבער האָבן זיי אין אַלע קרעכצן פון דעם פאָלקס צער געקאָנט קלאָר

* מ. ל. פעסקאָווסקי, ראַקאָוואַיע ניעדאָראַזומניעיע. סט. פעטערבורג, 1891, ז. 355.

** ד. ג. ז. 9.

אַרויסהערן נאָר די קלאָגן פון די סוחרים, וואָס שלינגען איינער דעם אַנדערן איין אין דעם „תּחום״, און אויך די קלאָגן פון יענע פּראָקוראָרן און אָפּיצירן, פּראָפעסאָרן און „טיטולאַרע בעלי־עצות״ (אַזאַ רוסישער „טשין״) אין פּאָטענציאַ, וואָס זיי איז נעבעך ניט באַשערט צו זיין קיין פּראָקוראָרן, אָפּיצירן, פּראָפעסאָרן און טיטולאַרע בעלי־עצות, מחמת זייער אומגליקלעכער יידישער אָפּשטאַמונג.

די „אין לשער וואַלוועלע יידישע אַרבעט״, מיט וועלכער עס באַנוצן זיך, מעג מען מיינען, ניט דווקא קריסטן — און קריסטן נאָך וויניקער פאַר אַלעמען — נאָר אויך יידן, האָט ניט אַריינגעטראָגן קיין איין ספּע־ציפישע נאָטע אין דעם האַרמאָנישן כאָר פון די, אַגב, זייער גערעכטע פאָדערונגען, וואָס די רוסיש־יידישע פּובליציסטיק האָט אַרויסגעשטעלט. פאַר אַלע פּלאָגן פון דעם יידישן לעבן — דלות און עם־הארצות, באַליי־דיקונגען און פאַרפאָלגונגען, דאָס, וואָס אייגענע און פרעמדע אונטער־נעמער זייגן די לעצטע ליחות אַרויס, — פאַר דאָס אַליין האָט זי נאָר איין רעצעפּט און איין האָפענונג: די פולע בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן מיט דער גאַנצער איבעריקער באַפעלקערונג.

אָבער אויף וועלכן אופן וועט דער פולבאַרעכטיקטער יידישער פּראָ־לעטאַריער, וואָס האָט זיין אייגנס ניט מער ווי די „אין לשער וואַלוועלע״ אַרבעטסקראַפט, זיין ביכולת אויפהייבן זיך אויף אַ העכערער פיזישער און גייסטיקער מדרגה? ווער וועט אים העלפן אין דעם? און וועט אפשר דער פולבאַרעכטיקטער יידישער אונטערנעמער ווערן פאַר אים אַקוראַט אַזאַ ווילדע חיה, ווי יעדער אונטערנעמער איז דאָס פאַר יעדן פּראָלע־טאַריער? — מיט אַזעלכע פראַגן האָט די יידישע פּובליציסטיק זיך ניט אָפּגעגעבן און קלערט נאָך גאָרניט צו פאַרטראַכטן זיך אויף זיי.*

„דאָס איז דאָך נאָר די אַרבעטער־פראַגע און ניט די יידן־פראַגע!״ — וועט מען אונדז ענטפערן. „ניט די יידן־פראַגע״, וואָס וועגן איר קאָנען שוין, ווי הער פּעסקאָווסקי פאַרזיכערט, ניט זיין קיין צוויי מיינונגען, ווייל די וועגן און אופנים פון איר פאַרענטפערונג „זיינען שוין פעסטגעשטעלט זיכער און קלאָר סיי דורך די וויסנשאַפטלעכע טעאָריע און סיי דורך די שטאַטלעכע פּראַקטיק״. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָ מיינט מען די וויסנ־שאַפטלעכע טעאָריע און די שטאַטלעכע פּראַקטיק פון די מערב־אייראָפּע־אישע לענדער; און וואו איז דאָס באמת געהערט געווען אַז די יידישע

* ביז צו דעם „יעווריי קיעווריאַם״ איז דאָס פאַר רוסלאַנד געווען אות באות אמת (1913).

פראַגע זאָל אין די מערב־איראָפּעאישע לענדער זיין דערהויפּט די אַר־בעטער־פראַגע?

— אָט דאָס איז די צרה — ענטפערן מיר — וואָס אונדזערע יודאָפּילן טאַנצן נאָך צו שקלאַפיש נאָך דעם „מערב“ אין זיין שטעלן די יידישע פראַגע. אָט דאָס איז די צרה, וואָס די גלענצנדיקע דרויסן־זייט פון דעם יידישן לעבן אין מערב האָט אַזוי פאַרבלענדט זייערע אויגן, אַז זיי גיבן זיך גאָר קיין ברעקל טרחה ניט אַ טראַכט צו טאָן וועגן דער שאלה: איז באמת די פולבאַרעכטיקונג געווען אַ גליק פאַר די יידישע מאַסן? וואָלטן די אינטערעסן פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אויף אַן אמתן געשטאַנען אויף דעם ערשטן פּלאַן אין דעם יודאָפּילישן פּראָגראַם, וואָלטן זיי, די יודאָפּילן מיין איך, ניט געגומען אַזוי אָן אַ ברעקל קריטיק נאָכטאַנצן נאָך דעם מערב־איראָפּעאישן שאַבלאָן. זיי וואָלטן זיך אָפּגעהיט פון יענע פאַטאַלע גרייזן אין דער יידישער פראַגע, וואָס האָבן געמאַכט די לאַגע פון דעם יידישן פאָלק אין מערב־איראָפּע — איך מיין דאָ ניט די רעכט־לעכע, נאָר די נאַציאָנאַלע, עקאָנאָמישע און גייסטיקע — גאַרניט אַזוי גלענצנד, ווי דאָס דוכט זיך אונדז געוויינטלעך אויס...

דערפון פאַרשטייט זיך איז נאָך גאַרניט געדרונגען, אַז מיר האָבן גאַרניט ניט וואָס צו לערנען זיך ביי אונדזערע מערב־איראָפּעאישע ברי־דער. אַדרבה, זייער פיל. קודם כל מעגן מיר זיך אַראָפּ נעמען אַ מוסר פון זיי, ווי קלאָר זיי האָבן פאַרשטאַנען די לאַגע, ווי ריכטיק זיי האָבן געקאָנט אָפּטרעפן, ווער עס איז אונדזער פריינד און ווער איז אונדזער שונא. אין דעם פּרט האָבן מיר באמת אַ סך וואָס צו לערנען ביי די יידישע קעמפער פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון אונדזער פאָלק.

דער ביישפּיל פון מערב־איראָפּע, האָט אַן אומגעהייערע באַדייטונג פאַר אונדזער פראַגע אין רוסלאַנד, און דעריבער, האָפן מיר, וועט דער לייענער קיין פאַראיבל ניט האָבן אויב מיר וועלן אַ ביסל לענגער זיך אָפּשטעלן אויף דער געשיכטע פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע אין איי־ראָפּע: בפרט, ווען דער דאָזיקער, אַ ביסל לענגערער אַראָפּ־פון־וועג וועט אונדז באמת אַ ברעקל ניט אָוועקציען פון אונדזער ענין — ווייל אַלץ, וואָס מיר האָבן צו דערציילן וועגן דער געשיכטע פון די יידן אין די מערב־לענדער, וואָלטן מיר סיי ווי סיי געדאַרפט זאָגן וועגן דער יידישער פראַגע אין רוסלאַנד, נאָר מיט איין איינציקער נפקא־מינה, וואָס אונדזערע רייד וועגן רוסלאַנד וואָלטן געטראָגן אויף זיך דעם כאַראַקטער פון היפּאָטעזן און מער אָדער ווייניקער ריכטיקע השערות, בעת פאַר מערב־איראָפּע

קאָנסטאַטירן זיי פאַקטן, וואָס זיינען שוין אַריין געטרעטן אין לעבן, און באַשרייבן פּראָצעסן, וואָס האָבן שוין גענומען בולט אַרויסטרעטן.*

2

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך אין דער געשיכטע פון דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין די מערב־לענדער באַשטייט אין דעם אומשטאַנד, וואָס יעדע זעלבסט־הערשנדיקע אָדער אַפילו שטאַרק קאָנסערוואַטיווע רעגירונג האָט מיט דער זעלביקער עקשנות זיך איינגעשפּאַרט אַנטקעגן דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, מיט וועלכער זי האָט געקעמפט אַנט־קעגן אַלע אַנדערע פרייהייטלעכע פאָדערונגען פון דער באַפעלקערונג. אויף דעם גורל פון דער יידישער פראַגע איז היסטאָריש אויסגעפאַלן דער כבוד צו שטיין אין איין צייל מיט די פראַגן וועגן פּאָליטישער פרייהייט, וועגן באַשרענקען די מאַכט פון דעם זעלבסט־הערשער, וועגן פרייהייט פון געדאַנק, וואָרט און געוויסן.

די מאָנאַרכן אָדער די קאָנסערוואַטיווע רעגירונגען פון דעם סוף אַכ־צנטן און דעם אָנהייב ניינצנטן יאָרהונדערט האָבן, אמת, אַפט מאָל ליב געהאַט צו פאַרברענגען די צייט מיט „אויסבעסערן דאָס יידישע לעבן״, צונויפרופן קאָמיסיעס, אויסהערן „געניטע מענטשן״, אָפּשאַפן דעם אָדער יענעם פּונקט פון די באַגרענעצונגען אָן אַ צאָל, מיט וועלכע די יידישע רעכט זיינען געווען אַרומגערינגלט, אָדער אויפסנייַ אַריינפירן אין לעבן דעם אָדער יענעם פּונקט פון די קאַרגע יידישע פּריווילעגיעס. אָבער די פולע בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג פון דעם יידישן פאָלק האָט מען געמוזט אַרויסרייסן פון זייערע הענט אין איינעם מיט דער זעלבסט־הערשערישער מאַכט: אויסגלייכן די יידן מיט דער איבעריקער באַפעל־קערונג אין דער אַלגעמיינער פּאָליטישער אָן־רעכטיקייט איז זיי געווען אַקוראַט אַזוי שווער, ווי שענקען דעם פאָלק פּאָליטישע פרייהייט.

אָט דער צונויפבונד פון יידישע גלייכבאַרעכטיקונג און פּאָליטישע פרייהייט ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך דער גאַנצער געשיכטע פון דער נייער צייט.

די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג פון קראָמוועלן מאַכט די ערשטע שריט פאַר דער עמאַנציפּאַציע פון די יידן אין ענגלאַנד. די נידערלענדישע יידן

* אין דער צייט, וואָס מיר איבערזעצן די דאָזיקע ווערטער, זיינען שוין די „היפּאָטעזען״ אויך פאַר רוסלאַנד געוואָרן לעבעדיקע פאַקטן און ווירקלעכע פּראָצעסן (1913).

ווערן גלײכבאַרעכטיקט נאָר דעמאָלט, ווען די נידערלאַנדן באַפרייען זיך פון דעם שפּאַנישן דעספּאָטיזם. די באַפרייאונג פון צפון־אַמעריקע פון אונטער דעם ענגלישן יאָך ברענגט מיט זיך די גלײכבאַרעכטיקונג פאַר די אַמעריקאַנער ייִדן. אין פראַנקרייך האָט מען נאָך אונטער דער הער־שאַפט פון לודוויג דעם זעכצענטן אַ סך גערעדט וועגן „אויסבעסערן דאָס ייִדישע לעבן" און וועגן די מיטלען, ווי אַזוי צו מאַכן פון ייִדן „ניצלעכע בירגער". אָבער די פולע גלײכבאַרעכטיקונג פון דער ייִדישער באַפעלקע־רונג מיט אַלע אַנדערע קינדער פון דעם לאַנד ווערט פּראָקלאַמירט ערשט פון דער רעוואָלוציאָנערער „נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג", לויט דעם פאַר־שלאָג פון דעם אַבבאַט גרעגואַר, און דער וואַרעמער אונטערשטיצונג פון ראָבעספּיערן. אונטער דעם דרוק פון יענע רעוואָלוציאָנערע אידעען, וואָס האָבן, אין איינעם מיט די רעוואָלוציאָנערע מלחמות, אַריבערגעשפּרייזט די גרענעצן פון פראַנקרייך, פאַלן פונאַנדער די רעכטלעכע באַריערן צווישן ייִדן און ניט־ייִדן כּמעט אומעטום אין דער קאָנטינענטאַלער אייראָפּע: אין האָלאַנד, בעלגיען, די דײַטשע פירסטנטימער, פּרייסן, איטאַליע.

אָבער ווי נאָר די קאָנטינענטאַלע אייראָפּע האָט גובר געווען די רע־וואָלוציע, אַזוי האָט דאָס רוב אײַנפלוסרײַכע מלוכות, מיט עסטרײַך בראש, גענומען אויף גיך ווידער אויפבויען די נאָר וואָס צעריסענע באַריערע. די פּאָליטישע רעאַקציע, וואָס איז אַרײַן געטרעטן אין לעבן, האָט געבראַכט מיט זיך פאַר די ייִדן באַנײַטע באַגרענעצונגען פון זייערע רעכט. און די באַגרענעצונגען פאַרשווינדן ווידער אַ מאָל ערשט מיט דער רעוואָלוציע פון דעם יאָר 1848. די זעלביקע געשיכטע שפּילט זיך אָפּ בעת דער פּאָליטישער רעאַקציע פון די 50ער יאָרן. די ייִדישע גלײכבאַרעכטיקונג ווערט גאַראַנטירט אין די קאָנסטיטוציעס פון די אייראָפּעאישע לענדער. אָבער יעדער נצחון פון דער רעגירונג איבער די פרײַע אינסטיטוציעס פון דעם לאַנד רופט זיך אָפּ מיט אַ מפּלה אויף דער עמאַנציפּאַציע פון די ייִדן.

דער קאַמף פון די קאָנסערוואַטיווע רעגירונגען אַנטקעגן דער ייִדישער גלײכבאַרעכטיקונג הערט אויף סוף־כּל־סוף נאָר דעמאָלט, ווען די פרײַע אינסטיטוציעס פון אייראָפּע ווערן אויף זיכער אײַנגעפונדעוועט אין די 60ער און 70ער יאָרן.

וואָס די ליבעראַלן און די דעמאָקראַטן האָבן, אין זייער קאַמף פאַר פּאָליטישע פרײַהייט, ניט געמאַכט קיין חילוק צווישן ייִדן און ניט־ייִדן — אין דעריבער, פאַרשטייט זיך, שטעקט ניט קיין ברעקל וואונדער. עס וואָלט געווען משונה ווילד זיך פאַרצושטעלן אַ פרײַהייטס־קעמפער, וואָס זאָל אויף זײַן פאָן האָבן אָנגעשריבן: „פרײַהייט, גלײַכהייט און ברידערלעכ־

קייט... אין די גרענעצן פון דער הערשנדיקער געזעצעבונג וועגן יידן!...״ *

דערפאַר איז אין דער אמתן אַ חדוש־נפלא — יענע נאַטירלעכע, איינגעבוירענע שנאה צו יידן, וואָס כאַראַקטעריזירט יעדע אַבסאָלוטיס־טישע אָדער קאָנסערוואַטיווע רעגירונג, ווי אויך יענע עקשנותדיקע איינ־געשפּאַרטקייט, מיט וועלכער די שנאה רייסט זיך אַרויס, ווי נאָר זי באַ־געגנט ניט אין לעבן קיין אָפּהאַלט. אָבער ווי אַלץ אין דער וועלט, האָט אויך אָט דער חדוש נפלא זיינע דערקלערנדיקע טעמים.

ווען מיר זאָלן אַפילו אַראָפּוואַרפן פון חשבון די פּערזענלעכע אַנטי־פּאַטיע, וואָס דאָס רוב מאָנאַרכן פילן צו יידן — אַן אַנטיפּאַטיע, וואָס האָט געקאָנט אַרויסוואַקסן ווי אַ פּרוכט פון דער פאַרשימלטער דערציאונג אין יענער דומפּער אַטמאָספערע, אין וועלכער דאָס רוב מאָנאַרכן מוזן פאַרברענגען זייערע יונגע יאָרן — בלייבן נאָך איבער אַ סך אַנדערע, זייער וויכטיקע אורזאַכן פון דער אַלערהעכסטער רשעות: די אינטערעסן און אויסרעכענונגען פון דער זעלבסט־הערשערישער אינעווייניקסטער פּאָליטיק.

די געבויי פון דער זעלבסט־הערשאַפט רוט מיט אַ גרויסן טייל אויף דער אונוויסנהייט און אויף דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם פון די מאַסן. די קריסטלעכע רעליגיע, וואָס איז אין די הענט פון דער גייסטלעכקייט און די רעגירנדע פּערזאָנען געוואָרן אַ געצייג צו אונטעריאָכן די פעלקער, האָט געמוזט אין דער עקסיסטענץ פון דעם יידישן פאָלק זען אַ לעבעדיקן פּראָטעסט אַנטקעגן זיך. פאַנאַטישע קעגנער פון דעם דריי־איייניקן גאָט, וואָס מאַכן אַן אויסגעבלאָזענע איי אַפילו פון קריסטוסעס פּערזענלעכקייט, וואָס האָבן דעם קוראַזש צו קוקן אויף אַלע הונדערטער מיליאָנען קריסטן, ווי אויף אַ הערט פי, וואָס איז פאַרפירט געוואָרן פון איינעם אַ ממזר, וועלכן זיי, די יידן, האָבן אַרויסגעשליידערט פון זייער מיטן, — האָבן די יידן, שוין בלויז דורך זייער זיין אויף דער וועלט, געשטאָכן די אויגן דער קריסטלעכער גייסטלעכקייט.

דאָס שטרעבן צו דערנידעריקן די יידן, אַריינשטאַמפּן זיי אין קייט, מאַכן זיי זאָלן אַ פיל־טאָן די גאַנצע גרויזאַמע קראַפט פון דעם משיח, פון

---

* אַזאַ משונה־ווילדע דערשיינונג האָט די מענטשהייט, צו איר חרפה, דאָך דערלעבט אין די יונגע יאָרן פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ביי אַ סך ליבעראַלן און ראַדיקאַלן ניט נאָר אין רוסלאַנד און פוילן, נאָר אַפילו אין מערב־איראָפּעישע לענדער. (1913).

וועלכן זיי טרייסלען זיך אָפּ, — אָט דאָס איז געווען דער פונדאַמענט, וואָס אויף אים האָט זיך אויפגעבויט די קאַטוילישע פּאָליטיק בנוגע דעם יידישן פאָלק. ווי אַ ירושה פון דעם מיטלאַלטער האָט זיך די דאָזיקע פּאָליטיק דערהאַלטן אויך אין דער נאָך רעפאָרמאַציאָנער אייראָפּע, ווען אַפילו אין אַ סך אַ בלייכערער פאָרעם, אויב מען זאָל זי פאַרגלייכן מיט די ברענענדיקע שייטער־הויפנס פון דער אינקוויזיציע. דער זעלביקער פּאָליטיק האָבן געמוזט בלייבן טריי אויך די קרוין־טראָגער פון דעם נייַנצנטן יאָרהונדערט וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם פון די מאַסן. די זעלבסט־הערשאַפט טאָר זיך ניט צו פריי באַגיין מיט די טראַדיציעס פונעם מיטלאַלטער. — דאָס איז איינס.

דערצו קומט, וואָס די יידישע פראַגע — אָט די גאַנצע פּראָצעדור פון באַגרענעצונגען, נאָרמירונגען, געזעצגעבונג, ספּעציעלע אָפּצאָלונגען, פּריווילעגיעס, אַריינלאָזן אין די שטעט, אַרויסיאָגן פון די שטעט, לאָזן עפענען אַ שול, הייסן צו שליסן די שול — דאָס אַלץ האָט געגעבן די מעגלעכקייט אויפצוהאַלטן די אַטמאָספערע פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם און נאַציאָנאַלן האַס — אַן אַטמאָספערע, וואָס איז, ווי באַקאַנט זייער גינסטיק פאַר דעם פונאַנדערבליען פון אונטערטעניקע געפילן.

פאַר דעם רעגירונגס־אַנטיסעמיטיזם אין אייראָפּע איז אָבער געווען נאָך אַ דריטער טעם: די שנאה צו דער יידישער אינטעליגענץ און די נקמה פון איר רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. די יידישע אינטעליגענץ אין מערב־אייראָפּע האָט אויף איר אייגענעם נאַקן געשפּירט דעם טאָפּלטן יאָך פון דער אַלגעמיין־פּאָליטישער און דער יידישער קנעכטשאַפט און האָט מיט אַ טאָפּלטער ענערגיע, מיט אַ צווייפאַכן ברען זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף אַנטקעגן דעם סיסטעם פון אונטערדריקונג. אין דער פּערזאָן פון אירע בעסטע פאָרשטייער פלעגט זי באַוואוסטזיניקערהייט זיך אָוועקשטעלן אין די פאָדערשטע ציילן פון דער שטרענגסטער אָפּאָזיציע, ניט זעלטן גאָר אויף איר עקסטן שפּיץ, און אויף אַזאַן אופן צוציען צו זיך און צו דעם גאַנצן יידישן פאָלק די אַלערהעכסטע שנאה פון די מאָנאַרכן און דער רעגירונג.

די פאַרבינדונג פון פּאָליטישע פרייהייט און יידישע גלייכבאַרעכטיקונג פון איין זייט, פון פּאָליטישע רעאַקציע און אַנטיסעמיטיזם פון דער אַנדערער שטעלט מיט זיך פאַר דעם ערשטן הויפּט־מאָמענט אין דער געשיכטע פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע.*

---

* די דאָזיקע פאַרבינדונג איז געוויס ניט מער, ווי אַ היסטאָרישע אידעען־פאַר־

אין דער שטעלונג פון דער יידישער אינטעליגענץ צו איר פאָלק און צו די אַלגעמיינע פּאָליטישע פּראָבלעמען פון דעם לאַנד ליגט איר צווייטער הויפּט־מאָמענט.

אויף וויפל די יידישע אינטעליגענץ האָט געפירט אַ היסטאָרישן לעבן, האָט זי געקאָנט פונאַנדערגעטיילט ווערן אין צוויי גרופּן. צו דער ערשטער גרופּע האָבן געהערט יענע, וואָס האָבן, מחמת דעם אָדער יענעם טעם, פונאַנדערגעריסן זייערע פאַרבינדונגס־פעדים מיט דעם גייסטיקן לעבן פון זייער פאָלק און האָבן געדינט ווי, לאָמיר זאָגן, פאַרטרעטער פון דעם יידישן פאָלק אויף דעם פעלד פון דער אַלגעמיין־אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. די צווייטע גרופּע האָט אַרומגענומען יענע געבילדעטע יידן, וואָס האָבן געשפּילט די ראָלע פון, לאָמיר זאָגן, מיסיאָנערן פאַר דער דאָזיקער אַלגעמיין־אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע צווישן זייערע ברידער, וואָס זיינען אָפּגעשטאַנען פון דער מאָדערנער קולטור.

איז — ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די פאַרטרעטער פון דער ערשטער גרופּע, וואָס זיינען תּמיד געשטאַנען אין די פאָדערשטע ציילן פון דער אָפּאָזיציע האָבן וויניק וואָס געהאַט צו טאָן מיט דעם לעבן פון דעם יידישן פאָלק און האָבן טעאָרעטיש געלייקנט יעדן צובונד צו אים, האָבן זיי פּאָרט קיין מאָל ניט דורכגעלאָזן די געלעגנהייט, מיט פלאַם־פייער איינצושטעלן זיך פאַר זיינע רעכט. פון דער אַנדער זייט האָט אויך די צווייטע גרופּע, ווי פעסט זי זאָל זיך ניט האָבן איינגעשלאָסן אין דער ריינער קולטור־אַרבעט פאַר יידן, זייער גוט פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט צו דערוואַרטן פון די אַלערהעכסטע גענאָדן בנוגע צו דער יידישער פראַגע און איז ממילא פון איר זייט געווען אָנגעגרייט צו העלפן דער געזעלשאַפט אין דעם קאַמף אַנטקעגן דעם אַבסאָלוטיזם און אַנטקעגן די תּביעות פון דער אַריסטאָקראַטישער פּאַרטיי.

דער דריטער הויפּט־מאָמענט אין דער אונדז אינטערעסירנדיקער געשיכטע באַשטייט אין דער ראָלע פון דער ניט־יידישער געזעלשאַפט בנוגע צו יידן און יידישקייט.

מצד דער רעגירונג האָבן מיר געזען אַ באַשטימטע און קלאָרע שטרע־

בינדונג. עס זיינען געווען און אפשר אויך נאָך פאַראַן געוויסע פּאָליטישע רעאַקציאָנערן, וואָס שטייען, ווי דאָס האָט געטאָן קאַטקאָוו, פאַר דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. און נאָך עפּטערס קומען איצטער פאַר אין רוסלאַנד — און אויך ערגעץ אַנדערש — כשרע פּאָליטישע ראַדיקאַלן און אַפילו סאָציאַליסטן, וועמעס בלוט עס איז געוויס שטאַרק פאַרסמט מיט דעם ריינסטן אַנטיסעמיטיזם. (1914).

בונג — פֿאַרשפּאָרן אַלע וועגן, וואָס וואָלטן צוגעלאָזן דעם יידן צו דעם פּאָליטישן און דעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון דעם לאַנד. ביי דער יידישער אינטעליגענץ, פֿון אירע העכסטע שפּיצן ביז צו דעם פֿונדאַמענט, האָבן מיר באַמערקט אויך אַזאַ קלאָרע און באַשטימטע טענדענץ, אָבער אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג: דערגרייכן די פֿולסטע בירגערלעכע גלייכבאַ־רעכטיקונג. ליידער איז די ראָלע פֿון דער ניט־יידישער געזעלשאַפֿט אין דער ווירקלעכקייט ניט געשטאַנען אונטער דער שליטה פֿון אַקוראַט אַזעל־כע קלאָרע און פֿינקטלעכע גרונט־פּרינציפּן. מיר זאָגן אין דער ווירק־לעכקייט, ווייל די שטעלונג פֿון די פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטלעכע עלע־מענטן צו דער יידישער פֿראַגע איז טעאָרעטיש געווען בדרך כּלל אַ קלאָרע: די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן, זיינען מיט ווייניקע אויסנאַמען, געווען פּרינציפּיעל אַנטקעגן דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, ווי אַלע ליבעראַלע עלעמענטן זיינען געווען פֿאַר איר.

אָבער דאָס איז געווען נאָר אין פּרינציפּ. אין דער פּראַקטישער טע־טיקייט האָבן די ליבעראַלן ניט אַרויסגעוויזן אַזאַ איינהייטלעכע, איינשטי־מיקע און פּרינציפּ־טרייע שטעלונג צו יידן, ווי די רעאַקציאָנערן. אַ סך ליבעראַלן, צ״ב, האָבן גערעכנט, אַז עס איז נאָך פֿרי צו געבן יידן פֿולע גלייכבאַרעכטיקונג; אַז מען דאַרף זיי דורך קלוגע מיטלען ביסלעכווייז און בהדרגהדיק פּאַרטיק מאַכן דערצו.

אַזאַ פּרינציפּ־וויסטע שטעלונג צו דער יידן־פֿראַגע האָט אָבער דער־פֿאַר געפֿונען זיין קעגן־וואָג אין יענעם אומשטאַנד, וואָס כּמעט אַלע ענער־גישע פֿאַרשטייער פֿון גאָר די פֿאַרגעשריטנסטע שטרעמונגען פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן געדאַנק האָבן געפֿאָדערט גלייכבאַרעכטיקונג פֿאַר יידן אָן אַ שום פֿאַרשמעלערונג און אָן אַ שום באַדינג. דערמאָנט מען זיך אָן די נעמען פֿון מיראַבאָ און מאָנטעסקיע, גרעגואַר און ראָבעספּיער, לעסינג און מאַקאָליי, ווערט איינעם קלאָר צו וואָס פֿאַר אַן אָרט פֿאַרשטייער פֿון דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפֿט עס געהערט די, ביי וועמען די יידן האָבן געפֿונען אַזאַ ענערגישע שטיצע.

3

אין די צייטן, ווען די יידן האָבן נאָך ניט געהאַט קיין בירגערלעכע רעכט, פֿלעגט מען אַלע טונקעלע זייטן פֿון זייער לעבן און פֿיר, דער־קלערן דורך זייער אויסנאַם־לאַגע, ווי בירגער. די אויסנאַם־לאַגע איז גע־ווען געשטיצט, ווי מיר האָבן געזען, דער עיקר פֿון קאָנסערוואַטיווע אָדער רעאַקציאָנערע רעגירונגען און איז געווען אָפּגעשאַפֿט דורך דעם

בשותפותדיקן קאַמף אַנטקעגן דעם סיסטעם פון פּאָליטישע אָן־רעכטיקייט — אַ קאַמף, וואָס איז געפירט געוואָרן סיי פון די יידן, סיי פון זייערע קריסטלעכע מיטבירגער.

די בירגערלעכע עמאַנציפּאַציע פון די יידן האָט, אַ דאַנק דעם נצחון פון די פעלקער איבער זייערע חושך־ליבנדיקע רעגירונגען, אויפגעהערט צו זיין אַ האָפענונג און אַ דערוואַרטונג און איז געוואָרן אַ שטיק רעאַלעווירקלעכקייט. עס איז דעריבער נאַטירלעך, מען זאָל זיך אַ פרעג־טאָן: ווי אַזוי האָט אָט די גיגנסטיקע פאַרענטפערונג פון דער רעכטלעכער זייט פון דער יידישער פראַגע געווירקט אויף איר סאָציאַלער און קולטורעלער זייט?

אין דער לאַגע פון רעכט־באַרויבטע פּאַריערס, האָבן די יידן, צונויפ־געדריקטע אין געוויסע ראַיאָנען, אונטער דער שווערער משא פון ספּע־ציעלע אָפּצאָלונגען, געפירט בדרך כלל אַ האַלב־קבצנישן לעבן. האָט זיך, אַ דאַנק דער גלייכבאַרעכטיקונג, אויפגעהויבן דער וואוילשטאַנד פון די יידישע מאַסן?

מיט געוואַלט אָפּגעשניטן פון אַ סך אַרטן פּראָדוקטיווע אַרבעט, פלעגן די יידן צופאַלן, מיט דער ניט־אויסקלייבערישקייט פונעם הונגער, צו אַלערליי קוואַלן פון חיונה, ווי די דאָזיקע קוואַלן זאָלן ניט זיין צעפוילט און פאַרשמוצט... האָט די גלייכבאַרעכטיקונג געזונטער געמאַכט די קוואַלן גופא פון זייער מאַטעריעלער עקסיסטענץ?

ביז צו דער גלייכבאַרעכטיקונג זיינען די יידישע מאַסן פאַרגליווערט געווען אין עם־הארצות, אונטער דעם גייסטיקן רעזשים פון די רבנים און די צדיקים. האָט זיך די יידנשאַפט באַפרייט פון דעם דאָזיקן יאָך? איז אין דעם באַוואוסטזיין פון די מאַסן אַריין געטראָגן געוואָרן דער ליכטיקער שיין פון דעם אייראָפּעאישן וויסן? האָט יענעם וויסן אַנגעזעטיקט מיט זיך דעם פאָלקס־געדאַנק און דעם פאָלקס אידעאַלן?

אין די צייטן פון דער בירגערלעכער קנעכטשאַפט איז געווען שווער זיך פאָרצושטעלן אַ דערנידעריקטע לאַגע פון די יידן, ווי פון אַ פאָלק צווישן אַנדערע פעלקער. האָט זיך דעם יידישן פאָלק איינגעגעבן, נאָך דער גלייכבאַרעכטיקונג צו ערהאָבערן פאַר זיך אַ בכבודערן, חשובערן פלאַץ צווישן זיי?

ס׳איז גענוג אַ בליק צו טאָן אויף די מאַטעריעלע און די גייסטיקע לאַגע פון די יידן אין גאַליציע און בוקאָווינע, וואו זיי לעבן אין גע־דיכט צונויפגעפּרעסטע מאַסן און וואו די נייע זיילן, אויף וועלכע דאָס יידישע פאָלקס־לעבן האָט געדאַרפט אָנהייבן רוען, האָבן שוין געקאָנט

זיך קלאָר אַרויסוויזן, כדי אַט די אַלע פראַגן צו פאַרענטפערן אין זייער ניט קיין געהויבענעם זין פאַר יידן.

אַ מער אָדער ווייניקער ריכטיקן בילד פון דעם יידישן מאַטעריעלן לעבן אין גאַליציע און בוקאָווינע וואָלט איר אומזיסט זיך גענומען זוכן אין די בלעטער פון די דאָרטיקע יידישע צייטשריפטן. יענע צייטשריפטן האָבן בילכערע און העכערע אויפגאַבן דורכצופירן: זיי דאַרפן באַשרייבן די יובילייען פון די ראַבינערס, זינגען לויב־געזאַנגען צו די פילאַנטראָפּישע פּרויען־קאָמיטעטן, פּאָלעמיזירן מיט דעם אַנטיסעמיטיזם, דורכווערטלען זיך וועגן דער שפראַך, אין וועלכער עס דאַרף געהאַלטן ווערן די שבתדיקע פּרעדיקע. פאַר די דאָזיקע פאַרשטייער פון דער זאַטער בורזשואַזיע עקסיסטירט ניט דער יידישער דלות. דערפאַר טרעט דער דאָזיקער יידישער דלות נאָך בולטער אַרויס אין אַלע ערנסטע עקאָנאָמישע פאָרשונגען, וואָס באַשרייבן די לאַגע פון די עסטרייכישע מזרח־פּראָווינצן.

כדי צו געווינען זאָל זיין אַ וועלכע עס איז השגה וועגן דער גרויס פון יענעם יידישן דלות, וואָס שטייגט אָפט מאָל אַריבער אַלץ, וואָס מיר זיינען געוואוינט געוועזן צו הערן פון דעם געבענטשטן יידישן „תחום", וועלן מיר זיך ערלויבן צו ברענגען דאָ אַ קליינעם אויסשניט פון פּראָפ. פליאַטערס „סאָציאַלע שטודיען אין דער בוקאָווינע". עס ווערט דאָרטן גערעדט וועגן דער יידישער באַפעלקערונג פון טשערנאָוויץ, דער הויפּטשטאָט פון דעם לאַנד, וואָס ער באַשרייבט. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף יענעם לאַנד און יענער שטאָט, ווייל בוקאָווינע שמט פון דורות אָן פאַר „דאָס יידישע על דאַראַדאָ" און ווייל טשערנאָוויץ מיט אירע פופציק פּראָצענט יידישע באַפעלקערונג „קאָן מיט פולן רעכט אָנגערופן ווערן אַ יידישע שטאָט".

פּראָפ. פליאַטער מאַכט פריער אָן אַלגעמיינע באַמערקונג, אַז דאָס רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין טשערנאָוויץ איז זייער אָרעם און אַז די שטאָט טשערנאָוויץ באַשטייט צו דעם גרעסטן טייל אויס „צרהדיקע, שמוציקע, פאַרעיפושטע חורבות". דערנאָך גיט ער אונדז איבער יענע גאַסן־בילדלעך, וואָס ער האָט אַליין געזען מיט זיינע אויגן.

ער שרייבט:

„דער אידעאַל פון אַ שמוציקן, אָפּגעשליסענעם מענטשן, וואָס קאָן נאָר אויסגעמאָלט ווערן אין דער קוראַזשירטער פאַנטאַזיע פון אַ מערב־אייראָפּייער, ווערט דאָ אין דערווירקלעכקייט איבערגעשטיגן אויף יעדן שריט. דו זעסט דאָ פּליודערן, וואָס זיינען צונויפגעשטעלט פון צוואַנציק אָדער דרייסיק פאַרשיידענע שמאַטעס, אָבער וואָס באַשטייען פאַרט צו דעם גרעסטן טייל פון לעכער; זעסט סורדוטן, וואָס ביי זיי פעלן גאַנצע רוקנס,

און וועמעס באַלעבאַטים טראָגןליידער ניט — ניט קיין זשילעט, ניט קיין העמד. איך האָב געזען גאַנץ הוילע מיידעלעך פון פיר ביז זעקס יאָר, וואָס האָבן געשפּילט מיט האַלב־נאַקעטע יינגעלעך אין דעם גאַסן־שטויב פון דער הויפּט־שטאָט. אָבער דער עיקר זעסטו גאַנצע מחנות פון כאַלאַטן, וואָס קאָנען בלויז דורך זייער אויסזען אָוועקנעמען דעם אַפּעטיט בעסער, איידער די רייכסטע סעודה״.*

דאָס איז אַ גאַסן־בילדל. אָבער וואָס פאַר אַ בילד פון שמוץ און עלנט וואָלט ער אויסגעמאָלט, ווען ער וואָלט אַריינגעבליקט אינעווייניק אין די „צרהדיקע, שמוציקע, פאַרעיפּושדיקע חורבות״, איז ניט שווער אַליין צו טרעפן...

איך ווייס ניט — עס קאָן זיין, אַז טשערנאָוויץ, וואָס האָט פאַר די לעצטע צייט זיך אַזוי שיין צוגעקליבן און אויסגעפּוצט, האָט שוין פאַרזאָרגט, אַז אַזעלכע „פריילעכע פּייזאַזשעלעך״ זאָלן ניט צו שטאַרק באַליידיקן דעם מערב־אייראָפּעערס איידעלן בליק. אָבער האָט זיך איר איינגעגעבן אין גאַנצן צו פאַרטרייבן דעם יידישן דלות? — אין דעם האָבן מיר אַ רעכט צו בלייבן אין ספק, ווייל ניט נאָר פון טשערנאָוויץ, נאָר אויך כמעט פון אַלע שטעט אין גאַליציע און אַפילו פון פּרייסיש־פּוילן (ווי צ״ב פון פּויזן) דערגייען צו אונדז דאַטן, וואָס רעדן צו עלאָקווענט וועגן דעם עלנט און דעם דלות פֿון די יידישע מאַסן.**

און אין איין שורה מיט דעם דאָזיקן עלנט — הילכיק־קלינגענדע יידישע האַנדלס־ און באַנק־פירמעס, רייכע יידישע גוט־באַזיצער, וואָס הייבן אָן אַרויסצושטופּן דעם מאַגנאַט פון זיינע איינגעזעסענע, פון די אור־עלטערן געאַרבטע הויפן...

דער יידישער הויף־באַזיצער — אָט דאָס איז „דאָס נייע וואָרט״, וואָס די יידנשאַפט האָט נאָך דער גלייכבאַרעכטיקונג געזאָגט אין דעם פּרט פון מאַטעריעלן ערפאָלג. אָבער, אַ דאַנק וועלכע מיטלען דער ייד ווערט אָפּט מאָל אַ הויף־באַזיצער, דאָס וועלן מיר באַלד זען, ווען מיר וועלן איבערגיין צו דער צווייטער פון די אויפגעשטעלטע פראַגן — צו

* פּראָפּ׳ פּליאַטער — סאָציאַלע שטודיען אין דער בוקאָווינע, 1878, העפט 39.

** פֿאַר דער צייט איז שוין אַ מעשה פֿון איבער 35 יאָר זינט פּליאַטערס
*פֿאַר דער צייט — עס איז שוין אַ מעשה פֿון איבער 35 יאָר זינט פּליאַטטערס „שטודיען״ זיינען דערשינען — האָט זיך די יידישע לאַגע אין בוקאָווינע געוויס שטאַרק פֿאַרבעסערט. דערפֿאַר איז זי לפּי ערך ערגער געוואָרן אין גאַליציע. (1913).

דער פראַגע וועגן די יידישע באַשעפטיקונגען און די קוואַלן פון זייער עקאָנאָמישער עקסיסטענץ.

שוין דער פאַקט פון דעם יידישן דלות אַליין דערציילט גענוג קלאָר, ווי ווייניק נייע קוואַלן די גלייכבאַרעכטיקונג האָט אַנטפּלעקט פאַר די יידישע מאַסן. און באמת! בנוגע צו די מאַסן, איז אַלץ אין דעם פּרט געבליבן ווי געווען. דער קליינער און מיטעלער הענדלער, דער קרעמער, מעקלער, פאַקטאָר, שענקער; דער בעל־מלאָכה, וואָס שלאָגט זיך דורך דאָס רוב פון „פּאַרריכטן"; דער משרת, לערער, שוחט, מלמד און דער איבעריקער „גייסטיקער פּראָלעטאַריאַט"; און אַ גאַנצע מאַסע פון מענטשן — „לופט־מענטשן" — וואָס ווייסן ניט אין דער פרי מיט וואָס זיי וועלן שטילן דעם הונגער פון זייער צאָל־רייכער הויז־געזינט פאַר נאַכט — אָט דאָס איז דער גרונט־פּאָן, פון דער יידישער עקאָנאָמישער טעטיקייט פאַר דעם אונגעהויערן רוב פון דער באַפעלקערונג.

און די „אייבערשטע צען טויזנט"? מיט וואָס באַשעפטיקן זיי זיך?

מיט מסחר אַן־גראָ, מיט די אַזוי אָנגערופענע ליבעראַלע פּראָפעסיעס און... מיט געבן געלט אויף פּראָצענט!...

גאַליציע און בוקאָווינע זיינען כמעט דורכויס אַגראַרישע לענדער. זייער הויפּט פּראָדוקטיוו־קראַפט איז דער פּויער און דער הויפּט־עקספּלואַטאַטאָר פון יענער קראַפט איז דער „פּאַן" — דער גוט־באַזיצער. די אַגראַרישע קולטור פון דעם לאַנד איז כמעט אַ ריין פּרימיטיווע, דער פּויערשער דלות כמעט אַן אומגלייבלעכער, און דער לייכטזין, דער „אַן־דאַגות" און די דאַרף־ווירטשאַפטלעכע אָפּגעלאָזנקייט פון די גוט־באַזיצער זיינען ריין פּויליש־פּריצישע. דאָס ברייטע צעהוליעטע לעבן פון די מאַגנאַטן מחמת צעלאָזנקייט און לייכטזין, די שווערע, ביטערע שיכּרות פון די פּויערים מחמת אָרעמקייט און פינצטערקייט האָבן באַשאַפן יענעם פוילן זומפּ פון עקאָנאָמישן לעבן, אין וועלכן די יידן האָבן געפונען איינעם פון די הויפּט־קוואַלן פון זייער עקאָנאָמישער עקסיסטענץ — דעם וואָכער.

קיינער וועט איצטער ניט אָפּלייקענען די טענדענץ, וואָס האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן אין די אַגראַר־פאַרהעלטענישן פון מזרח־עסטרייך — די טענדענץ, וואָס פּירט דערצו, אַז סיי די פּריצישע הויפן, סיי די פּויערשע נחלאות גייען איבער אין יידישע הענט און אַז די הייב־שטאַנג, מיט וועלכן דאָס אַגראַר אייגנטום ווערט איבערגערוקט אין יידישן באַזיץ, זיינען כמעט אַלע מאָל די חובות פון די ערד־אייגנטימער, ביי די יידישע וואָכערער און ביי די יידישע באַנקען.

אַזאַ איבערגאַנג פון אַגראַר־אייגנטום אין די הענט פון אַ מער אינ־טעליגענטן, מער אויסגערעכנטן באַלעבאָס, און דאָס איז דער יידישער, וואָלט מען פון דעם אַגראַר־ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט אפשר געקאָנט אָנרופן אַ גרויסע טובה פאַרן לאַנד. די צרה איז נאָר וואָס דאָס רוב יידישע ערד־באַזיצער טראָגן אַריין אויך אין דער ספערע פון דעם אַגראַר־לעבן די הענדלערישע פּרינציפּן פון מקח וממכר און פאַרוואַנדלען די הויפן און די פויערשע נחלאות אין אַן אָביעקט פאַר געלט־שפּעקולאַציעס.

באַטראַכט מען אָבער דעם פּראָצעס פון דעם סאָציאַלן שטאַנדפּונקט, איז דאָס שוין גאָר ניט אַזאַ חסד פאַרן לאַנד וואָס עס האָט זיך באַוויזן דער קלוגער, געזעצטער, און אַפילו דער מוסטערהאַפטער יידישער הויף־באַזי־צער, ווייל דער פרייער פויער פון אַ מאָל, דער זעלבסטשטענדיקער באַ־לעבאָס פון זיין פעלד, ווערט דערביי פאַקטיש אַ פאַרקויפטער ביי זיין נייעם יידישן „פּריץ״.

וואו איז אָבער דער יידישער פעלד־אַקערער, וואָס וועגן זיין קומען האָבן נביאות געזאָגט אַלע פאַרטיידיקער פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע? דער פעלד־אַקערער איז גראָד ניט געקומען!

„דער ייד״, שרייבט, דער שוין אויבן ציטירטער פּראָפעסאָר פליאַטער, „וועט אין אייראָפּע קיין מאָל ניט אָדער נאָך אַ לאַנגע צייט ניט ווערן קיין עכטער פויער. צו דער ריין פיזישער אַרבעט פילט ער אַן עקל, ווייל זיין רירעוודיקע נאַטור פאָדערט שטענדיקע גייסטיקע באַשעפטיקונג און אויך מחמת דעם, וואָס פון ריינער מוסקול־אַרבעט, וועלכע ברענגט אַריין אַזוי ווייניק ריווח, וועט ער קיין מאָל ניט רייך ווערן, און אויסצוקוקן אויף עשירות האַלט ער אָבער — מען ווייס ניט פאַר וואָס — פאַר זיין טראַדיציאָנעלן רעכט. די פיזישע אַרבעט לאָזט ער איבער, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך, פאַר די, וואָס שטייען לויט דער קראַפט פון זייער אינטעלעקט נידעריקער פאַר אים. און דעריבער זעען מיר אין גאַליציע, אַז דער ייד, וואָס האָט נאָר וואָס אָפּגענומען ביי דעם פויער זיין נחלה, דינגט אים פאַר אַ באַטראַק, צו באַאַרבעטן זיין אייגענעם געוועזענעם אייגנטום... אין גאַליציע געפינען זיך איינצלנע, זייער ווייניקע יידישע פויערים־געזינטן, וואָס באַאַרבעטן אַליין זייערע פעלדער; אין בוקאָווינע איז אויך דאָס ניטאָ״.*

עס איז ביי אונדז אַ גרויסער ספק, צי מען מעג די כאַראַקטעריסטיק פון דעם יידישן וואָכערער אַריבערטראָגן אויף דאָס גאַנצע יידישע פאָלק

* ד. ג. ז. 46.

פֿון גאַליציע און בוקאָווינע, ווי דאָס טוט דער ציטירטער מחבר. עס איז אונדז שווער זיך פֿאָרצושטעלן, אַז אַט דער „אידעאַל פֿון אַן אָפּגעשליסענעם מענטשן" זאָל זיך באמת באַטראַכטן פֿאַר אַ קאַנדידאַט אויף אַן עושר. כּדי צו דערקלערן דאָס אויספֿעלן פֿון דעם יידישן אַקערער אין עסטרייך, דאַרף מען גאַרניט אָנקומען צו דער היפּאָטעזע: „עקל צו מוסקול־אַרבעט" — אַ היפּאָטעזע, וואָס איז שוין אַזוי שטאַרק דיסקרעדיטירט געוואָרן דורך צאָלרייכע פֿאַקטן אין דעם לעבן פֿון אונדזער „תחום" און דורך ווייניקע אײַנאָמען אין גאַליציע גופֿא. דער ענין לאָזט זיך פֿאַרשטיין אַ סך פּשוטער — דורך די אָרעמקייט און דעם שאַבלאָן אין דעם לעבן פֿון די יידישע מאַסן.

דורכפֿירן אַזאַ ראַדיקאַלע איבעראַנדערשונג פֿון דעם לעבנס־פֿיר, ווי דער איבערגאַנג פֿון לופֿט־באַשעפֿטיקונגען צו אַן אַגראַרישן צושטאַנד — דערצו דאַרף מען האָבן געלט און אַן אָנפֿיר, אַן איניציאַטיווע. אָבער וואו האָבן די אייראָפּעאישע יידן געזאָלט נעמעןביידע זאַכן, אַז די בעסטע קינדער פֿון דער יידנשאַפֿט, וואָס וואָלטן דורך זייער גייסטיקער מאַכט און דעם פֿינאַנציעלן זשעני זייערן געקאָנט אַרויסהעלפֿן אין נויט, האָבן זיך איינגערעדט דעם שעדלעכן און פֿאַלשן געדאַנק, אַז מיט דער דערגרייכונג פֿון גלייכבאַרעכטיקונג האָבן זיך אַלע זייערע התחייבותן צו דעם אייגענעם פֿאָלק לגמרי געענדיקט? אַז, אַנשטאָט צו טראַכטן וועגן דער לאַגע פֿון זייער אומגליקלעכער אומה, האָבן זיי זיך גאָר אַ לאָז געטאָן אין געיעג צו פֿאַרנעמען די בעסטע פּלעצער אין די פֿרייע פּראָפֿעסיעס, ווי דאָקטוירים, אינזשענירן, ליטעראַטן, פּובליציסטן, וועמעס לאַרבער־קרוינען עס לאָזן ניט רואיק שלאָפֿן די פֿאַרטרעטער פֿון אונדזער רוסיש־יידישער זשורנאַליסטיק?

די האָפֿענונג אויף אַ ראַדיקאַלן עקאָנאָמישן איבערגאַנג אין דעם לעבן פֿון דעם יידישן פֿאָלק איז געבליבן אַ חלום, אַ דאַנק דער פּליטה פֿון דער יידישער אינטעליגענץ. די זעלביקע פּליטה האָט זיך זייער שעדלעך אָפּגערופֿן אויך אויף די צוויי אַנדערע זייטן פֿון דעם פֿאָלקס־לעבן, וועלכע מיר האָבן נאָך צו באַטראַכטן.

דער פֿאַרנעם פֿון מײַן הײַנטיקער בראַשור לאָזט מיך לײַדער ניט אָפּשטעלן זיך — זאָל זײַן אין די אַלגעמיינע שטריכן — אויף דער קולטורעלער און דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע פֿון דער מערב־אייראָפּעאישער יידנשאַפֿט, אַזוי ווי די פֿראַגן פֿאָדערן עס.

וועגן דעם יידישן קולטור־מעמד וועל איך זיך דעריבער באַנוגענען מיט יענעם גוט־באַקאַנטן פֿאַקט, אַז די ציוויליזאַציע פֿון די מאַסן אין גאַליציע, בוקאָווינע און פּרייסיש־פּוילן, שטייט נאָך אויף אַ נידעריקערן

ניוואָ, איידער אין רוסלאַנד. די מאַכט פון די רבנים און די צדיקים ווילדעוועט דאָרטן נאָך אַ סך ערגער, איידער ביי אונדז, וואו זי איז אין דאָס רוב ערטער פון דעם „תחום״ כמעט אין גאַנצן אַנטשטילט געוואָרן. דער תהום צווישן די דאָרטיקע אויפגעקלערטע און די צוריקגעבליבענע עלעמענטן איז נאָך אַ טיפערער איידער ביי אונדז אין רוסלאַנד. און דער עיקר: געשען איז דאָס ניט למרות דער גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר דווקא אַ דאַנק דער גלייכבאַרעכטיקונג. לכל־הפחות, אַ דאַנק יענער באַהאַנדלונג פון דער יידישער פראַגע, וואָס האָט אין איר קיין זאַך ניט געוואָלט זען, אַ חוץ איר רעכטלעכער זייט.

ביי אונדז אין רוסלאַנד, וואו די יידישע אינטעליגענץ איז, אַ דאַנק דעם דרוק פון דער רעכטלאָזיקייט, נאָך צונויפגעבונדן מיט דעם יידישן פאָלק, איז דאָס אַנטלויפן פון די בעסערע מענטשן ניט פאָרגעקומען אין אַזאַ פולער מאָס און אויף אַזאַ ראַדיקאַלן אופן, ווי דאָס איז געשען אין מערב, און די ציוויליזירנדע מאַכט פון דער יידישער אינטעליגענץ האָט זיך געמוזט אָפּרופן צום גוטן אויף דעם קולטורעלן צושטאַנד פון די מאַסן.

אַחוץ דעם האָט אין רוסלאַנד אויך די יידישע מאַסע אַליין געמוזט פריינטלעכער באַגעגענען די יידישע אינטעליגענץ און איר פּראָפּאַגאַנדע פון דער אייראָפּעאישער אויפקלערונג, ווייל זי איז דערצו אויפגעמונטערט געוואָרן דורך די דערלייכטערונגען און די רעכטן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דעם בילדונגס־צענז. אין מערב אָבער, וואו יענער מעכטיקער סטימול האָט געפעלט, האָבן די קנאים פון דער חושכקייט פון ערגעץ ניט געפונען קיין ראַדיקאַלן צוריקשטויס און האָבן דעריבער געקאָנט נאָך פריער צונויפזאַמלען זייערע קרעפטן און פעסט איינפונדעווען זייער מאַכט.

דלות און עם־הארצות; אומבאַשטימטע אָדער ווייניק־סימפּאַטישע באַשעפטיקונגען; דאָס אַנטלויפן פון די בעסטע מענטשן און דער תהום, וואָס איז אויסגעגראָבן געוואָרן צווישן דעם פאָלק און זיין אינטעליגענץ — אָט דאָס איז, הייסט עס, יענער שיקזאַל־שווערער שטערן־בונד, וואָס הערשט איבער דעם האָריזאָנט פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן אין אייראָפּע. איז דען אַ חידוש, וואָס די יידן האָבן, אונטער די שליטה פון יענע פאַקטאָרן, ניט געקאָנט, ווי אַ פאָלק, דערגרייכן יענעם מעמד צווישן די איבעריקע פעלקער, וועלכן זיי פאַרדינען בלי ספק?

דער דלות און די עם־הארצות פון די מאַסן האָט זיי געמאַכט אומעמפינדלעך צו זייער נאַציאָנאַלער דערנידעריקונג, האָט טעמפּ געמאַכט

דעם ערך־געפּיל און דעם געפּיל פון דער אייגענער פאָלקס־ווערדע. דער פּאַרעלטערטער פאַנאַטיזם טראָגט אַריבער אַלע נאַציאָנאַלע האָפענונגען אין אַ געביט פון אַן איבערנאַטירלעכער צוקונפט, וואָס קאָן קיין מאָל ניט מקוים ווערן. די באַשעפטיקונג מיט וואָכער און די עקספּלואַטאַציע פון די פּויערים האָבן אַרויסגערופן אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכע שנאה צו די אונטעריאָכטע ייִדן, וואָס האָט פאַר דער קריסטלעכער גייסטלעכקייט און פאַר די רעאַקציאָנערע עלעמענטן באַשאַפן די מעגלעכקייט, פונאַנדער־צעבלאָזן די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אַנטיפּאַטיעס — אַנגעקליבן אין אַ משך פון יאָרהונדערטן — אין אַ פלאַם פון אַ ניט איינצושטילנדיקער שנאה צו דעם ייִדישן פאָלק בכלל — אַ שנאה, וואָס פלאַקערט אָפט מאָל אויף אין פּאָגראָמען ניט ערגער, איידער ביי אונדז אין רוסלאַנד.

און פון וואַנען זאָל דער דאָרפישער אַקערער וויסן, אַז די גאַנצע מאַסע פון דעם ייִדישן פאָלק, וואָס האָט זיך דערוויטערט פון דעם אַג־ראַרישן, פאַר דער גאַנצער וועלט אָפן־ליגנדיקן, אַרבעטאַרישן לעבן, און האָט זיך פאַרשפאַרט אין די שטעט, איז ניט קיין באַנדע מיט זיינע אומ־מיטלבאַרע פאַרשקלאָפער; און אַז בעת ער גיסט אויף איר, אין דער מינוט פון דעם אויפפלאַקערן, דעם לאַנג באַהאַלטענעם כעס, רעכנט ער זיך אָפּ מיט אַקוראַט אַזאַן אָרעמאַן, אַקוראַט אַזאַן אומגליקלעכן, ווי ער אַליין!

אַנטקעגן די רכילות און זלזולים פון די אַנטיסעמיטן האָט דאָס ייִדי־שע פאָלק געזאָלט אַרויסשטעלן דעם איינציק פאַרשטענדיקן, דעם איינ־ציק איבערציינגנדיקן אַרגומענט: דעם אַגראַרישן, אַרבעטאַרישן לעבן פון די מאַסן, וואָס אין זיין שיין וואָלטן פאַרטונקלט ווערן די קערנדלעך אמת, וועלכע ליגן אין דעם יסוד פון דעם מערב־אייראָפּעאישן אַנטיסעמיטיזם; דעם געזונטן אַרבעטאַרישן לעבן פון די מאַסן, וועמעס שטאַרקע מוסקולן וואָלטן געקאָנט האַלטן די פיינט פון דעם פאָלק אויף אַ בכבודן מהלך.

אָבער אַנשטאָט אַנצואווענדן אַלע כוחות, כדי געזונט צו מאַכן דעם פאָלקס לעבן, האָבן די אינטעליגענטע ייִדן פון אַ העכערן קאַליבער אי־בערגעלאָזן פאַר די צרהדיקע מיטלמעסיקייטן, די קאַמערדינערס פון דער ייִדישער בורזשואַזיע, זיי זאָלן פירן די ליטעראַרישע פּאָלעמיק אַנטקעגן די יודאָפאָבן, צום טויזנט און איינטן מאָל איבערקייען די אַרגומענטן, וואָס זיינען אַ סך בעסער פונאַנדערגערעדט געוואָרן, ביי דאָמען, בערנען, דעליטשן און די אַנדערע פאַרטיידיקער פון דעם ייִדישן פאָלק.

אַנשטאָט צו באַשאַפן פאַרן פאָלק די מעגלעכקייט, אויפצובויען זיין לעבן אויף די פרוכטבאַרע יסודות פון ערד־אַרבעט און צוצופירן אים

צו דער אייראָפּעאישער קולטור, האָבן די בעסטע מענטשן פון דעם יידישן פאָלק פונאַנדערגעריסן זייערע פאַרבינדונגען מיט דער אייגענער אומה און האָבן גענומען לויפן אין איילעניש צו די דייטשן און צו די מאַדיאַרן, צו די פוילן און צו די רוטענער — וואו וועמען עס האָט זיך געמאַכט.

סוף־כל־סוף איז אויסגעוואַקסן יענע אין העכסטן גראַד אַנאָרמאַלע — לאָמיר זאָגן נאָך מער — יענע עקלהאַפטע ערשיינונג, אַז אַ ייד, וואָס האָט זיך — ווער ווייס פאַר וואָס — אַריינגעשלאָגן אין קאָפּ, אַז ער איז אַ פויל, קעמפט אין דעם נאָמען פון דעם נאַציאָנאַלן פּרינציפּ מיט זיינעם אָן אייגענעם ברודער, וואָס חלומט — ווער ווייס פאַר וואָס — אַז ער איז אַ רוטען. אַ פּסעוודאָ־טשעך פון יידישער געבורט קעמפט אַנט־קעגן זיין אייגענעם שטאַם־גענאָסע, וואָס איז אַ פּסעוודאָ־דייטש און דער פּסעוודאָ־אונגאַר האַלט אין איינעם מיט די ריין־בלוטיקע מאַדיאַרן פאַר זיין חוב צו אונטערדריקן די שוואַכערע סלאַווישע נאַציאָנאַליטעטן.

און קיינעם פון זיי קומט ניט אַרויף אויפן זינען, אַז זיי זיינען פלייש פון דעם פלייש און ביין פון דעם ביין פון דעם יידישן פאָלק; אַז אָט דאָס פאָלק, איבערגעלאָזן אויף דעם מוטווילן פון די רבנים און צדיקים, אויסגעאַרטעט אין די שווערע באַדינגונגען פון אַ ריין שטאָטישן לעבן, נייטיקט זיך אָ סך מער אין אינטעליגענטע, איבערגעגעבענע קרעפטן, איידער די פעלקער, צו וועלכע זיי זיינען צוגעשטאַנען.

מען דאַרף דעריבער ניט אַרויסלאָזן פון אויג אויך יענעם צושטאַנד, אַז דאָס אַלץ קומט פאָר אין עסטרייך־אונגאַרן, ד״ה, אין אַ לאַנד, וואָס באַשטייט, ווי רוסלאַנד, פון אַ סך נאַציאָנאַליטעטן, און וועמעס שטאַט־לעכער לעבן מוז רוען אויף די יסודות פון דער פולקאָמענסטער גלייכ־באַרעכטיקונג פאַר אַלע שפּראַכן און פעלקער.

אָבער ביז די פּרינציפּן פון דער פולקאָמענסטער נאַציאָנאַלער גלייכ־באַרעכטיקונג, וואָס זיינען שוין אין אַ וויכטיקער מאָס דורכגעפירט גע־וואָרן, צ״ב אין שווייצאַריע און אין בעלגיע, וועלן ניט אָוועקגעלייגט ווערן אין דעם יסוד פון דעם עסטרייכישן שטאַטס־לעבן, וועט דער לעצטערער פאַרשטעלן מיט זיך אַ קאַמף־פּלאַץ פאַר פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס קעמפן ניט אין דעם נאָמען פון קלוגשאַפענער גערעכטיקייט, נאָר אין דעם נאָמען פון היסטאָרישע רעכט אויף איבערהערשאַפט.

די יידן באַווייזן דעריבער אַ העכסט טראַגי־קאָמישן ספּעקטאַקל, ווען אויך זיי וואַרפן זיך אַריין אין דעם אַלגעמיינעם קודל־מודל, שטעלן זיך

איין פאַר איין צד אָדער דעם אַנדערן, און פאַרטיידיקן אַ פאַרעלטערטן פרינציפּ, אויף וועלכן זייער פאָלק קאָן זיך ניט שטיצן.

נאָך טראַגי־קאָמישער ווערט די לאַגע, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז בעת די וויניקע הייפעלעך פון דער יידישער אינטעליגענץ שלאָגן זיך מיט אַלע כּוחות, ווער זאָל אַ פריער מאַכן אַלעמען גלייבן, אַז אין עסטרייך איז ניטאָ קיין יידיש פאָלק, ווי אַ פאָלק, האָט עס די פאַרטרעטער פון די עסטרייכישע פעלקער שוין דערעסן צו קוקן אויף יידן ווי אויף אַן אייביקן פראַגע־צייכן, און זיי האָבן, דורך איינע פון זייערע פאַרלאַמענטאַרישע קאָמיסיעס דערקלערט, אַז „די יידן זיינען אַקוראַט אַזאַ פולבאַרעכטיקטע עסטרייכישע נאַציאָנאַליטעט, ווי די דייטשע אָדער ווי אַ וועלכע עס איז סלאַווישע”...

יאָ, דער מעדאַל פון דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג האָט זייער און זייער ניט קיין חנעוודיקע קער־זייט. און אויב מיר ווען זיך ניט אָפּזאָגן פון דעם זעלביקן ענגן מערב־אייראָפּעאישן שאַבלאָן אין דער באַהאַנדלונג פון דער פראַגע, איז ניטאָ קיין ברעקל גרונט צו האָפן, אַז אונדז וועט זיך איינגעבן צו פאַרמיידן יענע טרויעריקע רעזולטאַטן, צו וועלכע עס איז דערגאַנגען די געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק אין מערב־אייראָפּע.

4

לאָמיר אָבער איבערגיין צו רוסלאַנד. לאָמיר אויך דאָ זען צו פאַרענטפערן, דער עיקר, אָט וועלכע פראַגן:

ווי האָט זיך געשטעלט צו אונדז און ווי שטייט צו אונדז די רוסישע רעגירונג? וואָס פאַר אַ לאַגע בנוגע צו אונדז פאַרנעמען די בעסערע עלעמענטן פון דער רוסישער געזעלשאַפט?

אין וואָס באַשטייען די אידעאַלן און שטרעבונגען פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס פאַר אַ צוקונפט בויט זי פאַר אונדז און ווי האָפט זי צו דערגרייכן יענע צוקונפט?

איך האָף אַז דער אַנאַליז פון אָט די אַלע ענינים, וועט אונדז באַווייזן, וועלכע וועגן עס קאָנען פירן צו אונדזער רעטונג און וואָס מיר אַליין דאַרפן טאָן, כּדי צו ווערן די באַלעבאָטים פון יענע וועגן.

קודם כּל לאָמיר באַמערקן, אַז די רוסישע רעגירונג איז, אַקוראַט ווי אין מערב־אייראָפּע, ניט אַראָפּ בנוגע צו אונדז פון יענעם דרך, וואָס איז פאָרויס באַשטימט דורך דער נאַטור גופא פון דעם אַבסאָלוטיזם.

שוין די גייסטיק צערודערטע יעליסאַוועטאַ פּעטראָוונאַ ז״ל האָט אויף אַלע פאַרלאַגן, וואָס מען האָט איר געמאַכט וועגן דער ניצלעכער ראָלע, וועלכע יידן קאָנען שפּילן אין דעם האַנדל און דער אינדוסטריע פון דעם

לאַנד, געהאַט אין איינציקן ענטפער: „פון קריסטוסעס פיינט וויל איך ניט האָבן קיין אינטערעסירטן ריווח״. פון יעקאַטערינאַ דער צווייטערס צייטן אָן הייבט זיך אָן אַ משונהדיקער סירוגין פון ליבעראַלע און רעאַקציאָנערע פעריאָדן אין דער רוסישער געשיכטע, און די יידישע פראַגע מאַכט די גאַנצע צייט דורך די זעלביקע שפרונגען, וואָס אַלע אַנדערע וואַרצלהאַפטע פראַגן אין דעם לעבן פון דעם לאַנד: די ליבעראַלע עפּאָכן פלעגן געבן האָפענונגען, די רעאַקציאָנערע פלעגן ברענגען אַנטוישונגען.

אויף וויפל די שנאה צו דעם יידן איז געלעגן אין דעם בלוט פון די רוסישע הערשער, קאָן מען זען, צ״ב, פון דעם פאַקט, אַז אַלעקסאַנדער דעם צווייטן איז הפנים אַ סך לייכטער געווען אָפּצושאַפן די לייבאייגנשאַפט, איינצופירן זעלבסט־פאַרוואַלטונגען און אַנדערע ליבעראַלע רעפאָרמען, איידער צו לאָזן, אַז יידן זאָלן זיין לערער אין די גימנאַזיעס, זיי זאָלן אָנטאָן אָפיצירישע עפּאָלעטן אָדער קויפן אַ שטיקל ערד, כּדי צו באַאַרבעטן עס מיט די אייגענע הענט.

די ווילדע אַכזריות פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן, מיט וועלכער ער איז אַרויפגעפאַלן אויף צענדליקער טויזנטער יידישע בירגער, וואָס וואוינען חוץ לתחום, קאָן פאַרגליכן ווערן נאָר מיט יענער ווילדער אַכזריות, מיט וועלכער ער דערשטיקט אַלע אויפבליצן פון דעם פרייען געדאַנק און דער זעלבסטשטענדיקער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אַלעקסאַנדער דעם דריטנס רעגירן איז אַ לאַנגע, לאַנגע באַרטאָלאָמעאוס־נאַכט פאַר אַלץ, וואָס גלייבט נאָך אין שכל און יושר, און קיין זאַך פאַסט ניט אַזוי צו יענער נאַכט, ווי די פייערן פון די אינקוויזיציאָנס־פלאַקערס.

דער רוסישער אַבסאָלוטיזם האָט, ווי מיר זעען, נאָך אין אַ גרעסערער מאָס איידער דער מערב־איראָפּעאישער, גערעכטפערטיקט אונדזער בליק אויף דעם צונויפבונד פון פּאָליטישע רעאַקציע און רדיפות אויף יידן. דערפאַר אָבער האָט די ראָלע וואָס דער בעסערער טייל פון דער רוסישער אינטעליגענץ האָט געשפּילט בנוגע צו אונדז, ניט גאָר געשטימט מיט דעם, וואָס מיר האָבן געזען אין מערב־איראָפּע; אויך די שטעלונג פון דער יידישער אינטעליגענץ צו אונדזער פראַגע אין רוסלאַנד ווייכט זייער שטאַרק אָפּ פון יענע יסודות, וואָס האָבן געהערשט אין איראָפּע, אין דער צייט פון דעם עמאַנציפּאַציע־קאַמף.

געוויס, דער בעסטער טייל פון דער רוסישער אינטעליגענץ האָט אַזוי גוט, ווי די מערב־איראָפּעאישע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט, אַלע מאָל אָנערקענט, אַז די געזעצלעכע באַגרענעצונגען פאַר יידן זיינען אומגערעכט

און פּרוכטלאָז. אָבער אין מערב־אייראָפּע האָבן מיר די אומטרייקייט צום פּרינציפּ געפונען נאָר ביי יענע ליבעראַלן, וואָס האָבן אויך אויף אַלע אַנדערע פראַגן געזוכט דורכצופירן זייער פּרינציפּ אויף דעם וועג פון קאָמפּראָמיסן און „נאָר ניט געשפּרונגען צו האַסטיק". אַ פּונקט פאַרקערטע דערשיינונג באַמערקן מיר אין רוסלאַנד: דווקא אונדזערע געמעסיקטע ליבעראַלע עלעמענטן זיינען אַרויסגעטרעטן ענערגיש און אָן שום באַדינגונגען פאַר דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. היטנדיק, ווי זינד־ריינע וועסטאַלינען דעם הייליקן פייער פון די מערב־אייראָפּעאישע טראַדיציעס, האָבן זיי אויך פאַר דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אָנגעצונדן אַ „נר־תמיד", בעת אונדזערע ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע עלעמענטן האָבן וויניקער פאַר אַלץ געטאָן וואָס עס איז פאַר אונדזער פאָלק.

און ווען אונדזערע ראַדיקאַלן פלעגט אויסקומען אונטער דעם דרוק פון אומשטענדן, ווי צ"ב אין די פּאָגראָם־יאָרן 71 און 81, צו פאַרנעמען די אָדער יענע פּאָזיציע אין דער יידישער פראַגע, פלעגן זיי דאָס טאָן מיט אַזאַ קלאָרן ווידערווילן, און די אָנערקענונג פון גלייכע רעכט פלעגן זיי דורכזייען דורך די ציינער מיט אַזאַ אומלוסט, אַז פאַר יעדן פלעגט ווערן קלאָר ווי דער טאָג: דאָס רעדט זיך נאָר „פון איין זייט", אָבער נאָך אַ גאַנצער „פון דער אַנדער זייט" בלייבט ליגן הינטער די פעסט צונויפגעשלאָסענע ליפּן.

פון דערפון איז, פאַרשטייט זיך, נאָך ניט געדרונגען, אַז זיי זיינען אונדזערע פיינט און אַז אַזאַ שטעלונג צו אונדז ווערט דיקטירט דורך וועלכע עס איז רעאַקציאָנערע מאָטיוון אָדער דורך אַ וועלכער עס איז אומבאַוואוסטער אינסטינקטיווער אַנטיפּאַטיע צו אונדז.

די מעשה איז אַזאַ.

אין די פּראָגרעסיווע שטרעמונגען פון דער צווייטער העלפט פון אונדזער יאָרהונדערט האָט דעם אָרט פון ליבעראַליזם, דעם הויפּט־פאַרבינדעטן פון די יידן אין אייראָפּע, פאַרנומען דער סאָציאַליזם. די אידעאַלן פון פּאָליטישער פרייהייט זיינען אָפּגעשטופּט געוואָרן אויף דעם צווייטן פּלאַן, בעת דעם ערשטן פּלאַן האָבן פאַרנומען די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן און די אידעאַלן פון דעם סאָציאַליזם. אָבער אין דעם שיין פון דעם סאָציאַליזם האָבן די אידעאַלן פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע געמוזט אין גאַנצן פאַרוועלקן און פאַרטונקלט ווערן.

עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז די גלייכבאַרעכטיקונג אין אייראָפּע האָט נאָר געהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער בורזשואַזיע, דעם פאַרעקשנטן, אומפאַרשעמטן קעגנער פונעם פּראָלעטאַריער.

אייניקע יידישע פּאַרטיידיקער אין רוסלאַנד באַהאַלטן ווידער פון קיינעם ניט דעם פאַקט, אַז זיי זעען, אַזוי צו זאָגן, דעם גאַנצן זין פון דער יידישער עקסיסטענץ אין רוסלאַנד נאָר אין אונדזער הענדלערישער און אינדוסטריעלער טעטיקייט. ערגעץ געפונען מיר ניט קיין ערנסטן פּרואוו אָפּצוטרעטן פון דעם אַבסטראַקט־רעכטלעכן שטאַנדפּונקט, אויף וועלכן די יידישע פראַגע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין מערב־אייראָפּע, און פונאַנדערוויקלען אַ פּאַן, אויף וועלכער עס זאָלן זיין אַנגעשריבן די אינטערעסן פון די אַרבעטנדע מאַסן.

איז — וואָס האָט די רוסישע אינטעליגענץ געקאָנט טאָן אַנדערש, אויב ניט זאָגן צו זיך אַליין: „מענטשן זיינען סוף־כל־סוף ניט קיין פעלד־מייז, וואָס „אויסרייכערן" זיי גייט אַריין אין דעם פּראָגראַם פון יעדער ראַציאָנעלער אַגריקולטור. אויב די יידן זעען מיט אַזאַ התמדה צו דער־שלאָגן זיך צו די רעכט אויף אַ שענק, אַ קראָם, עפּאַלעטן און בערזן־שפּיל, כּדי זיי זאָלן אין אַלץ ווערן גלייך מיט אַלע אַנדערע רוסישע שענקער, קרעמער, מאַרסן און בערזיאַנער, האָבן מיר קיין רעכט ניט צו שטעלן זיך אַנטקעגן דעם. אָבער עקסטראַ זאָרגן דערפאַר זיינען מיר אויך ניט מחויב"...

אַזאַ שטעלונג פונעם בעסטן טייל פון דער רוסישער געזעלשאַפט צו די יידן מוז זיך אָפּרופן זייער קלאָגעדיק אויף דער לאַגע פון אונדזער פאָלקס־זאַך אין רוסלאַנד. די זאַך פון דעם יידישן פאָלק איז אַלע מאָל געווען שטאַרק דורך די סימפּאַטיע פון יענע בעסערע מענטשן, וועמעס פּרינציפּן עס האָבן געדאַרפט אַוועקגעלייגט ווערן אין דעם פונדאַמענט פון דעם נייעם שטאַטלעכן לעבן נאָך דעם צונויפפאַל פון דעם אַבסאָלוטיזם; זי איז געווען שטאַרק דורך יענעם פעסטן צונויפבונד, וואָס האָט געהערשט צווישן די פאָדערונגען פון דעם פּראָגרעסיוון געזעלשאַפטלעכן געדאַנק.

אויך ביי אונדז אין רוסלאַנד וואָלט דער נאַטירלעכער צונויפבונד פון די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטאַרישע קלאַסן, וואָס בילדן דעם קערן פון אונדזער פאָלק, מיט די אַרבעטאַרישע אידעאַלן פון דער רוסישער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ, געקאָנט פאַרוואַנדלען איר קאַלטע רעכטלע־כע שטעלונג צו אונדז אין אַן ענערגישע סימפּאַטיע, אין אַ הייסן מיטגעפיל, אין אַ פעסטן און פרוכטבאַרן בונד. און אויב פאַר די גאַנצע דרייסיק יאָר וואָס מיר זיינען זיך משתדל ביי דעם רוסישן פאָלק, האָבן מיר ניט גע־קאָנט ברענגען צו אַזאַ בונד, זיינען מיר אַליין שולדיק אין דעם, מיר, ד״ה, אונדזער גאַנצע אינטעליגענץ, וואָס האָט אָדער איבערגעלאָזן דאָס פאָלק אויף דעם שיקזאַלס באַראַט, אָדער האָט זיך איינגעפּעסטיקט אין די

אַלטע יודאָפּילישע פּאָזיציעס און האָט פאַרלוירן יעדן חוש פאַר דעם תוך פון דער היסטאָרישער עפּאָכע, וועלכע מיר לעבן איצטער איבער, יעדע פאַרשטענדעניש פאַר די ניי־געבוירענע פאָדערונגען פון דער צייט.

דער לעצטער אומשטאַנד איז נאָך מער טרויעריק דערפאַר, וואָס אין דער שטעלונג פון דער יידישער אינטעליגענץ צום פאָלק ליגט דער שווער־פונקט פון דער יידישער פראַגע אין רוסלאַנד.

רעפאָרמירן דעם יידישן לעבנס־פּיר — אַוועקשטעלן דאָס יידישע פאָלקס־לעבן אויף די געזונטע יסודות פון אַרבעט און וויסנשאַפט — קאָן מען נאָר מיט דער הילף פון אַן ענערגישער, זעלבסטשטענדיקער און מיט גרויסע פרינציפּן דורכגעדרונגענער יידישער אינטעליגענץ. דערגרייכן גלייכע רעכט פאַר יידן אויף באַדינגונגען, וואָס זאָלן ניט זיין להיפּך צו די אויפגאַבן פון דעם אינעווייניקסטן לעבן פון אונדזער פאָלק, קאָן אויך נאָר ווידער די יידישע אינטעליגענץ האָנט און האָנט מיט די בעסטע עלעמענטן פון דער ניט־יידישער געזעלשאַפט.

וואָס זעען מיר אָבער דערווייל אָנשטאָט דעם? — אַן אינדיפערענטע „שלאָף־ראָק"־שטעלונג פון די איינע, אַ צוריקגעבליבענע, ניט ריכטיק דורכגעקלערטע פון די אַנדערע — אָט אין וועלכע ווערטער מען מוז רעזומירן די גאַנצע ראָלע פון דער יידישער אינטעליגענץ בנוגע איר אייגן פאָלק.

די טאָלאַטנפּולסטע, געבילדעטע פאַרטרעטער פון אונדזער פאָלק, די מענער פון געדאַנק און וואָרט, באַנוגענען זיך מיט דעם, וואָס זיי פאַר־נעמען מער אָדער ווייניקער בכבודע שטעלעס צווישן די טוערס פון דער רוסישער אויפקלערונג און אויף אַזאַן אופן „טוען זיי אַן כבוד זייער נאָ־ציע", ווי מען פלעגט זיך אויסדריקן אין יענער גוטער אַלטער צייט, ווען אַ געבילדעטער ייד, דורכגעדרונגען מיט ערלעכע און הומאַנע שטרע־בונגען, איז נאָך געווען אַ יקר־המציאות. אָבער „אָנטוענדיק כבוד זייער נאַציע" האָבן זיי לײדער קיין מאָל ניט אַ קלער געטאָן וועגן דעם, ווי אַזוי צו ברענגען איר איין טראָפּן נוצן. אין דעם פּרט שטייען זיי אַ סך נידעריקער פאַר זייערע אייראָפּעאישע שטאַם־ברידער פון פאַר דער עמאַנ־ציפּאַציע, וואָס האָבן, ווי מיר האָבן געזען, קיין מאָל ניט פאַרגעסן די זאָך פון זייער פאָלק.

ווי נאָר די דאָזיקע אויסערגעוויינטלעכע קרעפטן האָבן פאַרלאָזן דאָס יידישע פאָלק — האָבן ביי אונדז אין דער היים געמוזט בלייבן ניט מער ווי מיטלמעסיקייטן, אָן אַ שאָטן פון אַ זעלבסטשטענדיקן געדאַנק, אָן ברייטע פּרוכט־טראָגנדע אידעען. נאָר אויף אַזאַן אופן לאָזט זיך דערקלערן

יענער אַבסאָלוטער מאַנגל פון אַ וועלכן עס איז פּאָליטישן פאַרשטאַנד, יענער הינעריישער געדאַנקען־פּלי, וואָס הערשט בדרך כּלל אין דעם לאַגער פון אונדזערע פּראָפעסיאָנעלע יודאָפילן, אין דעם לאַגער פון דער רוסיש־יידישער זשורנאַליסטיק.

פאַר די לייט פון יענעם לאַגער, פאַלט די גאַנצע וועלט פונאַנדער אויף צוויי טיילן: יודאָפילן און יודאָפאָבן. אַן אַנדער קלאַסיפיקאַציע ווילן זיי ניט וויסן און ניט קענען. די רוסיש־יידישע זשורנאַליסטיק איז מיט דער זעלביקער שקלאַפישער חניפה געקראָכן אין שטויב פאַר לאָריס־מעליקאָווס פיס און געלעקט די הענט קאַטקאָוון; מיט דעם זעלביקן גרימצאָרן געפּאָלעמיזירט אַנטקעגן די „נאָוואָיע ווערעמיאַ״ און די „אָטיעטשעס־טווענניאַ זאַפּיסקי״. איצטער ווערט זי אויף דעם זעלביקן שטייגער און גלייכן גראַד פריידיק נתפּעל סיי פון הערן סטאַסיוליעוויטשעס זשורנאַל „וויעסטניק יעוראָפּי״ סיי פון ה׳ אַוסעיענקאָס צייטונג „סט. פּעטער־בורגסקיאַ ווידאָמאָסטי״.

לאָרד ביקאָנספּיעלד און — ראָבעספּיער, „די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע״ און — די „מאָסקאָווסקיאַ וויעדאָמאָסטי״ פון קאַטקאָווס צייטן — צו אַזעלכע גרונט־פאַרשיידענע ערשיינונגען באַציט זיך געוויינט־לעך דער רוסיש־יידישער פּובליציסט מיט דער זעלביקער הייסער סימ־פּאַטיע.

רעכנט נאָך צו צו דעם דאָס נידעריקע קריכן פאַר דער רעגירונג, די צו דער גאַלשלאַגנדע אויסגוסן פון אונטערטעניקסטע געפילן ביי יעדער פּאַסירונג אין הויף, שיר ניט צו יעדן „טאַבעלנעם״ טאָג, און איר וועט באַקומען די פולע כאַראַקטעריסטיק פון די בירגערלעכע אידעאַלן, וואָס הערשן ביי יענער גרופּע יידישע טוערס.

די פאַרזאָרגערס פון אונדזער פאָלק זיינען, הפּנים, אַזוי בלינד איינ־געליבט אין אים, און גרייטן פאַר אים אַן אַזאַ גלענצנדיקן גורל; זיי זיינען משמעות אַזוי פאַרכּשופט דורך די צויבערהאַפטע פּערספּעקטיווע, וואָס שטייט אים פאַר אין רוסלאַנד, אַז זיי האָבן אין גאַנצן אַנגעוואוירן די פע־איקייט, פונאַנדערצוקלייבן זיך אין אַזעלכע קלייניקייטן פון לעבן, ווי עקספּלואַטאַציע און עקספּלואַטירטע, פרייהייט און דעספּאָטיזם, שקלאַפן־זין און מענטשלעכע ווערדע.

על כּל פּנים איז בנוגע צו די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דעם יידישן לעבן קיינער ניט געווען אַזוי שקלאַפיש איבערגעגעבן דעם איי־ראָפּעאישן שאַבלאָן און קיינער איז ניט געווען אַזוי בלינד צו דער אַנדער

זייט מעדאַל פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע אין אייראָפּע, ווי גראַד אונדזער רוסיש־יידישע זשורנאַליסטיק.

5

רעדט מען וועגן דער אינטעליגענץ, וואָס איז באמת דורכגעדרונגען מיט גרויסע אידעען, וואָס איז אַנגעגרייט דורכצופירן אירע אידעאַלן אין לעבן מיט דער גאַנצער אומבייגזאַמער ענערגיע פון דער איבער־צייגונג, מיט דעם גאַנצן ליידנשאַפטלעכן גלויבן, זעלבסטפאַרגעסנקייט און זעלבסט־אויפאָפּפערונג פון דער יוגנט, דעמאָלט מוז מען קודם כל האָבן אין זינען אונדזער יידישע רעוואָלוציאָנערע יוגנט, וואָס אויף איר גורל איז אויסגעפאַלן די גרויסע ערע און דאָס גרויסע גליק צו קעמפן אין איינעם מיט די בעסטע פון רוסלאַנדס זין פאַר דער פרייהייט און דעם וואויל פון דער געמיינזאַמער געבירט, דעם רוסישן לאַנד. ווי שטעלן זיי זיך צו אונדזער פאָלק? וואָס פאַר אַן אָרט פאַרנעמט ער אין זייער טראַכטן וועגן דעם וואויל פון דער געמיינזאַמער געבירט?

אויף די פראַגן מוז מען ליידער געבן אַן ענטפער, וואָס האָט אין זיך זייער ווייניק טרייסט פאַר אונדזער פאָלק.

ערגעץ ניט, ביי קיין רוסישער אָדער יידישער שיכט ניט, האָט ניט געהערשט און הערשט נאָך ניט אַזאַ אינדיפערענטיזם צו יידן, ווי גראַד צווישן די יידישע רעוואָלוציאָנערן פון גאָר די עקסטרעמע שאַטירונגען. וואָס פאַר אַ מעשים די רוסישע רעגירונג זאָל ניט אָפּטאָן אַנטקעגן אונדז, שוויגט די יידישע יוגנט, אַקוראַט ווי די אַלע מאָסרעגעלן וואָלטן געווען אַרויסגעלאָזן אַנטקעגן אַ וועלכן עס איז יעזואיטן אָרדן.

באַווייזן זיך איניקע יידן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס ווילן פּרוּוון אָר־גאַניזירן אַן ערנסטע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן אונדזער פאָלק אויף דעם אייגענעם לשון פונעם פאָלק, ווערט דאָס אונטערנעמען אומאָפּ־ווענדבאַר צעשלאָגן אַן דער שטיינערנער קאַלטקייט פון די יידישע רע־וואָלוציאָנערן גופא, ווי דאָס האָט, צ"ב, פּאַסירט מיט דער גרופּע „פרייע יידישע פּרעסע" אין זשענעווע, אין דעם יאָר 1880...*

העכסטנס האָט מען אויף אַזאַ פּרוּוו געקוקט, ווי אויף איינע פון יענע רעוואָלוציאָנערע באַשעפטיקונגען, וואָס קאָנען קיינעם ניט שאַטן, אָבער פאַר וועלכער קיין ערנסטער טוער טאָר זיך ניט נעמען.

---

* ד"ר פּינסקער, „אויטאָ־עמאַנסיפּאַציאָן", בערלין, 1882, ז' 5.

אַ סך אורזאַכן האָבן געמוזט אַרבעטן אין איין ריכטונג, כּדי צו באַשאַפן אַזאַ הימל־שרייענדן פאַקט, ווי דאָס האַרצלאָזע באַגיין זיך פון די בעסטע מענטשן מיט דעם גורל פון זייער פאָלק, וואָס איז אפשר אַ סך אומגליקלעכער און געוויס אַ סך מער פאַרפאָלגט, איידער אַלע אַנדערע פעלקער און פעלקערלעך פון אייראָפּע...

די הויפּט־אורזאַך פון אַזאַ דערשיינונג ליגט, פאַרשטייט זיך אין יענע אומשטענדן פון דער יידישער געשיכטע וואָס האָבן, צום סוף אַכצנטן און דעם אָנהייב ניינצנטן יאָרהונדערט, געבראַכט די בעסטע מענטשן פון אונדזער פאָלק צו דער אידעע פון דעם נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד. די מאָטיוון פון דער נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרלייקענונג זיינען געלעגן דער עיקר, אין דעם אַבסאָלוטן באַנקראָט פון יענע האָפענונגען אויף אַ פּאָליטישן ווידערגעבורט פון אונדזער נאַציע, וואָס זיינען געווען פאַרבינדן ביי דעם פאָלק מיט דעם גלויבן אין אַן איבערנאַטירלעכן משיח.

אַזוי ווי די יידישע בורזשואַזיע, וואָס האָט פאַרשטעלט מיט זיך דאָס גאַנצע פאָלק, האָט ניט איבעריקס געבענקט נאָך דער נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט, און אַזוי ווי די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אָפּגעזונדערטקייט פון דעם יידישן פאָלק האָט מען באַטראַכט ווי אַ שטער פאַר דער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג, אין וועלכער די בורזשואַזיע האָט זיך אַזוי שטאַרק געניטיקט, איז דעריבער געווען נאַטירלעך, וואָס זי, די בורזשואַזיע, האָט זיך געאיילט אָפּצוזאָגן פון די אידעאַלן פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק — אידעאַלן, וואָס זיינען געווען אָנגעלענט אויף אַ פאַרעלטערטן גלויבן און אויף אַזוינע חלומות, וואָס קאָנען ניט מקוים ווערן אויף אַ נאַטירלעכן אופן.

אָט די נאַציאָנאַלע זעלבסט־פאַרלייקענונג איז געוואָרן אַ טראַדיציע פאַר דער יידישער אינטעליגענץ ביז צו גאָר דער לעצטער צייט, און ניט די רוסיש־יידישע רעוואָלוציאָנערע יוגנט האָט געקאָנט דורכברעכן אַ ברעש אין די פאַרן פאָלק שעדלעכע טראַדיציעס. זי האָט דאָס ניט געקאָנט טאָן דערפאַר, ווייל אין איינעם מיט גלענצנדיקע מעלות, האָט זי אויך אַ סך וויכטיקע חסרונות, וואָס יעדע יוגנט האָט זיי, און די יידישע יוגנט — נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, איידער אַ וועלכע עס איז אַנדערע. רעכנט מען אַראָפּ איינציקע אויסנאָמען, איז די רעוואָלוציאָנערע יוגנט קיין מאָל ניט אַרויסגעטראָטן, ווי אַ באַשאַפער פון אַ וואָסער עס איז נייער גייסט־ריכטונג, פון אַ נייעם פּרינציפּ. איר מיסיע איז — פאַרקערפּערן אין לעבן די אידעאַלן, וואָס זיינען שוין אויסגעאַרבעט געוואָרן אין דעם מענטשלעכן געדאַנק. די התלהבותדיקע איבערגעגעבנקייט צו יענע אידעאַלן פּאַראַלי־

זירט אָבער אָפט מאָל די פּעאיקייט, קריטיש צו באַטראַכטן אַלע קאָנ־סעקווענצן, וואָס אויפן ערשטן בליק קומט אויס, אַז זיי זיינען נויטווענ־דיקע פּועל־יוצאס פון יענע אידעאַלן.

פאַר דעם בליק, וואָס איז געווען אַנגעשטרענגט אויף דער צוקונפ־טיקער הערשאַפט פונעם סאָציאַליזם, וואו „עס איז ניטאָ קיין יודעער און קיין העלענעו", זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן יענע איבערגאַנגס־עפּאָכן, ווען די „יודעער" און די „העלענעו" דאַרפן דאָך קומען צו אַ וועלכן עס איז הסכם, ווי אַזוי צו לעבן אין איינעם אין איין אין דער זעלביקער מדינה — און נאָך דערצו אין אַזאַ פיל־שפּראַכיקער מדינה, ווי רוסלאַנד איז — און קיינער זאָל ניט ווערן דערביי באַעוולהט.

אונדזערע יידישע רעוואָלוציאָנערן פאַרגעסן, אַז בעת זיי הערן אויף צו זיין „יודעער", ווערן זיי ניט פשוט־מענטשן, נאָר אָנהענגער פון דער גרויס־רוסישער נאַציאָנאַליטעט, וועמעס רוסיפיקאַטאָרישע שטרעבונג בנוגע צו די אַנדערע פעלקערשאַפטן, וואָס באַוואוינען רוסלאַנד, איז שוין גאָר ניט אַזאַ וואוילע זאַך, מען זאָל מעגן העלפן איר ביודעים אָדער בלי יודעים.

דער רוסיש־יידישער רעוואָלוציאָנערער יוגנט איז ניט גענוג, ווען מען פילט זיך אַ „רוס" אין דעם זעלבן זין, ווי דער דייטש פון בערן, דער פראַנצויז פון זשענעווע און דער איטאַליענער פון לוגאַנאָ פילן זיך, ווי שווייצער: פאַקטיש פאָדערט זי פאַר דעם יידישן פאָלק ניט אַ גלייכ־באַרעכטיקטן, זעלבסטשטענדיקן בונד מיט אַלע פעלקער, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד, נאָר די פולקאָמענע צונויפגיסונג מיט דער גרויס־רוסישער אומה.

אין דעם רוסישן שטאַט זעט זי אַ הונדערט־מיליאָניקעס גאַנצעס, וואָס אין פאַרגלייך צו אים מוזן די וואָסערע פיר ביז פינף פראָצענט יידן, מיט אַלע זייערע ווייטיקן און ליידן אָפּגערוקט ווערן אויפן הינטערשטן פּלאַן. קיין נפקא־מינה ניט, וואָס און וואו עס וועט זיך אָפּרופן אויף אַ וועלכע ניט איז 4 פראָצענט! עס איז געווויס אַן עוולה, וואָס אין דער געזעצגעבונג מאַכט מען פאַר יידן באַזונדערע אָפּצוימונגען צוליב רע־ליגיעזע און נאַציאָנאַלע פאָראורטיילן. אָבער ווי באַלד די אַלע אָפּצוימונ־גען וועלן אָפּגעשאַפט ווערן, איז וועמעס דאגה איז דאָס, וואָס מיט די 4 פראָצענט וועט שפּעטער זיין? וועלן זיי ווערן קאַפּיטאַליסטן־עקספּלו־אַטאַטאָרן, ווי עס טרוימען וועגן דעם די יידישע יודאָפילן, וועט מען זיי שלאָגן אין איינעם מיט די איבעריקע עקספּלואַטאַטאָרן; וועלן זיי בלייבן אַרבעטער, דעמאָלט וועלן זיי שלאָגן.

אחוץ דעם שטייט רוסלאַנד וואַרשיינלעך בעפאַר אַן עפּאָכע פון קאַ־פּיטאַליסטישער פּראָדוקציע: די דאָזיקע 4 פּראָצענט באַפעלקערונג וועלט דורך זייער זשעני אין מסחר און אינדוסטריע, געקאָנט מהיכא תיתי, ניט ווייניק אונטערהעלפן, כדי צו פאַרשנעלערן דעם דאָזיקן אומאַנגענעמען פּראָצעס, כדי גיכער דורכצופירן די פּראָלעטאַריזאַציע פון די מאַסן...

אַ ברודער וואָלט פאַרציטערט געוואָרן, ווען אויף זיין שוועסטער וואָלט אויסגעפאַלן דער גורל צו ווערן אַ גאַסן־פּרוי. ער וואָלט זיך ניט באַרואיקט מיט דעם, וואָס ביי דעם איצטיקן בוי פון דער געזעלשאַפט מוז עקסיסטירן אַזאַ און אַזאַ פּראָצענט פון „געפאַלענע מלאכים". אָבער דער יידישער רעוואָלוציאָנער קאָן צוקוקן, ווי פאַר זיין פאָלק ווערט צוגעגרייט די „גלענצנדע צוקונפט" פון אַ פּאַראַזיט און ער וועט מיט אַ פינגער ניט אַ ריר טאָן, כדי איינצושטעלן זיך פאַר דער מאָראַליטעט, פאַר דער ערע און דעם געזונטן לעבן פון זיין פאָלק...

איך ווייס, ס'איז אַ ביטערער פאָרוואורף, טייערע חברים סאָציאַליסטן! אָבער האָט איר אים דען ניט פאַרדינט? אויב ניט, וואו זיינען דען אייערע פּרואוון איינצואימפן אונדזער פאָלק די אידעאַלן פון אַרבעט און פון אַ געזונטער געזעלשאַפטלעכער עטיק? גיט איר אַוועק, זאָל זיין אַ צענטל פון אייער ענערגיע, כדי צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם סאָציאַליזם צו די יידישע מאַסן?

איך ווייס ניט; עס קאָן זיין, אַז פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער אַלוועלטלעכער מענטשלעכער געשיכטע, איז די יידישע פראַגע אין רוס־לאַנד אין דער אמתן אַזאַ קליינינקע און ניט וויכטיקע, אַז אַ מענטש מיט אַ ברייטערן האָריזאָנט, קאָן זיין, זאָל זי גאָרניט באַמערקן. אָבער אונדז יידן איז דאָך דערפון גאָר ניט גרינגער.

מיר זיינען דאָך ניט שולדיק אין דעם, וואָס ניט אַלע פון אונדז זיינען געבענטשט מיט אַזאַ ברייט האַרץ, וואָס זאָל קאָנען אַרומנעמען די גאַנצע מענטשהייט, שיר ניט ביז צו דעם אוראַנג־אוטאַנג; און מיר קאָנען ניט צוליב וועלט־אידעען און געשיכטס־פילאָסאָפישע היפּאָטעזן קוקן אויף זיך, ווי אויף וואָסערע 4 פּראָצענט פון עמעצן אַן אַנדערן, בעת מיר זיינען 100 פּראָצענט פון זיך אַליין...

און עס איז אונדז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז די אמתע ליבע צו דער מענטשהייט זאָל גיין להיפך צו דעם אמתן פּאַטריאָטיזם וואָס וויל נאָר איין זאַך: אַז די אַלגעמיין־מענטשלעכע אידעאַלן, וואָס די בעסטע מענטשן פון אַלע פעלקער האָבן אויסגעאַרבעט, זאָל דאָס אייגענע פאָלק פאַרקערפּערן אין זיין אייגענעם לעבן וואָס גיכער און וואָס פולער.

כדי צו פאַרענדיקן דעם אַלגעמיינעם איבערבליק איבער דער שטעלונג פון אונדזער אינטעליגענץ צו אונדזער פאָלק, לאָמיר זיך נאָך אָפּשטעלן אויף די פּאַלעסטינאָפילן.

דאָס סימפּאַטישסטע אין יענער ריכטונג איז געוויס דער פאַקט, וואָס זי האָט אויף איר פאָן אָנגעשריבן דעם אומקער פון דער אינטעליגענץ צו דעם פאָלק. אָבער אין איינעם מיט אָט דעם דעוויז און מיט נאָך אייניקע אַנדערע פּראָגרעסיווע דעוויזן, הערן זיך צום אומגליק, אַזעלכע לאַנגאָפּגעלעבטע און ווילד־קלינגנדע שלאַכט געשרייען, אַז כ׳לעבן, עס וואָלט גאָר בעסער געווען ווען אָט די פאָן וואָלט לגמרי ניט עקסיסטירט.

די גאַנצע מענטשהייט צעפאַלט, לויט דער מיינונג פון די חובבי ציון, אין צוויי לאַגערן: יידן און ניט־יידן. דערביי איז דער לעצטער לאַגער פאַרשאָלטן מיט אַ ספּעציפישער חולאַת, וואָס גייט איבער בירושה פון דור צו דור, די יודאָפאָביע. „די יודאָפאָביע איסט איינע פּסיכאָזע״, שרייבט דער ערשטער טעאָרעטיקער פון דעם פּאַלעסטינאָפילנטום, דער פאַרשטאָרבענער ד״ר פּינסקער. „אַלס פּסיכאָזע איסט זי הערעדיטער, אונד אַלס איינע זייט צוויי טויזנד יאָרן פערערבטע קראַנקהייט איסט זי אונהיילבאַר״.*

די פּאַלעסטינאָפילן זיינען ראַדיקאַלע אָפּטימיסטן אין אַלץ, וואָס איז שייך צו יידן; זיי ווערן אָבער מוראדיקע מיזאַנטראָפּן, ווי נאָר עס רעדט זיך וועגן די אַריער. אונטער דער אַלטער שנאה פון די יידן צו אַלץ, וואָס איז פרעמד און ניט־יידיש — אַ שנאה, וואָס רוט, דער עיקר, אויף דעם איצטער צונויף־פּוילנדן פונדאַמענט פון דער אָפּגעזונדערטער רעליגיע — זעען זיי אונטערצובויען אַ נייעם, כלומרשט וויסנשאַפטלעכן פונדאַמענט פון היסטאָרישע און עטנאָלאָגישע אַרגומענטן.

אָט די מיזאַנטראָפּישע שטעלונג צו דער גאַנצער מענטשהייט איז שוין ניכּר געווען ביי דעם פּאַלעסטינאָפילנטום נאָך דעמאָלט, ווען דאָס האָט זיך ניט געשטעלט אין אַזאַ פיינטלעכע פּאָזיציע צו דער אייראָפּעאישער קולטור, צו די אידעאַלן פון וויסנשאַפט און פרייער פאָרשונג; ווען די נייע לערע האָט נאָך געהאַט דער עיקר אויף אינטעליגענטע קרעפטן, איר קאָנט זיך שוין משער זיין, ביז צו וועלכע הערקולעס־זיילן פון אָבסקוראַנטיזם עס איז דערוואַקסן די לערע איצטער, ווען זי האָט זיך געמאַכט אַ האַרץ און האָט זיך גענומען יאָגן נאָך דעם צוטרוי פון די עם־האַרצישע מאַסן אויף דעם וועג פון חניפות אָן אַ שיר צו די פאַראַלטעטע רעליגיעזע פאַראורטיילן!

---

* ד״ר ל. פּינסקער, אויטאָ־עמאַנציפּאַציאָן, בערלין, 1882, ז׳ 5.

נאָר כמעט איטלעכע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, אין וואָס פאַר אַ צור־ריקגעבליבענע פאָרעם זי זאָל ניט אַרויסטרעטן אין לעבן, האָט געהאַט אין זיך איניקע פּראָגרעסיווע עלעמענטן, און כמעט יעדע אוטאָפּיע, ווי פאַנטאַסטיש זי זאָל ניט זיין, קאָן רעכענען צו איר אייגנס אַ מער אָדער ווייניקער ריכטיקע קריטיק פון דער הערשנדער ווירקלעכקייט.

די חיבת־ציון, אין איר טאָפּלטער אייגנשאַפט, ווי אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג און אַן עכטע אוטאָפּיע, איז ניט פרעמד געבליבן צו געוויסע פּראָגרעסיווע עלעמענטן און צו אַ קריטיק פון דער קעגנוואַרט, וואָס שטימט איין אין אַ סך פּונקטן מיט דעם ריינעם אמת.

אויף דער יידישער ווירקלעכקייט פאַלן די חובבי ציון אָן, דער עיקר פון צוויי זייטן, וואָס זיינען אין דער אמתן די אַנגעוויטיקסטע; דער ערשטער פּונקט איז די עטישע דעגענעראַציע פון דעם יידישן פאָלק, אַ דעגענעראַציע וואָס איז אַ נויטווענדיקער פּועל־יוצא פון דעם שטאָטישן, מקח־וממכּרשן לעבן. דער צווייטער פּונקט איז די שטאַרק אָראָפּגעזונקענע נאַציאָנאַלע זעלבסט־טעטיקייט פון די יידן, וואָס האָט אַלע זייערע האָפענונגען אויף רעפאָרמען און פאַרבעסערונגען געבויט אויף שתדלנות אין „די הויכע פענצטער״.

דער פּועל־יוצא פון דער קריטיק איז די הויפּט־פאָדערונג, וועלכע די חובבי ציון שטעלן אַרויס: דעם זעלבסטשטענדיקן אויפבוי פון דעם פאָלקס־לעבן אויף די געזונטע יסודות פון ערד־אַרבעט... פאַרשטייט זיך ניט אין דעם אַרישן רוסלאַנד, נאָר אין דעם הייליקן לאַנד פון די הייליקע אָבות...

אָבער ווען מען זאָל שוין אַריינרעכענען די געזונטע עלעמענטן פון זייער פּראָגראַם, זיינען די חובבי ציון פונדעסטוועגן אַ טויטע פּאַרטיי. איר קינסטלעכער לעבן ווערט אויפגעהאַלטן נאָר דורך די רעגירונגס־פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און דורך די אַנטיסעמיטישע פּאָגראָמען אין אויס־לאַנד. אַ טויטע פּאַרטיי דערפאַר, ווייל פּראַקטיש קאָן זי איצטער ניט באַפרידיקן קיין איינע פון די גייטיקע באַדערפעענישן פון דעם פאָלק.

וועגן דער הויפּט־באַדערפעניש פון דעם פאָלק — געפינען אַ באַ־פרידיקנדן ענטפער אויף דער ברויט־פראַגע — זיינען זיך די חובבי ציון אַליין מודה אין זייער אייגענער אָן־מאַכט. די קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל פאָדערט אַזאַ מאַסע געלט, אַז אַרויספאָרן אַהין קאָנען זיך ערלויבן נאָר גאַנץ פאַרמעגלעכע מענטשן.

מחמת אַט דעם אומשטאַנד און ווייל די טערקישע הערשער קוקן קרום אויף דעם יידנס באַשטרעבונגען צו פאַרכאַפּן איינע פון די טער־

קישע פּראָווינצן, זיינען דער קאָלאָניזאַציע פון די אָרעמע מאַסן אין פּאַ־לעסטינע אונטערגעשניטן געוואָרן די וואָרצלען.

און די „אויסערגעוויינטלעכע ווירקונג פון דער אינטעליגענץ" אויף דעם גאַנג פון די פּראַקטישע אַרבעטן אין ארץ־ישראל האָט זיך אויפן שטעל פאַרוואַנדלט אין אַ וויסטן מיף, ווי נאָר זי האָט געמוזט איינבייגן דעם קאָפּ פאַר דעם ווילן פון די פאַרשיידענע גבירים און רבנים, וואָס האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט רייטנדיק אויף דער באַוועגונג.

די חובבי ציון בלייבט איצטער נאָר איין זאַך: אויפהאַלטן אין פאָלק דעם מיסטישן דונסט פון דעם רעליגיעזן נאַציאָנאַליזם און מיט די איי־גענע הענט שלעפּן די קוילן פון אויוון פאַר די קינפּטיקע יידישע גוט־זאַטע פאַרמעגלעכע אין ארץ־ישראל.

צום עגמת־נפש, טוען זיי דאָס איצטער מיט אַ ברען און אַן איבער־געבנקייט, וואָס פאַרדינען אָנגעוועגדט צו ווערן אויף בעסערע שטרע־בונגען.

6

די אַלע, אויבן באַשריבענע דאַטן זיינען, אויף אונדזער בליק גענוג, כּדי אין גאַנצן צו אָריענטירן זיך אין דער לאַגע פון דעם יידישן פּראָבלעם אין רוסלאַנד.

אויף אַ לפי־ערך קליינעם שטח פון עטלעכע גובערניעס איז, אין שטעט און שטעטלעך, צונויפגעפּרעסט אַ פיר־פינף מיליאָן יידישע באַ־פעלקערונג, וואָס אירע מאַסן באַשטייען פון אַן אַרבעטער־ און האַנדלס־פּראָלעטאַריאַט, וואָס איר וואוילשטאַנד ווערט רעזומירט מיט איין וואָרט — פּאַופּעריזם. אַלע פּרואוון, שיטערער צו מאַכן די דאָזיקע באַפעלקערונג דורך עמיגראַציע קאָנען האָבן די באַדייטונג נאָר פון אַ זייער מאַנגל־האַפטן פּאַליאַטיוו־מיטל, ווייל פּאַלעסטינע איז איצטער ניט צוגענגלעך פאַר די אָרעמע, און די קאָלאָניזאַציע־אונטערנעמונגען פון אַ באַראָן־הירש, קאָנען, לויט די רויז־געפאַרבטע חשבונות פון דער רוסיש־יידישער פּרעסע, ברענגען אַ מקום מנוחה פאַר אַ פערטל פון די רוסישע יידן.

ווייטער. דער הויפּט פּיינט פון דעם יידישן פאָלק — אַן אומברחמנות־דיקער און ניט איינצושטילנדער — איז די רוסישע זעלבסט־הערשאַפט, וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיין מיטלען, כּדי צו מאַכן פּשוט אומ־מעגלעך דאָס לעבן פון די יידן אין לאַנד, און דער נאַטירלעכער פּיינט פון דער זעלבסט־הערשאַפט, די פּראָגרעסיווע רוסישע געזעלשאַפט, שטעלט זיך צו דעם יידישן פאָלק כּמעט אַזוי, ווי די אייראָפּעאישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, צ״ב, שטעלט זיך צו דער פראַגע וועגן דער גלייכבאַרעכ־

טיקונג פון דער קאַטוילישער קירך. אין פּרינציפּ נעמט זי עס אָן, אָבער אין דער טיף פון דער נשמה מוז זי ווינטשן איר אַלערליי דורכפאַלן אין אַלע אירע אונטערנעמונגען.

באמת איבערגעבן צו די אידעאַלן פון אַן אומבאַדינגטער יידישער עמאַנציפּאַציע זיינען נאָר די רוסישע ליבעראַלן און אונדזערע יודאָפילן. אָבער אויב עס זאָל זיך אונדזערע ליבעראַלן איינגעבן איבערצובויען דעם שטאַטס־לעבן פון רוסלאַנד לויט זייערע פּרינציפּן, וועט פאַר דעם יידישן פאָלק אויסוואַקסן די סכנה — דערגריין צו די זעלביקע טרויעריקע רע־זולטאַטן, וועלכע די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג אין מערב־אייראָפּע האָט געבראַכט מיט זיך.

דער אַרבעטער־ און האַנדלס־פּראָלעטאַריאַט וועט זיך ניט באַפרייען פון דלות, פון פיזישער און מאָראַלישער ענטאַרטונג; די האַנדלס־קלאַסן וועלן אַריינטרעטן אין אַן אַכזריותדיקע קאָנקורענץ מיט דעם מיטעלערן און קליינעם רוסישן קאַפּיטאַל און וועלן פאַרנעמען אַ פּראָמינענטן פּלאַץ צווישן די, וואָס פאַרשקלאַפן די יידישע און ניט־יידישע אַרבעט. די אינ־טעליגענץ וועט אין גאַנצן פאַרלאָזן דאָס פאָלק אויף דעם באַראַט פון די סטיכישע סאָציאַלע קרעפטן; זי וועט זיך אַ לאָז טאָן אין אַ געיעג נאָך אַלערליי „וואַרעמע שטעלעלעך" אין דער ביוראָקראַטיע, דער שול, דער אַדוואָקאַטור און די אַנדערע ליבעראַלע פּראָפעסיעס, און וועט אָנ־הענגען אַ זיך, אַ דאָס פאָלק, צו די פּוילן, צו די גרויס־רוסן, צו די ווייס־רוסן און צו די קליין־רוסן, צו די טשוואַשען און צו דער מאָרדוואַ.

דאָס גאַנצע יידישע פאָלק וועט אַרויסרופן אַנטקעגן זיך נאָך אַ שרעק־לעכערן אַנטיסעמיטיזם, איידער איצטער, ווייל די יודאָפאָבן וועלן, אַ דאַנק דער פּאָליטישער פרייהייט, האָבן אַלע מיטלען אין די הענט פאַר אַ פרייער אומאויפהערלעכער אַגיטאַציע.

נאָר קורצזיכטיקייט און אינדיפירענטיזם, נאָר נאַציאָנאַלע בלינדקייט און טעאָרעטישע דאָגמאַטיק קאָנען ניט זען יענעם נאַטירלעכן אויסוועג פון דער לאַגע, וואָס זאָל מסוגל זיין איין מאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף צו די יסורים און רדיפות, מיט וועלכע אונדזער פאָלק ווערט גע־פּלאָגט אין אַ משך פון שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר.

דער אויסגאַנג איז — די ווידערבאַלעבונג פון דעם יידישן פאָלקס־לעבן אויף די יסודות פון ערד־אַרבעט אין רוסלאַנד גופא!

און אין דער אמתן! פאַרבונדן מיט דער רוסישער ערד דורך ניט צעררייסבאַרע קניפּן פון ערד־אַרבעט, וועלן די יידן שוין אַ מאָל אויפ־הערן צו קוקן אויף זיך, ווי אויף פרעמדע אין רוסלאַנד, און די רוסישע

ערד־באַארבעטנדע פּעלקער וועלן אויפהערן צו קוקן אויף אונדז, ווי אויף אַ וואַנדער־פאָלק, וואָס לאָזט ניט אַריין קיין וואָרצלען אין דעם היימישן באָדן, ווי אויף שלעפּער אָן אַ שטאַם און אָן אַ גזע, אָן אייגענעם לאַנד.

אַ געזונטער יידישער מאַסן־פּויערטום וואָלט דורך זיין אימפּאָנירנדע ערשיינונג געמאַכט אוממעגלעך אָט די אַלע באַשולדיקונגען און רכילותן וועגן אונדזער עקל צו פיזישער אַרבעט, וועגן דעם פּאַראַזיטישן לעבן פון דעם גאַנצן פאָלק און וועט אַרויסרופן צו זיך די הייסטע סימפּאַטיע פון אַלע בעסערע עלעמענטן פונעם לאַנד.

די געזונטע פּיזישע אַרבעט פון דעם אַקערמאַן וועט זיך וואויל־ווירקנד אָפּרופן אויף דעם פיזישן און עטישן טיפּ פון דעם יידן, וואָס איז אַזוי שטאַרק פאַרהויקערט געוואָרן אין דער שטאָטישער אַטמאָספערע, אַזוי טיף צעריעט געוואָרן, אַ דאַנק דעם שטענדיקן טראַכטן וועגן אַלערליי מיטלען, ווי אַזוי צו קומען צו אַ שטיקל ברויט.

די יידישע אינטעליגענץ וועט זיך אומקערן צו איר פאָלק, ווי נאָר זי וועט געפינען אין אים אַ דאַנקבאַרן באָדן פאַר די פאַרשפּרייטונג פון סאָציאַליסטישע אידעאַלן, און דער אַגראַרישער סאָציאַליזם, די ליכטיקע צוקונפט פון דעם ערד־אַרבעטנדן רוסלאַנד, וועט ווערן דער אידעאַל אויך פון די יידישע פויערים־מאַסן. און ווען עס וועט אַריינטרעטן די אויסאיי־נונג פון אינטעליגענץ און פאָלק — אַן אויסאיינונג, וואָס איז אַ סך גרינ־גער דורכצופירן ביי אונדז, איידער ביי אַלע אַנדערע פעלקער פון רוסלאַנד, וועט דעמאָלט זיין אַ סוף אויך צו דעם גייסטיקן יאָך פון די רבנים, צדיקים און אַלע אַנדערע יידישע אָבסקוראַנטן. אונדזער באַגאַבט פאָלק וועט קאָנען אַריינגעמען אין זיך די יסודות פון דער אייראָפּעאישער ציוויי־ליזאַציע און וועט ניט דאַרפן מורא האָבן, ווי איצטער, אַז ער וועט, מיר־ניט, דיר־ניט, דאַרפן אויפהערן צו זיין אַ ייד און ווערן מיר־ניט, דיר־ניט, „אַ טשואוואַש פון דער מאָזאַאישער קאָנפעסיאָן".

אָבער כדי דער דאָזיקער אידעאַל פון דער יידישער דאָרף־קאָמונע זאָל קאָנען מקוים ווערן פאַר דער מאַיאָריטעט פון אונדזער פאָלק, מוזן אין רוסלאַנד אַריינטרעטן פאַרענדערונגען, וואָס זאָלן מאַכן אַ סוף צו דעם אומ־קאָנטראָלירטן, מענטשן־פיינטלעכן באַלעבאַטעווען פון דער רוסישער רע־גירונג, און וואָס זאָלן איבערגעבן די שליטה איבערן לאַנד צו יענע עלע־מענטן פון דער רוסישער געזעלשאַפט, וואָס האָבן אויף זייער פאַן אָנגע־שריבן די אינטערעסן פון די אַרבעטנדע קלאַסן, די אינטערעסן פון די פאַבריק־אַרבעטער און די פויערים. קורץ, עס דאַרף אַריינטרעטן אַ ראַ־דיקאַלע פּאָליטישע רעוואָלוציע.

און דעריבער, מוז די יידישע אינטעליגענץ, וואָס איר זיינען נאָך טייער די אינטערעסן פון אונדזער פאָלק, קאָנצענטרירן איר גאַנצע ענערגיע, איר גאַנצע מסירת־נפש, אויף וועלכע זי איז מסוגל, אויף דער הילף צו דער דאָזיקער רעוואָלוציע מיט אַלע דערגרייכבאַרע מיטלען און אויף דער פּראָ־פּאַגאַנדע פון איר צווישן דעם יידישן פאָלק אין דעם נאָמען פון זיינע אייגענע פאָלקס־אינטערעסן...

אונדזער פאָלק האָט שוין אַרויסגעשטעלט אַ צאָל מאַרטירער־העלדן, וואָס זיינען געפאַלן, ווי אַ קרבן אויף דעם מזבח פון אונדזער מוטערלאַנד. זאָל אונדזער פאָלק ניט אויפהערן אַרויסצוגעבן זיינע קאָהאַן־בערנשטיינס און העלפמאַן, זיינע הויסמאַנס און גינצבורג, ניט נאָר צוליב דער באַפריי־אונג פון אונדזער אַלעמענס מוטערהיים רוסלאַנד, נאָר אויך צוליב דער ווידער־באַלעבונג פון דעם אייגענעם פאָלק.

1892.

ש. דובנאָוו
„גייסטיקער" נאַציאָנאַליזם *

[ס. מ. דובנאָוו. פּיסמאַ אָ סטאַראָם אי נאָוואָם יעוורייסטוויע. (1897—1907)
(בריוו וועגן דעם אַלטן און דעם נייעם יידנטום) דערגענצטע אויסגאַבע.
ס. פּעטערבורג. 1907. 8 און 370]

לויט ש. דובנאָוו, זיינען דאָ אויף דער וועלט דריי פאַרשיידענע טיפּן פון נאַציעס: „1) דער ראַסן־טיפּ, 2) דער טעריטאָריעל־פּאָליטישער אָדער דער סאָציאַל־אויטאָנאָמער, 3) דער קולטור־היסטאָרישער אָדער גייס־טיקער" (ז' 1). דער גייסטיקער טיפּ פון אָ נאַציע, רעכנט ער, איז „אָ העכערע שטופע אין דער עוואָלוציע פון די פעלקער איידער דער טערי־טאָריעלער" (ז' 367).

אָ שאָד נאָר, וואָס דער אויטאָר גיט אין ערגעץ ניט קיין שאַרפע דעפיניציע פון יענעם חילוק, וואָס דאַרף עקזיסטירן צווישן אָט די פאַר־שיידענע טיפּן. אויך שטעלט ער זיך אין ערגעץ ניט אָפּ, כּדי צו געבן אונדז אַלע טעאָרעטישע פּרטים, פאַר וואָס מיר זאָלן דעם גייסטיקן טיפּ העכער שאַצן פאַר דעם טעריטאָריעל־פּאָליטישן אָדער דעם סאָציאַל־אויטאָנאָמען.

פון אייניקע געדאַנקען אָבער, וואָס זיינען צעזייט איבער דעם גאַנצן בוך, דערוויסן מיר זיך, וואָס אַזוינס אָ גייסטיקער טיפּ פון אָ נאַציע איז. דאָס איז אַזאַ, וואָס שטעלט זיך איין פאַר זיין עקזיסטענץ און אַנטוויקלט זיין געשיכטלעכן לעבן אָן דער הילף פון וועלכע עס איז דרויסנדיקע מיטלען, וואָס קאָנען באַוואָרענען די נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט און די נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג.

אַזאַ נאַציע ווערט פאַרטיק מיט איר אויפגאַבע אָן אָ לאַנד, אָן אָ גע־מיינשאַפטלעכער נאַציאָנאַלער שפּראַך און אָן פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט.

---

* פון זאַמלבוך „סערפּ" (רוסיש, 1908), פאַרעפנטלעכט אין יידיש אין 1917.

נאָר אַדאַנק דער קראַפט פון זיין נאַציאָנאַלן ווילן, דער קראַפט פון זיין גייסט; אַדאַנק דער צוגעפּאַסטער דערציאונג פון זיין יונגן דור און דער באַשטימטער אָרגאַניזאַציע פון זיין אינעווייניקסטן קהילה־לעבן, ברעכט דורך אַזאַ נאַציע איר וועג אין דער געשיכטע און בלייבט טריי צו אַט דעם וועג.

אַ צווייטער סימן פון דעם גייסטיקן טיפּ — אַ סימן, וואָס קאָן ניט אָפּגעטיילט ווערן פון דעם ערשטן — באַשטייט אין דעם, וואָס ער, דער גייסטיקער טיפּ, טרעט אַרויס ווי אַ באַוואוסטזיניקער טרעגער פון באַ־שטימטע אידעען־טראַדיציעס, פון באַשטימטע קולטור־אידעאַלן, וואָס צוליב זייער דערהאַלטונג און אַנטוויקלונג טוט ער אָן אויף זיך דעם יאָך פון אַ מחוץ־טעריטאָריעלער, ריין גייסטיקער עקזיסטענץ.

לויט דעם אויטאָרס מיינונג, באַשטייט דער אמתער נאַציאָנאַליזם גראָד אין אַזאַ מין נאַציאָנאַל־גייסטיקער באַשאַפערישקייט, וואָס איז באַפרייט פון אַלע מיני סאָציאַל־פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען.

אין דער מאָדערנער מענטשלעכער געשיכטע געפינט זיך דערווייל נאָר איין איינציק פאָלק, וואָס איז אַרויפגעקלעטערט אויף דעם העכסטן שפּיץ באַרג פון דער נאַציאָנאַלער עוואָלוציע: דאָס יידישע פאָלק! אין זיינע „בריוו״ וויל דאָ דער מחבר דערקלערן דעם תּוך פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אידעע, באַשטימען סיי די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, וואָס פליסט פון איר אַרויס, סיי די פאָרמען פון דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, וועלכע דאָס יידישע פאָלק דאַרף אָננעמען. דורך דער קריטיק פון די פאַרשיידענע שטרעמונגען אין דעם יידישן עפנטלעכן געדאַנק וויל ער אויספּעכטן דעם טריאומף פאַר דער אידעע פון יענעם „אמתן נאַציאָנאַליזם, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם אָריגינעלן שטריך פונעם יידנטום״ (ז׳ 176), פון יענער „העכערער וועלט־אַנשויאונג״, יענעם „גייסטיקן נאַציאָנאַליזם״, וועלכן די יידנשאַפט האָט אויסגעאַרבעט אין איר פיל־הונדערט־יאָריקער עוואָלוציע (ד׳ 176).

דאָס אַלטע יידנטום האָט געקוקט אויף דאָס יידישע פאָלק, ווי אויף אַ רעליגיעזער נאַציע. דאָס אַסימילאַטאָרישע יידנטום האָט געזען אין אים נאָר אַ רעליגיעזע גרופּע מענטשן. דער אמתער יידישער נאַציאָנאַליזם דערנענטערט זיך אין דער פראַגע, לויט זיין אינעווייניקסטן מהות, צו דעם קוק פון דעם אַלטן יידנטום.

„דער שטאַנדפּונקט פון דער אָרטאָדאָקסאַלער מאַסע קאָן מען — זאָגט דער מחבר — פאָרמולירן אַזוי: די יידנשאַפט איז אַ רעליגיעזע נאַציע. אירע מיטגלידער זיינען צונויפגעבונדן צווישן זיך דורך דער

קראַפט פון דעם רעליגיעזן אימפּעראַטיוו אָדער פון דעם „שלחן־ערוך"־דיסציפּלין, און יעדער איינער, וואָס טרעט ערנסט אַריבער די דיסציפּלין גייט אַרויס פון דעם פאָלקס־פאַרבאַנד. אַזאַ שטאַנדפּונקט גייט ניט להיפך, לויט זיין תוך, צו דעם באַגריף פון אַ „גייסטיקער (אָדער קולטורעלער) נאַציע": ער מאַכט נאָר אַ פעלער, ווען ער אידענטיפיצירט די טערמינען „גייסטיק" און „קולטורעל" מיט „רעליגיעז" (ז' 15).

דער גייסטיק־קולטורעלער נאַציאָנאַליזם פון דעם יידישן פאָלק דאַרף זיין אַ פאָרטזעצונג און אַ ווייטערע אַנטוויקלונג (אין דעם גייסט פון אַל־געמיין־מענטשלעכע שטרעבונגען) פון דעם זעלביקן נאַציאָנאַליזם — דעם רעליגיעזן.

„די הויפּט־קרעפטן אונדזערע — זאָגט דער מחבר — דאַרפן אַנגעווענדט ווערן אויף די פאַרשטאַרקונג פון יענע לעבנסהאַפטע גרונט־זיילן פון דעם יידנטום, פאַר וועלכע מיר האָבן געקעמפט און געליטן אין אַ משך פון יאָרטויזנטער (ז' 290).

געוויס פאָדערן די אינטערעסן פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס און פון דער ווייטערדיקער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, מען זאָל סעקולאַריזירן די נאַציאָנאַלע אידעע, מען זאָל אָפּטיילן די נאַציאָנאַליטעט פון דער רעליגיע. אָבער אָט די סעקולאַריזאַציע דאַרף ניט פאַרשטאַנען ווערן אַזוי, אַז מען זאָל פאָרמעל אָפּלייקענען דעם יודאַאיזם און זיך אין גאַנצן אָפּזאָגן פון אים: „מיר ווילן נאָר, אַז די רעליגיע זאָל ניט הערשן און ניט, אַז זי זאָל אין גאַנצן אויסגעשלאָסן ווערן פון דער נאַציעס גייסטיקן קאַפּיטאַל" (ז' 17).

דער יודאַאיזם איז ניט נאָר אַ רעליגיע; ער איז אַן אַלץ אַרומנעמענדע וועלט־אַנשויאונג, „וואוהין עס גייען אַריין עלעמענטן רעליגיעזע, עטישע, געזעלשאַפטלעכע, מעסיאַנישע, פּאָליטישע און פילאָסאָפישע. די גרונט־אידעען פון דעם יודאַאיזם דאַרפן אָוועקגעלייגט ווערן אויך אין דעם פונדאַמענט פון דער גייסטיק־קולטורעלער נאַציאָנאַל־יידישער אידעע. דאָס דערנענטערט אונדז צו דעם אַלטן יידנטום, אָבער אין דער זעלבער צייט דערווייטערט עס אויך אונדז פון אים".

„דער חילוק צווישן אונדז און די אָרטאָדאָקסן — זאָגט דער מחבר — באַשטייט אין דעם, וואָס זיי אָנערקענען אַ טראַדיציאָנעלן יודאַאיזם, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס איז איין מאָל פאַר אַלע מאָל פעסט געוואָרן אין זיינע פאָרמען, בעת מיר אָנדערקענען אַן עוואָלוציאָנערן יודאַאיזם, וואָס האָט געביטן און בייט זיינע פאָרמען, אַן אויפהער, זיך צופּאַסנדיק צו די באַדינגונגען פון אַ נייער קולטור" (ד. ג.).

און אויך דאָס איז ממילא מובן, אַז דאָס טראַדיציאָנעלע יידנטום איז ניט קיין חוב פאַר דעם יידישן נאַציאָנאַליזם. „מען קאָן זיין אַ ייד — זאָגט ער — לויט די נביאים אָדער לויטן תלמוד, לויט מיימאָניד אָדער לויטן שולחן־ערוך״, לויט מענדעלסאָן אָדער לויט דעם בעל־שם, אַפילו לויט ספּינאָזע אָדער גייגער, אויב נאָר דיביידע לעצטערע וואָלטן דער־גאַנגען ביז צו דעם אַנדערקענען די יידישע נאַציאָנאַלע אידעע אין איר מאָדערנעם זין״ (ז׳ 18).

ש. דובנאָווס געדאַנק קאָן מען דעריבער פאָרמולירן אויף אַזאַ אופן: דאָס יידישע פאָלק, דאָס איז אַ נאַציע, וואָס אַרבעט אויס יודאַאיזם. אין דערינען ליגט דער זין און די באַרעכטיקונג פון איר אויטאָנאָמען לעבן, פון איר קאַמף פאַר אַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ.

די אויסאַרבעטונג פון יודאַאיזם גייט אַרויס אין פאַרשיידענע צייטן פאַרשיידענע פּראָדוקטן, אָבער אַלע זיינען זיי דורכגעדרונגען מיט איין און דער זעלביקער איינגנשאַפט: זיי געהערן צום יודאַאיזם אָדער, לפּחות, געהערן זיי ניט צו אַ וועלכער עס איז אַנדערער רעליגיעזער ספּערע.

ש. דובנאָוו גייט ניט אַזוי ווייט, ער זאָל פאָדערן, אַז יעדער ייד זאָל פאָרמעל געהערן צו דער יידישער אמונה. ער פאַרשטייט, אַז אין דער איצטיקער צייט דאַרף מען זיך רעכענען מיט די תּביעות פון דעם פרייען געדאַנק, און דעריבער מאַכט ער גאַנץ באַדייטנדע הנחות צו דער מאָדער־נער „וועלטלעכער״ ציוויליזאַציע, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט זיין נאַציאָנאַליזם אַ נאָמען געגעבן „גייסטיק״־קולטורעלער.

נאָר איין זאַך פאָדערט ער: יידן זאָלן ניט אַריבערגיין צו אַן אַנדער גלויבן. „אַ ייד — זאָגט ער, קאָן זיין רעליגיעז אַן „איזראַעליט״ אַקטיוו אָדער פּאַסיוו, רעיעל אָדער נאָמינעל. ער קאָן אַפילו זיין אַ „בלאַ״ אָדער „קאָנפעסיאָנסלאָז״ — אָבער זיך אָפּזאָגן פון יידנטום און פאָרמעל אַרי־בערגיין אין קריסטנטום איז שוין גלייך ווי ער וואָלט אין גאַנצן אַרויס־געגאַנגען פון דער יידישער נאַציע״.

„מחמת דער אָפיציעלער איבערגאַנג אין אַן אַנדער אמונה באַדייט פּאַקטיש פאַר אונדזער לאַגע אין גלות, אַרויסגיין פון דער יידישער נאַציע, אויב ניט פאַר דעם משומד אַליין, איז פאַר זיין נאָכקום, וואָס וועט מוזן זיך צונויפגיסן מיט דער אַרומיקער ניט־יידישער באַפעלקערונג אויך לויט דער נאַציאָנאַליטעט״ (ז׳ 19).

„דער יודאַאיזם — זאָגט ער נאָך אַמאָל אין אַן אַנדער אָרט, „ווי אַ טייל פון דער יידישער נאַציאָנאַלער קולטור, שטעלט מיט זיך פאָר דעם אַטריבוט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אידעע, ווי אַן עוואָלוציאָנערער

פּרינציפּ און ניט קיין טראַדיציאָנעלער. אָפּזאָגן זיך פון אים איז זיין באַ־וועגלעכער פאָרעם איז פּאַקטיש גלייך צו דעם אַרויסגאַנג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע" (ז' 27, אונטערגעשטראָכן פון אונדז).

דערפאַר אָבער, ווען דאָס יידישע פאָלק בלייבט אין דעם גבול פון דעם ברייט־פאַרשטאַנענעם און זיך אַנטוויקלנדן יודאַאיזם, וועט עס קאָנען גיין אין איין טריט מיט זיין יאָרהונדערט, איבעראַרבעטן און אַריינגעמען אין זיך די אייראָפּעאישע קולטור אָן אַ ברעקל געפאַר פאַר די גרונט־פּרינציפּן פון דעם יודאַאיזם.

„מיר שטרעבן איצטער — זאָגט ער — צונויפצופּאָרן אין איינעם די בעסערע זייטן פון דער אַלגעמיינער און דער יידישער אויפקלערונג; מיר נעמען אַריין אין זיך די אייראָפּעאישע קולטור און אין דער זעלביקער צייט ווילן מיר אָפּהיטן אַלדאָס בעסטע אין אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור; מיר דערוועגן זיך צו קריטיקירן דעם יודאַאיזם, אָן מורא, טאָמער צע־שטערן מיר אים, ווייל מיר גלייבן אין דער ניט בייצוקומענער מאַכט פון זיינע העכערע רעליגיעזע און עטישע אידעאַלן" (ז' 225).

די פאַרענדערטע שטעלונג צו דעם „אַלטן" יידנטום אין דער פראַגע וועגן דער יידישער טראַדיציע, איז ביי ש. דובנאָוו צונויפגעבונדן מיט אַ נאָך מער ראַדיקאַלערע שטעלונג צו די אייביקע האָפענונגען פון דעם פאָלק — ווען עס איז אויסגעלייזט ווערן פון דעם גלות, ווען עס איז אָנ־הייבן צו לעבן אין דעם אייגענעם לאַנד.

ש. דובנאָוו איז טיף איבערצייגט — און ער זאָגט דאָס אָפּט אַרויס אין זיינע בריוו —אַז „דער גלות וועט קיין מאָל ניט פאַרשווינדן, סיידן מען זאָל אַריינרעכענען אין חשבון דעם „אַחרית־הימים" פון דער משיח־צייט" (ז' 320).

דערפון ווערט אַרויסגעדרונגען דער לאָגיש דורכאויס קאַראַקטער און אויך אין דער אמתן זייער ריכטיקער שלוס, אַז דער ציל פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַרבעט פאַר דער איצטיקער צייט דאַרף זיין „די אינעוויינקסטע ווידערבאַלעבונג פון די יידן אין אַלע ערטער, וואוהין די געשיכטע האָט זיי פאַרוואָרפן" (ז' 11). מחמת „אַלע צעזייטע טיילן פון דער יידישער דיאַספּאָרע שטעלן מיט זיך פאַר אַן איינהייטלעכן אומטיילבאַרן פאָלק, צונויפגעבונדן דורך אַלגעמיינע אינטערעסן (ז' 98).

אין דער פראַגע, ווי אָפּצושאַצן דעם גלות גייט זיך ש. דובנאָוו אויף דעם ראַדיקאַלסטן אופן פונאַנדער מיט כמעט אַלע נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען אין דער אַלטער און אין דער נייער יידנשאַפט. פיל אויפ־מערקזאַמקייט שענקט ער דער רעהאַביליטירונג פון דעם גלות. און איי־

גנטלעך קאָן דאָס אַנדערש ניט זיין פאַר איינעם, וואָס רעכנט דעם „גייס־טיקן טיפּ פון נאַציאָנאַליטעט״ העכער פאַרן „טעריטאָריעלן״.

דאָס הייסט ניט, אַז ש. דובנאָוו שטעלט זיך דורכאויס פּיינטלעך צו דעם שטרעבן פון דעם ציוניזם אַריבערצוטראָגן דעם צענטער פון קול־טורעלע שאַפונגען פון דעם יידישן פאָלק קיין פּאַלעסטינע. אָבער אַפילו אַט דעם אַמווייניקסטן „טעריטאָריאַלן״ און אַממערסטן „גייסטיקן״ ציוניזם פון אחד העמס אַרט לאָזט ער צו נאָר, ווי אַ נוצלעכע נעבן־הילף פאַר דער פונדאַמענטאַלער אויפגאַבע — דער דערהאַלטונג און דער אַנטוויק־לונג פון דער יידישער נאַציע אין גלות גופא.

„די קראַפט פון אַ היסטאָרישן פאַקטאָר — באַהויפּטעט ער — וועט בלייבן ניט ביי יענעם ציוניזם, וואָס לייקנט אָפּ דעם גלות און לעבט מיט דעם פאַנטאַסטישן טרוים וועגן אָפּשאַפן אים, נאָר יענער, וואָס שטעלט זיך, אין איינעם מיט די אַנדערע אויפגאַבן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער ווידערבאַלעבונג אין דער גאַנצער וועלט, אויך דעם ציל: באַשאַפן נאָך אַן אַקומולאַטאָר פון אָריגינעלער גייסטיקער ענערגיע אויף שפּייזן דעם גלות, וואָס קעמפט מיט אַלע קרעפטן פאַר זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ (ז׳ 320).

אַט דער עקזיסטענץ־קאַמף פון דעם יידישן פאָלק אין גלות האָט גראָד אין אונדזער צייט אַלע שאַנסן אויף אַן ערפאָלג. „דערהאַלטן און פאַרפולקאָמען אונדזער נאַציאָנאַלן טיפּ אין דעם גייסט פון אונדזער היס־טאָרישער עוואָלוציע איז מעגלעך מיט דער הילף פון יענע מיטלען, וועלכע די מאָדערנע קולטור גיט אַלע נאַציעס, וואָס קעמפן פאַר זייער עקזיסטענץ״ (ז׳ 110).

פיל שטאַטן, וואָס באַשטייען פון פאַרשיידענע פעלקער, זיינען שוין לאַנג פאַראינטערעסירט אין אָפּהיטן די נאַציאָנאַלע רעכט פון די נאַציאָ־נאַלע מינאָריטעטן. די יידן, ווי אַ נאַציאָנאַלע מינאָריטעט, דאַרפן אויך קעמפן פאַר זייערע, ניט אָוועקצורויבנדע נאַציאָנאַלע רעכט און זיך דער־שלאָגן צו אַ פולער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

אָבער — צו וואָס פאַר אַן אַרט נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע דאַרף זיך דערשלאָגן דאָס יידישע פאָלק? — ש. דובנאָוו ענטפערט אויף דער פראַגע אין די פאָלגנדע ווערטער, וואָס זיינען כולל אין זיך די קווינט־עסענץ פון יענע פּראַקטישע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, וועלכע ער שטעלט אַרויס צו דעם מאָדערנעם שטאַט.

„מיר מוזן פונאַנדערשיידן — זאָגט ער — צוויי מינים נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן אין אַ פאַרשיידנפעלקלעכן שטאַט אָדער אַ נאַציאָנאַליטעטן־

שטאַט“: 1) אַ טעריטאָריאַלע פאָלקשאַפט, וואָס איז אַ מינאָריטעט אין דעם אַלגעמיינעם צונויפשטעל פון דער מדינה און איז אַ מאַיאָריטעט אין איר היסטאָרישן ראַיאָן אָדער פּראָווינץ (די פּוילן אין דריי אימפּעריעס, די טשעכן אין עסטרייך וכדומה) 2) אַ ניט־טעריטאָריאַלע פאָלקשאַפט אָדער אַ פאָלק־תּשבורת, וואָס שטעלט ניט פאָר מיט זיך קיין מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג אין דער געגעבענער פּראָווינץ (יידן אין אַלע לענ־דער, פּוילן און ליטע אאַז״וו). פאַר די נאַציעס פון דעם ערשטן טיפּ דאַרף מען האָבן די אויטאָנאָמיע אין דער פאָרעם פון אַ ראַיאָן־סיים, פאַר די נאַציעס פון דעם צווייטן טיפּ — די אויטאָנאָמיע פון קולטורעלע קהילות“ (ז׳ 83).

ליידער דערקלערט אונדז ש. דובנאָוו אין ערגעץ ניט, פאַר וואָס די טעריטאָריעלע פעלקער נייטיקן זיך אין אַ סיים און פאַרוואָס די עקס־טעריטאָריעלע זאָלן קאָנען אויסקומען מיט דער אויטאָנאָמיע פון קול־טורעלע קהילות. אין פלוג, דאַרף אויסקומען פונקט פאַרקערט. אַ טערי־טאָריעלע פאָלקשאַפט, וואָס קאָן, אין איר קאַמף פאַר עקזיסטענץ, זיך שטיצן אויף אַזעלכע מעכטיקע דערהאַלטונגס־פאַקטאָרן, ווי אַן אייגענע טעריטאָריע און אַן אייגענע שפּראַך, וואָלטן אויף דעם עקסטן פאַל גע־קאָנט אויסקומען לגמרי אָן אַ צענטראַלן סיים, ווי באַלד זיי האָבן נאָר אין זייער ראַיאָן אויטאָנאָמע קהילות.

צוריק, די נאַציעס פון דעם צווייטן טיפּ, גראָד דערפאַר, וואָס זיי האָבן ניט קיין אייגן לאַנד און קיין אייגענע שפּראַך (ש. דובנאָוו ווייזט מער מאָל אָן, אַז יידן פעלט די שפּראַכלעכע איינהייט) — אַזוינע פעלקער נייטיקן זיך אויף דעם העכסטן גראַד אין אַ צענטראַלן, פאַראייניקנדן אָר־גאַן פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און קאָנען זיך בשום אופן ניט באַנוגע־נען בלויז מיט די אָרגאַנען פון אַ קהילה זעלבסט־פאַרוואַלטונג. דעריבער וואָלט ש. דובנאָוו, אַפילו בלייבנדיק אין דעם גבול פון זיין „גייסטיקן“ נאַציאָנאַליזם, געדאַרפט פאָסטולירן פאַר זיי אַ קולטורעלע אויטאָנאָמיע אין דער פאָרעם פון אַ סיים.

פאַקטיש טוט ער עס טאַקע. אין זיין פּלאַן, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן דאָס יידישע פאָלק אין גלות, נעמט ער אָן, אַחוץ דער יידישער נאַציאָנאַלער קהילה, אויך דעם „ועד“, ד״ה, אין תּוך אַריין אַ „סיים“ מיט גאַנץ ברייטע פולמאַכטן און פונקציעס. אין זייער צאָל גייט אַריין ניט נאָר זאָרגן וועגן אינסטיטוציעס וואָס האַלטן אויף די נאַציאָנאַלע קולטור, נאָר אויך איינ־ווירקן אויף דאָס עקאָנאָמישע לעבן, כּדי אויפצוהייבן די מדרגה פון דעם

פּאָלקס וואוילשטאַנד, אויפמונטערן קאָאָפּעראַציעס, פּראָפּעסיאָנעלע פּאַר־איינען, רעגולירן די עמיגראַציע און דער גלייכן (ז׳ 315).

דער שווער־פּונקט פון ש. דובנאָווס באַטראַכטונגען ליגט אָבער ניט דערין, אין וועלכער פּאָרעם דאָס יידישע פּאָלק דאַרף האָבן זיין אויטאָ־נאָמיע, און די קליינע אונקאָנסעקווענץ אין דער פאַרענטפערונג פון אָט דער פראַגע — ווי אויך אין נאָך אַנדערע פראַגן — שטערט לחלוטין ניט דער אויסגעהאַלטנקייט און צונויפגעשטימטקייט פון זיינע גרונט־פּרינציפּן.

די אָביעקטיוו־רעכטלעכע באַדינגונגען פון אַ נאַציאָנאַלער אויטאָנאָ־מיע זיינען ווייניק אויף צו דערהאַלטן אַ „גייסטיק־קולטורעלע" נאַציאָנאַלי־טעט, אַ נאַציע פון אַ „העכערן טיפּ". דאָס פעלן פון נאַטירלעכע דער־האַלטונגס־פאַקטאָרן שאַפט ניט אָפּ די געפאַר אויך פאַר דער נאַציע פון אַזאַ טיפּ, זי זאָל אונטערפאַלן אונטער דער אַסימילירנדער ווירקונג פון דער אַרומיקער סביבה. עס איז פאַר איר נייטיק שטענדיק צו שטיין אויף דער וואַך. זי מוז פאַרשטאַרקערן די „אינעווייניקסטע שומרים", כּדי דורך דעם אויסצוגלייכן דעם שאָדן פון די פעלנדע „דרויסנדיקע אָפּהיטערס פון דעם נאַציאָנאַלן טיפּ". זי מוז אַנשטרענגען איר נאַציאָנאַלן ווילן צו אַן אויטאָנאָם־קולטורעלער אַנטוויקלונג, ענערגיש אָפּשטויסן די אַסימי־לירנדע ווירקונג פון דער אַרומיקער סביבה — אַ פּראָצעס, וואָס איז באַ־זונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק אין גלות" (ז׳ 11).

„דער נאַציאָנאַלער ווילן — זאָגט ער אין אַן אַנדער אָרט — דער ווילן צום לעבן פון אַ קאָלעקטיווער פּערזענלעכקייט, אַ רעזולטאַט סיי פון דער בירושה אַנגעזאַמלטער ענערגיע, סיי פון די אימפּולסן, וועלכע מיר באַקומען אין דער דערציאונג — אָט אין וואָס עס ליגט אונדזער לעבנס־קראַפט. די אַנשטרענגונג פון אָט דעם נאַציאָנאַלן ווילן דאַרף זיין פּראָפּאָרציאָנעל צו דער סכּנה פון דער „אינעווייניקסטער דעראָבערונג" (ד״ה דער אַסימילאַציע — ח. זש.). כּדי אָבער צו שפּייזן אָט דעם סוביעק־טיוון ווילנס־פאַקטאָר, מוז מען אין אַלע לעבנס־צווייגן אויפהאַלטן אונ־דזער היסטאָרישע עוואָלוציע, כּדי ניט אָפּצורייסן די יונגע צווייגן פון דעם אַלטן שטאַם; מען מוז פאַרשטאַרקן די נאַציאָנאַלע עלעמענטן אין דער דערציאונג, פאַרטיידיקן אונדזער אויטאָנאָמיע פון דער קהילה און אין אַ נאָרמאַלן שטאַט פירן אַן אַקטיווע פּאָליטיק" (ז׳ 1327).

די נאַציאָנאַליסטן, וואָס ווייסן, אַז אין גלות האַלטן מיר זיך נאָר אַ דאַנק דעם אָנגעשטרענגטן נאַציאָנאַלן ווילן, „וועלן שטרעבן שטענדיק שטאַרקער מאַכן יענעם ווילן, דערנערן אים מיט דער געזונטער שפּייז

פון אונדזער מעכטיקער, יאָרהונדערטן אַלטער קולטור, וואָס שאַפט אין זיך איבער אַלע עלעמענטן פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור, און לאָזן אים — [דעם נאַציאָנאַלן ווילן] — אַרויסווייזן זיך אין אַ סוווערענער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וואָס פֿאַר איר באַפעל דאַרפן זיך בייגן אַלע קלאַסן־אינטערעסן, אַלע פּאַרטיי־ און גרופּן־אינטערעסן ... אָט די סוווערעניטעט פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק איז דער דירעקטער אויסדרוק פון דעם פאָלקס סוווערעניטעט, פון זיין נאַציאָנאַלן ווילן, ווי ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דעם גאַנצן גאַנג פון אונדזער געשיכטע. די סוווערעניטעט פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק איז אַ סוראָגאַט אַנשטאָט דער טעריטאָריאַלער איינהייט אין גלות, וועלכער שטעלט זיך אַנטקעגן דער דווערנדער געפֿאַר פון דער „אינעווייניקסטער דעראָבערונג”. די אַנדערע פעלקער, אַפילו די אונטערדריקטע, נאָר וואָס זיינען פֿאַראייניקט דורך אַ טעריטאָריע און אַ געמיינשאַפטלעכער שפּראַך, נייטיקן זיך ניט אַזוי אין יענעם סוראָגאַט, אָדער נייטיקן זיך נאָר אין די מאָמענטן פון געפערלעכע קריזיסן. פֿאַר די הערשנדע פעלקער איז „די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק” אַ שמאַכטפולער כּלי־זיין צו אונטערדריקן די אָפּהענגיקע נאַציעס; פֿאַר דער יידנשאַפט אָבער האָט דער לאָזונג אַ גאַנץ אַנדער זין, אַן אַנדער אינהאַלט: דאָס איז דער איינהייטס־סימבאָל פון דעם צעשטרייטן פאָלק, דער סימבאָל פון קולטורעלן און גייסטיקן זעלבסטשוץ; דאָס איז — דער ערלעכער וועג פון קאַמף פֿאַר דער אייגענער פאָלקס־אינדיווידואַליטעט, וואָס איז מיט קיין זאַך ניט אַרומגעצוימט, אַחוץ די גייסטיקע פאַקטאָרן און דעם אינעווייניק־אויטאָנאָמען סדר פון לעבן” (ז' 336).

דעם מחברס גרונט־שטאַנדפּונקט, וואָס זאָגט, אַז דער תּוך פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט באַשטייט אין דעם באַשאַפן אַן אייגענע „גייסטיקע” קולטור, פירט צו דעם רעזולטאַט, אַז דער באַוואוסטזיניקער נאַציאָנאַלער ווילן צום לעבן אין גלות מוז אָנגעווענדט ווערן הויפּטזעכלעך אָדער גאָר אין גאַנצן אויף די באַפרידיקונג פון דעם פאָלקס גייסטיק־קולטורעלע באַדערפענישן און ניט אויף די באַפרידיקונג פון זיינע סאָציאַל־עקאָנאָמישע נויטן.

דער פּאַלעסטינישער באַוועגונג מאַכט דער מחבר פֿאָרוואורפן דערפֿאַר, וואָס זי האָט געשטרעבט צו פֿאַרענטפערן „ניט אַזוי די נאַציאָנאַל־קולטורעלע, ווי די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פראַגע” (ז' 175). און אויף די ציוניסטן, וואָס האָבן זיך ניט געקאָנט דערהייבן צו די הויכן פון דעם גייסטיק־קולטורעלן נאַציאָנאַליזם, קוקט ער ווי אויף די „בני־נח” („יאַזיטשניקי”) פון דער נאַציאָנאַלער אידעע” (ז' 158). ש. דובנאָווס גייסטיק־

קולטורעלער נאַציאָנאַליזם, זאָגט זיך אָפּ אַריינצוטראָגן וועלכע עס איז נייע ענטפערס אויף דעם פעלד פון דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן פון דעם יידישן פאָלק.

די פראַגע, פון וואָס לעבט דאָס יידישע פאָלק, ווי לעבט עס, צי איז נאָרמאַל די גאַנצע אַטמאָספערע פון זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן, ווי שפּיגלט זי זיך אָפּ אין אַלע זייטן פון זיין לעבנס־פיר, אין אַלע שייכותן צו די אַרומיקע פעלקער אין גלות, אין די באַציאונגען פון די אַרומיקע פעלקער צו אים — אַלע די און נאָך פילע אַנדערע ברענענדע פראַגן פון דער יידישער מאַטעריעלער ווירקלעכקייט פאַרשווינדן לגמרי — און מוזן לאָגיש לגמרי פאַרוואונדן פון דעם גייסטיקן אויג פון דעם גייסטיקן קולטורעלן נאַציאָנאַליזם.

צעזייט איבער פאַרשיידענע לענדער אין גלות, אָן אַן אייגענעם באָדן אונטער די פיס, דאַרף דאָס יידישע פאָלק זיך נאַטירלעך אָפּזאָגן פון אַ וועלכער עס איז זעלבסטשטענדיקייט אין די וויכטיקסטע לעבנס־פראַגן: אין דעם ענין פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פראָבלעמען. ער מוז זיך אויסאיינען מיט דעם געדאַנק, אַז „די סאָציאַל־עקאָנאָמישע צרות זיינען אויסגעפאַלן אויף דעם גורל אויך פון אַ סך טעריטאָריאַלע פעלקער און אין דעם גע־געבענעם פאַל בלייבט פאַר אונדז נאָר צו וואַרטן אויף אַ דערלייכטערונג פון יענעם קאַמף פאַר אַ נייעם פּאָליטישן און סאָציאַלן סדר, אין וועלכן אויך די יידן מוזן נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל צוגלייך מיט אַלע פעלקער, די יידן נאָך דערצו — ווי דער העכסט געקריוודעטער מיטגליד פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער משפּחה״ (ז׳ 175).

אָבער — אויף דעם באָדן פון וועלכער פּלאַטפאָרם, פון וועלכן סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישן פּראָגראַם, דאַרפן די יידן, זיין אייניק מיט די אַנדערע, קעמפן פאַר אַ נייעם פּאָליטישן און סאָציאַלן פיר?

פון דעם מחברס גאַנצער טעאָרעטישער קאָנצעפּציע, וואָס שטרעבט צו פאַראייניקן דעם ווילן פון דער גאַנצער נאַציע אויף דעם קאַמף פאַר אַ ריין גייסטיקע עקזיסטענץ, פליסט קודם־כל אַרויס יענער רעזולטאַט, אַז אַ סאָציאַל־פּאָליטישער פּראָגראַם, וואָס נעמט אָן דעם קלאַסן־קאַמף פון אַרבעט אַנטקעגן קאַפּיטאַל פאַר דעם גרונט־פּרינציפּ פון זיין טאַקטיק, איז אַן אומגליק פאַר די געשיכטלעכע שיקזאַלן פון גייסטיק־קולטורעלן יידנטום.

„אַנשטאָט דער פּאָליטיק פון אַלגעמיינע פאָלקס־אינטערעסן, וואָס שטייען אין דער העכסטער געפאַר — בייזערט זיך ש. דובנאָוו — שלעפּט מען אונדז אויף דעם וועג פון קלאַסן־פּאָליטיק, וואָס שפּאַלט פונאַנדער

יענע אַלגעמיינע אינטערעסן און שטעלט אַוועק אויף זייער אָרט פּריוואַטע אינטערעסן, עקאָנאָמישע! דער קריגס־געשריי: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!" הערט מען פון יידישע לעפצן אין יענעם מאָמענט, ווען די רעטונג פון פאָלק פאָדערט, מען זאָל אַן אַן אויפהער שרייען: יידן פון אַלע קלאַסן און פּאַרטייען, פאַראייניקט אייך!" (ז' 307).

„ווען די פּאָליטיק פון קלאַסן־צעשיידונג — זאָגט ער ווייטער — פירט די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי פון אַ פאָלק, וואָס איז פאַראייניקט נאָר אין זיינע קולטור־נאַציאָנאַלע אינטערעסן און וואָס שטייט אויף יעדן שריט אין דער סכנה איינגעשלונגען צו ווערן פון די אַרומיקע פעלקער, איז דאָס שוין ניט קיין פעלער, ניט קיין איינזייטיקייט, נאָר אַ פאַרברעך, ווייל דאָס פירט צו דעם פונאַנדערפאַל פון דער נאַציע" (ז' 308).

אַ נאַציע פון דעם העכערן, ד"ה, דעם גייסטיק־קולטורעלן טיפּ, דאַרף פירן ניט קיין קלאַסן־פּאָליטיק, נאָר אַ נאַציאָנאַלע פּאָליטיק.

„אַ נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, ד"ה, אַזאַ וואָס האָט צו איר ציל אַרומצוצימען דעם פאָלקס גאַנצקייט און די זעלבסטשטענדיקייט פון זיין קולטורעלער אַנטוויקלונג — זאָגט ער — איז דער העכסטער קריטעריום אומעטום, וואו יענע גאַנצקייט און אינעוויינִיקסטע פרייהייט שטייט אין געפאַר. די יידישע נאַציע אין גלות, אַן לאַנד און צעברעקלט, אומעטום מיט אַ סך מער פיינט (באַוואוסטזיניקע אָדער סטיכישע) איידער פריינד און, מחמת זיין לאַגע, אונטערגעוואָרפן דעם אַסימילירנדן איינפלוס פון פרעמדע קולטורן — געפינט זיך אין דעם אויבן אָנגעצייגטן פּרט אין דעם צושטאַנד פון אַ פּערמאַנענטער געפאַר. ממילא מוז פאַר דער יידנשאַפט די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק שטענדיק זיין דער העכסטער קריטעריום פאַר אַלע פּאַרטייען און קלאַסן, וואָס נעמען ניט אָן דעם פּרינציפּ פון „צונויפמישונג" אָדער פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרלייקענונג. אין דעם פאָלק קאָנען און זאָלן עקזיסטירן פאַרשיידענע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע, גייסטיקע און קלאַסן־גרופּן, אָבער זיי אַלע מוזן זיך אונטערוואַרפן דער העכסטער פירערשאַפט פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. די פאָרמול „סאַליוס פּאָפּולי סופּרעמאַ ליעקס" קאָן אויף דער יידנשאַפט אָנגעווענדט ווערן אות באות: דאָס העכסטע געזעץ אָדער קריטעריום איז גראָד די „רעטונג" (די אומבאַשעדלעכקייט) פון דעם פאָלק, וועמעס וועג אין גלות איז באַזייט מיט געפאַרן".

„די גאַנצע יידישע געשיכטע אין גלות איז די געשיכטע פון אַן ניט־איבערגעריסענעם פאַרטיידיקונגס־קריג, וועלכן די נאַציע האָט געפירט פאַר איר עקזיסטענץ, ווי אַ נאַציע, פאַר איר אינעוויינִיקסטער איינהייט און

אויטאָנאָמיע, ביי דער דרויסנדיקער פּאָליטישער און טעריטאָריאַלער צע־ברעקלטקייט. אין דערינען באַשטייט דער טראַגיזם און דער הויכער העראָאיזם פון אונדזער געשיכטע: דער טראַגיזם פון אַ שטענדיקן קריגס־צושטאַנד, וואָס פאָדערט פון דער נאַציע די אָנשטרענגונג פון אַלע אירע כּוחות פאַרן זעלבסטשוץ און דער העראָאיזם פון בייקומען די גרעסטע שטערונגען אין אַ משך פון צוויי טויזנט יאָר״.

„שאַפט אָפּ אָדער מאַכט באַדייטנד שוואַכער אָט די אָנשטרענגונג פון דער נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונגס־ענערגיע — און די יידנשאַפט וועט זיך פלוצלונג געפינען אין דעם פּאַנטעאָן פון די געשטאָרבענע פעלקער־שאַפטן אָדער היסטאָרישע מומיעס. אָבער צו אַזאַ רעזולטאַט וועט מען קומען, ווען מען זאָל די נאַציאָנאַלע אָדער אַלגעמיין־פאָלקלעכע (איבער־קלאַסן־) פּאָליטיק פאַרבייטן אויף אַן אַנדער העכערן אָדער גלייכווער־טיקן קריטעריום, ווי צום ביישפּיל, די קלאַסן־פּאָליטיק״ (ז׳ 322—323).

אָבער אויב די פּראָגראַמען, וואָס רוען אויף דעם פּרינציפּ פון קלאַסן־קאַמף דאַרפן פאַריאָגט ווערן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, איז דעמאָלט — „וואָס זאָל אין דעם איצטיקן מאָמענט זיין יענע פּאָליטישע פּלאַטפאָרם, אויף וועלכער די מערהייט פון די אַקטיווע קרעפטן אין דער יידנשאַפט וואָלטן געקאָנט, נעמענדיק אָנטייל אין דער אַלגעמיינער מלוכה־טעטיקייט — אַ רעוואָלוציאָנערער און אויפקומענדער — סיסטע־מאַטיש פירן זייער פאָלקס־פּאָליטיק? (ז׳ 308—309).

עס איז פאַר דעם לייענער ניט שווער צו טרעפן דעם ענטפער, וואָס ש. דובנאָוו גיט אויף דער שאלה.

„דאָס איז — ענטפערט ער — די פּלאַטפאָרם פון דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע אָדער, פּינקטלעכער, יענער קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַ־טישער פּאַרטיי, צו וועלכער עס שטייען צו אַלע געזונטע, פּאָליטיש־רייפע עלעמענטן פון דער רוסישער געזעלשאַפט״ (ז׳ 309).

אויף אַזאַ אופן, איז דער לאָגישער אָפּשלוס, די קרוין פון ש. דובנאָווס „גייסטיק־קולטורעל־נאַציאָנאַלן״ בנין ניט קיין אַנדער זאַך ווי דער נאַ־ציאָנאַל־יידישער קאַדעטיזם מיט אַן „עוואָלוציענער־יודאַיסטישן״ אונ־טערשלאַג.

אָט דאָס איז אין אַלגעמיינע שטריכן דער תּוך פון ש. דובנאָווס לערע. מיר ווייסן ניט, צי זי פאַרדינט, מען זאָל זי איבערגעבן אין אַלע פּרטים, דערקלערן זי און קריטיקירן זי. מיר ווילן זיך דאָ באַנוגענען נאָר מיט אַ פּאָר באַמערקונגען. פיל רעכענען ש. דובנאָוון פאַר דעם פּאַטער פון דעם יידישן „אויטאָנאָמיזם״, דעם באַשאַפער פון יענער נאַציאָנאַלער

טעאָריע, וואָס זאָגט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אויף אייביק פאַרמשפּט צו לעבן אין גלות, און דאַרף דאָ, אין די גלות־לענדער, דערשלאָגן זיך צו נאַציאָנאַלע רעכט, איינשטעלן זיך פאַר זיין נאַציאָנאַלער קולטור און אַנטוויקלען זי.

אין איינעם פון וו. זשאַבאָטינסקיס אַרטיקלען (1916), האָבן מיר געפונען אַ דירעקטן אָנווייז, אַז דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פון דעם „בונד״ איז באַשאַפן געוואָרן אונטער דעם איינפלוס פון ש. דובנאָווס „בריוו״.

דאָס איז ניט ריכטיק. די אידעע פון אַ זעלבסטשטענדיקער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ פון דעם יידישן פאָלק אין די גלות־לענדער איז אויסגעוואַקסן אונטער דעם איינפלוס פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק אין די מיטעלע אַכציקער יאָרן, ווי אַ סינטעז פון דעם ציוניזם, וואָס האָט געקעמפט פאַר דער נאַציאָנאַלער ווידערבאַלעבונג פון דעם יידישן פאָלק, אין דעם צווישן־פעלקערלעכן סאָציאַליזם, וועלכן מען האָט פאַר דעם יידישן פאָלק פאַרשטאַנען אַ ביסל צופיל אות באות; אין דער פאָרעם פון אַ זעלבסטשטענדיקער עקזיסטענץ „צווישן די פעלקער״.

אַרבעטן, אמת ניט צאַלרייכע, אָבער דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון יענעם נאַציאָנאַליזם, זיינען דערשינען אין דעם סוף אַכציקער און דעם אָנהייב ניינציקער יאָרן.*

אין 1896, הייסט עס, מיט אַ יאָר פריער, איידער עס זיינען דערשינען ש. דובנאָווס „בריוו״, איז צו די אָנשויאונגען פון דעם „גלות־נאַציאָנאַליזם״ צוגעשטאַנען די דעמאָלטיקע רעדאַקציע פון דעם אויסלענדישן בונדיסטישן אָרגאַן „דער אידישן אַרבעטער״. דער זעקסטער נומער פון אָט דעם צענטראַל־אָרגאַן איז אין גאַנצן געווען דורכגעדרונגען מיט די גרונט־אידעען פון דעם „אויטאָנאָמיזם״. אין דעם זעלביקן נומער האָט דער בונדיסטישער נאַציאָנאַליזם זיך געפּרואווט טעאָרעטיש שאַרף אָפּגרענעצן פון דעם ציוניזם. ער פירט דאָרטן דורך דעם געדאַנק, אַז פאַר דעם נייעם נאַציאָנאַליזם, און זיין אונטערשייד פון דעם אַלטן, איז דער אַנטשיידענער פּרינציפּ ניט דאָס פאָטערלאַנד, ניט די טעריטאָריע, נאָר די זעלבסטשטענדיקע קולטור פון דעם פאָלק.**

---

* איך וויל מיך דאָ פאַררופן אויף מיינע „מיסלי אָב איסטאָריטשעסקיך סודבאַך יעווריייסטוואַ״ פון 1887 און „יעווריי ק׳ יעווריייאַם״ פון 1892. (1916).

** בנוגע דעם „אידישן אַרבעטער״ האָב איך געמאַכט אַ שטיקל טעות. דער זעקסטער נומער איז אַרויס ניט אין 1906, נאָר אין 1908. אָבער אַזוי ווי די אַרטיקלען,

נאָר אויב די טעאָרעטיקער, וואָס האָבן דעמאָלט זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם „בונד״, קאָנען מיט אַ געוויסן רעכט פּרעטענדירן אויף דעם נאָמען די „פאַטערס״ פון דעם קולטורעלן נאַציאָנאַליזם, אין זיין אונטער־שייד פון דעם טעריטאָריעלן, וועלן זיי אין דער פראַגע וועגן דעם גייסטיקן נאַציאָנאַליזם זייער גערן איבערלאָזן ש. דובנאָוון ניט נאָר די ערשטלינג־פּאַלמע, נאָר אויך אַ פּאַטענט אויף אַליין־באַזיץ.

אין דער קולטור־נאַציאָנאַלער קאָנצעפּציע פון די „בונדיסטן״ און די „בונדיזירנדע״ איז ניט אַריין אַפילו קיין שאָטן פון יענעם „גייסטיקן״ נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט זיך ביי ש. דובנאָוון לאָגיש צונויפגעבונדן מיט דעם יודאַאיזם, קאַדעטיזם און דער אָפּלייקענונג פון דעם קלאַסן־קאַמף. דאָרטן איז קיין רייד ניט געווען וועגן דעם, אַז דאָס פאָלק איז מחויב אָפּצוהיטן און צו אַנטוויקלען די אָדער יענע רעליגיעזע, פילאָסאָפישע אָדער אַפילו סאָציאַל־עטישע „טראַדיציעס״, די אָדער יענע זיילן פון אַ „פיל־הונדערט־יאָריקער קולטור״.

איינגעגלייבטע אָנהענגער פון דעם פּרינציפּ פון דער פרייער פּער־זענלעכקייט און דעם פרייען קריטישן געדאַנק, האָבן זיי געוואָלט אויס־קעמפן פאַר זייער פאָלק אַזעלכע פאָרמען פון דעם נאַציאָנאַלן לעבן אין גלות, וואָס זאָלן גאַראַנטירן יעדן יחיד די מעגלעכקייט צו בלייבן אין דעם גבול פון זיין פאָלק און דעם פאָלק די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיין נאַציאָנאַליטעט, אַפילו אויך דעמאָלט, ווען זיי ביידן, סיי דעם יחיד, סיי דעם פאָלק, וואָלט אויסגעקומען אַרויסצוואַרפן איבערן באָרט — ווייל ער האָט אויפגעהערט צו טויגן — דעם גאַנצן (אות באות: דעם גאַנצן) גייסטיקן באַגאַזש, וועלכן אונדזער פאָלק האָט געשלעפּט מיט זיך אין אַ משך פון יאָרהונדערטן: דעם גאַנצן יודאַאיזם, מיט זיין גאַנצער רעליגיע, פילאָסאָפן און מאָראַל.

דאָס הייסט ניט, אַז זיי האָבן זיך פּרינציפּיעל און לגמרי נעגאַטיוו באַצויגן צו יענער גאַנצער קולטורעלער ירושה, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון דעם יידישן פאָלק. דער שרייבער פון די ציילן, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין אויסאַרבעטן די טעאָריע פונעם קולטורעלן נאַציאָ־נאַליזם, איז שוין אויך דעמאָלט געווען איבערצייגט — און איז עד היום

חעגן וועלכע איך רעד דאָ, זיינען געווען געשריבן פון מיר (אונטער דעם פּסעוודאָ־נים „בן אהוד״), בלייבט מיר גאָר נישט צו פאַרריכטן אין טעקסט. און בכלל קאָן מען היסטאָריש באַווייזן, אַז דעם „בונדס״ אויטאָנאָמיזם האָט געשטאַמט פון אַ סאָציאַליסטישן מקור און האָט גאָרניט צו פאַרדאַנקען ש. דובנאָווס טעאָריען. (1916).

געבליבן ביי זיין איבערצייגונג — אַז ניט אַלץ איז צעפוילט אין די אַלטע אוצרות פון אונדזער פאָלק. ער גלייבט, אַז אַ קריטישע דורכ־מוסטערונג פון אונדזער קולטורעלער ירושה וועט אַרויסברענגען אומ־געהייערע אוצרות פון אַזוינע גייסטיקע רייכטימער, וואָס ניט נאָר וועלן מיר זיך ניט דאַרפן שעמען פאַר זיי, נאָר וואָס וועלן אַרויפלייגן אַ חוב אויף אונדזער אינטעליגענץ, פונאַנדעראַרבעטן זיי און מאַכן זיי פאַר דעם אייגנטום פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אָבער אויך פאַר אונדז וועט זייער ווערט באַשטיין ניט אין דעם, וואָס זיי זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פון אונדזערע אָבות, נאָר אין יענע טיפע אַלגעמיין־מענטשלעכע יסודות, וואָס געפינען זיך אין זיי. פאַר אונדז זיינען יענע אוצרות ענג צונויפגעוועבט מיט געוויסע שאַטירונגען פון אונדזער ריין יידישער פסיכיק. אָבער זיי קאָנען גאַנץ זיכער אַריבער־געגאָסן ווערן אין אַנדערע נאַציאָנאַלע פורעמס און ווערן אַ טייל פון דער זיך אַנטוויקלענדער מענטשלעכער קולטור.

פונדעסטוועגן, ווי רויזנפאַרביק מיר זאָלן ניט קוקן אויף דעם ווערט פון געוויסע עלעמענטן אין דעם אַלט־יידישן שאַפן, קאָנען מיר זיי קיינעם ניט אָנהענגען, ניט נאָר ניט דער מענטשהייט, נאָר אַפילו ניט דעם איי־גענעם פאָלק. זייער טריאומף אין דעם קאַמף פון מענטשלעכע געדאַנקען קאָן און זאָל, אַפילו ביי דעם יידישן פאָלק, דערגרייכט ווערן נאָר אויף איין איינציקן אופן: דורך דעם קאַמף פון אידעען.

און אַפילו דעמאָלט, ווען זיי זאָלן האָבן געזיגט, טאָרן זיי ניט ווערן קיין צענז, וואָס באַשטימט די צוגעהעריקייט צו דער יידישער נאַציאָ־נאַליטעט. די דאָזיקע צוגעהעריקייט דאַרף אויך ביי אונדז זיין, ווי ביי אַלע פעלקער, לחלוטין אומאָפּהענגיק פון וועלכע עס איז מיינונגען און גלויבונגען.

מען קאָן זיין אַ ייד ניט נאָר, „לויט דעם בעל־שם אָדער לויט ספּי־נאָזע“. מען קאָן זיין אַ ייד אויך לויט ישו, דעם קריסט. איך קאָן זיין אַן אָנהענגער פון דעם „מיסטישן עראָטיזם“, לאָמיר זאָגן, לויט שבתי־צבי, אָבער אויב אין דעם פונקט געפעלט מיר בעסער ה׳ וויאַטשעסלאַוו איוואַנאָוו, הער איך דערפון ניט אויף צו זיין אַ ייד.

אַלע שאַטירונגען פון דעם פילאָסאָפישן, רעליגיעזן און סאָציאַל־פּאָליטישן געדאַנק, די גאַנצע גאַמע פון מענטשלעכן אמת־זוכן און פון מענטשלעכע פאַראירונגען טאָרן ניט אויסגעשלאָסן ווערן פון דער יידישער באַשאַפונגס־ספערע. אַזאַ אָדער אַן אַנדער געדאַנקען־קרייז, וואָס זאָל זיין אָבליגאַטאָריש פאַר דעם יידישן פאָלק, וועט, ווי ברייט ער זאָל ניט זיין,

אומבאַדינגט באַשאַפן אַ ווייטע ספערע פאַרבאַטענע געדאַנקען־פּרוכטן, וואָס ליגן דרויסן פון אים. און מיט דעם וואָלט געמוזט גיין האַנט אין האַנט אַן אינקוויזיטאָריש גראָבן זיך אין דעם אַנדערנס געוויסן, אַן אומגעזעצלעך אַריינרייסן זיך פון דער נאַציע אין די העכסטע אינטימע עולמות פון דעם יחידס לעבן.

אַן אָבליגאַטאָרישע וועלט־אַנשויאונג, ווען אַפילו זי וואָלט באַשטאַנען נאָר אין דעם, מען זאָל ניט צולאָזן קיין אַנשויאונגען, וואָס זיינען „שעדלעך" פאַרן פאָלק, וואָלט אויפגעהאַלטן און פאַראייביקט דעם אַנטאַגאַניזם צווישן די אָפיציעלע אַנשויאונגען פון דעם פאָלק און די פרייהייט־ליבנדע שטרעבונגען פון דעם יחיד — אַן אַנטאַגאַניזם, וואָס האָט ביז אַהער כמעט אומעטום געהערשט אין דער יידישער געשיכטע און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר איר העכסט טראַגישע און אַמווייניקסטן סימפּאַטישע זייט.

די אָבליגאַטאָרישע וועלט־אַנשויאונג וואָלט בלי־ספק פאַרמשפט דאָס פאָלק צו אַ שטילשטאַנד אָדער אַפילו צו אַ גייסטיקן רעגרעס. ווען עס זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז דער פּראָגרעס פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן געדאַנק גייט ניט נאָר להיפך צו די אָדער יענע פאָרמען און דערשיינונגען פון יענער וועלט־אַנשויאונג, נאָר איז אַבסאָלוט פיינטלעך צו זייגע פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן.

אַזאַ אָדער אַנדער אַרויסגעצוואונגענער געדאַנקען־גאַנג, אַפילו דער אָדער יענער קרייז פון גייסטיקע אינטערעסן, וואָס זאָל לכתחילה דיקטירט ווערן דעם פאָלק, וועט אומפאַרמיידלעך מוזן פירן דערצו, אַז די מער רעוואָלוציאָנערע פערזענלעכקייטן, די וואָס גייען זיך אָמראַדיקאַלסטן פונאַנדער מיט זייער סביבה, וועלן זיין געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס אייגענע פאָלק און זען צושטיין צו אַנדערע, פרייערע פעלקער און קולטורן.

יענע פערזענלעכקייטן זיינען אָבער גראָד דער פערמענט, וואָס לאָזט ניט רוען דעם קולטורעלן פּראָגרעס. זיי דריקן אויס אַלע יענע רעוואָלוציאָנערע פּרינציפּן, וואָס זיינען אַנגעוואַקסן אין אַלע צווייגן פון דעם פאָלקס־לעבן. גייען זיי אַוועק, דעמאָלט וועלן בלייבן אין דער היים, ווי טרייע קינדער, נאָר די צרהדיקע בינונים מיט דעם ענגן, פיליסטערישן האָריזאָנט פאַר זייערע געדאַנקען און געפילן.

די גאַנצע געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק באַווייזט די ריכטיקייט פון דעם נאָר וואָס געזאָגטן און שטעלט גענוג קלאָר אַרויס אָט די הויפּט־צרה פון דעם יידישן לעבן אין גלות.

ש. דובנאָווס פּראָגראַם שאַפט ניט אָפּ די צרה. ער באַפרייט ניט דעם

יידישן געדאַנק פון יענע נעצן און קייטן, וועלכע די יידישע נאַציע האָט אַרויפגעלייגט אויף אים, דעם געדאַנקען, מיין איך, אין די אינטערעסן פון דער נאַציאָנאַלער זעלבסטדערהאַלטונג. ש. דובנאָוו שטרעבט נאָר צו באַגילדן יענע קייטן, מאַכן זיי לייכטער, ניט אַזוי שניידנד און צוגעבן זיי דעם אויסזען פון נאַציאָנאַלע „בראַסלעטן", וועלכע יעדער ייד זאָל דאַרפן טראָגן מיט שטאָלץ.

דער קולטורעלער נאַציאָנאַליזם פון די „בונדיזירנדע" איז ניט געווען שולדיק אין אַזעלכע גרייזן. אונדז האָט זיך געדוכט, אַז מען קאָן אין גלות גופא דערשלאָגן זיך צו גאַנץ נאָרמאַלע באַדינגונגען פאַר דער אַנט־וויקלונג פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט.

מען דאַרף נאָר אויסקעמפן נאַציאָנאַלע רעכט פאַר דעם יידישן פאָלק, מען דאַרף נאָר דורך פאַסיקע ריין־יידישע דערציאונגס־ און קולטור־אַנשטאַלטן אויפהייבן די גערעדטע יידישע שפּראַך (דעם אַזוי אָנגערופענעם זשאַרגאָן) צו דער מדרגה פון אַ ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער, נאַציאָנאַ־לער שפּראַך, און די דערהאַלטונג פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט איז פאַרוואָרנט אויף אַזוינע באַדינגונגען, וואָס וועלן מאַכן לחלוטין איבעריק די צוגעהעריקייט צו געוויסע רעליגיעז־פילאָסאָפישע טראַדיציעס.

די יידישע איינצל־פּערזענלעכקייטן וועלן זיך באַפרייען פון אַלע שטריק, וואָס די נאַציע לייגט אויף זיי אַרויף אין דעם נאָמען פון איר דערהאַלטונג. צונויפגעבונדן אין איינעם דורך דער איינהייט פון דער יידי־שער שפּראַך און אויך דורך יענעם נאַטירלעכן שטרעבן צו זיין זעלבסט־שטענדיק און פריי פון אַנדערע פעלקער, וואָס יעדעם פאָלק ווייזט אַרויס, בעת עס פאַרענטפערט זיינע קולטורעלע פּראָבלעמען, וועלן אויך די יידן, ווי אַלע אַנדערע פעלקער, גאַנץ נאַטירלעך, אָן אַ ברעקל „העראָאיזם" און „טראַגיזם", אָן אַ באַזונדערע אָנשטרענגונג פון דעם נאַציאָנאַלן ווילן, לעבן אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן, ד"ה, איבעראַרבעטן אויף זייער איי־גענעם אופן דעם גאַנצן מעכטיקן אוצר פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור, אַפילו יענעם טייל, וואָס איז ביז אַהער געווען אַ פאַרבאָטענע פרוכט פאַר דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, ווייל זי האָט געשטעלט אין געפאַר די זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ פון דער נאַציע.

אויב די מאַיאָריטעט פון דעם יידישן פאָלק וואָלט זיך ווען עס איז פאַראינטערעסירט אין קריסטנטום, וואָלט זי געקאָנט אָננעמען די קריסט־לעכע אמונה אויף פאַרמעל און זי וואָלט דערביי גאָרנישט ניט געליטן אין דעם נאַציאָנאַלן זין. אַ קריסטנטום, וואָס וואָלט געוואָרן די אמונה פון אַ באַדייטנדע צאָל יידן, וואָלט אומפאַרמיידלעך באַקומען אַן אייגע־

נעם אָריגינעלן כאַראַקטער, וואָס שטימט צונויף מיט די באַשאַפונגס־פאַרמען פון דער יידישער פסיכאָ־פיזישער אָרגאַניזאַציע.

דעם זעלביקן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער וואָלט אויך אָנגענומען יעדער אַנדער געדאַנקען־סיסטעם, אויב אַ באַדייטנדע צאָל יידן וואָלט אַריבער־גענומען אים פון דער אַרומיקער סביבה און אויב ער וואָלט ווערן ווייטער פונאַנדערגעאַרבעט פון יידישע קרעפטן אין דעם גבול פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט.

די יידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ וואָלט געקאָנט פריי און אָן מורא פונאַנדערוויקלען די פאָן פון דעם אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם פאַר די יידישע אַרבעטנדע מאַסן, אין איינעם מיט זיי אַריינגעמען אין די אייגענע הענט דעם גורל פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן פאָלק און, דורך דעם קלאַסן־קאַמף פון דער יידישער אַרבעט אַנטקעגן דעם יידישן קאַפּיטאַל, דורך דעם אַנטייל נעמען אין דער אַל־וועלטלעכער באַפרייאונגס־באַוועגונג פון דעם סאָציאַליזם, פאַרזיכערן דעם טריאומף פון זיינע אידעאַלן אויך אין די גרענעצן פון דער יידישער נאַ־ציאָנאַליטעט. אין דער משפחה פון דער באַפרייטער מענטשהייט, וואָלט דאָס יידישע פאָלק פאַרנומען, ווי אַ נאַציע, יענעם גלייכבאַרעכטיקטן פלאַץ, וועלכן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם גאַראַנטירט אַלע פעל־קער אָן אַן אויסנאַם.

דער קולטורעלער נאַציאָנאַליזם פון די „בונדיזירנדע״ איז, לויט זיינע טעאָרעטישע אַנשויאונגען און אידעאַלן, געווען אַקוראַט אַזוי ווייט פון ש. דובנאָווס „גייסטיק־קולטורעלן״ נאַציאָנאַליזם, אויף וויפל דער סאָ־ציאַליזם איז ווייט פון דעם קאַדעטיזם.

עס איז ניט דאָ דער אָרט אויסצורעכענען אַלע יענע פאַרשיידענע אַרגומענטן, וואָס האָבן געצוואונגען דעם יידישן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן געדאַנק זיך אָפּצוזאָגן פון דעם גלות־נאַציאָנאַליזם און איינצוזען יענעם, אין מיינע אויגן, באַשיימפּערלעכן אמת, אַז עס איז אוממעגלעך צו האָבן אַ פרייע קולטורעלע אומאָפּהענגיקייט דאָרטן, וואו עס איז ניטאָ קיין באָדן פון אייגן לאַנד אונטער די פיס. אַלע צווייגן פון דער מענטשלעכער קולטור זיינען צונויפגעוואָקסן אין איינעם און די הויפּט ראָלע אין זיי שפּילן די סאָציאַל־פּאָליטישע און די עקאָנאָמישע באַציאונגען. כדי צו האָבן אַ זעלבסטשטענדיקן קולטורעלן לעבן בכלל, מוז מען דעריבער פריי־ער האָבן די מעגלעכקייט זעלבסטשטענדיק איינצואָרדענען דאָס עקאָנאָ־מישע און דאָס סאָציאַל־פּאָליטישע לעבן פון דעם פאָלק. אָבער דאָס ווידער איז פון זיין זייט אוממעגלעך דורכצופירן אָן אַן אייגענעם לאַנד, ד״ה, אָן

אַ טעריטאָריע מיט אַ האָמאָגענער יידישער באַפעלקערונג, פאַרבונדן מיט דעם רעכט איינצואָרדענען די יסודות פון דעם עקאָנאָמישן לעבן אַזוי ווי דאָס שטימט צונויף מיט דעם ווילן פון דער מאַיאָריטעט.

עס איז אויך ניט דאָ דאָס אָרט אָפּצושטעלן זיך באַריכות אויף דעם באַווייז פון יענעם געדאַנק, אַז דער „דריטער אַגרעגאַט־צושטאַנד" פון אַ קולטורעלער נאַציע — דער „גאַזפאָרמיקער" אָדער „גייסטיקער" — וועט פּאָזיטיוו פאָדערן, מען זאָל אָנווענדן אַן אומגעהויערע מאַסע ענערגיע, כדי גובר צו זיין די אַנציאונגס־קראַפט פון די שטאַרקערע, סאָלידערע נאַציאָנאַלע קערפּערס און כדי איינצוהאַלטן די „קינעטישערע" טיילעכלעך אין דעם גבול פון דעם „לופט־אַרטיקן" גאַנצן.

ניט קוקנדיק אויף אַלע אָנשטרענגונגען פון דעם נאַציאָנאַלן ווילן, וועט אַ טייל פון דעם יידישן פאָלק — און דווקא פון זיינע בעסטע קינדער — זיך אָפּשפּאַלטן פון אים, אַן אַנדער טייל וועט אומפּענדלען ווי אַן אומרו, צווישן צוויי פּאָלוסן פון קולטורעלער צעציאונג, נאָך אַ טייל וועט זיך איינמאַרענירן אין הערמעטיש פאַרמאַכטע כּלים פון דעם טראַדיציאָנעלן יידנטום, און נאָר די קאָמפּראָמיסלעכע מיטלמעסיקייט וועט אויסאַרבעטן אַ מין „גייסטיקן" נאַציאָנאַליזם, אָן ברייטע פּערספּעקטיוון און אידעאַלן, אָן אַ גרויסן שוואונג פון נאַציאָנאַלן שאַפן און וועט אָנשטרענגען דעם גאַנצן „נאַציאָנאַלן ווילן צום לעבן", כדי אויסצומיידן די עקסטרעמען אין דעם רעליגיעזן, פילאָסאָפישן און סאָציאַל־פּאָליטישן געדאַנק. אין־דער־וואָכן וועט זי, אין דעם עפנטלעכן און דעם פּאָליטישן לעבן, זיך נאָכשלעפּן נאָך דעם עק פון אַקוראַט אַזאַ קאָמפּראָמיסלעכער מיטלמעסיקייט ביי די אַנדערע פעלקער און נאָר אין שבתים און יום־טובים וועט זי מיט דער זעלביקער אָפּגעהיטקייט וועבן יענע „גייסטיקע" שפּינוועבס, וואָס דאַרף אָפּהיטן דאָס יידישע פאָלק פון דער „פּערמאַנענטער געפאַר" — פאַרשלונגען צו ווערן פון די אַנדערע פעלקער.

ש. דובנאָוו זעט אין אַזאַ „פּערמאַנענטן" לעבן איבער אַן אָפּגרונט אַ באַזונדער „טראַגיזם און העראָאיזם" און דערבליקט אין אים דעם דערקענונגס־שטריך פון דער יידישער געשיכטע, איר באַצויבערנדן חן. אָבער ש. דובנאָוו, ווי עס שיינט, לאָזט אַרויס פון אויג איין איינציקן, זייער אַ וויכטיקן אומשטאַנד.

דאָס יידישע פאָלק לעבט און הערט ניט אויף צו לעבן איבערן אָפּגרונט, באַזעלט דורך דעם ליידנשאַפטלעכן גלויבן: אַז ער וועט אין גיכן אויסגעלייזט ווערן פון אַזאַ לעבן. ער האָט אַריבערגעטראָגן אַלע יסורים פון גלות, ווייל ער איז געווען איבערצייגט, אַז צו דעם גלות

דאַרף קומען אַ סוף, אַז ער וועט זיך באַלד צוריק אומקערן אין זיין אייגן לאַנד און דאָרטן וועט ער אָנהייבן פירן אַ פרייען, זעלבסשטענדיקן לעבן און וועט אַלע פעלקער באַווייזן אַ ביישפּיל, ווי אַזוי מען זאָל פאַר־ווירקלעכן דעם יושר בין אָדם לחברו.

אָט צו דעם נאַציאָנאַלן טרוים אונדזערן וועגן אַן אַלוועלטלעכער מיסיע פון יידישן פאָלק אין זיין אייגענעם לאַנד קאָן מען זיך אָוועק־שטעלן, ווי מען וויל. אָבער נאָר אָט דער נאַציאָנאַלער טרוים, אָט דער נאַציאָנאַלער גלויבן האָט אַרומגעוועבט מיט הערצאַישער, טראַגישער שיינקייט די היסטאָרישע שיקזאַלן פון דעם יידישן פאָלק אין גלות.

נעמט אַרויס פון דער יידישער געשיכטע אָט די נשמה, נעמט ביי איר אָוועק אַפילו נאָר דעם טרוים וועגן נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט, און די גאַנצע יידישע געשיכטע באַווייזט זיך פאַר אונדז דעמאָלט ניט אין אַ הערצאַישער, נאָר אין אַ פּאַטאָלאָגישער באַלייכטונג. און איר גאַנ־צער הערצאַיזם ברענגט אונדז אַקוראַט אַזוי ווייניק אַריין אין התלהבות, ווי ווייניק מיר ווערן נתפּעל פון אַלע יענע הערצאַישע זעלבסט־פּייני־קונגען, וואָס ווערן דורכגעפירט פון סעקטאַנטישע פאַנאַטיקער, ווען זיי פאַלן אַריין אין אַ רעליגיעזן עקסטאַז.

ש. דובנאָוו מונטערט אויף דאָס יידישע פאָלק, עס זאָל אויך אויף ווייטער ניט אויפהערן „טראַגידירן" און „העלדעווען" — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — ניט אין דעם נאָמען פון אַ דורכאויס אומאָפּהענגיקן נאַציאָנאַלן לעבן, נאָר אין דעם נאָמען פון דעם „עוואָלוציאָנערן יודאַ־איזם". דער לייענער האָט אַ רעכט צו פאָדערן פון אים, ער זאָל דאָך אַמאָל דערקלערן וואָס פאַר אַ מין בריאה דאָס איז, אָט דער „עוואָלוציאָ־נערער יודאַאיזם", וואָס צוליב אים זאָל זיך לוינען צו בלייבן אין אַ „פּערמאַנענטער געפאַר".

ליידער האָבן מיר אין דעם גאַנצן בוך „בריוו" ניט געפונען קיין איין שורה, וואָס זאָל אונדז אָנווייזן יענע יסודות פון דעם יודאַאיזם, וואָס זיינען טייער ש. דובנאָוון, אויף יענע אייביקע שטריכן, וואָס שיידן אַרויס דעם יודאַאיזם פון דעם גאַנצן סכום גייסטיקע שטרעמונגען און וואָס גיבן אים די מעגלעכקייט, עוואָלוציאָנירנדיק, אייביק בלייבן יו־דאַאיזם.

איבער דעם גאַנצן בוך פון דעם „בריוו" טראָגט זיך אַרויס ש. דוב־נאָווס „גייסטיקער נאַציאָנאַליזם", ווי דער „רוח אלוהים" איבערן אָפּ־גרונט און ווי, כּביכול, דער רוח אלוהים, פאַרבאַרגט ער אין עקשנות זיין פּנים פון יעדן בשר־ודם. מיר האָבן קיין רעכט ניט צו צווייפלען,

אַז אין ש. דובנאָווס געדאַנקען האָט דער יודאַאיזם אַ באַשטימטע „צלם ודמות". אָבער עס איז ווייניק צו האָבן אים נאָר אין די געדאַנקען!

אַ טעאָריע, וואָס פאָדערט, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל זיך דערהאַלטן צוליב אַ באַשטימטער אידעע, האָט קודם־כּל באַדאַרפט דערקלערן דעם אינהאַלט פון יענער אידעע פאַרטיידיקן איר רעכט אויף עקזיסטענץ און ווייטערדיקע אַנטוויקלונג; געדאַרפט באַווייזן, אַז נאָר דאָס יידישע פאָלק קאָן אויספירן אָט די מיסיע, און ערשט דערנאָך זיך נעמען פאַר יענע פּראַקטישע אויספירן, וואָס ווערן דיקטירט פון דער אידעע.

אמת, וואָס פאַר אַ שיינעם „צלם ודמות" דער דובנאָווישער יודאַאיזם זאָל ניט האָבן דערביי אַרויסגעוויזן, וואָלט ער ניט געקאָנט דינען ניט ווי אַ ציל פאַר רעהאַביליטירן דעם גלות און ניט ווי אַ באַזיס פאַר דעם נאַציאָנאַלן לעבן. מחמת יעדער באַשטימטער אידעאַלער אינהאַלט מאַכט זיינע אָנהענגער ניט פאַר קינדער פון איין נאַציע, נאָר פאַר גלייביקע פון איין אמונה. באַפרייען די נאַציע פון אַן אָבליגאַטאָרישער רעליגיע און פון וועלכע עס איז אָבליגאַטאָרישע אַנשויאונגען איבערהויפּט — דאָס איז די הויפּט־באַדינגונג פאַר איר פרייער גייסטיקער אַנטוויקלונג. נאָר דערפאַר וואָלט ש. דובנאָווס גאַנצע טעאָריע לפּחות געהאַט דעמאָלט אַ וואָסער עס איז „צלם ודמות". איצטער אָבער איז זיין „גייסטיקער נאַציאָנאַליזם" אַזאַ: ניט נאָר ראָט ער דעם יידישן פאָלק עס זאָל זיך אייביק אַרומטראָגן איבערן אָפּגרונט, נאָר ער האָט אַליין אויך ניט קיין ברעקל טעאָרעטישן גרונט אונטער זיינע פיס.

אין ש. דובנאָווס גאַנצער לערע זיינען נאָר דאָ צוויי עלעמענטן, וואָס זיינען טיף ריכטיק און לעבנס־פעאיק. איינער פון זיי איז דער קאַמף אַנטקעגן דער אַסימילאַציע, וואָס אים האָט דער מחבר געווידמעט אַ סך בלעטער, פול איידעלן שׂכל און פון גרונט, אמתן, הייסן געפיל. דער צווייטער עלעמענט איז די פאָדערונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער ווידערבאַלעבונג אין אַלע גלות־לענדער אויף די יסודות פון נאַציאָנאַל־רעכטלעכע אויטאָנאָמיע.

דאָס נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע לעבן אין גלות, איז ביי געוויסע באַדינגונגען, געוויס אַ פאַרטזעצונג פון דעם יידישן היסטאָרישן לעבן.

אונדזער פאָלק האָט באמת באַוויזן דער וועלט אַ וואונדער. ווי אַן אַקראָבאַט אויף אַ שטריק, אַזוי איז עס איבער אַן אָפּגרונט געגאַנגען זיין היסטאָרישן וועג מיט אַ באַלאַנס אין די הענט, דעם רעליגיעזן גלויבן אין משיח. כּל זמן עס וועט ניט האָבן קיין באָדן אונטער זיינע פיס, וועט עס געצוואונגען זיין ווייטער צו גיין דעם זעלביקן וועג. דער יידי־

שער פּראָלעטאַריאַט און די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, ווי די פאָרט־געשריטנסטע שיכטן פון פאָלק, ווילן ניט קאָנען אויסמיידן די זעלביקע טרויעריקע היסטאָרישע נויטווענדיקייט. אָבער אַנשטאָט דעם אַלטן, דורכאויס צעפוילטן באַלאַנס — דעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזן גלויבן אין משיח — גיבן זיי אין די הענט פון דעם בלוט־אייגענעם פאָלק אַ נייעם באַלאַנס: — דעם גלויבן אין די אייגענע קרעפטן, וואָס דאַרפן ווידער אָפּגעפרישט ווערן אין גלות. מיט די אייגענע כּוחות, און נאָר מיט זיי אַליין דאַרף דאָס פאָלק זיך דעראָבערן „לאַנד און פרייהייט״.

די יידישע סאָציאַליסטן גייען דעם זעלביקן היסטאָרישן גלות־וועג אין איינעם מיטן פאָלק, אָבער זיי אידעאַליזירן אים ניט, זיי פאַרוואַנדלען ניט „די נויט אין אַ מצווה״, ווי דאָס טוט ש. דובנאָוו. זיי פאַרשטייען גאַנץ גוט זיין „טראַגישן העראָאיזם״, ווייל אויך אין זייער האַרצן לעבט דער זעלביקער אידעאַל פון דער פולער נאַציאָנאַלער ווידערבאַלעבונג אין אַן אייגענעם לאַנד.

אָן אָט דעם אידעאַל, וואָלט דער „טראַגישער העראָאיזם״ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „אַ טראַגי־קאָמישן העראָאיזם״ פון אַ פּאָר קיינעם ניט ניצלעכן, אומפּרוכטבאַרן און „פּערמאַנענט־געפערלעכן״ אַקראָבאַטנטום.

ש. דובנאָוו איז אַמאָל געווען אַ קאָסמאָפּאָליט און ממילא אַן אַסימילאַטאָר. דאָס ווערט אויך אין זיינע „בריוו״ דערמאָנט. איצטער זיינען די בעסטע בלעטער פון זיין ווערק געווידמעט דעם קאַמף אַנטקעגן קאָסמאָפּאָליטיזם און אַסימילאַציע.

הייסט עס, אַז ער געהערט צו דער צאָל פון יענע מענטשן, וואָס ווערן ניט איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרגליווערט אין אַ וועלכער עס איז דאָגמע. לאָמיר האָפן, אַז אויך דער „גייסטיקער״ נאַציאָנאַליזם איז ניט די לעצטע סטאַנציע אין ש. דובנאָווס אַנטוויקלונג.

מען קאָן זיין זיכער, אַז אויב די קראַפט פון זיין קריטישן געדאַנק וועט זיין אַקוראַט אַזוי שטאַרק, ווי עס איז זיין נאַציאָנאַל געפיל, ווי אויפריכטיק עס איז זיין צער איבער דער לאַגע פון אונדזער פאָלק, וועט ער פריער אָדער שפּעטער אָוועקגעבן זיינע אויסעראָרדנטלעכע פעאיקייטן, כּדי צו דינען ניט דעם נאַציאָנאַלן ווילן צו לעבן איבערן אָפּגרונט, נאָר דעם נאַציאָנאַלן ווילן צו אַ נאָרמאַלן מענטשלעכן לעבן אין אַן אייגענעם לאַנד.

בערן, שווייץ, 1908.

צו דער טעאָריע פון נאַציאָנאַליטעט

כמעט אַלע טעאָרעטיקער פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָבן געמאַכט איין גרונט־פעלער, וואָס האָט שעדלעך געווירקט אויף די וויסנשאַפט־לעכע אויספאָרשונגען פון דעם ענין. זיי אַלע האָבן געמיינט, אַז נאַציאָ־נאַליטעט — דאָס איז עפּעס אַ מין זאַך, וואָס שטעקט אין יעדער נאַציע; אַ געוויסער סימן, אָדער עטלעכע סימנים, וועלכע מען קאָן אויסגעפינען, בעת מיר שטודירן אַ וואָסער עס איז נאַציאָנאַלע גרופּע, ווי מען קאָן, צ״ב, אויסגעפינען די סימנים פון אַ מענטשן, ווען מען שטודירט יעדן איינצל־מענטשן. מען האָט אַרויסגעלאָזן פון אויג יענעם אַנטשיידנדיקן פאַקט, אַז נאַציאָנאַליטעט איז ניט עפּעס אַבסאָלוטעס, נאָר עפּעס דורך און דורך רעלאַטיוועס, אַזוינס, וואָס טרעט אַרויס נאָר יעמאָלט, ווען איין נאַציע ווערט פאַרגליכן מיט דער אַנדערער.

די סימנים פון אַ מענטשן זיינען אַבסאָלוטע סימנים. זיי וועלן עק־סיסטירן אַפילו יעמאָלט, ווען פון דער גאַנצער מענטשהייט זאָל בלייבן נאָר איין מענטש. די סימנים פון נאַציאָנאַליטעט אָבער זיינען רעלאַטיווע סימנים: זיי קאָנען עקסיסטירן נאָר יעמאָלט, ווען עס זיינען דאָ פאַר־שיידענע נאַציעס.

אַ ביישפּיל וועט אונדז קלאָר מאַכן, וואָס מיר ווילן דערמיט זאָגן.

די איינוואוינער פון דער טולער גובערניע זיינען ניט קיין באַזונדער נאַציע. ווי די טולער זאָלן ניט זיין ענלעך איינע צו די אַנדערע, וועט זיי קיינער ניט אַרויסשיידן אין אַ באַזונדער נאַציע, און זיי אַליין וועלן ניט האָבן די פּרעטענזיע צו פאָדערן אַזאַ מין זאַך. עס קאָן ניט געמאָלט זיין אַ רייך־טולישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג.

פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? — דאָס איז דערפאַר, ווייל די טולער שיידן זיך מיט קיין זאַך ניט אָפּ פון דעם אַלגעמיינעם, גרויס־רוסישן שטאַם. נעמט אָבער די טולער און טראָגט זיי אַריבער אַלעמען, מיט זייערע דערפער און מיט דער גאַנצער קולטור זייערע, לאָמיר זאָגן, קיין קאַנאַדע, און דער גאַנצער ענין באַקומט מיט אַמאָל גאָר אַן אַנדער אויס־זען. די טולער זיינען געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע גרופּע, און די נאַציאָנאַלע

גרופּע איז געוואָרן די אורזאַך פון פילע נאַציאָנאַלע דערשיינונגען און באַוועגונגען. זי קעמפט מיט די אַנדערע גרופּעס פאַר איר נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ, אָדער פאַר דער נאַציאָנאַלער אויבערהערשאַפט. זי אַסימי־לירט זיך מיט די אַנדערע גרופּעס, אָדער אַסימילירט די אַנדערע גרו־פּעס מיט זיך.

פאַר וואָס זיינען די טולער מיט אַמאָל געוואָרן אַ נאַציאָנאַליטעט? דערפאַר, וואָס אויף דער פאַן פון די קאַנאַדישע פעלקער האָבן זיי זיך גענומען בולט אַרויסשיידן; דערפאַר, וואָס זיי שיידן זיך איצטער אָפּ מיט אַ סך סימנים פון דער איבעריקער קאַנאַדישער באַפעלקערונג.

אמת, מען קען דערויף ענטפערן, אַז די טולער שיידן זיך אָפּ פון אַנדערע, פונקט לויט יענע סימנים, דורך וועלכע זיי זיינען פאַרבונדן מיט דעם גרויס־רוסישן פאָלק צו איין נאַציע. דער סכום און דער כאַראַקטער פון די סימנים, לויט וועלכע מיר דערקענען אַ נאַציאָנאַליטעט, מוזן דעריבער בלייבן די זעלביקע, אַלץ איינס, צי וועלן מיר זיי באַ־טראַכטן, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס בינדט צונויף אַ סך מענטשן אין איין נאַציע, אָדער ווי עפּעס אַזוינס, וואָס טיילט זיי אָפּ פון די איבעריקע מענטשן.

אָבער דאָס קאָן זיך אויסדוכטן נאָר אויף דעם ערשטן אויבער־פלעכלעכן בליק. און אין דער אמתן! די טולער האָבן דאָך אין איינעם מיט דעם גרויס־רוסישן שטאַם אַ גאַנצן סכום אַלגעמיין מענטשלעכע סימנים, אין וועלכע זיי זיינען ענלעך אויך צו די קאַנאַדער. זיי האָבן צוויי הענט, צוויי פיס, צוויי אויגן אאַז״וו, אָבער נאָך די סימנים נאָך קאָן מען בשום אופן ניט פעסטשטעלן זייער נאַציאָנאַליטעט, מוז מען פון דעם גאַנצן סכום סימנים, וועלכע אַ וואָסער עס איז פאָלק האָט, אַראָפּ־וואַרפן פון חשבון גראָד יענע, לויט וועלכע זיי שיידן זיך ניט אָפּ פון די אַנדערע. און דערפון איז ווידער געדרונגען אַז, בעת מיר שטודירן די פראַגע וועגן נאַציאָנאַליטעט, מוז אונדז אינטערעסירן ניט דאָס, וואָס מאַכט, אַז די איינצל־מענטשן פון דער נאַציאָנאַליטעט זאָלן זיין ענלעך איינע צו די אַנדערע (זיי זיינען ענלעך איינע צו די אַנדערע שוין אויך אין דעם, וואָס זיי זיינען איבערהויפּט מענטשן). אונדז דאַרף אינטערע־סירן קודם כל דאָס, וואָס שיידט זיי אָפּ פון די אַנדערע. אַ נאַציע איז אַ גרופּע פון מענטשן, וואָס זיינען פאַרבונדן אין איינעם דורך סימנים, מיט וועלכע זי שיידט זיך אָפּ פון אַן אַנדער נאַציאָנאַלער גרופּע*).

---

* דאָס איז נאָך ניט די ריכטיקע באַגריף־באַשטימונג פון אַ נאַציע, נאָר אַ

אָבער, אויב עס איז אַזוי, יעמאָלט מוזן מיר צוגעבן, אַז דער כאַ־ראַקטער פון די פאַרשיידנקייטן, מיט וועלכע איין נאַציע שיידט זיך אָפּ פון דער אַנדערער, הענגט דורך־און־דורך אָפּ פון דעם אויסזען פון יענע פאַרשיידענע נאַציעס, וועלכע מיר פאַרגלייכן. אונדזערע טולער וואָלטן זיך אָפּגעשיידט פון די קאַנאַדער מיט אַסך סימנים און צווישן די סימנים וואָלט אויך געשפּילט אַ ראָלע דער פאַקט, וואָס די טולער גע־הערן צו דער „פּראַוואָסלאַוונער" רעליגיע. די רעליגיע איז אין דעם פאַל אַ נאַציאָנאַלער סימן. אָבער זאָל מען די טולער אַריבערטראָגן פון קאַנאַדע צו די קליין־רוסן אין גאַליציע, און די פּראַוואָסלאַוונע רע־ליגיע וועט מיט אַמאָל אויפהערן צו שפּילן אַ וועלכע עס איז נאַציאָנאַלע ראָלע, ווייל די קליין־רוסן האָבן די זעלביקע פּראַוואָסלאַוונע אמונה. פון די גאַליצישע קליין־רוסן וואָלטן זיך די טולער אויך אין אַ סך אַנ־דערע פּונקטן ווייניקער אָפּשיידן, איידער פון די קאַנאַדער. הייסט עס, אַז, ווי דאָס זאָל ניט קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, זיינען די טולער אין פאַר־גלייך צו די קליין־רוסן ווייניקער אַ נאַציאָנאַליטעט, איידער אין פאַר־גלייך צו די קאַנאַדער, און זיי הערן אויף איבערהויפּט צו זיין אַ נאַציאָ־נאַליטעט, ווען מען פאַרגלייכט זיי מיט די גרויס־רוסן.

דערפון קאָן מען איינזען, ווי לעכערלעך עס איז, ווען ערנסטע געלערנטע מענטשן שטעקן צונויף זייערע קעפּ און שטודירן מיט אַן ערנ־סטער מינע די פראַגע: איז די אָדער יענע פאָלקס־גרופּע אַ נאַציאָנאַ־ליטעט, אָדער ניט. זיי פאַרגעסן פּשוט אַוועקצושטעלן די הויפּט־פראַגע: אין פאַרגלייך מיט וועלכער אַנדערער נאַציאָנאַלער גרופּע זאָל זי האָבן אַרויסגעוויזן אָדער ניט האָבן אַרויסגעוויזן איר נאַציאָנאַליטעט? עס ווענדט זיך מיט ווער מען איר פאַרגלייכט זיי. פאַרגלייכט מען זיי מיט די אַנדערע יידישע מאַסן, זיינען די דרום־רוסישע יידן אפשר ניט קיין נאַציאָנאַליטעט. בנוגע צו אַלע אַנדערע פעלקער זיינען זיי גאַנץ באַ־שטימט אַ קלאָרע, אויסגעשפּראָכענע נאַציאָנאַליטעט.

די טויט־זינד פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן־טעאָריעס ביז אַהער איז געווען דער פאַקט, וואָס זיי האָבן זיך ניט גערעכנט מיט דעם דאָזיקן רעלאַטיוון כאַראַקטער פון אַלץ, וואָס איז נאַציאָנאַל. געזינדיקט אין דערינען האָבן סיי די שאָוויניסטישע טעאָרעטיקער, סיי די קאָסמאָפּאָלי־טישע. דאָס האָט יענע טויט־זינד געצוואונגען זיי, אויסצוזוכן און אויס־

דערוויילקע. די ריכטיקע קאָן דער לעזער געפינען אין מיין אַרבעט „דער סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע".

צופאַרשן געוויסע אַבסאָלוטע סימנים, לויט וועלכע אַ גרופּע פון מענטשן ווערט אונטער אַלע אומשטענדן אַ נאַציאָנאַליטעט: שפּראַך, רעליגיע, טעריטאָריע, געמיינזאַמע שיקזאַלן און אַז״וו. און אַז״וו. דער פּועל יוצא דערפון איז געווען אויך דאָס, וואָס די רייך־טעאָרעטישע פראַגן וועגן דעם עצם פון דער נאַציאָנאַליטעט האָט מען גענומען אויסנוצן צוליב וועלכע עס איז פּראַקטישע נאַציאָנאַלע פּניות, און יעדער געלערנטער איז געווען געצוואונגען אָנצונעמען אָדער אָפּצולייקענען יענע סימנים פון נאַציאָ־נאַליטעט, וואָס האָבן בעסער געפּאַסט צו זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. דער האָט געטענהט, אַז די טעריטאָריע איז דער הויפּט־סימן פון נאַ־ציאָנאַליטעט, און דער אַנדערער האָט די גאַנצע וואָג געלייגט אויף דער שפּראַך.

כּדי אַ וויסנשאַפטלעכע נאַציאָנאַליטעטן־טעאָריע זאָל באמת קאָנען אָנהייבן גיין אין אַ ריין אָביעקטיוון וויסנשאַפטלעכן וועג, מוז מען איין מאָל פאַר אַלע מאָל איינזען דעם פאַקט, אַז נאַציאָנאַליטעט איז ניט קיין אַבסאָלוטער באַגריף, נאָר אַ רעלאַטיווער; ווען מיר שטודירן נאָר איין איינציק פאָלק און מיר לאָזן אַרויס פון אויג זיין שייכות צו די אַנדערע פעלקער, זיין גלייכקייט אָדער ניט גלייכקייט צו זיי, וועלן מיר יעמאָלט אין דעם איינצלנעם פאָלק מיט קיין מיטלען ניט קאָנען גע־פינען אַזוינס, וואָס מען זאָל קאָנען אָנרופן „נאַציאָנאַל״. שטעלט אייך פאָר, אַז אַלע פעלקער זיינען פאַרשוואונדן אַ חוץ די ענגלענדער, וועט יעמאָלט יעדער נאַציאָנאַלער שטריך פון דעם ענגלישן כאַראַקטער אויפ־הערן צו זיין אַ נאַציאָנאַלער שטריך. ער וועט פּשוט זיין אַ שטריך פון דעם אַלגעמיין מענטשלעכן כאַראַקטער. די גרונט־דערשיינונג פון נאַ־ציאָנאַליטעט, יענער מקור, פון וועלכן עס פליסן אַרויס אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע דערשיינונגען, איז דער פאַקט, וואָס די מענטשהייט איז איצ־טער איינגעטיילט אין פאַרשיידענע פעלקער; וואָס יעדעס פאָלק האָט געלעבט פאַר זיך און געבויט זיין אייגענעם געזעלשאַפטלעכן לעבן; וואָס יעדעס פאָלק האָט אַנטוויקלט די אַלגעמיין־מענטשלעכע קולטור אויף אַזאַ אופן, ווי דאָס האָט אים געפּאַסט, ניט פרעגנדיק ביי די אַנדערע פעלקער און ניט צונויפגיסנדיק זיך מיט זיי.

נאָר דעמאָלט, ווען מען שטעלט זיך אויף דעם באָדן פון דעם גרונט־פאַקט, קאָן מען וויסנשאַפטלעך אָוועקשטעלן די פראַגע, וואָס פאַר אַ סימנים די מענטשהייט האָט אַרויסגעבראַכט, לויט וועלכע די פעלקער שיידן זיך אָפּ איינע פון די אַנדערע, און וואָס פאַר אַ ראָלע די נאַציאָ־נאַלע דערשיינונגען האָבן געשפּילט אין דער געשיכטע פון דער מענטש־

הייט. נאָר דעמאָלט, ווען מיר שטעלן זיך אַוועק אַזעלכע וויסנשאַפטלעכע צילן, קאָן מען מאַכן דעם ערשטן שריט אין דעם אויספאָרשן פון דעם נאַציאָנאַלן פראָבלעם.

אַ צווייטער פעלער, וואָס שאַדט זייער דער וויסנשאַפטלעכער באַ־גרינדונג פון דער נאַציאָנאַליטעטן־טעאָריע, ליגט אין דעם ענין, וואָס איך האָב אין אַנדער אָרט, אין דעם פריער ציטירטן בוך, אָנגערופן: „פאַן־נאַציאָנאַליזם". אַ פאַן נאַציאָנאַליסטישע טעאָריע, ווי צב"ש, דער פאַן־סלאַוויזם, דער פאַן־גערמאַניזם, מאַכט אַ גרויסן חילוק צווישן „נאַ־ציאָנען" און „איינצל־פעלקער". די „סלאַוון", צום ביישפיל, זיינען אַ נאַ־ציע; רוסן, פוילן און טשעכן זיינען איינצל־פעלקער, וואָס געהערן צו דער סלאַווישער נאַציע. דייטשן זיינען אַ נאַציע; פרייסן, בייערן, ציע: רוסן, פוילן און טשעכן זיינען איינצל־פעלקער, וואָס געהערן צו צו דער גערמאַנישער נאַציע.

דער פאַן־נאַציאָנאַליזם וויל, אַז די איינצלנע פעלקער זאָלן פאַר־שווינדן אין דעם גרויסן ים פון דער נאַציע. דאָס רוב מיינט דערמיט נאָר פשוט, אַז אַ וואָסער עס איז איינצל־פאָלק זאָל איינשלינגען אַלע איבעריקע איינצל־פעלקער פון דער משפחה. דער פאַן־סלאַוויזם באַ־זאָרגט די אינטערעסן פון דעם גרויס־רוסישן שטאַם און אויב ער טרעט נאָך ניט אָפן אַרויס מיט דעם געדאַנק, אַז אַלע סלאַווישע פעלקער זאָלן איינגעשלונגען ווערן פון די גרויס־רוסן, באַהאַלט ער דאָך פאַר קיינעם ניט זיין ליבלינג צוועק, אַז ווייניקסטנס די רוסישע פעלקער, וואָס וואוי־נען אין רוסלאַנד — די קליין־רוסן און די ווייס־רוסן — זאָלן אַוודאי ניט האָבן די העזה צו רעכענען זיך פאַר באַזונדערע נאַציעס; זיי מוזן שוין נאָר אָן טענות און מענות, „על פי וויסנשאַפט", זיך לאָזן איינשלינ־גען פון די גרויס־רוסן. — אין דייטשלאַנד איז דער פאַן־גערמאַניזם פאַר־בונדן מיט די אינטערעסן פון דעם פרייסישן פאָלק, וואָס וויל דורכזעצן זיין אויבערהערשאַפט איבער אַלע אַנדערע דייטשע פעלקער.

אויך ביי די יידישע נאַציאָנאַליסטן שפילט אומבאַוואוסטערהייט אַ גרויסע ראָלע דער פאַן־נאַציאָנאַליסטישער שטריך. מען קאָן זאָגן, אַז כמעט אַלע יידישע נאַציאָנאַליסטן זיינען דורכגעדרונגען פון אַ „פאַן־יודאַאיסטישער" טענדענץ. באַטראַכט מען דאָס יידישע פאָלק ריין טע־אָרעטיש, אָן אַ וועלכער עס איז פראַקטישער פניה — אַ נאַציאָנאַלער אָדער אַן אַסימילאַטאָרישער — מוז יעדער איינזען, אַז מיר האָבן איצטער גאַנץ באַשטימט מער רעכט צו רעדן פון יידישע פעלקער, איידער פון אַן איינהייטלעכן יידישן פאָלק. די צוועלף מיליאָן יידן פון דער גאַנצער

וועלט זיינען צעטיילט אין פאַרשיידענע פאָלקס־גרופּן, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט אין דעם משך פון די גלות־יאָרן. דער האָלענדישער ייד איז, אמת, אַ ייד; און פאַרגלייכט מען אים מיט דער האָלענדישער באַפעלקערונג, האָט ער געוויס אַ באַזונדער יידישע נאַציאָנאַליטעט. אָבער ווען מען פאַרגלייכט אים, צום ביישפּיל, מיט דעם שפּאַניאָל פון טערקיי, מוזן מיר צוגעבן, אַז ער שיידט זיך אָפּ פון אים ווייניקסטנס אַקוראַט אויף אַזוי פיל, אויף וויפל דער טיראָלער שיידט זיך אָפּ פון דעם פּרייס, אָדער דעם ווייס־רוס פון דעם קליין־רוס — אויב ניט נאָך מער. די האָלענדער יידן, ווי די שפּאַניאָלן, זיינען דעריבער פאַרשיידענע פאָלקס־גרופּן אין דער יידישער נאַציע. די „פּאַן־יודאַאיסטישע״ טענדענץ פון דעם יידישן נאַציאָנאַליזם וויל, אַז אַט די אַלע פאַרשיידענע יידישע פאָלקס־גרופּן זאָלן זיך צונויפגיסן אין איין איינציקן יידישן ים, אין וועלכן זיי זאָלן לגמרי פאַרלירן זייערע פאָלקסטימלעכע אייגנשאַפטן.

אמת, ביי דעם יידישן פאָלק איז ניטאָ קיין איין איינציקע הערשנדיקע פאָלקס־גרופּע, וואָס זאָל אַרויסטרעטן מיט דער פּרעטענזיע, אַז אַלע אַנדערע פאָלקס־גרופּן מוזן אָננעמען איר קולטור, איר שפּראַך און צונויפגיסן זיך מיט איר. דער יידישער פּאַן־נאַציאָנאַליזם האָט אָבער אַרויסגעבראַכט אַ געדאַנקלעכע פאָלקס־גרופּע, אַ נאַציאָנאַליטעט, וואָס עקסיסטירט ניט אין דער ווירקלעכקייט, נאָר אין דעם טעאָרעטישן געדאַנק. דאָס איז די אַלט־העברעאישע נאַציע, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון דעם חורבן בית־שני און וואָס האָט זיך איצטער געשיכטלעך פונאַנדערגעצווייגט אין פאַרשיידענע יידישע פעלקערשאַפטן. יענע אַלטע אָפּגעשטאָרבענע העברעאישע נאַציע, מיט אירע גרונטלאַגן פון דער אַלטער העברעאישער קולטור און דער אַלטער העברעאישער שפּראַך, זאָל ווידער אויפגעלעבט ווערן און איינשלינגען אַלע לעבעדיקע יידישע פעלקער.

דער פּאַן־נאַציאָנאַליזם האָט אין זיך תמיד אַן אַסימילאַטאָרישע טענדענץ, אַ פאָלקס־פרעסערישן אַפּעטיט. ווי די גרויס־רוסן ווילן איינשלינגען די קליין־רוסן און די ווייס־רוסן, אַזוי זאָל די היפּאָטעטישע העברעאישע נאַציע איינשלינגען יענע פאָלקס־אָרגאַניזמען, וואָס זיינען היסטאָריש אויסגעוואַקסן פון איר.

דער פּראַקטישער קאַמף אַנטקעגן דעם „פּאַן־נאַציאָנאַליזם״ מוז איבערגעלאָזן ווערן צו די איינצלנע פעלקער און צו זייער גוטן ווילן. אויב די דייטשע פעלקער ווילן אָפּזאָגן זיך פון זייער אייגענער עקסיסטענץ און פאַרטרונקען ווערן אין דעם גערמאַנישן ים, טאָר זיי דאָס קיינער ניט

פאַרוערן. אויב די יידישע פעלקערשאַפטן וועלן איינזען, אַז עס לוינט זיך זיי בעסער צוריקצוקערן זיך אין דעם מוטער־שויס, פון וואַנען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען, און ווידער לגמרי צונויפגיסן זיך אין איינעם, טאָר קיינער ניט שטיין אין וועג אַנטקעגן דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן וואונטש זייערן. אָבער טעאָרעטיש מוז מען אויפוויזן אויף יענעם גרויסן פעלער, וואָס ליגט אין דעם „פאַן־נאַציאָנאַליסטישן" געדאַנק.

דער טעאָרעטישער קונץ־שטיק, אויף וועלכן דער פאַן־נאַציאָנאַליזם בויט זיין געדאַנקען־גאַנג, איז אַ גאַנץ פשוטער. ער באַשטייט איינפאַך אין דעם, וואָס מען רופט לכתחילה אָן מיט דעם נאָמען נאַציע ניט אַ וועלכע עס איז איין אייניציקע פאָלקס־גרופּע, נאָר אַ פאַרבאַנד פון פאַרשיי־דענע פעלקער, וואָס געהערן צו איין־און־דערזעלביקער משפחה. כמעט יעדע גרויסע נאַציע איז איצטער אַזאַ פעלקער־פאַרבאַנד — אַ פּרייוווי־ליקער אָדער אַ געצוואונגענער — וואָס טרעט פּאָליטיש אַרויס, ווי אַן איינהייטלעכע, איין אייניציקע נאַציע. דאָס רוב זיינען דאָס געצוואונגענע פעלקער־פאַרבאַנדן. איין אייניציק פאָלק האָט אַריינגעכאַפּט אין זיינע הענט די קולטורעלע און פּאָליטישע באַלעבאַטישקייט און פירט די גרענדע אי־בער דער גאַנצער משפחה — אָפּטמאָל דורך אַ שטאַרקן פּאָליטישן צוואַנג אין דער היים. פאַראַן אָבער אויך פרייוויליקע פעלקער־פאַרבאַנדן, ווי, צום ביישפּיל, די שווייצארישע נאַציע, וואָס טרעט אַרויס אין דרויסן, ווי אַן איינהייטלעכער אָרגאַניזם, וואָס באַשטייט אָבער אינעווייניק אין דער היים פון פיר פאַרשיידענע גלייכבאַרעכטיקטע פעלקער: דייטשן, פראַנ־צויזן, איטאַליענער און רעטאָראָמאַנער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען מען רופט אַ פעלקער־פאַרבאַנד לכתחילה אָן מיט דעם נאָמען „נאַציע", איז דעמאָלט אַ נאַציע אַ סכום פון פעלקער, און דעמאָלט איז קיין איינצל־פאָלק ניט קיין נאַציע. אַן איינצל־פאָלק איז דעמאָלט ניט קיין זעלבסטשטענדיק־גאַנצעס, נאָר אַ טייל פון אַ גאַנצן, אַן אבר, וואָס קאָן ניט לעבן פאַר זיך, דרויסן פון דעם גוף; אָדער העכסטנס איז עס אַ „ניט־דערטראָגענער אָרגאַניזם", ווי אָטאָ בויער רופט עס אָן.

אָבער אַזאַ שטעלונג צו די איינצל־פעלקער איז טעאָרעטיש ניט ריכ־טיק. טעאָרעטיש קאָן מען ניט אויסגעפינען קיין נפקה מינה צווישן „פאָלק" און „נאַציע", קיין שאָטן פון אַ פאַרשיידנקייט, וואָס זאָל פונאַנ־דערשפּאַלטן אָט די צוויי באַגריפן. אַלע סימנים, וועלכע די וויסנשאַפט קאָן אויפוויזן פאַר דער „נאַציע", געפינען זיך אויך ביי יעדן איינצלנעם פאָלק. אַלע באַגריף־באַשטימונגען, וואָס מען האָט ביז אַהער פאָרגע־

שלאָגן, כּדי צו דערקלערן דאָס וועזן פון „נאַציע״, לאָזן זיך זייער לייכט אָנווענדן אויף דאָס וועזן פון אַ „פאָלק״.

זייט אייך משער, אַז אַלע דייטשע פעלקער זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן, אַ חוץ די סאַקסן; אַז פון אַלע פראַנצויזישע פעלקער זיינען געבליבן נאָר די פּראָוואַנסאַלער; פון אַלע פּוילישע פאָלקס־גרופּן — נאָר די מאַזורן; פון אַלע רוסישע — נאָר די ווייס־רוסן; פון אַלע יידישע — נאָר די שפּאַניאָלן. וואָלטן דען דעמאָלט אָט די פינף פעלקערשאַפטן זיך ניט פאַרהאַלטן אײנע צו די אַנדערע אַקוראַט אַזוי, ווי פינף דורכאויס פאַרשיידענע נאַציעס? וואָלט מען אויף זיי ווייניקער גוט געקאָנט שטודירן דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, איידער אויף די איצטיקע נאַציעס?

עס איז דעריבער קלאָר, אַז אויף די איינצל־פעלקער טאָר מען ניט קוקן, ווי אויף טיילן פון אַן אַנדער נאַציע, ווי אויף אברים פון אַ גוף, אָדער ווי אויף „ניט־דערטראַגענע״ פאָלקס־אָרגאַניזמען, וואָס האָבן ניט קיין אייגענע לעבנס־קראַפט אין זיך. די איינצל־פעלקער זיינען פּאַרטיקע, אויסגעטראָגענע אָרגאַניזמען; נאָר אייניקע פון זיי זיינען פאַרשמאַכט געוואָרן, ווייל זיי פעלט ליכט און לופט צו אַ פרייער אַנטוויקלונג; אַנדערע ווידער זיינען געשמידט אין קייטן און קאָנען זיך נאַציאָנאַל ניט אַ ריר טאָן, ווייל דאָס הערשנדיקע איינצל־פאָלק האַלט זיי אין תּפיסה און לאָזט זיי ניט אַרויס אויף דער ליכטיקער זון.

די איינצל־פעלקער זיינען טעאָרעטיש די זעלביקע זאַך, וואָס נאַציעס; און נאָר מיט זיי דאַרף זיך קודם כּל באַשעפטיקן די טעאָרעטישע וויסנשאַפט וועגן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם.

וואָס שטודירט אָבער די איצטיקע וויסנשאַפט אונטער דעם נאָמען נאַציע? זי שטודירט, אייגנטלעך, ניט נאַציעס, נאָר געוויסע אינטער־נאַציאָנאַלע דערשיינונגען, וואָס קומען פאָר אין דעם לעבן פון אַ פעלקער־פאַרבאַנד. זי האָט צו טאָן מיט דערשיינונגען פון נאַציאָנאַלע פאַרגעוואַלטיקונג, ווען זי שטודירט אַזאַ פעלקער־פאַרבאַנד, ווי די רוסישע „נאַציע״, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן דורך דעספּאָטישער מאַכט פון דעם גרויס־רוסישן פאָלק. אָדער זי שטודירט דערשיינונגען פון נאַציאָנאַלע פאַראייניקונג, ווען זי האָט פאַר זיך אַזאַ פעלקער־פאַרבאַנד, ווי, צום ביישפּיל, די דייטשע „נאַציע״, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון אַ כּמעט פרייוויליקן הסכּם פון אַ סך דייטשע פאָלקס־גרופּן צו לעבן אין איין איינציקער נאַציאָנאַלער אַטמאָספערע.

אויף וויפל אין דער געשיכטע זיינען זעלטן די דערשיינונגען פון פרייוויליקע פעלקער־פאַרבאַנדן, אויף אַזוי פיל זיינען אין איר אָפט די דערשיינונגען פון נאַציאָנאַלער פאַרגעוואַלטיקונג. עס קאָן ניט זיין די אויפגאַבע פון דער וויסנשאַפט — אויסצואַרבעטן אַ טעאָרעטישע שטיצע פאַר נאַציאָנאַלע איבערהערשאַפט און דעספּאָטיע. דאָס טוט אָבער די וויסנשאַפט אַלע מאָל, ווען זי שטעלט זיך לכתחילה אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דעם „פּאַן־נאַציאָנאַליזם" און פאַרמשפּט די איינצלנע פאָלקס־גרופּן, זיי זאָלן זיך באַטראַכטן מער ניט ווי טיילן פון אַ העכערן גאַנצן — טיילן, וואָס מוזן סוף כּל סוף איינגעשלונגען ווערן פון אים.

דער אויסגאַנגס־פּונקט פאַר אַ טעאָרעטיש־וויסנשאַפטלעכער אונטערזוכונג האַלט נאָך גאָר אין אָנהייב — מוזן זיין די איינצל־פעלקער, אַלע יענע געשיכטלעך דערטראָגענע פאָלקס־אָרגאַניזמען, וואָס שיידן זיך אַליין אַרויס פון די איבעריקע פעלקער; וואָס וויסן, אַז זיי עקסיסטירן אויף דער וועלט, ווי אַ באַזונדער פאָלק, און האָבן אַן אייגענעם נאָמען. אמת, דער נאַציאָנאַלער, אָדער ריכטיקער, פאָלקלעכער זעלבסט־באַוואוסטזיין, ווי אויך דער נאָמען פון אַ פאָלק, איז נאָך ניט דער תּוך, דאָס וועזן פון אַ נאַציע, פּונקט אַזוי, ווי דאָס אייגענע באַוואוסטזיין און דער אייגענער נאָמען איז נאָך ניט דער תּוך און דאָס וועזן פון אַן איינצל־מענטש. אָבער: באַוואוסטזיין און נאָמען — דאָס זיינען די אויסערלעכע עמפּירישע סימנים פון יענעם קעגנשטאַנד, וועלכן מיר מוזן שטודירן, כּדי אַרויסצוגעפינען זיין אינעווייניקסטן תּוך. די טעאָרעטישע אויפגאַבע פון דער נאַציאָנאַליטעטן־לערע מוז אָנהייבן מיט דעם שטודיום פון די איינצל־פעלקער און באַטראַכטן זיי ווי זעלבסטשטענדיקע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזמען.

אויך בנוגע צו דעם פּראַקטיש־פּאָליטישן לעבן, וואָס מוז אויפגעבויט ווערן אויף דעם יסוד פון נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג, מוז יעדע פאָלקס־גרופּע אָנגעזען ווערן ווי אַ זעלבסטשטענדיק גאַנצעס, וואָס מעג פאָדערן אַלע יענע רעכטן, וועלכע מען גיט יעדער גאַנצער נאַציע. מען מוז איבערלאָזן דער פאָלקס־גרופּע אַליין, זי זאָל באַשטימען, אויב זי וויל אויסנוצן די דאָזיקע נאַציאָנאַלע רעכט און אין וואָס פאַר אַ גראַד פון זעלבסטשטענדיקייט זי וויל לעבן אין איינעם מיט די איבעריקע פעלקער. וויל זי לעבן אין גאַנצן פאַר זיך, זעלבסטשטענדיק פירן איר נאַציאָנאַלע באַלעבאַטישקייט, טאָר זי קיינער ניט צווינגען אויפצוגעבן איר אייגענע עקזיסטענץ. זי האָט אַ רעכט זיך צו פאַרבינדן מיט די אַנדערע פאָלקס־גרופּן, אויף וויפל דאָס פּאַסט זייערע געמיינזאַמע אינטערעסן, אויף וויפל

דאָס העלפט זיי אין זייער געזעלשאַפטלעכער און נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, אויף וויפל זיי טוען עס אין די גרענעצן פון דעם אייגענעם פרייען ווילן.

געוויס, די פּראַקטישע פאַרענטפערונג פון דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם אין דעם נאָר וואָס אָנגעדייטעטן זין קאָן ניט געשען פון היינט אויף מאָרגן. אָבער מיר, סאָציאַליסטן, גלייבן דאָך ניט, אַז די איצטיקע אומשטענדן וועלן בלייבן אייביק פאַר אַלע דורות. אין אונדזער סאָציאַליסטישן אידעאַל מוזן מיר אַריינפלעכטן אויך די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע גלייכבארעכטיקונג, און אונטער דעם וואָרט „נאַציע” מוזן מיר פאַרשטיין ניט נאָר אַ פעלקער־פאַרבאַנד מיט אַן אויבערהערשאַפטלעכער פאָלקס־גרופּע, ווי דאָס ווערט איצטער געטאָן, נאָר יעדע איינצלנע פאָלקס־גרופּע, ווי גרויס אָדער ווי קליין זי זאָל ניט זיין, וואָס האָט נאָר דעם ווילן צו לעבן אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן.

דער סאָציאַליזם גיט ניט נאָר אַ ריכטיקע פּראַקטישע פאַרענטפערונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע; ער לייגט אויך אַוועק אַ ריכטיקן טעאָרעטישן פונדאַמענט פאַר דער וויסנשאַפטלעכער אונטערזוכונג פון דעם פּראָבלעם.

.1910

ייד און מענטש

צוויי פאָרלעזונגען

ערשטע פאָרלעזונג

חברים און פריינט:

אַן ערך מיט אַ דריי־פערטל יאָרהונדערט צוריק, ווען ביי די רוסישע און גאַליצישע יידן איז אויסגעוואַקסן די השכלה־באַוועגונג, דאָס שטרעבן צו בילדונג און אייראָפּעאישע קולטור, איז ביי דאָס רוב משכילים אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פאָרמול, ווי אַזוי צו פאַרענטפערן די פראַגע וועגן ייד און מענטש. די פאָרמול האָט געהייסן: „היה אָדם בצאתך וישראל באהליך", „זיי אַ מענטש, מיט מענטשן גלייך, אין גאַס, און בלייב אַ ייד ביי זיך אין דער היים".

שוין פון דער פאָרמול האָט מען געקאָנט זען, אַז צווישן ייד און מענטש איז ביי דעם משכיל געווען אַ שאַרפער סכסוך. „ייד" און „מענטש" האָבן ניט געקאָנט הויזן איינער מיט דעם אַנדערן און מען האָט זיי געמוזט פונאַנדערפירן אין באַזונדערע ערטער, כדי איינער זאָל דעם אַנדערן ניט איבערבייסן דעם גאָרגל. און אויך דאָס איז געלעגן איינגעוויקלט, ווען אַפילו ניט קלאָר אַרויסגעזאָגט, אין דער משכילישער פאָרמול, אַז „ייד" איז בשום אופן ניט אַזאַ מיוחס, ווי „מענטש". מיט „מענטש" מעגט איר פראַנק און פריי שטאָלצירן אין דער אָפענער גאַס; מיט „ייד" דאַרפט איר זיך שטיקן אין דער פאַרבאָרגענער היים. על כל פנים, האָבן די משכילים געוואָלט מאַכן אַ פשרה צווישן צוויי פיינטלעכע פרינציפן, איינשטילן אַ „ויתרוצצו" אין דער נשמה פון יעדן געבילדעטן יידן.

עס איז אָבער זייער לייכט צו פאַרשטיין, אַז די משכילישע פשרה איז געווען ניט גאָר קיין געראָטענע. איר קאָנט דעם מענטשנס נשמה ניט פונאַנדעררייסן אויף צווייען, און איין האַלבע לאָזן שפּאַצירן אין גאַס, די אַנדערע העלפט אָבער צווינגען זיצן אין דער היים. ממה נפשך! איז „ייד" אַ בעסערע זאַך, איידער „מענטש" — איז דער אַלטער יהודה הלוי

געווען גערעכט, אַז ייד־זיין איז די העכסטע מדרגה פון מענטש־זיין; אָדער נאָך מער: האָבן אונדזערע חסידישע פּאַטערס און זיידעס געטראָפן דעם אמת, ווען זיי האָבן געמיינט, אַז ייד־זיין איז אַ הייליקע זאַך — איז דעמאָלט אונדזער חוב צו זיין ייד ניט נאָר אין דער היים, נאָר אומעטום, אין דער גאַנצער וועלט. און ווען אַפילו דער „״ייד״־זיין זאָל אונדז ברענגען די ערגסטע צרות און רדיפות, טאָרן מיר אים דעמאָלט פון קיינעם ניט באַהאַלטן, מוזן מיר אויסשטיין אַלץ, וואָס עס זאָל ניט אויספאַלן צוליב אים אויף אונדזער גורל. קיין קרבן טאָר ניט זיין שווער פאַר אַ זאַך, וואָס דאַרף אַוועקגעשטעלט ווערן — גאָר אַ קלייניקייט! — העכער, איידער דער מענטש. און צוריק: איז „מענטש״ מער מיוחס, איידער „ייד״, האָבן מיר איין מאָל איינגעזען, אַז זיין אַ ייד איז ניט נאָר ניט קיין הייליקייט, נאָר עס הייסט גאָר — אַראָפּפאַלן אויף אַ נידעריקערער שטופע איידער „מענטש״, איז דעמאָלט געוויס ווידער אונדזער חוב אין גאַנצן אויסצורוימען דעם „ייד״, וואו מיר זאָלן אים ניט אָנטרעפן: אין גאַס, אָדער אין שטוב; מבער צו זיין די חמצדיק געוואָרענע קדושה פון אַלע ווינקעלעך, וואו זי האָט זיך נאָר געקאָנט פאַרוואַלגערן.

די ראַדיקאַלע יידישע יוגנט, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון די משכּילים, איז דעריבער געווען זייער קאָנסעקווענט און פון איר שטאַנדפּונקט אַבסאָלוט גערעכט, ווען זי האָט דערערדט דאָס לעצטע וואָרט, אויף וואָס די משכּילים האָבן זייער פּשרה נאָר אָנגעטייט ברמיזה. אַ סוף צו דעם יידן אין דעם נאָמען פון דעם מענטשן! — דאָס איז געוואָרן דער ראַדיקאַלער קריגסגעשריי אין דער יידישער מחנה.

איך מוז מיך מודה זיין, אַז אין מיין גאָר גרינער יוגנט, ווען איך בין מיטן גאַנצן האַרצן צוגעשטאַנען צו דעם ראַדיקאַלן לאַגער, האָב איך אויך, ווי אַלע, געגלייבט, אַז צווישן „ייד״ און „מענטש״ ליגט אַ טיפער, מיט קיין בריק ניט צו פאַרבויענדער תהום; אַז מען מוז אויסקלייבן „אַהין אָדער אַהער״ און אַז דער „ייד״ דאַרף געבראַכט ווערן פאַר אַ קרבן צו דעם „מענטש״. ווייניקסטנס איז איין זאַך געווען קלאָר פאַר מיין יונגן מוח און האַרץ, אַז וואָס מער מענטש איינער איז, אַלץ ווייניקער ייד איז ער, אַלץ ווייניקער האָט ער צו טראַכטן וועגן דער יידישער לאַגע און וועגן דער יידישער צוקונפט. און צוריק, וואָס ווייניקער ייד איך בין, וואָס פרייער איך בין פון יידישע טראַדיציעס, וואָס ווייטער פונעם יידישן לעבן, וואָס גלייכגילטיקער צו די נויטן און די אינטערעסן פון מיין פאָלק, וואָס איבערגעבענער צו דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס — אַלץ העכער שטייגט מיין „איך״ אויף דעם לייטער פון דער מענטשלעכקייט.

איך וויל אייך דאָ ניט שילדערן די גאַנצע פּסיכאָלאָגיע פון יענעם יידישן ראַדיקאַלן דור, צו וועלכן איך געהער. איך וויל דאָ ניט דערציילן, ווי אַזוי און פאַר וואָס מיר זיינען געוואָרן בעלי־תשובהס, וואָס זיינען מיטן גאַנצן האַרצן געבליבן טריי צו די בעסטע מענטשלעכע אידעאַלן און זיינען פאַרט — אויך מיטן גאַנצן האַרצן — צוריק געוואָרן הייסע איבערגעבענע קינדער פון דעם יידישן פאָלק. יענע פּסיכאָלאָגיע איז געווען אַ פאַרפּלאָנ־טערטע, אַ קרענקלעכע. אָפּצושאָפן דעם תהום פון „ייד" און „מענטש" איז באמת געווען ניט לייכט, ווייל ער איז געלעגן ניט נאָר אין דער לאָגיק, אין דעם טעאָרעטישן דענקען, נאָר אויך אין דעם לעבן גופא און אין דעם געפיל. און אויב דאָס יידישע באַוואוסטזיין גלייבט, אַז פאַר די בעלי־תשובהס איז אָנגעגרייט גאָר אַ בכבודער פּלאַץ אויבן אָן, אַז „במקום שבעלי־תשובה עומדין אין צדיקים גמורים יכולין לעמוד", — פאַרדינען די בעלי־תשובה יענעם כבוד אפשר שוין דערפאַר, וואָס זייער נשמה האָט דורכ־געלעבט אַזוי פיל ליידן און פּיין — ליידן און פּיין, פון וועלכע דער איצ־טיקער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער דור האָט, געלויבט איז דער איבערשטער, קיין ברעקל באַגריף ניט.

ניט יענע, זייער אינטערעסאַנטע פּסיכאָלאָגיע וויל איך דאָ פאַר אייך שילדערן. מיין צוועק איז מער ניט, ווי איבערגעבן אייך אַ פּאָר פון יענע לאָגישע אַרגומענטן, וואָס האָבן אונדז געהאָלפן צו פאַרשיטן דעם תהום צווישן ייד און מענטש.

דרינגט מען אַ ביסל טיפער אַריין אין דעם זין פון דער ראַדיקאַלער פאָרמול: „וואָס מער מענטש, אַלץ ווייניקער ייד", אַזוי מוז מען באַלד איינזען, אַז די זאַך איז גאָר ניט אַזוי פּשוט, ווי עס דוכט זיך אויף דעם אויבערפלעכלעכן בליק. און וואָס מער איך האָב געטראַכט וועגן דעם ענין, אַלץ מער האָט מיר געמוזט ווערן קלאָר, אַז די פאָרמול קאָן ניט זיין אומעטום גלייך ריכטיק. גאַנץ געוויס זיינען דאָ פאַלן אין לעבן — און זייער האַרבע פאַלן — וואו איך האָב אַ רעכט צוצוגיין צו דעם יידן און זאָגן אים: „ייד, הער אויף צו זיין ייד און ווער מענטש; און וואָס מער מענטש דו וועסט ווערן, אַלץ ווייניקער ייד וועסטו זיין". עס זיינען אָבער דאָ אַנדערע פאַלן, אפשר נאָך וויכטיקערע, וואו די פאָרמול, „ווער מענטש און הער אויף צו זיין ייד" פאַרלירט אין גאַנצן איר זין, און דער־נאָך האָבן זיך אַנטפּלעקט נאָך אַנדערע פונקטן — אפשר גאָר די וויכטיקסטע פון דעם מענטשלעכן לעבן, וואו יענע פאָרמול, ניט נאָר זי ווערט אָן איר גאַנצן זין, נאָר זי מוז גאָר פאַרוואַנדלט ווערן אין איר אייגענעם היפּך, אַז וואָס מער מענטש מען איז, אַלץ מער ייד איז מען.

פונאַנדערצוקלייבן זיך אין די דאָזיקע פאַרשיידענע פאַלן, וואו דער „מענטש״ איז גובר דעם „יידן״, וואו ער מוז אים לאָזן אין גאַנצן צו רו און וואו ער פאַרשטאַרקט אים און מאַכט נאָך בולטער זיין מהות — דאָס זאָל זיין, ווייניקסטנס אין די וויכטיקסטע שטריכן, די אויפגאַבע פון מיינע איצטיקע פאַרלעזונגען.

און כּדי לייכטער צו מאַכן די אַרבעט, לאָמיר קודם כּל געווינען אַ קלאָרן באַגריף וועגן די צוויי ענינים — „ייד״ און „מענטש״ — וועמעס שייכות איינער צום אַנדערן מיר דאַרפן נעענטער באַלייכטן.

וואָס אַזוינס איז „מענטש״?

עס פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן דאָ ניט צו טאָן מיט דער אַנטראָ־פּאָלאָגישער באַדייטונג פון דעם מין מענטש בכלל. אין אונדזער היינטיקן פאַל איז ניט יעדער מענטש אַ „מענטש״. אַנטראָפּאָלאָגיש גענומען איז יעדער לעבעדיקער נפש, וואָס גייט אום אויף צוויי פיס, טראָגט אַ פּאָר הויזן אָדער אַ קליידל און רעדט אויף אַ מענטשלעכער שפּראַך — שוין אַ „מדבר״, שוין אַ מענטש. אָבער אויך אין אונדזער טאָג־טעגלעכער שפּראַך, ווענדן מיר אָן אויסדריקן, וואָס מאַכן ביי די מענטשן גופא אַ שאַרפן חילוק צווישן „מענטש״ און „ניט־קיין־מענטש״. דעם חילוק מאַכן מיר דערפאַר, ווייל אין יעדער מענטשלעכער ברוסט לעבט די פאַרשטעלונג, וואָס און ווי, אַ מענטש דאַרף זיין און זאָל זיין, און ניט נאָר ווי דער אָדער יענער קומט פאָר אין דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט. ווי פאַר־שיידן דער אידעאַל פון דעם מענטשן זאָל ניט זיין ביי פאַרשיידענע פעלקער און פאַרשיידענע קלאַסן, געפינען מיר פאָרט אין אים בשותּפותדיקע שטריכן, וועלכע מיר אַלע נעמען אָן, אַז זיי זיינען נייטיק, כּדי אַ מענטש זאָל זיין אַ מענטש.

אַ מענטש איז קודם כּל אַ בעל־שׂכל. דורך זיין רייכן און שטאַרקערן דענקען האָט זיך דער מענטש אַרויסגעריסן פון דער נאַטור און איז גע־וואָרן דער אויבער־האַר איבער אירע פּראָצעסן; און אומעטום, וואו מיר באַמערקן אַן אָפּשוואַכונג פון דער מענטשלעכער דענק־קראַפט, זעען מיר אין דעם אַ שטיק פאַרשוואונדענע מענטשלעכקייט. אויף אַ גאָר געראָ־טענעם נאַר פלעגט מען פריער זאָגן, אַז ער איז „אַ בהמה בצורת אָדם״, דערנאָך האָט מען פון אים די „צורת אָדם״ אויך אַוועקגענומען און אָנגעהויבן רעדן ווי פון „בהמה בצורת פערד״ — קורץ, ווי פון אַ לעבעדיקער זאַך, וואָס איז ניט מער „בבחינת אָדם״, וואָס פאַלט אַרויס פון דעם גדר מענטש.

כדי צו זיין אַ „פּולער" מענטש איז אָבער נאָך ניט גענוג צו זיין קלוג. מען דאַרף אויך האָבן אַ געוויסע מאָס פון ווילן. „ס'איז גאָר קיין מענטש ניט", זאָגט מען אויף איינעם, וואָס האָט קיין ברעקל איי־גענעם ווילן ניט און לאָזט זיך פירן, וואוהין מען פירט אים. „ס'איז אַ קאַלב".

„גאָר ניט קיין מענטש" איז אויך דער, אין וועמעס האַרץ עס איז אויסגעלאָשן יעדער פונק פון יושר און „מענטשלעכקייט", און אויך דער, וואָס היט ניט אָפּ יענע מינימאַלע פאָדערונגען פון שיינקייט, ריינלעכ־קייט און עלעמענטאַרע העפלעכקייט, וועלכע מיר שטעלן צו יעדן מענטשן. דעם ערלעכן „בטלן", וואָס קוקט ניט אויף זיין אויסזען, זיין קליידונג און זיין באַנעמען זיך מיט מענטשן, זיינען מיר אָפּט מאָל מוחל זיינע ניט שיינע מדות צוליב די העכערע מענטשלעכע מעלות, וואָס ער באַזיצט; אָבער אויך דאָ גייט די מחילה נאָר ביז צו אַ געוויסן גראַד. ווערט אין דעם פּונקט פון שיינקייט אַריבערגעטראָטן אַ געוויסער גרענעץ, רופט דער מענטש אין אונדז אַרויס אַ געפיל פון עקל און רחמנות. „אַ קלוגער מענטש און אַ פרומער מענטש און אַ בר־אורין, אָבער עפּעס גאָר קיין מענטש ניט", זאָגן מיר אין דעם פאַל.

פון דעם גדר „מענטש" גייט אַרויס אויך דער, וואָס האָט ניט אין זיך קיין ברעקל „יש", קיין ברעקל אייגענעם שטאָלץ, קיין ברעקל מענטש־לעכע חשיבות; דער, וואָס לאָזט זיך שפּייען אין פּנים, טרעטן מיט די פיס, און דערביי זאָל ווייניקסטנס אין דער נשמה ביי אים ניט אויפצי־טערן דער געפיל פון פּראָטעסט. „אַ הינטישע פּעל", זאָגט מען אויף אים. „שפּיי אים אין פּנים, זאָגט ער: אַ רעגן גיסט". אויף וויפל טייער דעם מענטשן איז דער געפיל פון אייגענער חשיבות, פון אַן אייגענעם „יש", וואָס קאָן און זאָל באַשטיין זיין שטעטל, וואָס קאָן און זאָל זיך ניט לאָזן קריכן אויפן קאָפּ (פאַרשטייט זיך, אין וויכטיקע ענינים), קאָן מען זען פון אַ זייער אינטערעסאַנטן, כאַראַקטעריסטישן פאַקט. עס איז אפשר ניטאָ אויף דער וועלט — אַחוץ דעם מענטשן — קיין איין בריאה, וואָס זאָל שטיין צו אים אַזוי נאָענט דורך אירע כמעט מענטשלעכע מעלות, ווי דער הונט. זיין קלוגשאַפט, זיין איבערגעבנקייט און טרייקייט, זיין גע־נוגזאַמקייט, זיין אמתע מסירת־נפש פאַר די מענטשן, וואָס זיינען אים ליב און טייער, רופן אַרויס באַוואונדערונג, ניט זעלטן התלהבות ביי יעדן ערנסטן פאָרשער פון דעם הונטס לעבן און כאַראַקטער. אייניקע, ווי צ"ב, דאַרווין, און נאָך פריער אָגוסט קאָנט, גייען אַזוי ווייט אין פּרט, אַז זיי געפינען אין דעם הונט דעם ערשטן אָנהייב פון אַ רעליגיעזן געפיל, וואָס

איז ביז אַהער באַטראַכט געוועז, ווי די איינציקע, ריין מענטשלעכע מעלה. אָבער די אַלע מענטשלעכע מעלות אין דעם הונט ווערן אין גאַנצן בטל אין אונדזער אָפּשאַצונג דורך דער „הינטישער״ צוגעלאָזטקייט, צוגעבונדנ־קייט און אונטערטעניקייט. דאָס הינטישע „זוכן חן אין די אויגן״ פון דעם באַלעבאָס, דאָס לאָזן זיך באַהאַנדלען, „ווי אַ הונט״, קאָן דער מענטש גאַנץ לייכט — און נאָך מיט דאַנקבאַרקייט אַריבערטראָגן אין דער חיה; ער קאָן דאָס אָבער בשום אופן ניט מוחל זיין, ווען ער געפינט דאָס אין דעם מענטשן. אויך דעם הונטס האַרטקייט צו אַלעמען, וואָס איז ניט זיין באַלעבאָס אָדער ניט דעם באַלעבאָס׳ מקורב, זיין שלעכטע חברשאַפט מיט די „מיט־הינט״, — אַלץ גרויסע, הינטישע מעלות, וואָס שטאַמען פון דער הויפּט־מעלה זיינער, זיין ליבע, זיין אמתער טרייער ליבע צו די „זייניקע״ — אויך דאָס רופט אין אונדז אַרויס דעם ביטערסטן געפיל פון פּראָטעסט, ווען מיר זעען עס אין אַ הונט בצורת מענטש. „געמיינער הונט!״ איז דאָס ערגסטע זידל־וואָרט, וואָס מיר קאָנען איינעם שלייַ־דערן אין פּנים.

ווי קליין און אָרעם עס זאָלן ניט זיין די אַלע פאָדערונגען, וואָס אַ געוויינטלעכער מענטש שטעלט צו אַ געוויינטלעכן מענטשן, דריקן זיי פאָרט אויס דעם אינעווייניקסטן תּוך פון דער בחינה „מענטש״. פּרינ־ציפּיעל האָבן זיי אין זיך שוין אַלץ, וואָס הייבט אויף דעם מענטשן צו דער קרוין פון דער שאַפונג, אַלץ וואָס שיידט אים אָפּ פון דער חיה, זאָל זיין מער ניט ווי דורך דעם, וואָס דער מענטש האָט די אַלע מעלות אין אַ גרעסערער מאָס און אין אַ רייכערער אַרט, איידער זי. זאָל זיין, אַז פון אָנהייב איז דער חילוק צווישן מענטש און חיה ניט גאָר גרויס; אַז אין דער ערשטער צייט האָט דער מענטש זיין שטאַרקערן שכל אויס־געניצט צוליב ריין פּראַקטישע לעבנס־צוועקן פונעם „קאַמפּף אומ׳ס דאַ־זיין״, וואָס באַהערשט אויך דאָס לעבן פון דער חיה. אָבער אין זיין אַנט־וויקלונג האָט זיך דער שכל אויפגעהויבן איבער די ריין מאַטעריעלע נויטן און האָט באַשאַפן אַ וועלט פון געדאַנקען, וואָס ברענגט דעם מענטשן אַן אַנדער מין הנאה, וועלכע קיין חיה אין דער וועלט קאָן ניט משיג זיין — די הנאה פון דער שכלדיקייט, וואָס שטעקט אין אַ וועלכן עס איז גע־דאַנק אַלץ איינס, צי ער קאָן אונדז ברענגען נוצן, צי ניט. די ליבע צום שכל און זיינע פּראָדוקטן איז געוואָרן אַ ריין מענטשלעכער שטריך.

דאָס אייגענע איז אויך מיט אַלע אַנדערע מעלות. זיי זיינען אפשר פריער אַרויסגעוואַקסן פון די פשוטע, מאַטעריעלע באַדערפענישן, וואָס דער מענטש האָט געהאַט און האָט נאָך אין איינעם מיט דער חיה. אָבער

אין זייער אַנטוויקלונג האָבן זיי אַריבערגעוואַקסן די נויט, וואָס האָט זיי אַרויסגערופן, און זיי זיינען געוואָרן טייער דעם מענטשן צוליב זיך גופא, ווייל אין זיי דערקענט ער זיין אייגענע מענטשלעכע נאַטור.

דער ווילן, וואָס האָט פריער געהאַט דעם צוועק נאָר צו באַהערשן די דרויסנדיקע נאַטור צוליב אַ בעסערן לעבן פון דעם גוף, ווערט ביי אַ העכערן טיפּ מענטש אַ געצייג, וואָס מיט אים באַהערשט ער די תּאוות און באַדערפעניש פון דעם אייגענעם חומר, צוליב אַ טיפערן און שענערן לעבן פון דער נשמה. די ליבע צו שיינקייט, וואָס איז אין אָנהייב געווייס געווען פאַרבונדן מיט דעם סעקסועלן אַפּקלייב און האָט געדאַרפט ניט מער ווי שטאַרקער מאַכן די מאַגנעטישע קראַפט צווישן דעם „ער" און דער „זי", האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַלע ליידנשאַפטן און איז געוואָרן אַ ריינע ליבע צו דער שיינער פאָרעם אין דער באַטראַכטונג פון דער נאַטור, אין דער באַוואונדערונג פון דער קונסט — אַ ריינע ליבע, וואָס האָט ניט קיין מאַטעריעלע פּניה אין זין.

די געפילן פון יושר, פון רחמנות און מענטשן־ליבע זיינען אויך אפשר פריער אַרויסגעוואַקסן פון די פּראַקטישע נויטן פון דעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן און האָבן געבראַכט נוצן יעדן איינצלנעם אינדיווידואום. אָבער אין דעם משך פון דער אַנטוויקלונג האָבן זיי פאַר דעם מענטשן באַקומען אַ זעלבסטשטענדיקן זין, און אָפט מאָל איז דער מענטש מקריב זיין אייגענעם לעבן, כּדי דורכצופירן פאַר אַנדערע די אידעאַלן פון יושר, רחמנות אָדער מענטשן־ליבע.

און אויך דער מענטשלעכער שטאָלץ איז געוואָרן אַן אַנדערער, אַ העכערער. ביי די שענערע מענטשן, ד"ה, ביי די וואָס זיינען מער מענטש, יאָגט ער זיך ניט נאָך דעם ביסעלע כּבוד, וואָס איינער קען קריגן אין לעבן פאַר זיך. עס וואַקסט אויס דער באַגריף פון דעם כּבוד התּורה, דער ערע פון אַ העכערער זאַך, וואָס איז מיר טייער און וואָס פאַרדינט די דאָזיקע ערע — מיין פאָלק אָדער מיין רעליגיע, אָדער מיין סאָציאַלער אידעאַל — און דער מענטש, ביי וועמען יענער ערנגעפיל איז ניט אָפּ־געשטאָרבן, קאָן ניט בלייבן גלייכגילטיק, ווען ער זעט צו, ווי דאָס אים טייערע ווערט געטראָטן מיט די פיס, ווען אַפילו ער אַליין ליידט דערפון ניט אַ ברעקל.

קורץ, אַ מענטש איז דער, וועמען עס איז טייער די „מענטשלעכקייט" אין דעם מענטשן, וואָס ליבט און שעצט די ריין מענטשלעכע מעלות פון דער נשמה. אַ מענטש איז דער, וואָס ליבט שכל און וויסנשאַפט, מענטשן־ליבע און יושר, שיינקייט און שטאַרקע שטאָלצע מענטשלעכע חשיבות. און

וואָס מער איינער איז דורכגעדרונגען מיט די דאָזיקע מעלות און מיט דער ליבע צו זיי, אַלץ מער מענטש איז ער.

דאָס איז „מענטש״.

און וואָס איז „ייד״?

אויך דער באַגריף נייטיקט זיך אין אַ ביסל אַ טיפערער באַטראַכטונג, ווייל ער נעמט אַרום דריי גאַנץ פאַרשיידענע אַרטן פון יידן: דעם רע־ליגיעזן ייד, דעם ראַסן ייד און דעם נאַציאָנאַלן ייד.

עס איז געווען אַ צייט, ווען די אַלע אַרטן זיינען נאָך ניט געווען פונאַנדערגעשיידט, און יעדער ייד, וואָס האָט געשטאַמט פון יידישע על־טערן (דער „ראַסן־ייד״), איז אין דער זעלביקער צייט געווען אַ רע־ליגיעזער ייד, ווייל ער האָט געגלייבט אין דעם יידישן גלויבן, און אויך אַ נאַציאָנאַלער ייד, ווייל ער האָט געלעבט מיט די אַלגעמיינע יידישע האָפענונגען אויף דעם ווידערגעבורט פון דעם יידישן פאָלק.

איצטער, בעוונותינו הרבים, איז די „דריי־אייניקייט״ פון דעם יידן צעשפּאָלטן געוואָרן. עס זיינען דאָ יידן, ביי וועמען די „יידישקייט״ ליגט גאַנץ קלאָר אויסגעקריצט אויפן פּנים, וואָס האָבן אָבער רעליגיעז גאָרניט ניט צו טאָן מיט דעם „יודאַאיזם״ און לייקענען לגמרי אָפּ זייער סאָלי־דאַריטעט מיט דער יידישער נאַציע. אַנדערע זיינען נאַציאָנאַל געשטימט, אָבער ווילן גאָרניט וויסן פון דער יידישער רעליגיע.

קאָנען נאָך די דאָזיקע לייקענער פון דעם יידישן גלויבן אַריינגע־נומען ווערן אין דעם גדר „ייד״?

דאָס רוב מיינט עד היום, אַז אַ ייד איז נאָר דער, וואָס גלייבט אין אַ געוויסן רעליגיעזן סיסטעם, וואָס רופט זיך „יודאַאיזם״, יידישקייט. „ישראל ואוריתא חד נינהו״ — דאָס יידישע פאָלק און די יידישע תורה איז איין און די זעלביקע זאַך. אַ ייד זיין איז דעריבער עפּעס אַזוינס, וואָס הענגט אָפּ פון אונדזער אייגענעם ווילן. גלייבן מיר אין די יידישקייט, זיינען מיר יידן; הערן מיר אויף צו גלייבן, זיינען מיר אויס יידן. דאָס איז אַקוראַט ווי מיט יעדער אַנדער רעליגיע, אָדער פאַרטיי, אָדער פי־לאָסאָפישע ריכטונג. איינער איז אַ קאַטאָליק, אָדער אַ סאָציאַליסט, אָדער אַ העגעליאַנער, כל זמן ער גלייבט אין דעם קאַטוילישן גלויבן, אָדער אין דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל אָדער אין העגעלס פילאָסאָפיע. אַזאַ אויס־טייטשונג פון דעם מהות ייד קאָן שוין אָבער אין דער איצטיקער צייט ניט אויסהאַלטן קיין ברעקל קריטיק. די איצטיקע מענטשהייט איז איינגע־טיילט ניט נאָר אין רעליגיעס, פאַרטייען און פאַרשיידענע ריכטונגען. נאָך איידער אַלע אַנדערע איינטיילונגען, אין וועלכע מיר קאָנען אַריינ־

טרעטן דורך אונדזער ווילן און אונדזער גלויבן און פון וועלכע מיר קאָנען אַרויסטרעטן, אויב אונדזער מיינונג וועגן זיי האָט זיך געביטן. איז דאָ נאָך אַ מענטשלעכע איינטיילונג, אין וועלכע מען טרעט ניט אַריין, נאָר מען ווערט אַריינגעבוירן און פון וועלכער מען קאָן ניט אַרויסטרעטן, סיידן אַרויסשטאַרבן. איך מיין דאָ די איינטיילונג פון דער מענטשהייט אין איינצלנע פעלקער. יעדער איינער מוז באַלאַנגען צו אַ וועלכן עס איז פאָלק, צי ער וויל, צי ער וויל ניט, ווייל מען קאָן ניט זיין „נאַציאָנסלאָז", ווי מען איז צ"ב, „קאָנפעסיאָנסלאָז", ווען מען באַלאַנגט ניט צו קיין רעליגיע, אָדער ווי מען איז „פּאַרטיי־לאָז", ווען מען געהערט ניט צו קיין פּאַרטיי. געהערט איינער ניט צו דעם פאָלק, מוז ער געהערן צו אַן אַנדערן.

עס איז ניט מיין הײַנטיקע אויפגאַבע, אויסצופאָרשן, צי עס איז גוט אַזוי, וואָס די מענטשהייט איז איינגעטיילט אין איינצלנע פעלקער. וואָלט דער רבונו־של־עולם, בעת ער האָט באַשאַפן די מענטשהייט, זיך מיט אונדז אַלעמען מיישב געווען, ווי אַזוי צו באַשאַפן זי, וואָלט איר אפשר געקאָנט געבן אים די עצה, ער זאָל חס־ושלום ניט צולאָזן איר צעשפּאַלטונג אין פאַרשיידענע נאַציעס. איך, פון מיין זייט, וואָלט, מחמת אַ סך טעמים, אַדרבה, געשטאַנען שטאָל און אייזן, ער זאָל ניט צולאָזן צו איין איינציקער מענטשהייט מיט איין איינציקער קולטור. אָבער מיר קאָנען אונדז דאָס מאָל אין גאַנצן פאַרשפּאָרן די סכסוכים וועגן דעם ענין. די נאַטור האָט געטאָן אירס און האָט ביי אונדז קיין עצות ניט געפרעגט, און כל זמן זי האָט ניט אָפּגעשאַפט די פעלקער, מוז יעדער איינער, ווי איך האָב שוין באַמערקט, געהערן צו אַ וואָסער עס איז פאָלק, אַפילו אַנטקעגן זיין אייגענעם ווילן.

אַט דער פאַקט איז נאָך ניט אין גאַנצן קלאָר פאַר אַ סך און אַ סך פון די אַזוי אָנגערופענע „קאָסמאָפּאָליטן". דעם קאָסמאָפּאָליטס אידעאַל איז — אַז אַלע פעלקער זאָלן פאַרשווינדן און עס זאָל בלייבן איין איינציקע מענטשהייט. דאָס איז אפשר אַ גאַנץ גוטער אידעאַל און קאָן אפשר אויך מקוים ווערן — במהרה בימינו — אין אַ פּאָר צענדליק טויזנט יאָר אַרום — הגם איך לייקן ביידע זאַכן: סיי, אַז דאָס איז אַ וואונטשבאַרער אידעאַל, סיי אַז ער קאָן ווען עס איז מקוים ווערן. דאָס איז זיך אַ טעאָרעטישער סכסוך. דער קאָסמאָפּאָליט מאַכט אָבער אַן אַבסאָלוטן טעות שוין הײַנטיקן טאָג, ווען ער מיינט, אַז דורך דעם גופא, וואָס ער גלייבט אין דעם דאָזיקן אידעאַל, טרעט ער שוין איצטער אַרויס פון דעם נאַציאָנאַלן גדר און ווערט פאָלקלאָז. דאָס איז אַקוראַט אַזוי אוממעגלעך, ווי עס איז אוממעגלעך דעם באַרג אויפצוהערן צו זיין אַ באַרג, כל זמן עס זיינען נאָך

דאָ טאָלן ארום אים, און ווי עס איז אוממעגלעך דעם טאָל אויפצוהערן זיין אַ טאָל, כל זמן אַרום אים שטייען נאָך בערג. ערשט ווען דער באַרג ווערט אַראָפּגעגראָבן, אָדער דער טאָל פאַרשאָטן, פאַרשווינדט דער חילוק צווישן זיי. און איידער דער חילוק איז פאַרשוואונדן, מוזן זיי בלייבן וואָס זיי זיינען.

אַ פאָלק איז אַ גרופּע פון מענטשן, וואָס האָט אין משך פון דורות געלעבט אין בשותּפותער קולטורעלער אַטמאָספערע און האָט דעריבער אויסגעאַרבעט אין דעם לעבן, אין דעם קערפּער און אין דער נשמה געוויסע סימנים — אַלץ איינס וואָסערע — וואָס דורך זיי שיידט זי זיך אָפּ פון אַנדערע מענטשלעכע גרופּן, וועלכע האָבן אויך אין אַ משך פון דורות געלעבט אין זייער קולטורעלער סביבה און ממילא אויסגעאַרבעט זייערע אייגענע סימנים.

וואָלטן ניט געווען קיין פאַרשיידענע פעלקער, וואָלט קיין פאָלק קיין פאָלק ניט געווען. איין איינציק פאָלק אין דער וועלט איז שוין קיין פאָלק ניט, נאָר די גאַנצע מענטשהייט, און אַלע זיינע פאָלקס־סימנים הערן אויף צו זיין פאָלקס־סימנים און ווערן פּשוט שטריכן פון דער אַלגעמיינער מענטשלעכער נאַטור. זאָלן אַלע פעלקער פאַרשווינדן און זאָל נאָר בלייבן, צ״ב, דאָס ענגלישע פאָלק, וועלן דעמאָלט די ענגלענדער אויפהערן צו זיין ענגלענדער, נאָר סתם־מענטשן און יעדער שטייף־ענגלישער כאַראַק־טער־שטריך וועט ווערן אַ סימן פון דעם „מענטש בכלל״. אָבער ווי נאָר עס זאָל דורך אַ נס אַרויסשפּרינגען נאָך אַ פאָלק לעבן דעם ענגלישן, צ״ב, דאָס דייטשע, אַזוי וועט תּיכּף פאַרשווינדן דער „סתם־מענטש״ און דער „מענטש בכלל״, און געוויסע מענטשלעכע שטריכן, וואָס מיר געפינען ביי דעם דייטשן, וועלן דעמאָלט ווערן דייטשע נאַציאָנאַלע סימנים, און די מענטשלעכע שטריכן, וואָס זיינען דאָ ביי דעם ענגלענדער, אָבער פעלן ביי דעם דייטשן, וועלן דעמאָלט ווידער ווערן ענגלישע נאַציאָנאַלע סימנים.

כּל זמן עס זיינען דאָ פעלקער אויף דער וועלט, מוז יעדער ניי־געבוי־רענער מענטש, פון דעם מאָמענט אָן פון זיין געבורט, צוגערעכנט ווערן צו אַ באַשטימטן פאָלק. און ווען פון אַלע פעלקער זאָלן בלייבן נאָר צוויי, וועט אויך דעמאָלט יעדער ניי־געבוירענער מענטש מוזן ברענגען מיט זיך אויף דער וועלט אַ געוויסן טייל פון נאַציאָנאַלע סימנים יענעם טייל, וואָס גייט איבער בירושה דורך די בלוט פון די עלטערן, פון דור צו דור. ער וועט אויך תּיכּף צוגעציילט ווערן צו איין גרופּע אָדער צו דער אַנדערער.

שטעלט איך אַפילו פאַר אַזאַ פאַל: אַלע קאָסמאָפּאָליטן פון דער וועלט טיילן זיך אויס פון זייערע פעלקער און באַשאַפן אַן אייגענע גרופּע, וואָס זאָל זיך רופן „סתם־מענטשן". כל זמן יענע פעלקער וועלן נאָך בלייבן באַשטיין, וועט אָט די נייע קאָסמאָפּאָליטן־גרופּע, וואָס וויל גאָרניט וויסן פון דעם ענין פאָלק, שוין דורך דעם פאַקט גופא פון איר אַרויסטיילן זיך, מוזן שפּילן די ראָלע פון אַ באַזונדער אומה, דעם „סתם־מענטש־פאָלק", און יעדעס קינד, וואָס וועט געבוירן ווערן ביי איר, וועט נאַציאָנאַל מוזן געהערן צו דער נייער אומה אַזוי לאַנג ביז עס וועלן נאָך עקסיסטירן אַנ־דערע אומות, וואָס שיידן זיך אָפּ פון איר. און אַקוראַט אַזוי לאַנג וועט אויך ניט קאָנען זיין קיין אַלגעמיינע מענטשהייט, וואָס זאָל ליגן ערגעץ וואו דרויסן פון די עקסיסטירנדע פעלקער, און וואוהין מען זאָל קאָנען אַריינשפּרינגען, ווען מען פאַרלאָזט דאָס אייגענע פאָלק. טרעט מען אַרויס פון איין נאַציאָנאַלער גרופּע, מוז מען תוך כדי דבור אַריינטרעטן אין אַן אַנדערע און איידער מען איז אַריינגעטראָטן אין אַן אַנדער גרופּע, האָט מען פאַקטיש נאָך ניט פאַרלאָזן די ערשטע. ווערן פאָלקלאָז, הייסט עס, קאָן אַפילו דער קאָסמאָפּאָליט ניט אין דער איצטיקער צייט. העכסטנס, וואָס ער קאָן, איז אַרויסגיין פון איין פאָלק און זיך אַסימילירן מיט אַן אַנדערן. אין דעם פּראַקטישן לעבן זיינען דעריבער די קאָסמאָפּאָליטן, וואָס פאָדערן מען זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער אייגענער נאַציע, ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַסימילאַטאָרן, וואָס פאַרלאַנגען מען זאָל צושטיין צו אַן אַנדער נאַציע — ד"ה, מיט אַנדערע ווערטער: זיי זיינען — ניט אין דער טעאָריע, נאָר אין דעם פּראַקטישן לעבן — ניט קיין קאָסמאָפּאָליטן, נאָר נאַציאָנאַליסטן פון יענער אַנדער נאַציע.

איך האָב דאָ פון אויבן אויף באַרירט דעם וויכטיקסטן רעזולטאַט, צו וועלכן די מאָדערנע פאָרשונג איז געקומען בנוגע צו דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם. און דער רעזולטאַט וועט אונדז העלפן פונאַנדערקלייבן זיך אין דער פראַגע, וואָס אינטערעסירט אונדז איצטער: הייסט „ייד־זיין" נאָר באַלאַנגען צו אַ געוויסן גלויבן, אָדער דאָס הייסט אויך באַלאַנגען צו אַ געוויסן פאָלק, אַפילו ווען ער פאַרלאָזט אין גאַנצן דעם יידישן גלויבן?

אויב יעדער מענטש מוז געהערן צו אַ וועלכן עס איז פאָלק און אויב די יידן זיינען ניט קיין פאָלק, נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע, מוז מען אַוועק־שטעלן די פראַגע: צו וועלכן אַנדער פאָלק באַלאַנגען זיי? און אויף דערויף איז דאָ נאָר איין ענטפער: צו קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט, ווייל קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט קאָן אין זיי ניט זען די קינדער פון זיין אייגן פלייש און בלוט. אין קיין לאַנד, וואו יידן וואוינען, אַפילו אין יענע

לענדער, וואו די אַסימילאַציע האָט זיך געמיט דורכצופירן איר פּראָגראַם גאַנצע הונדערט יאָר — און נאָך מער — נאָכאַנאַנד. אַפילו אין פראַנק־רייך, אין האָלאַנד, אין איטאַליע — האָבן די יידן נאָך ניט פאַרלוירן זייערע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן אויף אַזוי פיל, אַז די אַרומיקע באַפעל־קערונג זאָל זיי ניט דערקענען און זאָל ניט מאַכן אַ חילוק צווישן זיך און זיי. ווער רעדט שוין וועגן די יידן אין רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע און אַמעריקע, וואו די יידישע סימנים וואַרפן זיך אַזוי בולט אין די אויגן. אמת, אונדזערע אַסימילאַטאָרן ווילן דאָס ניט איינזען און זיי שמועסן זיך באמת איין, אַז די יידן געהערן נאַציאָנאַל צו יענע פעלקער, צווישן וועלכע זיי וואוינען, אָבער זאָגן אַזוי הייסט פשוט ניט האָבן קיין איין פונק פון וויסנשאַפטלעכן יושר, אָדער אין בעסטן פאַל קיין ברעקל חוש ניט פאַר דעם פאַקטישן אמת. וואָס פון די יידן זאָל ניט ווערן אין דער צוקונפט, לעת־עתה געהערן זיי ניט צו יענע פעלקער, און יענע פעלקער זיינען אַבסאָלוט גערעכט, ווען זיי ווילן זיי ניט באַטראַכטן פאַר זייער „אייגן בלוט״.

אָבער: אויב די יידן געהערן ניט צו זיי, אויב זיי זיינען ניט קיין פּוילן, ניט קיין רוסן, ניט קיין טאַטערן און אַזוי ווייטער, איז דעמאָלט מוזן זיי ממילא פאַקטיש געהערן צו זיך אַליין — ד״ה, זיין אַ באַזונדער פאָלק. און ווילט איר גאָר שטאַרק מקפּיד זיין אין דעם ענין, לייגט זיך אייך ניט לייכט אויפן זינען, אַז דער מאַראָקאַנער ייד און דער רוסישער ייד זאָלן געהערן צו איין און דער זעלביקער יידישער אומה, קאָנט איר זאָגן, אַז אַלע יידן פון דער וועלט בילדן אַ גרופּע פון יידישע פעלקער, ווי די רוסן, פּוילן און רוטענען בילדן אַ גרופּע פון סלאַווישע פעלקער. איר קאָנט אָבער בשום אופן ניט צורעכענען דעם רוסישן יידן צו דער סלאַווישער פעלקער־גרופּע.

נאַציאָנאַל געהערן די יידן צו זיך אַליין. און עס איז קיין חידוש ניט, וואָס עס איז אַזוי! די יידן האָבן אין אַ משך פון דורות און דורות געלעבט אין איין איינציקער קולטורעלער אַטמאָספערע, אין איין איינציקן באַשטימטן לאַנד. זיי האָבן דעריבער געמוזט אויסאַרבעטן געוויסע סימנים פון קערפּער און גייסט, וואָס גייען איבער בירושה פון דור צו דור, אַלץ איינס, צי זיי גלייבן אין זייער יידישקייט, אָדער ניט. אַ קינד, וואָס ווערט געבוירן פון געשמדטע יידישע עלטערן, ברענגט מיט זיך אויף דער וועלט דעם יידישן „מוח״ און דאָס יידישע „האַרץ״ — אַ באַשטימטן בוי פון זיין גוף און זיין נשמה: ער איז אַ ייד, ווען אַפילו אַלע יידן ווילן פון אים גאָרניט וויסן און ער אַליין האָט פיינט זיין פאָלק בתכלית השנאה.

ווען די געשמדטע יידן הערצענשטיין און פערגאַמענט האָבן זיך אין דער „גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ" פאַרשריבן: „רעליגיאי פּראַוואָסלאַווניאַי, נאַציאָנאַלנאָסטי יעווּרעיסקאָי" — איז דאָס דעריבער ניט געווען קיין פיינער וויץ פון זייער זייט, נאָר אַ פּשוטער קאָנסטאַטירן פון אַ פּשוטן פאַקט. ישראל לחוד ואוריתא לחוד, די יידישע רעליגיע איז איין זאַך און דאָס יידישע פאָלק איז אַן אַנדער זאַך. יעדער ייד קאָן אָנגעהערן צו ביידע, אָבער ער מוז אָנגעהערן צו איינער, צו דעם יידישן פאָלק. איז ער איין מאָל געבוירן געוואָרן פון יידישע עלטערן, קאָן מען אין קיין וואָסערן ניט אָפּוואַשן זיין „יידישקייט", זיין באַשטימטן נאַציאָנאַל־יידישן טיפּ, וואָס טרעט אַרויס מער אָדער ווייניקער בולט אין זיין פיזיאָגנאָמיע און זיין כאַראַקטער, ווי אויך אין זיין אַרט באַשאַפן גייסטיקע גיטער.

אַ ייד איז ניט נאָר אַ רעליגיעז־גלייביקער „איזראַעליט". אַ ייד איז אויך דער, וואָס געהערט דורך זיין געבורט צו דעם יידישע פאָלק — און האָט דעריבער אַריין גענומען אין זיך אַלע סימנים פון דער יידישער ראַסע.

אָבער דאָס איז נאָך ניט גאָר: מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז עס דאַ נאָך אַ דריטער מין ייד, דער נאַציאָנאַלער, ד"ה אַזאַ וואָס געהערט באַוואוסטזיניק צום יידישן פאָלק, וואָס וויל געהערן צו אים, וואָס באַטראַכט זיך סאָלידאַריש מיט זיין גאַנצער געשיכטע און קעמפט אָדער וויל קעמפן פאַר דעם פאָלקס ווייטערדיקן קיום אויף דער וועלט.

אָט די דריי אַרטן „ייד" מוז מען האָבן אין זינען — דעם רעליגיעזן, דעם ראַסן־ייד און דעם נאַציאָנאַלן — ווען מען וויל זיך גוט פונאַנדערקלייבן אין דער פראַגע פון „ייד און מענטש".

מיר וועלן אָנהייבן מיט דעם נאַציאָנאַלן יידן, ווייל ער איז דער וויכטיקסטער פאַר אונדז און ווייל די פאַרענטפערונג פון זיין פראַגע וועט אונדז אויך העלפן אויסצוגעפינען דעם אמת בנוגע צו די צוויי אַנדערע אַרטן.

איך האָב געזאָגט, אַז אַ נאַציאָנאַלער ייד איז דער, וואָס וויל געהערן צו דעם יידישן פאָלק און זיין סאָלידאַריש מיט זיין גאַנצן היסטאָרישן גורל. איבערטרייבט מען דעם יידישן נאַציאָנאַליזם ביז צו דעם עקסטרעם, ווערט די דאָזיקע סאָלידאַריטעט פאַרוואַנדלט אין אַ בלינדער פאַרליבטקייט צו אַלץ, וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון „יידישקייט". אין דעם יידישן לעבן איז אַלץ גוט און שיין. עס איז אַ „מה טובו"־שטימונג, וואָס פאַלט אַריין אין קעלבערנע התפעלות פון יעדן שטריך, וואָס דער ייד האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין כאַראַקטער און אין זיין קולטור.

„מה טובו אוהליך, יעקב, משכּנותיך, ישראל!" — „ווי שיין זיינען דיינע געצעלטן, יעקב, דיינע רו־פּלעצער, ישראל!" אַזאַ מין פאַרשיכּורטער נאַציאָנאַליזם געפינט זיך ביי די רעאַקציאָנערע עלעמענטן פון יעדן פאָלק; דאָס איז יענער „אַתּה בחרתּנו"־איזם, פון וועלכן קיין נאַציע אין דער וועלט, איז ליידער, ניט פריי, און וועלכער טראָגט איצטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען פון „שאָוויניזם".

איך מוז מודה זיין, אַז גראָד אין דעם ענין פון „מה טובו"־שטימונג האָט דער קאָסמאָפּאָליטיזם, מיט זיין אַבסאָלוטן אָפּלייקענען פון אַלץ, וואָס איז נאַציאָנאַל, אַרויסגעבראַכט אַ סך טיפע, אייביקע אמתן, וואָס גיבן אונדז אַ רעכט אין געוויסע פאַלן צו באַטראַכטן „דאָס נאַציאָנאַלע" ווי אַ היפּך צו דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן און צו קעמפן אַנטקעגן אים אין דעם נאָמען פון דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז דער קאָסמאָפּאָליטישער געדאַנק איז אומעטום און אין אַלע פאַלן גערעכט. אַ ניכטערע, אומפּאַרטייאישע באַטראַכטונג פון דעם ענין, וועט אונדז, ווי איך האָף, באַווייזן, אַז די ביידע עקסטרעמע ריכטונגען: דער קאָסמאָפּאָליטיזם און דער שאָוויניזם האָבן אַריבערגעשאָסן דעם ציל; אַז זיי ביידע האָבן אַנגעטאָפּט פונדאַמענטאַלע אמתן פון דעם מענטשלעכן לעבן און דעם פעלקער־לעבן — אמתן וואָס מוזן אַריינגעבראַכט ווערן אין האַרמאָניע, ווייל זיי קאָנען הויזן איינער מיט דעם אַנדערן נאָר אונטער געוויסע באַדינגונגען און אין געוויסע גרענעצן.

די אַרגומענטאַציע פון דעם קאָסמאָפּאָליט איז אַזוי קלאָר און איינפאַך, לייגט זיך אַזוי גלאַט אויף דעם שכל הישר, אַז ס'איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס יעדער דענקנדיקער קאָפּ מוז קודם כּל באַכּשופט ווערן פון דער קאָסמאָפּאָליטישער לאָגיק און פון יענע ליכטיקע האָריזאָנטן, וועלכע ער עפנט פונאַנדער פאַר דער מענטשלעכער צוקונפט.

דער קאָסמאָפּאָליט זעט דעם אונטערשייד פון פעלקער נאָר אין דער פאַרשיידנקייט פון זייער לעבן, אין דעם פונאַנדערגיין זיך פון זייער קולטור. קולטור איז אָבער אַ זאַך, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט פון דעם מענטשלעכן שכל, דעם מענטשלעכן יושר און דעם מענטשלעכן שטרעבן צו שיינקייט. אויב צוויי קולטור־ערשיינונגען שטימען ניט איין איינע מיט דער אַנדערער, הייסט עס, אַז דער אַלגעמיין־מענטשלעכער שכל האָט זיך אין זיי אָפּגעשפּיגלט ניט אין דער זעלביקער מאָס. די אַלגעמיינע מענטשלעכקייט האָט זיך פאַרקערפּערט אין זיי אין אַ פאַרשיידענעם גראַד פון קלאָרקייט און שטאַרקייט. אין איין קולטור־ערשיינונג, ביי איין

פאַלק, איז דער מענטשלעכער שכל אַרויסגעקומען מער בולט און ריין, איידער אין דער אַנדער קולטור־ערשיינונג, ביי אַן אַנדער פאַלק.

צוויי פעלקער באַאַרבעטן די ערד: די גאָר ווילדע בושמענער און די ציוויליזירטע ענגלענדער. די אַרט פון זייער אַגריקולטור איז איינער פון יענע „נאַציאָנאַלע" סימנים, מיט וועלכע דער גאָר ווילדער בושמען שיידט זיך אָפּ פון דעם אויסלענדער. דער בושמען אָדער דער באַטאַקוד, אָדער דער פידזשיאַנער — איך געדענק שוין באמת ניט, ווער פון די דאָזיקע בכבודע פעלקער — נעמט, אַז ער וויל באַאַרבעטן די ערד, אַ פאַרשפּיצטן פלאַקן אין די הענט, שטעלט אים צו צו דעם באָדן, שטרענגט אָן אַלע זיינע כּוחות און קראַצט אויף אַ קליינעם שטח, אין וועלכן ער וואַרפט אַריין זריעה און לאָזט זי איבער אויף גאָטס באַראָט. שוין אין אָט דער פּרימיטיווער אַרט פון אַגריקולטור שטעקט אַ היפּשע ביסל פון מענטשלעכן שכל און מענטשלעכער ערפאַרונג. דער ציוויליזירטער ענגלענדער אָדער דער אַמעריקאַנער ווענדט אָן אין זיין ערד־אַרבעט אַנשטאָט דעם פאַרשפּיצטן פלאַקן אַ שטאָלענעם דאַמף־פלוג. וואו איז דאָ מער מענטשלעכער שכל, וואו טרעט ער אַרויס קלאָרער און רייַנער: אין דער בושמענישער ערד־אַרבעט אָדער אין דער ענגלישער? גאַנץ געוויס אין דער ענגלישער.

און דאָס אייגענע וואָס מיט דער ערד־אַרבעט איז אויך — אַזוי מיינט דער קאָסמאָפּאָליט — מיט אַלע אַנדערע קולטור־ערשיינונגען פון דער מענטשהייט. זיי אַלע האָבן נאָר איין ציל אין זינען — די באַפרידיקונג פון מענטשלעכע נויטן און באַדערפעניש. געוויס, איז שוין די פּשוטסטע, ווילדסטע באַפרידיקונג גאַנץ באַשטימט אַ מענטשלעכע, וואָס לאָזט ווייט הינטער זיך דעם שכל פון די חיות און בהמות. און אַ מענטש איז אויך דער, וואָס ווענדט אָן אַ פאַרשפּיצטן פלאַקן. אָבער כּדי צו באַשטימען דעם ווערט פון די דאָזיקע באַפרידיקונגען פאַר דעם מענטשן און דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, דאַרפן מיר זען, צי זיי שטייען אויף יענער הייך, צו וועלכער דער מענטשלעכער שכל האָט זיך אויפגעהויבן אין דער איצטיקער צייט. אויב זיי זיינען געבליבן אַזוי ווייט צוריק, ווי דער פאַרשפּיצטער פלאַקן איז געבליבן ווייט הינטער דעם דאַמף־פלוג, טאָר מען נישט קוקן דערויף, וואָס די „פאַרשפּיצטע פלעקער" זיינען אַרומגערינגלט מיט אַ שיין פון הייליקייט, ווייל אונדזערע טאַטעס און אונדזערע זיידעס און אונדזערע אָבות־אָבותינו האָבן מיט זיי זיך באַנוצט און קיין בעסערע זאַך ניט געוואוסט. עס איז די פליכט פון יעדן פאַלק, וואָס וויל ניט בלייבן הינטערשטעליק פאַר דער מענטשהייט, אָפּצוווימען

דאָס פעלד פון זיין קולטור פון אַלע יענע „פאַרשפּיצטע פעלקער״, וועלכע האָבן זיך אָנגעזאַמלט אויף אים „משנים קדמוניות״. ער מוז פאַרבייטן זיי אַלעמען אויף יענע שכלדיקע ערפינדונגען, אויף יענע רעזולטאַטן פון שיינקייט און יושר, צו וועלכע דער מענטש איז געקומען אין זיין פּראָגרע־סיוון שאַפן.

אָבער — אויב אַלע פעלקער פון דער וועלט זאָלן זיך מיט התמדה נעמען ראַדיקאַל דורכצופירן ביי זיך אין דער היים דעם דאָזיקן הייליקן חוב פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס — וואָס מוז דערפון אַרויסקומען — רעכנט דער קאָסמאָפּאָליט — ניט קיין אַנדער זאַך און ניט קיין קלענערע זאַך, ווי די פולשטענדיקע, ראַדיקאַלע אויסגלייכונג פון אַלע מענטשלעכע קולטורן, און מיט דער אויסגלייכונג פון אַלע מענטשלעכע קולטורן מוזן אויך פאַרשווינדן אַלע נאַציאָנאַלע אונטערשיידן פון פאָלק צו פאָלק.

עס איז — פאַר דעם קאָסמאָפּאָליט — אַ פּשוטער ממה־נפשך. שטייט אַ וועלכע עס איז קולטור־ערשיינונג פון מיין פאָלק אויף דעם העכסטן שטאַפּל פון שכל, יושר, שיינקייט אָדער מענטשלעכער חשיבות, וועט זי דעמאָלט אויפהערן צו זיין אַ נאַציאָנאַלער סימן פון מיין פאָלק, ווייל אַלע אַנדערע פעלקער וועלן זי מוזן אַריבערנעמען אין זייער לעבן. שטייט זי אָבער, ווי אַ פאַרשפּיצטער פלאַקן, נידעריקער איידער די פאָדערונג פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, וואָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן ביי אַן אַנ־דער פאָלק, וועלן דעמאָלט מיר און אַלע אַנדערע צוריקגעבליבענע פעל־קער זיך מוזן אָפּזאָגן פון איר און צושטיין אין דעם פּרט צו דער פּראָגרע־סיווער נאַציע. און ווי באַלד דער העכסטער שטאַפּל פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן שכל וועט אָנהייבן הערשן ביי אַלע פעלקער אין אַלע ערשיי־נונגען פון זייער לעבן, וועט דעמאָלט, מיט דעם פאַרשווינדן פון די נאַ־ציאָנאַלע אונטערשיידן, ממילא אויך אָפּגעמעקט ווערן די איינטיילונג אין באַזונדערע פעלקער, און זיי אַלע וועלן זיך צונויפגיסן אין איין איינציקע מענטשהייט, וואָס וועט גלייכמעסיק פאַר אַלעמען אַנטוויקלען די איין איינציקע מענטשלעכע קולטור.

וואָס קאָן דערויף ענטפערן דער עקסטרעמער נאַציאָנאַליזם, דער שאָוויניזם? ביז אַהער האָבן די שאָוויניסטישע טעאָרעטיקער געוואָלט אַרויסדרייען זיך פון דער קאָסמאָפּאָליטישער נעץ דורך דעם, וואָס זיי האָבן פּשוט געלייקנט, אַז עס איז דאָ אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער שכל, אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער יושר, אַן אַלגעמיין־מענטשלעכע חשיבות און שיינקייט. ניטאָ קיין אַבסאָלוטער אַלגעמיין־מענטשלעכער פּראָגרעס! — טענהט דער שאָוויניסט. שכל, יושר, שיינקייט און חשיבות זיינען פאַר־

שיידן ניט נאָר פון עפּאָכע צו עפּאָכע, נאָר אויך פון פאָלק צו פאָלק. און וואָס פאַר איין פאָלק איז אמת, קאָן פאַר דעם אַנדער פאָלק זיין אַ קלאָרער שקר; וואָס פאַר איינעם איז שיין, איז פאַר דעם אַנדערן העס־לעך; דער יושר פון איין פאָלק קאָן פאַר אַן אַנדער פאָלק זיין אַ הימל־שרייענדע עוולה; און דאָס, וואָס איין פאָלק שעצט פאַר דעם העכסטן אויסדרוק פון מענטשלעכער חשיבות, קאָן פאַר דעם אַנדערן פאָלק זיין אַ ניט צו פאַרטראָגנדער ביזוי־בזיון! קורץ — „טשטאָ ניעמצו זדאָראָוואָ, טאָ רוסקאָמו סמערט" — („וואָס עס איז אַ געזונט פאַרן דייטש, איז אַ טויט פאַרן רוס") — אָט דאָס איז אייגנטלעך די פאָרמול, אין וועלכער דער שאָוויניסט פון אַלע פעלקער גלייבט מיט זיין גאַנצן האַרצן. אויב דער „ניעמיעץ" געפינט, אַז אַ קאָנסטיטוציע איז אַ סך אַ גרעסערער פּאָליטישער יושר, איידער די אומבאַגרענעצטע זעלבסט־הערשונג, אויב אים דוכט זיך, אַז די רעליגיעזע טאָלעראַנץ און די גייסט־פרייהייט זיינען אַ סך חשובערע מענטשלעכע ערשיינונגען, איידער די ענגהאַרציקע פאַרפאָל־גונג פון יעדן ניט „פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן", איז דאָס אפשר פאַר אים, דעם „ניעמיעץ", אַ גאַנץ פּאַסיקע זאַך, וואָס שטימט צו זיין כאַראַקטער און צו זיין נאַציאָנאַלער נשמה, מיר, רוסן, אָבער האָבן פון דעם אַ ברעקל ניט וואָס נתפעל צו ווערן. אונדזער כאַראַקטער, אונדזער נאַציאָנאַלע נשמה דיקטירט אונדז אונדזער אמת און ער ווערט אָמבעסטן באַפרידיקט דורך די „סאַמאָדערזשאַוויע" און די „פּראַוואָסלאַוויע"...

איך וויל זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף דער אַרגומענטאַציע פון דעם שאָוויניסט. מיר וועלן באַלד זען, וואָס פאַר אַ קערנדל אמת — און דער עיקר — וואָס פאַר אַ וויכטיקער דערצו — עס ליגט אין דעם נאַציאָנאַ־ליסטישן אַרגומענט. דערווייל מוז איך באַמערקן, אַז דער דאָזיקער קערנדל אמת, ווי וויכטיק ער זאָל ניט זיין, ווערט אין גאַנצן צעגאַנגען אין יענעם גרויסן ים פון שקר, אין וועלכן עס שווימט אַזוי לוסטיק אַרום דער ריין־שאָוויניסטישער געדאַנק. אָפּצולייקענען, אַז ס'איז דאָ אַן אַלגעמיין־מענטש־לעכער אמת, וואָס דיקטירט צ"ב, אַז אַלע מענטשן זאָלן גלייך גלייבן אין דעם מאַטעמאַטישן זאַץ פון „צוויי מאָל צוויי איז פיר"; ניט צו צו געבן, אַז אין געוויסע פונקטן שטייען אַ סך פעלקער נידעריקער, איידער אַנדערע; ניט איינצוזען, אַז אין דער שווייצאַרישער רעפּובליק אָדער אין דער דעמאָקראַטישער ענגלישער קאָנסטיטוציע איז דער מענטש־לעכער יושר אַ סך קלאָרער און טיפער פאַרקערפּערט געוואָרן, איידער אין אַ דעספּאָטישער רעגירונג — צו די אַלע זאַכן דאַרף מען שוין האָבן אַזעלכע פאַרשטאָכענע אויגן, אַז זיי פאַרדינען באמת אויסגעשטאָכן צו

ווערן מיט דעם „פאַרשפּיצטן פלאַקן״. עס זיינען דאָ אַזעלכע קולטור־ערשיינונגען ביי די פאַרשיידענע פעלקער, וואָס פּאַטשן אַזוי העזהדיק אין פּנים אַלע פאָדערונגען פון דעם מענטשלעכן שכל און יושר, אַז מיר מוזן זיך דאָ אָוועקשטעלן אויף דער זייט פון דעם קאָסמאָפּאָליט און אין איינעם מיט אים פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף אַנטקעגן אַלץ, וואָס איז פויל און פאַרשימלט אין דעם לעבן פון אונדזער פאָלק.

אומעטום, וואו זיין קולטור באַשטייט פון „פאַרשפּיצטע פלעקער״, אומעטום, וואו אַנשטאָט „צוויי מאָל צוויי איז פיר״, גלייבט ער, אַז „צוויי מאָל צוויי איז אַ שטרויענער דאַך״, האָבן מיר אַ רעכט צו צו גיין צו יעדן איינעם פון אונדזער פאָלק און רעדן מיט אים גאַנץ ריינע און קלאָרע דבורים: „ייד, פאַרברען דיינע פאַרשפּיצטע פלעקער און דיינע שטרויענע דעכער! ייד, הער אויף צו זיין ייד און ווער מענטש, און וואָס מער מענטש דו וועסט ווערן, אַלץ וויניקער ייד וועסטו זיין״...

איך וועל דאָ ניט אויסרעכענען בפּרטיות אַלע יענע „שטרויענע דע־כער״ און „פאַרשפּיצטע פלעקער״, וואָס געפינען זיך אין דער יידישער קולטור. דער גאַנצער איבערנאַטירלעכער גלויבן אין מלאכים, שדים, רוחות און צדיקים; די נאַרישע איינגעשמועסטקייט, אַז מען קאָן דורך וועלכע עס איז מצוות און עבירות בין אָדם למקום —צווישן מענטש און גאָט — געפינען חן אין דעם אייבערשטנס אויגן אָדער חלילה אַרויסרופן זיין צאָרן אַנטקעגן זיך; כּמעט דער גאַנצער „שולחן־ערוך״ מיט זיינע תּרפּ״ט אלפים דינים און מנהגים — זיי אַלע, אָדער ריכטיקער, כּמעט אַלע, זיינען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי „פאַרשפּיצטע פלעקער״ און „שטרויענע דעכער״, וואָס קאָנען ניט אויסהאַלטן קיין ברעקל קריטיק פון דעם פּראָגרעסיוון מענטש־לעכן געדאַנק. און ניט נאָר איז דאָס אונדזער פליכט צו דערקלערן עס דעם יידן, נאָר ביי דער גאַנצער טאָלעראַנץ, וואָס מיר האָבן צו דעם אַנדערנס מיינונגען און גלייבונגען — אָדער ריכטיקער: דווקא אין דעם נאָמען פון יענער טאָלעראַנץ, טאָרן מיר ניט צולאָזן, אַז דאָס פאָלק זאָל צווינגען וועמען עס איז צו גלייבן אין זיינע אויסגעוועבטע דאָגמען, אָדער ווייטער לעבן אין זיינע פאַרשימלטע פאָרמען. און ווען מיר זעען, אַז אַ הויפן פאַנאַטיקער קלייבט זיך אַרום אַרום די אַלטע הילצערנע און שטרויענע דעכער״ און טאַנצט אַ ווילדן טאַנץ און שרייט אין התלהבות: מה טובו אוהליך, יעקב, פלעקענערעכאַ, ישראל! — טאָרן מיר אַוודאי קיין פּאַראיבל ניט האָבן, ווען ביי איינעם פּלאַצט די געדולד און ער נעמט זיינע פלעקער און זיין שטרויענעם דאַך, וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זיינע עלטערן, און מאַכט אויף זיי אַ שיינעם, לוסטיקן „להדליק״

בפני כל עם ועדה, ווי דאָס האָבן געטאָן אונדזערע אַפּיקורסישע טאַטעס. און אויב מיר זיינען איצטער ניט צופרידן מיט יענע פרייד־פייערן, וועלכע אונדזערע אַפּיקורסים פלעגן אָנצינדן אומעטום צוליב דעם כּבוד פון דעם פרייען מענטשלעכן געדאַנק, איז דאָס ניט דערפאַר, וואָס מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן גלייבן אין „פאַרשפּיצטע פלעקער" און „שטרויענע דעכער", נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן אין יענע פרייד־פייערן אַריינגע־וואָרפן אַ סך אַזוינס, וואָס מען האָט בשום אופן ניט געטאָרט פאַרברענען, און נאָך מער דערפאַר, וואָס דער וועג, וועלכן זיי האָבן אויסגעקליבן, כּדי צו פאַרטרעטן די אינטערעסן פון „מער מענטש און ווייניקער ייד" איז געווען אַן אַבסאָלוט פאַלשער.

בעת דער אַפּיקורס פלעגט קומען צום פאָלק מיט דער טענה: „ייד, הער אויף צו זיין ייד און ווער מענטש" און האָט אים תּוך כּדי דיבור דעמאָנסטרירט וואָס ער מעג על פּי מענטשלעכן שכל טאָן, האָט דאָס אין בעסטן פאַל געמוזט אַרויסרופן אַ פאַרוואונדערונג, אַ פּשוטן ניט־אָנהייבן־צו־פאַרשטיין אין די מוחות און די הערצער פון אַלע באמת פרומע יידן. מיט אַן ערנסטן טרויער אין האַרצן האָט דער פרומער ייד געמוזט זיך חידושן אויף דעם יינגן דור: הייסט עס באמת זיין מער מענטש, ווען מען פרעסט טרפה קאַלבאַס אום יום־כּפּור, זויפט ביער און בראָנפן און טאַנצט מיט אַ שיקסע? זאָל אין דעם ליגן די טיפערע מענטשלעכע חשיבות, צוליב וועלכער ער דאַרף זיך אָפּזאָגן פון זיין יידישקייט? און ער האָט גאָר געמיינט, אַז דער וואָס האַלט זיין ווילן אין צוים, און זיין געדאַנק ריין פון די תּאוות הגוף און דאָס האַרץ אָפן פאַר דער שטים פון הייליקייט און אומענדלעכקייט, איז אַ העכערער מהות מענטש, איידער דער, וועמעס גאַנצער שכל איז אַריין געטאָן אין געשמאַק עסן, געשמאַק טרינקען און טאַנצן מיט שיקסעס. אים האָט זיך גאָר געדוכט, אַז וואָס מער מענטש מען איז, אַלץ אַ גרעסערן יחוס האָט ביי איינעם די „רוחניות", אַלץ מער „ייד" איז מען, און וואָס מער „גראָבער גוי" מען איז, אַלץ ווייניקער „מענטש" איז מען...

דער פעלער פון דעם אַפּיקורס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אין דער אַלטער רעליגיע געזען נאָר איר שולחן־ערוכדיקע שאָלעכץ און האָט זיך ניט אַריינגעטראַכט אין איר נשמה, אין יענע גרויסע, הייליקע און טיף־מענטשלעכע נשמה, וואָס האָט זיך היסטאָריש פאַרבונדן מיט דער דרויסנדיקער שאָלעכץ פון דינים און מנהגים. און אויך אין דעם האָט ער געמאַכט דעם טעות, וואָס ער האָט די גרויסע, הייליקע טיף־מענטשלעכע נשמה פון זיין אייגענעם נייעם אַפּיקורסישן גלויבן געוואָלט אַריינטראָגן אין פאָלק דורך דער טריפהנער קאַלבאַס און דעם יום־כּפּור־טאַנץ מיט

אַ שיקסע. גאַנץ אַנדערע װעגן האָט מען באַדאַרפט אויסזוכן, װי אַזױ די גרויסע נשמה פון דעם אַלטן דור זאָל אין דער גרויסער נשמה פון דעם נייעם דור דערקענען איר אייגענעם מהות, איר אייגענע אָפּשפּיגלונג אין אַ נייער פּראָגרעסיװער פאָרעם. אָבער — װי די מעשה איז — איז דאָס ניט מער, װי אַ פראַגע פון דעם ריכטיקן װעג, פון דעם מער צוגעפּאַסטן מעטאָד, װי אַזױ דורכצופירן דעם נייעם אמת אין לעבן. אין פּרינציפּ איז דער נייער קאָסמאָפּאָליטישער דור געװען גערעכט, װען ער איז צוגע־גאַנגען צו דעם יידישן לעבן מיט דער פאָדערונג, אַז אַלץ זאָל פון דאָרטן אָפּגעשאָפט װערן, װאָס קאָן זיך ניט פאַרענטפערן פאַר דעם מענטשלעכן שכל, דעם מענטשלעכן יושר און דער מענטשלעכער שיינקייט. אין אַלע פאַלן, װאו ער האָט געקאָנט באַשיימפּערלעך אויפװייזן, אַז דאָס יידישע לעבן, די יידישע קולטור שטייט הינטער די פאָדערונגען פון דעם מענטש־לעכן פּראָגרעס, קאָן קיינער ניט אָפּלייקענען אונדזער רעכט צו קומען צו דעם יידישן פאָלק און זאָגן אים: „ייד, הער אויף צו זיין ייד און װער מענטש. און װאָס מער מענטש דו װעסט זיין, אַלץ װייניקער ייד װעסטו זיין״.

אָבער און דאָ הייבט זיך אָן דער גרענעץ, װעלכן דער קאָסמאָפּאָליט האָט ניט באַמערקט און װעלכן ער האָט לגמרי ניט געהאַט קיין רעכט איבערצושטרייטן: קאָן מען דען באמת אַלע קולטור־ערשיינונגען פון אַלע פעלקער איינטיילן נאָר לויט דעם גראַד פון שכל, יושר, שיינקייט און מענטשלעכע חשיבות, װאָס איז אויסגעדריקט אין זיי? זיינען די נאַציאָ־נאַלע אונטערשיידן פון די פעלקער ניט קיין אַנדער זאַך װי נאָר גראַד־אונטערשיידן פון מענטשלעכע מעלות, אַזױ אַז אויב זיי זאָלן זיך אַלע אויפהייבן אויף דער זעלביקער שטופע פונעם פּראָגרעס, װעלן זיי אַלע מוזן ממילא קומען צו די זעלביקע רעזולטאַטן און לעבן, דענקען און שאַפן? זיינען אפשר דאָ אַזעלכע קולטור־ערשיינונגען, װאו די נאַציאָנאַלע פאַרשיידנקייטן שיידן זיך פונאַנדער ניט דורך דעם גראַד פון דער מענטש־לעכקייט, װאָס אין זיי, נאָר דורך דער אַרט פון דער מענטשלעכקייט, װאָס דריקט זיך אין זיי אויס, און װאָס איז בשום אופן ניט ערגער, איידער אַ װעלכער עס איז אַנדער מין?

לאָמיר אַ ביסל אַ טראַכט טאָן װעגן דעם.

פעלקער אונטערשיידן זיך איינער פון דעם אַנדערן אויך לויט די שפּראַך, װעלכע זיי רעדן. אַ שפּראַך איז קודם כל אַ מיטל, װי אַזױ דורך װערטער אויסצודריקן אונדזערע געדאַנקען און פאַרשטעלונגען. איין און די זעלבע פאַרשטעלונג פון דעם חפץ, װאָס איך האַלט איצטער אין מיין

האָנט, דריקט דער ייד אויס מיט דעם וואָרט „זייגער", דער רוס זאָגט אויף דעם „טשאַסי", דער דייטש רופט דאָס „אור". וועלכער וואָרט איז מענטשלעכער: אין וועלכן איז פאַרקערפּערט אַ גרעסערער גראַד פון שכל, יושר, חשיבות און חן? אין קיינעם ניט פון זיי! זיי זיינען אַלע גלייך גוט, גלייך שיין און גלייך מענטשלעך. אין זיי זיינען אָבער פאַרקערפּערט פאַר־שיידענע אָרטן פון דער מענטשלעכער שפּראַך, פאַרשיידענע מינים לשונות, ווי אַזוי אין קלאַנגען אויסצודריקן געדאַנקען. קומט איר דעריבער אין דעם ענין פון שפּראַך צו דעם יידישן פאָלק און זאָגט אים: „ייד, הער אויף צו זיין ייד און ווער מענטש", האָט דאָס ניט קיין אַנדער טייטש, ווי: פאַר־וואַרף דעם וואָרט „זייגער" און נעם אָן אַנשטאָט דעם דאָס וואָרט...

אָבער וואָסער אַנדער וואָרט זאָל מען אָננעמען אַנשטאָט אים? און מיט וואָס איז יעדעס אַנדער וואָרט מענטשלעכער, איידער דאָס וואָרט „זייגער"?

איר זעט: אין דעם פּונקט פון שפּראַך, איינעם פון די וויכטיקסטע פּונקטן אין דעם נאַציאָנאַלן לעבן, האָט די קאָסמאָפּאָליטישע פאָרמול: „וואָס מער מענטש, אַלץ ווייניקער ייד" אין גאַנצן פאַרלוירן יעדן שכלדיקן מענטשלעכן זין. די שפּראַך איז אַ קולטור־צווייג, אין וועלכער עס דריקט זיך אויס דער מענטשלעכער שכל און די מענטשלעכע שיינקייט, אָבער ביי יעדן פאָלק אויף אַן אַנדער אופן, און עס איז ניטאָ אויף דער וועלט קיין איין איינציקער ריכטער, וואָס זאָל אָביעקטיוו קאָנען אַרויסברענגען, וועלכע שפּראַך איז די שענסטע, קליגסטע און האָט אין זיך מער מענטש־לעכע מעלות, איידער אַלע אַנדערע, אַזוי, אַז דער אַלגעמיין־מענטשלעכער שכל זאָל קאָנען פאָדערן פון יעדן איינעם, ער זאָל אָננעמען דווקא יענע אויסגעצייכנטע שפּראַך.

אמת, עס זיינען דאָ איינצלנע מענטשן, וואָס זיי דוכט זיך, אַז זיי האָבן „על פּי שכל" אויסגעפונען, וועלכע שפּראַך עס פאַרדינט דעם שרביט הזהב, די קעניגלעכע ווערדע איבער אַלע שפּראַכן. אָבער אויב איר וואָלט געלאָזט די גאַנצע מענטשהייט אָפּשטימען איבער דער דאָזיקע פראַגע, וואָלט איר אפשר צו אייער באַוואונדערונג באַקומען דעם רעזולטאַט, אַז יעדעס פאָלק וואָלט געשטימט פאַר זיין אייגענעם לשון: ווייל שענער פון אַלע בילדער איז מיר מיין מאַמעס פּנים; ליבער פון אַלע לשונות איז מיר מיין מוטער־שפּראַך. דאָס איז אַן אַלטער כּלל פאַר אַלע פעלקער — אַ כּלל, פאַר וועמען דער אַלגעמיין־מענטשלעכער שכל מוז אונטער־טעניק איינבויגן זיין קאָפּ.

עס איז אויך אמת, אַז די אינטעליגענץ פון די אונטערדריקטע אָדער צוריקגעבליבענע פעלקער, וואָס הייבט זיך ערשט אָן אויסצומענטשלען

אונטער דעם איינפלוס פון אַ פרעמדער קולטור און אַ פרעמדער שפּראַך, פאַלט אָפט אַריין אין דעם דמיון, אַז נאָר די פרעמדע שפּראַך איז באמת אַ מענטשלעכע; דער אייגענער לשון אָבער איז גאָרניט ווערט, וואָס ער לעבט אויף דער וועלט. זי איז דעריבער נוטה צו קוקן אויף איר אייגענעם לשון פון אויבן אַראָפּ און האַלטן פאַר אַ חשובערן מענטשן יענעם, וואָס האָט אין גאַנצן פאַרגעסן, ווי צו רעדן אין דער שפּראַך פון זיין פאָלק. אַזוי איז אַ צייט געווען אין רוסלאַנד, ווען די רוסן האָבן מבזה געווען זייער שיינעם רוסיש, און דעם אידעאַל פון אַ חשובן גע־בילדעטן מענטשן האָבן זיי געזען אין יענעם, וואָס האָט געקאָנט רעדן און דענקען פראַנצויזיש. דאָס אייגענע האָט אויך פּאַסירט אין דייטש־לאַנד, וואו אַזעלכע אמת געבילדעטע גייסטער ווי פרידריך דער גרויסער האָבן זיך געקאָנט באַרימען מיט דעם, וואָס זיי קאָנען ניט קיין דייטש, אָדער קאָנען עס ניט גוט. איצטער וועט קיין רוס און קיין דייטש ניט אַרויף אויפן זינען צו קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף זייערע שפּראַכן, אָדער צו פאַלן כּורעים פאַר דעם „פראַנצויז״. אַדרבה, ביי די צוויי פעלקער האָט זיך אויסגעבילדעט אַן אמתע טיפע ליבע און פאַרערונג צו זייער לשון, צו דעם שכל און דער שיינקייט, וואָס ליגט איינגעוויקלט אין אים.

ווי אַזוי איז דאָס געשען? גאָר פשוט! בעת די דייטשן און די רוסן האָבן זיך גענומען אויסמענטשלען אין פראַנצויזיש, זיינען זיי נאָך געווען קנאָפּע מענטשן. אַליין אָרעם אין בילדונג און שיינע, טיפע גע־דאַנקען, האָבן זיי אויך ניט געקאָנט באַמערקן די פאַרבאָרגענע שיינקייטן פון זייער אייגענעם לשון. אין גאַנצן פאַרכּשופט פון דעם פרעמדנס גע־שמאַק און שכל, איז ביי זיי לגמרי אָפּגענומען געוואָרן זייער אייגענער שכל און זייער אייגענער געשמאַק. אָבער וואָס מער מענטש זיי זיינען געוואָרן, וואָס זעלבסטשטענדיקער עס איז געוואָרן זייער טראַכטן און פילן, אַלץ העכער האָט גענומען רעדן ביי זיי דאָס אייגענע דענקען און דער אייגענער פילן. מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אינטעליגענץ האָט זיך אין דער זעלביקער צייט אויך אַנטוויקלט איר היימישער לשון, און וואָס מער וויסן און בילדונג עס האָבן גענומען אַריינדרינגען אין די מאַסן, אַלץ מער לעבנס־קראַפט איז אַריינגעיאָגט געוואָרן אין זיינע אָדערן, אַלץ פולער און גראַציעזער זיינען געוואָרן זיינע פאָרמען, אַלץ חנעוודי־קער זיינע באַוועגונגען. סוף־כּל־סוף האָט די אינטעליגענץ געמוזט אין דער אייגענער שפּראַך דערבליקן דעם בעסטן, לייכטסטן מיטל צו שאַפן אירע באַשאַפונגען, צו באַשרייבן אירע זעאונגען, צו באַזינגען אירע גע־פילן, אַרויסצוברומען איר ווייטיק און אַרויסצושאַלן איר פרייד.

אויף אַזאַ אופן איז די שפּראַך מיט טויזנטער פעדים צונויפגעבונדן געוואָרן מיט דער נשמה — און אַנשטאָט דעם אַלטן דמיון, אַז דער אייגענער לשון איז אַ מיאוסע דינסט־מויד, וואָס טאָר ניט האָבן די העזה צו באַווייזן זיך אין סאַלאָן, אויף וועלכער קיין אָנשטענדיקער מענטש קאָן ניט אויסדריקן קיין איין אָנשטענדיקן געדאַנק, איז אויסגעוואַקסן די אַנדערע אילוזיע, אַז זי, די שפּראַך פון זייער פאָלק, איז די איינציקע קעניגין צווישן אַלע שפּראַכן פון דער וועלט.

אמת, יעדער איינער פאַרשטייט מיט שכל, אַז די אילוזיע איז ניט מער ווי אַן אילוזיע, ניט מער, ווי אַ דמיון און געפיל, אָבער אַזוי ווי דער דאָזיקער דמיון שאַדט קיינעם ניט, אַזוי ווי די ליבע צו דער אייגענער שפּראַך איז צונויפגעבונדן מיט דער ליבע צו אַלע יענע גרויסע קולטור־אוצרות, וועלכע דאָס פאָלק באַשאַפט אי פאַר זיך, אי פאַר דער מענטשהייט, האָט מען זיך ניט וואָס צו שעמען מיט דער דאָזיקער הייסער ליבע צו דעם אייגענעם לשון און מען דאַרף ביי דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן שכל ניט אויסבעטן קיין היתר אויף אים, ווייל דער אַלגעמיין־מענטשלעכער שכל האָט ניט קיין אייגענע שפּראַך, וואָס ער זאָל קאָנען אַרויפצווינגען אויף אַלע מענטשן. אַגב, פאַרשטייט ער, דער אַלגעמיין־מענטשלעכער שכל, גאַנץ גוט, ווי אַזוי מען קאָן זיך פאַרליבן אין יענע קלאַנגען, וואָס זיינען אַזוי נאָענט צו דער נשמה, אַזוי ענג צונויפגעוואַקסן מיט אַלע אירע פאַרבאָרגענע פאַלדן.

וואָס לערנט אונדז די דאָזיקע דערשיינונג? זי אַנטפּלעקט אונדז זייער אַ וויכטיקן אמת פאַר אונדזער עניין. בעת די רוסישע אינטעליגענץ איז אין איר שפּראַך געשטאַנען אונטער דער שליטה פון דער פראַנצויזישער קולטור, האָט זי אפשר געקאָנט מיינען, אַז וואָס מער מענטש איינער איז, אַלץ מער פראַנצויז איז ער און אַלץ ווייניקער רוס. אָבער מיינען אַזוי האָט זי געקאָנט נאָר דערפאַר, ווייל דער מענטש אין דעם רוס איז נאָך געווען פון גאָר אַ שוואַכער מדרגה; ער איז געווען אַ ווייכער וואַקס, אויף וועלכן דער פראַנצויזישער זשעני האָט געקאָנט אַרויפלייגן זיין שטעמפּל. אָבער וואָס מער מענטש דער רוס איז געוואָרן, וואָס ווייטער זיין האָריזאָנט, וואָס שטאַרקער זיין אייגענע שאַפונגס־קראַפט, אַלץ מער „רוס" איז ער געוואָרן לכל הפחות בנוגע צו דעם אייגענעם רוסישן לשון.

און אַקוראַט די זעלביקע דערשיינונג שפּילט זיך איצטער אָפּ פאַר אונדזערע אויגן ביי דעם יידישן פאָלק מיט דער יידישער שפּראַך. ווען אונדזער רוסיש־יידישע אינטעליגענץ האָט זיך נאָר וואָס גענומען „אויס־מענטשלען", איז זי געווען, ווי אַ וואַקס אין די הענט פון דער פרעמ־

דער קולטור און דער פרעמדער שפּראַך. רעדן ווי אַ „מענטש״ האָט גע־הייסן רעדן רוסיש (אָדער פּויליש אין פּוילן). אָבער אָט איז די אינטע־ליגענץ אַ ביסעלע אונטערגעוואַקסן, אָט האָט זי געגומען שפּירן אין זיך אירע אייגענע כּוחות, און מיט דעם פונאַנדערבליען פון די אייגענע כּוחות האָט זיך גענומען פונאַנדערבליען אויך דער יידישער לשון. פאַרגלייכט דעם מצב פון יידיש אַ יאָר פינף און צוואַנציק צוריק מיט איר איצטיקן צושטאַנד! דערמאָנט זיך, ווי אומגעלומפּערט, ווי בעריש עס איז געווען איר יעדער ריר, ווי באַלד זי האָט געמוזט אַרויסקריכן פון אירע אייגענע פיר ווינקעלעך און אויסדריקן אַ וועלכן עס איז מענטשלעכן געדאַנק. און באַטראַכט ווי גראַציעז, ווי זיכער עס זיינען איצטער אַלע אירע באַווע־גונגען, ווי שנעל זי קאָן זיך צופּאַסן צו יעדער גייסטיקער לאַגע, און ווי פּינקטלעך זי קאָן איבערגעבן יעדן, זאָל זיין ווי פאַרוויקלטן געדאַנק! די יידישע שפּראַך איז איצטער גאַנץ באַשטימט געוואָרן מער „יידיש״, איידער זי איז געווען, און דער ייד, וואָס רעדט און שרייבט איצטער יידיש, רעדט און שרייבט גאַנץ זיכער אַ פּיל בעסערן יידיש, איידער אַ מאָל. ער איז אין דעם פּרט פון דער שפּראַך געוואָרן מער ייד. אַ דאַנק די טעגלעכע צייטונגען, דעם טעאַטער, דעם יידישן בוך, די פאַרזאַמלונגען, וואו געבילדעטע מענטשן דריקן אויס זייערע געדאַנקען אין יידיש, ווערט אַלץ רייכער אין ווערטער און אויסדריקן דער אוצר פון אונדזער שפּראַך און דער ייד ווערט אַלץ ווייניקער געצוואונגען צו שעפּן פון אַ פרעמדן קוואַל. הייסט עס, אַז אין דעם פּרט פון דער שפּראַך איז דער ייד גע־וואָרן מער ייד, דער רוס מער רוס און דער דייטש מער דייטש, ניט פאַר קיין אַנדער זאַך, נאָר דערפאַר, וואָס זיי אַלע זיינען געוואָרן מער מענטש...

הייסט עס, אַז לכל הפּחות אין דעם ענין פון דער שפּראַך, האָבן מיר פאַר אונדז אַ פאַל, וואו די אַלטע פאָרמול: „וואָס מער מענטש, אַלץ ווייניקער ייד״, איז — ניט נאָר זי פאַרלירט יעדן זין, נאָר אַדרבה, זי ווערט פאַרוואַנדלט אין איר אייגענעם היפּך: וואָס מער מענטש מען איז, וואָס רייכער עס ווערן די ענינים, וועגן וועלכע דער יידישער מענטש דענקט; וואָס שטאַרקער אין אים ווערט די קראַפט פון דעם אייגענעם שאַפן, אַלץ מער ייד ווערט מען, אַלץ בולטער און שאַרפער יענער נאַ־ציאָנאַלער סימן זיינער, וואָס דריקט זיך אויס אין זיין לשון.

לאָזט מיך דאָ באַרירן נאָך אַ פּאָר פּונקטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער יידישער שפּראַך־פראַגע אין איר שייכות צו „ייד און מענטש״.

מיר האָבן געזען, ווי די געבילדעטע קרייזן פון אַ צוריק־געבליבענעם פאָלק פאַרלירן דעם רעספּעקט צו זייער אייגענעם לשון און פילן אַ מין יראת הכבוד פאַר דער פרעמדער רייכער שפּראַך. דאָס איז גאַנץ באַ־שטימט דער געפיל פון דרך־ארץ, וואָס אַ נידעריקערע קולטור האָט צו אַ העכערער. אָבער אַזאַ מין אָראַפּפאַלן אין די אויגן, האָט בעצם ניט געקאָנט אָנרירן ניט דעם פערזענלעכן שטאָלץ, ניט דעם שטאָלץ פון דעם פאָלק. אַ רוסישער גראַף אָדער קניאַז האָט אפשר געשפּירט, אַז זיין פראַנצויזישער פאַבריקמאַכער מיט זיינע עלעגאַנטע מאַניערן, מיט זיין געשליפענעם צינגל און זיין גראַציעזן פראַנצויזיש, איז אין אַ געוויסן פּרט אַ העכערע, חשובערע בריאה, איידער ער אַליין. אָבער נאָר אין אַ געוויסן פּרט — אין דעם פּונקט פון שפּראַך און אויסערלעכע קולטור. אין אַלע אַנדערע פּונקטן איז ער, דער גראַף, פאַרט דער מיוחס, דער גראַף, און יענער איז דער פאַבריקמאַכער. און אויך בנוגע צו דעם אייגענעם פאָלק איז ער, דער גראַף, אַ קינד פון דער גרויסער, מעכטיקער רוסישער נאַציע, וואָס האָט פּאָליטיש און היסטאָריש אין קיין פאַל ניט וואָס אונ־טערצובייגן זיך אונטער פראַנקרייך און וואָס איר כּבוד ווערט בשום אופן ניט פאַרטונקלט דורך דעם גלאַנץ פון דעם פראַנצויזישן נאָמען. אַפילו אין די ערגסטע צייטן פון דער רוסישער אַסימילאַציע האָט קיינעם פון די געבילדעטע ניט געקאָנט אַרויף אויפן זינען, אָפּצוזאָגן זיך פון דעם אייגענעם פאָלק דערפאַר, וואָס ער שטייט אויף אַ נידעריקערער קולטור־מדרגה, און אויפצוגעבן די עקסיסטענץ פון דער רוסישער נאַציע מחמת דעם, וואָס איר שפּראַך איז ניט אַזאַ חשובע, ווי די פראַנצויזישע.

אַ גאַנץ אַנדער פּסיכאָלאָגיע האָט געמוזט הערשן — און הערשט נאָך עד־היום — ביי אַ גרויסן טייל פון די יידישע גאַנץ געבילדעטע, האַלב־און פערטל־געבילדעטע קרייזן. דער רוס און זיין שפּראַך איז אין זייערע אויגן געווען אַ העכערע בריאה ניט נאָר מחמת זיין העכערער קולטור, נאָר ווייל ער איז אויך אַ חשובער מענטש אין דער געזעלשאַפטלעכער שטעלונג און אין דעם שטאַטלעכן לעבן. אַ שכורער שרייבערל ביי דעם „סטאַנאָוואָי" אין אַ שטעטל איז געזעלשאַפטלעך אין רוסלאַנד אַ סך אַ גרעסערער מיוחס איידער דער רייכער יידישער סוחר. אָפּזאָגן זיך פון יידיש און רעדן די שפּראַך פון דעם שכורן שרייבערל הייסט דעריבער, ניט נאָר אַריינגענומען ווערן אין דער ספערע פון דער העכערער קולטור. די קולטור־פראַגע האָט דאָס רוב געשפּילט גאָר אַ קליינע ראָלע אין דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס פון די ברייטערע יידישע קרייזן. אַ סך אַ גרע־סערע ראָלע האָט דאָ געשפּילט דאָס וועלן אויפהייבן זיך אויף אַ העכערער

שטופּע אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, אויסגלייכן זיך אין יחוס מיט דעם גוי. די רוסישע שפּראַך איז געווען אַן אויסערלעכער צייכן, אַז מען געהערט שוין ניט מער צו יענעם פאַרוואָרפענעם, באַשפּיגענעם פאָלק, וואָס יעדער איינער האָט אַ רעכט צו טרעטן עס מיט די פיס. דורך זיין רעדן רוסיש, דורך דעם נאָכמאַכן די מאַניערן פון דעם רוס, האָט דער אַסימילירטער ייד געוואָלט אויפהייבן זיין מענטשלעכע חשיבות סיי אין די אויגן פון דעם רוס, סיי אין די אייגענע אויגן. דורך „ווייניק ייד״ האָט ער געוואָלט פאַררעכנט ווערן פאַר „מער מענטש״.

איר ווייסט אַלע, ווי צרהדיק עס האָט זיך אויסגעלאָזן יענער עקס־פּערימענט און וואָס פאַר אַ גרויסן טעות דער אַסימילאַטאָר האָט דאָ גע־מאַכט אין חשבון. דער יידישער נאָמען איז בשום אופן ניט אויפגעהויבן געוואָרן, אַ דאַנק דער רוסישער שפּראַך־אַסימילאַציע, און דער ייד איז ניט געוואָרן מער מיוחס, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן רוסיש.

וואו איז דאָ געלעגן דער טעות אין זיין חשבון?

דער אַסימילאַטאָר האָט זיך געיאָגט נאָך אַ העכערער מענטשלעכער חשיבות — געוויס אַ באַרעכטיקטער און מענטשלעכער שטרעבן. אָבער ער האָט דאָ צונויפגעמישט צוויי זאַכן: מענטשלעכן שטאָלץ און וויסטע גאווה. דער מענטשלעכער שטאָלץ רוט אויף דעם באַוואוסטזיין פון מיין אייגענעם ווערט, אַלץ איינס, וואָס די אַרומיקע וועלט זאָל ניט האַלטן פון מיר. די וויסטע גאווה האָט ניט קיין אייגענעם ווערט־מאָסשטאָב, זי נעמט אים אַריבער פון דער פרעמד. זי יאָגט זיך קודם כל נאָך דעם אַנדערנס אָפּשאַצונג, נאָך יענעמס גוטער מיינונג וועגן מיר. אין דער וויס־טער גאווה פאַרלירט דעריבער דער מענטש דעם דרך־ארץ צו זיך אַליין. אין זיין נשמה מוז זיך אַריינגנבענען אַ פונק פון יענער הינטישער פּסי־כאָלאָגיע, וועגן וועלכער איך האָב גערעדט אין דעם אָנהייב פון מיין פאַרלעזונג. מיט גליקזעליקע בליקן פון הינטישער אונטערטעניקייט קוקט דער אַסימילאַטאָר אויף זיין „גאָט״, וועמען ער וויל נאָכמאַכן, דרייט מיטן ווידל, פאַר יעדן ביסעלע כבוד, וואָס דער „גאָט״ קאָן אים שענקען. וואָס פאַר אַן ערט דאָס איז צו האָבן דעם „סטאַנאַוואָי״ אַליין ביי זיך אין שטוב, שפּילן מיט אים סטוקעלקע און אפשר נאָך זיין מיט אים „נאַ טי״ און רעדן מיט אים רוסיש הויך אויפן קול אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן און פּלאַצן פאַר קנאה. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס מוז ניט זיין דווקא דער „סטאַנאַוואָי״. וואָס פאַר אַן אַרט „אמתער רוס״ דאָס דאַרף זיין, כּדי זיין פריינטשאַפט זאָל איינעם ברענגען כבוד — דאָס הענגט אָפּ פון דעם בילדונגס־גראַד און דער געזעלשאַפטלעכער שטעלונג פון דעם יידן. פאַר

איינעם איז דאָס דער „סטאַנאַוואַי״, פאַר דעם אַנדערן אַ גובערנאַטאָר, פאַר דעם דריטן אַ „פּיסאַטעל״, פאַר דעם פערטן אַ באַרימטער גזועל־שאַפטלעכער טוער. דער עצם פון דער וויסטער גאווה בלייבט אָבער דער זעלביקער: דאָס איז דער אייגענער בטול היש, דאָס פאַרלירן פון דעם אייגענעם פנים, דאָס וועלן זיך באָדן אין יענע שטראַלן פון כבוד, וואָס די נאָענטקייט פון דעם פרעמדן קאָן איינעם געבן.

עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז די פאַראַכטונג צו דער יידישער שפּראַך איז ביי אַ גרויסן טייל אַסימילאַטאָרן אויסגעוואַקסן אָט פון דער וויסטער גאווה, אָט פון דעם הינטישן בטול היש, וואָס איז די סיטרא אַחרא פון דעם מענטשלעכן שטאָלץ. און עס איז קיין חידוש ניט, וואָס אָט די וויסטע גאווה האָט ניט געקאָנט דערגרייכן איר ציל: דרך־ארץ קאָן מען נאָר האָבן צו דעם, וואָס האָט דרך־ארץ פאַר זיך אַליין. און דער, וואָס שפּייט זיך אַליין אין פּנים, פאַרדינט אויך דעם שפּיי פון דעם אַנדערן. וואָלטן יענע אַסימילאַטאָרן אַנשטאָט וויסטער גאווה געהאַט מענטשלעכן שטאָלץ, וואָס רעכנט זיך נאָר מיט דעם אייגענעם ווערט, און קעמפט, אַז די דרויסנדיקע וועלט זאָל אָנערקענען מיין ווערט, וואָלטן זיי באַלד געקאָנט איינזען, אַז אַלע שפּראַכן זיינען גלייכע מיוחסים און אַז אָפּזאָגן זיך פון דער אייגענער שפּראַך צוליב אַ פרעמדער, הייסט אומזיסט און אומנישט אָנשפּייען זיך אין פּנים. אַ ביסעלע מער מענטשלעכער שטאָלץ אין דעם יידן, וואָלט געמאַכט אוממעגלעך דאָס פאַרלאָזן פון יידיש. וואָס מער מענטשן זיי וואָלטן געווען, אַלץ מער יידן וואָלטן זיי געבליבן.

אַזאַ בליק אויף דעם ענין פון דער שפּראַך איז אָבער נאָך אין גאַנצן פרעמד פאַר אַ סך פון דער יידישער אינטעליגענץ, אפילו פון דער, וואָס האָט גאַנץ געוויס קיין ברעקל שפּיר ניט פון הינטישער פּסי־כאָלאָגיע אין איר נשמה. עס זיינען דאָ ביי אונדז מענטשן, וואָס פאַר־שטייען בכלל ניט, וואָס מאַכט מען דאָ פאַר אַזאַ ווען פון דער שפּראַך. איז דען די שפּראַך עפּעס מער, איידער אַ מיטל אויסצודריקן געדאַנקען, און דאַרף אַן אמתער מענטש האָבן ביי די געדאַנקען עפּעס מער אין זינען, איידער אמת און יושר? וואָס איז די נפקא מיניה, אין וואָס פאַר אַ קלאַנגען מען ברענגט קלאָר אַרויס די דאָזיקע אידעאַלן? „קאַזאַלע־מאַזאַלע, אַבי דאַברע מיינעלע״.

איך ווייס ניט, צי אייך איז באַקאַנט אַן—סקיס „פּיאַנערי״ און צי איר געדענקט די סצענע, ווי דער קליינשטעטלדיקער משכיל, וואָס איז אַנטלאָפן אין דער גרויסער שטאָט צוליב דער אמתער השכלה, לערנט זיך ביי אַ גימנאַזיסט די רוסישע שפּראַך. געבראַטענע ליידן שטייט ער אויס

פון דעם, וואָס ער קאָן ניט ארויסרעדן ריכטיק דאָס רוסישע וואָרט „טשיזש״. ווי ער מאַטערט זיך ניט, קומט ביי אים אַלץ אַרויס „ציזז״ — און ער פאַרשטייט ניט: וואָס איז דאָ דער אויפגעקלערטער גימנאַזיסט אַזוי מקפיד אין דעם ענין? וואָס קאָכט ער זיך אין דעם „טשיזש״? קאָן דען פאַרענדערט ווערן דער ענין, ווען מען פאַרדרייט אַ ביסל זיין נאָמען? ווערט דער פויגל אַן אַנדערער, ווען מען רופט אים „ציזז״ אַנשטאָט „טשיזש״?

אַזאַ פּסיכאָלאָגיע איז זייער פאַרשפּרייט ביי דער יידישער יוגנט און זי שטאַמט פון אַן אַנדער מין „בטול היש״, וואָס איז זייער פאַרשיידן פון דעם הינטישן „בטול־היש״, וועגן וועלכן איך האָב נאָר וואָס גערעדט. זי שטאַמט פון אונדזער בטלנות. דער אמתער אידעאַלער בטלן האָט נאָר צוויי אידעאַלן אין האַרצן: אמת און יושר. שיינקייט און מענטשלעכע חשיבות זיינען ביי אים קינדערשע זאַכן, מיט וועלכע אַן ערנסטער מענטש טאָר זיך ניט אָפּגעבן. אָבער דאָ מאַכט דער בטלן דעם גרעסטן טעות. ער פאַרזעט אין גאַנצן דעם פאַקט, אַז „אמת וצדק״ איז נאָר אַ טייל פון אונדזערע העכסטע מענטשלעכע אידעאַלן — דער פונדאַמענט, אויף וועלכן זיי אַלע דאַרפן אויפגעבויט ווערן. נאָך העכער איידער דער פונ־דאַמענט, איידער אמת און יושר, הייבן זיך אויף פאַר דעם מענטשן די אידעאַלן פון שיינקייט און מענטשלעכער חשיבות. זיי צו פאַרגעסן הייסט אַוועק מאַכן כלאַחר יד אַלץ, וואָס טראָגט אַריין רייכקייט און פאַרב אין דעם מענטשנס נשמה, אַלץ וואָס האָט אַ ווערט צוליב זיך אַליין און ניט צוליב אַן אַנדער זאַך.

מען קאָן זאָגן, אַז אין קיין זאַך טרעט ניט אַרויס אַזוי קלאָר די מענטשלעכע נאַטור פון דעם מענטשן, ווי אין זיין ליבע צו שיינקייט, צו דער שיינער פאַרעם גופא, ווייל נאָר זי אַליין איז אַן „אַהבה שאינה תּלויה בדבר״, אַ ריינע ליבע אָן עגאָאיסטישע פניות און הינטער־געדאַנקען. געוויס, אויך די ריינע אמת־ליבע צוליב דעם אמת גופא; אויך די אײ־בערגעבנקייט צו די אידעאַלן פון יושר צוליב דעם יושר גופא טראָגן אויף זיך דעם זעלביקן שטעמפּל פון „אַהבה שאינה תּלויה בדבר״, דעם העכסטן געפיל, צו וועלכן נאָר די מענטשלעכע נשמה איז מסוגל. אָבער ערגעץ טרעט ניט אַרויס דער געפיל אַזוי ריין און קלאָר, ווי אין דער ליבע צו שיינקייט, און אין דעם שטרעבן צו אינעווייניקסטער מענטש־לעכער חשיבות, ווייל אמת און יושר קאָנען נאָך, אַ חוץ דער ריינער הנאָה, וואָס זיי ברענגען מיט זיך, באַרייכערן דעם מענטשן מיט נוצלעכע זאַכן, בעת שיינקייט און אינעווייניקסטע מענטשלעכע חשיבות קאָנען

קיין ברעקל נוצן פאַר דעם מענטשן ניט שאַפן. זייער גאַנצער ווערט באַשטייט אות באות אין דעם, וואָס זיי זיינען אַ פּייאַס ניט ווערט. זיי ווילן דעם מענטשן ניט מאַכן געזינטער, קליגער, רייכער, פעטער. אָבער זיי מאַכן אים מענטשלעכער, און שאַפן פאַר אים יענעם טיפן גליק, יענעם צושטאַנד פון ריינער פרייד, צו וועלכער דער מענטש דאַרף שטרעבן, ווען ער וויל וויסן, וואָס הייסט לעבן ווי אַ מענטש.

נאָר צוויי קלאַסן מענטשן האָבן פאַרלוירן דעם חוש פון שיינקייט און חשיבות, אַדער פאַרשטיקן אים מיט אַ כיוון אין זייער האַרץ. דאָס איז דער גראָבער עגאָאיסט, וואָס איז ניט אַוועק אַ סך ווייטער פון דער חיה, ביי וועמען די אידעאַלן פון עסן, טרינקען, שלאָפן, סעקסועלע ליידנ־שאַפטן און אפשר נאָך די ליידנשאַפטן פון וויסטער גאווה פילן אויס אַלע ווינקעלעך פון דער נשמה. און דאָס איז אויך דער עטישער בטלן, וועמעס האַרץ עס קלאָגט, אמת, אויף דעם „צרת הכלל", אויף די ליידן פון דער מענטשהייט, וואָס פאַרשטייט אָבער ניט, אַז די ליידן פון דער מענטש־הייט באַשטייען ניט נאָר אין די שמערצן פון דער הונגעריקער חיה און דעם מענטשן. נאָר אויך אין זיין שטרעבן צו אַ שיינעם חשובן מענטשלעכן זיין.

גריילעך וואָלט איך מיך איצטער אָפּגעשטעלט אַ ביסל מער אויף דעם ענין פון עטישע בטלנות ניט נאָר ביי אונדז יידן, נאָר אויך אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשלעכער וועלט. נאָר ליידער וואָלט דאָס אונדז אַוועקגעפירט צו ווייט פון אונדזער טעמע. לאָמיר זיך באַנוגענען מיט דער באַמערקונג, אַז די קאַלטקייט צו די שיינקייטן פון דער שפּראַך — די גלייכגילטיקייט, אין וואָס פאַר אַ שפּראַך מען זאָל רעדן און ווי מען זאָל געברויכן אירע אויסדריקן, איז גאָרניט אַזאַ חשובע מענטשלעכע מעלה, ווי עס קאָן זיך אפשר אויסדוכטן אויף דעם ערשטן בליק. אַ נאָר־מאַלער מענטש ליבט זיין שפּראַך — וואָס פאַר אַ שפּראַך דאָס זאָל ניט זיין, און וואָס מער מענטש ער איז, אַלץ שטאַרקער איז זיין ליבע צו איר.

איך האָב מיך אַזוי לאַנג אויפגעהאַלטן אויף דעם ענין פון שפּראַך און שפּראַכן־ליבע, ווייל דאָס איז איינער פון די וויכטיקסטע פעלזן, אָן וועלכע עס צעשלאָגן זיך די וואַלן פון קאָסמאָפּאָליטיזם. אויב שפּראַך־פאַרעם איז ניט קיין גלייכגילטיקע זאַך פאַר דעם מענטשן, אויב די ליבע צו איר וואַקסט מיט דער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכקייט אין אים און אויב דער אַלגעמיין־מענטשלעכער שכל קאָן בשום אופן ניט אַרויסברענגען, וועלכע שפּראַך איז די מענטשלעכסטע, איז דעמאָלט ניטאָ קיין ברעקל האָפענונג, אַז דער קאָסמאָפּאָליטישער אידעאַל — די פאַרשווינדונג פון

אַלע פעלקער־קולטורן אין איין מענטשהייטס־קולטור און אין איין מענטשהייטס־שפּראַך — זאָל ווען עס איז מקוים ווערן.

אין דער אמתן! אונטערדריקטע, צוריקגעבליבענע פעלקער אָדער איינצלנע שיכטן פאַרלאָזן אָפט זייערע שפּראַכן, טייל אויס פּיאַישער גלייכגילטיקייט צו מענטשלעכע אינטערעסן, טייל אויס וויסטער גאווה, טייל אויס עטישער בטלנות און נאָך אַ גרעסערער טייל דערפאַר, ווייל עס זיינען דאָ הערשנדע שפּראַכן, צו וועלכע עס לוינט זיך בעסער צו צושטיין, ווייל פאַר זיי גיט מען איצטער מער שמאַלץ. אָבער מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס מוזן מיר דאָך דערלעבן אַזאַ צייט, ווען די איינטיילונג אין הערשנדע און באַהערשטע וועט אין גאַנצן אָפּגעשאַפט ווערן. עס מוז דאָך קומען אַ מאָמענט, ווען קיין גרופּע מענטשן וועט ניט האָבן קיין שום איבערוואָג איבער קיין אַנדערער גרופּע און יעדע פון זיי וועט האָבן די פולע מעגלעכקייט צו לעבן נאָך איר האַרצנס באַגער. און דעמאָלט, ווען די נידעריקערע באַדערפעענישן פון דעם מענטשן וועלן באַפרידיקט ווערן אין דעם לעבן פון אַלעמען, וועט דער מענטש, באַפרייט פון דער דאגת חיונה, זוכן זיין גליק אין דער באַפרידיקונג פון די העכערע באַדערפעענישן, דער ליבע צו אמת, שיינקייט און מענטשלעכע חשיבות. וואָס מער גיטער פון העכערער קולטור אַ פאָלקס־גרופּע וועט דעמאָלט אויסאַרבעטן אָדער אַריבערנעמען פון דער פרעמד, אַלץ רייכער וועט ווערן איר שפּראַך און אַלץ שטאַרקער — איר ליבע צו איר.

פרעגט זיך די שאלה: וואָס וועט דעמאָלט קאָנען צווינגען די דייטשן, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייער דייטש און פאַרבייטן עס, לאָמיר זאָגן אויף פראַנצויזיש? וואָס וועט דעם יידן צווינגען, זיך אָפּצוזאָגן פון יידיש און אָננעמען לאָמיר זאָגן רוסיש אָדער ענגליש? קיין זאַך קאָן דעמאָלט קיינעם ניט צווינגען דערצו. אין די באַדינגונגען פון פולקאָמענער גלייכהייט מוזן זיך די שפּראַכן פונאַנדערבליען נאָך שטאַרקער, איידער איצטער — די קולטורן פונאַנדערוואַקסן זיך יעדע אויף איר שטייגער, לויט איר אינעווייניקסטער טבע און די נאַציאָנאַלע סימנים פון אַ פאָלק מוזן דעמאָלט ווערן נאָך בולטער און שטאַרקער.

דער קאָסמאָפּאָליט האָט פאַרזען, אַז עס זיינען דאָ אַ סך קולטור־צווייגן, וואָס דריקן זיך אויס ביי יעדן פאָלק אין אַ פאַרשיידענער נאַציאָנאַלער פאָרעם, אָבער וואָס זיינען פונדעסטוועגן אַלע גלייך מענטשלעך, אַלע פון גלייכן ווערט און קאָנען אַלע האָבן אין זיך דעם זעלביקן גראַד פון אמת, יושר, חן און מענטשלעכע חשיבות. אויף אַזאַ אופן האָט גאָר קיין ברעקל זין ניט צוצוטרעטן צו אַ וואָסער עס איז פאָלק מיט דער

פֿאַדערונג: „פֿאָלק, הער אויף צו זיין פֿאָלק און ווער מענטש“, ווייל עס איז אין דער גאַנצער מענטשהייט ניטאָ קיין איין איינציקע פֿאָרעם, אין וועלכער עס זאָל זיך אויסדריקן יענער קולטור־צוויג און וואָס זאָל האָבן מער רעכט אויף זיין ליבע, איידער זיין אייגענע נאַציאָנאַלע פֿאָרעם.

די שפּראַך איז נאָר איין צוויג אַזאַ. עס זיינען דאָ נאָך אַ סך אַנדערע. נעמט צ״ב, די שיינע ליטעראַטור, וואָס איז אַזוי שטאַרק פֿאַרבונדן מיט דער שפּראַך. לאָמיר אָננעמען, איר ליבט יענעם מענטשלעכן געלעכטער דורך טרערן, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אין ענגלאַנד דיקענסן, אין רוס־לאַנד גאָגאָלן און ביי אונדז שלום־עליכמען. איך ווייס ניט, ווי איר קוקט אויף שלום־עליכמען. עס קאָן זיין, איר זייט נאָך ניט געוואוינט אַוועק־צושטעלן אַ יידישן שרייבער אין איין ליניע מיט אַזעלכע גדולים פֿון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור. אָבער איך וואָלט אייך דורך אַ ליטע־ראַרישן אַנאַליז געקאָנט באַווייזן אַזוי קלאָר, ווי דער טאָג, אַז דער מחבר פֿון אַזעלכע ווערק ווי „חוה“, „ראַבטשיק“, „אויף פּסח אַהיים“ און נאָך אַ סך, אַ סך אַנדערע, דאַרף בשום אופֿן ניט אַראָפּלאָזן די אויגן פֿאַר־שעמטערהייט, ווען מען שטעלט אים אַוועק לעבן גאָגאָלן און דיקענסן. און ווער רעדט שוין וועגן אַ מאַרק טווין! מיט אים קאָן שלום־עליכם אויף אַלע פֿאַלן תּמיד האַלטן די וואָג. על כּל פּנים וועט מיר, דעם יידן, געוויס זיין נענטער צום האַרצן און טייערער מיין שלום־עליכם, איידער דער רוסישער גאָגאָל אָדער דער ענגלישער דיקענס — ווער רעדט שוין וועגן דעם אַמעריקאַנער מאַרק טווין.

נו? קאָנט איר צוגיין צו מיר און זאָגן: „ייד, הער אויף צו זיין ייד און ווער מענטש; פֿאַרוואַרף דיין שלום־עליכם און קוויק זיך מיט מאַרק טווינען!“ מיט וואָס איז מאַרק טווין חשובער, איידער שלום־עליכם? זיי זיינען ביידע אין בעסטן פֿאַל — דעם בעסטן פֿאַר טווינען — גלייך חשוב. אין זיי, אין ביידן האָט זיך אויסגעדריקט איין און דער זעלביקער אַלגעמיין־מענטשלעכער שטריך פֿון לאַכן דורך טרערן, אָבער ביי ביידן, ווי אויך ביי גאָגאָלן און דיקענסן, האָט זיך דער דאָזיקער אַלגעמיין־מענטש־לעכער שטראַל איבערגעבראַכן אין אַ באַזונדער נאַציאָנאַלער אַטמאָספֿערע, אויף אַ באַזונדער נאַציאָנאַלן שטייגער און אַנשטאָט איין הומאָריסטישער אַרט האָט איצטער די מענטשהייט גאַנצע פֿיר.

צו דעם אייגענעם רעזולטאַט קומט איר, ווען איר טראַכט זיך אַריין אין דעם ענין פֿון פּאָעזיע בכלל. איין און די זעלביקע פּאָעטישע ריכטונג ברענגט אַרויס פֿאַרשיידענע אייגנאַרטיקע טאַלאַנטן ביי די פֿאַרשיידענע פֿעלקער, וואָס דריקן זי אויס אויף אַ פֿאַרשיידענעם, אָבער גלייך־ווערטיקן

שטייגער. איר קאָנט ניט פאַרלאַנגען, ווער עס איז זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין נאַציאָנאַלער פאָעזיע און צושטיין צו דער „אַל־מענטשלעכער”, ווייל קיין אַל־מענטשלעכע פאָעזיע, וואָס זאָל ליגן דרויסן פון די נאַציאָנאַלע פאָעזיעס, איז ניטאָ. די אַל־מענטשלעכקייט ליגט ניט דרויסן, נאָר אינעווייניק אין די נאַציאָנאַלע באַשאַפונגען, און העכסטנס, וואָס איר קאָנט זאָגן, איז: פאַרלאָז דיין נאַציאָנאַלע פאָעזיע, אין וועלכער עס ווערט אויסגעדריקט אַחוץ דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן טייל, נאָך דער ספעציפישער כאַראַקטער פון דיין יידישער נשמה, און שפרינג אַריין אין אַ פרעמדער נאַציאָנאַלער פאָעזיע, אין וועלכער עס ווערט אויסגעדריקט אויך דער ספעציפישער כאַראַקטער פון דעם פרעמדנס נשמה. אָבער ערשטנס איז דאָס שוין ניט קיין קאָסמאָפּאָליטיזם, נאָר אַ גאָר פשוטער, נאַקעטער שאָוויניזם פון דער פרעמדער נאַציאָנאַליטעט און אַחוץ דעם דאַרף מען מיר נאָך באַווייזן, אַז דעם פרעמדנס נשמה פאַסט בעסער פאַר מיר, איידער מיין אייגענע.

אַזוי איז עס מיט דער פאָעזיע, און אַזוי איז עס מיט יעדן אַנדער צווייג פון דער מענטשלעכער קולטור, וואָס שטייגט אַריבער די גרענעצן פון דער ריינער וויסנשאַפט און דעם פשוטן, טאָג־טעגלעכן יושר — די קונסט בכלל, די פילאָסאָפיע, די רעליגיע. ווי אַלגעמיין־מענטשלעך עס זאָל ניט זיין זייער אינהאַלט, מוז יעדע ריכטונג פון זיי באַקומען אַ גאַנץ אַנדער פנים און פאַרב, ווי נאָר זי טרעט אַריין אין אַ באַשטימטער נאַציאָנאַלער אַטמאָספערע און וועקט דאָרטן אויף די שאַפנדיקע כוחות פונעם פאָלק. אַפילו דער קאַטאָליציזם, וואָס לייקנט אין עצם די איינטיילונג אין פעלקער, וואָס קומט צו דער גאַנצער מענטשהייט מיט איין איינציקן רעליגיעזן גרונט־געדאַנק, אַפילו ער האָט באַקומען ביי יעדן פאָלק אַ באַזונדער אויסזען, און דער קאַטאָליציזם פון דעם דייטש איז ניט אין גאַנצן דער, וואָס דער קאַטאָליציזם פון דעם פראַנצויז, אָדער דעם פויל אָדער דעם איטאַליענער. נאָך מער, אַפילו אַזאַ ריין אַלגעמיין־מענטשלעכע ריכטונג, ווי דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם פון קאַרל מאַרקס, האָט באַקומען גאַנץ פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע געשטאַלטן ביי די רוסן, דייטשן, פראַנצויזן, ענגלענדער, איטאַליענער, פוילן און האָלענדער. גייט, טענהט זיך אויס, ביי וועלכן פאָלק איז דער מאַרקסיזם דער מאַרקסיסטישסטער, צוליב וועלכן אַלע פעלקער זאָלן זיך מוזן אָפּזאָגן, און גייט, פאָדערט נאָך, זיי זאָלן זיך אָפּשרייבן ביים רב, אַז מהיום והלאָה טאָרן זיי קיין אייגענעם מאַרקסיזם ניט אַרויסברענגען!

און גאַנץ געוויס איז יעדן מענטשן באַזונדערס טייער די נאַציאָנאַלע פּאַרעם פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן תּוך, וואָס זיין פאָלק האָט אַרויס־געבראַכט. דאָס הייסט ניט, אַז ער דאַרף זיך ניט אינטערעסירן מיט דעם וואָס אַנדערע פעלקער באַשאַפן. אדרבה! ער מוז און זאָל באַקאַנט ווערן מיט די קולטור־פּראָדוקטן פון דער פרעמד, ער זאָל זיי ליבן און שעצן, ווייל זיי באַרייכערן זיין אייגענע נשמה און וועקן אין איר אירע כּוחות. אָבער ער זאָל זיי ליבן און שעצן, אויף דעם זעלביקן אופן, ווי דער קינסט־לער אויף דער וויאָלין ליבט דעם קינסטלער אויף דער פּיאַנאָ. ער פאַר־שטייט, אַז זיין נשמה קאָן אויסדריקן איר טיפן און רייכן אינהאַלט נאָר אויף דער וויאָלין, ווי יענער נאָר אויף דער פּיאַנאָ, און אים וועט זיין קונסט בלייבן טיפער איינגעבאַקן אין האַרצן, איידער די קונסט פון דעם פּיאַניסט.

איך גיב צו, אַז אַ מלאך, אָדער אַ ספּינאָזע, וואָלט זיך געקאָנט אויפ־הייבן אין געפיל צו אַזאַ הויך, וואו אַלע קולטור־פּראָדוקטן פון דער מענטשהייט זאָלן רעדן גלייך שטאַרק און גלייך ליבלעך צו זיין געמיט; וואו ער זאָל אַבסאָלוט ניט שפּירן קיין איין ברעקל איבערוואָג אין געפיל צווישן איין נאַציאָנאַלער פּאַרעם און דער אַנדערער. אָבער אויב מען וואָלט אויך אַזאַ אַבסאָלוט ספּינאָזיסטישן קולטור־פריינד געזאָגט, אַז איר ווילט, צ״ב, די יידישע פּידל זאָל פאַרשטומען אין דער מענטשלעכער סימפאָניע און אַנשטאָט איר זאָל אָוועקגעשטעלט ווערן נאָך אַ דייטשער קלאַרנעט, וועט ער אייך גאַנץ העפלעך אָפּדאַנקען פאַר דער טובה: אים וואָלט געפעלט אַ „כּלי״ אין דער סימפאָניע און ער וואָלט פּראָטעסטירט אַנטקעגן איר פאַרשווינדן. — און גלאַט: ווער קאָן דאָס זיין אַ מלאך, אָדער אַ ספּינאָזע? אַחוץ דעם קאָנט איר זיין זיכער, אַז אויב אַזאַ ספּי־נאָזע זאָל אָנהייבן ניט נאָר געניסן די אַלגעמיין־מענטשלעכע סימפאָניע, נאָר זאָל אַליין שפּילן אין איר, וועט ער פון זיך גופא גאַנץ נאַטירלעך אויסקלייבן אַזאַ „כּלי״, וואָס איז מער צוגעפּאַסט צו זיין נאַציאָנאַלן כאַראַק־טער און זיינע נאַציאָנאַלע כּוחות.

ליידער, קאָן מען ניט לייקענען, אַז עס איז דאָ איצטער אין לעבן אויך אַזאַ טיפּ מענטש, וועמען די גאַנצע נפקא מיניה צווישן די פאַר־שיידענע נאַציאָנאַלע שאַטירונגען אין די העכערע צווייגן פון דער קולטור רירט ווי די וואַנט, ווייל די גאַנצע העכערע קולטור, מיט איר פּאָעזיע, קונסט, ליטעראַטור, וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע און רעליגיע, ליגט אים אין דער לינקער פּאה. דאָס איז דער „פּיך בצורת מענטש״ — וואָס וויס נאָר איין זאַך: גוט געגעסן, גוט געשלאָפן און נאָך אַ פּעטש עליה אין שול געכאַפּט — וואָס דאַרף ער מער? פון זיינעטוועגן מעגן אַלע קולטורן זיך

צונויפגיסן אין איין איינציקע; עס וועט אים דערנאָך זיין לייכטער, אין גאַנצן אַרויסצוגיסן זי אין רינשטאָק. אָבער — אונדזער טעמע רופט זיך דאָך ניט „ייד און פֿיך״, נאָר: „ייד און מענטש״... און אַ מענטש איז דער, פֿאַר וועמען די העכערע צווייגן פֿון דער קולטור זיינען דער גאַנצער תּמצית פֿון דעם זיין. און וואָס מער מענטש איינער איז, אַלץ אַ גרעסערן אָרט אין זיין געמיט פֿאַרנעמען די העכערע צווייגן פֿון דער קולטור, אַלע אין איינעם, אָדער נאָר אייניקע פֿון זיי. און וואָס מער ער איז פֿאַראינ־טערעסירט אין זיי, וואָס מער נשמה און האַרץ ער לייגט אין זיי אַריין, אַלץ צוגעבונדענער ווערט ער צו יענער נאַציאָנאַלער פֿאָרעם, אין וועלכע זיין פֿאָלק האָט זיי באַשאַפֿן, אין וועלכע עס שטעקט אויך אַ טייל פֿון זיין האַרץ און פֿון זיין נשמה.

וואָס מער מענטש דער ייד ווערט, אַלץ מער ייד ווערט ער.

די ליבע צו דער אייגענער קולטור איז אַ מענטשלעכע ליבע. זי באַגיסט מיט אירע וואַרעמע, לייכטנדע שטראַלן ניט נאָר דעם איצטיקן מעמד פֿון דער פֿאָלקס־קולטור, נאָר אויך איר גאַנצע געשיכטלעכע אַנט־וויקלונג, דעם גאַנצן אוצר פֿון גייסטיקע גיטער, וואָס דאָס פֿאָלק האָט אים אָנגעזאַמלט פֿון זינט עס איז געוואָרן אַ פֿאָלק אויף דער וועלט ביז אויף דעם היינטיקן טאָג.

געוויס, קאָן קיין מענטש ניט זיין גלייך אַנטציקט פֿון אַלע ערשיי־נונגען, וואָס זיין פֿאָלק האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין עבר. אין דעם געפֿעכט פֿון דעם „היינט״ טראָגן מיר אַריבער אונדזער ליבע און אונדזער האָס אויך אויף די ערשיינונגען פֿון דעם „נעכטן״. און וואָס נענטער דער „נעכטן״ איז צו אונדזער צייט, אַלץ וויניקער קאָנען מיר אים באַטראַכטן אין דעם מילדן, קלאָרן און ריינעם ליכט פֿון דעם היסטאָריקער, וואָס פֿאַר־שטייט אַלץ, און וואָס קאָן דעריבער אַלץ און אַלעמען מוחל זיין. אָבער וואָס מער איינער לערנט זיך אויס צו בליקן היסטאָריש אויף דער פֿאַרגאַנגענ־הייט, אַלץ מער „ספּינאָזע״ ווערט ער בנוגע צו איר, אַלץ מער פֿלאַמט אין אים אויף יענע געטלעכע ליבע, וואָס גיסט אויס אירע שטראַלן אין גליי־כער מאָס אויף דעם צדיק און דעם רשע.

נאָר, אַפֿילו ווען מען זאָל זיך ניט אויפֿהייבן אויף דער הויך פֿון אַ ספּינאָזע, אַפֿילו אַז מען זעצט זיך אַוועק על כּסא הרבנות און מען נעמט זיך משפּטן די פֿאַרגאַנגענע צייטן, איז, ווי שטרענג עס זאָל ניט זיין דער משפּט איבער דעם אייגענעם עבר, וועט ער אַלץ איבערלאָזן גענוג העלדן, טאַטן און פּאַסירונגען, וואָס מוזן אַרויסרופֿן באַגייסטערונג אין אונדז. די באַקאַנטשאַפֿט מיט דער אייגענער געשיכטע און די באַגייסטערונג, וואָס זי

פלאָמט פונאַנדער אין אונדז, פאַרשטאַרקט יענע באַהעפּטונגס־פּעדים, וואָס בינדן אונדז צו צו דעם אייגענעם פאָלק, ווי די באַקאַנטשאַפט מיט דער פרעמדער געשיכטע הייבט אויף אין אונדזערע אויגן די חשיבות פון יענעם פרעמדן פאָלק און אונדזער טיפן רעספּעקט צו אים. אַן איטאַליענער, וואָס זאָל שטודירן די געשיכטע פון זיין גאַריבאַלדי און די געשיכטע פון אונדזערע מאַקאַבעער, וואָלט געוויס געהאַט דרך־ארץ פאַר די העלדן־טאַטן פון די יידישע נאַציאָנאַלע באַפרייער, אָבער זיין אייגן בלוט וועט ער פילן ניט אין די מאַקאַבעער, נאָר אין גאַריבאַלדי. דאָס אייגענע איז אויך מיט אונדז. ווען מיר ציען אַ פאַרגלייך צווישן גאַריבאַלדי און יהודה המכבי, וואַקסט אין אונדז געוויס דער רעספּעקט צו דעם איטאַליע־נישן פאָלק און זיינע פרייהייטס־העלדן, אָבער אַ גאַנץ משונהדיקע אומרו דערוועקט אין אונדזער נשמה דאָס בילד פון דעם אייגענעם פרייהייט־העלד, די גיטער פון דעם אייגענעם אוצר, און פון דעם מאַגנעט קאָן זיך קיינער ניט באַפרייען.

וויכטיק איז נאָך דאָ צו געדענקען, אַז דער אוצר פון אַ פאָלק קאָן געהערן אין גאַנצן נאָר צו די קינדער פון דעם פאָלק. פרעמדע קאָנען אַריבערנעמען צו זיך נאָר אַ טייל פון אים. און ניט אַלע מאָל איז דער אַריבערגענומענער טייל גראָד דער בעסטער. פון דער ענגלישער ליטע־ראַטור, צ״ב, וויס די גאַנצע געבילדעטע מענטשהייט אַ סך נעמען פון גדולים — אַ שעקספּיר, אַ בייראָן, אַ שעלי, אַ דיקענס און נאָך מער. אָבער עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז זיי זיינען די איינציקע טרעגער פון דעם ענגלישן גייסט און אַז זיי בילדן דעם העכסטן שטאַפּל פון דעם זשעני. אין דער היים, ביי דעם ענגלענדער, זיינען געבליבן נאָך אַ סך זשעניס, וואָס האָבן ניט געהאַט די זכיה אַריבערגענומען צו ווערן אין דער פרעמד, וואָס שטייען אָבער ניט נידעריקער, איידער די, וואָס זיינען באַרימט געוואָרן אין דער וועלט. אַ סך מבינים אין דער ענגלישער ליטעראַטור שטעלן, צ״ב, אַ ראָבערט בראַונינג העכער איידער אַ בייראָן. דער דייטש האָט אין זיין ליטעראַטור, אַחוץ די לעסינגס, געטעס און שילערס נאָך אַ סך נעמען, וואָס דער פרעמדער איז ניט מחויב צו קענען, אָבער וואָס זיינען אים, דעם דייטשן, ניט ווייניקער טייער, איידער זיינע וועלט־באַרימטע גדולים. די רוסן: שצעדרין, אָסטראָווסקי און אוספּיענ־סקי וועלן אפשר קיין מאָל ניט זיין אַזוי פּאָפּולער אין דער וועלט, ווי אַ מאַקסים גאָרקי, ווען אָפילו זייער טאַלאַנט איז בלי ספק העכער איידער זיינער. דאָס רוסישע געבילדעטע פאָלק ליבט זיי אָבער ניט ווײ־ניקער און אפשר נאָך מער, איידער זיין גאָרקי. אויך ביי אונדז, יידן,

האָבן מענדעלע מוכר ספרים און פּרץ אַ סך ווייניקער שאַנסן אַריבער־געגומען צו ווערן אין דער וועלט־ליטעראַטור, איידער שלום אַש, בעת דער גראַד פון זייער טאַלאַנט איז ניט לפי ערך העכער, איידער דער פון שלום אַש.

דורך דער אייגנאַרטיקייט פון דעם יידישן לעבן און שאַפן איז גראַד דער יידישער אוצר פול מיט אַזעלכע גדולים, וועמעס גאַנצער ווערט עס קאָן אָפּגעשאַצט ווערן נאָר פון אַ יידן. אָבער אויך ביי אַלע אַנדערע פעלקער זיינען דאָ געגוג גיטער, וואָס נאָר אַ קינד פון דעם פאָלק קאָן באמת שעצן און געניסן. אויף אַזאַן אופן איז דער קולטור־אוצר פון אַ פאָלק די גייסטיקע הײם פון זיין נשמה, איר רייכטום, אין וועלכן דאָס פאָלק מוז זיין מער פאַראינטערעסירט, איידער אין די עשירות פון דער פרעמד. אַפילו אין די מיטעלערע און גאָר קליינע טאַלאַנטן, פון וועלכע קיין פרעמדער איז ניט מחויב צו וויסן, איז דאָס אייגענע פאָלק פאַר־אינטערעסירט, ניט נאָר, ווייל זיי זיינען זיינע, נאָר אויך מחמת אַן אַנדער טעם, וואָס האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור, וואָס דריקט זיך אויס אין אירע העלדן און גדולים פון אַלע פעלקער. מיר זעען אַ פאַרטיקן שעקספּיר, אַ פאַרטיקן געטע, ווי זיי שטייען אין דעם פאַנטעאַן פון דער מענטשהייט. אָבער זיי זיינען דאָך ניט פון העלער הויט אַרויסגעשפּרונגען אין זייער גאַנצער גרויס. צענדליקער קליינע און מיטעלערע טאַלאַנטן האָבן פריער באַדאַרפט אין איינעם באַשאַפן אַ באַשטימטע נאַציאָנאַלע גייסטיקע אַט־מאָספערע, איידער אין איר האָט געקאָנט געבוירן ווערן אַ געטע אָדער אַ שעקספּיר. אָט די „קלענערע געטער״, וואָס דער פרעמדער זעט ניט, שטייען אָבער פאַר די אויגן פון דעם אייגענעם פאָלק. דאָס פאָלק קען זיי, געניסט זיי און שעצט זיי, און וואָס געבילדעטער אַן ענגלענדער אָדער אַ דייטש איז, ד״ה וואָס מער מענטש ער איז, אַלץ מער ענג־לענדער אָדער דייטש איז ער.

אויך דער ייד האָט אייגנטלעך ניט געדאַרפט זיין קיין אויסנאַם פון דעם דאָזיקן כּלל. און ווען מיר זעען, אַז ער פירט זיך דאָ אויף פאַרט ניט ווי אַנדערע; ווען מיר זעען, אַז ער איז באַקאַנט מיט אַלע אַלוועלטלעכע גדולים און ווייס אַפילו ניט די העלדן פון זיין אייגענער קולטור, זאָלן מיר זיך ניט איילן אַרויסצוטראָגן אים דעם אַטעסטאַט פון „מער מענטש״. אפשר... אפשר... ווער ווייס? אפשר איז ער דער־פאַר ווייניקער מענטש, איידער אַלע אַנדערע געבילדעטע מענטשן, ווייל אים פעלט יענע זאַפט, וואָס ווערט אַריינגעזויגן פון דער אייגענער

קולטורעלער אַטאָספערע און גיט יעדן גייסט צו אַ באַזונדערן קאָלאָריט.

אָבער — וועגן דעם ענין פון דעם יידישן קולטור־אוצר און דער שטעלונג פון אונדזערע ראַדיקאַלן צו אים וועלן מיר נאָך מוזן רעדן אין דער נעקסטער פאַרלעזונג.

צווייטע פאַרלעזונג

אין דער ערשטער פאַרלעזונג האָבן מיר אויסגעפונען דריי אַרטן יידן: דער רעליגיעזער, דער נאַציאָנאַלער און דער ראַסן־ייד, און פאַר זיי האָבן מיר געדאַרפט אַרויסברענגען די שייכות פון „ייד און מענטש".

מיר זיינען פּאַרטיק געוואָרן נאָר מיט אַ טייל פון דעם נאַציאָנאַלן יידן און זיינען געבליבן שטיין ביי דעם ענין פון דעם יידישן קולטור־אוצר און ביי דער אַרט, ווי אַזוי אַ ראַדיקאַלער ייד שטעלט זיך צו אים.

אויך דאָ מוז איך מודה זיין, אַז אין דער צייט פון מיין יונגען קאָס־מאָפּאָליטיזם האָב איך מיך אויך ניט בעסער באַגאַנגען מיט דעם גאַנצן גייסטיקן עבר פון אונדזער פאָלק, איידער דאָס טוען די איצטיקע ראַ־דיקאַלע קאָסמאָפּאָליטן. די פּיצלעך און ברעקלעך פון דער אַלטער קול־טור, וואָס האָבן זיך נאָך געבאָמבלט אין מיין מוח, זיינען געווען פאַר מיר, ווי פאַר דאָס רוב פון מיין דור און מיין ריכטונג, ניט מער ווי אַ מאַטעריאַל פאַר שאַרפזיניקע אַפּיקורסישע און אַטעאיסטישע וויצן. אויך אין דער אַפּיקורסישער העברעאישער ליטעראַטור, מיט וועלכער איך בין אויך געווען אַ ביסל — גאַנץ אויבערפלעכלעך — באַקאַנט — אונדזער ליבלינג־העלד איז געווען דערווירקלעך פרייער גייסט, משה לייב ליליענ־בלום — האָבן מיר אויך ניט געקאָנט זען אַ שטיק אייגענע, ריין מענטש־לעכע און פרייע קולטור, וואָס זאָל האָבן פאַר אונדז אַ ווערט, וועלכן עס איז נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון ווערט. זי איז געווען אין אונדזערע אויגן אויך ניט מער, ווי אַ טייל פון יענער קראַפט, וואָס איז באַרופן געוואָרן אויס־צעוואָרצלען אין גאַנצן די עקסיסטענץ פון יידן און יידישקייט. די זעל־ביקע קראַפט האָבן מיר געשפּירט און וואַרעם באַגריסט אין דער יונגער סאַטירע, וואָס האָט זיך נאָך פון די זעכציקער יאָרן אָן גענומען וועבן אין דער יידישער שפּראַך: אין לינעצקיס „פּוילישן יינגל", אין מענדעלעס „קליין מענטשעלע" און „מסעות בנימין השלישי".

אַפילו שפּעטער, אין די יאָרן 1883 און 1884, ווען איך האָב אין גאַנצן אַוועקגעוואָרפן דעם קאָסמאָפּאָליטיזם און בין געוואָרן אַ באַוואוסט־זיניקער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער ייד, אַ יידישער — ניט נאָר שפּרעכנדער — סאָציאַליסט; ווען פאַר מיר איז קלאָר געוואָרן דער וועג, אין וועלכן די

יידישע אינטעליגענץ דאַרף גיין — דער וועג פון דער אייביקער פאַר־אייניקונג מיט דעם פאָלק אויף דעם יסוד פון דער יידישער שפּראַך — אַפילו אין דער צייט, זאָג איך, האָט דער אַלטער קולטור־אוצר ניט געשפּילט קיין ברעקל ראָלע אין מיינע גערדאַנקען: איך האָב געוואוסט, אַז מיר דאַרפן האָבן אַן אייגענע קולטור, אָבער זי איז געלעגן פאַר מיר גאַנץ אין דער צוקונפט, מיט קיין איין איינציקן טייל ניט אין דער פאַר־גאַנגענהייט.

מען האָט אָפּט פאַרגעוואָרפן דעם „בונד״, אַז ער הייבט אָן די יידישע געשיכטע פון... זיך אַליין. איך ווייס ניט, אויף וויפל דאָס איז אמת פאַר דעם „בונד״ אין אַלע זיינע טיילן, אָבער פאַר מיר, דעם „בונדיסט״ פון דעם יאָר 1884, ווי איך האָב אַ געוויסע רעכט מיך צו רופן, טרעפט צו דער פאַרוואורף אות באות. „זאָלן די מתים באַגראָבן זייערע מתים!״ —דאָס איז געווען די גרונט־שטימונג בנוגע צו דעם גאַנצן אַלטן יידנטום. מיר, די יונגע און די פרייע, מיר וועלן אויפבויען אַן אייגענע יידישע קולטור, אַ ריין מענטשלעכע, אַן אייראָפּעאישע. איך האָב געטרוימט וועגן אַ גאַנצע מחנה פון איבערזעצער, וואָס זאָלן אָוועקלייגן דעם פונדאַמענט פאַר דער נייער יידישער קולטור אין דער פאָרעם פון איבערזעצונגען אין יידיש פון אַלע וויכטיקע מאָדערנע אייראָפּעאישע ווערק. און דערנאָך ערשט זאָלן קומען די נייע בויערס און שאַפערס, וואָס וועלן פריי אַרויס־ברענגען דעם לעבעדיקן יידישן גייסט אָן אַ ברעקל שייכות צו זיין שוין לאַנג געשטאָרבענער און אויף אייביק באַגראָבענער פרייהייט.

וואָלט מען ביי מיר דעמאָלט געפרעגט: נישיים געפינסט דו אין דעם גאַנצן גייסטיקן אוצן פון דעם יידישן פאָלק קיין איין ווערק ניט, וואָס זאָל ווערט זיין, מען זאָל עס אַריבערטראָגן אין דעם נייעם לעבן? — וואָלט איך אפשר אַ טראַכט געטאָן און וואָלט געמאַכט אַן אויסנאַם פאַר צוויי שריפטן: דעם תנ״ך און לילינבלומס „הטאת נעורים״; אַלץ אָבער, וואָס צווישן זיי, וואָלט איך אָן אַ ברעקל עגמת־נפש געלאָזט ליגן אָן אַ זייט.

מיר האָבן זיך באַגאַנגען מיט דער אַלטער יידישער קולטור, ווי מיר האָבן זיך באַגאַנגען מיט דעם גאַנצן יידישן פאָלק, ווי מען באַגייט זיך, לויט דעם יידישן פאָלקלאָר, מיט אַ מת אין כף־הקלע: דאָס הייסט — אַ פּלאַם מיט דער האַנט אין פּנים אַריין „כלאחר יד״ און אַן אויסגעשריי: „גיי צוריק אין דיין רו אַריין!״

האָט דאָס די יידישע קולטור פאַרדינט? דאָס וועלן מיר זען. איך, ווייניקסטנס, האָב זי איגנאָרירט, ניט דערפאַר, וואָס מיין קריטישער גייסט האָט איינגעזען די נישט־ווערטיקייט פון אַלץ, וואָס אונדזער פאָלק האָט

געשאַפן צווישן דעם תנ"ך און דעם „חטאת נעורים", נאָר פשוט דערפאַר, ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין ברעקל השגה פון יענעם ריין מענטשלעכן ווערט, וואָס דער אַלטער ייִדישער קולטור־אוצר פאַרמאָגט, און עס איז דעמאָלט קיין איין מענטש ניט געווען, וואָס זאָל האָבן געקאָנט דערקלערן איר באַדייטונג פאַר אַ פריידענקנדן ייִדן. די זיס־זויערע חנדלעך, וועלכע די ליבעראַלע השכלה־וועלט פלעגט אָפט מאַכן, סיי אין ייִדיש, סיי אין רוסיש, דעם אַלטן ייִדנטום, זיינען מיר געווען ווייניק באַקאַנט, און אויב איך וואָלט געהאַט די זכיה צו קענען זיי נעענטער, וואָלטן זיי מיר שוין דעמאָלט געווען צו ווידער, ווי זיי זיינען מיר פאַרנמאַסט אויך היינטיקן טאָג.

אָבער קיינער האָט ביי מיר דעמאָלט גאָרניט ניט געפרעגט, און דעריבער האָב איך אַפילו אויך וועגן דעם תנ"ך און דעם „חטאת נעורים" ניט געטראַכט ווי וועגן עלעמענטן, וואָס גייען אַריין אין דער ייִדישער קולטור. דער גאַנצער עבר — אַ בלאַנק, און ער האָט קיין ברעקל שייכות ניט צו דער קעגנוואָרט און צו דער צוקונפט!

ערשט שפּעטער אין דעם אָנהייב זומער 1885 האָבן מיינע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע אידעען מיך אַרויפגעפירט אויף דער נויטווענדיקייט צו שטודירן די געשיכטע פון דעם ייִדישן פאָלק, און ערשט פון דעמאָלט אָן האָב איך גענומען איינזען מיין טעות. איך האָב אָפּגעפרישט אין זכרון מיין חדר־לומדות, האָב מיך אַריינגעוואָרפן מיט דעם גאַנצן וויסנס־דאָרשט פון דער יוגנט אין דעם גרויסן ים פון אונדזער גייסטיקן עבר, און — אין דעם ליכט פון מיין סאָציאַליסטיש־ייִדישער וועלט־אָנשויאונג — איז ביס־לעכווייז אַרויסגעוואַקסן פון דעם טונקל, אַ וועלט, וואָס האָט מיך באַצוי־בערט דורך איר אינעווייניקסטער רייכקייט, קראַפט און אומגעהייערע ראַלע, וועלכע זי האָט געשפּילט אין דעם לעבן פון אונדזער פאָלק.

עס קאָן איצטער ניט זיין מיין ציל, צו באַשרייבן איך, ווי אַזוי די נייע וועלט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר. איך וועל אייך נאָר זאָגן, אַז דער ערשטער שטראַל, וואָס האָט מיר אַ שיין געטאָן אין די אויגן, איז געווען אַ בלעטל פון דעם „יוסיפון" — דעם פאַרפעלשטן — וואו עס ווערט באַשריבן די ייִדיש־קאָמוניסטישע סעקטע פון די איסיים. עס איז מיר אויפן שטעל געבוירן געוואָרן אַ האַלב אומבאַוואוסטע, אָבער פון דעסטוועגן זיכערע געוויסהייט, אַז איך וועל געפינען נאָך אַ סך שפּירן פון ריינער מענטשלעכקייט אין דעם שטויב פון אונדזערע פאַרגאַנגענע דורות.

איך וויל דאָ שוין אויפן שטעל מאַכן איין וויכטיקע באַמערקונג. ווי הויך מיר זאָלן ניט שעצן דעם ווערט פון אונדזער גייסטיקן עבר — ניט פון אים העגנגט אָפּ אונדזער באַוואוסטזיניקער נאַציאָנאַליזם, אונ־דזער צוגעהעריקייט צו דעם יידישן פאָלק, אונדזער גלויבן אין זיין ליכ־טיקע צוקונפט. זאָל דורך אַ וועלכער עס איז קאַטאַסטראָפע דער יידישער אוצר אין גאַנצן פאַרשווינדן ווערן פון אַ מענטשלעכן געדעכעניש, וועט דאָס ניט מאַכן קיין תּל פון אונדזער פאָלק, וועט דאָס אונדז ניט שטערן צו זוכן נייע וועגן פאַר אונדזער ווייטערדיקן קיום און נאַציאָנאַלע אַנט־וויקלונג. אונדזער קעגנוואַרט איז גענוג זעלבסטשטענדיק, גענוג פול מיט לעבנס־קראַפט, גענוג פול מיט דעם ניט איינצוהאַלטנדן אימפּעט צו זיין, צו עקסיסטירן, ווי אַ באַזונדער פאָלק, אַז מיר וועלן קאָנען על פּי נויט אויסקומען אָן יענע שטראָמען ענערגיע — אמת, מעכטיקע, באַרוישנדע — וואָס פליסן אַריין אין אונדזערע אָדערן, בעת מיר ווערן באַקאַנט מיט אונ־דזער געשיכטע. ניט די פאַרגאַנגענהייט גיט אונדז די עקשנות צום זיין, דעם מוט און די פרייד אין דעם קאַמף — אָבער די פאַרגאַנגענהייט דער־קלערט אונדז, ווי אַזוי מיר זיינען געוואָרן דאָס, וואָס מיר זיינען, און פון וואַנען עס שטאַמט אין אונדז אונדזער אימפּעט צום לעבן. זי פאַרשטאַרקט אָבער אויך אונדזער שטאָלץ און אונדזער דרך־ארץ צו זיך אַליין.

און עס איז באמת דאָ אין איר, מיט וואָס צו זיין שטאָלץ.

איך ווייס, אַז אַ גרויסע צאָל פון ראַדיקאַל־דענקנדע מענטשן איז זייער שווער אַריינצודרינגען אין דעם תּוך פון אונדזער קולטור־אוצר, ווייל ער איז אין אַלע זיינע טיילן דורכגעזאַפּט מיט צוויי עלעמענטן, וואָס זיינען צו ווידער דער נשמה פון אַ קאָסמאָפּאָליטישן אַטעאיסט: דעם רע־ליגיעזן גלויבן אין אַ פּערזענלעכן גאָט, אין אַ איבערנאַטירלעכער וועלט פון ניסים און נפלאות, און דעם נאַציאָנאַלן גלויבן אין דער אויסדער־ווײלקייט און אייביקייט פון דעם יידישן פאָלק.

איך וויל מיך דאָ היינט ניט אַריינלאָזן אין אַ לאַנגן וויכוח מיט דעם ראַדיקאַלן קאָסמאָפּאָליט און באַווייזן אים, אַז בנוגע צו דער פאַרגאַנ־גענהייט דאַרפן מיר קוקן גאַנץ אַנדערש אויף די דאָזיקע עלעמענטן, אַפילו ווען מיר זאָלן זיי אָפּלייקענען לגמרי. איך וויל נאָר באַמערקן, אַז מיר קאָנען ניט באַשולדיקן משה רבינו, פאַר וואָס ער האָט ניט געלייענט דאַרווינס ווערק, אָדער יהושע בן נון, פאַרוואָס ער איז געווען ניט באַהאַוונט אין קאָפּערניקס אַסטראָנאָמיע. כּדי צו פאַרשטיין און צו שעצן די גרויס אין דעם ווערט פון אַ וועלכן עס איז גייסט־פּראָדוקט אין דער פאַר־גאַנגענהייט, דאַרף מען קאָנען אין גאַנצן צונויפגיסן זיך מיט דער נשמה

פון יענעם פעריאָד און אָטעמען דורכויס מיט דער לופט פון זיין גייס־טיקער אַטמאָספערע. באַטראַכטן מיר אַ ווערק, וועלכן עס איז פּראָדוקט פון יענער צייט, דאַרפן מיר אונדז קלאָר מאַכן, וועלכע גייסטיקע קרעפטן האָבן אים אַרויסגעבראַכט: שטאַרקע, רייכע טיפע אָדער שוואַכע, אָרעמע, אויבערפלעכלעכע; מיט וועלכע געפילן איז ער דורכגעגליט: איידעלע און מענטשלעכע, אָדער געמיינע, פּיאישע; צוליב אַ פאַרבעסערונג פון זייער לאַגע אָדער צוליב אַ פאַרשלימערונג; וואוהין פירט ער: צו אַ פּראָ־גרעס אין די וויכטיקסטע פונקטן פון לעבן, אָדער צו אַ רעאַקציע. און די פאַרבעסערונגען, פאַרשלימערונגען, דעם פּראָגרעס און די רעאַקציע דאַרפן מיר מעסטן ניט מיט דער אייל פון אונדזער איצט, נאָר מיט דער מאָס פון די דעמאָלטיקע אומשטענדן.

שטודירט מען אַזוי די געשיכטע פון אונדזער קולטורעלן אוצר, דע־מאָלט איז לייכט איינצוזען, אַז צ״ב, דער סאָציאַל־עטישער מאָנאָטעאיזם פון אונדזערע נביאים איז אַזאַ געוואַלטיקער פּראָגרעס אין דער אַנטוויק־לונג פון דעם מענטשלעכן גייסט, לגבי זיין פריערדיקן צושטאַנד, אַז אַפילו אַ ווערק, ווי „דאַס קאַפּיטאַל״ פון קאַרל מאַרקס, וואָס איז געוויס אין אַ סך פונקטן „אמתער״ (פאַר אונדז!) איידער אַ סך לערעס פון די נביאים, נעמט זיך אויס לגבי זייער ווערק, ווי אַ זאַמד־בערגעלע, צונויפגעטראָגן פון קינדער ביי דעם פוס פון דעם מעכטיקן באַרג. און ניט נאָר די נביאים וואַקסן אויס צו אַזאַ גרויס. דורך די קראַפט און די טיף פון זייער גייסט, דורך די רייכקייט און איידלקייט פון געפיל, דורך די ריינ־קייט און ערלעכקייט פון דעם ווילן, צייכענען זיך אויס אַ סך און אַ סך פּראָדוקטן פון דעם יידישן שאַפן אין דעם משך פון די פאַר טויזנט יאָר פון זיין עקסיסטענץ אויף דער וועלט.

יעדער מענטש קאָן זיך אויסלערנען אַריינצודרינגען אין זייער גרויס. איך רעד שוין ניט פון די, וועמעס נשמה עס קאָן דורשטיק שלינגען די ליידנשאַפטלעכע ליבע צו דעם יידישן פאָלק און צו דעם יידישן גאָט, מיט וועלכער די גאַנצע אַלטע קולטור איז דורכגעדרונגען. אַפילו די, וואָס זיינען פריי פון אַ וועלכער עס איז רעליגיעזער באַדערפעניש און אין גאַנצן פרעמד צו אַ וואָסער עס איז נאַציאָנאַלן געפיל, אויך זיי קאָנען דורך דעם נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן אינהאַלט דורכדרינגען צו די אַלגעמיין־מענטשלעכע כוחות, וואָס שטעקן הינטער אים, צו די כוחות פון געדאַנק, געפיל און ווילן, וואָס האָבן באַשאַפן דעם ספּעציפישן אינהאַלט — דורכ־דרינגען און באַוואונדערן די פּראַכט פון דעם מענטשן אין איר יידישער פאָרעם.

אין דעם פּונקט פון אונדזער קולטורעלן אוצר קאָן מען גיין נאָך אַ שריט ווייטער. לאָמיר אַראָפּוואַרפן פון חשבון אַלץ, מיט וואָס מיר קאָנען ניט איינשטימען היינט; לאָמיר אָפּשעצן זיין ווערט נאָר לפי דעם, וואָס ער קאָן געבן אונדזער נשמה, נאָר אויף וויפל ער קאָן שטילן אונדזער דורשט נאָך אמת, יושר און שיינקייט. און אויך אונטער אַזעלכע באַדינגונגען, אונטער אַזאַ שווערער פייער־פּראָבע, בלייבט אונדזער אוצר — אין זיינע וויכטיקסטע טיילן — באַשטיין פאַר אונדז, ווי דער אוצר פון יעדן פאָלק בלייבט אייביק באַשטיין פאַר זיינע קינדער. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס יעדעס ווערק פון דער פאַרגאַנגענהייט איז אַ דאָקומענט פון דער מענטש־לעכער געשיכטע — אַ דאָקומענט, וואָס העלפט אונדז אויפבויען דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער מענטשלעכער קולטור און אַריינדרינגען אין אירע געזעצן, מאַכט אים פאַר אַ ווערטפולן מאַטעריאַל פאַר דער מענטשלעכער וויסנשאַפט, פאַר אַ מיטל צו באַפרידיקן דעם דורשט נאָך אמת. פון אַט דעם ריין היסטאָריש וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, טאָרן מיר קיין איין שורה פון אונדזער גייסטיקן רייכטום ניט לאָזן גיין פאַר־פאַלן, ווען אַפילו די דאָזיקע שורה זאָל ניט האָבן אין זיך מער ווערט פאַר דער געשיכטע פון דער קולטור, איידער אַ פאַרשפּיצטער פלאָקן, מיט וועלכן ווילדע באַאַקערן זייער ערד.

אָבער — קאָן דען באמת ווער האָבן די העזה צו זאָגן, אַז אונדזער גאַנצער קולטור־אוצר האָט ניט מער, ווי אַ ריין היסטאָרישן ווערט? דער וואָס איז נאָר אַ ביסל באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון אונדזער ליטעראַטור, וועט מוזן ענטפערן, אַז געוויס ניט.

אַ חוץ יענע ווערק, וואָס האָבן אפשר באמת ניט מער ווי אַ ריין היסטאָרישן ווערט, זיינען דאָ נאָך אַ סך אַנדערע, וואָס רופן אַרויס באַוואונדערונג, ווי פּראָדוקטן פון מענטשלעכן שאַפן און וואָס האָבן נאָך געצוג לעבעדיקע פריש־בליענדע אמתן אין זיך. אויף אַזאַן אופן איז יעדער אַלטער ספר, וואָס איר נעמט אין די הענט, אַ ווערטפולער שאַץ, וואָס מוז געשטודירט ווערן אָדער צוליב דער פּראַכט פון די מענטש־לעכע כוחות, וואָס האָבן אים אַרויסגעבראַכט, אָדער צוליב יענע טיילן זיינע, וואָס זייער אמת, יושר און שיינקייט קאָן נאָך לעבן אין אונדזער היינטיקער וועלט, אָדער לפּחות צוליב דעם, כּדי אַרויסצושטעלן פון אים די ווערטפולע דאַטן פאַר דער יידישער געשיכטע און דער מענטש־לעכער קולטור.

לאָמיר דורכגיין אין געדאַנקען די וויכטיקסטע עטאַפּן פון דער יידי־

שער גייסטיקער אַנטוויקלונג און דער ענין וועט ווערן נאָך קלאָרער פֿאַר אונדז.

פֿון אַלע דריי שטאַנדפּונקטן, וועלכע איך האָב נאָר וואָס אויפֿגע־שטעלט, מוז שוין די ערשטע זאַמלונג פֿון אונדזערע ליטעראַרישע שריפֿטן, דער תנ״ך, באַפֿרידיקן די שטרענגסטע פֿאָדערונגען. דאָס וועט צוגעבן יעדערער, וואָס האָט נאָר אַ ביסל גרינטלעכער געשטודירט אים. דאָס איז אַ קאָלאָסאַלער קולטור־מאָנומענט, וועלכן דאָס יידישע פֿאָלק האָט אויפֿגעבויט פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט. די רייכקייט און פּראַכט פֿון די מענטשלעכע באַשאַפֿונגס־כּוחות, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט אין אים, ווירקן אַזוי געוואַלטיק שטאַרק אויף אונדזער געמיט, אַז עס געפֿינען זיך נאָך עד היום אַ סך ערנסטע מענטשן, וועמען עס לייגט זיך גאָרניט אויפֿן שכל, אַז ער זאָל באמת זיין ניט מער ווי אַ פּראָדוקט פֿון אַ ריין מענטשלעכן זשעני. אַ שטראָם פֿון איבערמענטשלעכן, ריין געטלעכן שאַפֿן האָט זיך געמוזט אַריינרייסן אין דער מענטשלעכער וועלט, כּדי אַרויס־צוברענגען זיינע שיינקייטן און טיפֿקייטן. אַזוי גלייבן זיי. און ווען אַפֿילו מיר קאָנען בשום אופֿן ניט צושטיין צו זייער גלויבן, פֿאַרשטייען מיר אים אָבער דאָך פּסיכאָלאָגיש, ווייל יעדער מענטש מוז צוגעבן, אַז אויב אַ געטלעכע קראַפֿט וואָלט זיך געהאַט אַריינגעמישט אין דעם מענטשלעכן קולטורעלן לעבן און וואָלט דאָרטן איבערגעלאָזן דירעקטע שפּורן פֿון איר שאַפֿן, וואָלטן צו אירע שפּורן בלי ספק געהערט אויך די בעסטע טיילן פֿון תנ״ך.

עסטעטישע שיינקייטן, וואָס פֿריי־גייסטיקע מבינים שטעלן אַוועק הע־כער, איידער די גאונות פֿון אַ שעקספּיר, בייראָן, געטע און אַ טאָלסטאָי; אַ זיטלעכער פּאַטאָס, וואָס ברענגט אַרויס די אידעע פֿון ברידערלעך־פֿאַראייניקטע פֿעלקער צו איין איינציקער מענטשהייט, די אידעע פֿון סאָציאַלער גערעכטיקייט, פֿון אַ גלענצנדער „משיח־צייט״, פֿון אַ גן־עדן פֿאַר דעם מענטשן אויף דער וועלט אין דעם „אחרית הימים״, מיט אַ נייעם הימל און אַ נייער ערד; אַ גייסטיקער פֿלי־אַרויף פֿון דעם מענטש־לעכן געדאַנק צו דער העכסטער שטופֿע פֿון מאָניזם, וואָס בינדט צונויף מענטש, נאַטור און גאָט אין איין איינציקן וועלט־בילד און באַשאַפֿט דעם ערשטן פֿאַרזוך פֿון אַ געשיכטס־פֿילאָסאָפֿיע — דאָס אַלץ געפֿינען מיר אין דעם תנ״ך; אין דעם, אין אַלץ, קאָנען מיר באַוואונדערן די פּראַכט פֿון דער מענטשלעכער נשמה אין איר יידישער געשטאַלט.

און די לעבנס־פֿילאָסאָפֿיע פֿון אָן איוב, משלי און קהלת, וואָס טיילן פֿון זיי לייענט איר אַקוראַט, ווי צו אייך וואָלט גערעדט אַ מאָדערנער

דענקער אויף דעם גרונט פון לעבנס־ערפאַרונגען, וואָס ער האָט אין אונדזער צייט נאָר וואָס געזאַמלט! און די טיפע, פאַרבנרייכע ליריק פון אַ סך קאַפּיטלעך תהילים, וואָס פאָרמולירן אייך אייערע אייגענע זיפצן, די מאַטערנישן און פלאָגן, האָפענונגען און חלומות פון אייער איי־גענער נשמה.

דאָס אַלץ אין איינעם שטעלט אַוועק דעם שענסטן בריליאַנט פון אונדזער קולטור־אוצר אויף אַזאַ ריזיקער הויך, וואָס נאָר זייער און זייער ווייניקע פּראָדוקטן פון דעם מענטשלעכן שאַפן קאָנען דערגרייכן צו איר.

און אויב מען זאָל אָננעמען, אַז יידישקייט איז דאָס, וואָס ווערט געפּרעדיקט פון אונדזערע נביאים, און אַ ייד־זיין הייסט לעבן לויט דעם אידעאַל פון די נביאים, וואָלט מען געקאָנט קומען צו גאָר אַן אַנדער פאָרמול אין הלכות „ייד און מענטש״.

עס וואָלט דעמאָלט אות באות געווען ריכטיק צו זאָגן, אַז וואָס מער ייד איינער איז — אַלץ איינס פון וועמען געבוירן — אַלץ מער מענטש איז ער, אַלץ טיפער איז אין אים פאַרקערפּערט דער אייביקער אידעאַל פון מענטשלעכקייט.

אויך דער צווייטער וויכטיקער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער קולטור־אוצר ברענגט אַרויס אַ זאַמלווערק, וואָס רופט אַרויס אונדזער באַוואונדערונג פאַר די קאָלאָסאַלע כּוחות פון דעם מענטשלעכן גייסט, וועלכע זיינען אָנגעווענדט געוואָרן אויף זיין אויפבוי. איך מיין דעם תּלמוד און זיינע צוויי שטראָמען: די הלכה — דער ריין יורידישער טייל, און די אגדה — דער עטישער, פילאָסאָפישער און עסטעטישער.

עס טוט מיר באמת לייד, וואָס איך קאָן מיך ניט אָפּשטעלן אַפילו בקיצור אויף דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם תּלמוד, אויף זיין באַדייטונג פאַר אונדז און אויף זיין אינעווייניקסטן ווערט פאַר דער מענטשהייט. ער האָט גאַנץ געוויס געגנוג שטרוי און שטויב, אָבער אויך אָט די שטרוי און שטויב האָבן אַ וויכטיקן קולטור־היסטאָרישן ווערט.

איך געדענק, וואָס פאַר אַ משונהדיקן איינדרוק עס האָט אויף מיר געמאַכט, ווען איך האָב אין לעבאָקס „אַנהייב פון ציוויליזאַציאָן״ געפונען אָפּגעדרוקט אין העברעאיש אַ גאַנצע משנה, וועלכע ווערט געבראַכט, ווי אַ באַווייז פאַר דעם מחברס טעאָריע. איך געדענק, אַז אין דעם איינדרוק וואָס איך האָב דערשפּירט, איז געווען אַריינגעמישט אַ היפּשער חלק פון פאַרשעמטקייט. איך האָב מיך געשעמט. פאַר וואָס און פאַר וועמען? — פאַר אונדזער גאַנצן דור, וואָס האָט לעבן זיך אַזאַ רייכן קוואַל פון

קולטור־היסטאָרישע דאַטן און גיט גאָרניט אַ טראַכט, ווי צו שעפּן פון אים? אָדער אפשר גאָר פאַר דעם גרויסן געלערנטן לעבאָק, וועלכער שעמט זיך ניט צו שעפּן זיינע מאַטעריאַלן פון אַזאַ דיסקרעדיטירטן קוואַל, ווי דער תלמוד, וואָס איז דאָך „הנה ידוע״, אַז ער איז פול מיט שקרים און וויסטע פלוידערייען?...

מיר דאַכט, אַז די ביידע להיפּכדיקע שעם־געפילן האָבן זיך פריער צונויפגעפּלאָנטערט אין איינעם. און סוף־כל־סוף האָט געמוזט גובר זיין דער ערשטער שעם־געפיל, די ביזי־בזיונות פאַר זיך אַליין. סטייטש! יאָרן און יאָרן לאַנג געהאַלטן דאָס גרויסע בוך אין די הענט — און גאָר קיין אַנונג ניט געהאַט, וויפל מען קאָן פון אים לערנען פאַר דער געשיכטע פון דער מענטשהייט! אַ גוי דאַרף קומען און אויפווייזן, וועלכע אוצרות עס וואַלגערן זיך ביי אונדז אומבאַנוצט!

די קולטור־געשיכטלעכע אויספאָרשונג פון דעם תלמוד שטייט נאָך עד היום אויף דער טאָג־אָרדענונג פון דער וויסנשאַפט און קיין געלערנטער קאָן דאָס ניט טאָן אַזוי גוט, ווי דווקא דער יידישער, וואָס זאָל זיין פאַר־טרויט מיט די פּרינציפּן און די מעטאָדן פון דער מאָדערנער פאָרשונג. די אַרבעט הייבט זיך ערשט איצטער אָן, אָבער זי האָט שוין אַרויס־געבראַכט גאַנץ וויכטיקע קרעפטן. ווען די אַרבעט וועט ווייטער אַזוי אָנגיין און צוציען צו זיך אַ גרויסע צאָל פון זעלבסטשטענדיקע דענקער און פאָרשער — ערשט דעמאָלט וועט מען קאָנען אין גאַנצן אָפּשאַצן ניט נאָר די מענטשלעכע גייסט־קרעפטן, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט דעם תלמוד, ניט נאָר דעם ווערט זיינעם פאַר דער קולטור־געשיכטע בכלל און פאַר דער יידישער קולטור־געשיכטע בפרט — נאָר אויך יענע עלע־מענטן זיינע, וואָס האָבן נאָך אַ ווערט פאַר אונדזער לעבן, דורך דעם אמת, דעם יושר און די שיינקייט, וואָס איז אין זיי.

לאָזט מיך אייך דערמאָנען, אַז פון אַ קליינינקן שפּאַציר אויף דעם געביט פון דער תלמודישער אַרבעטער־געזעצגעבונג, וואָס ד״ר דוד פאַרב־שטיין האָט מיט אַ יאָר צען־צוועלף צוריק געמאַכט, האָט ער אַהיים גע־בראַכט אַ גאַנצן הויפן פון פּערל, וואָס אייניקע פון זיי פעלן נאָך עד היום אין דער פּראָגרעסיווסטער אַרבעטער־געזעצגעבונג פון דער וועלט; און צווישן זיי — דאָס אַבסאָלוטע רעכט פון דעם אַרבעטער צו וואַרפן די מלאכה, ווען ער וויל, וואָס פאַר אַ קאָנטראַקטן ער זאָל ניט האָבן געמאַכט מיט דעם באַלעבאָס, בעת דער באַלעבאָס איז פון געזעץ געצוואונ־גען פּינקטלעך אָפּצוהיטן דעם קאָנטראַקט. די דערקלערונג פון דעם דאָ־זיקן געזעץ אין תלמוד איז נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיש אַזוי טיף, אַז ד״ר

פאַרבשטיין גייט ניט ווייט אַוועק פון אמת, ווען ער ווייזט אויף, אַז אין איר שלומערט שוין דער גרונט־געדאַנק פון מאַרקסעס בליק אויף דעם מהות פון דער אַרבעט. און וויפל פּערל קאָן מען נאָך האָפן צו געפינען, ווען מען וועט זיך ערנסט נעמען פאַר דער באַאַרבעטונג פון אָט דער רייכער געפין־גרוב!

און דאָס איז אַלץ אין דער זאַמד־טרוקענער הלכה. וועגן דער עטישער, פּאָעטישער און אַפילו דער מעטאַפיזישער רייכקייט פון דער אייביק גרינער, קוואַלן־רייכער אַגדה איז איבעריק צו רעדן: אירע אוצרות הייבן אָן איצטער געשעצט צו ווערן מיט יעדן טאָג אַלץ מער.

אַ גרויסער „ביזי־בזיון" וואָלט באמת געווען פאַר אונדז, ווען אָט די אַלע אוצרות פון דעם תּלמוד וואָלטן געבליבן אומאויסגעפאָרשט, ביז דער „גוי" וועט זיך מרחם זיין און אַרויסשלעפּן זיי אויף דער ליכטיקער שיין. וואָלט איר אַזאַ באַגיין זיך אונדזערן מיט די וויכטיקסטע קוואַלן פון אונדזער געשיכטלעכן לעבן געקאָנט אַנרופן מענטשלעך? איז ניט ריכטיקער צו זאָגן, אַז וואָס מער מענטש מיר ווערן, וואָס מער מיר נעמען אין זיך אַריין די אייראָפּעאישע בילדונג, אין אַלץ אַ רייכערער און שענערער באַלייכטונג באַווייזט זיך פאַר אונדז דער תּלמוד, אַלץ בעסער קאָנען מיר אָפּשאַצן זיין ווערט און אַלץ טייערער ווערט ער פאַר אונדז?

נאָך דער עפּאָכע פון דעם תּלמוד גייט די ליטעראַטור פון די גאונים. זי איז נאָך ווייניקער אויסגעפאָרשט, איידער די ליטעראַטור פון דעם תּלמוד, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס נאָר פון איר קאָנען מיר — דורך ריכטיקע מעטאָדן — אַרויסדעסטילירן דעם תּמצית און די איינצלהייטן פון דעם יידישן לעבן אין יענער צייט. דער אויבערפלעכלעכער אַפּיקורס וועט אויך דאָ אָפּגעשטויסן ווערן ניט נאָר פון דעם נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן גלויבן, נאָר אויך פון דעם באַוואוסטן קאַמף, וועלכן אַ רב האַי גאון פירט אָן אַנטקעגן דעם פרייען, פאָרשנדיקן געדאַנק. אָבער דער אויבערפלעכלעכער אַפּיקורס זינדיקט דאָ אַנטקעגן די געזעצן פון דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, וועלכע איך האָב פריער באַרירט. ער וועט זיך דאַרפן אויסלערנען צו אַנטדעקן דעם מענטשן, און אַלץ, וואָס דער מענטש האָט געשאַפן, אַפילו דאָרטן, וואו דעם מענטשנס שכל ווערט דורך די אומשטענדן געצוואונגען צו פּאַטשן זיך אַליין אין פּנים און אונטער־צובייגן זיך אונטער דער אייבער־הערשאַפט פון דעם חלום, פון דער האַרץ־בענקשאַפט. און ווען אפילו קיין זאַך זאָל ניט אַרויסרופן קיין וואַרע־מען מיטגעפיל אין דער ברוסט פון דעם אַפּיקורס, — איינס וועט אפילו אים מוזן אַנטציקן — די וואונדערבאַר שאַרפע לאָגיק פון די

גאונים, וואָס וועט אים אפשר דערמאָנען אָן דער וואונדערבאַר שאַרפער לאָגיק פון קאַרל מאַרקסעס „קאַפּיטאַל". עס קאָן זיין, אַז דאָס וועט אין אים דערוועקן אַ געפיל פון רחמנות צו זיי, פאַר וואָס זיי האָבן נעבעך געמוזט אויסבריינגען זייער שעצבאַרע קראַפט אויף גיטין און כתובות, אויף כשר און טריפה און ניט אויף די פּראָבלעמען פון מער־ווערט און קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע. אָבער שוין אָט דער רחמנות־געפיל וועט זיין אַ מענטשלעכער געפיל, און וואָס מער מענטש דער אַפּיקורס וועט זיין, אַלץ לייכטער וועט אים זיין אַריינצוטראַכטן זיך אין די אומשטענדן פון דער צייט און איינצוזען, אַז דעמאָלט האָבן די „שאלות" פון גיטין און כתובות געמוזט צוציען צו זיך די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט מיט ניט קיין קלענערער מאַגנעטישער קראַפט, איידער דאָס טוען איצטער די פאַרוויקלטסטע פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער טעאָריע.

דער לעצטער פון די גאונים, סעדיה, איז אויך געווען דער ערשטער פון די יידישע רעליגיע־פילאָסאָפן. די יידישע רעליגיע־פילאָסאָפיע איז אַ גייסטיקער אַנטוויקלונגס־שטראָם, וואָס טראָגט זיך אין אַ גלייכער ליניע פון סעדיה דורך אבן־גבירול, יהודה הלוי, דעם רמב"ם, חסדאי קרשקש — איך רוף נאָר אָן די וויכטיקסטע נעמען, ביז דער קבלה — און פון דאָרטן צעשפּאַלט ער זיך אויף צווייען: איינער צו דעם פּאַנטעאיזם פון דעם בעל־שם, דעם באַגרינדער פון דער חסידות.

די אָפּשאַצונג פון דעם טייל פון אונדזער קולטור־אוצר האָט אויך שטאַרק געליטן פון דעם קאָסמאָפּאָליטישן ראַציאָנאַליזם, מיט זיין ניט קאָנען אַרויסרייסן זיך פון דער אייגענער סביבה און פון די באַדינגונגען, וואָס באַשטימען אונדזער איצטיקן דענקען, מיט זיין אומפעאיקייט אַריינצולעבן זיך אין דער גייסטיקער וועלט פון אַ פריערדיקער צייט. אין די לעצטע יאָרן זיינען אויפגעשטאַנען נייע פאַרקלענערער פון דער יידישער רעליגיע־פילאָסאָפיע, שוין ניט קיין קאָסמאָפּאָליטן, נאָר דווקא היפּער־נאַציאָנאַלע ציוניסטן. פאַר זיי, פאַר די איבער־ציוניסטן, איז די יידישע רעליגיע־פילאָסאָפיע אין דער ערשטער ליניע אַ פּראָדוקט פון דעם גלות און — ווי קאָן דען פון גלות אַרויסקומען עפּעס רעכטס? ניט נאָר זיינען די רעזולטאַטן, צו וועלכע אונדזערע פילאָסאָפן זיינען געקומען פאַרהוי־קערט און ניט־ווערטיק, נאָר אויך די גייסטיקע קראַפט, וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט, ווערט אָנוועקגעשטעלט אויף אַ נידעריקער מדרגה; עס ווערט לגמרי אָפּגעלייקנט זייער אָריגינאַליטעט. דער גלות קאָן ניט באַשאַפן קיין אָריגינעלע ווערק, דעריבער זאָלן מיר דאָך וואָס גיכער אַרויס פון

אים; דעריבער זאָלן מיר דאָך זיך אָפּזעגענען מיט יעדן געדאַנק ווידער אָפּצופרישן די יידישע באַשאַפונגס־כוחות ניט אין דער יידישער היים.

איך וויל גאָרניט לייקענען, אַז די יידישע רעליגיע־פילאָסאָפיע איז געשטאַנען אונטער דער שטאַרקער ווירקונג פון דעם גלות, פון וועלכן נאָר איין ספינאָזע האָט זיך געקאָנט אַרויסרייסן, דער רעליגיעזסטער און דער „יידישסטער" פון זיי אַלעמען. איך גיב אויך דורכויס צו, אַז דער גלות האָט אין זייער אַלעמענס געדאַנק אַריינגעלאָזן זיינע פאַר־גיפטעטע נעגל אַזוי, אַז ריזיקע גייסטער האָבן זיך געקרומט און גע־דרייט זיך אין אַ טראַגישן ראַנגלען זיך פאַר אַ וועלט־אַנשויאונג, וואָס זאָל ניט אונטערגראָבן די יסודות פון דעם יידישן זיין אויף דער וועלט.

איך האָב וועגן דער ראָלע פון דער יידישער רעליגיע־פילאָסאָפיע און דער קבלה אין דעם גייסטיקן קאַמף פון דעם יידישן פאָלק פאַר זיין עקסיסטענץ גערעדט אין אַן אַנדער אָרט — אין מיינע „מיסלי אָב איסטאָריטשעסקיך סודבאַך יעווריעיסטוואַ", פון דעם יאָר 1887, און איך האָף אין גיכן נאָך אַ מאָל רעדן וועגן זיי באַריכות מיט דעם יידישן עולם. דאָ וויל איך נאָר איבערגעבן איינס פון די רעזולטאַטן, צו וועלכע איך בין געקומען אין דעם פונקט פון איר אָריגינאַליטעט.

די נעגל פון דעם גלות האָבן געוויס כמעט ווי איבערגעריסן, על כל פנים שטאַרק צעוואונדעט, די פרייהייט פון דעם יידישן פאָרשנדן גייסט, אָבער ניט זיין אָריגינאַליטעט. שוין די צענטראַל־אויפגאַבע, וואָס די דענקער שטעלן זיך אַוועק אין זייער פאָרשן, דעם נאַציאָנאַלן ציל, דעם קיום הלאום, האָבן זיי ניט אַריבערגענומען און ניט געקאָנט אַריבערנעמען פון דער פרעמדר, ווייל קיין פילאָסאָפישער געדאַנק, אַחוץ דעם יידישן, האָט ניט געהאַט און האָט ניט געקאָנט האָבן אַזאַ פּראָבלעם. און דער וואָס פאַרשטייט, וואָס עס באַדייט אַ צענטראַל־פונקט אין אַ וועלכן עס איז סיסטעם פון געדאַנקען, ווי אַזוי ער דאַרף ווירקן אויף אַלע זיינע טיילן, ווי אַזוי מען איז געצוואונגען אויסצוגעפינען נייע שייכותן צווישן געדאַנק און געדאַנק, כדי אָפּצוּוואַנדן אַלע געפאַרן פון דעם „קיום הלאום", און כדי אַלע ליניעס פון דעם סיסטעם זאָלן זיך צונויפלויפן אין איין שפיץ, אין דעם משיח־גלויבן, וואָס איז געווען אַזוי נייטיק פאַר דעם יידישן פאָלק — ווער עס קאָן נאָר דאָס גוט באַנעמען, יענעם וועט ממילא ווערן קלאָר, אַז אַ געוואַלטיקע מאָסע פון אָריגינעלן דענקען, פון אור־אייגענער יידישער גייסט־קראַפט האָט געמוזט אַנגעווענדט ווערן, כדי אַרויסצוברענגען די יידישע רעליגיע־פילאָסאָפיע.

דער ציוניסט פאַלט דאָ אַריין אין דעם זעלבן פעלער, וואָס דאָס רוב קאָסמאָפּאָליטישע ראַציאָנאַליסטן. זיי זיינען ניט בכוח פונאַנדער־צוקלייבן זיך אין דאָס, וואָס מען קאָן אָנרופן די פאָרמאַטיווע קראַפט פונעם דענקען, דעם געשטאַלטונגס־כּוח פון דעם דענקער, און דעם מאַ־טעריעלן אינהאַלט, די איינצלנע געדאַנקען, אויף וועלכע דער געשטאַל־טונגס־כּוח באַווייזט זיין גבורה. און אויך פאַר זיי, הפּנים, איז וויכטיקער דער אינהאַלט, וואָס מוז זיך היסטאָריש בייטן פון דור צו דור, איידער די לפי־ערך אייביקע קראַפט, וואָס ברענגט אים אַרויס, אָדער וואָס באַאַרבעט אים, ווען ער ווערט אַריבערגענומען פון דער פרעמד.

וואָס באַווייזט מען דערמיט, ווען מען ווערט ניט איינגעמאַטערט אי־בערצוחזרן, אַז ביי יהודה הלוי געפינען מיר אַ סך עלעמענטן פון אַל־גאַזאַלי, אַז גבירול איז געווען אַ ניי־פּלאַטאָניקער, אַ גריכישע ריכטונג, וואָס איז אגב, אַרויסגערופן געוואָרן פון אַ גרויסן יידישן דענקער, פילאָן, אויף וועמען איך האָב היינט אין גאַנצן פאַרגעסן — וואָס באַווייזט עס, ווען מען געפינט אויס, אַז די יידישע דענקער האָבן אַריינגענומען אין זיך עלעמענטן פון יענער גייסטיקער אַטמאָספערע, פון וועלכער זיי האָבן גע־זויגן זייער פילאָסאָפישע יניקה? האָט מען ווען עס איז, וואו עס איז, געהאַט אַ דענקער, ווי גרויס און אָריגינעל ער זאָל ניט זיין, וואָס זאָל ניט האָבן געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון זיין גייסטיקער סביבה? געפינען מיר ניט ביי דעקאַרטן זיין ערנסטן פיינט, די סכאָלאַסטיק, און — דעם הייליקן אויגוסטין? האָט ניט ספּינאָזע אין זיך דעקאַרטן, און דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ, און די יידישע דענקער? איז ניט אַפילו קאַנט ביז אַ גרויסן גראַד אַ פּראָדוקט פון לייבניץ, יום און זשאַן זשאַק רוסאָ?

מיט די אַלע איינצל־פאַרגלייכונגען — וואָס זיינען, אגב, זייער וויכטיק, כּדי צו דערקלערן דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דעם דענקער און די גייסטיקע סביבה, וואָס האָט געווירקט אויף אים — באַווייזט מען נאָך גאָרניט פאַר זיין אָריגינאַליטעט און פאַר זיין שאַפונגס־קראַפט. מען מוז קודם אָפּוועגן די פּראָפּאָרציע, אין וועלכע די פרעמדע געדאַנקען שטייען צו זיינע אייגענע, און אויך דאָס איז נאָך ווייניק. מען דאַרף זיך פרעגן: וואָס האָט דער יידישער דענקער געמאַכט פון די דאָזיקע געדאַנקען, ווי און צוליב וואָס נוצט ער זיי אויס? מען דאַרף פאַרגלייכן די סיסטעמען אין זייער גאַנצקייט און אויסגעפינען, צי דער יידישער סיסטעם איז אין תּוך אַריין ניט מער, ווי אַ קאָפּיע פון דעם ניט־יידישן, אָדער ער האָט אין זיך זיין אייגענע נשמה, זיין אייגענע פאַרבאָרגענע טענדענץ, וועלכע דער פרעמדער האָט גאָרניט געקאַנט האָבן אין זיך.

אַזאַ אינעווייניקסטע אייגענע נשמה האָבן די יידישע דענקער געד
האַט, יעדער לויט דער מאָס פון זיין אָריגינאַליטעט. און ווי האָט דאָס
געקאָנט אַנדערש זיין! די געשטאַלטונגס־כּוחות פון אַ פאָלק גייען איבער
בירושה פון דור צו דור. אויב די יידן האָבן געהאַט אור־אייגענע
געשטאַלטונגס־כּוחות אין דער היים, האָבן זיי געמוזט מיטפירן זיי אויך
אין גלות. געוויס! כּדי זיי זאָלן זיך קאָנען גאַנץ פריי אַנטוויקלען, דאַרף
מען האָבן גינסטיקע באַדינגונגען צום גייסטיקן שאַפן, און אַ לפי ערך
רואיקן עקאָנאָמישן און נאַציאָנאַלן מעמד. אָבער וואו נאָר אַזאַ לפי
ערך רואיקער, גינסטיקער מעמד האָט זיך באַוויזן, האָבן זיך די דאָזיקע
כּוחות אַרויסגערופן לפועל: אין שפּאַניע די גבירול, הלוי און קרשקש,
אין האָלאַנד אַקאָסטאַ און שפּינאָזע, אין דייטשלאַנד — היינע און בערנע
און מארקס, און לאַסאַל, און הערמאַן קאָהען, און לאַזאַרוס און גייגער
און... און... און...

מכּוח די יידישע געשטאַלטונגס־כּוחות וועלן מיר נאָך האָבן צו זאָגן
אַ פּאָר ווערטער, ווען מיר וועלן רעדן וועגן דעם ראַסן־ייד. דערווייל
רעדן מיר וועגן דעם ווערט פון די פּראָדוקטן, וואָס די יידישע כּוחות
האָבן אַרויסגעבראַכט. מיר פליען ווי אין אַן עראָפּלאַן איבער דאָס גרוי־
סע געביט פון דער אַלטער יידישער קולטור, פון וועלכער מיר קאָנען
זען נאָר גאָר די וויכטיקסטע פּלעצער. און וועגן יעדן פון זיי מאַכן
מיר אין איילעניש קורצע באַמערקונגען, בעת מיר פליען פאַרביי.

מיר פליען איצטער אַריבער צו דער יידישער פּאָעזיע, וואָס האָט
זיך פונאַנדערגעבליט אין דער זעלביקער צייט ווי די יידישע רעליגיע־
פילאָסאָפיע. שוין דער פאַקט אַליין, אַז די צוויי גרעסטע יידישע דענקער
פון יענער צייט — גבירול און הלוי — זיינען אויך די צוויי גרעסטע
פּאָעטן פון דעם שפּאַנישן־אַראַבישן פּעריאָד, לאָזט אונדז דענקען, אַז
די יידישע פּאָעזיע איז ניט נאָר אַן אויסדרוק פון דעם יידישן זין פאַר
שיינקייט, נאָר אויך אַ קלאָרער שפּיגל, אין וועלכן דער גאַנצער „ייד־
מענטש" שפּיגלט זיך אָפּ. אין דער אמתן איז ער דאָרטן אויסגעדריקט
אין זיין גאַנצער פּראַכט. ער בייטיקט זיך ניט אין פּירושים. דאָ, אין
דער פּאָעזיע, דאַרפן מיר דעם מענטשלעכן קערן ניט אַרויסשיילן פון
מעטאַפיזישע, רעליגיעזע, יורידישע שאָלעכצן, וואָס האָבן אים אַרומ־
געוויקלט אין דעם תּלמוד, ביי די גאונים און ביי די רעליגיע־פילאָסאָפן.
די יידישע פּאָעזיע איז ליריק — אַ לשון, וואָס גייט דירעקט פונעם
האַרצן אין האַרץ אַריין. דאָס איז פּערזענלעכע ליריק אַפילו דעמאָלט,
ווען זי רעדט אין דעם נאָמען פון דעם פאָלק. קודם כּל, ריין מענטש־

לעכע, רעליגיעזע ליריק, וואָס דריקט אויס דעם זיפץ פון דער נשמה, ווייל איר איז ענג געווען אין די גרענעצן פון דעם דעמאָלטיקן געזעל־שאַפטלעכן זיין און זי בענקט נאָך אַ העכערער וועלט, איידער אונדזער זינדיקע ערד.

איך ווייס ניט, עס קאָן זיין, אַז דאָס וועלטלעכע זיין פון דעם מענטשן אויף דער ערד, ווען עס וועט מקוים ווערן דער טרוים פון די נביאים וועגן דער נייער ערד און די נייע הימלען, וועט אַ מאָל ווערן אַזוי רייך, אַז די „נייע ערד" וועט שטילן אַלע בענקשאַפטן פון דעם מענטשנס נשמה און די נייע הימלען וועלן נאָר צוליב דעם זיין אויף דער וועלט, כדי זייער אומענדלעכער בלוי זאָל זיך אָפּשפּיגלען אין דעם קלאָרן, פריידיקן מענטשלעכן אויג. עס קאָן זיין, אַז די מענטשן וועלן זיך דע־מאָלט אויסלערנען צו פילן און געניסן אומענדלעכקייט אין די ענדלעכע גרענעצן פון זייער זיין אויף דער ערד און זיך לגמרי אָנזעטיקן מיט איר דאָ. דעמאָלט וועט די בענקשאַפט נאָך אַן איבערוועלטלעכער אומ־ענדלעכקייט אין גאַנצן פאַרשווינדן.

אָבער — ווען וועט דאָס זיין? אויב נאָך איצטער, אין אונדזער געבענטשטער און הויך־געלויבטער צייט, ווען אונדזער מאַכט איבער דער נאַטור גייט טאָג־טעגלעך פאָרויס מיט אַזאַ שטאָלצן און זיכערן גאַנג; ווען אונדזערע גייסטיקע האָריזאָנטן האָבן זיך פונאַנדערגערוקט אַזוי ווייט; ווען די העכסטע אידעאַלן, פון וועלכע נאָר די זעלטן־איידלסטע מענטשן האָבן אַ מאָל געהאַט דעם מוט צו טרוימען, דרינגען מיט אַן אימפּעט אַריין אין די מאַסן; אויב נאָך אין אונדזער צייט, זאָג איך, וואָס איז אַזוי רייך אין אַזוי פיל פריידיקע, פּראָגרעסיווע, „ווען'ס", גייט פונ־דעסטוועגן אויס די נשמה נאָך אַ ניט צו שטילנדן דורשט צו אומ־ענדלעכקייט, וועלכע מיר קאָנען ניט געפינען דאָ, היינט — ווי שטאַרק האָט געמוזט זיין דער דאָזיקער דורשט אין דעם מיטלאַלטער, וואו דאָס לעבן און דער געדאַנק זיינען געווען פאַרענגט און אַרומגעצירקלט פון אַלע זייטן! די רעליגיעזע בענקשאַפט נאָך איבער־נאַטירלעכע אומענדלעכע הימלען האָט זיך ביי דעם יידן אויסגעלעבט אין זיין רעליגיעזער ליריק.

נאָך אַ סך שטאַרקער, איידער די רעליגיעזע ליריק, קלינגט אין דער יידישער פּאָעזיע די נאַציאָנאַלע: די שווידערלעכע קלאָג איבער דעם מצב אין גלות, די גליענדע ליידנשאַפט צו אַ פרייען זעלבסטשטענדיקן לעבן, די צערטלעכע קינדער־ליבע צו דער אַלטער היים אין ציון, דער טיפער גלויבן אין דער נאָענטער באַפרייאונג. און אין די אַלע קלאַנגען מישן זיך נאָך אַריין טענער פון ריין אינדיווידועלער ליריק, דער קומער

פון איינזאַמקייט און דער לעבנס־צער, דאָס יובלדיקע אויפשאַלן פון לעבנס־פרייד און ליבעס־גליק.

פון אויבן, פון דעם עראָפּלאַן, קאָן מען ניט זען די פאַרעם־שיינקייט און פאַרבן־פּראַכט פון יעדער איינצלנער בלום. אָבער מיר פליען פאַרביי אַזוי אומענדלעכן רייכן, אַן אומענדלעך גרויסן פּאָעזיע־גאָרטן און מיר זעען, אַז די בלוט־רויטע, מתים־ווייסע און שוואַרץ־בלויע בלומען באַדעקן דעם גרעסטן טייל שטח, און מיר ווייסן, אַז די טוי־טראָפּנס, וואָס אין זיי, זיינען אמתע מענטשלעכע טרערן.

נאָך די פּאָעטן און פילאָסאָפן קומען די קאַבאַליסטן, די „מקובלים״. אַ משונהדיקע וועלט עפנט זיך פונאַנדער פאַר אונדז. אַ פאַרכשופטער וואַלד. בייטאָג זעט מען גאָרניט. ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סטעפּ פון שמוציקע, ברוינע, פאַרוויאַלעטע גראָז. אָבער ווען דער אוונט־טוי פאַלט אַראָפּ אויף דעם סטעפּ, ווען די לבנה באַגיסט די וועלט מיט אירע בלויע שטראַלן, דעמאָלט גלייכט זיך אויס דאָס גראָז, ווערט גרין און פייכט, און הייבט זיך אָן שנעל־שנעל פונאַנדערצוואַקסן צו ריזיקע ביימער, וואָס שטרעקן פונאַנדער אַלץ ווייטער און ווייטער זייערע משונה־דיקע צווייגן אין דעם פלוצלונג געל און גרין געוואָרענעם שיין, וואָס פאַרבלענדט דאָס אויג... אַ פאַנטאַסטישע וועלט, פול מיט מיסטישע שיינקייט!

און איז דען שווער אויך דאָ צו דערבליקן דעם מענטשן? דעם מענטשן און דעם יידן?

דער מענטש פון דער קבלה בענקט נאָך דעם „אין־סוף״, נאָך דעם אומענדלעכן ליכט־קוואַל, פון וועלכן עס שלאָגט, ווי פון אַ פאָנטאַן, דאָס וועלטלעכע געשעען. אָבער ער בענקט נאָך אים ניט ווי נאָך אַ דרויסנ־דיקן ציל, צו וועלכן ער דאַרף דערפליען. ער וויל שפּירן אין זיך, אַז ער איז אַ פונק פון יענעם ליכט־קוואַל, וואָס לעבט אייביק אין דער וועלט, און אַז מיט אים, דעם „ניצוץ״, קאָן קיין מאָל ניט געשען קיין בייז, וואָס אים זאָל ניט טרעפן אין זיין אייביקן לעבן —ליידן, פאַר־וואָגלונג אָדער אַפילו דער טויט.

און דער ייד אין דעם מענטשן בענקט אין דער קבלה נאָך אַזאַ וועלט, וואו עס זאָלן ניט זיין קיין אוממעגלעכקייטן; וואו די אייזערנע קייטן פון גלות זאָלן פלוצלונג קאָנען צעגיין, ווי וואַקס; וואו דער יידישער משיח זאָל זיין ניט נאָר אַ שיינע, פּאָעטישע צויבער־לעגענדע, נאָר אַ רעאַלע ווירקלעכע קראַפט, וועלכן מען קאָן קינסטלעך דערוועקן און דערנענ־טערן איר באַפרייענדיקע טאַט.

מיר האַלטן שוין ביי דעם סוף פון דער אַלטער יידישער קולטור־וועלט. דער נעקסטער עטאַפּ איז די חסידות — אַ וועלט, אין וועלכער דער מאָדערנער פאַרשער־געדאַנק האָט ערשט ניט לאַנג גענומען אַריינדרינגען. און וואָס מער מען דרינגט אַריין, אַלץ נייע וועלטן פון מענטשלעכער שיינקייט אַנטפּלעקן זיך דאָרטן. פון זייער עטישן אין פּאָעטישן ווערט קאָן מען האָבן אַ השגה שוין פון פּרצס חסידישע מעשהלעך. זייער רעליגיעזע, פילאָסאָפישע און נאַציאָנאַלע באַדייטונג וואַרט נאָך אויף אַ פאַרשטענדיקן פאַרשער.

אָבער אונדזער קולטור־וועלט ענדיקט זיך נאָך ניט מיט דער אַלטער, רעליגיעזער וועלט. דאָס נײַנצנטע און צוואַנציקסטע יאָרהונדערט, די צייטן פון דער יידישער היסטאָרישער פאַרשונג, פון דער העברעאישער השכלה ליטעראַטור, פון דעם ציוניזם און דעם יידישן סאָציאַליזם האָבן אויפגעבויט נייע גייסטיקע בנינים, וואָס האָבן אַן אומגעהויערן ווערט פאַר דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן פאָלק.

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דער גאַנצער פּעריאָד פון דעם גייסטיקן שאַפן פון דעם נײַנצנטן יאָרהונדערט ביז צו דעם ציוניזם האָט ניט געקאָנט אַרויסברענגען אַזעלכע גאונים, ווי די אַלטע קולטור, ווייל דאָס איז אויך געווען די צייט פון דער אַסימילאַציע, וואָס האָט אָפּגעצאַפּט פון אונדז אונדזערע בעסטע זאַפטן, און אַריינגעגאָסן זיי אין די אָדערן פון די אַרומיקע פעלקער. די וואונדן אין די אָדערן, וועלכע די אַסימילאַציע האָט געעפנט, זיינען נאָך ניט אַלע פאַרהיילט, די עפענונגען ניט אַלע געשלאָסן. נאָך איצטער רינט פון זיי אַרויס דער קאָסטבאַרסטער לעבנס־זאַפט פון אונדזער פאָלק, דאָס גייסטיקע שאַפן פון זיינע קינדער. אָבער אַ דאַנק דעם ציוניזם און דער נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער באַוועגונג בכלל, הייבט אָן דער יידישער גייסט ווידער קומען צוריק צו זיך, און שוין שטראַלן נייע שטערן אויף אונדזער הימל, פון וועלכער יעדער לייכט מיט אַן אייגענעם, רייכן גלאַנץ. משה העס, טעאָדאָר הערצל און נאָרדוי, אחד העם און ד״ר בירנבוים, זשאַבאָטינסקי און ראַטנער, און ביאַליק און טשערניכאָווסקי, און עס דרענגען זיך נעמען אויפן צונג כמעט אַן אַ צאָל, נעמען פון מענטשן מיט אַן אייגענער פיזיאָנאָמיע און אַ באַדייטנדן טאַלאַנט, וואָס שפּינען ווייטער דעם פאָדעם פון דער אָפּגעפּרישטער יידישער קולטור.

און עס ווערט געבוירן די נייע יידישע ליטעראַטור, מיט אַ גרויסער צאָל נעמען און טאַלאַנטן, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט באַדייטנדע ריין־מענטשלעכע ווערטן — אַ נייער קוואַל פון לעבנס־קראַפט פאַר אונדזער

פאָלק, אַ ניי פעלד פאַר זיין קולטורעלן שאַפן. די נעמען פון אירע איינצלנע טוערס וועל איך אין גאַנצן אַרויסלאָזן, ווייל זיי דאַרפן אייך אַלעמען זיין באַקאַנט.

איר זעט: דער מענטש אין דעם יידן האָט זיך ניט וואָס צו שעמען מיט דער גאַנצער קולטור־אַרבעט פון זיין פאָלק. און אויב ער שעמט זיך מיט איר, אָדער ער האָט גאָר קיין אָנונג ניט פון איר עקסיסטענץ און איר מהות, איז דאָס נאָך ניט קיין סימן פון זיין גרעסערער מענטש־לעכקייט. אַז איר וועט טרעפן אַ דייטש אָדער אַן ענגלענדער, וואָס ווע־זיך פאַר אייך באַרימען, אַז ער ווייס לחלוטין גאָרניט ניט וועגן דער גייסטיקער פאַרגאַנגענהייט פון זיין פאָלק און אינטערעסירט זיך ניט מיט דעם, וועט איר אים געוויס ניט האַלטן פאַר אַ העכער שטייענדן מענטשן. איר וועט פשוט זאָגן: ס׳איז אַן עם־הארץ. ער וועט ווערן געבילדעטער, וועט ער ווערן מער מענטש, וועט ער ווערן מער ענגלענדער אָדער דייטש אין דעם פונקט פון ליבע צו דעם אייגענעם קולטורעלן אוצר. זייט זיכער: איר קאָנט מיט דעם זעלביקן רעכט אָנווענדן אייער אורטייל אויך אויף דעם יידישן מענטשן. וואָס מער מענטש ער וועט ווערן, וואָס מער ער וועט זיך נעמען אינטערעסירן מיט דעם, וואָס איז אים נוגע מער איידער אַלעמען, מיט דער אַנטוויקלונג פון זיין אייגענע קולטור, און וואָס טיפער ער וועט אַריינדרינגען אין איר, אַלץ מער וועט זי אים ווערן טייער און ליב.

על כל פנים, איין זאַך איז קלאָר, אַז וויניקסטנס, ביי די אומות העולם איז די ליבע צו דעם אייגענעם קולטור־אוצר קיין מאָל ניט קיין סתירה צו דער מענטשלעכקייט. אדרבה, וואָס מער מענטש איינער איז, אַלץ שטאַרקער איז אין אים די איבערגעגעבנקייט צו די אייגענע קולטו־רעלע רייכקייטן. עס איז דעריבער ביי מיר גאָר קיין ברעקל ספק ניט, אַז ווען מיר וועלן אויפעפענען פאַר אונדזער פאָלק אַלע אוצרות, וואָס ליגן איצטער פאַרשלאָסן אין אונדזער גייסטיקן עבר; ווען מיר וועלן צופירן צום פאָלק די אַלע הלויס, גבירולס, אַלחריזיס און לוצאַטאָס, וואָס זיינען אים איצטער נאָך אַזוי פרעמד, וועט אויך דער ייד אויפהערן צו זיין אַ יוצא־מן־הכלל און אויך אין דעם פרט פון דעם קולטור־אוצר וועט ווערן ריכטיק דער שפרוך, אַז וואָס געבילדעטער ער וועט זיין, וואָס מער מענטש ער וועט זיין, אַלץ מער ייד וועט ער זיין.

לאָזט מיך דאָ באַרירן נאָך אַ פונקט וועגן דעם נאַציאָנאַלן יידן, כדי צו פאַרענטפערן יענע גרויסע עוולה אונדזערע, וואָס מיר, יידן, ווילן „מאַכן שבת פאַר זיך״ און „אָפּזונדערן זיך פון דער מענטשהייט״. אַ מענטש,

קאַטאָרי וועלכער איז אַן אמתער מענטש — זאָגט דער קאָסמאָפּאָליט — טאָר ניט טראַכטן וועגן דעם אייגענעם פאָלק. ער דאַרף נאָר טראַכטן וועגן דער גאַנצער מענטשהייט.

אַזוי גאָר? אמתע מענטשן טראַכטן ניט וועגן זייער פאָלק? גאַריבאַלדי האָט געשטריטן ניט פאַר די איטאַליענישע פרייהייט, נאָר פאַר די פריי־הייט פון די פידזשיאַנער? מיכאַילאָווסקי, פּליעכאַנאָוו און לאַווראָוו האָבן געפּרעדיקט סאָציאַליזם ניט פאַר דעם רוסישן פאָלק, נאָר פאַר די באָטאָקודן?

שטעלט זיך אין דער אמתן פאַר, אַז אונדזערע „אמתע" מענטשן וואָלטן געבאַלעבאַטעוועט אין דער געשיכטע פון גאַריבאַלדיס צייטן אָן. ווי וואָלטן זיי דאָס אַרויסגעפּאַלן אויף יענעם העלד, ווי וואָלטן זיי דאָס דערנומען זיינע יאָרן פאַר זיין וועלן „אָפּזונדערן זיך פון דער מענטשהייט", פאַר זיין וועלן „מאַכן שבת פאַר זיך"! גאַריבאַלדי — וואָלטן זיי גע־פילדערט — אַ קלאָג צו דיינע טעג! וואָס הייסט עס מאַכן אַ רעוואָלוציע נאָר פאַר איטאַליענער? און וואו זיינען די איבעריקע מענטשן, וואָס שמאַכטן אונטער דער עסטרייכישער ווילד־הערשאַפט? קאָנט איר ניט וואַרטן, ביז זיי אַלע וועלן זיך אַ הייב טאָן מיט אַ מאָל און אַראָפּ־טרייסלען פון זיך דעם דעספּאָטישן יאָך? און פאַר וואָס עפּעס וואַרטן נאָר אויף די פּוילן און די רוטענען? און וואו זיינען די רוסן אין רוסלאַנד און די כינעזער אין כינע און — און — און — די ווערדאָס אויף דעם אינדזל ציילאָן — זיינען זיי גאָר קיין מענטשן ניט?

און מיט דער זעלביקער לאָגיק קאָנען די „אמתע מענטשן" אויך פון הייַנטיקער צייט אַרויסטרעטן אַנטקעגן אַלע רעוואָלוציאָנערע פּירער פון דער איראָפּעאישער קולטור.

זיי קאָנען אויך איצטער נאָך טענהן: אָט זעט, די ווערדאָס לויפן נאָך אום אַן הויזן, און די בושמענער אין אַפריקע, ווייסן נאָך ניט, וואָס אַן אַלף־בית איז, און זיי, די צעלאָזענע „נאַציאָנאַליסטן", די גאַריבאַלדיס, די מאַרקס און לאַסאַלס, די מיכאַילאָווסקיס און פּליעכאַנאָווס קעמפן גאָר פאַר אַ שטיקל פרייהייט פאַר אַ פּיצעלע מענטשהייט, שטרייטן גאָר פאַר אַ סאָציאַליזם אין אַ קלייניקן קאָנטינענטעלע, וואָס רופט זיך איראָפּע. וואַרט, שקצים, ביז די ווערדאָס וועלן אָנטאָן הויזן, ביז די בושמענער וועלן זיך אויסלערנען לייענען קאַרל מאַרקס' „מאַניפעסט"; וואַרט ביז אַלע מענטשן וועלן אייך אַניאָגן, ביז פון אַלע מענטשן וועט ווערן איין מענטש, און פון אַלע ביימער איין בוים, און פון אַלע העק איין האַק, און פון אַלע טייכן איין טייך! אָט דעמאָלט וועט קומען

דער גרויסער מענטש מיט דער גרויסער האַק צו דעם גרויסן בוים און וועט אים אַראָפּשליידערן אין דעם גרויסן טייך! אָט דעמאָלט וועלן מיר ערשט האָבן דעם ריכטיקן „פליאַך"!"

דער פעלער, אין וועלכן דאָ פאַלט אַריין דער ראַדיקאַלער יידישער קאָסמאָפּאָליט, באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט זייער אַ פאַלשן באַגריף וועגן דעם מהות מענטשהייט. די מענטשהייט איז, ווי איך האָב שוין ניט איין מאָל באַמערקט, ניט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל ליגן ערגעץ וואו דרויסן פון די פעלקער, און אין וועלכער מען קאָן אַריינשפּרינגען, ווען מען פאַרלאָזט דאָס אייגענע פאָלק. מענטשהייט איז, קודם כל מענטשלעכקייט, אַ זאַך, וואָס ליגט אינעווייניק אין יעדן פאָלק און וואָס יעדער פאָלק דאַרף אָפּהיטן מיט אַלע זיינע כוחות. אָבער מענטשלעכקייט איז פּראָגרעס, אַ שטרעבן צו פאַרווירקלעכן אין דער אייגענער קולטור אַלץ מער אמת, יושר, חן און מענטשלעכע חשיבות. און אָט די פליכטן פון דעם פּראָגרעס פאַרווערן יעדן פאָלק, אָפּצושטעלן זיך, זאָל זיין אויף אַ ווײַלע אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג און וואַרטן, ביז די אַנדערע פעלקער וועלן עס אָניאָגן. ובפרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן באַפרייאונג פון אַ פרעמדן יאָך, ווי דאָס איז ביי די איטאַליענער אין די צייטן פון גאַריבאַלדי, ווי דאָס איז איצטער ביי די פּוילן, רוטענער, פינלענדער און די יידן פון די היינטיקע טעג.

מענטשלעכקייט איז פרייהייט, אַ שטרעבן דורכצופירן דעם אייגענעם ווילן און פאַרשטאַנד אין אַלע יענע צווייגן פון דער קולטור, וואו קיין אַלגעמיין־מענטשלעכער שכל קאָן ניט דיקטירן קיין איינהייטלעכן מאַרשרוט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. כדי דאָס דורכצופירן, מוז מען זיין דער באַלעבאָס אויף דעם אייגענעם געשיכטלעכן גורל און דערצו איז נייטיק אַ פולשטענדיקע אויטאָנאָמיע אין דעם קולטורעלן לעבן פונעם פאָלק און אָפט מאָל אויך אַ פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט, אויב אויף אַן אַנדער אופן קאָן מען ניט מעגלעך מאַכן אָדער זיכער שטעלן די פרייע אַנטוויקלונג פון דעם פאָלקס קולטורעלע כוחות.

דאָס איז ניט קיין אָפּזונדערונג פון דער מענטשהייט. דאָס איז די פאַרווירקלעכונג פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס, וואָס האָט ניט קיין אַנדערע דורכפירער, סיידן די איינצלנע פעלקער. געוויס זאָלן די פעלקער זיין סאָלידאַריש איינע מיט די אַנדערע. געוויס מוזן אויפהערן די מלחמות און די רייסעניש צווישן זיי. געוויס מוזן זיי זען צו העלפן איינער דעם אַנדערן אין זייער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג, אַז זיי אַלע זאָלן ווערן ווי ברידער אין איין איינציקער משפּחה. אָבער די הילף,

וואָס אַ פֿאָלק קאָן ברענגען אַ פֿאָלק, די סאָלידאַריטעט, וואָס קאָן זיי צונויפֿבינדן אין איינעם, די פֿעלקער־פֿאַרברידערונג צו איין מענטשלע־כער משפּחה, קאָן נאָר דעמאָלט זיין אַ מענטשלעכע הילף און אַ מענטש־לעכע סאָלידאַריטעט, ווען זי איז געבויט אויף דעם גרונטזאַץ פֿון אַלע־מענס פֿרייהייט און אַלעמענס גלייכבאַרעכטיקונג. ווען די רוסן צווינגען די פּוילן, די פֿינלענדער און אַלע אַנדערע פֿעלקער, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד, צו זיין סאָלידאַריש מיט זיי אין דער פּאָליטיק, אין דער שפּראַך, אין דער רעליגיע און אין דער קולטור, איז דאָס ניט קיין סאָ־לידאַריטעט, נאָר פּשוטע פֿאַרשקלאַפֿונג. ווען די אַמעריקאַנער, דורך יע־נעם אומגעהויערן איבערוואָג, וואָס זיי האָבן באַשאַפֿן פֿאַר זייער שפּראַך און קולטור, צווינגען אַלע פֿעלקער, וואָס וואוינען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, זיי זאָלן זיך „אַמעריקאַניזירן" מיט זיי, איז דאָס ניט קיין מענטש־לעכע סאָלידאַריטעט, ניט קיין פֿרייוויליקע פֿעלקער־פֿאַרברידערונג, נאָר אַ פֿאַרמאַסקירטע שקלאַפֿעריי, אַקוראַט אַזוי ווי אין רוסלאַנד — אַ שקלאַ־פֿעריי, וואָס הערט ניט אויף צו זיין דאָס וואָס זי איז, ווען אַפֿילו זי טרייבט צו אַמעריקאַניזאַציע אויף אַן אידעלערן אופֿן, איידער אין רוס־לאַנד: ניט מיט דער פּאָליטישער בייטש פֿון דעם קאָזאַק, נאָר מיט דער הונגער־בייטש און די פּעטע „דזשאָבס", וואָס מיט זיי קויפֿט מען אונ־טער די נשמה פֿון דעם פֿרעמדן פֿאָלק.

דער קולטורעלער איבערוואָג פֿון איין פֿאָלק איבער דעם אַנדערן אין אַ וועלכן עס איז לאַנד — אַן איבערוואָג, וואָס ווערט געשטיצט דורך דער גאַנצער מאַשינעריי פֿון דעם מעכטיקן הערשנדן שטאַט, איז אַ פּאַטש אין פּנים יעדן צווישן־פֿעלקערלעכן יושר, וואָס פֿאַרלאַנגט, אַלע זאָלן האָבן גלייכע שאַנסן פֿאַר אַ פֿרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, די זעלביקע מעגלעכקייטן פֿאַר דעם פֿונאַנדערבליען פֿון זייערע שפּראַכן און קולטורן. און וואָס מער מענטש איינער איז, אַלץ העכער רעדט אין אים דער געפֿיל פֿון יושר, אַלץ ברענענדיקער פֿילט ער די עוולה פֿון דער נאַציאָנאַלער אויבערהערשאַפֿט; אַלץ טיפֿער איז ער דורכ־געדרונגען מיט דעם אידעאַל פֿון גלייכע רעכט און גלייכע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פֿאַר יעדן פֿאָלק.

קאָן מען אָבער באמת האָפֿן, אַז דאָס הערשנדע פֿאָלק זאָל פֿון זיך אַליין זיך אָפּזאָגן פֿון זיין פּריווילעגירטער שטעלונג, אַז די הערשער זאָלן אַליין נעמען דורכפֿירן אין לעבן דעם אידעאַל פֿון צווישן־פֿעל־קערלעכן יושר און אמתער פֿעלקער־פֿאַרברידערונג? גאַנץ זיכער ניט! אויב די פֿעלקער וועלן ניט קעמפֿן פֿאַר זייערע כּשרע מענטשלעכע רעכט,

וועט קיינעם ניט אָרן פאַר זיי. אויב זיי וועלן ניט מאַכן שבת פאַר זיך, וועלן זיי אייביק מוזן זיצן ווי בעטלער ביי אַ פרעמדן טיש. און אויף וואָס פאַר אַ העכערער שטופּע פון מענטשלעכקייט זיי וועלן זיך געפינען, וואָס העלער עס וועט ברענען אין זייער האַרץ דער אידעאַל פון פרייהייט, זעלבסטשטענדיקייט און קולטורעלער פּראָגרעס, אַלץ טרייער וועלן זיי זיין צו די אינטערעסן פון זייער אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן.

אויב עס איז פאַר יעדן פאָלק אַ חוב אָפּצוהיטן די אייגענע זעלבסט־שטענדיקייט אָדער שטרעבן צו איר דאָרטן, וואו מען האָט זיך נאָך ניט דערגרייכט, איז דאָס פאַר אונדז, יידן, אַ טאָפּלטער חוב. זאָל איך אייך אויסמאָלן די לאַגע, אין וועלכער דאָס יידישע פאָלק געפינט זיך? זאָל איך אייך שילדערן יענעם קולטור־חורבן, וואָס דאָס יידישע פאָלק לעבט איצטער דורך אַ דאַנק דעם, וואָס די געבילדעטע קלאַסן זיינען אַנט־לאָפן פון אונדז? זאָל איך דערמאָנען אָן דער מאָראַלישער צעפוילטקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם לעבן פון די יידישע מאַסן פאַר די לעצטע צוואָנציק יאָר — אַ מאָראַלישע צעפוילטקייט, וואָס איז אַ נויטווענדיקער פּראָדוקט פון זיין אוממעגלעכער עקאָנאָמישער און יורי־דישער לאַגע אין די היים־לענדער און פון זיין קולטור־חורבן אומעטום? דאָס זיינען אַלץ צו באַקאַנטע פאַקטן, מען זאָל זיך דאַרפן באַריכות אָפּשטעלן אויף זיי. אָבער זאָגט: ווער־מען זאָל דאָס אָרן, אויב ניט אונדז אַליין? ווער זאָל טראַכטן וועגן געזינטערע און בכבודיקערע מענטשלעכע פּרנסות פאַר דעם יידן, אויב ניט דער ייד? ווער זאָל זאָרגן פאַר די גייסטיקע און מאָראַלישע אַנטוויקלונג פון די יידישע מאַסן, אויב ניט די אייגענע אינטעליגענץ, וואָס האָט באַדאַרפט איר גאַנצע ענערגיע אָוועקגעבן אין דעם דינסט פון דעם פאָלק — אַזוי אָרעם איז דאָס פאָלק און אַזוי נויטבאַדערפטיק איז עס אין אינטעליגענטער הילף!

אָדער זאָל איך אפשר אַ ריר טאָן אונדזער נאַציאָנאַלע לאַגע, די שטע־לונג פון אַלע אַנדערע פעלקער צו אונדז, ווי אַ פאָלק, די חשיבות און דעם רעספּעקט, וואָס מיר האָבן פון זיי? אַך, דאָס האַרץ ווערט באַגאָסן מיט בלוט, ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דעם יידישן גורל צווישן די ניט־יידישע פעלקער, ווען מען דערמאָנט זיך אָן דער טיפער שמאַך און שאַנד, אין וועלכער עס איז אַריינגעוואָרפן אונדזער נאָמען. אפילו ווען מיר וואָלטן געווען ניט מער ווערט איידער די בולגאַרן, די סערבן, די טאַטערן, אָדער די הונדערטער אַנדערע מענטשלעכע פעלקער, וואָס ווי מיט זיי, אַזוי אָן זיי, אין דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, וואָלטן מיר אויך ניט געטאָרט לאָזן זיך טרעטן מיט די פיס, אויך ניט געטאָרט, אָן אַ

צאַרנדיקן פּראָטעסט, אַריבערטראָגן די טויזנטער באַליידיקונגען פון אונ־דזער כבוד, וואָס שיטן זיך טאָג־טעגלעך אויף אונדז. ובפרט, אַז מיר האָבן אַ רעכט שטאָלץ אויפצוהייבן אונדזער קאָפּ, אין דעם באַוואוסטזיין פון אייגענער חשיבות, פון דעם אייגענעם ווערט פאַר דער באַשאַפונג פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור! אונטער אַזעלכע אומשטענדן זיינען די באַליידיקונגען, וואָס מיר, יידן, טראָגן אַריבער — טאָפּלטע באַליידיקונ־גען, און אונדזער שווייגן און דולדן איז אַ טאָפּלטע שמאָך און שאַנד פאַר אונדז.

און דאָ קומט דער עטישער בטלן, דער יידישער „סתם־מענטש", וואָס — שפּיי אים אין פּנים, ווישט ער זיך רואיק אָפּ און טרייסט זיך מיט דעם, אַז איבערמאָרגן וועלן אַלע פעלקער פאַרשווינדן, און וויל זיין בטלנישע, ניט־ווערטיקע פּסיכאָלאָגיע אַרויפצווינגען אויך אויף אונדז, אויך אונדז איינשמועסן, אַז וואָס מער מענטש איינער איז, אַלץ וויניקער ייד איז ער, ד"ה, אַלץ וויניקער דאַרף ער זיך נעמען צום האַרצן דעם שפּיי, וואָס ער קריגט אין פּנים, די צעבערס מיט שמוציקע זלזולים, וואָס ווערן אויסגעגאָסן אויף זיין קאָפּ, און אַלץ וויניקער איז באַרעכטיקט זיין יאוש און צער, וואָס ער קאָן ניט באַשיצן, ווי אַ מענטש, זיין אייגענעם כבוד.

וואָלטן מיר, יידן, באמת געווען מענטשן, ווי מענטשן דאַרפן זיין, וואָלט אין אונדזער ברוסט באמת געברענט דער פונק פון מענטשלעכע חשיבות און שטאָלץ, דעמאָלט וואָלטן מיר אַ מינוט ניט געקאָנט פאַר־בלייבן אין די גלות־לענדער; מיר וואָלטן געפלויגן, וואו פעפער וואַקסט, אין ים זיך געוואָרפן, דאָס לעבן זיך גענומען, נאָר ניט צו אָטעמען אין יענער אָטמאָספערע, וואָס איז אַזוי אָנגעזאָפּט מיט האָס און פאַראַכטונג צו אונדז. אָבער אונדזערע מאַסן זיינען נאָך צו דערשלאָגן, דער מענטש אין זיי זאָל קאָנען אויפהייבן דעם קאָפּ, פאָדערן זיין מענטשלעך רעכט און פאַרטיידיקן זיין מענטשלעכע חשיבות, און ביי דאָס רוב פון אונדזערע געבילדעטע לעבט נאָך צו שטאַרק דער „פּיך בצורת מענטש", וואָס קאָן זיך אויפהייבן ניט מער ווי צו וויסטער גאווה, צו אויפגעבלאָזענער גדלות, וואָס שמעלצט פון נחת, ווען ער קאָן זיך אַריינשטופּן צווישן די ניט־יידן, און די אַרומיקע ווילט מאַכט זיך, אַז זי דערקענט אים ניט און וואַרפט אים צו, ווי אַ הונט אַ ביין, אַ ביסל כבוד און רעספּעקט. און ביי אַ טייל פון אונדז בליט נאָך אין זיין גאַנצער פּראַכט דער „בטלן בצורת סתם־מענטש", וואָס ווערט ניט מיד, צו ווישן דעם שפּיי פון דעם פּנים, און צו טרייסטן זיך און אונדז, אַז איבערמאָרגן בלי־יפוגה קומט די סאָציאַלע רעוואָלוציע. און נאָר לפי ערך אַ קליינער טייל גייט

אום מיט אַן אײביקער וואונד אין דער ברוסט, דער יידישער וואונד פון אונדזערע טעג, דעם ברענענדן שמאַרץ פון דעם באַליידיקטן כבוד און דער ניט אָפּגעוואָשענער שמאַך, און זיי — אַט די פון דעם קלײנינקן טייל — קריצן די ציין אין זייער אָנמאַכט און בייסן זיך די ליפּן ביז צו בלוט.

אָבער אויך דער מצב וועט געדויערן ניט לאַנג. דאָס יידישע פאָלק ווערט מער מענטש, און וואָס מער מענטש מיר ווערן אַלץ מער גלייכט זיך אויס אונדזער איינגעבויגענער רוקן, אַלץ מער יידן ווערן מיר, אַלץ גרעסער און פעסטער און מוטיקער ווערט די אַרמיי, וואָס גייט עראָבערן די יידישע ערד.

וואָס מער מענטש אַ ייד איז, אַלץ מער נאַציאָנאַלער ייד איז ער!

מיר בלייבט נאָך צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם רעליגיעזן ייד און דעם ראַסן־ייד.

מיט דעם רעליגיעזן ייד קאָנען מיר פּאַרטיק ווערן אין איינס און צוויי, ניט ווייל דער ענין איז אַ פּשוטער און קלאָרער. אַדרבה, ער איז זייער פאַרוויקלט און פאַרפּלאָנטערט, נאָר ווייל די פראַגע פון „ייד און מענטש״ איז דאָ ניט קיין ספּעציפיש יידישע, נאָר איבערהויפּט אַ פראַגע פון מענטש און זיין שטעלונג צו רעליגיע.

גלייבט איר, אַז וואָס מער מענטש איינער איז, וואָס מער ער איז דורכגעדרונגען מיט די אידעאַלן פון אמת, יושר, שיינקייט און חשיבות, אַלץ ווייניקער נייטיקט ער זיך אין אַ רעליגיעזן גלויבן, איז דעמאָלט גאַנץ געוויס „וואָס מער מענטש, אַלץ ווייניקער ייד״, אָבער אויך: אַלץ ווייניקער קריסט און אַלץ ווייניקער מאַכמעדאַנער, ווייל די יידישע רע־ליגיע שטייט אין קיין פּרט ניט נידעריקער פון אַלע אַנדערע רעליגיעס פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט. אין זייערע גראָבע מגושמדיקע פאָר־מען, וואָס הערשן ביי די יידישע און ניט יידישע מאַסן מיט אַ ריין מענטשלעכן גאָט און מיט אַ סיסטעם פון סגולות ווי אונטערצוקויפן אים און אויסחנפענען ביי אים זיין הילף — זיינען זיי אַלע גלייך ווידער־ווערטיק פאַר דעם מענטשלעכן שכל. אין זייערע איידעלע מעטאַפיזישע און ריין רעליגיעזע געשטאַלטן, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט פון זייערע רעליגיע־פילאָסאָפן, זיינען זיי אַלע גלייך הויך און רייך.

גלייבט איר אָבער אין איינעם מיט מיר, אַז די רעליגיע איז אַן אייביקער צווייג פון דער מענטשלעכער קולטור, אַז אַ גרויסער טייל פון דעם מין מענטש — און גאַרניט דער ערגסטער — קאָן זיך ניט באַפרי־דיקן מיט די אידעאַלן פון אמת, יושר, שיינקייט און חשיבות אין זייער וואָכעדיקער, טאָג־טעגלעכער געשטאַלט; אַז אַט דער טייל מוז זוכן די

דאָזיקע אידעאַלן אויפצוהייבן אויף אַ העכערע מדרגה דורך דעם שטרעבן צו אייביקייט, אומענדלעכקייט און הייליקייט, וואָס שטאַמען אַרויס ניט פון זיי, נאָר פון גאָר אַן אַנדער מקור אין דער נשמה — גיט איר צו, זאָג איך, אַז די רעליגיע האָט איר אייגענעם קוואַל אין דעם מענטשלעכן גייסט, וואָס קאָן קיין מאָל ניט אויסטריקענען אונטער די שטראַלן פון דעם שכל, ווייל דער קוואַל ליגט אַ סך טיפער, איידער דער שכל — איז דעמאָלט ווידער אַ ווילדע נאַרישקייט צו גלייבן, אַז וואָס מער מענטש איינער איז, אַלץ ווייניקער ייד איז ער. עס איז אין דער יידישער רע־ליגיע, אין אירע העכערע מיסטישע פאָרמען פאַראַן געגנוג הייליקייט, אייביקייט און אומענדלעכקייט, אָדער ריכטיקער: עס איז אין איר, ווי אין יעדער הויכער רעליגיעזער געשטאַלט, דאָ גענוג בענקשאַפט נאָך דעם הייליקן אייביקן „אין־סוף", אַז אַ רעליגיעזער געמיט, וואָס קאָן זיך אי־בערהויפּט צופרידן שטעלן מיט די היסטאָריש־געוואָרענע רעליגיעס, זאָל ניט דאַרפן שטילן זיין דורשט ערגעץ וואו אין דער פרעמד. אָבער — לאָמיר איצטער לאָזן דעם רעליגיעזן יידן אָן אַ זייט: דער רעליגיעזער גלויבן איז אַ צו צאַרטע זאַך, מען זאָל קאָנען דאָ פאַרשרייבן וואָס עס איז פאַר יעדן איינצלנעם מענטשן. דער „סתם־מענטש" האָט זיך דאָ פּשוט ניט וואָס אַריינצומישן, ווייל דער אַלגעמיין־מענטשלעכער שכל מוז דאָ אין גאַנצן איבערגעבן זיין ממשלה צו דעם אינדיווידועלן שכל און געפיל, — און דאָס האָט שוין אַ ברעקל צו טאָן, ניט מיט „ייד" און ניט מיט „קריסט".

די רעליגיע־פראַגע מוז אויך פאַר דעם יידישן פאָלק בלייבן אַקוראַט אַזוי אינדיווידועל, ווי זי איז פאַר אַלע אַנדערע פעלקער. קלייבט אָבער דער יידישער גייסט אויס דווקא די יידישע רעליגיע־פאָרעם, קאָן ער, פאַרשטייט זיך, זיין אין איר ניט ווייניקער מענטש, איידער אין אַ וועלכער עס איז אַנדער פאָרעם פון דעם רעליגיעזן גייסט.

ניט פיל צייט וועט אונדז אויך פאַרנעמען דער ראַסן־ייד און אויך דאָס ניט דערפאַר, ווייל די טעמע איז זייער אָרעם. אַדרבה, זי איז נאָך רייכער און פאַרוויקלטער, איידער דער ענין פון נאַציע און רעליגיע, אָבער פאַר דער אויפגאַבע פון מיין היינטיקער פאַרלעזונג וועט זיין גענוג, ווען איך וועל נאָר אין אַ פּאָר שטריכן כאַראַקטעריזירן פאַר אייך יענעם שטאַנדפּונקט אין דער פראַגע, וועלכן איך רעכן פאַר דעם ריכטיקן.

אייך איז גאַנץ געוויס באַקאַנט, אַז אונדזערע אַסימילאַטאָרן ווערן ניט מיד צו באַווייזן אין דיקע, כלומרשט וויסנשאַפטלעכע ביכער, אַז קיין יידישע ראַסע איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. אונדזערע סתם־מענטשן

ווידער זיינען נוטה צו גלייבן, אַז „ראַסע״, אָדער אַזעלכע נאַציאָנאַלע סימנים, וואָס גייען איבער ביי אַ פאָלק בירושה פון דור צו דור, איז בכלל אַן אויסגעטראַכטע זאַך. על כל פנים גלייבן זיי, אַז וואָס מער איינער הייבט זיך אויף אין זיין אַלגעמיין־מענטשלעכער אַנטוויקלונג, אַלץ שוואַכער ווערן אין אים די נאַציאָנאַלע סימנים, און אַז ביי דעם גאָר גרויסן מענטשן מוזן זיי אין גאַנצן פאַרשווינדן. דער עיקר איז דאָס אמת פאַר יענע נאַציאָנאַלע פאַרשיידנקייטן אין דעם גייסטיקן שאַפן, אויף וועלכן מיר לייגן אַזוי פיל וואָג: אויף די באַזונדערע אַרט ווי אַרויסצובררענגען דעם אַלגעמיין מענטשלעכן אמת, אויף דעם „סטיל״ פון דעם שאַפן, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן. וואָס העכער די מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער שטייען אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, אַלץ מער — אַזוי גלייבט דער קאָסמאָפּאָליט — ווערט ביי זיי אויסגעגליכן דער סטיל פון דעם גייסטיקן שאַפן, אָדער, לכל הפחות, פאַרשווינדט אין זיי אַלץ מער די איינגעבוירענע נאַציאָנאַלע אַרט.

לאָמיר זען, צי אויך דאָס איז אמת.

אָט האָבן מיר אַן אַלגעמיין־מענטשלעכע וויסנשאַפט, די אַלגעמיין־מענטשלעכסטע פון אַלע, די מאַטעמאַטיק. דוכט זיך, וואָס פאַר אַ ראָלע קאָן שפּילן דער „סטיל״ פון דעם נאַציאָנאַלן דענקען אין דעם באַשאַפן פון אַזעלכע אמתן, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר? און פונדעסטוועגן האָט מען אין דער לעצטער צייט אויסגעפונען, אַז דער נאַציאָנאַלער גייסט האָט אַ גאַנץ גרויסן חלק אין דעם אַרויסברענגען פון דער מאַטעמאַטישער קולטור.

פּראָפעסאָר מעביוס אין דייטשלאַנד האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך „וועגן דער בעפעאיגונג צו מאַטעמאַטיק״, וואו ער האָט אויסגעפונען, אַז די דייטשן און די פראַנצויזן באַשאַפן זייער מאַטעמאַטיק אויף אַ גאַנץ פאַרשיידענעם שטייגער. דער דייטש איז אין אָט דעם צווייג פון וויסן מער אינטואיטיוו; ער האָט דאָס באַדערפעניש צו זען מיט דעם שכלדיקן אויג יענע מאַטעמאַטישע גרויסן און סכומען, וואָס זייערע שייכותן דאַרף ער אַרויסברענגען אין דער וויסנשאַפט. אַ דורך און דורך אינטואיטיווער גייסט וועט זיך ניט באַנוגענען מיט דעם ריינעם טראַכטן צ״ב, אַז אַ גאַנצעס איז גרעסער, איידער אַ טייל פון אים. ער וועט תוך כדי דבור זען פאַרן שכלדיקן אויג אַ גאַנצע ליניע און אַ טייל פון איר, אַ גאַנצן צירקל און אַ טייל פון אים. און ניט נאָר פאַרשטייט ער די שייכות צווישן אַ גאַנצן און אַ טייל, נאָר ער זעט זי בחוש. דערפאַר האָט דער דייטש באַוויזן זיין

גאונות דאָרטן, וואו ער קאָן אָנווענדן געאָמעטריע. ער איז אין דער מאַטעמאַטיק אַ „געאָמעטריקער".

דער פראַנצויז ווידער איז אין וויסנשאַפט פון חשבון ניט קיין איג־טואיטיווער, נאָר אַן אַנאַליטישער גייסט. ער איז אַ גרויסער בריה אין טראַכטן די סכומען און פאַרשטיין זייערע שייכותן. ער דאַרף זיי ניט זען פאַר זיין שכלדיקן אויג. דעריבער איז ער אַ גרויסער גאון דאָרטן, וואו ער קאָן אָנווענדן אַלגעבראַאישע מעטאָדן. ער איז דער „אַלגעבראַאיקער" אין דער מאַטעמאַטיק און עס איז קיין חידוש ניט, וואָס ער האָט אַפילו די געאָמעטריע גענומען באַהאַנדלען אַלגעבראַאיש: דעקאַרט איז, אויב איר ווייסט, דער פאָטער פון דער אַנאַליטישער געאָמעטריע.

פון וואַנען די דאָזיקע נפקא מינה צווישן די דייטשע און די פראַנ־צויזישע געלערנטע? עס פאַרשטייט זיך, אַז קיין דייטשער מאַטעמאַטיקער האָט זיך ניט אַ זאָג געטאָן: „אַזוי? — דער פראַנצויז איז אַן אַלגעבראַאי־קער? וועל איך, אים אויף צעפיקעניש, ווערן אַ געאָמעטריקער!" עס איז אים אין זינען ניט געלעגן דער געדאַנק צו טאָן וועמען עס איז להכעיס. ער האָט זיך געשאַפן, ווי עס האָט בעסער געפּאַסט פאַר זיין גייסט און זיינע פעאיקייטן. און אַזוי האָט דאָס אויך געטאָן דער פראַנצויז. ערשט נאָכדעם, נאָך דורות פון מאַטעמאַטישן שאַפן און פאָרשן, האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז די דייטשע און פראַנצויזישע מוחות אַרבעטן אין דער מאַ־טעמאַטיק אויף אַ פאַרשיידענעם אופן; אַז איין און דעם זעלביקן פּראָבלעם נעמען ביידע פעלקער אויף אויף זייערע אייגענע „כלים" און די כלים זיינען ניט גלייך די אייגענע ביי ביידן.

נאָר באמת אַ חידוש נפלא איז דאָ אַרויסגעקומען מיט די יידישע מאַטעמאַטיקער. דאָס רוב מאַטעמאַטיקער־יידן זיינען ערצויגן געוואָרן אין דער דייטשער אַטאָספערע און האָבן געשאַפן אונטער דער השפעה פון דער דייטשער וויסנשאַפט. על פי סברה האָט מען געמעגט זיין זיכער לכתחילה, אַז אין זייער שאַפן וועט זיך אָפּשפּיגלען דער דייטשער אינטואיטיווער טיפ. וואָס לאָזט זיך אויס? פראָפעסאָר מעביוס געפינט, אַז די יידישע מאַטעמאַטיקער גייען אין זייערע שאַפונגען ניט נאָך דעם דייטשן, אינטוי־איטיוון, נאָר נאָך דעם פראַנצויזישן, אַנאַליטישן טיפ. אויך זיי האָבן ליב אין דער מאַטעמאַטיק יענע אַרט פון דעם מאַטעמאַטישן שאַפן, וואו דער שכל דאַרף נאָר טראַכטן דעם ריינעם אַבסטראַקטן סכום און פאַרשטייך זיין אינעווייניקסטע טבע און שייכות צו די אַנדערע סכומען. דער ייד איז דאָ נענטער צו דעם פראַנצויז, ווען אַפילו ער לעבט אונטער דער גייס־טיקער השפעה פון דעם דייטש. און דאָס איז ניט נאָר אין דער מאַטעמאַטיק

אַזוי. ס'איז גאָרניט שווער צו באַווייזן, אַז אויך אין דער פילאָסאָפיע און אין דער רעליגיע האָט דער יידישער מוח ליב יענע גייסטיקע רעגיאָנען, וואו עס קאָן פאַר אים פאַרשווינדן יעדער „פסל ותמונה״, יעדער אַנ־שוילכער בילד, און זיין שכל קאָן זיך באָדן אין דעם ריינעם עפיר פון דעם אַבסטראַקטן געדאַנק, וואו ער קאָן טראַכטן דעם ענין ריין פון יעדן בילדלעכן שאָטן און פאַרשטיין זיין אינעווייניקסטן תוך. פון דער אַנדער זייט האָט מען שוין אַ סך פריער באַמערקט, אַז אין פיל פרטים פון דעם יידישן כאַראַקטער גייט ער זיך אַ סך מער צונויף מיט דעם לעבעדיקן, קוועק־זילבערדיקן, אומרואיקן טעמפּעראַמענט פון דעם פראַנצויז, איידער מיט דעם רואיקן, געזעצטן, ווען אויך דורכויס טיפערן טעמפּעראַמענט פון דעם דייטש.

ליידער קאָן איך מיך ניט לאַנג אָפּשטעלן אויף דעם ענין. איך וועל מיר ערלויבן צו מאַכן נאָר אַ פּאָר באַמערקונגען, כּדי אים צו מאַכן נאָך קלאָרער.

אין דער יידישער באַאַרבעטונג פון מיין „סאָציאַליזם און די נאַ־ציאָנאַלע פראַגע״, האָב איך שוין געהאַט די געלעגנהייט, אַרויסצוזאָגן דעם געדאַנק, אַז ווען מען זאָל נעמען אַזעלכע יידישע דענקער, ווי אבן־גבירול, וואָס האָט אין דעם עלפטן יאָרהונדערט געשריבן אַראַביש אין שפּאַניע וועגן טעאָלאָגיע, ברוך ספּינאָזע, וואָס האָט אין דעם 17טן יאָר־הונדערט געשריבן לאַטיין אין האָלאַנד, וועגן עטיק, און קאַרל מאַרקס, וואָס האָט אין דעם 19טן יאָרהונדערט געשריבן דייטש אין ענגלאַנד וועגן נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע — וואָלט מען, ניט קוקנדיק אויף דעם גרויסן מהלך, וואָס ליגט צווישן זיי אין יאָרן, שפּראַכן, לענדער און טעמען, פּאָרט אַרויסגעפונען אַ פונדאַמענטאַלן סימן, וואָס בינדט צונויף אַלע זייערע גייסטער צו איין און דעם זעלביקן טיפּ, דעם יידישן דענקער־טיפּ. דער פונדאַמענטאַלער בשותּפותדיקער סימן פון אַלע זייערע אַרבעטן באַשטייט אין דעם, וואָס זיי נעמען אַ וועלכן עס איז איינהייטלעכן גרונט־פּרינציפּ, שטעלן עס אַוועק אונטער זייער גייסטיק אויג, וואָס ווירקט ווי אַ ריזיק פאַרגרעסערנדער מיקראָסקאָפּ, און דערזען אין זיין איינהייטלעכקייט אַ טאָפּלטקייט. די טאָפּלטקייט מאַכט זיי פּעאיק צו שטעלן נייע פראַגן און זוכן נייע ענטפערס, ווי אויך אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן פאַרטיק צו ווערן מיט די פּראָבלעמען, וואָס האָבן אינטערעסירט דעם מענטשלעכן גייסט ביז צו זיי. די טאָפּלקייט פירט דערנאָך סוף־כּל־סוף צו אַ מאָניזם, צו אַן איינ־הייטלעכן, שטרענג אויסגעהאַלטענעם געדאַנקען־סיסטעם.

גבירול נעמט די איינהייטלעכע פאַרשטעלונג פון דעם וועלט־גאָט, דעם „אל יחיד ומיוחד", און אונטער זיין מיקראָסקאָפּישן אויג ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ צווייהייט: גאָט און גאָטס רצון. אויף דעם פונדאַמענט פון דעם געדאַנק בויט ער אויס אין זיין „מקור־חיים" אַן איינהייטלעכע פאַנטעאיסטישע מעטאַפיזיק, וואָס קומט — אַ סך, אַ סך יאָרן פאַר שאָפּנ־הויערן — צו דעם רעזולטאַט, אַז דער תּוך פון אונדזער וועלט איז דער געטלעכער ווילן.

ספּינאָזע נעמט די פּשוטע, איינהייטלעכע פאַרשטעלונגען פון „ליבע" און „האַס", לייגט זיי אַוועק אונטער זיין ריזיקן מיקראָסקאָפּ־אויג, און באַלד פאַלן זיי פונאַנדער אין צווייהייטן: ליבע איז אַ געפיל פון פרייד, פאַרבונדן מיט דער פאַרשטעלונג וועגן דער אורזאַך, וואָס רופט זי אַרויס; האַס איז אַ געפיל פון טרויער, פאַרבונדן מיט דער פאַרשטעלונג וועגן דער אורזאַך, וואָס רופט זי אַרויס. אָט דער אַנאַליז פון די איינפאַכע גע־פילן גיט ספּינאָזען די מעגלעכקייטן אויפצובויען אַן איינהייטלעכן סיס־טעם פון עטיק, וואָס שליסט אָפּ מיט דער לערע פון דער „שכלדיקער ליבע צו גאָט".

קאַרל מאַרקס האָט אין זיין פּאָליטישער עקאָנאָמיע געהאַט צו טאָן מיט דער איינפאַכער, איינהייטלעכער פאַרשטעלונג פון „מענטשלעכער אַרבעט". שוין פון אַדאַם סמיט אָן ווערט דער פּרינציפּ פון אַרבעט אָנ־געווענדט, ווי אַ פונדאַמענט פאַר דעם גאַנצן וויסנשאַפטלעכן בנין, אָבער נאָר אונטער מאַרקסעס מיקראָסקאָפּיש־פאַרגרעסערנדן אויג פאַלט פונאַנ־דער די איינהייטלעכע אַרבעט אין אַ טאָפּלטקייט: אין „אַרבעט" און „אַרבעטס־קראַפט", און ווי דורך אַ כּשוף עפענען זיך פאַר מאַרקסן אויף ניי די האָריזאָנטן און נייע פאַרשונגס־וועגן, אויף וועלכע ער געפינט אויס די נפקא מינה פון ווערט און מערווערט און בויט אויף דעם שטאָלצסטן בנין פון זיין איינהייטלעכער, געדאַנקען־רייכער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע.

איך קאָן איצטער צורעכענען צו זיי נאָך אַ באַדייטנדן יידישן דענקער, וואָס איז אַזוי באַרימט געוואָרן אין דער לעצטער צייט. דאָס איז אָנרי בערגסאָן, וואָס שרייבט אין דעם סוף 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט פראַנצויזיש אין פראַנקרייך, וועגן פילאָסאָפיע. בערגסאָן וויל אפשר גאָר ניט וויסן, אַז ער האָט אַ שייכות צו דעם יידישן פאָלק. אָבער ביי קיינעם פון די יידישע דענקער איז אָט דער גייסטיקער שאַפונגס־טיפּ, וועגן וועלכן איך רעד דאָ, ניט אַרויס אַזוי קלאָר, ווי גראָד ביי אים. דער פונ־דאַמענט פון זיין גאַנצן פילאָסאָפישן בנין איז אַ נייער געדאַנק וועגן דער צייט. זינט אַריסטאָטעלן מאַטערט זיך די דענקענדיקע מענטשהייט אויף

דעם פּראָבלעם פון דער צייט. אויף אַלע זייטן האָט מען גערדרייט, באַ־טראַכט, געפילאָסאָפירט וועגן איר, אָבער קיינעם איז ניט אַרויף אויפן זינען צו צווייפלען אין איר איינהייטלעכן כאַראַקטער. ערשט בערגסאָנס שכלדיק אויג געפינט אויס, אַז די איינהייטלעכע צייט, מיט וועלכע עס האָט צו טאָן די מענטשלעכע ערקענטעניש, איז באמת גאָר אַ צווייהייט: מען דאַרף האָבן שטענדיק אין זינען די נפקא מינה צווישן „צייט" און „רעעלע דויער". און כמעט אויף יעדן וויכטיקן שריט פון בערגסאָנס פאָרשן, ביי איטלעכן ווענד־פּונקט פון זיין געדאַנק געפינען מיר דאָס זעלביקע כאַראַקטעריסטישע שטיקל גייסט־אַרבעט: אַ פאָרשטעלונג, וואָס די פריערדיקע פאָרשער האָבן באַהאַנדלט, ווי אַן איינהייטלעכקייט, צע־פאַלט זיך ביי בערגסאָנען אין צווייען. און פונדעסטוועגן בלייבט בערגסאָן, ביי זיין טעאָרעטישן קאָקעטירן מיט דעם דואַליזם, אַ מאָניסט און טרייבט מיט זיין גאַנצן סיסטעם צו אַ מאָניסטישער וועלט־אָנשויאונג.

אָט די וואונדערבאַרע פעאיקייט — מאַכן פון אַן איינהייט אַ טאָפּלט־קייט און דורך דעם ווידער קומען צו אַ נייער איינהייט — איז איינער פון די קלאָרסטע שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן די פיזיאָגנאָמיע פון דער יידישער טעאָרעטישער שאַפונגס־קראַפט. דער שטריך מוז, ווי מען קאָן זיך לייכט אָנשטויסן, ענג צונויפגעבונדן זיין מיט יענער פעאיקייט צו דעם אַבסטראַקטן אַנאַליז, וועלכן מעביוס האָט אַנטדעקט ביי די יידישע מאַטעמאַטיקער. דער יידישער אַנאַליז איז אַזוי אָנגעשטרענגט און שאַרף, אַז קיין איינהייט קאָן ניט אַרויסגיין גאַנץ פון זיין פּראָצעס. און די קראַפט פון אַבסטראַקציע, פון אַראָפּוואַרפן אַלע פאַרשיידנקייטן און לאָזן נאָר די איינהייט, איז פון איר זייט אַזוי שטאַרק און טריאומף־זיכער, אַז סוף־כל־סוף שפּאַנט זי איין דעם אַנאַליז אין איר רייטוואָגן און צווינגט אים, דעם שונא פון יעדן מאָניזם, ער זאָל דערפירן דעם גייסט צו דעם לעצטן איינהייטלעכן ציל.

אַ וואונדערבאַרער געפלעכט פון היפוכים, פון ווידערשטרייטנדער קראַפט איז דער יידישער שאַפנדער גייסט. און איז נאָר דער טעאָרע־טישער גייסט אַזאַ משונהדיקע איינהייט פון קעגנזאַצן? געפינען מיר ניט די זעלביקע צונויפגעפלאָכטנקייט פון היפוכים אויך אין דעם כאַראַק־טער פון דעם „עמא פזיזא" און דעם „עם קשה־עורף", פון דעם פאָלק, וואָס האָט שוין ניט איין מאָל אין זיין געשיכטע אין דער זעלביקער צייט אַרויסגעשטעלט אַן אַזעף און אַ גערשוני? ליגט ניט אין אָט דעם קאַמף פון אינעווייניקסטע היפוכים די אורזאַך פון דער יידישער אומרו? קאָנען מיר אפשר אויף דעם וועג געפינען דעם שליסל צו די סודות פון דער

יידישער נשמה, וואָס איז ביי איר גאַנצן אָפּטימיזם אין גרונט אַזוי טראַ־גיש — אָדער וואָס איז אפשר ביי איר גאַנצער טראַגיק פול מיט לעבן און מיט דורשט צום לעבן? איז אפשר די טראַגיק פון דעם יידנס נשמה אַ פּירוש אויף דער טראַגיק פון זיין געשיכטלעכן גורל? אָדער איז זיין טראַגישער גורל אַ נויטווענדיקער פּועל־יוצא פון זיין צעריסענער נשמה?

אַ ברויזנדער ים מיט פראַגן עפנט זיך פאַר אונדזערע אויגן. מיר מוזן אָבער איצטער בלייבן ביי זיין ברעג. עס איז נאָך כמעט גאָרניט ניט געטאָן געוואָרן, כּדי אַריינצודרינגען אין די טיפענישן פון דעם יידישן דענקען, פילן און וועלן.

אַ סך, אַ סך אַרבעט מוז פריער נאָך געטאָן ווערן, איידער אונדז וועלן קלאָר ווערן די סודות און יסודות פון דעם יידישן שאַפן. ניט נאָר דער היימישער אוצר מוז אויסגעפאָרשט ווערן, נאָר אויך דאָס, וואָס יידן האָבן געבויט אין דער פרעמד, מוז אַנאַליזירט ווערן, לויט דעם זעלביקן פּרינציפּ, וועלכן מעביוס האָט אָנגעווענדט אויף דער מאַטעמאַטיק. ערשט דעמאָלט וועלן מיר אויסגעפינען דעם אמתן מהות פון דעם ראַסן־ייד. דערפאַר קאָנען מיר אָבער שוין איצטער אַוועקשטעלן דרויסן פון יעדן ספק לכל הפּחות דעם פּונקט, אַז אויך דער ייד האָט אין זיך אַ געוויסן ראַסן־בוי פון זיין מוח, וואָס שפּרינגט אַרויס אין דעם סטיל, אין דעם טיף פון זיינע גייסטיקע באַשאַפונגען. ווייל מען דאַרף ניט שטודירן די ראַסן־אייגנשאַפטן פונעם יידן, ווי אויך די ראַסן־אייגנשאַפטן פון אַ פאָלק בכלל, דאַרף מען זיך אָפּגעבן ניט אַזוי מיט די אויגן און די האָר און דעם דריי פון דער נאָז־ליניע, ווי אַ סך מער מיט די פּראָדוקטן פון דעם פאָלקס־שאַפן אויף אַלע פעלדער פון דער קולטור; און ניט אַזוי מיט זייער אינהאַלט, ניט אַזוי מיט דעם „צוויי מאָל צוויי איז פיר", וואָס זיי ברענגען אַרויס, ווי מיט דעם וועג, אויף וועלכן זיי קומען צו דעם אמת, מיט דעם „סטיל", דעם טיף דענקען, די אַרט, ווי זיי באַאַרבעטן דעם מאַטעריאַל. נאָר דאָ קאָנען מיר אַרויסגעפינען דעם בוי פון יענער „כּלי", וואָס גייט איבער מיטן בלוט פון דור צו דור, און וואָס דריקט זיך אויס אין אַלע שאַפונגען פון דעם פאָלק.

מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז די דאָזיקע כּלי, דער דאָזיקער גייס־טיקער שאַפונגס־טיפ טרעט אַרויס גלייך קלאָר און שאַרף ביי יעדן קינד פון דעם פאָלק. נעמט איר אַ פּשוטן דייטש, אַ פּשוטן פראַנצויז,אַ פּשוטן יידן, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט מאַטעמאַטיק, וועט איר אין זייערע חש־בונות ניט באַמערקן זייער נאַציאָנאַלן „גייסט". דער אַלגעמיין־מענטש־לעכער כּוח פון מאַטעמאַטיק איז ביי זיי שוואַך, ער איז ניט באַשאַפעריש

און ממילא טוט ער נאָך, וואָס און ווי אַנדערע האָבן אים געלערנט. דער פּשוטער מענטש איז אין זיין מאַטעמאַטישן שאַפן אפשר אַ האָר ניט נאַציאָנאַל. דעם נאַציאָנאַלן כּוח אין דער מאַטעמאַטיק דאַרפט איר שטו־דירן ניט ביי די מאַסן, נאָר ביי די העלדן, ביי די גאונים פונעם מאַ־טעמאַטישן שאַפן. ווייל דער מענטש איז אין זיי שטאַרקער, איז ממילא אויך שטאַרקער אין זיי יענער טייל מענטש, וואָס דריקט זיך אויס אין זייער נאַציאָנאַלן גייסטיקן טיפּ.

גאַנץ דאָס אייגענע איז אויך מיט יעדן אַנדער צווייג פון דער קול־טור. פאַרגלייכט איר צוויי מיטלמעסיקע פויערים פון צוויי פעלקער, וועט איר געפינען אין זיי אַ סך פאַרשיידנקייטן אין דער אויסערער קולטור, אָבער ווייניק פאַרשיידנקייטן אין דעם גייסטיקן בוי. און נעמט איר אַנ־שטאָט פויערים רייניע אידיאָטן האָט איר דעמאָלט אין גאַנצן פאַר זיך דעם קאָסמאָפּאָליטישן אידעאַל פון דעם „סתם־מענטש״. אַן אידיאָט, איז אַן אידיאָט — אַלץ איינס פון וועלכע עלטערן ער שטאַמט. אָבער קוים הייבט איר אָן צו פאַרגלייכן שטאַרקע טאַלאַנטן און זשעניעס, אַזוי טרעטן אין זיי קלאָר אַרויס, אַחוץ דער אינדיווידועלער פאַרשיידנקייט, נאָך די פאַרשיידנקייטן פון זייער נאַציאָנאַלן טיפּ, פון זייער אייגנאַרטיקן סטיל אין שאַפן.

צו די זעלביקע רעזולטאַטן קומען מיר, ווען מיר פאַרגלייכן די ני־דעריקערע פעלקער צווישן זיך און די העכערע ווידער באַזונדער צווישן זיך. אַ בושמען פון אַפריקע און אַ פּאַפּואַס פון אויסטראַליע זיינען אַ סך נענטער איינער צו דעם אַנדערן, לויט דעם בוי פון זייער נשמה, איידער דער דייטש פון בערן און דער פראַנצויז פון זשענעווע, וואָס וואוינען אין איין לאַנד און רעכענען זיך צו איין פּאָליטישן פאָלק.

אויף וואָס אַ העכערער קולטור־שטופע אַ פאָלק שטייט, און וואָס שטאַרקער עס זיינען די שאַפונגס כּוחות פון זיינע קינדער, וואָס מער זייער נשמה האָט אַנגעזאַפּט אין זיך די רייכע קולטור פון דורות, אַלץ קלאָרער אויסגעקריסטאַליזירט איז אין זיי די פאָרעם פון דעם נאַציאָנאַלן שאַפן, ממילא איז וואָס מער מענטש אַ ייד איז, וואָס שטאַרקער אין אים זיינען די מענטשלעכע שאַפונגס־כּוחות, אַלץ בולטער מוזן זיך אַרויסווייזן אויך זיינע נאַציאָנאַלע כּוחות, אַלץ מער „ייד״ מוז ער זיין.

די נאַציאָנאַלע שאַפונגס־כּוחות פון דעם יידישן פאָלק זיינען איצטער צעבראָכן און צעפּיצלט, צעריבן אויף פּולווער און צעשפּרייט צווישן די פאַרשיידענע פעלקער. זייער שאַפן קאָן ניט זיין אין גאַנצן פריי. און פונ־דעסטוועגן קאָנען זיי אַפילו איצטער ניט אין גאַנצן פאַרטונקלט ווערן.

אָבער וואָס פאַר אָריגינעלע און רייכע פּראָדוקטן פון דער מענטשלעכער קולטור וואָלטן געקאָנט אַרויסקומען, ווען די דאָזיקע כּוחות וואָלט זיך צו־נויפגעגאָסן אין איין באַסיין, באַפרוכט איינע די אַנדערע און זיך פונאַנדער־געגאָסן אין דער גאַנצער פרייַ! מיט וואָס פאַר פיל־פאַרביקע פונקען פון גייסט וואָלט אויפגעבליצט דעמאָלט דער יידישער בריליאַנט, וועלכן דורות און דורות האָבן געהאַלטן אין איין שלייפן און שלייפן!

מיר קאָנען דעריבער אַלע אונדזערע הייגטיקע באַטראַכטונגען צו־נויפפּרעסן אין איין איינציקער פאָרמול, וואָס זאָגט, אַז וואָס מער מענטש אַ ייד איז, וואָס טייערער אים זיינען די רייכע אייגנאַרטיקע פאָרמען פון דער מענטשלעכער קולטור, וואָס העלער אין אים לייכט דער פונק פון מענטשלעכע חשיבות און דרך־ארץ צו דעם מענטשן אין זיך אַליין, וואָס טיפער אין אים שמאַרצט די וואונד פון דעם יידישן שטאָלץ, אַלץ מער ייד איז ער, אַלץ ברענענדיקער לעבט אין אים דער וואונטש צו דינען דעם אייגענעם פאָלק און העלפן אים מיט אַלע כּוחות, אַז ער זאָל באַשאַפן פאַר זיך די מעגלעכקייט פון אַ רייכן, פרייען, שיינעם, שטאָלצן און חשובן לעבן אין דער אייגענער היים!

זייט מער מענטשן, וועט איר זיין בעסערע יידן, ווייל...
וואָס מער מענטש, אַלץ מער ייד!

ווער איז דאָס יידישע פאָלק?

„מענטשטשטויב" און „פאָלק"

אין די סוף אַכציקער יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט, ווען דער שפּעטער אַזוי אָנגערופֿענער „גלות־נאַציאָנאַליזם" איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן עפֿנטלעך אין די יידישע שטודירנדיקע קאָלאָניעס פֿון שווייצאַריע, האָט ער געדאַרפֿט קודם כל פֿאַרטיידיקן די טעאָרעטישע פּאָזיציע, אַז „יידן זיינען אַ פֿאָלק".

און פֿאַרטיידיקן זי האָט ער געדאַרפֿט ניט נאָר אַנטקעגן די ראַדי־קאַלע קאָסמאָפּאָליטן און אַסימילאַטאָרן, וואָס האָבן גאָרנישט ניט גע־וואָלט וויסן פֿון וועלכע עס איז ריין יידיש־נאַציאָנאַלע אינטערעסן און ריין יידישע באַפֿרייאונגס־אידעאַלן. אויך מיט אַ טייל פֿון די דעמאָלט־דיקע „פּאַלעסטינאָפֿילן" — שפּעטער ציוניסטן — פֿלעגט אויסקומען צו פֿירן לאַנגע און היציקע דעבאַטעס, אַלץ וועגן דערזעלביקער פֿראַגע, צי זיינען מיר אַ פֿאָלק אָדער ניט.

די ביידע קעגנער פֿון דעם „גלות־נאַציאָנאַליזם" — די אַסימילאַטאָ־רישע און די „פּאַלעסטינאָפֿילישע" — האָבן געהאַט בשותּפות דעם גע־דאַנק, אַז אַ פֿאָלק איז אַ גרופּע פֿון מענטשן, וואָס וואוינען אינאיינעם אין אַן אייגן לאַנד.

יידן וואוינען ניט — אָדער וואוינען נאָך ניט — אין אַן אייגן יידישן לאַנד, און ממילא זיינען זיי ניט, — אָדער זיינען נאָך ניט — קיין באַ־זונדער פֿאָלק.

אַ לאַנגע־לאַנגע צייט האָט אַפֿילו אין אַ סך ציוניסטישע קרייזן גע־הערשט אָט דער פֿונדאַמענטאַלער טעאָרעטישער פּרינציפּ: „פֿאָלק אָן לאַנד איז ניט קיין פֿאָלק". עס איז מיר אויסגעקומען צו הערן אים עפֿנטלעך פֿון אַזאַ הייסן ציוניסט, ווי ד"ר נחמן סירקין ז"ל. מיר זיינען נאָך ניט קיין פֿאָלק; די ציוניסטישע באַוועגונג שטרעבט ערשט צו מאַכן אַ פֿאָלק פֿון דער מאַסע אומפֿאָלקישע יידן — פֿלעגט ער אָפֿט דער־קלערן אין עפֿנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען דעם עולם.

ביסלעכווייז איז אָט דער פּרינציפּיעלער געדאַנק פֿאַרשוואונדן דאָ פֿון אונדזער יידישער עפֿנטלעכקייט. די היגע „פּועלי ציון" האָבן אין זייער אַזוי־גערופֿענעם „פֿאַראייניקונגס פּראָגראַם" אָנגענומען דעם סיג־טעז פֿון „ציוניזם" און „גלות נאַציאָנאַליזם", וואָס איז זיי פֿאַרגעשלאָגן געוואָרן מצד היגע „סערפּיסטן" („יידישע סאָציאַליסטן" — די אַמאָליקע „יע־עס"). אונטער אָט דער נייער פֿאָן האָבן זיך אַנטוויקלט אַן אינטענ־סיווע פּראָפּאַגאַנדע און אַ ברייטע אַגיטאַציע, וואָס זיינען געטראָגן גע־וואָרן ניט נאָר פֿון דעם אידעאַל פֿון אַן אייגענעם לעבן אין ארץ ישראל, נאָר אויך פֿון דעם אידעאַל פֿון אַן אייגענעם יידיש־נאַציאָנאַלן לעבן און אַ שאַרפֿן יידיש־נאַציאָנאַלן קאַמף אומעטום אויף דער גאַנצער וועלט, כל זמן יידן וועלן נאָך לעבן צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט.

דער „עם ישראל חי!" איז געוואָרן דעם לעבנס־אימפּולס פֿון אָט דער נייער פּראָפּאַגאַנדע. מיר זיינען אַ פֿאָלק, אומעטום אויף דער גאַנצער וועלט. און אומעטום האָבן מיר אויסצושטיין דיזעלביקע יידישע צרות און ליידן. אומעטום האָבן מיר יידיש־נאַציאָנאַלע לעבנס־נויטן. אומע־טום דיקטירן זיי אונדז איין־און־דעמזעלבן אידעאַל: אונדזער פֿולע און גאַנצע, אונדזער אַלזייטיקע נאַציאָנאַלע באַפֿרייאונג.

דער אַלטער, „פֿאַלעסטינאָפֿיליש־סירקיניסטישער" בליק איז פֿאַר־טונקלט געוואָרן און איז לסוף אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן פֿון אונדזער האָ־ריזאָנט.

און ער איז דאָך טאַקע אין זיך גופֿא טעאָרעטיש אומהאַלטבאַר. אייגנטלעך — אַ ריינער נאָנסענס. דער פּלפּולדיקער אונטערשייד, פֿאַר וועלכן עס כאַפּן זיך אָן די טעאָרעטיקער פֿון די גרויסע „נאַציעס", וואָס ווילן איינשלינגען אַלע „פֿעלקער", וועלכע וואוינען צווישן זיי — אָט דער סאָפֿיסטישער אונטערשייד איז קיינמאָל ניט געמאַכט געוואָרן און האָט ניט געקאָנט געמאַכט ווערן אין אונדזער פּראָפּאַגאַנדע.

האָבן מיר דאָך געפֿאָדערט „נאַציאָנאַלע רעכט" פֿאַר יידן, וועלכע בלייבן וואוינען אין די גלות־לענדער. נאַציאָנאַלע רעכט קאָן מען אָבער פֿאָדערן נאָר פֿאַר יענע מענטשן, וואָס שטעלן מיט זיך שוין פֿאַר אַן אייגענע נאַציאָנאַלע גרופּע. פֿון אַזאַ שטאַנדפּונקט האָט ממילא געמוזט אויסקומען פֿאַרדעכטיק דער גאַנצער געדאַנק: „מיר זיינען נאָך ניט קיין פֿאָלק; מיר שטרעבן ערשט צו ווערן אַ פֿאָלק". אויב מיר זיינען נאָך ניט קיין פֿאָלק, פֿון וואַנען זאָל זיך האָבן גענומען דער שטרעבן צו ווערן אַ פֿאָלק?

עקס ניהילאָ ניהיל — דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין איז אַ פּראָ־

דוקט פֿון נאַציאָנאַלן זיין. דאָרטן, וואו עס איז ניטאָ קיין נאַציאָנאַלן „זיין״ קאָן ניט געמאָלט זיין קיין נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין. אַ נאַציאָנאַלער שטרעבן ביי אַ „ניט־קיין־פֿאָלק״ איז אַ פורער „יש מאין״, וואָס קאָן ניט צוגעלאָזן ווערן פֿון קיין לאָגיש־דענקענדיקן שכל.

איז די „סירקיניסטישע״ אידייע — לאָמיר זי אַזוי אָנרופֿן — שטילערהייט דערטרונקען געוואָרן אין דעם דעמאָלט ברויזנדיקן שטראָם פֿון דער פּועלי־ציוניסטישער אַגיטאַציע.

אָבער אידעען האָבן שוין, משמעות, אַזאַ לעבעוודיקע טבע. זיי קאָנען ליגן אַ לאַנגע צייט באַגראָבענערהייט — און פּלוצלונג שטייען זיי ווידער אויף תּחית המתים. דאָס רוב — אין דיזעלביקע תּכריכים, אין וועלכע מען האָט זיי מקבר געווען. אָבער אויך אָפטמאָל אין אַ נייעם מאַנטל, מיט אַ נייעם גרים, און אויך מיט אַ ביסל אַ געענדערטער נאַטור.

דאָס קומט איצטער פֿאָר מיט דער אידייע, אַז מיר זיינען ניט קיין פֿאָלק. זי איז אויפֿגעשטאַנען תּחית המתים אין אַן אַנדער געשטאַלט. איצטער הייסט עס: ניט אַלע זעכצן מיליאָן יידן פֿון דער „סטאַטיסטיק״ געהערן צו דעם גדר: „יידיש פֿאָלק״. „פֿאָלק״ איז נאָר דער סכום פֿון יענע יידן, וואָס שטרעבן באַוואוסטזיניק צו אַ וועלכער עס איז צוקונפֿט פֿאַר אונדז, און קעמפֿן פֿאַר איר. אַלע אַנדערע יידן, וואָס זיינען פֿארהאַוועט אין זייער אינדיווידועלן טאָג־טעגלעכן לעבן, דאַרפֿן אַראָפּגעוואָרפֿן ווערן פֿון חשבון.

מיט אָט דער נייער טעאָריע בין איך באַקאַנט געוואָרן אויף אַן עפֿנטלעכער דעבאַטע, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישן מיין זייער חשובן פֿריינט, דר. י. גרינבוים, און מיר. דעבאַטירט האָבן מיר אויף דער פֿראַגע: צי קאָן דער ציוניזם ברענגען די פֿולע און גאַנצע באַפֿרייאונג פֿאַר דעם גאַנצן יידישן פֿאָלק? עס איז מיר געווען זייער גרינג „אַריפֿמעטיש״ צו באַווייזן, אַז דער ציוניזם, מיט זיין האָפֿענונג אויף אַ יידישן פֿאַר־מיליאָנען שטאַט אין ארץ־ישׂראל, קאָן אין בעסטן פֿאַל ברענגען די גאולה שלמה נאָר אַ קליינינקן טייל פֿון דער זעכצן־מיליאָנענדיקער יידנשאַפֿט.

עס איז אָבער אויך מיין חשובן אָפּאָנענט געווען זייער גרינג צו צעשלאָגן מיין גאַנצע אַריפֿמעטיקע מיט דעם אויבן־פֿאָרמולירטן געדאַנק. די „מיליאָנען״ זיינען גאָר ניט „פֿאָלק״, און מיר האָבן זיך גאָר ניט וואָס צו רעכענען מיט זיי. שפּעטער האָב איך, אין פּריוואַט־געשפּרעכן מיט אַנדערע ציוניסטן, זיך אָנגעשטויסן אויף דעמזעלביקן אָדער אַן ענלעכן געדאַנקען־גאַנג.

איך פֿאַרשטיי גאַנץ גוט די טעאָרעטישע מעלות פֿון אַזאַ שטאַנדפּונקט פֿאַר דעם מאָדערנעם ציוניזם. ערשטנס, גיט ער אַ תּירוץ מספּיק אויף דער אויבן דערמאָנטער שאלה: ווי אַזוי איז מעגלעך, אַז ביי אַן „אומ־פֿאָלק" זאָלן געבאָרן ווערן נאַציאָנאַלע באַוועגונגען? דער נייער געדאַנק קאָן דערויף ענטפֿערן: דאָס איז טאַקע אוממעגלעך. אָבער די יידיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונגען זיינען געבאָרן געוואָרן נאָר ביי יענע יידן, וואָס געהערן נאָר צום יידישן פֿאָלק. און צום פֿאָלק געהערן יענע יידן, וואָס זיינען פֿאַראינטערעסירט אין די דאָזיקע באַוועגונגען. ממילא וואַקסט שוין אויך אַרויס דער לאָגיש־קלאָרער ענטפֿער אויף דער צווייטער שאלה, וועגן דעם ווערט פֿון דעם ציוניזם און וועגן די האָפֿענונגען, וואָס מיר קאָנען פֿאַרבינדן מיט אים פֿאַר דעם „גאַנצן פֿאָלק".

יידן, וואָס אינטערעסירן זיך מיט זייער יידישער נאַציאָנאַלער צו־קונפֿט, קאָנען העכסטנס זיין אַ פּאָר מיליאָן, און פֿאַר זייער „גאולה שלמה" איז דאָ פּלאַץ גענוג אין אַ פּאַלעסטינישן יידנשטאַט.

וואָס זיינען אָבער די פֿילע אַנדערע מיליאָנען יידן, אויב זיי געהערן ניט צו אונדזער פֿאָלק? דערויף האָט מיר מיין חשובער פֿריינט געגעבן אַזאַ דערקלערונג: די „פֿילע, שוין צופֿיל פֿילע" ווי ניטשע וואָלט זיי אָנגערופֿן, זיינען... מענטשן־שטויב. דער שטאָט מאַכט פֿון דעם מענטשן־שטויב ליים און קנעט אויס פֿון דעם ליים — די נאַציע, גראָד יענע „נאַ־ציע", וועלכע ער וויל.

דער געדאַנק איז גאַנץ זיכער אַ סך אָריגינעלער און טיפֿער, איידער ער זעט אפֿשר אויס אויף דער אויבערפֿלאַך. און אַ גאַנץ היפּשן היסטאָ־רישן מאַטעריאַל פֿון דעם פֿעלקער־לעבן קאָן מען ברענגען צו באַקרעפֿ־טיקן אים. אַ סך פֿון די מאָדערנע פֿעלקער האָבן אין זיך אַ היפּש ביסל פֿרעמדן „מענטשן־שטויב", וועלכן דער שטאָט האָט אַזוי גרינטלעך אויס־געמישט מיט דעם אייגענעם „טייג", אַז זיי זיינען געוואָרן אַן אומקענטי־קער טייל פֿון אים.

אַנאַליזירן דעם גאַנצן ענין, אויפֿדעקן די קערנדלעך אמת, וואָס גע־פֿינען זיך אין אים, און באַשטימען זייער וואָג און באַדייט פֿאַר דעם אַזוי האַרבן פּראָבלעם פֿון דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט, קאָן נאַטירלעך ניט זיין קיין טעמע פֿאַר אַ ציַיטונגס־אַרטיקל; בפֿרט, אַז די טעאָריע אַליין טרעט נאָך דערוויַיל אַרויס אין דער פֿאָרם פֿון אַ קערנדל, פֿון וועלכן עס קאָן, אמת, אויסוואַקסן אַ גאַנ־צער בוים.

זאָל ער פריער אויסוואַקסן, וועט מען דערנאָך זיך רעכענען מיט אים, לויט זיין טעאָרעטישן ווערט.

דערווייל אָבער קאָנען מיר שוין אויפדעקן אין אים אַ פאַטאַלן טעאָרע־טישן טעות. די גרויסע, פּאָליטיש אומבאַוואוסטזיניקע מאַסן זיינען פאַר אַט דער טעאָריע מענטשן־שטויב, פון וועלכע דער שטאַט, דער כּל־וכל, קאָן קנעטן אַלץ וואָס ער וויל. זיינען זיי סתם מענטשן־שטויב, אָדער מענטשן־שטויב אַלע מאָל פון אַ באַשטימטער נאַציאָנאַלער אַרט?

דער אלף־בית פון דער נאַציאָנאַליטעטן־טעאָריע לערנט אונדז, אַז קיין סתם מענטשן־שטויב איז אויף דער וועלט ניטאָ. עס איז אַלעמאָל מענטשן־שטויב פון אַ באַשטימטער נאַציאָנאַלער אַרט. די ווענדן, וועלכע דער „שטאַט" האָט אַריינגעקנאָטן אין דעם פּרייסישן פאָלק, זיינען געווען סלאַוון, ד״ה ניט „מענטשן־שטויב", נאָר „סלאַוון־שטויב".

הייסט עס, אַז איידער זיי זיינען אַריינגעקנאָטן געוואָרן, האָבן זיי אָביעקטיוו געהערט צו אַ באַשטימטן פאָלק, און עס איז לחלוטין ניטאָ קיין ברעקל טעאָרעטישער גרונט אַרויסצונעמען זיי פון יענעם גדר „פאָלק", צו וועלכן זיי האָבן, לויט זייערע נאַציאָנאַלע סימנים באַלאַנגט.

ווייל דאָס איז דער כלל גדול פאַר יעדן מענטשן, פאַר די מאַסן, ווי פאַר דעם איינצלנעם: יעדער מענטש געהערט נאַציאָנאַל צו אַ באַשטימטן פאָלק: אָדער צו דעם פאָלק, אין וועלכן ער איז אַריינגעבאָרן, אָדער צו דעם פאָלק, וואָס האָט אים אַריינגעקנאָטן אין זיך. די נאָך ניט „אַריינ־געקנאָטענע" געהערן דעריבער צו זיך אַליין, זיינען טיילן פון זייער איי־גענעם פאָלק.

ווענדט איר אָן אָט דעם כלל גדול אויף אונדז, מוזט איר צוגעבן, אַז די פילע מיליאָנען אומבאַוואוסטזיניקע יידן זיינען ניט מענטשן־שטויב, נאָר „יידן־שטויב", און ממילא מוזן זיי דערווייל צוגערעכנט ווערן אָב־יעקטיוו צו דעם יידישן פאָלק, מחמת דעם פשוטן טעם, וואָס צו קיין אַנדער פאָלק געהערן זיי נאָך ניט.

ובכן, מוזן מיר איצטער נאָך צורעכענען צו דעם יידישן פאָלק דעם גאַנצן זעכצן־מיליאָנענדיקן סכום יידן, וואָס די סטאַטיסטיק גיט אָן און אויף וועלכן אַלע אַרומיקע פעלקער טייטן מיט די פינגער: „איר זייט קינדער ניט פון אונדזער פאָלק, נאָר פון אייער פאָלק, דעם יידישן!"

באַקומט שוין אונדזער פראַגע אַזאַ פּנים: צי קאָנען און זאָלן די מיליאָנען „יידן־שטויב" „אַריינגעקנאָטן" ווערן אין די פעלקער, צווישן וועלכע זיי וואוינען?

דער מאָדערנער ציוניזם, אין דר. גרינבוימס אויסטייטש, וואָס וויל שליסן שלום מיט דער אַסימילאַציע, ענטפֿערט דערויף: זיי קאָנען און זאָלן.

מיר, די פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַליסטן, גיבן אָבער אויף אָט דער שאלה דעמזעלביקן ענטפֿער, וואָס די אַלטע יידיש פֿרום־נאַציאָנאַלע וועלט האָט געגעבן: מיר אַלע, בנעורינו ובזקנינו זיינען איין־איינציק יידיש פֿאָלק. מיר קאָנען ניט און מיר זאָלן ניט פֿאַרשווינדן צווישן די פֿעלקער.

מיר קאָנען ניט, ווייל „עם ישראל חי!" וואַרפֿט אַ בליק אויף יענעם טייל „יידנשטויב", וואָס וואוינען אויף די אינדזלען מאַיאָרקאָ און מינאָרקאָ, וועלכע דער שפּאַנישער שטאַט אינאיינעם מיט דער קאַטוילישער קירך האָבן נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק „אַריינגעקנאָטן" אין דער שפּאַנישער נאַציע. רעליגיעז זיינען זיי געוואָרן קאַטאָליקן, אָבער נאַציאָנאַל זיינען זיי ניט געוואָרן קיין שפּאַניער. אָביעקטיוו־נאַציאָנאַל זיינען זיי פֿאַרבליבן יידן. און די שפּאַניער קוקן נאָך עד היום אויף זיי ווי אויף יידן.

„מענטשן־שטויב" צו „מענטשנשטויב" איז, משמעות, ניט גלייך. דעם סלאַווישן מענטשן־שטויב פֿון די ווענדן האָבן די פּרייסן לפֿי ערך גרינג אַסימילירט אין זיך, אָבער מיט דעם פּוילישן מענטשן־שטויב איז דער מעכטיקער רוסישער שטאַט ניט פֿאַרטיק געוואָרן. אַזוי האָבן אויך די גערמאַנען אין שווייצאַריע ניט געקאָנט איינשליסן ניט דעם פֿראַנצויזישן, ניט דעם איטאַליענישן, ניט דעם רעטאָ־ראָמאַנישן „מענטשן־שטויב".

און דעם יידישן „מענטשן־שטויב" קנעט שוין די געשיכטע באַלד צוויי טויזנט יאָר. קנעט און קנעט — און קאָן נאָך אַלץ ניט אַריינקנעטן אין אַ וועלכע עס איז אַנדערע פֿעלקער. זי קאָן דאָס ניט, ווייל כדי צו בלייבן ווי אַ באַזונדער פֿאָלק איז גאָר ניט נייטיק דווקא אַקטיוו צו קעמפֿן פֿאַר דער אייגענער באַפֿרייאונג, מען קאָן אויך פּאַסיוו פֿאַרבלייבן אין דער דרויסנדיקער שקלאַפֿעריי, אָבער דערפֿאַר אָפּהיטן די אינעווייניקסטע זעלבסטשטענדיקייט, דעם אינעווייניקסטן, ניט אויסצוטיליגנדיקן באַוואוסטזיין, אַז מען איז אַ באַזונדער פֿאָלק.

אַזוי איז דאָס מיט די זעכצן מיליאָן יידן אויף דער גאַנצער וועלט. נאָר קליינע אָפּגעשפּאָלטענע פֿראַגמענטן האָבן שוין אפשר פֿאַרטויבט אין זיך זייער אינעווייניקסטן נאַציאָנאַל־יידישן באַוואוסטזיין. אָבער אויך ביי זיי ווערט ער געוועקט פֿון דעם דרויסנדיקן יידנפֿיינטלעכן אָרום.

די מאַסן „יידן־שטויב" זיינען אין אָט דעם פּרט נאָך דורכאויס געזונט און נאָרמאַל.

און זיי זאָלן זיך ניט לאָזן „אַריינקנעטן״ אין דעם פרעמדן טייג... זאָלן מיר דען איצטער אויפסניי אָנהייבן אויסרעכענען דעם גאַנצן צעטל „גליקן״, וואָס די אַסימילאַציע זאָגט אונדז צו און וואָס זי גיט אונדז אין דער ווירקלעכקייט? איז ניט גענוג נאָר צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע אַליין, מיט דעם אימפּעטדיקן אַריינפאַל פון דער יידישער אינטעליגענץ אין די פרעמדע געבילדעטע פּראָפעסיעס, איז איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן, וואָס פאַרשטאַרקן דעם אַנטיסע־מיטיזם?

„מענטשן־שטויב״... „יידן־שטויב״... אָבער אין יעדן שטויבעלע אַזאַ, לייגט אַ מענטשלעכע נשמה, מחמת דער איין־איינציקער שולד אירער, וואָס זי לעבט אין אַ יידישן גוף. איז ניט זייער סכום — דאָס גאַנצע ליידנדיקע יידישע פאָלק, וואָס צו זיין פולער באַפרייאונג מוזן מיר, די נאַציאָנאַל־אַקטיווערע עלעמענטן, שטרעבן מיט אַלע אונדזערע כוחות?

עס איז דעריבער גאָר אַ גרויסע שאלה, ווער וועמען האָט אַ רעכט אויסצושליסן פון דער גדר „יידיש פאָלק״, אויב ווער עס איז האָט אַ רעכט אויסצושליסן אַ וועלכן עס איז טייל פון אים. מיר, די וואָס טראַכטן וועגן אַלע מיליאָנען „יידן־שטויב״ און שטרעבן צו זייער פולער און גאַנ־צער באַפרייאונג, אָדער די קליינינקע מינאָריטעט ציוניסטן, וואָס טראַכטן נאָר וועגן זייער אייגענער גאולה און אוזורפּירן פאַר זיך דעם טיטל „יידיש פאָלק״, כדי צו האָבן אַ רעכט אַ מאַך צו טאָן מיט דער האַנט אויף די מיליאָנען, לאָזן זיי אויף גאָטס באַראָט אין דעם אויפגעשטורעמטן ים פון דעם אַנטיסעמיטיזם, ביז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק וועט דער־טרונקען ווערן אין זיינע וואַלן אָדער... אויסשטאַרבן מיט דער „מיתת נשיקה״ אין די ליבעפולע אָרעמס פון דער ניט־יידישער וועלט...

.1911

זאָלן מיר דאָ בויען אונדזער קולטור אין ענגליש?

יידישע קולטור אויף יידיש און אויף ענגליש

עס איז אין דער לעצטער צייט שוין ניט איינמאָל אַרויסגעזאָגט געװאָרן דער געדאַנק, אַז מיר דאָ, אין אַמעריקע, דאַרפֿן בויען אונדזער יידישע קולטור אין דער ענגלישער שפּראַך.

פֿרעגט מען זיך, פֿון וואַנען דער דאָזיקער געדאַנק שטאַמט, איז ניט שווער רייִן פֿאַקטיש אויפֿצואווייזן אויף זיין מקור, אָדער ריכטיקער: אויף זיינע דריי פֿאַרשיידענע מקורים.

ערשטנס, פֿאַרטיידיקן אים די אָנהענגער פֿון דעם „דזשודאַאיזם״. פֿאַר זיי איז בכלל נישטאָ קיין אַנדער יידישקייט, ווי נאָר די רעליגיעזע, און פֿאַר זיי איז באמת קיין נפֿקא מינה ניט, אין וועלכער שפּראַך מען זאָל זיך אויסלעבן רעליגיעז (אַ חוץ נאַטירלעך, אין יענע טיילן פֿון דעם רעליגיעזן לעבן, וואָס מוזן על־פּי־דין דורכגעפֿירט ווערן אין העברעאיש).

דער צווייטער מקור פֿאַר דעמזעלביקן געדאַנק איז דער וועלטלעך־אַסימילאַטאָרישער. אין די פֿריערדיקע צייטן האָבן די וועלטלעך־אַסימילאַטאָרישע קרייזן לחלוטין ניט געוואָלט וויסן פֿון קיין אַרט „יידישקייט״. דאָס אויפֿוואַכן פֿון דעם מאָדערנעם פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן געדאַנק און די אויסבילדונג פֿון דעם מאָדערנעם שול סיסטעם אין יידיש האָט זיי געצוואונגען צו רעכענען זיך מיט אים, צוצופּאַסן זיך צו אים און גיין מיט אים אויף קאָמפּראָמיסן.

— נו, גוט — זיינען זיי שוין מסכּים. — מיר זיינען יידן און ווילן בלייבן יידן, און מיר דאַרפֿן געבן אונדזערע קינדער אויך אַ יידיש־נאַציאָנאַלע דערציאונג. אָבער פֿאַרוואָס דווקא אין יידיש? איז „יידיש״ יידישקייט? פֿאַרוואָס ניט אין ענגליש?

און דער דריטער מקור פֿאַר אונדזערע „אַנגלאָמאַנען״ איז יענער ציוניסטישער העברעאישיזם, וואָס גלייבט, אַז אין ארץ־ישראל וועט טע־

ריטאָריאַל אויפגעריכט ווערן נאָר אַ קליינער טייל פון אונדזער פאָלק. די קולטור פון דעם יידישן לאַנד וועט דאָך זיכער זיין אין העברעאיש. און די יידן פון דער גאַנצער וועלט וועלן נאָר אַזוי פיל קאָנען נעמען אַן אָנטייל אין דער נאַציאָנאַל־יידישער קולטור, אויף וויפל זיי וועלן באַהערשן די העברעאישע שפּראַך.

ס׳קאָן זיין, אַז אַ סך אַזעלכע העברעאישיסטן גלייבן זיך אַליין, ווען זיי ווילן זיך אַליין איינשמועסן, אַז זיי האָבן דעם גרעסטן צער, וואָס יידיש פאַרשווינדט דאָ אין לאַנד. אָבער — טענהן זיי — וואָס קאָן מען זיך העלפן? — עס פאַרשווינדט פון אונדז און לייזיקט אָפּ דעם פּלאַץ פאַר דער איינציקער אויסדערוויילטער שפּראַך, דער העברעאישער. פאַר אונדזערע קינדער וועט יידיש באַלד ווערן פונקט אַזאַ פרעמדער „לשון קודש״, ווי העברעאיש. איז דאָך שוין גלייכער, מיר זאָלן זיי געבן די נאַציאָנאַל־יידישע דערציאונג אין ענגליש און לערנען מיט זיי דעם אמתן „לשון קודש״, דעם העברעאישן.

מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס: לאָמיר דאָ פלאַנצן אַ יידישן קולטור־בוים אין ענגליש, מיט העברעאיש, ווי אַ וויכטיקן צווייג אין יענעם קולטור־בוים.

אַריינלאָזן זיך אין אַ פּאָלעמיק אַנטקעגן אָט די אַלע נייע אָנהענגער פון אַ יידישער קולטור אין ענגליש, איז דאָ ניט אונדזער מיין.

די רעליגיעזע „דזשודאַאיסטן״ קאָנען מיר דאָ אוודאי אַרויסלאָזן פון שפּיל. מיר מישן זיך ניט אין זייערע רעליגיעזע ענינים און, הלוואי, מישן זיי זיך ניט אין אונדזערע נאַציאָנאַלע ענינים!

אויך די וועלטלעכע אַסימילאַטאָרן קאָנען מיר לאָזן אַן אַ זייט. די נאַציאָנאַל־יידישע מאַסקעס, וואָס זיי טוען איצטער אָן אויף זייערע פּנימער, זיינען פון אַזאַ דורכזעעוודיקן מאַטעריאַל, אַז, כ׳לעבן, קיינעם איז ניט שווער צו דערקענען אונטער זיי די חנעוודיקע אַלטע שטריכן פון דעם אַלטן פולבלוטיקן אַסימילאַטאָר.

רעכענען זיך דאַרף מען נאָר מיט די אַנגלאָמאַנען פון דעם ציוניסטיש־העברעאישן לאַגער. אין נאַציאָנאַלע ענינים רעדט אָט דער לאַגער קלאָרע און פרינציפּיעל־ריכטיקע דיבורים: מיר זיינען אַ פאָלק, און ניט קיין רעליגיעזע סעקטע. מיר ווילן ווייטער בלייבן ווי אַ פאָלק אומעטום, וואו מיר זאָלן ניט לעבן און מיר ווילן לעבן אומעטום אין אַן אייגענער יידישער גייסטיקער היים, אין אַן אייגענער יידישער קולטור.

אויב די אָנהענגער אויך פון אָט דעם לאַגער נעמען דאָס וואָרט און פאָדערן דעם אויסבוי פון אַ יידישער קולטור אין ענגליש, איז דאָ

די געפֿאַר, אַז באמת פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַל געשטימטע יידן זאָלן זיך צו־הערן צו זייערע רייד און זיך לאָזן פֿאַרפֿירן פֿון זיי.

אַנטקעגן אָט די אָנהענגער מוזן מיר קעמפֿן. און אַנטקעגן זיי קאָנען מיר קעמפֿן, ווייל מיר שטייען אינאיינעם מיט זיי אויף דעמזעלביקן באָדן: דעם באָדן פֿון דער יידישער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער ווידער־געבורט.

מיר, אַלע אָנהענגער פֿון דער יידישער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער ווי־דערגעבורט, ווילן און שטרעבן דערצו, אַז דאָס יידישע פֿאָלק זאָל אױ־מעטום בויען זיין אייגענע יידיש־נאַציאָנאַלע קולטור. פֿרעגט זיך די שאלה: קאָנען מיר, לויט די גרונט־טענדענצן פֿון אָט דעם אידעאַל אונ־דזערן, מסכים זיין, אַז דאָ, אין אַמעריקע, זאָל די דאָזיקע יידישע קולטור געבויט ווערן אין ענגילש?

איך ענטפֿער: ניין! מסכים זיין דערויף קאָנען מיר בשום אופֿן ניט. און אָט מחמת וועלכע טעמים:

קודם טאָר מען ניט אַרויסלאָזן פֿון אויג דעם פֿאַקט, אַז מיר זיינען אַן אַלוועלטלעך פֿאָלק, צעשפּרייט צווישן פֿאַרשיידענע אומות און לשונות, וואָס הייבט ערשט איצטער אָן ערנסט צו פֿאַרטראַכטן זיך וועגן זיין גורל אין דער ניט־יידישער וועלט און וועגן די מיטלען, ווי אַזוי ווידער אויפֿגע־בויט צו ווערן ווי אַ נאָרמאַלער, מאָדערנער, זיך פּראָגרעסיוו אַנטוויק־לענדיקער פֿאָלק.

אַזאַ צעשפּרייט פֿאָלק בכלל און אין זיין איצטיקן געשיכטלעכן פּע־ריאָד בפֿרט נייטיקט זיך קודם כל אין אַ פֿרייען גייסטיקן צונויפֿוועב, וואָס זאָל האַלטן אַלע זיינע טיילן אינאיינעם. אַזאַ גייסטיקער צונויפֿוועב קאָן, נאָר געמאָלט זיין אין דעם פֿאָרעם פֿון אַן אייגענער אַלמענטשלעכער קולטור.

אין פֿאַרשיידענע צייטן האָב איך גענוג גערעדט וועגן דעם ענין און וויל ניט נאָכאַמאָל איבערדרעשן אים דאָ. דאָ איז וויכטיק נאָר אַרויס־צוהייבן, אַז אַ יידישע קולטור אין דער ענגלישער שפּראַך וואָלט אַריינ־געטראָגן אַ גוואַלד־ריס אין אָט דעם גייסטיקן צונויפֿוועב, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פֿון דער מאָדערנער קולטור אין דער יידישער שפּראַך.

די אַמעריקאַנער יידנשאַפֿט, וואָס האָט שוין אַזוי פֿיל אויפֿגעטאָן אין אָט פּראָצעס פֿון דעם גייסטיקן צונויפֿוועב, וואָלט — מיט דעם אויפֿבוי פֿון אַן אייגענער קולטור אין ענגליש — אַרויסגענומען געוואָרן פֿון דעם

גאַנצן יידישן פֿאָלק. דאָס קאָן ניט זיין און טאָר ניט זיין אונדזער אויפֿגאַבע דאָ אין לאַנד.

ניט אויסטיילן זיך פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק אין אַ באַזונדער יידיש־קולטורעלער איינהייט דאַרפֿן מיר. נאָר אדרבא: מיר קאָנען און מוזן שטרעבן דערצו, אַז מיר, די אַמעריקאַנער יידנשאַפֿט, זאָל ווערן דער אַוואַנגאַרד פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק. מיר מוזן זיך נאָך נעענטער צונויפֿגיסן מיט אים, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס נאָר אין דעם צונויפֿוועב מיט אַלע טיילן פֿון דעם פֿאָלק קאָנען מיר פֿאַרשטאַרקן אונדזערע שאַנסן אין דעם היגן קאַמף פֿאַר אונדזער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ. און אויך צוליב דעם מוזן מיר דאָס טאָן, כדי מיר זאָלן אינאיינעם מיט זיי קאָנען שטרעבן צו אונדזער פֿולער נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג.

נאָר — לאָמיר אויך אַ ווילע זיך אָפּזאָגן פֿון דעם „כל־ישראל״־שטאַנדפּונקט. לאָמיר אויך אַ ווילע ווערן „בונדיסטן״ פֿון דעם אַלטן חדר, וואָס זיינען נוטה געווען צו באַטראַכטן יעדע יידנשאַפֿט אין יעדן לאַנד, ווי אַ הונדערט־פּראָצענטיקע זעלבסטשטענדיקע נאַציאָנאַלע איינהייט, וואָס האָט ניט קיין ברעקל נאַציאָנאַלע שייכות צו די איבעריקע יידנשאַפֿטן פֿון דער וועלט.

לאָמיר אָננעמען, אַז מיר, די איבער דריי מיליאָן יידן אין אַמעריקע, זיינען אַ גענוג גרויסע נאַציאָנאַלע מינאָריטעט און אַז מיר האָבן גענוג אייגענע כוחות צו בויען דאָ אונדזער אייגענע יידישע קולטור, ניט רעכענענדיק זיך מיט די אַנדערע טיילן פֿון אונדזער פֿאָלק.

פֿרעגט זיך דעמאָלט: וואָס פֿאַר אַ קולטור דאַרפֿן מיר דאָ בויען? איך רעכן, אַז דערויף קאָן נאָר זיין איין ענטפֿער: אויב שוין בויען אַן אייגענע קולטור, דאַרף דאָס זיין אַ „גוטע קולטור״, דאָס הייסט, אַ נאָרמאַלע, פּראָגרעסיווע קולטור, ווי ביי אַלע פּראָגרעסיווע פֿעלקער פֿון דער וועלט.

וואָס זיינען די גרונט־שטריכן פֿון אַזאַ „גוטער״ קולטור? — וואַרפֿט אַ בליק אויף אַלע פּראָגרעסיווע קולטורן פֿון דער וועלט, און איר וועט זען, אַז זיי אַלע שטרעבן צו דערגרייכן אָט־וועלכע דריי גרונט־צילן: די אַלזייטיקייט, די רייכקייט, און די פּרוכפּערקייט.

יעדע קולטור שטרעבט דערצו, אַז אַלע צווייגן פֿון דעם מענטשלעכן שאַפֿן זאָלן זיין פֿאַרטראָטן אין איר: פֿון דער וויסנשאַפֿט און טעכניק ביז צו קונסט, פֿילאָסאָפֿיע און רעליגיע. יעדע קולטור שטרעבט וייטער דערצו, אַז יעדער צווייג פֿון דער מענטשלעכער קולטור זאָל זיך אין איר אייגענעם בוים וואָס רייכער פֿונאַנדערוואַקסן, ד״ה דערגרייכן די

העכסט־מעגלעכע שטופּן פון מענטשלעכן אויפטו. און יעדע קולטור שטרעבט דריטנס דערצו, אַז אַלע אירע קולטורעלע שאַפונגען זאָלן זיין פּרוכפּערדיק, ד״ה באַפרוכפּערן דאָס גאַנצע פאָלק; אַז עס זאָלן אויסגע־בויט ווערן קאַנאַלן, וואָס זאָלן פון די רייכע באַסיינען פונאַנדערפירן די קולטורעלע דערגרייכונגען ביז אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון דעם פאָלקס־לעבן; צו יעדן ווינקעלע, לויט דעם כוח פון זיין אויפנעם; און אַז דורך אָט די קאַנאַלן זאָלן די פאַרבאָרגנסטע שאַפונגס־כוחות פון דעם פאָלק זיך קאָנען אויפהויבן ביז צו די העכסטע הייכן, ביז צו די רייכסטע באַסיינען, ווי די בעבעלס און די גאַרקיס און די פּרודאָנס האָבן זיך פון דער נידער דערהייבן צו די העכסטע שפּיצן, ווי אויך ביי אונדז האָבן די יונה ראָזענפעלדס און די מאַני לייבס זיך געקאָנט אויפהייבן פון דעם וואַרשטאַט און דעם קאַפּול צו די חשובסטע פּלעצער אויף אונדזער „אָלימפּ״.

אָט אַזאַ אָלזייטיקע, רייכע און פּרוכפּערע קולטור דאַרפן מיר דאָ בויען פאַר אונדז.

קאָן דאָס געמאָלט זיין אין דער ענגלישער שפּראַך? בשום אופן ועניין ניט.

אין ענגליש קאָן די יידישע קולטור ניט זיין אָלזייטיק. זי מוז זיין איינזייטיק,ד״ה פאַרנעמען זיך מיט ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות נאָר צו דעם יידן, ווי אַ יידן, און ניט צו דעם יידן, ווי אַ מענטש.

די ענגלישע אַרבעטן פון אַ מאָריס קאָהען אָדער אַ האָראַס קאַללען אין דער פילאָסאָפיע, פון אַ זשאַן לעב אין ביאָלאָגיע, פון אַ דר. פלעקסנער אין דער מעדיצין, ווי רייך זיי זאָלן ניט זיין, געהערן זיי ניט צו דער יידישער קולטור, פליסן ניט אַריין אין איר באַסיין. זיי געהערן צו דער ענגליש־אַמעריקאַנישער קולטור, און ווערן אויך מיט רעכט פאַרשריבן אויף איר חשבון. דאָס איז אונדזער יידישע מתנה, אָדער דער אָפּצאָל אונדזערער דער אַמעריקאַנישער קולטור, ניט יידישער.

אין דער יידיש־ענגלישער קולטור האָבן מיר נאָר און קאָנען נאָר האָבן די „מענאָראַ״־פּראָדוקטן, אין אַלע זייערע פאַרבן און פאַרפיומען, וואָס מוזן ניט אַלעמאָל זיין אַ „גלוסטוג פאַר די אויגן״, און אַ ריח ניחוח פאַר די נאָזלעכער.

אָבער אַזאַ איינזייטיקע קולטור מוז על פּי הכרח זיין אויך אַן אָרעמע. איר קאָנט ניט פאַרשרייבן און דורכפירן אַז גראָד די העכסטע זשעניען פון אונדזער פאָלק זאָלן זיך אינטערעסירן דווקא מיט יידישע ענינים

און אַרויסברענגען נאָר אין זיי די גוט געבענטשטע שאַפֿונגס־כּוחות זייערע. עס ליגט זיך מער אויפֿן שכל, אַז וואָס גרעסער דער זשעני איז, וואָס ברייטער און שטאַרקער זיינע פֿליגלען, אַלץ גרעסער איז דער האָ־ריזאָנט, וואָס אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אים פֿון זיין הויך און אַלץ גרעסער ווערט פֿאַר אים דער מאַגנעט פֿון אַלגעמיין־מענטשלעכע ענינים, וואָס ציען־צו צו זיך זיין אינטערעס און זיין שאַפֿונגס־קראַפֿט.

אַלץ, וואָס וועט ביי אונדז איבערוואַקסן די מיטלמעסיקייט, וועט מוזן דעריבער אַוועקגיין פֿון דער ענגער ספֿערע, דער באַלויכטענער מיט דער זיבן־רעריקער „מענאָרא״, און זיך אויסלעבן אין דער פֿרייער, אין דער זוניקער ספֿערע פֿון אַלגעמיין־מענטשלעכע אינטערעסן. אונדזערע זשעניען וועלן מעגן זיי ווי יידיש געשטימט, וועלן זייערע אַלגעמיין־מענטשלעכע פּראָ־דוקטן שוין ניט געהערן צו אונדזער קולטור־ספֿערע, נאָר צו דער ענג־לישער. נאָר דעמאָלט ווען מיר בויען אַן אַלזייטיקע, אַלמענטשלעכע קול־טור אין אַן אייגענער שפּראַך, קאָנען מיר האָפֿן, אַז די אין איר געבוי־רענע, אין איר אויפֿגעצויגענע זשעניען זאָלן בלייבן אין דער היים, און באַרייכערן מיט זייערע אַרבעטן אונזער אייגענע קולטור, ד״ה אויפֿהייבן יעדן צווייג אירן, וואָס האָט צוגעצויגן זייער אינטערעס, צו דער העכסטער מענטשלעכער מדרגה.

און עס איז אויך ניט שווער צו באַווייזן, אַז אַן איינזייטיקע און אָרעמע קולטור, ווי דאָס מוז זיין אונדזער קולטור אין דער שפּראַך פֿון דעם לאַנד, מוז אין דערזעלביקער צייט אויך זיין אַן אומפּרוכפּערע. און דאָס איז מחמת אַ סך טעמים. דאָ וויל איך נאָר ברענגען אַן איינציקן. דערזעלבער טעם, וואָס מאַכט אַ יידישע קולטור אָרעם (איר איינזייטיקייט), מוז זי אויך מאַכן אומפּרוכפּעריק. פּונקט ווי די איינזייטיקע „מענאָראָ״־קולטור קאָן ניט צוציען צו זיך דעם זשעני, אַזוי קאָן זי אויך ניט צו־ציען די גרויסע מאַסן. ווייל אויך די גרויסע מאַסן האָבן די טבע צו אינ־טערעסירן זיך מער מיט אַלגעמיין־מענטשלעכע ענינים, וואָס אַפּעלירן צו זיי, ווי צו מענטשן, איידער מיט ספּעציפֿיש־נאַציאָנאַלע ענינים.

אַן איינזייטיקע יידישע קולטור אין ענגליש וועט זיין — איך האָב מורא צו זאָגן — אַן ענין ניט מער ווי פֿאַר אַ גאַנץ קליינעם טייל פֿון אונדזער פֿאָלק. דאָס וועט זיין אַן ענין פֿאַר די ראַבאַיס, פֿאַר די כּלי־קודש, פֿאַר די עפֿנטלעכע טוערס, אפֿשר אויך פֿאַר די סטודענטן, וואָס מען וועט ניט אַריינעמען אין קיין ניט־יידישע „פֿראַטוירניטיס״.

מיטן פֿאָלק, מיט זיין לעבן, זיינע אַלגעמיין־מענטשלעכע נויטן און שטרעבונגען, וועט זי ניט קאָנען האָבן קיין ברעקל מגע ומשא. סיידן די

דאָזיקע קולטור זאָל פֿאַרשלעפּן די מאַסן אין אַזאַ זומפּ פֿון יידיש־רעלי־ יעזע אָבערגלויבנס, ווי דאָס איז געווען דער פֿאַל מיט דער האָלענדיש־ יידישער קולטור פֿאַר די יידן אין האָלאַנד. קיין פּראָגרעסיוו־יידישע מאַסן־קולטור קאָנען מיר פֿון אַ קולטור אין דער לאַנד־שפּראַך בשום אופֿן ניט דערוואַרטן.

איז — זאָל דאָ דער ענין ליגן קלאָר פֿאַר יעדן איינעם. עס זיינען דאָ נאָר צוויי וועגן פֿאַר אונדזער יידיש־קולטורעלן לעבן דאָ אין לאַנד. אָדער דער נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער וועג, אָדער דער „דזשודאָאיסטיש״־ אַסימילאַטאָרישער.

דער ערשטער וועג פֿאָדערט דעם אויסבוי פֿון אַן אייגענער אַלזיי־ טיקער, רייכער און פֿרוכפּערער קולטור אין אַן אייגענער יידישער שפּראַך, פֿאַר וועלכער עס קאָנען געוואונגען ווערן אויך די מאַסן.

דער אַנדער וועג, וואָס וויל דאָ בויען אונדזער קולטור אין ענגליש, פֿירט דירעקט צו דער „דזשודאָאיסטישער״ אַסימילאַציע.

וועלכן וועג אונדזער פֿאָלק וועט דאָ אויסקלייבן, ווייסן מיר ניט. עס ברענט זיך ערשט איצטער פֿונאַנדער דער קאַמף צווישן די אָנהענגער פֿון די צוויי וועגן.

דער קאַמף מוז זיין אַ פֿאַרביטערטער. עס איז ווי די מלחמה צווישן די פֿייגל און די מייז אין דער פֿאָלקס־מעשהלע. און עס איז זייער וויכטיק, מען זאָל ווייסן ווער עס איז ווער און ווער איז וואו: ווער עס געהערט צו די נאַציאָנאַלע פֿייגל, וואָס ווילן אויפֿהייבן אי זיך אַליין, אי דאָס גאַנצע פֿאָלק צו די הייכן פֿון אַן אייגענער, אַלזייטיקער, רייכער און פֿרוכפּע־ דער יידישער קולטור, און ווער — צו די אַסימילאַטאָרישע מייז, וואָס ווילן אונטערגראָבן די וואָרצלען פֿון אונדזער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן זיין אויף דער וועלט.

אַ צרה איז אָבער, ווען אין דעם קאַמף מישן זיך אַריין די פֿלעדער־ מייז, וואָס אַט איז עס אַ פֿויגל, אַט איז עס אַ מויז, וואָס רעדן רעדט דאָס ווי אַ נאַציאָנאַלער אָדלער און רופֿן רופֿט דאָס צו די מעשים פֿון דער אַסימילאַטאָרישער מויז.

די פּסיכאָלאָגיע פֿון די פֿלעדער־מייז קאָן ליידער אָנשטעקן גאָר גע־ הויבענע נשמות. זיי דאַרפֿן דעריבער „מפֿשפּש במעשים״ זיין, און זיין זייער און זייער פֿאָרזיכטיק מיט זייערע רייד...

.1931

דעמאָקראַטיע און פאָלק ביי יידן

דעמאָקראַטיזם, דעמאָקראַטישקייט און „פֿאָלקיזם“ זיינען דריי ריכטונגען פון איין־און־דערזעלבער זאַך, דער דעמאָקראַטיע. דער צד־השווה זייערער — אין אַלע דריי שטייט אין צענטער דער „דעמאָס“, דאָס פֿאָלק. זיי זיינען אָבער זייער פֿאַרשיידן לויט זייער אינעווייניקסטן מהות און גייען ניט אַלע מאָל האַנט אין האַנט. אָבער גראָד אָט די פֿאַרשיידנקייטן זיינען זייער וויכטיק פֿאַר דעם אָפּשאַץ פֿון אַלערליי דעמאָקראַטישע באַוועגונגען, און גראָד זיי דאַרפֿן אינטערעסירן יעדן איינעם פֿון אונדז, וואָס שטרעבט אויפֿצובויען דאָס לעבן אויף דעמאָקראַטישע יסודות, איינצופֿלאַנצן אין אַלע טיילן פֿון דעם פֿאָלק דעמאָקראַטישע אידעאַלן, מידות, געפֿילן און לעבנס־צילן. די דריי ריכטונגען זיינען נאָך ניט דיפֿערענצירט אין זייערע נעמען, וואָס קאָנען סינאָנימיש באַנוצט ווערן פֿאַר איין־און־דעמזעלביקן ענין. מיר וועלן דאָ פּרוּוון פֿונאַנדערשיידן זיי.

א) מיט „דעמאָקראַטיזם“ וועלן מיר באַצייכענען די יורידישע און פּאָליטישע שיטה פֿון פֿאָלקס־הערשאַפֿט און גלייכבאַרעכטיקונג; דאָס שטרעבן, אַז אַלע קינדער פֿון דעם פֿאָלק זאָלן האָבן די גלייכע בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט און אַ גלייכן אָנטייל אין דער וואַל פֿון אַלע אינסטיטוציעס, וואָס באַשטימען דעם גאַנג פֿון דעם פֿאָלקס־לעבן.

ב) „דעמאָקראַטישקייט“ וועט פֿאַר אונדז באַדייטן אַ געוויסע אַרט באַנעמען זיך אין לעבן מיט די מיט־מענטשן; אַ געוויסן אָפּשאַץ פון דעם מיט־מענטשן אין געפֿיל, די אָנערקענונג פון דער מענטשלעכער גלייכווערטיקייט פון יעדער פּערזאָן, אָן אַ ברעקל אונטערשייד פון אָפּשטאַם (וואוילגעבוירנקייט), סאָציאַלער פּאָזיציע, אָדער דער פּערזענלעכער הויכער שטעלונג אין דער געזעלשאַפֿט. „דעמאָקראַטישקייט“ איז ניט קיין פּאָליטישע דערשיינונג, נאָר אַ געזעלשאַפֿטלעכע. דער קעגנזאַץ צו „דעמאָקראַטישקייט“ איז דער „יחוס“, דער באַזונדערער דרך־ארץ, וואָס דאָס רוב מענטשן פילן צו די „וואוילגעבאָרענע“, אָדער רייכע, אָדער מעכטיקע, נאָר פֿאַר אָט די דריי מעלות זייערע.

ג) „פֿאָלקיזם״ איז אַ לפּי־ערך גאַנץ נייע שטרעבונג אין דעם פּראָגרעסיוון לעבן פֿון די פֿעלקער און איז אין זיך גופא אַ היפּש ביסל קאָמפּליצירט. זיין אַלגעמיינער תּוך באַשטייט אין דעם באַזונדערן אינטערעס צו די „מאַסן״ פֿון דעם פֿאָלק, צו דעם „המון־עם״. דער „פֿאָלקיזם״ קאָן אַרויסטרעטן ווי אַ סאָציאַל־פּאָליטישע ריכטונג, וואָס שטרעבט צו פֿאַרבעסערן דעם וואוילשטאַנד פֿון די אָרעמע מאַסן אָן אַן אונטערשייד פֿון זייערע חיונה־קוואַלן (פֿויערים, אַרבעטער, באַלמעלאָכעס, קליין־הענדלער, קליינע אונטערנעמער וכדומה). אַ צווייטע אַרט „פֿאָלקיזם״ איז דער ריין־קולטורעלער. דאָס איז אַ געשטייגערטער אינטערעס צו דעם אַרט לעבן און שאַפֿן פֿון די פֿאָלקס־מאַסן, אַ דרך־ארץ און אָפֿט מאָל אויך ליבע צו יענע מענטשלעך־ווערטפֿולע קולטור־אוצרות, וואָס די מאַסן ברענגען אַרויס אין אַלע צווייגן פֿון זייער „קולטור שבעל־פּה״, אין זייער שפּראַך, זייערע לידער, ווערטלעך, מעשׂיות און מנהגים. און אַ דריטע אַרט „פֿאָלקיזם״ קאָן אָנגערופֿן ווערן אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלער. צום ערשטן מאָל איז ער אויפֿגעקומען אין דער רענעסאַנס־צייט ביי די אייראָפּעאישע פֿעלקער, ווען מען האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער קאָסמאָפּאָליטישער קולטור־ספֿערע און מען האָט גענומען שטרעבן דערצו, אַז די גאַנצע קולטור שבכתב פֿון אַ פֿאָלק זאָל זיך אַנטוויקלען אין זיין אייגענער גערעדטער שפּראַך. די פֿאָלקס־שפּראַך איז דערביי דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פֿון דער נאַציאָנאַל־שפּראַך.

מיר וועלן דאָ האָבן אין אויג נאָר די צווייטע אַרט, דעם ריין קולטורעלן „פֿאָלקיזם״, לאַזנדיק אָן אַ זייט דעם פּאָליטישן און נאַציאָנאַלן.

אַ דעמאָקראַטיש פֿאָלק דאַרף זיין אַזאַ, ביי וועלכן עס זיינען אויף דעם העכסטן גראַד אויסגעבילדעט געוואָרן אָט די אַלע דריי ריכטונגען פֿון דער דעמאָקראַטיע. עס וואָלט געווען אַ גאָר אינטערעסאַנטע סטודיע, אויסצופֿאָרשן דעם גורל זייערן ביי די פֿאַרשיידענע פּראָגרעסיווע פֿעלקער פֿון דער מענטשהייט און פֿאַרגלייכן די שטופֿן, וואָס זיי האָבן דערגרייכט אין די פּרטים פֿון דעמאָקראַטיזם, דעמאָקראַטישקייט און „פֿאָלקיזם״.

אויף וויפֿל עס איז באַקאַנט וועט מען אין אָט דעם פּרט דאַרפֿן אָפּגעבן די בכורה צו די פֿעלקער פֿון דעם קליינעם, וואונדערלעכן לענדעלע — שווייצאַריע. דאָרטן געפֿינען מיר די העכסטע פֿאָרמען פֿון דעם פּאָליטישן דעמאָקראַטיזם, די שענסטע אויסגעשטאַלטונגען פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער דעמאָקראַטישקייט און אַ הויך־אַנטוויקלטן קולטורעלן פֿאָלקיזם, מיט זיין געשטייגערטן אינטערעס צו די שאַפֿונגען פֿון די

פאָלקס־מאַסן, צו זייערע פאַרשיידענע דיאַלעקטן און צו דער גאַנצער „פאָלקס־קונדע״ זייערער (דעם אַזוי גערופענעם פאָלקלאָר). אויף דעם צווייטן פּלאַץ דאַרף מען, ווי מיר דאַכט, אַוועקשטעלן די אַמעריקאַנער סיי אין דעם פּאָליטישן דעמאָקראַטיזם, סיי אין דעם געזעלשאַפטלעכן באַנעמען זיך צווישן מענטש און מענטש. די אַמעריקאַנער האָבן אויך אַ גאַנץ רייכן פאָלקלאָר, אַ היפּשן אינטערעס צו דעם לעבנס־שטייגער און די פאָלקס־שאַפונגען פון די מאַסן — דער עיקר, פון די שוואַרצע און פון די אינדיאַנער. אויף אַ זייער נידעריקער שטופע שטייט אָט די דרייפאַכע דעמאָקראַטיע ביי איינעם פון די געניאַלסטע פעלקער פון דער איצטיקער מענטשהייט, ביי די דייטשן. אַנשטאָט פּאָליטישן דע־מאָקראַטיזם — צעזאַריזם, אַנשטאָט געזעלשאַפטלעכער דעמאָקראַטישקייט די פילע ראַנג־אונטערשיידן, לויט דעם יחוס פון אָפּשטאַם, באַזיץ און בילדונגס־גראַד. אָבער דער קולטורעלער פאָלקיזם, דער אינטערעס צו דעם לעבנס־שטייגער און צו די קאָלעקטיווע שאַפונגען פון די מאַסן, דער דרך־ארץ און אָפּטמאָל ליבע צו זיי שטייט אויך ביי די דייטשן אויף אַ גאָר היפּשער הייך.

אויף גאָר דעם לעצטן שטאַפּל שטייט אין אונדזער ענין אונדזער אייגן יידיש פאָלק. מיר, די פייערדיקע למדנים אין אַזוי פיל פעלדער פון דער מענטשלעכער קולטור, זיינען גאָר געהויבענע עם־הארצים אין הלכות דעמאָקראַטיע, אין אַלע אירע דריי ריכטונגען. ווי אַ פאָלק, האָבן מיר קיינמאָל ניט אַרויסגעבראַכט קיינע פאָרמען פון פּאָליטישן דעמאָ־קראַטיזם, און קיינמאָל ניט געלעבט אין זיי. אַזאַ מין זאַך, ווי ווילן אינ־סטיטוציעס פון זעלבסטפאַרוואַלטונג און רעגירונג דורך אַלגעמיינע וואַלן, געפינט זיך ניט אין דער יידישער געשיכטע, ביז צו אייניקע אויסנאַמען אין אונדזער יאָרהונדערט. אויך די געזעלשאַפטלעכע דעמאָקראַטישקייט אין דעם אויפטראָג צווישן מענטש און מענטש, אַפילו צווישן ייד און ייד, האָט געהערט, ביז צו דעם חסידיזם, צו די זעלטנסטע דערשיינונגען אין אונדזער לעבן. קיין פאָלק איז ניט אַזוי להוט נאָך יחוס, ווי גראָד מיר. אונדזערע מאַסן זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גרעסטן דרך־ארץ צו דעם גביר, דעם תּלמיד־חכם און דעם מיוחס, לויט דעם אָפּשטאַם. אין דער דאַוון־שול — די „מזרח־וואַנט״ פאַר די „פּני״ און די מערב־וואַנט פאַר דעם המון־עם. ביי קיין פאָלק האָט אפשר ניט גע־הערשט אַזאַ ביטול צו דעם „עם הארץ״ און באַלמעלאָכע, ווי ביי אונדז.

און טאָמער האָט איינער אין דעם אויפטראָג מיט אַן אַנדערן פון אַ

העכערן ראַנג אַריבערגעטראָטן די גרענעצן פון יחוס, האָט אים שוין דער אַנדערער אויסגעשייגעצט: „וואָס ביסטו פאַר אַ מחותן מיט מיר? האָב איך מיט דיר אין איינעם חזירים געפּאַשעט?" קאָנט איר זיך פאַר־שטעלן, אַן אַמעריקאַנער זאָל געברויכן אַזאַ ווערטל? מען קאָן ניט. ווייל עס זיינען דאָ געגנוג זייער חשובע אַמעריקאַנער, וואָס האָבן אין זייער קינדהייט אָדער יוגנט טאַקע באמת „חזירים געפּאַשעט".

דער חסידיזם ווערט באַצייכנט ווי אַ דעמאָקראַטישע באַוועגונג. דאָס איז אמת נאָר ביז צו אַ געוויסן גראַד. ער האָט זיכער ניט אַרויסגעבראַכט קיין דעמאָקראַטישע פאָרמען פון זעלבסטפאַרוואַלטונג. אפילו דעם יידישן קהל האָט ער ניט געשטרעבט איבערצובויען אין אַ דעמאָקראַ־טישן זין. ער האָט באַשאַפן אַ מער דעמאָקראַטישן אויפטראָג פון ייד צו ייד. ער האָט אָפּגעשאַפט אָדער אָפּגעשוואַכט דעם אַבסאָלוטן ביטול צום עם־הארץ. אָבער אין דערזעלביקער צייט האָט דער חסידיזם אַרויס־געבראַכט די דינאַסטישע אַריסטאָקראַטיעס פון די ראַבייאישע „הויפן", מיט אַ געשטייגערטן חסידיש־רבניש־למדניש־גבירישן יחוס.

אין דעם חסידיזם — און נאָר אין אים — געפינען מיר אויך שפּרינג־קעלעך פון יידישן „פאָלקיזם", אָבער נאָר בנוגע דער יידישער שפּראַך. אויף די פאָלקס־שאַפונגען, אָפּגעהיט אין די ליפּן פון דעם פאָלק דורך דעם המון און דורך דער ווייבער־וועלט, האָט דער חסיד געקוקט מיט דעמ־זעלביקן ביטול, ווי דער מתנגד, דער משכיל און — שפּעטער — דער אַסימילאַטאָר.

ערשט אין דער צווייטער העלפט פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט הייבט זיך אָן צו פאַרבעסערן ביי אונדזער פאָלק די מערכה פון דער דעמאָקראַטיע אין דעם ברייטסטן זין פון דעם וואָרט. און אַ גאָר גרויסער טריט פאַר־אויס איז געמאַכט געוואָרן אין דעם סוף פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט און אין דעם אָנהייב פון איצטיקן. עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס דער ביר־גערלעכער ציוניזם האָט זייער ווייניק אויפגעטאָן אין אָט דעם פרט. דעם אויפגעוואַכטן אינטערעס צו פּאָליטישן דעמאָקראַטיזם, געזעלשאַפטלעכער דעמאָקראַטישקייט און קולטורעלן פאָלקיזם האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם יידישן סאָציאַליזם און דער אויפגעוואַכטער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט דעם „בונד" בראש.

אָבער, ווי ווייט זיינען מיר נאָך פון אַ נאַציאָנאַלן איינשטעל אין אָט די אַלע ענינים! ניט נאָר די אַנדערע, ניט אַרבעטאַריש טיילן פון

אונדזער פאָלק, האָבן בדרך־כּלל קיין ברעקל השגה ניט וועגן דער וויכ־טיקייט פון דער דעמאָקראַטיע אין דעם לעבן פון דעם פאָלק, אפילו אונ־דזער אַרבעטערשאַפט איז נאָך ווייט ניט דורכגעדרונגען מיט אַט דעם באַוואוסטזיין.

אַ היפּש ביסל ענערגיע וועלן אונדזערע פּראָגרעסיווע טוער דאַרפן אָנווענדן, ביז אויך ביי אונדזערע פאָלקמאַסן וועט טיף איינגעפלאַנצט ווערן די אידעע פון דער יידישער דעמאָקראַטיע, אין אַלע אירע וויכטיקע פאַרצווייגונגען.

1934

פופציק יאָר טעטיקייט און וואו האַלט עס?

עס וועט אפשר ניט באַטראַכט ווערן פאַר אַ צו גרויסער גדלנות פון מיין זייט, ווען איך וועל רעדן אַ ביסל אויך וועגן זיך אַליין, אין מיין פּרואוו צו וואַרפן אַ בליק אויף דעם גורל פון יענע גרונט־אידייען, פאַר וועלכע איך האָב מיך איינגעשטעלט אין אַ משך פון אַ גאַנצן האַלבן יאָר־הונדערט. יאָ, די פייערונגען וואָס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן, דאַרפן זיין געווידמעט ניט נאָר מיין 70־יאָריקן געבורטס־טאָג, נאָר אויך אַ האַלבן יאָרהונדערט פון יידיש־סאָציאַליסטישער טעטיקייט. מיט פופציק יאָר צוריק, אין פרילינג 1885, האָב איך געמאַכט דעם ערשטן ערנסטן שריט אַרויפצוגיין אויף אַן אייגענעם וועג אין מיין לעבן און שטרעבן, ווי אַ סאָציאַליסט און אַ ייד. אין יענעם יאָר האָב איך צוגעשטעלט צו דעם היסטאָריש ־באַרימטן עקזעקוטיוו־ קאָמיטעט פון דער רוסישער פאַרטיי „נאַראָד־נאַיאַ וואָליאַ" צו וועלכער איך האָב מיך דעמאָלט צוגעציילט, דאָס פּראָגראַם פון אַ קליינער יידיש־רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, מיט דעם נאָמען „תשועת ישראל". פון דעם קאָמיטעט האָב איך פאַרלאַנגט, ער זאָל אָנערקענען די יידישע אָרגאַניזאַציע, ווי אַ טייל פון דעם חייל אין דעם גרויסן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן באַפרייאונגס־קאַמף, וואָס די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט דעמאָלט געפירט.

איניקע פּרטים וועגן דער „תשועת ישראל" זיינען אין דער צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור. ווייטערדיקע פּרטים וועגן אָט דעם ערשטן שריט פון דעם יידישן סאָציאַליזם וועלן געגעבן ווערן אין מיינע מעמואַרן. דאָ — נאָר דאָס וויכטיקסטע וועגן דעם רעזולטאַט פון מיין ווענדונג. דער קאָמיטעט האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצודערקענען די „תשועת ישראל", ווייל ער האָט אין דעם פּראָגראַם אירן דערבליקט דעם גרויסן חטא פון „סעפּאַראַטיזם" פון זיך אויסטיילן, פון וועלן מאַכן „שבת פאַר

זיך״, ווי מען וואָלט דאָס איצטער געזאָגט. דער מאַן, וואָס האָט געפירט די פאַרהאַנדלונגען מיט דעם קאָמיטעט, גראָד אַ רוסישער, גאַר געהויבענער רעוואָלוציאָנער פון יענער צייט, וואָס האָט שטאַרק סימפּאַטיזירט מיט אונדזער שטרעבונגען האָט אין זיין מיטטיילונג וועגן דעם באַשלוס זיך פשוט געוואונדערט, ווי אַזוי דער קאָמיטעט האָט געקאָנט נעמען אַזאַ שטעלונג: די מאַיאָריטעט זיינע איז דאָך דעמאָלט באַשטאַנען פון יידן. פאַר מיר איז דאָס גראָד ניט געווען קיין חידוש. גראָד ווייל דאָס זיינען געווען אַסימילאַטאָרישע יידן, האָבן זיי ניט געקאָנט סובל זיין דעם געדאַנק, יידן זאָלן זיך דערקלערן ווי אַ באַזונדער פאָלק און אויפבויען אַן אייגענע יידיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג, מיט אַן אייגענער ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך.

דער „תשועת ישראל״ איז ניט באַשערט געווען אריינצוטרעטן אין לעבן. אָבער דער פּיאַסקאָ פון דעם שריט האָט מיך געטריבן אָנצוהייבן אַ קאַמף אַנטקעגן די אַסימילאַטאָרישע אידעאַלן פון דער יידישער אינטעליגענציע. אַזאַ קאַמף איז שוין דעמאָלט געפירט געוואָרן אין דער לעגאַלער רוסיש־יידישער און העברייאישער פּרעסע. דער באַנקראָט פון דעם אַסימילאַטאָרישן פּעריאָד אין אונדזער געשיכטע, מיט זיין שטרעבן צו רייך־בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג („עמאַנסיפּאַציע״) ווי דעם איינציקן ענטפער אויף דער יידן־פראַגע, — אָט דער באַנקראָט איז, כידוע, דערקלערט געוואָרן נאָך אין 1882, אין דר. פּינסקערס עפּאָכע־מאַכנדיקער שריפט, „די אויטאָ־עמאַנסיפּאַציאָן״ וואו דער אַנטיסעמיטיזם ווערט באַטראַכט, ווי אַן אומהיילבאַרע פּסיכישע קראַנקהייט פון די פעלקער, צווישן וועלכע מיר וואוינען, און וואו עס ווערט אַרויסגערוקט אין פראָנט דער אידעאַל פון דער יידישער נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט אויף אַן אייגענעם יידישן לאַנד. די שריפט איז אַן עפּאָכע־מאַכנדיקע דערפאַר, ווייל מיט איר האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין אונזער היסטאָרישן לעבן די „פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע״, וואָס אירע ערשטע פאָנענטרעגער זיינען באַלד געוואָרן די „פּאַלעסטינאָפילן״, די „חובבי־ציון״.

נאָך שאַרפער און אין תוך גרינטלעכער האָט דאָס פּראָבלעם פון אונדזער ווידערגעבורט אויפגענומען די פּאַלעסטינאָפילישע קאָנפערענץ אין קאַטאָוויץ אין דעם יאָר 1884, אויף וועלכער עס איז שוין אָנגעזען געוואָרן די נויט אויך סאָציאַל־עקאָנאָמיש איבערצובויען אונדזער לעבן אויף די יסודות פון אַרבעט, אָבער אויך דאָס נאָר אין דעם אייגענעם לאַנד, אין ארץ־ישראל.

אויך מיינע שטרעבונגען אויסצובויען אַ יידישן סאָציאַליזם מוזן זיכער באַטראַכט ווערן ווי אַ פּראָדוקט פון יענעם איבערבראָך אין אונדזער פּראָגרעסיוון עפנטלעכן געדאַנק, וועלכן דר. פינסקער און די ערשטע חובבי־ציון האָבן דורכגעפירט. אויך אונדזער פּראָגראַם איז געווען דורכגעדרונגען פון די צוויי גרונט־פּרינציפּן: נאַציאָנאַלע ווידערגעבורט און ערד־אַרבעט. אָבער אַט די צוויי גרונט־פּרינציפּן זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ גאַנץ אַנדער יסוד: ערשטנס, האָבן זיי געדאַרפט פאַרווירקלעכט ווערן ניט ערגעץ־וואו אין אַן אַנדער לאַנד, נאָר דווקא אין רוסלאַנד; צווייטנס, איז צו זיי צוגעקומען די פאָדערונג פון וועלטלעכקייט, פון אַ שאַרפן פאַנאַנדערשייד צווישן יידישער רעליגיע און יידישער נאַציע; און דריטנס איז זייער פאַרווירקלעכונג געווען פאַרבונדן מיט דעם זיכערסטן גלויבן, אַז רוסלאַנד שטייט שוין אויף דער שוועל פון אַ ריין־סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, וואָס דאַרף דורכגעפירט ווערן פון יענער פּאַרטיי, צו וועלכער איך האָב געהערט, פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״.

אין די „נאַראָדאָוואָלישע״ קרייזן פון יענער צייט האָבן געהערשט די פאַרשידנאַרטיקסטע מיינונגען וועגן די אויפגאַבן פון אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף בכלל. זיכער זיינען זיי אַלע געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דעם קלאַסן־קאַמף אַנטקעגן דער בורזשואַזיע. אָבער אונטער דעם אַרבעטער־קלאַס האָט מען דעמאָלט פאַרשטאַנען נאָר, אָדער דער עיקר, די פּויערימשאַפט, די גאָר גרויסע מאַיאָריטעט פון דעם אַרבעטנדיקן פאָלק. נאָר ווייניקע „נאַראָדאָוואָלן״ האָבן דעמאָלט געטראַכט וועגן דעם שטאָטישן אַרבעטער און לוין־אַרבעטער בכלל, ווי וועגן אַ באַדייטנדיקער קראַפט אין דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן קאַמף. יענע נאַראָדאָוואָלישע ריכטונג, צו וועלכער איך, נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, האָב מיך צוגעציילט, האָט אָבער ניט געלייגט קיין שום האָפענונגען, ניט אויף דעם פּראָלעטאַריאַט אין די שטעט, ניט אויף דער פּויערימשאַפט אין די דערפער. דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף האָט געדאַרפט געפירט ווערן פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער אינטעליגענציע, אַלץ־איינס פון וועלכן שטאַנד און אָפּשטאַם. די אויפגאַבע איז געווען — צו „פאַרכאַפּן די מאַכט״ פון דעם שטאַט; צו צעשטערן דעם קאַפּיטאַליסטישן און פּריצישן רעזשים; אָפּצוראַמען דעם וועג פאַר אַ ריין־סאָציאַליסטישער, דער עיקר — אַגראַר־סאָציאַליסטישער אָרדענונג און צונויפרופן אַ „קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג״, אויף אויסצואַרבעטן די יסודות פון אַ נייעם סאָציאַליסטישן לעבן. ערשט שפּעטער, אין דעם סוף

אַכציקער און אָנהויב נײַנציקער יאָרן, ווען איך בין שוין געווען אין אויס־לאַנד, האָב איך, אונטער דער ווירקונג פון דער דײַטשער און דער שווייצאַרישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אײַנגעזען, אַז דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער קאַמף דאַרף געפירט ווערן ניט נאָר אין די אינטערעסן פון די אַרבעטער־קלאַסן, די שטאָטישע ווי די דאָרפישע,נאָר אויך פון אָט די קלאַסן גופא, און אַז די ראָלע פון דעם אַוואַנגאַרד אין אָט דעם קלאַסן־קאַמף שפּילן דער פּראָלעטאַריאַט, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענציע.

אין אָט דעם זין האָב איך געפירט די פּראָפּאַגאַנדע אין די אויסלענדישע רעוואָלוציאָנערע קאָלאָניעס פון רוסלענדישער שטודירדיקער יוגנט; און אין 1893 איז דורך מײַן מיטווירקונג געגרינדעט געוואָרן אין אויס־לאַנד דער „סאָיוז רוסקיך סאָציאַליסטאָוו־רעוואָלוציאָנעראָוו" (פאַרבאַנד פון רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן), וואָס האָט אויך געלייגט אין דעם יסוד פון זײַן פּראָגראַם אָט דעם נײַעם בליק אויף דעם מהות פון דעם סאָציאַליסטישן קלאַסן־קאַמף: ניט דעם קאַמף בלויז פון דעם לוין אַרבעטער אַנטקעגן דעם קאַפּיטאַליסט, נאָר פון אַלע יענע אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס לעבן אָדער ווילן לעבן פון דער אייגענער אַרבעט,אַנטקעגן אַלע יענע, וואָס לעבן אָדער שטרעבן צו לעבן אויף דעם חשבון פון פרעמדער אַרבעט. קאָנקרעטער פאָרמולירט, האָט דאָס געהייסן: דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער קאַמף דאַרף פאַראייניקן אין איין אַרבעטער־קלאַסן־פּאַרטיי די פּויערימשאַפט, די לוין־אַרבעטערשאַפט און יענע אינטעליגענציע, וואָס סאָלידאַריזירט זיך מיט זייערע אינטערעסן. גראָד אין אָט דעם פּונקט זײַנען מיר זיך שאַרף פונאַנדערגעגאַנגען מיט דער דעמאָלט אויפקומענדיקער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אָבער ניט נאָר אין אָט דעם פּונקט אַליין. אַן אידעאישער תהום צווישן אונדז האָט געהערשט אויך וועגן דער גרונט־פראַגע פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף אַנטקעגן דעם צאַריזם: וואָס האָבן מיר צו דערוואַרטן פון אָט דעם קאַמף? וואָס דאַרף זײַן אונדזער הויפּט־אויפגאַבע אין אים?

די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זײַנען געווען זיכער, אַז די קומענדיקע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד קאָן ניט זײַן קיין אַנדערע, ווי נאָר אַ ריין־בורזשואַזע, אַ ריין־קאַפּיטאַליסטישע. צו דערוואַרטן האָבן מיר נאָר דעם טריאומף פון דער פּאָליטישער פרייהייט, וואָס זאָל פונאַנדערפּענטן אין רוס־לאַנד די ריין־קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג, וואָס וועט מוזן פירן צו דעם פונאַנדערפאַל פון דער פּויערימשאַפט און צו דער אויסבילדונג פון אַ צאָל־רײַכן, שטאַרקן, רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, ווי אין מערב־אייראָפּע.

מיר דאַרפן דעריבער באַגריסן אַט דעם סטיכישן גאַנג פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער אַנטוויקלונג; מיר דאַרפן שטרעבן צו דער פולסטער ריין־פּאָלי־טישער פרייהייט, וואָס וועט עפענען אַ ברייטן וועג סיי פאַר דעם קאַפּי־טאַליזם, סיי פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט,ווי אַ באַ־זונדער קלאַס.

מיר, די ערשטע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, זיינען פון אונדזער זייט געווען זיכער, אַז אין רוסלאַנד איז אוממעגלעך אַ ריין־בורזשואַזע פּאָליטישע רעוואָלוציע; אַז זי קאָן ניט זיין קיין אַנדערע, ווי נאָר אַ סאָציאַליסטישע; און אַז לפּי דעם קאָן פאַר אונדז ניט זיין קיין אַנדער אויפגאַבע, ווי נאָר דאָס שטרעבן צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליסטישן ענדציל, צו צעשמעטערן דעם צאַריסטישן און אין דערזעלביקער צייט דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, אַריינפירן פרייהייט, כדי תיכף, מיט דער הילף פון די אַרבעטער־מאַסן, צוצוטרעטן צו דעם בוי פון אַ פרייהייטלעך־סאָצי־אַליסטישער געזעלשאַפט.

צו דער אויסאַרבעטונג פון אַזאַ פּראָגראַם, צו דער קריטיק פון דעם קאַמף, צו דער רעוויזיע פון דעם גאַנצן מאַרקסיזם, צו דער טעאָרעטישער פאַרטיידיקונג פון אונדזערע פּאָזיציעס און צו דעם דירעקטן רעוואָלוציאָ־נערן קאַמף אין אַט דער נייער ריכטונג, — צו אַט דעם אַלעם האָט מיך אָבער געטריבן ניט נאָר דער אַלגעמיינער בליק אויף היסטאָרישע פּאַסי־רונגען, אויף דער רוסישער ווירקלעכקייט און אויף די אַלגעמיינע אויפגאַבן פון אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן קאַמף בכלל. דאָס אַלץ איז אויך געווען אינעווייניקסט פאַרבונדן מיט מיין יידיש־סאָציאַליסטישן פּראָגראַם. דער סאָציאַליזם און די „יידישקייט" זיינען דאָ אַרויסגעפלאָסן ווי פון איין־אייג־ציקן גוס. דער קאַמף אַנטקעגן דער אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד, אַנטקעגן דער פאַרשטאַרקונג פון דער בורזשואַזיע, האָט אין דערזעלביקער צייט באַדינט דעם קאַמף אַנטקעגן די אַסימילאַטאָרישע אידעאַלן פון דער יידישער איטעליגענציע, וואָס האָט פון דער פּאָליטישער פרייהייט דערוואַרט די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג, די אָפּשאַפונג פון דעם תחום־המושב און די פרייע מעגלעכקייט אַריינצוגלידערן זיך, אַ דאַנק דער אַסימילאַציע, אין דעם בורזשואַזן סדר און צו שפּילן אין אים די זעל־ביקע גלענצנדיקע ראָלע, וועלכע די אַסימילירטע יידנשאַפט האָט גענומען שפּילן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פון מערב־אייראָפּע. צעשטערן דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים האָט פאַר מיר באַטייט אויך די צעשטערונג פון יענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע יסודות, וואָס ברענגען אַרויס די אַסימילאַציע.

אין אָט דעם אַנטי־אַסימילאַטאָרישן זין האָב איך געווירקט אויך ביי דער אויסאַרבעטונג פון דעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם פאַר דער יונגער, אויפ־קומענדיקער רוסישער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. זי איז געווען די ערשטע אין דעם רוסישן סאָציאַליסטישן לאַגער, וואָס האָט געפאָדערט די נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע פעלקער רוסלאַנדס; די ערשטע, וואָס האָט בפירוש אַריינגענומען אויך די יידן אין דעם דאָזיקן כּלל. דאָס דערקלערט אויך, פאַרוואָס איך האָב אין דער ערשטער צייט כּמעט מיין גאַנצע ענערגיע געמוזט אַוועקגעבן אין דעם דינסט פון יענער פּאַרטיי. איך טריאומף האָט פאַר מיר באַדייט אויך דעם טריאומף פון יענע אידעען און אידעאַלן, וואָס זיינען צום ערשטן מאָל, הגם אין אַ ווייניק פינקטלעכער פאָרמולירונג, אַוועקגעלייגט געוואָרן אין דעם יסוד פון דער „תשועת ישראל״. אין דער מינדלעכער פּראָפּאַגאַנדע, ווי אויך אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור, האָב איך פאַרטיידיקט אויך די ריין־יידיש־נאַציאָנאַלע זייט פון דעם פּראָגראַם.

אָט די טעטיקייט האָט געפירט דערצו, אַז אין דעם יידישן עפנטלעכן געדאַנק איז אויפגעקומען אַ נייע ריכטונג. דער גייסטיקער קאַמף איז שוין דאָרטן געפירט געוואָרן ניט נאָר צווישן די אַסימילאַטאָרן און די פּאַלעסטי־נאָפילן, די שפּעטערדיקע „ציוניסטן״. זיי ביידן האָט באַקעמפט דער סאָצי־אַליסטישער גלות־נאַציאָנאַליזם, צו וועלכן עס איז דעם סוף פון די נייג־ציקער יאָרן צוגעשטאַנען אויך דער בירגערלעכער גלות־נאַציאָנאַליזם אין דער פאָרעם פון דובנאָווס „אויטאָנאָמיזם״.

אין 1903 — 1904 איז אונדזער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער לאַגער, אַ דאַנק דעם ענגלישן אָנבאָט פון אַ יידישן לאַנד אין אוגאַנדע, באַרייכערט געוואָרן מיט נאָך אַ ריכטונג: די ריכטונג פון דעם סאָציאַליסטישן און בירגערלעכן טעריטאָריאַליזם.

אַזוי אַרום האָבן אין דער יידישער עפנטלעכקייט זיך אויסגעפאָרמירט גאַנצע פיר פונדאַמענטאַלע שטרעמונגען: די אַסימילאַטאָרישע ריכטונג, דער ציוניזם, דער גלות־נאַציאָנאַליזם און דער טעריטאָריאַליזם. און אָט די פיר ריכטונגען האָבן פון זייער זייט זיך פונאַנדערגעשיידט אין בירגער־לעכע און סאָציאַליסטישע. די אינעווייניקסטע געשיכטע פון אונדזער פאָלק איז געוואָרן די געשיכטע פון יענע גייסטיקע קאַמפן, וואָס אָט די פיר שטרעמונגען האָבן אַרויסגערופן. דאָס איז די געשיכטע פון יענע ענדע־רונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די ריכטונגען גופא, פון יענעם אומ־געהייער רייכן גייסטיקן שאַפן און פון יענעם ברויזנדיקן רעוואָלוציאָ־נערן קאַמף, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די נעמען פון אונדזערע סאָציאַ־

ליסטיש־נאַציאָנאַלע פּאַרטייען: דעם „בונד״, די „פּועלי־ציון״, די סאָצי־אַליסטישע טעריטאָריאַליסטטן, די „יידיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי״ („סערפּ״). און אין אָט די אַלע קאַמפּן איז אויך אויף מיין גורל אויסגעפאַלן דאָס גליק און דער כבוד צו נעמען אַ טעטיקן אָנטייל.

אָבער גראָד ביי דעם צוריקבליק אויף אָט די פופציק יאָר פון מיין יידיש־סאָציאַליסטישע טעטיקייט, וואַקסט ביי מיר אַרויס די פראַגע: וואו האַלט דאָס אין דעם לעבן גופא מיט די פאַרשידענע שטרעבונגען און האָפענונגען פון דעם יידישן סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק? האָט די ווירקלעכקייט שוין געזאָגט איר וואָרט אין אונדזערע גייסטיקע פּאַרטיי־קאַמפן?

לאָמיר קודם זען, וואו דאָס האַלט מיט אונדזערע דריי נאַציאָנאַלע גרונט־ריכטונגען. וואַרפט איר אַ בליק אויף דעם איצטיקן יידישן לעבן איבער גאָר דער וועלט, מוזט איר צוגעבן, אַז די האָפענונגען און שטרע־בונגען זייערע האָבן אויפצואווייזן גאָר גרויסע און חשובע דערגרייכונגען: סיי אין דער סאָציאַליסטישער, סיי אין דער בירגערלעכער וועלט. דער עיקר איז דאָס אמת פאַר דער צייט פון נאָך דעם גרויסן וועלט־קריג און נאָך דער גרויסער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין ראַטנלאַנד.

לאָמיר גיין כסדר: דער ציוניזם איז פאַר אָט דער צייט געוואַלטיק אויסגעוואַקסן, סיי אין דער ראַליע, וואָס זיין באַוועגונג שפּילט אין דעם יידישן לעבן, סיי אין זיינע פּראַקטישע דערגרייכונגען. דאָס רעכט פון דעם יידישן פאָלק אויסצובויען פאַר זיך אַ „נאַציאָנאַלע היים״ אין ארץ־ישראל איז אָפיציעל אָנדערקענט געוואָרן פון דער איצטיקער אינטער־נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. ווי מען זאָל זיך ניט שטעלן צו די וויטסטע האָפע־נונגען, וואָס ווערן פאַרבונדן מיט דעם ציוניסטישן אידעאַל, די פּראַקטישע שטרעבונגען פון די ציוניסטן, וועלכע ליגן אויף דעם וועג, וואָס דאַרף פירן צו דעם אידעאַל, האָבן אַרויסגעבראַכט קאָלאָסאַל־וויכטיקע רעזול־טאַטן. דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל בויט זיך מיט אַזאַ האַסט און אַזאַ פאַרנעם, וועגן וועלכן פּראַקטישע מענטשן האָבן זיך גאָר ניט געקאָנט משער זיין מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק. ארץ־ישראל איז שוין איצטער אַן אימיגראַציע־לאַנד, וואָס נעמט אַריין אַ פופציק טויזנט נפשות אַ יאָר און קאָן, לויט די עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן פון דעם לאַנד, אַריינגעמען אַ סך, אַ סך מער. קיין אַנטי־ציוניסט קאָן שוין איצטער ניט האָבן דעם מוט צו שטערן דעם אויפבוי פון דעם יידישן ישוב; און אויף יעדן יידן, וועלכער איז ניט פאַראינטערעסירט צו שטערן דעם ישוב, ליגט, נאָך מיין מיינונג נאָך, דער דירעקטער חוב צו העלפן אים אין דעם בוי לפחות אויף

אַזויפיל, אַז די אויפנעם־פעאיקייט פון דעם לאַנד זאָל, אַ דאַנק דעם בוי, פאַרגרעסערט ווערן, און אַז דער יידישער אימיגראַנטן־שטראָם אַהין זאָל ניט נאָר פאַרשנעלערט ווערן, נאָר ווערן אַזוי ברייט און אימפּעטיק, ווי דאָס איז בכלל מעגלעך אונטער די אומשטענדן. פאַר אונדז, סאָציאַליסטן, איז דערביי וויכטיק צו האָבן אין אויג, אַז אין דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב איז אויפגעקומען אַ גאָר חשובע יידישע אַרבעטערשאַפט אין שטאָט און דאָרף, אַ דורכגעדרונגענע מיט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל אין זיינע פאַרשיידענע „רעכטיסטישע״ און „לינקיסטישע״ אויסטייטשונגען, און אַז אָט די אַרבעטערשאַפט קעמפט, ווי אומעטום, פאַר דער העגעמאָניע, דער פירנדיקער ראָלע אין דעם לעבן פון דער געזעלשאַפט.

די ווירקלעכקייט פון דעם לעבן האָט אויפגעראַמט גאָר אַ חשובן פּלאַץ פאַר דעם ציוניזם, סיי אין דער בירגערלעכער, סיי אין דער אַר־בעטער־וועלט.

אָבער די צווייטע גרונט־ריכטונג פון אונדזער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַ־לער ווידערגעבורט, די גלות־נאַציאָנאַליסטישע, האָט זיך ניט וואָס צו שעמען מיט אירע דערגרייכונגען אין דעם לעבן. זיי וואַרפן זיך ניט אַזוי אין די אויגן, ווי די ציוניסטישע, אָבער אויך די גרונט־פּרינציפּן פון דעם גלות־נאַציאָנאַליזם זיינען פאַר דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט שוין אַרויס פון דער סטאַדיע, ווען מען האָט נאָר אידעאיש געקאָנט קעמפן פאַר זיי. ניט געקוקט אויף די אומגעהייערע שווערקייטן און שטערונגען, האָבן אויך זיי געשלאָגן טיפע וואָרצלען אומעטום, וואו יידן וואוינען אין גרויסע פאָלקס־מאַסן.

עס איז אויפגעקומען אַ קאָלאָסאַלע פּרעסע אין דער יידישער שפּראַך. עס האָט זיך וואונדערלעך פונאַנדערגעבליט די יידישע ליטעראַטור, און אייניקע דערגרייכונגען אירע זיינען שוין אַריבערגעוואַקסן די גרעניצן פון דער יידישער וועלט און ווערן פריינטלעך און מיט פאַרשטענדעניש אָפּגעשאַצט פון דעם געבילדעטן ניט־יידישן אַרום. עס האָט זיך אַנטוויקלט די יידישע דראַמאַטישע קונסט, און דאָס יידישע טעאַטער איז אַ שטענדיקע אינסטיטוציע אין אַ סך שטעט. עס איז פאַרפלאַנצט געוואָרן און האַלט אין איין וואַקסן אַ סיסטעם פון דער ניי־יידישער פּראָגרעסיווער דערציאונג מיט יידיש, ווי די שפּראַך פון די לימודים. די יידישע שפּראַך גופא איז פּאַקטיש דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך. די אַרבעטן פון דעם „יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט״ אין ווילנע, ווי אויך די פון די העכערע יידישע אינסטיטוטן אין ראַטנלאַנד, שטייען אויף אַ גאָר געהויבענעם קולטורעלן ניוואָ. דאָס רעכט פון דעם יידישן פאָלק אויף

אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן איז פאַר אַ סך וואוין־לענדער אָנערקענט געוואָרן אָפיציעל אין דעם פרידנס־טראַקטאַט פון ווערסאַיל. דאָסזעלביקע נאַציאָנאַלע רעכט אויף זעלבסטפאַרוואַלטונג ווערט פאַרווירקלעכט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין ראַטנלאַנד, אין אַ מאָס, וואָס מוז אַרויס־רופן צו זיך דעם גרעסטן רעספּעקט.

אַט די אַלע קולטורעלע און אויטאָנאָמיסטישע טעטיקייטן האָבן גע־פירט דערצו, אַז די יידישע שפּראַך און די שאַפונגען אין איר זיינען שוין איצטער געוואָרן יענע יידישע „גייסטיק־נאַציאָנאַלע היים״, וואָס בינדט צונויף אין איין איינציקער קולטור־ספערע דעם רוב מנין און דעם רוב בנין פון דעם יידישן פאָלק איבער גאָר דער וועלט און וואָס ווערט אַלץ מער און מער אַ שוץ־וואַנט אַרום דער יידישער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און פרייער אַנטוויקלונג — אַ וועלטלעכע, נאַציאָנאַל דערהאַלטנדיקע קראַפט, וואָס קאָן אין אַט דער ראָלע אויפנעמען די קאָנקורענץ מיט דער אַלט־יידישער רעליגיע.

צו די וויכטיקסטע גרונט־פּרינציפּן פון דעם סאָציאַליסטישן גלות־נאַציאָנאַליזם האָט אַלעמאָל געהערט דער איבערבוי פון דעם יידישן סאָצי־אַל־עקאָנאָמישן בנין אויף אַרבעטער־יסודות. קורץ גערעדט: דאָס שטרעבן אויך אין די וואוין־לענדער צו פאַרוואַנדלען אונדזער פאָלק פון ריין־גייסטיקע פּראָפעסיעס אין אַן אַרבעטער־פאָלק, ווי אַלע אַנדערע פעלקער אין דער וועלט, מיט אַ סאָלידן באַזיס פון אַן אייגענער אַרבעטער אַגראַר־ווירטשאַפט.

די האָפענונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אַט דעם גרונט־שטרעבן פון דעם סאָציאַליסטישן גלות־נאַציאָנאַליזם, זיינען ניט פאַרווירקלעכט גע־וואָרן אין דעמזעלביקן גראַד, ווי די קולטורעלע, רעכטלעכע און שפּראַכ־לעכע שטרעבונגען זיינע. אָבער אויך זיי זיינען שוין אַריבערגעוואַקסן די סטאַדיע פון דעם ריין־אידעאישן קאַמף און זיינען אַריין אין דעם פעריאָד פון פאַרווירקלעכט ווערן: אין ראַטנלאַנד ווערן זיי פאַרווירקלעכט אין גאָר אַ גרויסער מאָס; אין די אַנדערע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, — אַ דאַנק, דער עיקר, דער טעטיקייט פון דער געזעלשאַפט „אָרט״, — האָבן זיי אויסגעבויט מער אָדער ווייניקער באַדייטנדיקע אַגראַרישע אינדזעלעך. דאָ אין אַמעריקע האָט דער רוף צו דעם אַרבעטאַרישן, דער עיקר, אַגראַ־רישן איבערבוי פון אונדזער סאָציאַל־עקאָנאָמישן בנין שוין אויך געפונען אַ געוויסן אָפּקלאַנג אין די מוחות און אין די הערצער פון אונדזערע כלל־טוער און פון אונדזערע פאָלק־מאַסן. לאָמיר דאָ פאַרצייכענען נאָר דעם פאַקט, וואָס די וואַשינגטאָנער רעגירונג האָט, אַ דאַנק אַט דעם רוף,

אַסיגנירט אַ דריי־פערטל מיליאָן דאָלאַר פאַר דעם אויפבוי פון אַן אַגראַר־אינדוסטריעלער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע ספּעציעל פאַר יידן. און עס איז פאַראַן, ווי איך ווייס דאָס זיכער, אַ גוט־באַגרינדעטע האָפענונג, אַז אויב אָט דער ערשטער עקספּערימענט זאָל ווייזן די ערשטע סימנים פון אַ דערפאָלג, וועט זיך עפענען אַ פרייער וועג פאַר אַ סך און אַ סך אַזעלכע יידישע קאָלאָניעס.

אָט די טענדענץ אין אונדזער ווירקלעכקייט, צו רעוואָלוציאָניזירן דאָס יידישע לעבן, מוז האַלטן אין איין שטייגן, דער עיקר דערפאַר, וואָס עס איז אויפגעקומען אַ גאַנץ נייע סיטואַציע אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט־ווירטשאַפט. דער קאַפּיטאַליזם האָט דערגרייכט אַ צושטאַנד, וואו ער איז געצוואונגען איינצוגרעניצן זיינע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן. דאָס טראָגט אין זיך די גרעסטע געפאַר פאַר די יידישע עקאָנאָמישע שאַנסן און אויסזיכטן אין אַלע שטאַטישע, ריין־הענדלערישע און ריין־גייסטיקע פּראָפעסיעס. אונדזערע מאַסן ווערן דעריבער געצוואונגען צו פאַרטראַכטן זיך וועגן זייער אייגענעם גורל און וועגן דעם גורל פון זייערע קינדער אין דער איצטיקער וועלט. זיי מוזן ווערן אַלץ מער און מער געטריבן פון דער הערשנדיקער ווירקלעכקייט, צו זוכן אַן אויסוועג אין דער פיזי־שער אַרבעט בכלל, אין דער ערד־אַרבעט בפרט. אָט דער שאַרפער פּראָצעס פון דעם ווירקלעכן לעבן, וואָס שטרעבט אַרויסצוגלידערן אונדז פון דעם ניט־יידישן אַרום, סיי עקאָנאָמיש, סיי קולטורעל, באַשאַפט אַ קאָלאָסאַלע יידישע לעבנס־נויט, וואָס קאָן ניט פאַרענטפערט ווערן אויף דעם וועג פון אַריינגלידערן זיך אַסימילירטערהייט אין דעם איינדאַרנדיקן קאַפּיטאַליס־טישן רעזשים. עס וועט פאַר אונדזערע פאָלקס־מאַסן ניט בלייבן קיין אַנ־דער ברירה, ווי נאָר צו זוכן זייער רעטונג אויף דעם וועג פון דעם סאָציאַ־ליסטישן, אַרבעטאַרישן גלות־נאַציאָנאַליזם, דעם וועג פון סאָציאַל־עקאָנאָ־מישן און קולטורעלן זעלבסט־איבערבוי, — דעם איינציקן פאַרבאַדינג פאַר אַ דערפאָלגרייכן קאַמף אַנטקעגן דעם שטורמיש־אָנקומענדיקן אַנטיסע־מיטיזם.

און וואו האַלט דאָס אין לעבן מיט דער דריטער גרונט־ריכטונג פון אונדזער פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם? וואו האַלט דאָס מיט דעם טעריטאָרי־אַליזם, מיט זיינע האָפענונגען און שטרעבונגען צו באַשאַפן אַן אייגן יידיש לאַנד, ערגעץ־וואו אין חוץ־לארץ? אַ לאַנגע צייט האָט זיך געדוכט, אַז דאָס לעבן האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון אָט דער ריכטונג. אָבער גראָד אין גאָר דער לעצטער צייט האָט דער טעריטאָריאַליסטישער אידעאַל ווידער באַקומען אַן אומדערוואַרט הויכן שוואונג. מיט דער „קאַלינין־

דעקלאַראַציע" וועגן בירא־בידזשאַן, מיט דעם אימפּעט, מיט וועלכן די ראַטנמאַכט נעמט זיך פאַר דעם אויפבוי פון דעם יידישן לאַנד, איז אויך דער טעריטאָריאַליזם אַריין אין דער סטאַדיע פון זיין פאַרווירקלעכונג.

באַטראַכט מען אַט די אַלע ממשותדיקע רעזולטאַטן פון די דריי גרונט־ריכטונגען אין אונדזער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן געדאַנק, מוז מען קומען צו דעם שלוס, אַז זיי אַלע דריי האָבן זיך שוין אַזוי פעסט איינגע־וואָרצלט אין דער ווירקלעכקייט, אַז אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן איז פאַר זיי געזיכערט אַ שטענדיק וואַקסן, און אַז נאָר אַבנאָרמאַלע קאַטאַס־טראָפעס, וועלכע קיינער קאָן ניט פאָרויסזען, קאָנען זיי אויסוואָרצלען פון דעם לעבן.

לפי ערך ווייניקער פאַר אַלע איז שוין איצטער געזיכערט, מוז איך מודה זיין, דער וואוקס פון דעם גלות־נאַציאָנאַליזם, בפרט אין זיין שטרעבן איינצופעסטיקן די קולטור־ספערע אין יידיש. דאָ האָט דער גלות־נאַציאָ־נאַליזם אַזויפיל פיינט אַנטקעגן זיך, סיי מצד איינזייטיקע העברעאיסטן, סיי מצד דער אַסימילאַציע, אַז צו באַשטיין זיין שטעטל איז פאַר אים גאָר ניט אַזאַ גרינגער ענין און פאָדערט די העכסטע אָנשטרענגונגען מצד זיינע טרייע און איבערגעגעבענע טוערס. אָבער פונדעסטוועגן איז, ווי מיר האָבן געזען, פאַראַן אַ גרונט צו האָפן, אַז זיין קאַמף פאַר אונדזער פולער נאַציאָ־נאַלער ווידערגעבורט אויך אין די וואוין־לענדער, — אויף די יסודות פון אייגענער יידישער אַרבעט און פון אַ קולטור־לעבן אין דער אייגענער יידישער שפּראַך, — וועט אין דער נאָענטסטער צוקונפט קאָנען, אַפילו אויך אין אַמעריקע און קאַנאַדע, געפירט ווערן מיט אַ סך גרעסערע שאַנסן אויף דערפאָלג, איידער ביז אַהער. אַ חוץ די אויבן־אָנגעמערקטע אָביעקטיווע טעמים, דאַרף מען נאָך האָבן אין אויג, אַז די האָפענונגען און באַ־שטרעבונגען פון זיין הויפּט־פיינט, דער אַסימילאַציע, האָבן שוין פאַרלאָרן יענע גלענצנדיקע שאַנסן, וואָס זיי האָבן געהאַט נאָך ניט לאַנג צוריק. דער פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַליזם אין אַלע זיינע ריכטונגען און דערגריי־כונגען געווינט אין אונדזער עפנטלעכן געדאַנק בפירוש אַלץ מער און מער איבערוואָג איבער דעם אַסימילאַטאָרישן איינשטעל.

איך לייקן ניט דעם פאַקט, אַז די סטיכישע באַשטרעבונגען פון דער אַסימילאַציע ווערן נאָך איצטער ניט נאָר ניט אָפּגעשוואַכט, נאָר אפשר דאָ און דאָרטן פאַרשטאַרקט. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די אַלטע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע פאָרמען פון דעם יידישן לעבן גייען דורך אַ שאַרפן קריזיס, שיר־ניט אַ פולן פונאַנדערפאַל, בעת די נייע, די פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען זיינען אי נאָך ניט אין גאַנצן אויסגעבויט,

אי דער שטח זייערער איז נאָך צו קליין אויף אַריינצונעמען אין זיך אַלע פּראָדוקטן פון דעם פונאַנדערפאַל. שטאַרקן זיך דאָ און דאָרט די אַסימילאַ־טאָרישע באַשטרעבונגען, אַ דאַנק דעם צופלוס פון אָט די פּראָדוקטן.

אָבער אויף די האַפענונגען, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט שפּראַכ־לעך־קולטורעלער אַסימילאַציע, איז אין דער לעצטער צייט געקומען אַזאַ בראָך, אַז עס איז ניטאָ קיין ברעקל גרונט אָנצונעמען, זיי זאָלן נאָך לאַנג קאָנען אָנהאַלטן זייערע פּאָזיציעס אין דעם יידישן עפנטלעכן געדאַנק.

מיט דעם אויפקום פון דעם פאַשיזם און ספּעציעל דעם דייטשן „נאַ־ציזם” פאַרשווינדט טאָג־טעגלעך יענע האָפענונג, וואָס די אַסימילאַציע האָט אַריינגעטראָגן אין דער יידישער וועלט, אַז מיט איר וואוקס וועט מען סוף־כל־סוף גובר זיין דעם אַנטיסעמיטיזם. דער אַמאָליקער גלויבן, אַז די בעסטע תרופה פאַר דער „רשעות” איז די אַסימילאַציע, דאָס טיפערע אַריינדריגען אין דעם ניט־יידישן לעבן און דאָס צונויפוואַקסן מיט אים שפּראַכלעך און קולטורעל, — אָט דער גלויבן האָט שוין דורכגעמאַכט זיין פולן באַנקראָט, גראָד אין יענעם לאַנד, וואו ער איז צוערשט אויפגע־קומען, אין דייטשלאַנד. דאָס לעבן האָט אָבער אויך אומעטום באַוויזן, אַז די אַסימילאַציע שוואַכט ניט אָפּ דעם אַנטיסעמיטיזם, נאָר, אַדרבה, זי פאַרשטאַרקט אים מיט אַן אומגעהייערער קראַפט. וואו די אַסימילאַציע וואַקסט, וואַקסט דער אַנטיסעמיטיזם אים אַלע מאָל איבער. איך האָב זיי שוין ניט איין מאָל פאַרגליכן צו צוויי מעסערס, וואָס שאַרפן איינס דאָס אַנדערע. וואָס מער אַנטיסעמיטיזם, אַלץ מער דער דראַנג אין געוויסע קרייזן אונדזערע צו אַנטלויפן פון דעם יידישן זיין, זיך אינגאַנצן צונויפ־צוגיסן מיט דעם אַרום. און וואָס מער מיר דרינגען אַריין אין דעם ניט־יידישן אַרום, אַלץ שטאַרקער קומט דאָרטן אויף דער אַנטיסעמיטישער קעגן־דראַנג אַרויסצושליידערן אונדז פון זיך.

און ס׳איז ניטאָ קיין אַנדער אַנטרינען פון אָט די צוויי שאַרפע מע־סערס, תמיד אָנגעגרייטע צו מאַכן אַ תל פון אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיס־טענץ, ווי נאָר דאָס פּריווילִיקע קומען צו זיך, צו אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן זיין און אַן אייגענער קולטורעלער אַנטוויקלונג. אָט די יידישע לעבנס־בויט וועט אויך מוזן מאַכן אַ סוף צו די סטיכיש־נאָך וואַקסנדיקע באַשטרע־בונגען פון דער אַסימילאַציע.

איך ווייס, אַז דער פאַשיזם, דער נאַציזם און די פאַרשאַרפטע יידנ־פיינטשאַפט זיינען ניט געקומען אויף צו פאַרבלייבן אין דעם מענטשלעכן לעבן. עס איז פאַר מיר קיין ברעקל ספק ניטאָ, אַז דער מענטשלעכער פּראָגרעס וועט זיי גובר זיין. אָבער אַ געפערלעכן טעות מאַכן אַלע יענע,

וואָס מיינען, אַז דער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט וועט זיך אומקערן צו יענעם ליבעראַל־בורזשואַזן פּעריאָד, וואָס האָט אונדז געבראַכט די ביר־געלעכע גלייכבאַרעכטיקונג פאַרן פּרייז פון נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד. דער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט הענגט איצטער אָפּ ניט פון דעם אינדיווי־דועלן ליבעראַליזם, נאָר פון דעם סאָציאַליזם. דער סאָציאַליזם האָט אָבער, לויט זיין אינעווייניקסטן מהות, אַ גאַנץ אַנדער שטעלונג צו דעם ענין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג. ער איז בשום אופן ניט אַנטי־נאַציאָנאַל, נאָר אינטערנאַציאָנאַל, — וואו נאָר דער סאָציאַליזם געווינט די מאַכט אויף דער געשטאַלטונג פון דעם לעבן אין אַזאַ, צי אין אַן אַנדער פאָרעם זיינער, ווייזט זיך תיכף אַרויס זיין פעלקער־פאַרברידערנדיקע אָבער אויך פעלקער־דערהאַלטנדיקע טענדענץ. דער בעסטער באַווייז איז יענע ווירקלעכקייט, וואָס ווערט איצטער געפורעמט אין דעם ראַטנלאַנד אונטער אַ סאָציאַליסטישער רעגירונג.

דאָ האָבן מיר ווידער אַ גאָר וויכטיקן פונקט, וואו דאָס לעבן האָט געזאָגט זיין קרעפטיקן זאָג פאַר דעם גורל פון יענע אידעען און אידעאַלן, פאַר וועלכע מיר האָבן זיך איינגעשטעלט אין דעם פאַרגאַנגענעם האַלבן יאָרהונדערט. מיט פופציק יאָר צוריק, ווען מיר איז אויסגעקומען צו מאַכן מיין ערשטן שריט אין דער יידיש־סאָציאַליסטישער טעטיקייט, האָט כמעט די גאַנצע סאָציאַליסטישע וועלט געגלויבט, באמונה שלמה, אַז מיט דער אָפּשאַפונג פון דעם קאַפּיטאַליזם און דעם פאַרשווינדן פון די קלאַסן, וועלן אויך מוזן פאַרשווינדן די פעלקער. ניט וויניק מי האָט געמוזט אָנגעווענדט ווערן, צו באַווייזן, אַז די געשיכטע פירט פאַר פעלקער אַ גאַנץ אַנדער חשבון, איידער פאַר קלאַסן; ווייל קלאַסן ליגן איינער איבער דעם אַנדערן, פעלקער אָבער שטייען אָדער קאָנען שטיין איינס לעבן אַנדערן. מיט דעם פאַרשווינדן פון יענע קלאַסן, וואָס דריקן אויף דער אַרבעטנדי־קער מענטשהייט, מוז דעריבער אויך פאַרשווינדן יענער דרוק, וואָס איין פאָלק דריקט אויף אַן אַנדער פאָלק; יענע איבערוואָג, וואָס איין פאָלק האָט איבער אַן אַנדער פאָלק. די באַפרייאונג פון דער אַרבעטאָרישער מענטשהייט פון דעם קלאַסן־דרוק ברענגט מיט זיך אין דערזעלביקער צייט די באַפרייאונג פון די אַרבעטאָרישע פעלקער, וואָס קאָנען אָנהייבן אַ פריי נאַציאָנאַל וואַקסן אין דער הויך. יעדעס פאָלק, לויט זיין לאַנד, זיין כאַראַקטער, זיין היסטאָרישן עבר, זיין פאַרשידנאַרטיקן קולטורעלן שאַפן. די ווירקלעכקייט פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין ראַטנ־לאַנד באַווייזט די ריכטיקייט פון אָט דעם גרונט־געדאַנק, פאַר וועלכן מען האָט געמוזט אַזוי עקשנותדיק קעמפן.

איך וואָלט מיך געקאָנט נאָך מער אָפּשטעלן אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם, אין זיינע האָפענונגען, שטרעבונגען און אינעווייניקסטע קאַמפן, אין זיינע מפּלות און דערגרייכונגען, כדי אָנצו־ווענדן זיי ווי אַ פּרוביר־שטיין אויף דער ריכטיקייט פון יענעם סאָציאַ־ליסטישן איינשטעל, וואָס איז פאַר מיר געווען דער לויכטנדיקער שטערן אויף דעם וועג פון מיין סאָציאַליסטישער טעטיקייט. דאָס איז אָבער אַ צו קאָמפּליצירטע טעמע, איך זאָל זיך מיט איר קאָנען פאַרנעמען. דאָ איצטער זאָל נאָר אָנגעמערקט ווערן, אַז די אַלגעמיין־טעאָרעטישע, ספּעציעל סאָציאַליסטישע אידעען, פאַר וועלכע איך האָב מיין גאַנצן באַוואוסטזיניקן לעבן איינגעשטעלט, הייבן ערשט איצטער אָן, — זינט דעם וועלט־קריג און דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע, — צו געווינען אַלץ מער און מער גרונט סיי אין דער פּראַקטישער טעטיקייט פון אַ סך באַדייטנדיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, סיי אין דער ממשותדיקער ווירק־לעכקייט פון אַ סאָציאַליסטישן בוי.

עס איז מיר אויסגעקומען צו קעמפן יאָרן און יאָרן לאַנג אַנטקעגן דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און איר איינזייטיקן מאַרקסיזם. די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט דורך אָפּטמאָל גלענצנדיקע טעאָרע־טישע אַרבעטן, — דער עיקר פון געאָרג פּלעכאַנאָוו און זיין שולע, — זיך געמיט צו באַווייזן, אַז מיט דער מאַרקסיסטישער פאָרשונג־מעטאָדע קאָן מען אָביעקטיוו־וויסנשאַפטלעך אַרויסברענגען, וואוהין ס׳טראָגט דער שטראָם פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, און אַז ער טראָגט בפירוש צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם סאָציאַליסטישן ענדציל. להיפוך צו אָט דעם הערשנדיקן איינשטעל אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, האָב איך פאַר־טיידיקט דעם געדאַנק, אַז ווען אָביעקטיוו פאָראויסזען, וואוהין עס טראָגט דער שטראָם פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, — אַלץ־איינס וועלכע מעטאָדן מען זאָל דערביי ניט אָנווענדן, —איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַן אוטאָפּיע אויף דעם פעלד פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג און אַז די רעזול־טאַטן פון אַזעלכע אוטאָפּיסטישע אויפגאַבן, וואָס שטייגן אַריבער די כוחות פון אַ מענטשלעכער דערקענטעניש, זיינען אַלע מאָל ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אילוזיעס פון דעם אָביעקטיוו־לאָגישן דענקען. סוביעקטיווע וואונטשן און גלויבונגען פאַרוואַנדלען זיך דערביי פּסיכאָלאָגיש אין אַ כלומרשט אָביעקטיווער וויסנשאַפט. באַפרייען מיר זיך אָבער פון אָט די אילוזיעס, דעמאָלט מוז דער סאָציאַליזם באַגרעניצן זיינע אידעאַלן און פאָדערונגען ניט מיט דעם אָנווייז אויף דעם סטיכיש־היסטאָרישן פּראָצעס, נאָר אויף די לעבנס־איטערעסן פון די גרויסע אַרבעטאָרישע מאַסן און אויף די

אידעאַלן פון אַ פרייען,עקאָנאָמיש־געזיכערטן, קולטורעל הויך־שטייענדיקן און מאָראַליש געזעכטן לעבן פון יעדן מענטשנקינד. און גראָד אָט די ריכטונג געווינט איצטער אַלץ מער און מער וואָג אין דער סאָציאַליס־טישער טעאָריע.

דער רוסישער איינזייטיקער מאַרקסיזם האָט פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ניט געוואָלט צוגעבן, אַז אין רוסלאַנד קאָן דורכגעפירט ווערן אַ סאָציאַליסטישער איבערקער, איידער זיינע אַרבעטאַרישע מאַסן וועלן זיך אויסקאָכן אין דעם קעסל פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג און פאַרוואַנדלט ווערן, אין זייער מאַיאָריטעט, אין לוין־אַרבעטער. די סאָציאַ־לע רעוואָלוציע, האָט דער מאַרקסיזם געגלויבט, וועט פאַרקומען ניט אין איין לאַנד, נאָר אינטערנאַציאָנאַל, אין אַלע יענע לענדער, וואו דער קאַפּי־טאַליזם וועט דערגרייכן זיין העכסט־מעגלעכע הויך. די צוריקגעבליבענע אַגראַרישע לענדער, ווי אויך רוסלאַנד, וועלן ערשט דעמאָלט, נאָך דער אַלוועלטלעך־סאָציאַלער רעוואָלוציע, קאָנען אַריינגיין אין דעם סאָציאַ־ליסטישן גן־עדן, אַריבערשפּרינגענדיק די נאָך ניט דורכגעמאַכטע פאַזן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג.

מיר, די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן פון דעם ערשטן פעריאָד, האָבן פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ בליק. מיר האָבן געטענהט, אַז די אויפגאַבן פון די סאָציאַליסטן אפילו אין די אַגראַרישע לענדער פון אייראָפּע און בפרט אין רוסלאַנד מוז באַשטיין ניט נאָר אין דעם קאַמף פון דער לוין־ אַרבע־טערשאַפט אַנטקעגן דער אויפקומענדיקער בורזשואַזיע אין די גרעניצן פון דעם קאַפּיטאַליזם, נאָר דער עיקר אין דעם קאַמף פון אַלע אַרבעטאַ־רישע שיכטן אַנטקעגן דעם גאַנצן קאַפּיטאַליסטישן רעזשים.

איך האַלט נאָך עד היום, אַז אין יעדן לאַנד דאַרפן די סאָציאַליסטן שטרעבן צו אָרגאַניזירן אין איין סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אַלע אַרבעטנ־דיקע און אונטערדריקטע; דער עיקר אָבער מוז באַשאַפן ווערן אַ פעסטער בונד צווישן די דריי אַרבעטאַרישע הויפּט־גרופּן: דער פּויערימשאַפט, דער לוין־אַרבעטערשאַפט און אַרבעטאַריש־געשטימטער אינטעליגענציע.

אַזאַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מוז שטרעבן אויסצואַרבעטן אַ פּראָגראַם פון אוממיטלבאַרן סאָציאַליסטישן איבערקער אין יעדן לאַנד באַזונדער, לויט די באַדינגונגען פון דעם לאַנד, ניט קוקנדיק דערויף, צי דער קאַפּי־טאַליזם איז שוין דאַרטן, ווי אַ לוטבאַלאָן, אויפגעבלאָזן געוואָרן צו אַזאַ פאַרנעם, אַז ער מוז פון זיך אַליין פּלאַצן.

און נאָך אַ וויכטיקן פונקט מוז מען דאָ האָבן אין אויג: אַ סך מאַרק־סיסטן קוקן נאָך עד היום אויף דעם פּראָבלעם פון פרייהייט נאָר ווי אויף

אַ מיטל צום סאָציאַליסטישן ענדציל — אַ מיטל, וואָס קאָן און מעג אָפּגע־וואָרפן ווערן, אויב מיט אומפרייהייט קאָן מען גיכער צוגיין צום ציל. מיר האָבן אַלעמאָל פאַרטיידיקט דעם געדאַנק, אַז סאָציאַליזם און פרייהייט זיינען פּונקט אַזוי נויטיק דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט, ווי ברויט און פרישע לופט. אָבער אַ מענטש קאָן אויך ניט אָטעמען אין אַ פאַרשטיקטער לופט, סוף־כּל־סוף מוז ער דערשטיקט ווערן אין איר. דעריבער קאָן ניט זיין קיין אמת־מענטשלעכער סאָציאַליזם אָן פרייהייט, און עס קאָן ניט זיין קיין אמת־מענטשלעכע פרייהייט אָן סאָציאַליזם; אין יעדן מאָמענט פון סאָציאַליסטישן קאַמף, פון דעם סאָציאַליסטישן איבערקער און פון דעם סאָציאַליסטישן בוי מוז מען מיט אַלע כּוחות שטרעבן דערצו, מען זאָל ניט ווערן אומטריי צו אָט דעם צוויי־איינציקן אידעאַל פון דעם פרייהייטלעכן סאָציאַליזם.

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז עס איז נאָך ווייט דערפון, אין דער סאָציאַ־ליסטישער וועלט זאָלן ווערן הערשנדיק אָט די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן. אָבער טיילן זייערע ווערן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס פאַרווירקלעכט שוין איצטער.

ראַטנלאַנד, דאָס לאַנד פון דער כּלומרשטער פּראָלעטאַרישער דיק־טאַטור, וואָס וויל ניט וויסן פון פרייהייט אין דעם סאָציאַליסטישן בוי און וואָס פאַלט כּורעים פאַר דעם קולט פון מאַרקסיזם און פון פּראָלע־טאַרישקייט, איז אָבער אויך געווען דאָס ערשטע לאַנד, וואָס האָט עובר געווען אויף די ריין־מאַרקסיסטישע געבאָטן. אַנשטאָט דעם ריין־פּראָלע־טאַרישן איינשטעל, איז זי געצוואונגען געוואָרן צו דערקלערן אַן אַרבע־טער־פּויערים רעפּובליק. אַנשטאָט וואַרטן אויף דער אַלוועלטלעכער רע־וואָלוציע, מוז זי שטרעבן צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד, אין דעם אייגענעם לאַנד.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אַזעלכע הויך־אַנטוויקלטע לענדער, ווי ענגלאַנד און בעלגיע, זיינען גראָד אין דער לעצטער צייט צוגעשטאַנען צו דעם אַזוי באַדייטנדיקן און וויכטיקן לאָזונג: „סאָציאַליזם אין אונדזער לאַנד אין אונדזערע טעג“. צו דעמזעלביקן איינשטעל ווערן געטריבן אויך די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דייטשלאַנד און עסטרייך. אומעטום אין אָט די לענדער באַמערקן מיר אַ שטרעבן צו פאַראייניקן אין איין קאַמף־אַרמיי די פּויערים, די אַרבעטער און די אינטעליגענטע פּראָפעסיעס, מיט דעם הויפּט־ציל אין אויג, צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם אין יעדן לאַנד באַזונדער, אַלץ־איינס ביז צו וועלכער מדרגה דער קאַפּיטאַליזם

האָט זיך דאָרטן אַנטוויקלט, און אַלץ־איינס,וואו דאָס האַלט מיט די שאַנסן פון אַ סאָציאַליסטישן איבערקער אין די אַנדערע לענדער.

געוויס ווייס איך אויך, אַז עס איז נאָך זייער ווייט דערפון, די סאָציאַ־ליסטישע וועלט זאָל אָננעמען הונדערט־פּראָצענטיק אָט די אַלע גרונט־פּרינציפּן, פאַר וועלכע איך שטעל מיך איין. אָבער אַז די געשיכטלעכע ווירקלעכקייט טרייבט דעם סאָציאַליזם אָנצודערקענען זיי אַלץ מער און מער — דערין קאָן ניט זיין קיין ברעקל ספק. אַזוי אַרום געפינען מיר, אַז דאָס ווירקלעכע לעבן האָט שוין געגעבן אַ היפּשן אָדערויף סיי אויף מיין יידישן חשבון, סיי אויף מיין סאָציאַליסטישן. דאָס שטאַרקט אין מיר דעם גלויבן, אַז דער וועג, אויף וועלכן איך בין אַרויף מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, איז ניט געווען קיין פאַלשער; אַז מיין לעבנס־אַרבעט איז ניט געווען קיין אַרויסגעוואָרפענע, און אַז די באַמיאונגען פון אַלע די, וואָס גייען אין אָט דעם וועג, גאַנץ אָדער טיילוויז, וועלן ניט אָפּשוואַכן, נאָר פאַרשטאַרקן די כוחות פון יענער אַרמיי, וואָס קעמפט פאַר דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, פאַר אַלע פיר פונדאַמענטאַלע פאָדערונגען זיינע: די פרייהייט פון יעדן יחיד, די סאָציאַלע גלייכהייט, די קולטורעלע רייכ־קייט און די אינטערנאַציאָנאַלע ברידערלעכקייט.

דעריבער ווערט אין אונדז אויך פאַרשטאַרקט די גליענדיקע האָפענונג און דער פעסטער גלויבן, אַז ווי שווער עס זאָל איצטער ניט דריקן די שווערע לאַסט פון דער פאַשיסטישער רעאַקציע אומעטום, איז שוין ניט ווייט די צייט, ווען די אונטערדריקטע מענטשהייט וועט זי אַראָפּוואַרפן פון זיך און וועט אַרויף אויף דעם וועג פון איר פולער באַפרייאונג. און עס ווערט פאַרשטאַרקט דער גלויבן, אַז אויך פאַר אונדזער פאָלק וועט באַלד שלאָגן די שעה פון אונדזער דאָפּלטער באַפרייאונג, דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער; אַז אויך די יידן, ווי אַ פאָלק, וועלן אויפגענומען ווערן, ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד אין דער פאַרברידערטער משפחה פון די באַפרייטע פעלקער.

.1935

רעליגיע, קולטור, שפּראַך

לאָמיר קודם כל קלאָר ווערן וועגן די ענינים, וואָס דאַרפֿן אונדז באַשעפֿטיקן אין דער היינטיקער לעקציע: רעליגיע, קולטור, שפּראַך.*

מיר וועלן אָנהייבן מיט דער קולטור. אין דעם ברייטסטן זין פֿון דעם וואָרט איז קולטור — אַלץ, וואָס גייט דורך דורך מענטשלעכע הענט און דורך דעם מענטשלעכן קאָפּ, אָנגעהויבן פֿון דער איינפֿאַכסטער פֿיזישער אַרבעט ביז צו די העכסטע פּראָדוקטן פֿון אַ מענטשלעכן גייסט. דאָס באַשאַפֿן פּראָדוקטן, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט דער ערד־אַרבעט, רופֿט זיך אַגריקולטור.

קולטור אין דעם ברייטסטן זין פֿון דעם וואָרט האָט זיין קעגנזאַץ: „נאַטור". מען רופֿט נאַטור־פֿלאַנצן, פֿלאַנצן אַזעלכע, וואָס וואַקסן אויך אין אַ ווילדן צושטאַנד, אָן דעם צוטו פֿון אַ מענטשלעכער האַנט און אַ מענטשלעכן געדאַנק. קולטור־פֿלאַנצן רופֿן מיר אָן אַזעלכע, וועלכע דער מענטש פֿאַרבעסערט לויט זיין פֿאַרשטאַנד און באַדערפֿעניש. אַזוי אַרום ווערט אין דעם אַלגעמיינעם באַגריף פֿון קולטור איינגעשלאָסן די פֿאַר־שטעלונג פֿון פֿאַרבעסערונג. די זאַכן, וועלכע דער מענטש געפֿינט אין דער נאַטור, באַאַרבעט דער מענטש, ער פֿאַרבעסערט זיי, לויט זיינע מענטשלעכע צילן און אידעאַלן.

אַ ווילדער וואַלד־עפּל איז אַ גאַנץ גוטע פֿרוכט. אָבער דער מענטש האָט אין משך פֿון אפֿשר צענדליקער טויזנטער יאָרן באַשאַפֿן פֿאַרשיידנ־אַרטיקע בעסערע אַרטן עפּל. און אַזוי אויך מיט פֿיל אַנדערע פֿרוכטן, גרינסן אָדער בלומען. וועגן אָט די פֿאַרבעסערטע פֿלאַנצן זיינען פֿאַראַן מערערע ספּעציעלע וויסנשאַפֿטן און זיי אַלע ווערן אַרומגענומען מיט דעם וואָרט „האָרטי־קולטור".

אָבער גראַד ווייל דאָס וואָרט קולטור טראָגט אין זיך די פֿאָרשטעלונג פֿון אַ פֿאַרבעסערונג, פֿון אַ העכערער אַרט, איידער דאָס וואָס מען גע־

---

* אַ לעקציע, וואָס ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן אין פֿאַרשיידענע שטעט פֿון אַמעריקע.

פּינט אין אַ ווילדן אָדער רויען צושטאַנד אין דער נאַטור — דאָס, זאָג איך, האָט געפירט צו אַן ענגערן באַגריף פון דעם וואָרט. אין דער עט־נאָגראַפיע, דער פעלקער־וויסנשאַפט, רעדט מען וועגן נאַטור־פעלקער און קולטור־פעלקער. די נאַטור־פעלקער זיינען די זעלביקע, וועלכע מען רופט אָן: די ווילדע פעלקער, הגם דאָס ווילדסטע פאָלק אין דער וועלט האָט שוין אַ געוויסע אַרט פון קולטור אין דעם ברייטסטן זין פון דעם וואָרט. זיי האָבן פאַרשיידענע אַרטן געצייג און קאָנען פאַרענדערן, ד״ה, פאַר־בעסערן ריין־נאַטירלעכע זאַכן לויט זייערע מענטשלעכע פאַרלאַנגען. זיי רעדן אַ שפּראַך — און מעג זי זיין נאָך ווי אָרעם — זיי האָבן פאָר־שטעלונגען וועגן גייסטיקע וועלטן — און מעגן אָט די פאָרשטעלונגען זיין נאָך ווי קינדיש, אומאַנטוויקלט און פרימיטיוו.

דער באַגריף קולטור און פאַרבעסערונג ווערט נאָך מער איינגעאייגנט ווען מען גייט איבער צו דעם לעבן פון די קולטור־פעלקער, ווייל אויך אין אָט דעם לעבן זיינען פאַראַן געוויסע עלעמענטן, וועלכע דער מענטש שאַצט פאַר אַ העכערער אַרט, איידער די אַנדערע עלעמענטן. די העכערע אַרטן ווערן דעמאָלט די טרעגער פון דעם אייגנטלעכן קולטורעלן לעבן ביי אַ פאָלק.

וואָס זיינען דאָס פאַר אַ העכערע עלעמענטן? — מיר קאָנען זיך ליידער ניט אַריינלאָזן אין דער גאַר לאַנגער חקירה, כדי צו געבן דעם פולן ענטפער אויף אָט דער פראַגע.

לאָמיר דאָ מיטטיילן נאָר איין איינציקן געדאַנק פון גאָר אַ גרויסן און טיפן דענקער, וואָס האָט אַ היפש ביסל געטראַכט וועגן דער מענטש־לעכער אַרבעט, איר מהות און איר גורל אויף דער וועלט. מיר מיינען דאָ דעם סאָציאַליסטישן דענקער, קאַרל מאַרקס.

דאָס גאַנצע קולטור־לעבן פון אַ געזעלשאַפט שיידט מאַרקס פונאַנדער אין צוויי אַרטן. איין אַרט פון דער מענטשלעכער טעטיקייט האָט צו טאָן מיט דער דערגרייכונג פון אַ וועלכן עס איז „דרויסנלעכן נוצן״, ווי מאַרקס דריקט זיך אויס, צו באַפרידיקן די עקאָנאָמישע באַדערפענישן. די אַרט איז דער באַזיס פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, און מאַרקס רופט אָן אַלע אָט די אַרבעטן: „די ממשלה פון נויטווענדיקייט״. אָבער אויף אָט דעם באַזיס בויט זיך אויף אַ העכערע ממשלה, וועלכע מאַרקס רופט אָן די „ממשלה פון פרייהייט״. אָט די העכערע ממשלה שטעלט מיט זיך פאָר — „די אַנטוויקלונג פון יענער מענטשלעכער קראַפט, וואָס האָט איר־ציל אין זיך גופא (די זיך אַלס זעלבסטצוועק גילט״), די אמתע

ממשלה פון פרייהייט״. („דאָס קאַפּיטאַל״. דריטער באַנד, צווייטער אָפּ־טייל, ז׳ 355.)

עס איז קלאָר, וואָס פאַר העכערע אַרבעטן און מענטשלעכע טואונ־גען מאַרקס האָט דאָ אין אויג: דאָס איז די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, וואָס וויל נאָר אויסגעפינען דעם אמת; דאָס איז די קינסטלערישע אַרבעט אין מאָלעריי, סקולפּטור, פּאָעזיע, וואָס שטרעבט צו דערגרייכן עסטעטישע צילן; דאָס איז די פילאָסאָפישע אַרבעט, וואָס וויל אויסבויען אין געדאַנק אַ ריכטיק בילד פון דעם גאַנצן וועלט־אַל; דאָס זיינען שטרעבונגען און באַוועגונגען פון יענע מענטשן, וואָס ווילן פאַרווירקלעכן סיי אין דעם אייגענעם לעבן, סיי אין דעם לעבן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט די אידעאַלן פון מענטשלעכקייט, ברידערלעכקייט, גערעכטיקייט און פרייהייט — ווי די דאָזיקע מענטשן פאַרשטייען יענע אידעאַלן. אָט די אַלע מענטש־לעכע טואונגען אין ריינער וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע און קונסט ווערן אַרויסגעבראַכט פון יענער מענטשלעכער קראַפט, וועלכע מאַרקס זאָגט, אַז זי דינט ניט דעם אָדער יענעם דרויסנלעכן נוצן, נאָר טראָגט איר ציל אין זיך גופא.

און צו אָט די העכערע מענטשלעכע טואונגען מעגן מיר צורעכענען נאָך איינע, וועלכע מאַרקס וואָלט מסתמא ניט געוואָלט אַריינגעמען אין חשבון. מיר מיינען דאָ יענע רעליגיעזע גייסטער, וואָס גלייבן אין אַ געטלעכער וועלט־קראַפט און וואָס שטרעבן דורכצופירן דעם ווילן פון דער געטלעכער קראַפט, אין זייער אייגענעם לעבן און אין דעם לעבן פון דער געזעלשאַפט — דורכצופירן אַזוי, ווי זיי, די גלייביקע, פאַרשטייען דעם ווילן פון דער געטלעכער קראַפט. מיר מיינען די רעליגיע, ווי אַ קולטור־צווייג, וואָס טראָגט איר ציל אין זיך גופא.

„קולטור״ אין דעם העכסטן זין פון דעם וואָרט מיינט דעריבער אַ גייסטיק לעבן און שאַפן אין אָט די אַלע צווייגן: אין וויסנשאַפט, קונסט, עטיק, פילאָסאָפיע און רעליגיע. אַ קולטור־מענטש אין דעם העכערן זין פון דעם וואָרט איז דער, וואָס שטרעבט זיך אויסצולעבן אין אָט די העכערע עולמות פון דער „פרייהייט־ממשלה״ און ער שטרעבט דערצו לויט זיינע כוחות, זיין גראַד פון בילדונג, זיין אייגענעם פאַרשטאַנד.

אויב עס איז ריכטיק, וואָס קאַרל מאַרקס לערנט, אַז די אַרבעטן צוליב דרויסנלעכער נוצלעכקייט, ד״ה אַלע טואונגען, וואָס האָבן דירעקט צו טאָן מיט דעם עקאָנאָמישן לעבן, איז נאָר דער פונדאַמענט, און אַז די „פרייהייט־ממשלה״, אָדער די ממשלה פון דער העכערער מענטשלעכער קולטור, ווערט געבויט אויף אָט דעם פונדאַמענט, קאָן מען דעמאָלט מיט

פולסטן רעכט זאָגן, אַז די העכערע קולטור איז די גייסטיקע היים פון דעם מענטשן, ווייל וואוינען וואוינט מען דאָך ניט אין דעם פונדאַמענט.

די עקאָנאָמישע טואונגען און די אַלע קולטור־אַרטן, וואָס זיינען דירעקט פאַרבונדן מיט זיי, דאַרפן נאָר געבן יעדן מענטשן די מעגלעכ־קייט ניט נאָר צו לעבן, נאָר צו לעבן קולטורעל אין דעם העכערן זין פון דעם וואָרט.

און רייך איז אַזאַ קולטור־לעבן! מען קאָן זיך גאָרניט משער זיין, וויפל עשירות די מענטשהייט האָט שוין אָנגעקליבן אין איר קולטורעלן שאַפן.

מען מאַכט אַ גרויסן טעות, ווען מען מיינט, אַז די קולטור פון אַ דור אין דער מענטשהייט באַשטייט נאָר אין די שאַפונגען פון זיין צייט; אַקוראַט ווי גראָד מיט אָט דעם דור האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די קול־טורעלע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט!

אויב מיר נעמען נאָר די קולטורעלע שאַפונגען, וואָס זיינען פאַר־שריבן געוואָרן לדורות, זעען מיר, אַז די מענטשהייט האָט פאַר דריי־פיר טויזנט יאָר אָנגעקליבן אַזוי פיל אוצרות, אַז זיי קאָנען באמת פאַרגליכן ווערן מיט אַ ים, וועלכן קיין איינצלנער מענטשלעכער גייסט קאָן ניט אויסשעפּן.

מען דאַרף נאָר אַריינקוקן אין אַ געשיכטע פון דער ליטעראַטור און פון דער קונסט, און תיכף ווערט אונדז קלאָר, אַז ווערק, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק, זיינען נאָך אויך פאַר אונדז, היינטיקע, אַ קוואַל פון הויכער עסטעטישער הנאה.

נעמט די סטאַטועס פון דער גריכישער געטין, ווענוס (דער געטין פון שיינקייט), וואָס שטייט אין אַ באַזונדער צימער אין דעם פּאַריזער לואווער־מוזיי — אויב די באַרבאַרישע נאַציס האָבן זי איצטער ניט אַוועק־גערויבט. וואָס מאַכט דאָס אויס, וואָס די אַלטע גריכן האָבן אין אָט דער וואונדערבאַר שיינער געשטאַלט געזען די פאַרקערפּערונג פון אַ געט־לעכער קראַפט און האָבן געבויט מזבחות פאַר איר און געבראַכט קרבנות אויף יענע מזבחות און אין תפילות געבעטן די אָדער יענע טובה פון איר געטלעכן גענאָד? שוין דעמאָלט האָבן די מענטשן געשפּירט די מענטש־לעכע שיינקייט פון יענער געשטאַלט. פאַר אונדז איז די רעליגיעזע הייל־ליקייט אירע אין גאַנצן פאַרשוואונדן. אָן אַנדער אָרט הייליקייט דערוועקט זי אין אונדז. מיר „פאַרגעטערן" אין איר ניט איר געטלעכע קראַפט, נאָר איר אויסטערליש־שיינע מענטשלעכע געשטאַלט — ווייל דאָס איז דער אייביק־מענטשלעכער קערן אין אָט דעם קולטור־ווערק, ווען מען פאַר־

געסט אַן דער אַמאָליקער געצנדינעריש־רעליגיעזער שאַלעכץ, וואָס האָט אַרומגענומען דעם קערן; די שאָלעכץ דורך וועלכער דער קערן האָט קיין מאָל ניט אויפגעהערט דורכצולייכטן.

און אַזוי איז דאָס מיט דער אַלט־גריכישער פּאָעזיע, צום ביישפּיל, מיט דער איליאַדע און דער אָדיסייע — וואָס זיינען דערציילונגען וועגן פאַרשיידענע געטער און זייערע, אָפט מאָל שוין צופיל מענטשלעכע, מעשים. און אַזוי איז דאָס מיט אַ סך קאַפּיטלעך פון אונדזער תהילים און פון אונדזערע אַלטע נביאים. אַ מאָדערנער, פריי־דענקנדיקער ייד, וועט אפשר ניט מסכים זיין מיט די רעליגיעזע גרונט־געדאַנקען, וואָס ווערן אַרויס־געזאָגט אין זיי. אָבער אויב אָט דער מאָדערנער פריי־דענקנדיקער ייד האָט זיך אויסגעלערנט דורכצובליקן דעם טיפער־ליגנדיקן מענטשלעכן קערן, וועט ער אויך פאַרהייליקן, פאַרגעטערן שוין גאָר־גאָר אַ סך פון טיף־מענטשלעכע קולטורעלע שאַפונגען, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט גע־וואָרן אין דער אַלט־יידישער רעליגיעזער ספערע פון דעם מענטשלעכן געדאַנק.

לאָזט מען פאַרבייגיין פאַר דעם גייסטיקן אויג די אומגעהויער־רייכע אוצרות, וואָס די מענטשלעכע קולטור האָט אָנגעזאַמלט און וועלכע זי הערט ניט אויף צו פאַרמערן בפועל ממש פון שעה צו שעה, קאָן פאַר קיין מענטשן ניט זיין קיין ברעקל ספק, אַז אויסלעבן זיך אין דער גייסטיקער היים פון דער מענטשהייט, ד״ה, אין דער ספערע פון דעם מענטשלעכן קולטורעלן שאַפן, קאָן אָנפילן אונדזערע נשמות מיט אַזוי פיל הייליק־מענטשלעכע געפילן, מיט אַזוי פיל טיפע און ערנסטע מענטשלעכע גע־פילן, מיט אַזוי פיל מענטשלעך־שיינע בילדער און געשטאַלטן, אַז אין דער נשמה מוז געבוירן ווערן אַ יראת הרוממות, דער טיפסטער דרך־ארץ צו דעם מענטשן, צו דער מענטשהייט, וואָס האָט דאָס אַלץ אַרויס־געבראַכט.

אָפילו יענע „פאַלשע״ געדאַנקען פון דער אַלטער קולטור, און פון דער קולטור, וואָס אַנטוויקלט זיך פאַר אונדזערע אויגן, ד״ה, יענע גע־דאַנקען, וועלכע מיר באַטראַכטן פאַר פאַלשע געדאַנקען, וואָס שטויסן אונדז אָפּ, קאָנען מיר אויך אויפנעמען און שעצן, אויב מיר באַמערקן אין זיי די גבורה פון דעם מענטשלעכן שאַפנדיקן גייסט און מיר פאַר־שטייען די היסטאָרישע אורזאַכן, וואָס האָבן זיי געמוזט אַרויסברענגען.

און האָט מען דאָס אַלץ אין זינען, איז דעמאָלט קלאָר, אַז ווען מיר רעדן וועגן קולטור בכלל, רעדן מיר ניט וועגן דער קולטור פון אַ באַשטימטער היסטאָרישער עפּאָכע, צי פון אַ באַשטימטן געזעלשאַפט־

לעבן קלאַס, צי פון אַ באַשטימטן פאָלק. מיר רעדן וועגן דער העכסטער און וויכטיקסטער זאַך פאַר דער מענטשהייט, וועגן איר רייכער „גייס־טיקער היים״, וועגן דער „ממשלה פון פרייהייט״, אין וועלכער דער מענטש דאַרף לעבן, ווי אַ מענטש. די צרה איז נאָר, וואָס דער איצטיקער מענטש — איך מיין די גרעסטע מאַיאָריטעט פון דער מענטשהייט — האָט ניט קיין צייט צו לעבן אין דער „ממשלה פון פרייהייט״. די אַרבעטער־קלאַסן מוזן נאָך דעם גרעסטן טייל פון זייער לעבן פאַרברענגען אין דער „ממשלה פון נויטווענדיקייט״ און פון נויט, אין דער ממשלה פון יענע אַרבעטן, וואָס דאַרפן באַפרידיקן דעם דרויסנלעכן נוצן. זאָגט טאַקע מאַרקס, אַז דער ערשטער פאַרבאַדינג פאַר דאָס לעבן אין דער „ממשלה פון פרייהייט״ איז די פאַרקירצונג פון דעם אַרבעטס־טאָג.

דער אינהאַלט פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור איז אַלגעמיין־מענטשלעך. און גאָר אַ סך קולטור־שאַפונגען — ווי סקולפּטור, אַרכיטעקטור, מאָלעריי, מוזיק, שיינע קליידער און צירונגען — קאָנען אַזוי־צו־זאָגן רעדן צו יעדן מענטשן דירעקט. זיי רעדן אָן ווערטער. אַ סטאַטוע אויסגעגראָבן פון אַלט־מצרים, אַלט אַ פיר־פינף טויזנט יאָר, אַ בילד געמאָלן פון אַ פראַנצויז, קאָן פאַרשטאַנען ווערן פון יעדן מענטשן מיט אַ געוויסן גראַד פון בילדונג. אָבער דאָס איז ניט דער פאַל מיט יענע נאָך רייכערע שאַפונגען, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט מיט די מיטלען פון דער מענטשלעכער שפּראַך.

די מענטשהייט איז איצטער איינגעטיילט אין פעלקער, און פעלקער רעדן פאַרשיידענע שפּראַכן. אַ ווערק, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין פראַנצויזיש, קאָן ניט פאַרשטאַנען ווערן פון אַ קינד פון אַן אַנדער פאָלק, אויב ער לערנט זיך ניט אויס פראַנצויזיש. און ווער קאָן זיך דאָס אויסלערנען אַלע קולטור־שפּראַכן פון דער וועלט?

חלומען טאַקע אַ היפּש ביסל ראַדיקאַלע דענקער וועגן יענער צייט, ווען אַלע מענטשן וועלן זיך צונויפגיסן אין איין שפּראַך־געמיינשאַפט. איך געהער ניט צו זייער צאָל. איך האָב אין אייניקע שריפטן מיין געמיט צו באַווייזן, אַז די קולטור־שאַפונג פון דער מענטשהייט אַנטוויקלט זיך און פאַרגרעסערט האַסטיק נאָר דעמאָלט, ווען קולטורן פון פאַרשיידענע שפּראַך־ספערעס, ווירקן איינע אויף דער אַנדערער; ווען פעלקער שליסן זיך ניט אָפּ פון „פרעמדע״ קולטור־שאַפונגען, שליסן זיי זיך אָפּ, און די קולטורן פון די אַנדערע פעלקער הערן אויף צו ווירקן אויף זיי, ווערן אָט די פעלקער פאַרגליווערט אין די אַלטע פאָרמען פון זייער לעבן און שאַפן. דער פּראָגרעס שטעלט זיך ביי זיי אָפּ. דערפון קומט

אַרויס, אַז אויב אַלע פעלקער זאָלן צונויפגעגאָסן ווערן אין איין מענטש־הייט, מיט איין שפּראַך־ספּערע, וועט דעמאָלט די גאַנצע מענטשהייט זיך געפינען אין דער לאַגע פון אַ פאָלק, וואָס ריינגלט זיך אַרום מיט אַ כינעזישער מויער, ווייל קיין אַנדער מענטשהייט וועט שוין ניט קאָנען איינווירקן אויף איר. די מענטשהייט וואָלט דעמאָלט פאַרגליווערט גע־וואָרן אין איין איינציקער קולטור־פאָרעם.

דער קאָסמאָפּאָליטישער אידעאַל פון איין איינציקער שפּראַך־ספּערע פאַר אַלע מענטשן, איז דעריבער אין תוך ניט קיין פּראָגרעסיווער אידעאַל, נאָר אַ קאָנסערוואַטיווער. פּראָגרעסיוו איז ניט דער קאָסמאָפּאָליטיזם, נאָר דער אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס פאַרלאַנגט די פעלקער זאָלן אַנטוויקלען זייערע אייגענע קולטורן אין זייערע אייגענע שפּראַכן; זאָלן אָבער לעבן ווי ברידער אין איין פעלקער־פאַרבאַנד פון דער מענטשהייט און זאָלן ווירקן איינס אויף ס׳אַנדערע מיט זייערע פאַרשיידענע, אָבער פאַרט אַל־געמיין־מענטשלעכע קולטור־שאַפונגען.

ניט לענדער זאָלן פונאַנדערטיילן די מענטשהייט אין פאַרשיידענע פעלקער, ניט שטאַטן, וואָס ווען זיך רייבן און שלאָגן איינער מיט דעם אַנדערן, נאָר קולטור־ספּערעס — שפּראַך־ספּערעס — זיי זאָלן זיין די איינציקע גרענעצן, וואָס וועלן אָפּטיילן פאָלק פון פאָלק.

דאָס איז געוויס נאָך זייער אַ וויטער אידעאַל. אָבער אָט דער אידעאַל, ווי וויט ער זאָל נאָך ניט זיין פון זיין פאַרווירקלעכונג, גיט אונדז אַן אַריינבליק אין דעם גרויסן באַדייט, וואָס די שפּראַך האָט פאַר דער עק־סיסטענץ פון אַ פאָלק און פאַר דעם פאָלקס באַדייט אין דער קולטור־אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט.

מיר האָבן פריער געזאָגט, אַז ניט אַלע קולטור־שאַפונגען נייטיקן זיך אין שפּראַך־קלאַנגען. כּדי מענטשן זאָלן קאָנען געניסן זיי און האָבן הנאה פון זיי: סקולפּטור, אַרכיטעקטור, מוזיק און די אַנדערע. טאָר מען אָבער דערביי ניט פאַרגעסן, אַז אויך אָט די שאַפונגען, וואָס אַפּעלירן דירעקט צו דעם אויג און דעם אויער, ווערן אַרויסגעבראַכט אין אַ באַ־שטימטער שפּראַך־ספּערע. ווייל עס איז שוין ניט איין מאָל באַוויזן גע־וואָרן, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר, אַז נאָר די שפּראַך האָט געמאַכט דעם מענטשן פאַר אַ מענטשן, ד״ה, פאַר אַ קולטור־שאַפנדיקן יש.

אַלע צווייגן פון דער מענטשלעכער קולטור — סיי אין איר ברייטן זין פון דעם וואָרט, וואָס נעמט אַריין אויך, זאָגן מיר, די אַגריקולטור, סיי אין דעם ענגערן זין פון דעם וואָרט, ווי אַ גייסטיקע הים פון דער מענטשהייט, ווי אַ „ממשלה פון „פרייהייט״ — איך זאָג: אַלע צווייגן

פון דעם מענטשלעכן קולטור־בוים — אַחוץ דער שפּראַך — דאַרפן באַ־טראַכט ווערן, ווי דער אינהאַלט פון דער קולטור; די שפּראַך דאַרף באַטראַכט ווערן ווי די אַלגעמיינע פאָרעם, אין וועלכער יענער אינהאַלט טרעט אַרויס, אָדער ווי די אַלגעמיינסטע ספערע, אין וועלכער דער אָדער יענער אינהאַלט קאָן געבוירן ווערן.

און גראַד דערפאַר, וואָס די שפּראַך איז די אַלגעמיינסטע פאָרעם פון אַ פאָלקס־לעבן, איז זי די וויכטיקסטע קראַפט, וואָס העלפט דעם פאָלק צו אַ פרייער קולטור־אַנטוויקלונג. די שפּראַך איז ווי אַ וועב־שטול, אויף וועלכן דאָס פאָלק זיצט און וועבט אויס זיינע קולטור־שאַפונגען אין די פאַרשיידנסטע ריכטונגען. ווי די ריכטונגען זאָלן ניט זיין פאַרשיידן, ווערן זיי אַלע צוגערעכנט צו די קולטור־שאַפונגען פון איין־און־דעם זעלביקן פאָלק.

איך כאַפּ אָן, צום ביישפּיל, די רוסישע שריפטן פון אַ פּושקין, אַ טאָלסטאָי, אַ דאָסטאָיעווסקי, אַ לענין, אַ קראַפּאָטקין. ווי זיינען זיי פאַר־שיידן איינע פון דער אַנדערער, לויט זייערע פילאָסאָפישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע ריכטונגען! אָבער זיי אַלע זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דער אַלגעמיינער פאָרעם פון דער רוסישער קולטור־שאַפונג אין רוסיש, און זיי אַלע, ווי פאַרשיידן און קעגנזעצלעך זיי זאָלן ניט זיין, בילדן אין איינעם די רוסישע נאַציאָנאַל־גייסטיקע הוים, אין וועלכער עס לעבט דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק. אַ קינד פון רוסישע עלטערן, וואָס לעבט אין דער גייסטיקער ספערע פון אַ קראַפּאָטקין, צי פון אַ לענין, צי פון דעם „פּראַוואָסלאַוויש״־פרומען דאָסטאָיעווסקי, צי פון דעם אַפּיקורסישן, אַנטי־קירכלעכן גראַף טאָלסטאָי, איז אַ קינד פון דעם רוסישן פאָלק, ווייל די רוסישע שפּראַך שפּילט דאָ די ראָלע פון יענע פּסיכישע באַהעפטונגס־פעדים, וואָס בינדן צונויף אַלע יחידים צו איין פאָלק, ד״ה, צו אַ קולטור־שאַפנדיקן יש, וואָס ווירקט מיט זיין קולטור אויף די אַנדערע פעלקער און ווערט באַווירקט פון זיי.

אָט די פּאָר כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון אַ פאָלקס־שפּראַך צו זיין די אַלגעמיינע פאָרעם פון זיין קולטורעלן שאַפן, צו זיין די פּסיכישע באַהעפטונגס־פעדים וואָס בינדן צונויף מענטש און מענטש צו איין פאָלק, און צו זיין אַ פרייע קראַפט, וואָס לאָזט יעדן מענטשן פריי צו שאַפן קולטור און זיך אויסלעבן קולטורעל אין וועלכער ריכטונג ער וויל, ניט פאַרלאָזנדיק די גרענעצן פון זיין פאָלק, זיינען גענוג פאַר אונדזער היינטיקן ציל.

און וואָס איז מיט דער רעליגיע? און פאַר וואָס האָבן מיר זי דאָ אַריינגעשלעפּט אין חשבון?

אויב מיר האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצובורענגען דעם ענין פון דער מענטשלעכער קולטור בכלל און פון דער נאַציאָנאַלער קולטור בפרט, איז דעמאָלט ניט שווער איינצוזען, אַז רעליגיע, רעליגיעזער גלויבן, און רע־ליגיעז לעבן איז נאָר איין צווייג פון דער העכערער קולטור. אייניקע גלייבן, אַז דאָס איז נאָר אַ צייטווייליקער איינדאָרן און אַראָפּפאַלן פון דעם קולטור־בוים. אַזוי דערקלערט פרידריך ענגעלס, דער מיט־באַגרינ־דער פון דעם מאַרקסיזם, אַז די רעליגיע שטאַמט פון אַ געפיל פון אָפּהענגי־קייט. דער מענטש פילט, אַז זיין לעבנס־גורל הענגט אָפּ פון קרעפטן, וועלכע ער קאָן ניט גובר זיין: נאַטור־קרעפטן און געזעלשאַפטלעכע קרעפטן. כל זמן דער מענטש וועט זיין אונטערגעוואָרפן אונטער דער ווירקונג פון געזעלשאַפטלעכע קרעפטן און פון די געזעצן, וואָס הערשן אין זיי; כל זמן ער וועט ניט ווערן דער פולער אויבערהאַר איבער די נאַטור־קרעפטן און זיי איינשפּאַנען אין זיין ווילן, וועט די רעליגיע — מיינט ענגעלס — ניט קאָנען פאַרשווינדן. אָבער אין דורות אַרום, ווען דער מענטש וועט ווערן דער אויבערהאַר איבער די געזעצן פון נאַטור און געזעלשאַפט, וועט ממילא די רעליגיע ביסלעכווייז אָפּשטאַרבן. ביז צו יענער צייט, גלייבט ענגעלס, האָט קיין זין ניט צו קעמפן אַנטקעגן איר. אַנדערע ווידער גלייבן, און איך געהער צו זייער צאָל, אַז די רעליגיע איז אַן אייביקער צווייג פון דער מענטשלעכער קולטור, ווייל דער תוך פון דער אמתער רעליגיע איז ניט נאָר דאָס געפיל פון אָפּהענגיקייט און פחד, וואָס רופט אַרויס אַ רעליגיעזן גלויבן ביי די מאַסן, נאָר אויך די מענטשלעכע בענקשאַפט נאָך הייליקייט, נאָך אייביקייט, נאָך אומ־ענדלעכקייט. ניט אַלע מענטשן מוזן האָבן אָט די בענקשאַפט, ווי ניט אַלע מענטשן מוזן זיין מוזיקאַליש.

באַריכות וועגן דעם האָב איך געשריבן אין מיינע צוויי לעקציעס: „וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע און רעליגיע״, אָבער פאַר אונדזער היינטיקן ציל איז גאָר ניט וויכטיק אַריינצולאָזן זיך אין די פילאָסאָפישע חקירות וועגן דעם תוך פון רעליגיע און איר ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. אַריינגעשלעפּט די רעליגיע אין דער היינטיקער לעקציע האָבן מיר צוליב אַ גאַנץ אַנדער מעשה, וואָס האָט אייגנטלעך זייער

* די לעקציעס זיינען פאַרעפנטלעכט אינעם באַנד „דער זין פון מענטשלעכן לעבן״, וואָס דערשיינט איצט.

ווייניק צו טאָן מיט דעם עצם מהות פון אַ רעליגיעזן לעבן און אַ רע־ליגיעזן גלויבן.

ווי אייך דאַרף זיין באַקאַנט, איז עס אין אונדזער ליטעראַטור מיט אַמאָל אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע: וואָס זאָל זיין דער יסוד פון דעם יידישן קולטורעלן שאַפן, ד. ה. פון אונדזער „גייסטיק־נאַציאָנאַלער היים" — אַ באַשטימטער רעליגיעזער גלויבן, אַ לעבן, לויט באַשטימטע רעליגיעזע טראַדיציעס, אָדער אונדזער קולטור זאָל זיין אַ ריין־פּראָגרע־סיווע, אַ וועלטלעכע, און אַז דער וועב־ שטול,ביי וועלכען דאָס יידישע פאָלק דאַרף זיצן און וועבן זיין נאַציאָנאַלע קולטור, אין שטענדיקער ווירקונג און קעגנווירקונג מיט די קולטורן פון אַנדערע פעלקער, זאָל זיין, ווי ביי אַלע פּראָגרעסיווע פעלקער, די אייגענע שפּראַך, וואָס קאָן צונויפ־בינדן אַלע קינדער פון אַ פאָלק אין איין נאַציאָנאַלן יש און לאָזן פריי יעדן איינעם צו דענקען, פילן, לעבן און שאַפן אַזוי ווי ער פאַרשטייט. אַ ייד, וואָס לעבט אין דער שפּראַך־ספערע פון יידיש, קאָן זיך זיין יידיש־רעליגיעז, צי קריסטלעך־רעליגיעז, צי גאָר ניט רעליגיעז, צי אַפילו אַנטי־רעליגיעז: ער בלייבט פאַרט אַ ייד, און אַלע שאַפונגען פון יידישע קינדער אין דער יידישער שפּראַך וועלן געהערן צו דעם יידישן פאָלק, וועלן זיין עלעמענטן פון דער יידישער גייסטיק־נאַציאָנאַלער היים, וואָס שאַפט זיך איצטער אין יידיש. ביי אַנדערע פעלקער זיינען דאָס אלף־בית אמתן, ביי אונדז זיינען זיי נאָך אַ פּראָבלעם, און דער פּראָבלעם שטאַמט דערפון, וואָס די קולטור אין יידיש איז ניט די ערשטע און ניט די איינ־ציקע קולטור־ספערע ביי דעם יידישן פאָלק. אונדזער פאָלק האָט אַרויס־געבראַכט זייער וויכטיקע קולטור־שאַפונגען אין אַ סך אַנדערע שפּראַכן: אין העברייאיש, אַראַמייאיש, גריכיש, אַראַביש, שפּאַניש און נאָך, און נאָך. מיר האָבן דאָ אין זינען נאָר יענע קולטור־שאַפונגען, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון יידן אין דער ערשטער ליניע צוליב יידישע לייענער וועגן ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם לעבן און דעם גורל פון דעם יידישן פאָלק.

די קולטור־שאַפונג אין יידיש איז לפי ערך נאָך זייער יינג און קאָן זיך ניט פאַרגלייכן אין אירע אוצרות מיט די יידישע קולטורן פון די פריערדיקע צייטן. איז נאָך פאַר זייער פיל יידן שווער זיך צוגעוואוינען צו דעם געדאַנק, אַז גראַד די קולטור אין יידיש זאָל זיין דער לעגיטימער יורש פון אַלע פריערדיקע קולטורעלע עפּאָכעס. אָבער עס איז פאַראַן אַ זייער וויכטיקער טעם, פאַר וואָס ער מוז ווערן אַט דער קולטורעלער יורש.

אַלע פריערדיקע קולטור־אויפטועז האָבן זעלטן ווען געהאַט אין אויג די גרויסע מאַסן. זינט העברייאיש האָט אויפגעהערט צו זיין די געמיינ־שאַפטלעכע שפראַך פון די געבילדעטע און פון די מאַסן, איז פאַרגעקומען אַ טראַגישער ריס אין דעם קולטורעלן לעבן און שאַפן פון אונדזער פאָלק. בדרך כלל, ד. ה., מיט ווייניקע אויסנאַמען, איז אויסגעבויט געוואָרן אַ וואַנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט די העכער־שאַפנדיקע יידישע גייסטער פון די גרויסע פאָלקס־מאַסן. די העכער־שטייענדיקע יידישע גייסטער האָבן געשאַפן זייערע ווערק דאָס רוב אין העברייאיש, בעת די יידישע מאַסן האָבן גערעדט אַ װעלכע עס איז אַנדער שפראַך, — דאָס רוב פאַרשיידענע אַנדערע שפּראַכן, לויט די לענדער, אין וועלכע זיי האָבן געוואוינט, צעזייט און צעשפּרייט.

און ווען עס פלעגן אויפקומען קולטורעלע שאַפונגען דאָרטן, וואו סיי די העכערע גייסטער, סיי די מאַסן האָבן גערעדט אין איין און דער זעל־ביקער שפראַך, ווי צ. ב. אַראַביש, אין די אַראַבישע לענדער, פלעגן די אַרויסגעבראַכטע אוצרות, — אָפט זייער רייכע, — טראָגן אַ זייער איינ־זייטיקן, ריין־רעליגיעזן כאַראַקטער. איך האָב דאָ אין זינען דער עיקר די גריכיש־יידישע ווערק פון איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק, צום ביישפּיל, דעם גרויסן דענקער פילאָן, און די יידישע רעליגיעז־פילאָסאָפישע ווערק פון דעם שפּאַניש־אַראַבישן פּעריאָד — רמב״ם, איבן גבירול.

אַט דער טראַגישער ריס אין אונדזער קולטור־לעבן הויבט איצטער אָן פאַרהיילט צו ווערן מיט דעם אויפקום פון דער נייער פּראָגרעסיווער וועלטלעכער קולטור ביי אונדזער פאָלק אין דער שפּראַך פון דער גאָר גרויסער מאַיאָריטעט זיינער, אין יידיש. און ערשט אין אונדזער מאָדערנער צייט הויבט זיך אָן צו פאַרהיילן אַט דער ריס, ווייל נאָר אין אונדזער מאָדערנער צייט הויבן די פאָלקס־מאַסן אָן צו ווערן די באַלעבאַטים פון דעם גאַנצן היסטאָרישן לעבן פון זייערע פעלקער.

די פאָלקס־מאַסן נויטיקן זיך אָבער אין אַזאַ גייסטיקער היים, וואו עס זאָל ניט זיין קיין שפראַך־וואַנט צווישן זיי און די הויכע שאַפנדיקע גייסטער.

דאָס ווערט דערגרייכט אין אַ פּראָגרעסיווער וועלטלעכער קולטור, אין וועלכער די פאָלק־שפּראַך ווערט דערהויבן צו דער מדרגה פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך.

קיינער וועט איצטער ניט לייקענען, אַז אַזאַ פּראָגרעסיווע וועלטלעכע קולטור האַלט זיך איצטער אין בויען ביי אונדזער פאָלק. זי איז נאָך לאַנג־לאַנג ניט אויסגעבויט אַזוי, זי זאָל זיך קאָנען פאַרמעסטן מיט די קולטור־

ספּערעס פון די איצטיקע פּראָגרעסיווע פעלקער, צי אַפילו מיט די פּריער־דיקע קולטור־ספּערעס פון אונדזער אייגענעם פאָלק.

אָבער שוין איצטער ווערן אַרויסגעבראַכט שאַפונגען אין אונדזער יידיש, וואָס פאַרדינען איבערגעזעצט צו ווערן אין אַלע וויכטיקע שפּראַכן פון דער וועלט, און אייניקע פון זיי ווערן שוין איבערגעזעצט אין די אייראָפּייאישע שפּראַכן.

די באַשאַפונג פון אַ נייער פּראָגרעסיווער, וועלטלעכער קולטור־ספּערע אין יידיש, וואָס זאָל פאַראייניקן אין איינס די פאָלקס־מאַסן מיט די שאַפנדיקע גייסטער פון אונדזער פאָלק, איז אַ גערוואַלטיקע רעוואָלוציע אין אונדזער לעבן. אַזוינס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אין דער קולטור־געשיכטע פון אונדזער פאָלק. די אַנטוויקלונג פון אָט דער נייער קולטור־ספּערע הענגט אָפּ פון דעם היסטאָרישן גורל פון אונדזער פאָלק, און צוריק: דער היסטאָרישער גורל פון אונדזער פאָלק הענגט ביז גאָר אַ גרויסן גראַד אָפּ פון אָט דער רעוואָלוציע אין אונדזער קולטורעלן לעבן, פון דער נייער קולטור־ ספּערע אין יידיש.

ווי אייך מוז זיין באַקאַנט, האָט אונדזער יידישער קולטור־פאַרבאַנד, דער איקוף, זיך אוועקגעשטעלט פאַר זיין הויפּט־ציל צו העלפן אָט דער קולטור און איר אַנטוויקלונג; זען, אַז זי זאָל ווערן אַלץ רייכער און רייכער אין אירע שאַפונגען; אַז אָט די שאַפונגען זאָלן אַריינדרינגען אין אַלץ ברייטערע און ברייטערע קרייזן פון אונדזער פאָלק; אַז צו דעם פּראָצעס פון אירע שאַפונגען זאָל לסוף צוגעצויגן ווערן די גאַנצע יידישע אינטע־ליגענציע ; אַז אָט די קולטורעלע שאַפונגען אין יידיש זאָלן העלפן די גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסן אויפצוהייבן זיך צו אַ גאָר הויכער מדרגה פון אַ חשוב מענטשלעכן קולטורעלן לעבן.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. דער איקוף שטרעבט דערצו, אַז די קולטור אין יידיש זאָל ווערן די איינציקע גייסטיקע נאַציאָנאַלע היים פון דעם יידישן פאָלק; אַז די קולטור אין יידיש זאָל שפּילן די זעלביקע ראָלע ביי דעם יידישן פאָלק, וואָס, זאָגן מיר, די קולטור אין פראַנצויזיש שפּילט ביי דעם פראַנצויזישן פאָלק אָדער די קולטור אין רוסיש שפּילט ביי דעם רוסישן פאָלק.

און נאָך אַ וויכטיקער ענין ווערט אין דער טעטיקייט פון דעם איקוף פאַרבונדן מיט דער אַרבעט פאַר דער יידישער קולטור. מיר זיינען אַ פאָלק, אַ צעשפּרייט שיער ניט איבער דער גאַנצער וועלט; מיר לעבן איצטער אומעטום, ווי נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, און פירן נאָך דערצו אַ שטאָטישן לעבן. אונטער אָט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען קומט אונדז אויס

צו שטיין אין אַ העפטיקן קאַמף פאַר דער דערהאַלטונג פון אונדזער פאָלק, ווי אַ באַזונדער נאַציאָנאַלן יש, און צו פאַרזיכערן אים די מעגלעכקייט פאַר אַ פרייער, אַבסאָלוט־פרייער אייגענער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג.

די אַנהענגער פון דעם איקוף גלויבן זיכער און פעסט, אַז די אַנטוויק־לונג פון דער קולטור אין יידיש און איר איינוואָרצלונג אין דעם גייסטיקן לעבן פון די גאָר גרויסע פאָלקס־מאַסן איבער גאָר דער וועלט וועט ווערן — און ווערט שוין איצטער — די וויכטיקסטע קראַפט, וואָס וועט העלפן אונדזער פאָלק אין זיין קאַמף פאַר אַ גוזיכערטער נאַציאָנאַלער עקזיס־טענץ און אַ פרייען פּראָגרעסיוון חשוב־מענטשלעכן לעבן אין ריין־יידישע נאַציאָנאַלע פאָרמען.

אַט די אַלע געדאַנקען און האָפענונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער פּראָגרעסיווער און נאַציאָנאַלער ראָלע פון אונדזער נאַציאָנאַל־גייס־טיקער היים, פון אונדזער קולטור־לעבן אין יידיש, זיינען זיכער ניט ניי. עס איז שוין באַלד פופציק יאָר, ווי זיי זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין דעם יידישן עפנטלעכן געדאַנק.

אָבער עס איז ערשט ניט מער ווי אַ דריי צענדליק יאָר, זינט אַט דער געדאַנק האָט זיך גענומען פאַרווירקלעכן אין לעבן. און לאָמיר דערביי ניט פאַרגעסן, אַז די פאַרווירקלעכונג אין לעבן פון דעם אַזוי־אַנגערופענעם „יידישיסטישן" איינשטעל און אונדזער קאַמף פאַר עקזיסטענץ און פרייער אַנטוויקלונג האָט זיך אָנגעשטויסן — און שטויסט זיך נאָך עד היום אָן — אָן גאָר העפטיקע קעגנער און שונאים; דער געדאַנק איז געווען פרעמד דער פרום־נאַציאָנאַלער וועלט, וואָס האָט די גייסטיקע היים פון דעם יידישן פאָלק איבער גאָר דער וועלט דערבליקט נאָר אין דעם ספּעציפישן רעליגיעז־יידישן גלויבן. ער איז געווען פרעמד און איז עד היום פרעמד און פיינטלעך יענע פּראָגרעסיווע עלעמענטן ביי אונדז, וואָס האָבן גע־שטרעבט און שטרעבן נאָך עד היום צו בויען אַ גייסטיקע היים פאַר אונדזער גאַנצן פאָלק אין אַ ווידער־אויפגעלעבטן העברייאיש. ער איז געווען און איז פרעמד און פאַרהאַסט פון אונדזערע אַסימילאַטאָרן, וואָס האָבן בכלל געלייקנט, אַז מיר זיינען אַ באַזונדער פאָלק, וואָס דאַרף פירן אַן אייגענע קולטורעלע באַלעבאַטישקייט אין אַן אייגענער שפּראַך.

די פרום־רעליגיעזע וועלט מיט דער צוויי־טויזנטיאָריקער טראַדיציע הינטער איר; די העברייאיסטישע וועלט מיט איבער צוויי טויזנט יאָר פון רייכע קולטור־שאַפונגען אין העברייאיש, און די אַסימילאַטאָרישע וועלט, וואָס האָט אויך אַרויסגעבראַכט פון יידן פאַר אַ היפּש ביסל קולטורעלע ווערטן, — אַט די אַלע לעמפּערטן און לייבן פון אונזער פרייער־

דיקן גייסטיקן לעבן האָבן דערקלערט דעם נייעם יידישן קולטור־געדאַנק אַ קאַמף אויף לעבן און טויט.

דער עיקר איז אָבער געווען געפּערלעך פאַר אָט דעם נייעם געדאַנק דער אומבאַוואוסטזיניקער אַסימילאַציע־פּראָצעס, וועלכן די אַלע אַלטע לעמפּערטן און לייבען האָבן געהאַלפן קודם כּל דירעקט, דורך דער פאַר־שפּרייטונג פון אַנטי־נאַציאָנאַלע, אַסימילאַטאָרישע אידייען און אידעאַלן, זיי האָבן אָבער אויך געהאָלפן אומדירעקט דער אַסימילאַציע. זיי האָבן העפּטיק באַקעמפט די אויסבילדונג פון אַן אייגענער גייסטיקער היים אין יידיש, וואָס דאָס איז דאָס איינציקע מיטל אַנטקעגן דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע. זיי האָבן העפּטיק באַקעמפט דאָס אַריבערגעווינען די יוגנט, די פאָלקס־מאַסן און דער עיקר — די קולטורעל־שאַפנדיקע כּוחות פאַרן אויסבוי, פאַרשפּרייטן און אָפּהיטן די נייע יידישע קולטור.

איז דען אַ חידוש וואָס די נייע קולטור האָט ניט באַוויזן דעם היס־טאָרישן וואונדער אין איין עפּעס מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט איינצו־דאַמבען דעם שטראָם פון דער אַסימילאַציע און גובר צו זיין אַלע אירע אַזוינע פאַרביטערטע פיינט?

דער גרעסטער וואונדער איז, וואָס ניט קוקנדיק אויף אָט די אַלע קעגנערישע און פיינטלעכע כּוחות, וואָס העצן ניט אויף צו ווירקן טאָג־אויס טאָג־איין, האָט אָט דער רעוואָלוציאָנערער, אַבסאָלוט־נייער געדאַנק באַוויזן אַרויסצוברענגען גאָר באַדייטנדיקע טריאומפן, פרוכטן אויף פאַר־שיידענע קולטור־פעלדער (דערציאונג, פּרעסע, מיט דער יידישער אַזוי רייכער פּובליציסטיק, און טעאָרעטישער ליטעראַטור, שיינע ליטעראַטור, טעאַטער, ספּעציעלע קולטור־געזעלשאַפטן און פאַראייניקונגען).

ווען מען וואַרפט אַ בליק אויף אָט די אַלע טריאומפן פון דער מאָדערנער קולטור אין יידיש אין די פאַרשיידנסטע לענדער פון דער וועלט, ווערט מען ממש נשתומם פאַר אַ דערשיינונג, וואָס ווירקט, ווי עפּעס אַן אומדערקלערלעכער נס.

דער פאַקט אָבער, וואָס אין עפּעס מער ווי איין פערטל יאָרהונדערט האָט די יידישע קולטור זיך ניט געקאָנט אַנטוויקלען צו איר גאַנצער הויך, זיך ניט געקאָנט פאַנאַנדערגיסן אין איר גאַנצער ברייט, דאַרף דער־קלערט ווערן איינציק אַליין דורך דעם אומשטאַנד, וואָס די אַרבעט פון אונדזער נייעם קולטור־געדאַנק ווערט געפירט אונטער דער שטענדיקער קאַנאָנאַדע, אונטער דעם שטענדיקן באָמבאַרדירן פון אונדזערע שונאים.

אָט דעם אומשטאַנד אָבער לאָזן אַרויס פון אויג אייניקע פון אונדזערע

קולטור־טוער, וואָס זיינען אין דער לעצטער צייט אַריינגעפאַלן אין אַ פּעסימיסטישער, איך וואָלט געזאָגט אַ דעפּיטיסטישער שטימונג.

עס איז אויפגעקומען אַ היפּשע ליטעראַטור, — געלויבט דער אויבער־שטער, אין יידיש, — וואָס גרייפט אָן דעם סאַמע וויכטיקסטן יסוד פון אונדזער פּראָגרעסיווער גייסטיק־נאַציאָנאַלער היים, דעם יסוד פון וועלטלעכקייט.

עס הערן זיך שטימען, וואָס פאַרלאַנגען אַ גרינטלעכע רעוויזיע פון אונדזער גאַנצן ביז־אַהעריקן שטרעבן. מען פאָדערט ווידער, אַז אונדזער קולטור זאָל זיך גרינדן אויף אַ באַשטימטן רעליגיעזן גלויבן, אָדער אויף אַ באַשטימטער רעליגיעזער תּורה. און אויב ניט אויף אַ גלויבן, וועלכן מען קאָן דאָך פאָרט ניט פאַרשרייבן, איז לפּחות אויף געוויסע רעליגיעזע אָדער יידיש־שטייגערישע לעבנס־פאָרמען, וואָס זאָלן זיין מער אָדער ווייניקער אין האַרמאָניע מיט דער אַלט־יידישער טראַדיציע.

ווי זאָלן מיר זיך שטעלן צו אָט די נייע שטימען און שטימונגען? — וואָס אַזוינס איז זיי מוז באַקעמפט ווערן אויף דעם שאַרפסטן אופן? צו וואָס אַזוינס איז זיי קאָנען מיר זיין אויפן העכסטן אופן טאָלעראַנט אָדער אַפילו אין דער פולסטער סימפּאַטיע, לויט יעדן איינעמס שטימונגען און געפילן?

כדי זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין אָט די פראַגן מוזן מיר קודם כּל געווינען אַ קלאָרן איינזען, אין וואָס עס גייט דער אויפגעהויבענער גייסטי־קער קאַמף און אין יענע טיפער־ליגנדיקע אורזאַכן, וואָס רופן אים אַרויס אין לעבן.

אַנאַליזירט מען אַ ביסל טיפער די ליטעראַטור פון אָט די נייע שטימען און שטימונגען, געפינט מען, אַז זיי זיינען אין תּוך אַ באַקעמפונג פון יענער איינשטעלונג אונדזערער, אַז מיר זיינען אַ פאָלק, ווי אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט; אַז אויך ביי אונדז פאָדערט דער פּראָגרעסיווער געדאַנק, אונדזער קולטור זאָל זיין אַ וועלטלעכע.

וואָס הייסט דאָס זיין אַ וועלטלעכע קולטור?

סיי אין דער ראַדיקאַלער וועלט אונדזערער, סיי אין דער קאָנסערוואַ־טיווער איז היפּש פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז וועלטלעכקייט הייסט די אָפּלייקענונג פון אַ רעליגיעזן גלויבן און רעליגיעזן לעבן.

אַזאַ מיינונג איז אָבער אַבסאָלוט פאַלש.

וועלטלעכקייט איז דער טייטש, אַז רעליגיע איז אַ פּריוואַט־זאַך, אין וועלכער דער שטאַט מישט זיך ניט אַריין. פאַר דעם שטאַט זיינען אַלע

רעליגיעס גלייכבאַרעכטיקט. און גלייכבאַרעכטיקט איז אויך די פולסטע אָפּלייקענונג פון יעדן רעליגיעזן גלויבן אָדער רעליגיעזן לעבן.

מיר, יידן, האָבן ניט קיין אייגענעם שטאַט. די ראָלע פון אַ צעמענט פאַרן גאַנצן פאָלק דאַרף ביי אונדז יידן שפּילן די אייגענע קולטור אין דער אייגענער שפּראַך, — דאָס וואָס מיר רופן אָן די „גייסטיק־נאַציאָנאַלע היים" אונדזערע. מוזן אויך מיר פאַרלאַנגען אין דעם נאָמען פון דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק, אַז אין אונדזער „גייסטיק־נאַציאָנאַלער היים" פאַר אַלע יידן פון גאָר דער וועלט,אין אונדזער פּראָגרעסיווער קולטור, זאָלן אַלע רעליגיעזע און אַנטי־רעליגיעזע גלויבנס און לעבנס־פאָרמען זיין גלייכבאַרעכטיקט.

דאָס הייסט, אַז קיין רעליגיעזער גלויבן טאָר ניט אַרויסטרעטן מיט דער פּרעטענזיע, אַז ער שטעלט מיט זיך פאָר די אָפיציעלע יידישקייט, וועלכע יעדער ייד מוז אָננעמען, אויב מען זאָל אים מעגן באַטראַכטן ווי אַ קינד פון דעם יידישן פאָלק.

אָבער גראָד מיט אָט דער פּרעטענזיע טרעטן אַרויס יענע קריטיקער פון דער וועלטלעכקייט, וואָס פאָדערן, אַז די יידישע קולטור זאָל זיין געבויט אויף דעם יסוד פון אַ באַשטימטן יידישן רעליגיעזן גלויבן, אָדער אַ באַשטימטער רעליגיעזער טראַדיציע.

מיר קאָנען זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין דעם אַנאַליז פון די אורזאַכן, וואָס רופן אַרויס אַזעלכע שטימונגען. וואָלטן זיי פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ גרויסע מאַסן־באַוועגונג, וואָלט מען זיך אפשר געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן, וועלכע געזעלשאַפטלעכע און ריין־אידייאישע כוחות עס גיבן איר קראַפט און אימפּעט.

די איצטיקע אַנטי־וועלטלעכע שטימונגען ווערן פאַרטיידיקט פון איינצלנע מענטשן, העכסטנס פון קליינע גרופּעס. גיי, קלייב זיך פאַנאַנדער, פון וועלכע גייסטיקע ספערעס אין אונדזער עפנטלעכן לעבן זיי שטאַמען און מיט וועמענס אימפּעט זיי טראָגן זיך אין די נייע ריכטונגען!

וויניק קעגנער האָט אונדזער נייע, פּראָגרעסיוו־וועלטלעכע קולטור אַלע מאָל געהאַט?

פאַר אונדז דאַרף זיין וויכטיק קודם כל וואָס איז דער ריכטיקער ענטפער אויף דער פראַגע. זאָל אונדזער קולטור־אַרבעט זיך אָפּזאָגן פון דעם פרייען וועלטלעכקייט־פּרינציפּ? זאָלן מיר פאָדערן פון יעדן קולטור־טוער אונדזערן, ווי אַ באַדינג פון זיין צוגעהעריקייט צו דעם יידישן קולטור־קרייז, ער זאָל קודם כל בלייבן טריי — אין אַ וועלכן עס איז גראָד — צו די היסטאָרישע טראַדיציעס פון אונדזער פאָלק?

איך זאָג: „אין אַ וועלכן עס איז גראַד״, ווייל איך האָב נאָך ערגעץ ניט באַמערקט, אַז די וואָרט־פירער פון דעם איצטיקן קאַמף אַנטקעגן וועלטלעכקייט זאָלן פאָדערן דעם צוריקקער צו אַלע רעליגיעזע טראַ־דיציעס פון דעם אַלטן רעליגיעז־שטייגערישן לעבן.

אָדער זאָלן מיר בלייבן אויף אונדזער אַזוי האַרט אויסגעקעמפטער פּאָזיציע פון וועלטלעכקייט, וואָס נעמט אַריין אַלע גייסטיקע ריכטונגען פון אונדזער קולטור־שאַפונג, — אויך די רעליגיעזע, — אויך די רעליגיע־שטייגערישע — ווי דאָס יום־טובן פון יידישע יום־טובים אין אַ נייער פּראָגרעסיווער פאָרם, — אָבער וואָס פאָדערט צוויי קאַרדינאַלע באַדינ־גונגען, צוויי אַבסאָלוט־פעסטע יסודות, אויף וועלכע עס בויט זיך און עס דאַרף געבויט ווערן אונדזער נייע פּראָגרעסיוו־וועלטלעכע קולטור. ערשטנס: אַז אַלע אירע ריכטונגען זאָלן באַטראַכט ווערן פאַר גלייכבאַרעכ־טיקט ביי דעם יידישן פאָלק; אַז קיין ריכטונג זאָל ניט טאָרן אַריינגעוואָרפן ווערן אין חרם; אַז קיין פּאַרטיי צי ריכטונג זאָל ניט האָבן דאָס רעכט צו זאָגן: מיר און נאָר מיר זיינען די אמתע פאַרטרעטער פון דעם יידישן פאָלק, די קעמפער פאַר זיין עקזיסטענץ און זיין נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, און אַז אַלע אַנדערע ריכטונגען, וואָס זיינען ניט מסכים מיט אונדזער אמת און אונדזער יושר, געהערן ניט צו דעם יידישן פאָלק.

דער פאַרלאַנג, צום ביישפּיל, אויסצובויען אַ מאָדערנע אַרט, ווי אַזוי צו יום־טובן די יידישע יום־טובים, איז אין מיינע אויגן זייער אַ סימפּאַ־טישער. איך האָב אָט דעם געדאַנק פאַרטיידיקט אין מיין אַרבעט: „די נאַציאָנאַל־פּאָעטישע ווידערגעבורט פון דער יידישער רעליגיע״, פון דעם יאָר 1909, ד. ה., אַ קיימא־לן מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק. איך האָב אים אָבער קיינמאָל ניט פאַרטיידיקט, ווי אַן אַבסאָלוטן אמת, וואָס דאַרף זיין אַ חוב פאַר יעדן יידן.

דאָס קאָן זיין אַ ריכטונג אין אונדזער פּראָגרעסיוו־וועלטלעכן קולטור־לעבן, אָבער ניט קיין יסוד, אויף וועלכן דאָס גאַנצע קולטור־לעבן זאָל געבויט ווערן. דער יסוד, דער וויכטיקסטער קולטור־באַדינג פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונדזער נייער קולטור, דאַרף זיין די אַבסאָלוטע גלייכבאַ־רעכטיקונג פון אַלע ריכטונגען. עס טאָרן ניט זיין קיין פאַרבאָטענע וועגן און קיין פאַרוועריטע האָריזאָנטן פאַר דעם יידישן פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן געדאַנק און פאַר דעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן.

און אַ צווייטער יסוד פאַר אים דאַרף זיין די יידישע שפּראַך. אַלע צווייגן פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור זיינען, ווי מיר האָבן געזען, דער אינהאַלט פון אַ פאָלקס־לעבן אויף דער וועלט. די יידישע

שפּראַך דאַרף זיין די אַלגעמיינע פאָרם, אין וועלכע די אינהאַלטן ווערן פאַרווירקלעכט. און אַפילו יענע קולטור־צווייגן, וואָס נויטיקן זיך ניט אין שפּראַך־קלאַנגען, דאַרפן אויך באַשאַפן ווערן אין דער שפּראַך־ספּערע פון יידיש, כדי זיי זאָלן קאָנען צוגעציילט ווערן צו די צווייגן פון דעם יידישן קולטור־בוים.

נאָך שאַרפער מוזן מיר אַרויסשטעלן אַט די צוויי גרונט־באַדינגונגען פאַר אונדזער נייער קולטור, ווען מען קומט צו אונדז מיט דער פאָדערונג פון אַ רעליגיעזן באַזיס פאַר אונדזער קולטור־לעבן; מיט דער פאָדערונג, אַז נאָר יענער ייד זאָל באַטראַכט ווערן פאַר אַ קינד פון דעם יידישן פאָלק, וואָס נעמט אָן אַט דעם יידישן גלויבן, ווי דאָס פאָדערן, צום ביישפּיל, אַזעלכע העכסט־טאַלאַנטפולע קולטור־שאַפער, ווי די ברידער שטיינבערג, און ווי אבא גאָרדין.

געוויס ווייס איך, אַז זייערע פאַרשטעלונגען און געדאַנקען וועגן דער רעליגיעזער יידישקייט זיינען היפּש פאַרשיידן פון יענער אמונה, אין וועלכער עס גלויבט די אַלטע, אָרטאָדאָקסיש־פרומע וועלט אונדזערע.

ליידער האָב איך אָבער אין ערגעץ ניט געפונען אַ קלאָרע דערקלערונג פון זייער זייט, אין וואָס זיי גייען זיך פאַנאַנדער מיט דעם אַלטן גלויבן, — וואָס זיי וואָלטן געוואָלט אָפּשאַפן פון אים און אָוועקשטעלן אויף זייער פּלאַץ פּראָגרעסיווע עלעמענטן. אָבער דאָס איז פאַר אונדזער גרונט־פראַגע ניט אַזוי וויכטיק.

וויכטיק איז דער פאַקט, וואָס אַ צאָל טאַלאַנטפולע שרייבער פאַרלאַנגען, אַז אַ באַשטימטער יידישער גלויבן, מיט וועלכן דאָס יידישע פאָלק שיידט זיך אָפּ פון אַלע אַנדערע פעלקער, זאָל זיין אַזוי צו זאָגן אונדזער פּאַספּאָרט, מיט וועלכן אַ ייד מעג וואוינען אין די גרענעצן פון דעם יידישן פאָלק.

אַנטקעגן אַט דער נאַציאָנאַלער פּאַספּאָרט־פאָדערונג מוזן מיר אַרויס־טרעטן מיט דעם העפטיקסטן פּראָטעסט.

אויפן לעצטן זייטל פון מאַנוסקריפּט נאָכן סוף פון דער געשריבענער לעקציע זיינען מיט בליישטיפט אָנגעוואָרפן פאָלגנדיקע שורות, וואָס זיינען געווען טעזן פאַר אַ ברייטערער אָפּהאַנדלונג.

„דער איינציקער ענטפער: דאָס וועט אונדז העלפן צו דערהאַלטן זיך ווי אַ פאָלק. מען וויל מעלקן די רעליגיע ווי מען מעלקט אַ קו... אריכת־ימים פאַרן פאָלק. מען שלעפּט אַראָפּ די רעליגיע אין דעם בעיסמענט, אין דעם באַזיס. איז דאָס אַ באַליידיקונג פאַר דעם אמת־ריינעם רעליגיעזן גלויבן, ווי אַ קראַפט אין זיך גופא. — מיט אונדזער בליק אויף רעליגיע פאַרטיידיקן מיר זי, לייטערן מיר זי. — בשום אופן ניט קיין פּאַספּאָרט. אַ קולטורעלע רעליגיע איז געלייטערטע און — גערייניקטע“.

מיטלאַלטער און ניי־צייט

אין דער קולטור־געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון אונדזער פאָלק

ווען מען זאָל פאָרמולירן די אינעווייניקסטע טענדענץ, וואָס באַ־הערשט אונדזער נייע קולטור־ספערע אין יידיש, קאָן מען זאָגן, אַז איר ציל איז, דער יידישער מענטש — די גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסן, ווי אויך די גאַנצע יידישע אינטעליגענציע — זאָל האָבן די זעלביקע שטעלונג צו יידיש און צו דער קולטור־ספערע אין יידיש, וואָס דער פראַנצויזישער מענטש, זאָגן מיר, האָט צו פראַנצויזיש, צי דער רוסישער — צו רוסיש; עס זאָל פאַר יעדן יידן ווערן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, וועגן וועלכער עס קאָן גאָרניט אַרויפקומען קיין ברעקל ספק, אַז יידיש איז זיין שפּראַך און אַז די קולטור־ספערע אין איר איז די קולטור־ספערע פון זיין פאָלק.

דאָס איז אַ גייסטיקע רעוואָלוציע אין אונדזער לעבן.

וואָס האָט געפירט דערצו, זי זאָל אַרויסגערופן ווערן? וועלכע היס־טאָרישע פּראָצעסן ווירקן אין דער ריכטונג, פון דורכצופירן זי?

צוויי אַרטן היסטאָרישע פּראָצעסן אַרבעטן דערויף. איין אַרט זייערער ליגט אין דעם גאַנג פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס ביי די אייראָפּעאישע פעלקער, די אַנדערע אַרט ליגט אין די לעבנס־נויטן און אומשטאַנדן פון דעם אייגענעם יידישן פאָלק.

די אַלגעמיין־מענטשלעכע היסטאָרישע פּראָצעסן, וואָס מיר האָבן דאָ אין אויג, האָבן זיך ביי די מערב־אייראָפּעאישע פעלקער אָנגעהויבן מיט דעם אויפקום מיט אַ פינף הונדערט יאָר צוריק פון דער אַזוי אָנגערו־פענער רענעסאַנס, דער „ווידערגעבורט”, ווען די פּראָגרעסיווע אידעען האָבן פון פאַרשיידענע זייטן גענומען אונטערגראָבן די יסודות פון דעם רוימיש־קאַטוליש־קריסטלעכן מיטלאַלטער, וואָס האָט אָנגעהאַלטן כמעט אַ טויזנט יאָר.

די רענעסאַנס באַדײַט מיט זיך דעם אָנהויב פון דער נײַ־צײַט אין דעם געשיכטלעכן לעבן פון די מערב־אייראָפּעאישע פעלקער. ביז צו דער נײַ־צײַט האָט אין דעם פרט פון שפּראַך און קולטור די רוימיש־קאַטוילישע וועלט גערוט אויף דרײַ זײַלן: אויף דעם לאַטײַנישן קאָסמאָפּאָליטיזם, אויף דער רעליגיעזער קירכלעכקייט און אויף דעם אַריסטאָקראַטיזם פון דעם אַדלשטאַנד און דער גייסטלעכקייט. אין דעם אָנהייב פון דעם פערצנטן יאָרהונדערט האָט זיך דער אויפגעוואַכטער פּראָגרעסיווער געדאַנק גע־נומען אָפּווענדן פון אָט די דרײַ יסודות און האָט אין אַ משך פון איבער פינף הונדערט יאָר איבערגעביטן זיי אויף פונקט דעם היפך. אַנשטאָט דעם קאָסמאָפּאָליטיזם איז אויפגעקומען דער נאַציאָנאַליזם; אַנשטאָט דער רעליגיעזער קירכלעכקייט — די סעקולאַריזאַציע — די וועלטלעכקייט: אַנשטאָט דעם אַריסטאָקראַטיזם — די דעמאָקראַטישקייט. די דעמאָקראַ־טישקייט איז אָבער געוואָרן די אינעווייניקסטע טרייב־קראַפט אין דעם גאַנצן אומבוי־פּראָצעס.

יאָ, אַן איבער פינף הונדערט יאָר האָט געדויערט אָט די איבערפּו־רעמונג פון די קולטורעלע יסודות, — אין איין לאַנד מער, אין דעם אַנדערן — ווייניקער; פאַר איין יסוד שנעלער, פאַר דעם אַנדערן לאַנג־זאַמער. דורות און דורות האָבן זיך באַטייליקט אין אָט די היסטאָרישע פּראָצעסן, אָנגעפילטע מיט סאָציאַלע קלאַסן־קאַמפן, פּאָליטישע רעוואָ־לוציעס, רעליגיעזע רעפאָרם־באַוועגונגען, לאַנג־דויערנדיקע פעלקער־קריגן און שטענדיקן גייסטיקן געראַנגל — מיט נצחונות און מפּלות, מיט שאַרפע שוואונגען אַלץ פאָראויס און מיט צײַטווײַליקע רעאַקציאָנערע שטרעמונגען אויף צוריק, ביז די דרײַ נײַע זײַלן — נאַציאָנאַליזם, וועלט־לעכקייט, דעמאָקראַטישקייט האָבן זיך אײַנגעפעסטיקט אין אַלע פּראָ־גרעסיווע לענדער, בײַ אַלע פּראָגרעסיווע פעלקער, סײַ אין זייער בירגער־לעכן, סײַ אין זייער פּאָליטישן, סײַ אין זייער קולטורעלן לעבן.

מיר מוזן דאָ וואַרפן אַ ראַשן איבערבליק ניט אויף די היסטאָרישע פּאַסירונגען, וואָס האָבן יענע פּראָצעסן אָנגעפילט, נאָר אויף זייער מהות און באַדײַט, אויף וויפל דאָס האָט צו טאָן מיט קולטור און שפּראַך.

די קריסטלעכע רוימיש־קאַטוילישע וועלט איז אין איר גייסטיקן אײַנשטעל געווען קאָסמאָפּאָליטיש. שוין דער אייגנטלעכער באַגרינדער פון דעם קריסטנטום, דער הייליקער פּאָול (סענט פּאָל), אָדער שאול פון תּרשיש, האָט דערקלערט, אַז אין דעם קעניגרײַך פון דעם הימל אויף דער ערד זײַנען ניטאָ קיין יידן, ניט קיין העלענען. נאַציאָנאַלע אונטער־שיידן ווערן אָפּגעשאַפט. איין מענטשהייט, איין גלויבן און — וועג רוים

האָט באַקערט צום קריסטנטום גאַנץ מערבֿ־איראָפּע — איז דאָס אויך געוואָרן איין שפּראַך, לאַטיין און איין גייסטיקע קולטור — די קולטור אין דער לאַטיינישער שפּראַך־ספערע, ווי די גייסטיקע היים פאַר אַלע געבילדעטע מענטשן.

לאַטיין איז געווען ניט נאָר די שפּראַך פון דעם קאַטוילישן גאָט־דינסט און ניט נאָר פון דעם רעליגיעזן, מיסטישן און סכאָלאַסטישן שאַפן, נאָר אויך פון די פיצלעך ריין וועלטלעכע בילדונג און וויסנ־שאַפט, וועלכע די קירך האָט צוגעלאָזן. די גרויסע פאָלקס־מאַסן פון די פאַרשיידענע פעלקער האָבן נאַטירלעך גערעדט זייערע אייגענע אָרטיקע שפּראַכן, דיאַלעקטן, און אויך זשאַרגאָנען — אין די ראָמאַנישע לענדער דאָס רוב לאַטיינישע זשאַרגאָנען — אין אַ „פאַרדאָרבענעם לאַטיין״, ווי די געבילדעטע האָבן געקוקט אויף זיי: פראַנצויזיש, איטאַליעניש, שפּאַניש, פּראָוואַנסאַליש, רעטאָ־ראָמאַניש. וויכטיקע פאָלקלאָרן זיינען אויפגעקומען אין זיי: לירישע לידער, ווערטלעך, פאָלקס־מעשיות און העראָאישע פּאָעמען. די זשאַרגאָנען זיינען געווען די לאָקאַלע אומגאַנג־שפּראַכן. יעדעס פאָלק האָט געליבט גראָד אָט די קולטור־ספערע זיינע און אַזוי צו זאָגן, זיין מאַמע־לשון. אָבער דער אָפּשאַץ זייערער אין פאַרגלייך מיט דער קולטור־ספערע אין לאַטיין, איז געווען כּמעט פּונקט אַזאַ, ווי ביי אַ סך פון יידן, נאָך איצטער, דער אָפּשאַץ פון לשון קודש און יידיש. לאַטיין איז געווען די „האַרינטע״, ווי ביי אונדז העברעאיש, די פאָלקס־שפּראַך — די שפּחה, די דינסט־מויד, ווי ביי אונדז — יידיש.

ערשט אין דעם סוף דרייצנטן און אין דעם פערצנטן יאָרהונדערט טרעט אַריין די קולטורעלע און שפּראַכלעכע רעוואָלוציע אין מערבֿ־איראָפּע. דעם אָנהייב מאַכט איטאַליע, און דעם אָנהייב מאַכט ניט קיין קלענערער גייסטיקער פּאַטישער ריז, ווי דאַנטע. זיין „געטלעכע קאָ־מעדיע״ האָט ער פריער געהאַט בדעה צו שרייבן אין לאַטיינישע העקסאַ־מעטערן. ער האָט אָבער באַשלאָסן צו שרייבן זיין ווערק אין דעם פאָלקס־זשאַרגאָן און האָט דערמיט אויפגעהויבן די פאָלקס־שפּראַך צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך: די ערשטע נאַציאָנאַל־שפּראַך אין מערבֿ־איראָפּע. באַלד האָבן אַלע אַנדערע פעלקער גענומען גיין דעם זעלביקן גאַנג, און עס האָבן זיך אומעטום אויסגעבילדעט נאַציאָנאַלע קולטור־ספערעס, וואו פריער און וואו שפּעטער. און שוין ניט נאָר פאַר דער שיינער ליטעראַטור און פּאָעזיע, נאָר אויך פאַר אַלע צווייגן פון דעם מענטשלעכן שאַפן, וואָס האָט שנעל גענומען זיך באַפרייען פון דעם מיטלעלטערלעכן גייסט.

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז די אָנהענגער פון דעם קאָסמאָפּאָליטישן לאַטיין האָבן זיך תּיכּף אונטערגעגעבן. דער פרייער גייסט, וואָס האָט זיך געריסן פון די מיטלעלטערלעכע השגות און האָט באַרייכערט די רייך־וועלטלעכע קולטור פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט, האָט געשאַפן ניט נאָר אין די איינצלנע נאַציאָנאַלע שפּראַכן, נאָר אויך אין דער וועלט־שפּראַך פאַר די געבילדעטע, אין לאַטיין, וואָס איז צו דעם סוף פון דעם רענעסאַנס־פּעריאָד געוואָרן — דער עיקר אין דער פּראָזע, אַזוי רייך, אַזוי בייגיק און — איך וואָלט געזאָגט, אַזוי מאָדערן פאַר זיין צייט, אַז ער האָט פאַרטונקלט די גלענצנדיקסטע שטערן פון דער אַלט־רוימישער קולטור־ספערע, ציצעראָגען אַריינגערעכנט.

נאָך אין דעם זעכצנטן יאָרהונדערט האָט איינער פון די גרעסטע פריי־גייסטער, פון יענער צייט, עראַזמוס פון ראָטערדאַם, געשטורעמט אַנטקעגן דער מידה מגונה פון דער געבילדעטער וועלט, צו שרייבן געבילדעטע ווערק פאַר געבילדעטע מענטשן אין די שפּראַכן פון דעם המון, פון דעם פּעבל. און נאָך אין דער צווייטער העלפט פון דעם זעלביקן יאָרהונדערט האָט אפשר דער גרעסטער פריי־גייסט פון דער מענטש־הייט, ברוך שפּינאָזע, געשריבן זיינע פילאָסאָפישע ווערק נאָר צו אַ קליינעם טייל אין האָלענדיש, די וויכטיקסטע פילאָסאָפישע ווערק זיינען געווען געשריבן אין לאַטיין. אין די אוניווערסיטעטן פלעגט מען נאָך אַלץ לייענען און לערנען אַ היפּש ביסל אין לאַטיין — דער עיקר אין די גערמאַנישע לענדער. ערשט צום סוף פון דעם אַכצנטן יאָרהונדערט ווערן די נאַציאָנאַל־שפּראַכן אומעטום די הערשנדיקע און די קאָסמאָפּאָ־ליטישע לאַטיינערײַ, די איבערגעבליבענע פון דער אַלט־רוימישער וועלט־אימפּעריע, פאַרשווינדט לגמרי פון די קולטור־ספערעס ביי די פּראָגרע־סיווע פעלקער.

דער קולטורעלער און שפּראַכלעכער קאָסמאָפּאָליטיזם האָט אָפּגעטראָטן זיין אָרט צו דעם נאַציאָנאַליזם אין דער קולטור־שאַפונג.

עס בעט זיך דאָ די זייער וויכטיקע באַמערקונג, אַז דער נאַציאָ־נאַליזם איז אויף דעם פּאָליטישן פעלד אָפט אויסגעוואַקסן אין אַ שאָוויניזם, וואָס איז אָבער געווען מער אַ פּאַטריאָטיזם, אַ פאַרגעטערונג פון דעם אייגענעם לאַנד און דעם אייגענעם שטאַט, איידער אַ נאַציאָנאַלער קול־טוריזם, אַ פאַרהערלעכונג פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור און דער אייגענער נאַציאָנאַלער שפּראַך. אָט דער שאָוויניזם איז געווען דער שאַרפסטער היפּוך צו דעם פריערדיקן מיטלעלטערלעכן קאָסמאָפּאָליטיזם. ווי אַ קעגנזאַץ צו דעם שאָוויניזם און דעם פּאַטריאָטיזם, איז אין דער

ערשטער העלפט פון דעם נײַנצנטן יאָרהונדערט — מיט דער אַנט־וויקלונג פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק — אַרויף אויף דער סצענע פון דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק אַ נײַער אײַנשטעל אין דעם ענין: דער אינטערנאַציאָנאַליזם, ווען עס געהערט, נאָך מײַן מיינונג נאָך, די צו־קונפט.

דער אינטערנאַציאָנאַליזם איז אַ סינטעז, אַ צונויפגוס אין איינעם פון די צוויי פריערדיקע אײַנשטעלן. פון דעם מיטלעלטערלעכן קאָסמאָ־פּאָליטיזם נעמט ער אַריבער דעם פּרינציפּ פון אַ פּאַראייניקטער מענטש־הייט, פון דעם נאַציאָנאַליזם נעמט ער אַריבער דעם פּרינציפּ פון איינצלנע פעלקער, וואָס דאַרפן, ווי פעלקער, זיך פרײַ פאַרברידערן אין איין אַל־געמיין־מענטשלעכער משפּחה. דערבײַ ווערט אָבער נאַטירלעך לגמרי אָפּגעוואָרפן די מיטלעלטערלעכע פאָרדערונג פון איין איינציקער קולטור־ספּערע און איין איינציקער שפּראַך — לאַטײַן. אין דעם נאַציאָנאַליזם ווערט די הויפּט־וואָג געלייגט ניט אַזוי אויף לאַנד און שטאַט, נאָר אויף פאָלק, אויף זײַן שפּראַך און זײַן קולטור.

אין דעם ערשטן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל, געגרינדעט דער עיקר פון משה העס און קאַרל מאַרקס, זײַנען די איינצלנע פעלקער־סעקציעס געווען געבויט ניט אויף דעם יסוד פון זייערע לענדער, נאָר אויף דעם יסוד פון זייערע שפּראַכן אַזוי, אַז צ״ב די דײַטשע סאָציאַליסטן, צע־שפּרייטע איבער די פאַרשיידענע שטאַטן פון אייראָפּע און אַמעריקע האָבן געהאַט איין סעקציע, וואָס איר צענטראַלע איז געווען אין דער פראַנצויזיש־שפּרעכנדיקער זשענעווע.

אָט דער שפּראַכן־פּרינציפּ, ווי דער יסוד פון דעם נאַציאָנאַלן זין פון אַ פאָלק ווערט איצטער אָנגעווענדט אין יענע לענדער און שטאַטן, וואָס אָנערקענען די נאַציאָנאַלע רעכט פון מינאָריטעטן, ווי אין בעלגיע און ראַטנלאַנד. דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט פון יענער רעוואָלוציע, וואָס די פּראָגרעסיווע מענטשהייט האָט אַרײַנגעטראָגן אין דעם מיטלעלטערלעכן קאָסמאָפּאָליטיזם.

האַנט און האַנט מיט אָט דער קולטורעלער רעוואָלוציע איז אויך געגאַנגען די רעוואָלוציאָניזירונג פון דעם צווייטן יסוד אין דעם גײַסטיקן אײַנשטעל פון דעם מיטלאַלטער: דער אויפקום און אויסבילדונג פון דער פאַרוועלטלעכונג אַנשטאָט דער רעליגיעזער קירכלעכקייט.

וואָס אַזוינס איז וועלטלעכקייט? וואָס איז אָט דער יסוד, אויף וועלכן עס בויט זיך איצטער אויך אונדזער וועלטלעכע קולטור אין דער שפּראַך־ספּערע פון יידיש?

ווי דאָס רוב ייִדישע ראַדיקאַלן האָבן אַמאָל — און אייניקע פון זיי, נאָך איצטער — פאַרשטאַנען דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, ווי אַנטי־נאַציאָנאַליזם, ווי אַן אָפּלייקענונג פון איינצלנע נאַציאָנאַליטעטן און אַ שטרעבן צו זייער פאַרשווינדן, אַזוי איז ביי אַ סך פון אונדזערע קולטורעלע שאַ־פערס און טוערס, דער באַגריף „וועלטלעכקייט" געוואָרן אַ סינאָנים פון אַנטי־רעליגיעז. אַ גלויבן אין גאָט און אַ בענקשאַפט נאָך אַ רעליגיעזן לעבן ווערט פון דאָס רוב אונדזערע טוערס באַטראַכט ווי אַ טויט־זינד אַנטקעגן וועלטלעכקייט — אַ טויט־זינד, וואָס מוז אויסגעראָט ווערן מיטן שטאָם און וואָרצל.

דאָס אָפּשאַפן רעליגיעס מעג זיך זיין אַ ריכטיקער און וויכטיקער אידעאַל, וואָס געהערט צו דעם ענין וועלטלעכקייט. אָבער דאָס איז נאָר איין ריכטונג אין דעם געדאַנק פון וועלטלעכקייט. נעמט מען אָט דעם געדאַנק, ווי ער איז אויסגעוואַקסן אין דעם קאַמף אַנטקעגן דער מיטל־עלטערלעכער קירכלעכקייט און ווי ער איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין דעם לעבן פון די מאָדערנע פּראָגרעסיווע פעלקער, אַזוי זעט מען קלאָר איין, אַז ער איז בעצם פריי פון אַ וועלכן עס איז אַנטי־רעליגיעזן איינשטעל.

אָנגעהויבן האָט זיך דער ענין מיט דעם אויפקום פון די פאַרשיידענע רעפאָרם־באַוועגונגען אין דער קריסטלעכער רעליגיע: מיט דעם פּראָ־טעסטאַנטיזם, לוטעראַניזם, קאַטויליציזם און די פאַרשיידענע אַנדערע סעקטעס. אין דער ערשטער ליניע איז דאָס געווען אַ קאַמף אַנטקעגן דעם רוימישן קאַטויליציזם, מיט דער גייסטיקער אויבערהערשאַפט פון דעם פּויבסט.

עס איז פאַר אונדזער טעמע וויכטיק צו האָבן אין אויג, אַז אָט דער אַנטי־קאַטוילישער, אַנטי־פּויבסטלעכער קאַמף איז געווען פאַרבונדן אויך מיט דעם שפּראַכן־קאַמף אַנטקעגן דעם לאַטיין. די רעפאָרם־באַוועגונגען האָבן זיך געמוזט ווענדן צו די פאָלקס־מאַסן. פּאַמפלעטן, פּאָלעמיקעס, אויפרופן און פּראָקלאַמאַציעס האָבן געמוזט געדרוקט און פאַרשפּרייט ווערן אין די שפּראַכן פון יעדן פאָלק.

אָבער ניט נאָר דאָס. אַ שטאַרקער און טיפער רעליגיעזער מאָמענט איז געווען פאַרבונדן מיט אָט דעם שפּראַכן־קאַמף. די רעפאָרמאַטאָרן האָבן געפאָדערט, אַז דער גאָט־דינסט זאָלט אָפּגעריכט ווערן אין דעם לשון פון די גרויסע מאַסן. און נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט איז צוגע־קומען דערצו. די קאַטוילישע קירך, אין איר שטרעבן צו האַלטן אין שקלאַפעריי די מוחות פון די גלייביקע מאַסן, האָט פאַרוועורט איבער־צוזעצן די ביבל אין די שפּראַכן פון די פעלקער. די ערשטע אויפגאַבע

פון די רעפאָרמאַטאָרן איז דעריבער געווען, איבערצוזעצן דעם תנ״ך און די עוואַנגעליען אין די דעמאָלטיקע זשאַרגאָנען. ביי פיל מערב־אייראָפּעאישע פעלקער, איז דערמיט אָוועקגעלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דעם אויסבוי און אויפבלי פון זייערע נאַציאָנאַלע קולטור־ספערעס. אַזוי האָט צ״ב לוטערס איבערזעצונג פון דער ביבל אין דעם הויך־דייטשן דיאַלעקט געמאַכט אָט דעם לשון פאַר דער אָפיציעלער נאַציאָנאַל־שפּראַך פון דער גאַנצער דייטשער קולטור־ספערע ביז אויף דעם היינטיקן טאָג. אַזוי אַרום איז די אומגאַנג־שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן, די שפּראַך פאַר ריין וועלטלעכע און וואָכעדיקע ענינים, דערהויבן געוואָרן אין די פּראָטעסטאַנטישע לענדער ניט נאָר צו דער מדרגה פון דער נאַציאָנאַל־שפּראַך, נאָר אויך איר חשיבות איז אויסגעוואַקסן, ווייל זי איז אין דער זעלביקער צייט געוואָרן אויך די רעליגיעזע שפּראַך פון דעם גאָט־דינסט און פון די הייליקע שריפטן.

דאָס איז געווען דער ערשטער שריט אין דער פאַרוועלטלעכונג פון דעם קולטור־לעבן. עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די מחיצה צווישן דעם לאַטיינישן „לשון קודש״ און דעם המון־עם׳דיקן לשון חול. אָט די פאַרוועלטלעכונג האָט אָבער אָנגערירט נאָר די אַלגעמיינע שפּראַך־פאָרעם פון אַ פאָלקס־לעבן. דעם מיטלעלטערלעכן יסוד פון דער רעליגיעזער קירכלעכקייט האָבן די פּראָטעסטאַנטן געציטערט אָנצורירן און אין פיל פאַלן, ווי אין דעם קאַטוליציזם, איז ער נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן.

ווען עס זיינען אויסגעבראָכן די רעפאָרמאַציע־קריגן צווישן די קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנטישע שטאַטן, לענדער און רעגירונגען זיינען זיי געפירט געוואָרן ניט אין דעם נאָמען פון וועלטלעכקייט אַנטקעגן רעליגיעזיטעט, נאָר אין דעם נאָמען פון איין קריסטלעכער אמונה אַנטקעגן דער אַנדערער, מיט דעם צוועק צו באַהערשן און צו אונטערדריקן די אַנדערע.

דער אויסגאַנג פון אָט די קריגן האָט געפירט צו דעם באַרימטן קאָמפּראָמיס, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם פּרינציפּ: „קויאוס רעגיאָ, עיוס רעליגיאָ״. וועמעס רעגירונג, יענעמס רעליגיע איז די הערשנדיקע אין דעם לאַנד. אַזוי אַרום איז אין די קולטור־ספערעס פון די פּראָטעסטאַנטישע קולטור־ספערעס פאַרווירקלעכט געוואָרן אַ קאָמפּראָמיס צווישן רעליגיעז און וועלטלעכקייט, וואָס קאָן פאָרמולירט ווערן אין די ווערטער: רעליגיעז לויט דעם אינהאַלט, וועלטלעך־נאַציאָנאַל, לויט דער שפּראַך־פאָרעם.

ערשט ווען אין די פּראָטעסטאַנטישע לענדער האָט זיך אָנגעהויבן דער אינעווייניקסטער קאַמף צווישן די פאַרשיידענע סעקטן; ווען אומעטום אין מערב־אייראָפּע און צפון־אַמעריקע האָט זיך גענומען שטאַרקן דער פרייער גייסט און די פרייע פאָרשונג, וואָס האָט ניט געוואָלט וויסן פון קיינע אויטאָריטעטן — ניט די פון דעם פּויבסט, ניט די פון די עוואַנ־געלישע אָדער פּראָטעסטאַנטישע קירכעס, האָט זיך גענומען איינשטעלן די מאָדערנע וועלטלעכקייט, ווי זי איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, נאָך יאָרן און יאָרן פון קאַמף אין אַלע פּראָגרעסיווע לענדער.

וואָס איז געווען און איז עד היום דער גרונט־פּרינציפּ פון וועלט־לעכקייט? — ניט די אַנטי־רעליגיעזיטעט, ווי זי איז צ״ב געווען אָנ־געשטרעבט אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע מיט איר קולט פון דעם מענטשלעכן פרייען שכל און מיט דעם פאַרבאָט פון יעדן רעליגיעזן גלויבן. די מאָדערנע וועלטלעכקייט רוט אויף דעם גרונט־פּרינציפּ, אַז „דער רעליגיעזער גלויבן איז אַ פּריוואַט־זאַך פאַר יעדן יחיד", און אַז דער שטאַט, ווי אויך די דערציאונגס־אַנשטאַלטן האָבן קיין רעכט ניט, פאַר־צושרייבן ווענען עס איז, אין וואָס ער זאָל גלייבן אָדער ניט גלייבן. דאָס איז די גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע רעליגיעזע, און אַנטי־רעליגיעזע אידעאישע ריכטונגען פאַר דעם געזעץ און דאָס אויסשליסן דעם רע־ליגיעזן עלעמענט פון דער דערציאונג, דער געזעצגעבונג, דעם געריכט, דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג און פון אַלע אַנשטאַלטן, וואָס ווערן אויס־געהאַלטן אויף דעם קהלשן חשבון.

אויף פאַרשיידענע אופנים ווערט אין די מאָדערנע שטאַטן פאַר־ווירקלעכט אָט די גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע אידעאישע ריכטונגען אין דעם געזעלשאַפטלעכן, שטאַטלעכן און קולטורעלן לעבן פון אַ מאָדער־נעם פּראָגרעסיוון לאַנד. אין פראַנקרייך, וואו די פרייהייטלעכע און אַנטי־רעליגיעזע געדאַנקען זיינען זייער פאַרשפּרייט און די קירכלעכע רע־ליגיעזיטעט איז זייער אָפּגעשוואַכט, ווערן אַלע רעליגיעזע אַנשטאַלטן, מיט זייערע פּריסטער, גלחים און רבנים, אויסגעהאַלטן פון דער רע־גירונג, זי מעג, אין איר צונויפשטעל זיין אַפילו אַטעאיסטיש־מאַטערי־אַליסטיש.

אין נאָרד־אַמעריקע ווידער, איז די קריסטלעכע רעליגיאָזיטעט — אפשר מאָל נאָר אַ דרויסנלעכע און אויבערפלעכלעכע — אַ פעסטע זייל אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. און גראָד דאָ אין לאַנד איז די רעליגיע אַבסאָלוט אָפּגעטיילט פון דעם שטאַט, פון דער זעלבסט־ פאַרוואַלטונג

און פון יענע דערציאונגס־אינסטיטוטן, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן אויף עפנטלעכע מיטלען.

עס קאָן זיין, אַז גראַד דער פאַקט, וואָס אין אַמעריקע זיינען פאַראַן אַזוי פיל פאַרשיידענע קריסטלעכע סעקטעס, מיט זייערע פאַרשיידענע קיר־כעס און פאַרמען פונעם גאָט־דינסט האָט געפירט דערצו, אַז מען האָט געמוזט געבן פרייהייט צו יעדער רעליגיעזער און אויך אַנטי־רעליגיעזער ריכטונג, זי זאָל זיך פריוואַט אויסלעבן, ווי זי אַליין פאַרשטייט אויף איר אייגענעם פריוואַטן חשבון.

על־כל־פנים איז דער פרינציפ פון וועלטלעכקייט, פון סעקולאַריזאַציע, אפשר אין ערגעץ ניט דורכגעפירט געוואָרן אַזוי קאָנסעקווענט, ווי גראַד דאָ אין לאַנד, וואו קירכלעכע רעליגיאָזיטעט איז אפשר מער פאַר־שפרייט, איידער ערגעץ וואו אַנדערש.

דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז וועלטלעכקייט אין דעם שטאַט־לעכן און עפנטלעכן לעבן באַדייט בשום אופן ניט אַנטי־רעליגיאָזיטעט. דאָס באַדייט נאָר, אַז די רעליגיעזע גלויבנס אָדער אומגלויבנס זיינען אַ פריוואַט־זאַך פון יעדן איינעם און זייער בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג ווערט געשטיצט נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל קיינע פון זיי וויל ניט אַרויפצווינגען אויף דעם אַנדערן זיין גלויבן אָדער אומגלויבן.

אין אַזאַ וועלטלעכקייט האָבן מיר אַ מין פּאָליטישן סינטעז, אַ צונויפ־גוס פון צוויי פריערדיקע גרונט־פרינציפּן: דער מיטלאַלטערלעכער רעליגיאָזיטעט און דעם פרייען גייסט, וואָס וויל, אַז מען זאָל אין דער געשטאַלטונג פון דעם עפנטלעכן לעבן זיך ניט בייגן פאַר קיין איבער־נאַטירלעכער אויטאָריטעט, פאַר קיינע פאָדערונגען, וואָס קומען צו אונדז אין דעם נאָמען פון אַ דרויסנמענטשלעכער מאַכט.

נאָך ענגער צונויפגעבונדן מיט דעם נאַציאָנאַליזירונגס־־פּראָצעס און דער פאַרוועלטלעכונג, איז דער דריטער היסטאָריש־פּראָגרעסיווער פּראָ־צעס, די אָפּשאַפונג פון דעם מיטלאַלטערלעכן אַריסטאָקראַטיזם און אַריס־טאָקראַטישקייט און דאָס אַרויפזעצן אויף איר טראָן די דעמאָקראַטיע — אין דער פּאָליטיק — און די דעמאָקראַטישקייט אין דעם בוי פון דעם לעבן.

די נשמה פון אַריסטאָקראַטיזם און אַריסטאָקראַטישקייט איז דער יחוס, די באַזונדערע פּריווילעגיעס פאַר אויסדערוויילטע מינאָריטעטן: דער יחוס פון געבורט: קיסרים, פרינצן, איידללייט — און דער יחוס עצמו פון אַ העכערער גייסטיקייט, פון אַ פיינערער אינטעליגענץ און בילדונג. די פּריווילעגיעס פון דער קאַטוילישער קירך האָבן זיך קיין מאָל ניט

געקאָנט שטיצן אויף דעם יחוס פון געבורט, ווייל די קאָטוילישע גייסט־לעכע האָבן אַפּיציעל גאָרניט געטאָרט האָבן קיין קינדער.

די נשמה פון דעמאָקראַטיע און דעמאָקראַטישקייט איז דער „דעמאָס״, דאָס פאָלק, די פאָלקס־מאַסן, דאָס אָפּשאַפן די פּריווילעגיעס, סיי פּאָלי־טישע, סיי געזעלשאַפטלעכע, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם אָדער יענעם יחוס.

דער דעמאָקראַטיזירונגס־פּראָצעס איז אַ פּראָצעס פון אַלץ שטייגנ־דיקער הויכשאַצונג פון די פאָלקס־מאַסן.

שוין ביי דעם נאַציאָנאַליזירונגס־פּראָצעס, וואָס האָט אָפּגעשאַפט דעם מיטלאַלטערלעכן קאָסמאָפּאָליטיזם, האָבן מיר געזען, אַז די שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן ווערט דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך און ווערט די אַלגעמיינע פאָרעם פון אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן און אַן אייגענער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. אויך ביי דעם פאַר־וועלטלעכונגס־פּראָצעס פון דער מענטשלעכער קולטור האָבן מיר אונטער־געשטיכן דעם פאַקט, אַז דער רעליגיעזער גאָט־דינסט ביי די פּראָטעס־טאַנטן איז שוין געפירט געוואָרן אין דער שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן און אויך די הייליקע שריפטן זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין די דע־מאָלטדיקע „זשאַרגאָנען״.

אָבער דאָס האָט געהאַט צו טאָן נאָר מיט דער שפּראַך פון דעם פאָלק, ניט מיט זיינע פאָלקס־מאַסן גופא, וואָס האָבן נאָך אַ לאַנגע צייט ניט דערגרייכט יענע חשיבות, יענעם מענטשלעכן ווערט און באַדייט, וואָס מען האָט צוגעשריבן דער געבורט־אַריסטאָקראַטיע אָדער דער גייסטלעכער און דער וועלטלעכער אינטעליגענציע.

דער דעמאָקראַטיזירונגס־פּראָצעס, וואָס האָט זיך נאָך אין ערגעץ ניט פאַרענדיקט אין זיין פולער מאָס, האָט דעם ציל אויסצוגלייכן — ווייניקסטנס אָפיציעל — דעם דעמאָס, די פאָלקס־מאַסן מיט זיינע איצטער אַלץ נאָך אַזוי אָנגערופענע אויבערשטע פּלאַסטן פון דער געזעלשאַפט.

פּאָליטיש פירט דער דעמאָקראַטיזירונגס־פּראָצעס צו דער דעמאָ־קראַטיע, וואו די גאָר גרויסע מאַיאָריטעט פון דעם פאָלק — די פאָלקס־מאַסן — זאָלן איבערנעמען דעם היסטאָרישן גורל פון דעם גאַנצן פאָלק אין זייערע אייגענע הענט.

געזעלשאַפטלעך און קולטורעל פירט די דעמאָקראַטיזירונג צו אינ־טערעסירן זיך מיט דעם לעבן פון די פאָלקס־מאַסן און מיט די פּראָדוקטן פון זייער קאָלעקטיוון שאַפן: מיט די פאָלקס־לידער און ניגונים, די פאָלקס־מעשיות, ווערטלעך, מנהגים, דעם סטיל פון זייער הייזער־בוי,

די קינסטלערישע עלעמענטן אין זייערע מלאכות און אין די הויז־אַרבעטן; אוזאָרן אין די וועבערייען, שטיקערייען און שניצערייען, כלערליי פאַרצי־רונגען און אַזוי ווייטער.

מען באַוואונדערט דערביי די לעבנס־קלוגשאַפט און דעם לעבנס־אמת אין דעם גערעדטן און געזונגענעם וואָרט, דעם פּאַעטישן חוש אין דער פאָלקס־ליריק און עפּיק, דעם קינסטלערישן זין אין די אויסאָר־בעטונגען. אין דעם סוף פון דעם אַכצנטן יאָרהונדערט ווערט געבוירן דער פאָלקלאָר, ווי אַ באַזונדערע צווייג פון מענטשלעכן וויסן. שפּעטער קומען אויף ביי אַלע פראָגרעסיווע פעלקער וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפטן, זשור־נאַלן און מוזייען ספּעציעל פאַר די פּראָדוקטן פון דער פאָלקס־שאַפונג. אַ דייטשער פאָלקלאָריסטישער זשורנאַל טראָגט דעם כאַראַקטעריסטישן נאָמען: „אַם אורקוואַל״. דער נאָמען איז מרמז, אַז די קאָלעקטיווע פאָלקס־שאַפונג איז דער אורקוואַל, פון וואַנען עס שלאָגט די גאַנצע קולטור פון פאָלק.

דער זייער געבילדעטער פּרייסישער קעניג פרידריך דער גרויסער האָט נאָך אין דעם ענד פון דעם אַכצנטן יאָרהונדערט געקוקט מיט ביטול אויף דער דייטשער שפּראַך, ווי אויף דער שפּראַך פון די „שטאַל־קנעכט״. גראָד דעמאָלט, ווען זי איז שוין געווען טראָגעדיק מיט אַ לעסינג, אַ שילער, אַ געטע און אַ הערדער, וואָס האָט אַוועקגעלייגט דעם געשיכטס־פילאָסאָפישן פונדאַמענט פאַר דער פאָלקלאָריסטישער פאָרשונג.

אין מיטן נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר, ריכאַרד וואַגנער, דערקלערט, אַז נאָר יענע קונסט־שאַפונג איז עכט, וואָס האָט אירע וואָרצלען אין דעם לעבן און דער קונסט־שאַפונג פון דעם אייגענעם פאָלק. פון די יידישע מוזיקער אין זיין צייט האָט ער נאָר מענדעלסאָן־באַרטאָלדין אָנערקענט ווי אַן עכטן טאַלאַנט, ווייל זיין מוזיק איז נאָך איינגעוואָרצלט אין די סינאַגאָגיאַלע מאָטיוון פון דער יידישער דאָוון־שול.

און אין דעם סוף פון דעם נײַנצטן יאָרהונדערט האָט דער גראַף לעוו טאָלסטאָי אין זיין ווערק „וועגן קונסט״ זיך געמיט אַרויסצוברענגען דעם געדאַנק, אַז די קאָלעקטיווע פאָלקס־קונסט שטייט לויט איר עסטעטישן טיף און מהות אַ סך העכער איידער די גלענצנדסטע אינדיווידועלע שאַ־פונגען פון דער געבילדעטער וועלט. דאָס איז זיכער אַ גוזמא, על־כל־פּנים אַ שרייענדיקע איינזייטיקייט. אָבער גראָד אין אָט דער איינזייטיקייט דערהייבט זיך דער געבוירענער אַריסטאָקראַט צו דער פולער אָפּלייקע־נונג פון דעם מיטלאַלטערלעכן אַריסטאָקראַטיזם, מיט זיינע פאַרשיידענע

אַרטן יחוס און מיט זיין ביטול צו דעם המון. דער גראַף טאָלסטאָי איז בכלל, סיי אין זיין לעבן, סיי אין זיין שאַפן, סיי אין זיינע פילאָסאָפישע געדאַנקען געווען די פאַרקערפערונג פון יענער דעמאָקראַטישקייט, וועגן וועלכער מיר רעדן דאָ — אַ דעמאָקראַטישקייט, וואָס כאַפט ביי אים אַריבער די אייגענע מאָס.

אין דער אמתן שטעקט אויך אין דעם דעמאָקראַטיזירונגס־פראָצעס אַ טענדענץ צו אַ סינטעז, צו אַ צונויפגוס פון גייסטיקער העכסטער הויך, וועלכע די שאַפנדיקע אינטעליגענציע האָט דערגרייכט אין איר אַריסטאָ־קראַטיזם מיט דעם געזונטן לעבנס־חוש פון די אַרבעטנדיקע פאָלקס־מאַסן. דער סינטעז וועט אָבער פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען די קולטור פון דער אינטעליגענציע וועט אַריינדרינגען אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון די מאַסן, ווען די, די אַרבעטנדיקע מאַסן, באמת מאַכן פאַר די באַשטימער פון זייער אייגענעם היסטאָרישן גורל, פאַר די שאַפער, טרעגער און געניסער פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור. ובכן צייכנט זיך אויס די נייע צייט, די פראָגרעסיווע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון דעם מיטלאַלטער, — זי צייכנט זיך אויס, זאָג איך מיט די דריי גרונט־פרינציפן, וואָס ליקענען אָפ דעם מיטלאַלטער: זי צייכנט זיך אויס מיט דעם נאַציאָנאַליזם, וואָס לייקנט אָפ דעם קאָסמאָפאָליטיזם, מיט דער פאַרוועלטלעכונג, וואָס לייקנט אָפ דעם קלעריקאַליזם און מיט דער דעמאָקראַטישקייט, וואָס לייקנט אָפ דעם אַריסטאָקראַטיזם. וואָלטן מיר היינט געהאַט גענוג צייט, וואָלטן מיר געקאָנט באַווייזן, אַז אין אָט די דריי פראָגרעסיווע פראָצעסן ווירקט איין־איינציקע טרייבנדיקע קראַפט — די באַפרייאונג פון דעם מענטשן, דאָס אויסברעכן אַ וועג פאַר זיין פרייער פראָגרעסיווער אַנטוויקלונג, וואָס דריקט זיך אויס אין דער פרייער און אַלזייטיקער אויסבילדונג פון יעדן יחיד, אין דער סאָציאַלער גלייכהייט, אין דער קולטורעלער רייכקייט — מאַטעריעל און גייסטיק און אין דער צווישנפעלקערלעכער פאַרברידע־רונג. פון אָט דער אויפגאַבע מוזן מיך זיך היינט אָפזאָגן. אָבער שוין דאָס געבראַכטע העלפט אונדז אַוועקשטעלן אין אַ ריכטיקן ליכט דעם היסטאָ־רישן באַדייט פון אונדזער נייער וועלטלעכער קולטור אין דער שפראַך־ספערע פון יידיש, ווי דעם הויפט־אינסטרומענט פון דער באַפרייאונג פון דעם יידישן מענטשן און פאַר דער פראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן פאָלק.

מיר, די יידן פון דעם אייראָפעאיש־אַמעריקאַנישן קולטור־קרייז, זייַנען אַן אייראָפעאיש פאָלק; אַ פאָלק פון דעם מיטל־לענדערישן ים. מיר

זיינען דאָס געווען נאָך אין דער צייט פון אונדזער זעלבסטשטענדיקן לעבן אין ארץ־ישראל. אָבער דאָס נאָר ביז צו אַ געוויסן גראַד. אַ דורכאויס אייראָפּעאיש פאָלק זיינען מיר געוואָרן אין דער צייט פון דעם אַזוי אָנ־גערופענעם „גלות״ אין די לענדער פון דעם אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישן קולטור־קרייז.

וועלכן גורל האָבן ביי אונדז געהאַט די דריי נאָר וואָס כאַראַקטערי־זירטע גרונט־פּרינציפּן פון דעם מיטלאַלטער? די דריי פּראָגרעסיווע גרונט־פּרינציפּן פון דער נייער צייט? וועלכן גורל האָט ביי אונדז געהאַט די באַפרייאונג פון דעם יידישן מענטשן, מיט אירע פּראָגרעסיווע טענ־דענצן: די אַלזייטיקע אויסבילדונג פון דעם יחיד, די סאָציאַלע גלייכ־הייט, די קולטורעלע רייכקייט און דאָס שטרעבן צו אינטערנאַציאָנאַלער ברידערלעכקייט?

אויף אַט די פראַגן קאָנט איר דערוואַרטן פון מיר אַן ענטפער נאָר אין די אַלגעמיינסטע שטריכן. אַ דאַנק דעם טראַגישן היסטאָרישן גורל פון אונדזער פאָלק, האָט זיך ביי אונדז דער מיטלאַלטער אָנגעהויבן אַ סך פריי־ער און האָט אָנגעהאַלטן אַ סך לענגער איידער ביי אַלע אַנדערע אייראָפּע־אישע פעלקער. אונדזערע פאָלקס־מאַסן שטעקן אין אים נאָך עד היום ביז איבער די אויערן. אונדזער מיטלאַלטער האָט אויך געהאַט אין אַ סך פּרטים אַ גאַנץ אַנדער אויסזען. אין אים איז קיינמאָל ניט געווען קיין קאָסמאָ־פּאָליטישער שטריך. נאָך דעם חורבן בית שני זיינען מיר געוואָרן סינאַגאָגאַל רעליגיעז, אָבער אין דער זעלביקער צייט שאַרף נאַציאָנאַליס־טיש, עקסטרעם שאָוויניסטיש. אונדזער רעליגיע האָט ניט געוואָלט אָפּ־שאַפן די אונטערשיידן פון פעלקער, ווי דערצו האָט געשטרעבט דאָס קאַטוילישע קריסטנטום. אין דער יידישער רעליגיע האָבן אונדזערע גייס־טיקע פירער אויסגעבויט די שטאַרקסטע פעסטונג אין דעם קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ פון אונדזער פאָלק. און אַט די פעסטונג האָט אונדז אויפגעהאַלטן ווי אַ פאָלק, ביז אויף דעם היינטיקן טאָג. די קאָסמאָפּאָליטישע טענדענץ האָט זיך אַריינגעריסן אין אונדזער לעבן ערשט אין דעם אָנהייב ניינצנטן יאָרהונדערט, דערמיט, וואָס עס זיינען ביי דער יידישער אינטעליגענציע אויפגעקומען די פּראָגרעסיווע, פריי־הייטלעכע אידייען און אידעאַלן, וואָס האָבן גענומען טריאומפירן איבער דעם יידישן מיטלאַלטער.

ווי דער הייליקער פאַול האָט אין דעם נאָמען פון דעם קריסטנטום דערקלערט, אַז אין גאָטס־קעניגרייך אויף דער ערד זיינען ניטאָ ניט קיין יידן און ניט קיין העלענען, אַזוי האָט דער טאַלאַנטפולסטער פאַנען־טרע־

גער פון דעם ליבעראַלן געדאַנק אין מערב־אייראָפּע, דער גענאַלער יידי־שער פּאָעט, היינריך היינע, וואָס האָט אָגב אין זיין פריער יוגנט נאָך געשריבן לידער אין יידיש, פּראָקלאַמירט, אַז „איצטער זיינען שוין ניטאָ קיין פעלקער. עס זיינען נאָר דאָ צוויי פּאַרטייען: די קאָנסערוואַטיווע, וואָס שטיצט זיך אויף דער קירכלעכער אויטאָריטעט, און די ליבעראַלע, וואָס שעפּט אירע רעכט אויף עקסיסטענץ פון דעם פרייען מענטשלעכן שכל."

אין קריסטנטום איז דער קאָסמאָפּאָליטיזם אויפגעקומען אין דעם אָנהייב פון דעם מיטלאַלטער. ביי אונדז — אין דער צייט, ווען ער האָט געגומען פאַרשווינדן ביי דער פּראָגרעסיווער אינטעליגענציע. ביי די קריסטלעכע פעלקער איז דער קאַמף אַנטקעגן דער קאַטוילישע קירכ־לעכקייט געטראָגן געוואָרן פון אַ נאַציאָנאַליזירונגס־פּראָצעס, ביי אונדז פון אַנט־נאַציאָנאַליזירונגס־פּראָצעס. דער נאַציאָנאַלער יסוד פון דעם יידישן זיין האָט געמוזט אין גאַנצן אויסגעוואָרצלט ווערן, ווייניקסטנס אי־דעאיש, איידער אונדזער פּראָגרעסיווע אינטעליגענציע האָט געקאָנט אַרויסגיין פון אונדזער מיטלאַלטער. די פאָלקס־מאַסן זיינען נאָך גע־בליבן שטעקן אין אים, שוין דערפאַר אַליין, וואָס די אינטעליגענציע האָט זיך ניט געקאָנט רעכענען מיט זיי, ווייל עס איז דאָך בכלל פאַר זיי ניט געווען קיין יידיש פאָלק.

דער פּראָגרעסיווער קאָסמאָפּאָליטיזם האָט ביי דעם יידישן פאָלק אויך געמוזט אָננעמען אַ גאַנץ אַנדער געשטאַלט. אין דער ווירקלעכקייט האָט ער זיך אויסגעלעבט, ניט ווי די אָפּלייקענונג פון אַלע פעלקער, ניט ווי די פאַרוואַנדלונג פון דעם יידישן מענטשן אין אַ סתם־מענטשן — ווייל אַזאַ מין בריאה, ווי אַ סתם מענטש איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. אין דער ווירקלעכקייט איז אונדזער קאָסמאָפּאָליטיזם — דער ליבעראַלער און שפּעטער אויך דער סאָציאַליסטישער — אַרויסגעטראָטן, ווי אַן אַסימי־לאַציע־פּראָצעס. פּראָנצויזישע פּראָגרעסיווע יידן האָבן זיך באַטראַכט פאַר פראַנצויזן, דייטשע — פאַר דייטשן, רוסישע — פאַר רוסן ניט דער־פאַר, ווייל זיי האָבן זיך געפילט אין יעדן לאַנד, ווי קינדער פון דער הערשנדיקער באַפעלקערונג, נאָר דערפאַר, וואָס דער ענין נאַציע איז זיי אַפילו אין דער לינקער פּיאה ניט געלעגן. נו — דאָס לאַנד, נו יענע לאַנד; נו די שפּראַך, נו — יענע שפּראַך. וואָס איז דער אונטערשייד? וועמעס ברויט מען עסט, וועמעס ליד מען זינגט...

דער זעלביקער אַסימילאַטאָרישער איינשטעל האָט אויך אַרויסגערופן די אַזוי אָנגערופענע יידישע רעפאָרעם־באַוועגונג. ביי די קריסטלעכע

פעלקער איז די רעפאָרמאַציע געווען געטראָגן פון דעם נאַציאָנאַליזירונגס־פּראָצעס און האָט פון איר זייט געהאָלפן אים טריאומפירן אין לעבן. ביי אונדז איז זי געווען געטראָגן פון דעם אַנטי־נאַציאָנאַליזירונגס־פּראָצעס און האָט טאַקע היפּש אונטערגעגראָבן אונדזער נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ, ווי ער טוט עס נאָך עד היום, וויל אַ גאַר גרויסער טייל פון אונדזערע פּרום־נאַציאָנאַלע פאָלקס־מאַסן גייען ערשט איצט אין אים אַריין.

אָבער אָט דער פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישער פּעריאָד איז געווען אַן אַבסאָלוט נויטווענדיקער עטאַפּ אין אונדזער געשיכטע. שטרעבנדיק אונטערצוגראָבן אונדזער נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ האָט ער אין דערזעל־ביקער צייט אונטערגעגראָבן אויך דעם סינאַגאָגאַל־רעליגיעזן, דעם „שולחן־ערוך״־יסוד פון אונדזער מיטלאַלטערלעכן לעבן, ווי אַ פאָלק, און האָט דערמיט גופא אָפּגערייניקט דעם באָדן פאַר דעם פאַרוועלטלעכונג־פּראָצעס אין אונדזער לעבן.

אַפילו אין דעם רעפאָרעם־טעמפּל, וואָס האָט די יידישע עקסיסטענץ דערבליקט אין דער יידישער אמונה, איז אונדזער רעליגיעזער גלויבן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליינעם זיידענעם שאַליק מיט ציצית, וועלכן מען וואַרפט לייכט אַרויף אויף די אַקסלען — דאָס רוב אין די ימים־נוראים — און מען וואַרפט אים תיכף פונקט אַזוי לייכט אַראָפּ פון די אַקסלען, איבערלאָזנדיק דאָס גאַנצע לעבן פאַר ריין וועלטלעכע דאגות און שטרעבונגען.

אָבער אין איין, זייער וויכטיקן פונקט איז אונדזער אַסימילאַטאָרי־שער פּעריאָד געגליכן צו דעם קאָסמאָפּאָליטישן פּעריאָד ביי די קריסט־לעכע פעלקער, אין דער שטעלונג צו דער שפּראַך פון די גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסן. מיר האָבן דאָ אין זינען ניט נאָר די אַסימילאַטאָרן, וואָס האָבן געשטרעבט זיך וואָס גיכער צו באַפרייען פון יידיש און צו פאַר־בייטן זי אויף דער לאַנד־שפּראַך, נאָר אויך די אַזוי אָנגערופענע השכּלה־באַוועגונג, די ענג פאַרבונדענע מיט דער אַסימילאַציע, וואָס האָט גע־נומען אויפלעבן, מאָדערניזירן און פאַרוועלטלעכן די קולטור־שאַפונג אין העברעאיש. אין אָט דעם פּרט געפינען מיר זיך נאָך אין דעם פּופּצנטן, זעכצנטן און זיבעצנטן יאָרהונדערט, אין דער צייט, ווען אַן עראַזמוס פון ראָטערדאַם האָט אַנטוויקלט צו זיין העכסטער הויך דעם קאָסמאָפּאָלי־טישן לאַטיין. און אַפילו אַ ספּינאָזאַ האָט נאָך געשאַפן זיינע הויפּט־ווערק אין דעם זעלביקן פאַרוועלטלעכטן לאַטיין.

וואָס לאַטיין פאַר דער אייראָפּעאיש־קריסטלעכער וועלט — דאָס איז קולטור־היסטאָריש גענומען, העברעאיש פאַר דער יידישער וועלט. און

ווי דאָרטן אַזוי אויך ביי אונדז, איז די פאַרוועלטלעכונג און פאַרפיינערונג פון דער הייליקער שפּראַך און די קולטור־שאַפונג אין איר ניט מער ווי אַן איבערבלייבס פון דעם מיטלאַלטערלעכן פעריאָד. די קולטור־געשיכט־לעכע אַנטוויקלונג פון אונדזער פאָלק, וואָס איז הינטערשטעליק לגבי דער אייראָפּעאישער אויף אַ היפּשע פּאָר הונדערט יאָר, הייבט ערשט איצט אָן אָנצויאָגן די אייראָפּעאישע פּראָגרעסיווע פעלקער. און אין איין פּרט האָבן מיר שוין געמאַכט היפּש ווינקטיקע שריט פאָראויס. דאָס איז אין דעם פּרט פון אַ סינטעז, פון צונויפגוס, וואו די זיך ווידערשפּרעכנ־דיקע גרונט־פּרינציפּן פון צוויי פּריערדיקע פּעריאָדן ווערן האַרמאָניש פאַראייניקט אין אַ דריטן פּעריאָד.

די קריסטלעכע פעלקער האָבן אָנגעהויבן מיט אַ קאָסמאָפּאָליטישן פּע־ריאָד. ער איז אַריבער אין זיין קעגנזאַץ, אין אַ שאָוויניסטישן און האָט געפונען זיין אויסגלייך און האַרמאָניזירונג אין דעם פּרינציפּ פון אינ־טערנאַציאָנאַליזם, פון פעלקער־פאַרברידערונג, אין וועלכן קיין פאָלק פאַרלירט ניט זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן מהות.

מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער מיטלאַלטער מיט דעם שאַרפסטן נאַ־ציאָנאַלן שאָוויניזם. דאָס איז געווען דער פרום־נאַציאָנאַלער פעריאָד פון אונדזער געשיכטע. אונדזער פּראָגרעסיווער געדאַנק האָט אים פאַרביטן אויף זיין קעגנזאַץ, דעם פּראָגרעסיוון קאָסמאָפּאָליטיזם און דער אַסימי־לאַציע, דערמיט זיינען מיר אַריינגעטראָטן אין דעם פּראָגרעסיוו־אַסימילאַ־טאָרישן פעריאָד. אָבער שוין אין דעם אָנהייב אַכציקער יאָרן פון דעם פאָ־ריקן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן דער סינטעטישער פעריאָד: פון דעם פרום־נאַציאָנאַלן האָבן מיר איבערגענומען דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט, פון דעם פּראָגרעסיוו־אַסימיליאַטאָרישן דעם פּראָגרעסיוון עלעמענט און אַזוי אַרום זיינען מיר אַריינגעטראָטן אין דעם פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן פעריאָד פון אונדזער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, וואָס צו זיינע גרונט־פּרינציפּן געהערן אי די וועלטלעכקייט, ווי אַ קעגנזאַץ צו דער מיטלאַל־טערלעכער סינאַגאָגאַלער שולחן־ערוך יידישקייט, אי די דעמאָקראַטיש־קייט, ווי אַ קעגנזאַץ צו דעם מיטלאַלטערלעכן פאַראַרבלעכן און גייסטיקן יחוס־פּרינציפּ.

גראָד אין דעם פּראָצעס פון אויסאַרבעטונג און קאָנסעקווענטע דורכ־פירונג פון אָט די צוויי אַנטי־מיטלאַלטערלעכע גרונט־פּרינציפּן געפינט זיך איצטער די געשיכטע פון אונדזער פאָלק, אין זיין גאַנג אויף דעם וועג פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס — אַ גאַנג, וואָס דאַרף אָניאָגן אין דעם נאַציאָנאַלן קולטור־לעבן די אַנדערע פעלקער פון

דעם אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישן קולטור־קרייז. אין דער וועלטלעכקייט אין דעם סעקולאַריזירונגס־פּראָצעס האָבן מיר זיי שוין היפּש אַנגעיאָגט. די רעליגיע איז שוין איצטער אָפיציעל געוואָרן ביי אונדז אַ פּריוואַט־זאַך פאַר יעדן יידישן יחיד און ניט קיין נויטווענדיקער באַדינג פאַר דער צוגעהעריקייט צו אונדזער פאָלק. וואַרפט איר אַ בליק אויף אַלע אונדזערע עפנטלעכע באַוועגונגען, וואָס טראָגן אַן אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער — צי דאָס איז ציוניזם, צי קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג אין די וואוינ־לענדער, צי הילף פאַר די געפּלאָגטע, צי אין דער יידישער קאָנגרעס־באַ־וועגונג — אין ערגעץ וועט איר ניט געפינען עס זאָל געמאַכט ווערן אַן אונטערשייד צווישן אַ גלייביקן און אַן אומגלייביקן יידן. יידן איז שוין איצטער ניט דער טייטש: „קינדער פון דעם יידישן גלויבן״, נאָר — „קינדער פון דעם יידישן פאָלק״ — אַלץ איינס, וואָס זייער אידעאישער איינשטעל זאָל ניט זיין.

און פונדעסטוועגן טראָגט נאָך אונדזער וועלטלעכקייט אַ לאַסט אויף זיך, וואָס שטאַמט פון אונדזער מיטלאַלטערלעכן, פרום־רעליגיעזן פּעריאָד.

געזעלשאַפטלעך און פּאָליטיש ווילן מיר נאָך ניט אַריינעמען אין דער צאָל קינדער פון אונדזער פאָלק יענע יידן, וואָס האָבן אָנגענומען אַן אַנדער גלויבן, און מעג דאָס האָבן געשען אויס ריינער אינעווייניקסטער איבערצייגונג, און מעגן יענע קינדער זיין הייסע איבערגעגעבענע ציו־ניסטן, ווי דר. הערצלס זון וואָס האָט פרייוויליק אָנגענומען דעם קאַ־טוילישן גלויבן, אָדער מאַקס נאָרדויס טאָכטער, וואָס איז פון קינדהייט אָן אַ צוגעהעריקע צו אים. אַ קליינע אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן פאַר דעם ציוניסט, דעם יונגן לאָרד מעלטשעט — איז זיין נאָמען אויך אין דער לעצטער צייט פאַרשוואונדן פון דער יידישער עפנטלעכקייט.

און נאָך שווערער דריקט די לאַסט פון אָט דעם מיטלאַלטערלעכן איבערבלייבס אויף דעם פעלד פון אונדזער נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבן. סיי אין דער ליטעראַטור, סיי אין לעבן שטויסט איר זיך אָן אויף ריכטונגען און פּערזאָנען, וואָס פאָדערן, אַז אונדזער נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ זאָל זיין געבויט אויף אַ וועלכן עס איז באַשטימטן אידעאישן אינהאַלט, און זאָל דאָס זיין אַ פרייען פון יעדן רעליגיעזן גלויבן, סאָציאַל אָדער אינדיווי־דועל עטישע אידעאַלן, אָדער ווען שוין גאָר שלעכט — יידישע היסטאָ־רישע טראַדיציעס. אין דעם לעצטערן, גאָר שלעכטן איינשטעל, האָבן מיר צו טאָן מיט אַן איבערבלייבס ניט נאָר פון דעם פרום־נאַציאָנאַלן פּעריאָד, נאָר אויך פון דעם פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישן. יענע אַסימילאַטאָרן אונדזערע, וואָס ווערן איצטער געצוואונגען צו ווערן נאַציאָנאַל־יידיש;

וואָס ווילן אַז אויך זייערע קינדער, וואָס געהערן צו אַ פרעמדער שפּראַך און אַ פרעמדער קולטור־ספערע, זאָלן אין אַ וועלכן עס איז פּרט, זיך סאָלידאַריזירן מיט דעם יידישן פאָלק, כאַפּן זיך אָן פאַר די יידישע היסטאָרישע טראַדיציעס, כדי אַריינצופּומפּן די היסטאָרישע טראַדיציע אין די מוחות און הערצער, אין ענגליש, אין פראַנצויז, אין פויליש — עס ווענדט זיך, אין וועלכן לאַנד דער אָדער יענער אַסימיליאַטאָר וואוינט.

פאַרוואָס רוף איך אָן אָט דעם איינשטעל די גאָר שלעכטע לאַסט פון אונדזער עבר? ווייל די פאַרהייליקונג פון היסטאָרישע טראַדיציעס און די פאָדערונג, זיי זאָלן זיין דער פירנדיקער שטערן אין אונדזער יידישן לעבן, זיינען דער סימן מובהק פון יעדער ריין־רעאַקציאָנערער ריכטונג ביי יעדן פאָלק. די „שוואַרצע מאַהניקעס" אין רוסלאַנד האָבן גערעדט און רעדן נאָך (אין אויסלאַנד) וועגן די היסטאָרישע טראַדיציעס פון דעם רוסישן צאַריזם; די נאַציס אין דייטשלאַנד בויען אַלץ אויף די היסטאָרישע טראַדיציעס פון דעם אַלטן גערמאַנענטום; די פאַשיסטן — אויף די היסטאָרישע טראַדיציעס פון דער רוימישער אימפּעריע; און דאָ אין לאַנד: צי רעדן ניט די „טעכטער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע" אין תוך די זעלביקע רייד?

מען פאַרגעסט, אַז אַ פאָלק איז ניט קיין טרעגער פון אַ וועלכער עס איז נאַציאָנאַלער אידייע, ניט קיין פאַרווירקלעכער פון וועלכע עס איז טראַדיציעס. אַ פאָלק איז אַ קולטור־שאַפנדיקע איינס, וואָס זיצט ביי זיין אייגענעם וועבשטול און שאַפט זיין אייגענע קולטור־ספערע.

דער פּראָגרעסיווער פּרינציפּ פון וועלטלעכקייט פאָדערט פון דעם פאָלק, אַלע אידעאישע איינשטעלונגען זאָלן ביי אים זיין גלייכבאַרעכטיקט. דער אַלגעמיינער אינהאַלט פון זיין קולטור דאַרף זיין דער אויסבוי פון אַ חשוב־מענטשלעכן פּראָגרעסיוון לעבן. די אַלגעמיינע פאָרעם פון זיין קולטור דאַרף זיין זיין שפּראַך. זי, די שפּראַך, דאַרף זיין דער מאַטעריאַל, פון וועלכן עס ווערן געשפּונען די פּסיכישע באַהעפטונגס־פעדעם, וואָס בינדן צונויף אַלע זיינע קינדער אין איין קולטור־נאַציאָנאַלער איינס, און לאָזט יעדן איינעם פריי, אַבסאָלוט פריי, אויסצוקלייבן אָדער צו באַשאַפן יענעם אידעאישן איינשטעל, וואָס שטימט צונויף מיט זיינע אינטערעסן, זיין שכל, זיין יושר. פון זיי, פון אָט די שפּראַך־פעדעם, דאַרף ער ביי זיין אייגענעם וועב־שטול וועבן זיין קולטור. אויב אין די היסטאָרישע טראַדיציעס וועט ער געפינען עפּעס אַזוינס, וואָס איז, דעם יחיד, געפעלט, מעג ער עס אָפּהיטן און ווייטער אַנטוויקלען. אויך אַ גאַנץ פאָלק מעג דאָס טאָן, אויב אַלע זיינע קינדער זיינען מסכים דערויף.

אָבער ער מעג דאָס טאָן מיט דעם תּנאַי, אַז די אידעאישע איינשטעלן און די היסטאָרישע טראַדיציעס, זיינען ניט קיין „מוז״ פאַר קיינעם, אַז אַלע האָבן אַ פול רעכט איינצושטעלן זיי אין דעם פאָלקס היסטאָרישן מוזיי. וויל אידייען און טראַדיציעס קומען און גייען. אַ פאָלק אָבער וויל לעבן אייביק, און אַ פּראָגרעסיוו פאָלק וויל זיך ניט בינדן מיט קיין זאַך פון זיין עבר.

„רוסנטום״, „גערמאַנענטום״, „רוימערטום״: האָט איר ווען עס איז געהערט וועגן „פראַנצויזנטום״, „ענגלענדערטום״, ווי אַ באַזיס פאַר דער פראַנצויזישער אָדער ענגלישער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ? אפשר ביי די רעאַקציאָנערע קלאַסן זייערע!

די וועלטלעכע קולטור אין דער יידישער שפּראַך שליסט ניט אויס פון איר ספערע ניט די יידישע רעליגיע — די אָרטאָדאָקסישע, צי די רע־פאָרמירטע — ניט די יידישע היסטאָרישע טראַדיציעס. זי נעמט זיי אַריין, ווי גלייכבאַרעכטיקטע מיט יענע ריכטונגען, וואָס לייקענען זיי אָפּ. אויסגעשלאָסן פון אונדזער וועלטלעכער קולטור־ספערע אין יידיש ווערן יענע פּראָדוקטן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין אַן אַנדער שפּראַך. און אויסגעשלאָסן בלייבן זיי אַזוי לאַנג, ווי זיי ווערן ניט איבערגעזעצט אין יידיש. קוים טרעטן זיי אַריבער די שוועל פון דער יידישער שפּראַך, איז וואָס פאַר אידייען זיי זאָלן ניט פאַרשטעלן מיט זיך, ווערן זיי אַ טייל פון אונדזער וועלטלעכער גייסטיק־נאַציאָנאַלער היים, גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון „יידישלאַנד״. נאָר אַזוי קאָנען מיר אָניאָגן די פּראָגרעסיווע פעלקער אין דעם פּרט פון וועלטלעכקייט.

אָבער נאָך שווערערע לאַסטן פון דעם מיטלאַלטער דריקן אויף אונדז אין דעם דריטן, וויכטיקסטן גרונט־פּרינציפּ, דעם פעלד פון דעם פּראָגרעסיוון איינשטעל: דער דעמאָקראַטישקייט, וואָס האָט אָפּגעביטן דעם מיטלאַלטערלעכן הערעדיטערן און גייסטיקן יחוס־פּרינציפּ. ערשט מיט דעם אויפקום פון דער וועלטלעכער קולטור אין יידיש האָבן מיר אָנ־געהויבן צו מאַכן די ערשטע שריט אין דער יידישער דעמאָקראַטישקייט. באַלד ווי עס האָט זיך ביי אונדז געענדיקט אין דער מיטלאַלטער, אין דעם ערשטן און צווייטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייט־רעכע־נונג, האָט זיך ביי אונדז געגעבן איינשטעלן דער גייסטיקער אַריסטאָקראַ־טיזם, דער קעגנזאַץ צווישן דעם תּלמיד חכם, דעם געלערנטן און דעם עם־הארץ, אָט דאָס וואָרט, וואָס באַדייט אייגנטלעך דאָס פאָלק פון לאַנד, די פאָלקס־מאַסן, דער עיקר: די פּויערים, איז געוואָרן דער סינאָנים פון דעם

איגנאָראַמוס, אויף וועלכן מען האָט, ווי אין קריסטלעכן מיטלאַלטער, געקוקט פון אויבן אַראָפּ.

און בעת די מערב־אייראָפּעאישע פעלקער האָבן זייערע ערשטע שריט אויף דעם וועג פון פּראָגרעס אָנגעהויבן דערמיט, וואָס זיי האָבן דערהויבן די פאָלקס־שפּראַך, דעם „זשאַרגאָן", צו דער מדרגה פון דער נאַציאָנאַל־שפּראַך, זיינען נאָך ביי אונדז עד היום דאָ מענטשן, וואָס קוקן אויף דער פאָלקס־שפּראַך מיט דעם גרעסטן ביטול. ווי די געבילדעטע פון דעם מיטלאַלטער האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט זייער לאַטיין, אַזוי טראָגן מיר זיך נאָך אַרום מיט דעם יחוס פון העברעאיש, אָדער, ווי אין דעם פּראָגרעסיוו־אַסימיליאַטאָרישן פּעריאָד — מיט דעם יחוס פון דער הערשנדיקער לאַנד־שפּראַך. דער „שטוב־מיידעלס" לשון איז ביי גאָר פיל יידן נאָך אַלץ אַ „שפחה", וואָס קאָן צוגעלאָזן ווערן נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זי קאָן זיין נוצלעך פאַר דער „גברת", דער „האַרינטע".

אין דער רעפאָרמאַציע צייט האָבן די פּראָגרעסיווע פעלקער איבערגעזעצט זייערע הייליקע שריפטן אין דעם אָדער יענעם „זשאַרגאָן" פון זייערע פאָלקס־מאַסן און האָבן דערמיט איינגעפעסטיקט זייערע אייגענע וועב־שטולן פאַר זייערע נאַציאָנאַלן קולטורן. ביי אונדז זיינען אונדזערע הייליקע שריפטן איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש ערשט אין גאָר דער לעצטער צייט פון דעם גרויסן יידישן דיכטער און שפּראַך־געלערנטן יהואָש. און וויפל מי מוזן מיר נאָך אָנווענדן ביז אָט די העכסט־ליטעראַרישע און אין דער זעלביקער צייט פּינקטלעכע איבערזעצונג וואָס שטייט אַ סך העכער איידער די לוטערישע אין דייטש און אַפילו די קינג דזשיימסע אין ענגליש, וועט פאַרשפּרייט ווערן צווישן דעם יידישן פאָלק.

אין דעם סוף אַכצנטן און אָנהייב ניינצנטן יאָרהונדערט איז אויפגעקומען דער פאָלקלאָר, דער אומגעהייערער אינטערעס צו די שאַפונגען פון די פאָלקס־מאַסן, און איז אויסגעוואַקסן צו אַ רייכן צווייג פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש. ביי אונדז האָבן די ערשטע שפּראַצונגען פון דער יידישער פאָלקלאָריסטיק דערבליקט די ליכטיקע שיין ערשט גאָרניט לאַנג, און זיי געפינען זיך נאָך עד־היום אין אַ פאַרוואָרפנסטן ווינקל און וויפל אוצרות פון דעם יידישן פאָלקלאָר גייען איצטער פאַרלוירן, מיט דעם אויסשטאַרבן פון עלטערע דורות! און וויפל עשירות איז פאַרלוירן געגאַנגען דאָ אין לאַנד, אַ דאַנק דעם תלמיד חכמס בליק פון אונדזער אינטעליגענץ אויף דעם ווערט פון די פאָלקס־שאַפונגען! און דער תלמיד־חכמ'שער אַריסטאָקראַטיזם שטעקט ביי אונדז אין די ביינער ביי אַלעמען: אי ביי דעם נאַציאָנאַל־פרומען יידן, וואָס באַטראַכט די אַלע

לידלעך און מעשיות און די מכירת־יוסף שפּילן פאַר קינדערשע, ווייבע־רישע און בעל־מלאָכהשע זאַכן, אי ביי דעם אַסימילאַטאָריש־פּראָגרעסיוון יידן, פאַר וועמען זיי זיינען פון אַ נידעריקן ראַנג שוין דערפאַר אַליין, וואָס זיי זיינען אין דעם פאַרהאַסטן יידיש; אי ביי דעם ציוניסטיש־העברעאיסטישן ייד, וואָס האָט אין תּוך די זעלביקע שטעלונג צו יידיש, ווי דער אַסימילאַטאָר!

אָט די פאַרברעכערישע שטעלונג צו דעם ווערט און באַדייט פון דער יידישער פאָלקס־שאַפונג האָט ניט קיין אַנדער הויפּט־וואָרצל, ווי נאָר דעם מיטלעלטערלעכן גייסטיקן אַריסטאָקראַטיזם, פון וועלכן עס איז אונדז אַזוי שווער צו באַפרייען זיך. ער ווערט, אמת, געשפּייזט אויך נאָך פון אַנדערע וואָרצלען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון אונדזערע העכערע פלאַסטן. אָבער דאָ דאַרפן מיר האָבן אין אויג נאָר דעם הויפּט־וואָרצל, וואָס שטאַמט פון דער קולטור־געשיכטלעכער אַנטוויקלונג ביי די אייראָפּעאישע פעלקער: דעם אַריסטאָקראַטיש־יחוסדיקן איינשטעל אין מיטלאַלטער, וועלכן נאָר דער דעמאָקראַטיזם האָט גובר געווען.

און אין די הויפּט־פּונקטן פונם פּראָגרעסיוון דעמאָקראַטיזם, אין דער שטרעבונג צו מאַכן די פאָלקס־מאַסן פאַר די געשטאַלטער און טרעגער פון זייער אייגענעם היסטאָרישן גורל, דורכצודרינגען זייער לעבן און שטרעבן מיט דעם אינטערנאַציאָנאַליסטישן אידעאַל פון קאַמף סיי פאַר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון דעם אייגענעם פאָלק, סיי פאַר דער פאַרברידערונג פון אַלע פעלקער אין איין באַפרייטער מענטשהייט — אין אָט דעם פּרט, זאָג איך, זיינען מיר דאָס צוריקגעבליבנסטע פאָלק פון אַלע פעלקער אין דעם אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישן קולטור־קרייז.

עס איז אמת, אַז אויך ביי אונדז האָט זיך אָנגעהויבן אַ שאַרפער דעמאָקראַטיזירונגס־פּראָצעס. דאָס איז געווען ערשטן אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַזוי אין די יאָרן פון 1895 ביז 1910. דעמאָלט זיינען די יידישע אַרבעטער מיט זייערע פירער אַרויף אויף דער היסטאָרישער אַרענע פון דעם פּאָליטישן און סאָציאַלן קאַמף און האָבן געצויגן הינטער זיך גרויסע טיילן פון אונדזערע מאַסן. אין יענער צייט איז אָוועקגעלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר אונדזער מאָדערנער קולטור־ספּערע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אי פּאָליטיש, אי קולטורעל.

אין יענער צייט איז אויך די אינטעליגענץ פון אַלע ריכטונגען געווען געצוואונגען, צו טראַכטן וועגן די נויטן פון דעם יידישן פאָלק — וואָס דאָס הייסט די לעבנס־נויטן פון די גרויסע פאָלקס־מאַסן. אין יענער צייט

האָט זיך אַפּילו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אויסגעבילדעט די אַזוי אָנגערופענע „דעמאָקראַטישע פראַקציע". מען האָט שוין אויך אין די ציוניסטישע קרייזן גענומען רעדן וועגן יידישע נאַציאָנאַלע רעכט און יידישער וועלטלעך־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, וואָס איז ווי יעדע אויטאָנאָמיע פון אַ ניט־טעריטאָריעלער מינאָריטעט, געבויט אויף דעם יסוד פון שפּראַכן־רעכט, וואו עס ווערט בפירוש פאַרשטאַנען, אַז די שפּראַכן־רעכט ווערן געגעבן די גרויסע פאָלקס־מאַסן, אין זייער שפּראַך — יידיש — צוליב זייערע נאַציאָנאַלע, קולטורעלע און בירגערלעך־פּאָליטישע לעבנס־נויטן.

דאָס איז געווען די אויפבלי־צייט פון דעם יידישן דעמאָקראַטיזם. אין דער צייט פון דער רעאַקציע און פון דעם וועלט־קריג זיינען אָט די יידיש־דעמאָקראַטישע באַוועגונגען אַריין אין דעם אונטערגרונט.

דער צווייטער אויפבלי פון דעם זעלביקן יידישן דעמאָקראַטיזם, וואו די לעבנס־נויטן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן און די קולטור־ספערע און אונדזער שפּראַך — יידיש — איז אַרויסגערוקט געוואָרן אויף דעם ערשטן פּלאַן, איז פאָרגעקומען אין דער צווייטער גרויסער רעוואָלוציע פון 1917.

אָבער דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד, און אייניקע אייראָפּעאישע לענדער.

מיר זיינען אָבער אַ פאָלק, וואָס איז פאַרשפּרייט איבער גאָר דער וועלט. אונדזער לאַגע איז כמעט אומעטום די זעלביקע אין אַלע לענדער — אַ חוץ ראַטנלאַנד: וואו אַ ביסל בעסער וואו ערגער, וואו גאָר שלעכט, וואו ניט דערטראָגן, ווי אין אַ גיהנום. די פּראָבלעמען וואָס רירן אָן דאָס לעבן פון אונדזערע פאָלקס־מאַסן, זייער גורל און דעם גורל פון זייערע קינדער, ווי אויך די עקסיסטענץ און די פרייע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג פון אונדזער פאָלק בכלל, זיינען כמעט אומעטום די זעלביקע. די ענטפערס אויף די פּראָבלעמען פון די יידישע מאַסן, פון זייער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט, וואו זיי זאָלן ניט וואוינען, זיינען כמעט ביז אין די קלענסטע פּרטים לאַגיש און פּראַקטיש די זעלביקע אומעטום, און פונדעסטוועגן האָבן מיר נאָך ערגעץ ניט קיין איין אַל־וועלטלעך־יידישע אָרגאַניזאַציע, געבויט אויף אמת־דעמאָקראַטישע יסודות, וואו די פאָלקס־מאַסן זאָלן קאָנען איבערנעמען דעם היסטאָרישן גורל אין זייערע אייגענע הענט און מיט פּאָראייניקטע כוחות פירן דעם קאַמף פאַר זייער נאַציאָנאַלן קיום, פאַר אַ חשובערן מענטשלעכן לעבן און פאַר זייער פרייער קולטורעלער אַנטוויקלונג אין זייער שפּראַך — יידיש — אומעטום, וואו עס וואוינען מאַסן פון דער יידישער קולטור־ספערע.

שולדיק אין אונדזער אָפּגעשטאַנענקייט אויף דעם וועג פון דעמאָקראַ־טיע און דעמאָקראַטישקייט זיינען ווידער אַמאָל, די איבערבלייבסן פון אונדזער מיטלאַלטער און פון אונדזער פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישן פּעריאָד. אַט די איבערבלייבסן דריקן אויף אונדז איצטער, ווי אַ באַרג. מיר האָבן אָבער גענוג גרונט צו האָפן, אַז אויך אַט די באַרג וועט אָראָפּגעגראָבן ווערן, אַז אויך דאָ וועלן מיר אָניאָגן די פּראָגרעסיווע פעלקער מיט די מיטלען — אין דער ערשטער ליניע — פון דער מאָדערנער קולטור־ספערע אין יידיש.

צו דער אַלוועלטלעכער, וועלטלעך־נאַציאָנאַלער דעמאָקראַטיזירונג פון דעם יידישן פאָלקס־לעבן און שאַפן טרייבן אין דער ערשטער ליניע יענע כוחות פון דעם קולטור־היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט ביי אַלע פּראָגרעסיווע פעלקער, זינט דעם פונאַנדערפאַל פון דעם מיטל־אַלטער, מיט זיין יחוסדיקן ביטול צו די פאָלקס־מאַסן און דאָס גרויסהאַלטן זיך מיט זייער יחוסדיקער שפּראַך ביי די תלמידי־חכמים און די געבילדעטע.

אָבער מיט נאָך אַ העפטיקערער קראַפט טרייבט צו דער זעלביקער דעמאָקראַטיזירונג אונדזערער אונדזער יידישע לאַגע איבער גאָר דער וועלט.

קודם איז דאָס דער נייער אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז אין תוך אַ פּראָ־דוקט פון דעם פאַרשאַרפטן נאַציאָנאַליזירונגס־פּראָצעס אומעטום. דאָס איז ניט דער רעליגיעזער אַנטיסעמיטיזם פון דעם מיטלאַלטער, וואָס האָט אויך געהאַט אַ ריין עקאָנאָמישן באַזיס פון פיינטשאַפט צו אַ פרעמדן הענדלער־פאָלק. דאָס איז דער נייער אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם פּראָצעס פון דער יידישער אַסימילאַציע.

יאָ, אַנטיסעמיטיזם און אַסימילאַציע — דער עיקר שפּראַכלעכע אַסי־מילאַציע — זיינען אַ צווילינג. נאָך בעסער איז דער פאַרגלייך, מיט וועלכן איך באַנוץ מיך אַלע מאָל, ווען איך רייד וועגן אַט דעם ענין: אַנטיסעמיטיזם און אַסימילאַציע זיינען ווי צוויי מעסערס, וואָס שאַרפן איינס דאָס אַנדערע.

וואָס גרעסער עס איז די אַסימילאַציע, וואָס גרעסער עס איז אונדזער שטרעבן אַריינצודרינגען, אַריינצוגלידערן זיך אין דער ניט־יידישער וועלט, ווערן אַ „פּאַרט־און־פּאַרסל״ פון דער ניט־יידישער קולטור־ספערע, צו פאַרנעמען אין איר וואָס מער פּריווילעגירטע פּאָזיציעס אין האַנדל, אינדוסטריע, ליבעראַלע פּראָפעסיעס און קולטורעלע שאַפונג, אַלץ גרע־

סער ווערט די קעגן־קראַפט, וואָס שטרעבט אַרויסצושטויסן, אונדז אַרויס־צוגלידערן פון זיך.

און וואָס גרעסער עס ווערט אָט די קעגנערשאַפט, וואָס שווערער עס ווערט דאָס יידישע לעבן אין דער היים, אַלץ שטאַרקער ווערט אין אונדז דער אַסימילאַציע־חשק, צו אַנטלויפן פון אָט דער היים, לפחות, צו געבן די קינדער אַ מעגלעכקייט אַרייַנצוגלידערן זיך אין דער ניט־יידישער קולטור־ספערע. און אַזוי דרייט זיך דאָס רעדל אין אַ פאַר־כישופטער ספּיראַל, ביז די אַסימילאַציע שלייפט אָן דעם אַנטיסעמיטישן מעסער אַזוי שאַרף, אַז ער שנײַדט זיך אַרייַן אין אונדזער לייב און לעבן, אַז ער גרייפט אַפּעראַטיוו אַרייַן אין אַלע אונדזערע גלידער און שנײַדט זיי אַרויס און שליידערט זיי אַרויס אַן אַ ברעקל מענטשלעכן אייַנזען פאַר אונדזערע אומענדלעכע ליידן.

אָט די אַרויסגלידערונג, אַרויסשליידערונג, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם פירט דורך, קאָנען מיר גוט שטודירן דער עיקר אין דייטשלאַנד, וואו די אידעאַלן פון דער יידישער אַסימילאַציע זייַנען אויפגעקומען צוערשט און וואו זיי האָבן ביז צום העכסטן גראַד טריאומפירט אין דעם דאָרטיקן יידישן לעבן. די אַנדערע לענדער גייען ווער שנעלער, ווער לאַנגזאַמער אויף דעם זעלביקן וועג. און ווער קאָן גאַראַנטירן, אַז עס איז ערגעץ־וואו דאָ אַ לאַנד אויף דער וועלט, וואָס איז פייער־זיכער פאַר די גיהנום־פלאַמען, וואָס האָבן איצטער אַרומגעכאַפּט אונדזער עקסיסטענץ אין דייטש־לאַנד, עסטרייך, פוילן, רומעניע, אונגאַרן און לסוף אויך אין דער געווע־זענער דעמאָקראַטיע: טשעכאָסלאָוואַקיי?

מיט פּראָטעסטן, מיט געוואַלט־געשרייען, מיט שתדלנות אין די הויכע פענסטער ווען מיר ניט אָפּשטעלן אָט דעם אַנטי־אַסימילירונגס־פּראָצעס, וואָס ווערט אויף אונדז אַרויפגעצוואונגען פון דרויסן. מיר זייַנען אַ פאָלק. און ווי אַ פאָלק לעבן מיר אין דעם באַוואוסטזיין פון דער גאַנצער מענטש־הייט. דעריבער לאָז זיין, אַז די ווינסנשאַפט קאָן נאָך ניט דערקלערן, וואָס עס זייַנען די וויכטיקסטע סימנים פון אַ פאָלק און צי מיר האָבן זיי אַלע. מיר זייַנען אַ פאָלק שוין אַ דאַנק דעם אַליין, וואָס אַלע פעלקער פון דער וועלט האָבן קיין מאָל ניט באַטראַכט און באַטראַכטן אונדז איצטער ניט פאַר זייערע אייגענע קינדער, און אויך אַ דאַנק דעם, וואָס אונדזערע גרויסע פאָלקס־מאַסן האָבן קיין מאָל ניט פאַרלאָרן זייער נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, אַז זיי זייַנען ניט קיין קינדער פון אַן אַנדער פאָלק, נאָר קינדער פון דעם אייגענעם יידישן פאָלק. אָט דעם איבער דריי־טויזנט־יאָריקן באַוואוסטזיין פון דער יידישער און ניט־יידישער וועלט קאָן מען ניט אָוועקפּשעטלען

מיט דער אָדער יענער טעאָריע, אַז מיר זיינען ניט קיין פאָלק, נאָר אַ רעליגיעזע קהילה.

און ווייל אין דעם באַוואוסטזיין פון דער גאַנצער מענטשהייט, צווישן וועלכע מיר לעבן, זיינען מיר אַ פאָלק, פירט די מענטשהייט אַלע מאָל דעם חשבון מיט אונדז ניט ווי „פון מענטש צו מענטש״, נאָר ווי פון „פאָלק צו פאָלק״. „איר זייט אַ פאָלק — שרייט צו אונדז די מענטשהייט, איר זייט הונדערט־פּראָצענט פון זיך אַליין און ניט קיין וואָסער עס איז פּראָצענט פון אַן אַנדער פאָלק. איז לעבט ווי אַ נאָרמאַל פאָלק דאַרף לעבן. לעבט עקאָנאָמיש פון דער פיזישער אַרבעט פון אייערע אייגענע קינדער, לעבט גייסטיק אין אייער אייגענער קולטור־ספערע פון אייער אייגענער פאָלקס־שפּראַך, וואָס דאַרף דערהויבן ווערן צו דער מדרגה פון אַ נאַ־ציאָנאַל־שפּראַך, ווי ביי אַלע פּראָגרעסיווע קולטור־פעלקער״.

נאָר מיר זיינען טויב צו אָט דעם לאָגישן געשריי פון דער מענטש־הייט. נעמט זי זיך פאַר אונדז אויף דעם אומברחמנותדיקן, דעם אומדער־הערט אַכזריותדיקן אופן דורכצופירן איר באַפעל.

פאָדערט דער חוב, וואָס ליגט אויף אונדז איצטער, מיר זאָלן פריי־וויליק, אַליין איבערבויען אונדזער עקאָנאָמישן לעבן אויף די יסודות פון אַרבעט בכלל און ערד־אַרבעט בפרט און אונדזער קולטורעלן לעבן אויף די יסודות פון אַ וועלטלעכער קולטור־ספערע, און דער פאָלקס־שפּראַך, וואָס דאַרף ווערן אויך די שפּראַך פון דעם גאַנצן קולטורעלן שאַפן אין לעבן.

דאָס זיינען די צוויי געוואַלטיקע רעוואָלוציעס אין אונדזער פּראָגרע־סיוו־נאַציאָנאַלן פּעריאָד — וואָס דאַרפן נאָרמאַליזירן אונדזער לעבן אומע־טום וואו מיר וואוינען אין גרעסערע מאַסן.

נאָר אָט די געוואַלטיקע רעוואָלוציעס, וואָס וועלן אפשר געדויערן דורות, וועלן קאָנען אָפּשאַפן דאָס שטענדיקע שאַרפן זיך פון די צוויי מעסערס, פון דער אַסימילאַציע און דעם מאָדערנעם וועלטלעכן אַנטיסעמי־טיזם. נאָר דורך אָט די רעוואָלוציעס קאָנען מיר פאַרהיטן, אַז די צוויי מע־סערס זאָלן זיך ניט אַריינשניידן אין אונדזער לייב און לעבן ; אַז דער אַסי־מילאַציע־מעסער זאָל זיך ניט אַריינשניידן אין אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און פרייער אַנטוויקלונג און אַז דער פון אים געשאַרפטער אַנטיסעמיטישער מעסער זאָל אונדז ניט שלאָגן קיין בלוטיקע וואונדן, ווי ער טוט דאָס איצטער טאָג־טעגלעך און זאָל ניט לאָזן טרעטן מיט די פיס דערביי דעם נאָמען פון אונדזער פאָלק, דעם כבוד פון אונדזער פאָלק אין זיין שמוץ און אין אונדזער בלוט.

אָבער אַט די צוויי רעוואָלוציעס קאָנען דורכגעפירט ווערן אויף דעם אָדער יענעם אופן נאָר דעמאָלט, ווען פאַר די גרויסע פאָלקס־מאַסן וועט קלאָר ווערן אונדזער לאַגע אויף דער וועלט, וועט קלאָר ווערן דער וועג צו אונדזער רעטונג; ווען זיי וועלן איבערנעמען דעם אייגענעם היסטאָרישן גורל אין זייערע הענט. דאָס קאָן אָבער געשען אין פולער מאָס נאָר דע־מאָלט, ווען אויך די פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ אונדזערע — און דער עיקר ווען די פּראָגרעסיווע יוגנט, וועט אין דעם דעמאָקראַטיזירונגס־פּראָצעס זיך סאָלידאַריזירן מיט זיי, מיט די פאָלקס־מאַסן, מיט זייערע אינטערעסן און לעבנס־נויטן, מיט זייער אַלוועלטלעך־יידישער קולטור אין יידיש. ווייל נאָר ווען מען אָטעמט אין דער קולטור־ספערע פון די פאָלקס־מאַסן אין דער שפּראַך־ספערע פון יידיש אָטעמט מען איין מיט יעדן אָטעם, מיט יעדן פּולס־שלאָג פון דעם האַרצן יידיש לעבן, סאָלידאַ־ריטעט מיט דעם גורל פון אונדזער פאָלק אויף דער גאָרער וועלט.

און אויב אונדזער פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ וועט בלייבן פאַרגלי־ווערט אין איר אַסימילאַטאָרישער אָפּגעריסנקייט פון די יידישע פאָלקס־מאַסן איבער גאָר דער וועלט, וועלן זיי, אַלץ טאָקע די דערוואַכטע פאָלקס־מאַסן אונדזערע, אין זייער נייער וועלטלעכער קולטור־ספערע אין יידיש, מיט די נייע דערציאונגס־ בילדונגס־ און־ קולטור־אינסטיטוציעס, מיט זייערע פאָלקס־ און אַרבעטער־אוניווערסיטעטן אַרויסברענגען פון זיך אַליין יענע אינטעליגענטע פירנדיקע קרעפטן, וואָס זיינען נייטיק פאַר דעם פולן סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן ווידערגעבוירן פון אונדזער פאָלק, פאַר דער פו־לער באַפרייאונג פון אונדזער מיטלאַלטער.

דער מאָדערנער דעמאָקראַטיזירונגס־פּראָצעס, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם אויסבוי פון דער וועלטלעכער פּראָגרעסיווער קולטור אין יידיש, און דער צוריקקער פון דער יידישער אינטעליגענץ צו די פאָלקס־מאַסן, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי אַ פאָדערונג נאָך מיט אַ האַלבן יאָר־הונדערט צוריק. אָבער ערשט מיט אַ פערטל יאָר־הונדערט צוריק האָט ער געקומען שלאָגן וואָרצלען אין אונדזער לעבן, גענומען אַ קער־טאָן דעם געשיכטלעכן פּראָצעס אין זיין ריכטונג.

זי איז נאָך יונג אונדזער מאָדערנע קולטור־ספערע אין יידיש, אָבער שוין איצטער באַווייזט זי, וואָס זי קאָן אויפטאָן: אַ דאַנק איר קאָן אין גאַנצן אויסגעוואָרצלט ווערן דער מיטלאַלטערלעכער שפּראַכן־יחוס פון העברעאיש, צי פון דער לאַנד־שפּראַך; קאָן אָפּגעשאַפט ווערן די שפּראַך־

מחיצה צווישן די געבילדעטע און די מאַסן אַזוי, אַז די גאָט־געבענטשטע יחידים זייערע קאָנען פון דער נידעריקסטער נידער זיך דערהויבן צו די העכסטע הויכן פון קולטורעלן שאַפן; ווי אַזוי די קינדער פון אונדזער פאָלק אין ניו־יאָרק און אין בוענאָס־איירעס, אין מעקסיקע, כאַרבין און וואַרשע ווערן צונויפגעבונדן אין איין „נאַציאָנאַל־גייסטיקער היים״; עס ווערן צוריקגעצויגן צום פאָלק די יידישע אינטעליגענץ און יידישע יוגנט און דורך דעם גופא קאָן פאַרשטאָפּט ווערן דער רייכסטער קוואַל פון דעם אַנטיסעמיטיזם; עס הייבט זיך דער קולטור־מעמד פון די מאַסן, וואָס לעבן זיך אין איר אויס; עס וואַקסט די חשיבות פון דער יידישער שפּראַך און פון דעם גאַנצן פאָלק, וואָס ווערט צוגעגרייט איבערצונעמען זיין היסטאָרישן גורל אין זיינע אייגענע הענט און געשטאַלטן אים אין דעם זין פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס.

נאָר ווען מיר גייען ווייטער אויף אָט דעם וועג; נאָר ווען מיר הייבן דעם מעמד פון דער קולטור־ספערע אין יידיש, פאַרשפּרייטן איר ווירקן און טריקענען אויס דורך איר די זומפּן פון דער אַסימילאַציע, קאָנען מיר האָפן, אַז דאָס יידישע פאָלק — אַן אייראָפּעאיש פאָלק פון דעם אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישן קולטור־קרייז, מיט אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, אַן אַרויסגעוואַקסענער פון אַן אייראָפּעאישן דיאַלעקט — וועט זיך אין גאַנצן באַפרייען פון זיין מיטלאַלטער און וועט ווערן ניט נאָר אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד, נאָר אַ גלייכווערטיקטער מיטגליד אין דער צוקונפטיקער פאַרברידערטער משפחה פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט.

אויך אין זיין לעבן קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן די פינף גרונט־יסודות פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס, וואָס זיינען:

1) די פרייהייט פון יעדן יחיד; 2) זיין אַלזייטיקע אַנטוויקלונג: פיזיש, אינטעלעקטועל, עסטעטיש און מאָראַליש; 3) די קולטורעלע רייכקייט, די מאַטעריעלע, ווי די גייסטיקע; 4) די סאָציאַלע גערעכטיקייט און גלייכהייט; 5) די אינטערנאַציאָנאַלע ברידערלעכקייט און סאָלידאַריטעט. מיר דאַרפן זען עס זאָלן אויפגעצויגן ווערן דורות פון געזעלשאַפטלעכע טוערס, וואָס וועלן שטרעבן צו פאַרווירקלעכן אָט די יסודות אין אַלע ווינקעלעך פון דעם יידישן פאָלקס־לעבן, אומעטום, וואו עס וועלן וואוינען יידישע פאָלקס־מאַסן — און מאַכן די מאַסן גופא פאַר די טרעגער פון אָט דעם מענטשלעכן פּראָגרעס — אָט דאָס האָבן מיר צו דערוואַרטן פון אונדזער קולטור־ספערע אין יידיש, ווען זי וועט אונדז

אין גאַנצן באַפרײַען פון דעם מיטלאַלטער, מיר זאָלן קאָנסעקווענט און אַבסאָלוט אָננעמען די פּראָגרעסיווע פאָדערונגען פון דער נײַ־צײַט, פון דער סאָציאַלער, נאַציאָנאַלער און קולטורעלער ווידערגעבורט.

.1936

מיט אייגענע כוחות

ס'איז זייער נאַטירלעך, אַז יעדער ייד, וועמען עס זיינען טייער די אינטערעסן פון זיין פאָלק, זאָל אַלץ — סיי אין דער וועלט־פּאָליטיק, סיי אין דעם אייגענעם יידישן לעבן — אָפּשאַצן קודם כל אין שייכות צו יענע אינטערעסן; זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אויף וויפל די אָדער יענע ריכ־טונג, די אָדער יענע היסטאָרישע קראַפט ברענגט זיי נוצן אָדער שאָדן. און עס איז אויך ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז פאַרשיידענע יידן זאָלן האָבן פאַרשיידענע בליקן אויף דעם מהות פון יענע אינטערעסן און ממילא אויך האָבן אַ פאַרשיידענע מאָס־שנור פאַר דעם אָפּשאַץ.

מיר, יידישע סאָציאַליסטן, דאַרפן האָבן אונדזער בליק. ער באַשטייט אין ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אין דעם שטרעבן צו דער יידישער ווי־דערגעבורט ווי אַ גלייכבאַרעכטיקט פאָלק מיט אַלע אַנדערע פעלקער; צו זיין באַנייאונג און באַפרייאונג אין פולער האַרמאָניע מיט יענעם סאָ־ציאַליסטישן אידעאַל פון אַ פאָלקס־לעבן צווישן פעלקער, וואָס האָט גע־לעבט אין דער ברוסט פון אַ קאַרל מאַרקס, אַ פרידריך ענגעלס, אַ זשאַן זשאָרעס.

אין דעם ליכט פון יענעם אידעאַל דאַרף געשטרעבט ווערן צו אונ־דזער ווידערגעבורט, באַנייאונג און באַפרייאונג, נאַציאָנאַל, קולטורעל און סאָציאַל.

נאַציאָנאַל ווערן מיר ווידערגעבוירן דעמאָלט, ווען מיר באַהעפטן זיך אין מאַסן מיט אַ טייל פון אונדזער מוטער ערד; ווען מיר בויען עס אויס צו אַ חשובן, זיכערן, מענטשלעכן ישוב און בילדן אויף אים פאַר אונדזערע קינדער אַן אייגענע טעריטאָריאַלע היים.

קולטורעל ווערן מיר באַנייט און ווידערגעבוירן, ווען מיר שאַפן אָפּ די שפּראַך־מחיצות, וואָס הערשן צווישן אונדזערע געבילדעטע קרייזן — אַט די וואָס לעבן זיך אויס און שאַפן קולטור אָדער אין העברעאיש, אָדער אין אַ ניט־יידישער לאַנד־שפּראַך — פון איין זייט און די גרויסע פאָלקס־מאַסן — פון דער אַנדערער; ווען מיר בויען אויס אונדזער גייסטיק־נאַ־

ציאָנאַלע היים, וואָס נעמט אַריין אין זיך דאָס גאַנצע פאָלק, אין דער שפּראַך פון אונדזערע גרויסע פאָלקסמאַסן, אין יידיש.

און סאָציאַל וועלן מיר ווידערגעבוירן, ווען דאָס גאַנצע לעבן פון דעם פאָלק וועט ראַדיקאַל איבערגעבויט אויף די יסודות פון אַרבעט, דער אַגראַרישער, דער אינדוסטריעלער, דער אינטעלעקטועלער; ווען פון אַ הענדלער־פאָלק וועלן מיר ווידער אַן אַרבעטס־פאָלק, ווי גאָר אַמאָל אין אונדזער אַלט־אַלטער צייט; ווען סיי די יידישע דערפער, סיי די יידישע שטעט וועלן צונויפגעבונדן דורך אַ סאָציאַל־גערעכטן רעזשים, וואָס לאָזט ניט צו די עקספּלואַטאַציע פון דעם אַנדערנס אַרבעט צוליב אַ פּריוואַטן פּראָפיט — אַ רעזשים, וואָס איז שוין געשטאַנען קלאָר פאַר די אויגן פון אונדזערע גרעסטע נביאים אין דער אַלטער צייט.

די דרייפאַכע ווידערגעבורט, באַנייאונג און באַפרייאונג וועט פאַר אונדזערע אויגן פאַרווירקלעכט דערווייל נאָר אין ראַטנלאַנד, דער עיקר אין בירא־בידזשאַן, וואו עס בויען זיך יידישע דערפער און יידישע שטעט אין אַן אייגענער יידישער טעריטאָריע; וואו די אָפיציעלע שפּראַך פון דעם לאַנד איז יידיש און וואו עס איז — ווי אין גאַנץ ראַטנלאַנד — אָפּגעשאַפט געוואָרן אויף דעם ראַדיקאַלסטן אופן די עקספּלאָאַטאַציע פון דעם אַנדערנס אַרבעט צוליב אַ פּריוואַטן פּראָפיט.

צו אַזאַ צושטאַנד פון אונזער פאָלק דאַרפן מיר שטרעבן אומעטום. אונדזער דרייפאַכע באַפרייאונג טאָר ניט זיין פאַרבונדן נאָר מיט איינאיינ־ציקן אויסדערוויילטן לאַנד. מיר זיינען איצטער אַן אַלוועלטלעך פאָלק. אין יעדן יידישן וואוין־לאַנד מיט גרעסערע יידישע מאַסן, אָדער מיט דער אויסזיכט אויף אַ גרעסערער יידישער אימיגראַציע דאַרף פאַר אונדזער עפנטלעכער טעטיקייט לייכטן דערזעלביקער דרייפאַכער אידעאַל פון אונ־דזער ווידערגעבורט. אומעטום דאַרפן מיר שטרעבן צו זיין פאַרווירקלע־כונג, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך אין דעם אָדער יענעם לאַנד.

און ניט נאָר אומעטום דאַרף געשטרעבט ווערן דערצו, נאָר די אַר־בעט טאָר אויך ניט אָפּגעלייגט ווערן אין דער ווייטער ווייט. מען קאָן ניט וואַרטן, ביז אויך אין די אַנדערע וואוין־לענדער אונדזערע וועט אָפּ־געשאַפט ווערן דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער רעזשים. אָט די אָפּשאַ־פונג קאָן ניט געשען פון היינט אויף מאָרגן. די ברענענדיקע פּראָבלעמען פון אונדזער דרייפאַכער ווידערגעבורט, באַנייאונג און באַפרייאונג קאָ־נען ניט אָפּגעלייגט ווערן, ביז עס וועט שלאָגן די לעצטע שעה פאַר דער איצטיקער בורזשואַזער געזעלשאַפטס־אָרדענונג.

שוין היינט, נאָר אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט, דאַרפן מיר אומעטום, וואו דאָס איז נאָר מעגלעך, לייגן די ערשטע בוי־שטיינער פאַר דעם אויסבוי פון אונדזער סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן אויף די יסודות פון אַרבעט בכלל, ערד־אַרבעט בפרט; און וואו מעגלעך — דורך אַגראַר־אינדוסטריעלע קאָאָפּעראַטיון. מיר דאַרפן מיט נאָך מער ענערגיע אַר־בעטן פאַר דער באַנייאונג פון אונדזער קולטורעלן לעבן אויף די יסודות פון דער יידישער שפּראַך; און מיר דאַרפן שוין איצטער אָנהייבן צו זאָרגן פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג אויף די יסודות פון יידישע קאָנצענ־טרירטע ישובים און פון נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן־רעכט אין דעם לאַנד. לאַנד.

און געטאָן דאַרף דאָס ווערן מיט די אייגענע יידישע כּוחות, ווי אין בירא־בידזשאַן, וואו די יידישע באַלעבאַטישקייט ווערט דורכגעפירט נאָר מיט אייגענע הענט.

„מיט די אייגענע כּוחות״ הייסט אויך, אַז די פאָלקס־מאַסן אַליין זאָלן שטרעבן צו זייער סאָציאַלער, נאַציאָנאַלער און קולטורעלער ווידערגעבורט: אַז זיי זאָלן ניט וואַרטן, ביז זיי וועלן געטריבן ווערן דערצו פון דעם אַנטיסעמיטישן אַרום; ניט וואַרטן ביז זיי וועלן אַרויסגעשטויסן ווערן איבער געוואַלד פון דעם ניט־יידישן לעבן, ווי זיי זיינען שוין אַרויסגע־שליידערט געוואָרן אין דייטשלאַנד און עסטרייך, ווי זיי ווערן טאָג־טעגלעך אַלץ מער אַרויסגעוואָרפן אין פּוילן, רומעניע און כּמעט גאַנץ מזרח־אייראָפּע, אַ חוץ ראַטנלאַנד, נאַטירלעך.

און עס איז דאָ דערביי נאָך אַ זייער וויכטיקער באַדינג: די יידישע ווידערבאַלעבונג דאַרף געשען אין דער פולער האַרמאָניע מיט די פּראָ־גרעסיווע כּוחות פון דעם לאַנד און מיט די שטרעבונגען פון די ניט־יידישע פאָלקס־מאַסן צו זייער אייגענער באַפרייאונג.

אונדזער באַפרייאונג קאָן נאָר דעמאָלט פאַרקומען בשלימות, ווען זי וועט ווערן אַ גליד אין דער אַלגעמיינער באַפרייאונג. וויי וועט זיין צו אונדז, ווען אונדזער אייגענע באַפרייאונג זאָל אַריינטרעטן אין אַ שאַרפן קאָנפליקט מיט די באַפרייאונגס־שטרעבונגען פון די ניט־יידישע פאָלקס־מאַסן און ווערן אַ שטער אין זייער וועג! מיר דאַרפן העלפן זיי, וועלן זיי העלפן אונדז. נאָר אויף דעם יסוד פון אַזאַ קעגנזייטיקער הילף, ווען די פּראָגרעסיווע יידנשאַפט וועט גיין מיט די פּראָגרעסיווע כּוחות פון דעם לאַנד; ווען זי וועט גיין, ווי דער אוואַנגאַרד פון דעם יידישן פאָלק און אין דעם נאָמען פון זיינע אינטערעסן, פון זיין ווידער־געבורט; נאָר ווען די יידישע פאָלקס־מאַסן, מיט אונדזער אַרבעטערשאַפט בראש, וועלן

גייִן אַקסל ביי אַקסל מיט יענע פֿאָלקס־מאַסן פֿון דעם לאַנד, וואָס שטרעבן צו זייער סאָציאַלער באַפֿרייאונג, נאָר דעמאָלט, זאָג איך, וועלן מיר קאָנען אַריבערגעווינען אויף אונדזער זייט אַלע יענע עלעמענטן, וואָס האָבן אַ חוש פֿאַר יושר און אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט.

יעדער מענטש אַזאַ וועט מוזן סימפּאַטיזירן מיט די שטרעבונגען פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן, צו לעבן אַ חשובֿן מענטשלעכן לעבן און אין דערזעלביקער צייט אַן אייגן יידיש לעבן אויף די יסודות פֿון אייגענער, חשובֿ־מענטשלעכער אַרבעט, ניט עקספּלאָטירנדיק קיינעמס אַנדערנס אַר־בעט צוליב אַ פּריוואַטן פּראָפֿיט. מיט רעכט וועלן מיר דעמאָלט קאָנען דערוואַרטן, אַז זייער סימפּאַטיע זאָל זיך אויסדריקן אין קאָנקרעטע מעשׂים, אין קרעפֿטיקער הילף, צו דערגרייכן אונדזערע צילן, ווי מיר וועלן העלפֿן זיי, אין אַלע זייערע פּראָגרעסיווע, מענטש־באַפֿרייענדיקע צילן, מיט אַלץ, וואָס מיר וועלן קאָנען.

אין אָט די אַלע אויסגערעכנטע גרונט־שטריכן פֿון אונדזער נאַציאָ־נאַלער, סאָציאַלער און קולטורעלער ווידערגעבורט; אין אָט די אַלע באַ־דינגונגען און פֿאָדערונגען פֿון: „אומעטום! איצטער! מיט די אייגענע כּוחות! מיט דער הילף פֿון דער פּראָגרעסיווער ניט־יידישער וועלט און אין האַרמאָניע מיט אירע וועלט־בליקנדיקע צילן!" — אין אַלץ אָט דעם ליגן די ריכטיק פֿאַרשטאַנענע אינטערעסן פֿון דעם יידישן פֿאָלק, וואָס דאַרף ווערן אַ נאָרמאַל פֿאָלק, ווי אַלע פֿעלקער פֿון דער מענטשהייט.

יעדע קראַפֿט, סיי אין דער ניט־יידישער וועלט, סיי אין דער יידישער, וואָס ווירקט אין דער ריכטונג פֿון אָט די פֿאָלקס־אינטערעסן אונדזערע; וואָס העלפֿט זיי צו פֿאַרווירקלעכן אין דעם אָדער יענעם אָרט, דאַרף פֿון אונדז באַגריסט ווערן און האָט רעכט צו רעכענען אויף אונדזערע קרעפֿ־טיקער הילף און אונטערשטיצונג. אָט דאָס און דאָס שטרעבן מיט אַלע כּוחות — איבערצובויען דאָס יידישע לעבן אין דעם ליכט פֿון דעם יידיש־סאָציאַליסטישן אידעאַל — הייסט דינען אָדי אינטערעסן פֿון דעם איי־גענעם יידישן פֿאָלק.

ניט איינזען דאָס קאָנען נאָר יענע, וואָס זיינען דורכגעזאַפּט מיט דעם בורזשואַזן גייסט פֿון דער יידישער הענדלערישקייט און פֿון דער מיט איר פֿאַרבונדענער אַסימילאַציע; אָדער יענע פֿאַנאַטיקער, וואָס זיינען געשלאָגן מיט דער אָדער יענער אידעאישער פֿאַרבלענדעניש.

.1938

דער פֿאַרלוירענער דור

„מיר האָבן דאָ פֿאַרלוירן אַ דור — אַזוי קלינגט עס איצט אין יענעם טייל פֿון אונדזער פּרעסע, וואָס שטרעבט אָפּצוגעבן זיך אַ דין־וחשבון וועגן אונדזער וועלטלעך־יידישער קולטור־טעטיקייט דאָ אין לאַנד און אַרויס־צוברענגען דעם סך־הכּל.

דער עיקר איז פֿול מיט פּעסימיסטישער שטימונג דער סך־הכּל וועגן אונדזער וועלטלעכער קולטור־טעטיקייט אין יידיש. און דער פּעסימיזם איז זייער פֿאַרשטענדלעך. די קולטור־טעטיקייט (אין יידיש) בכלל און די דערציאונג פֿון דעם יונגן דור (אין יידיש) בפרט איז אויפֿגעקומען צו גאָר אַ גרויסן טייל גראָד פֿון דער זאָרג ניט צו פֿאַרלירן די אויפֿקו־מענדיקע דורות. יידיש, ווי אַ שפּראַך, איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נאַ־ציאָנאַל־דערהאַלטנדיקע קראַפֿט. דער „קיום הלאום" איז איינע פֿון די וויכטיקסטע מיסיעס, וואָס ליגט אויף דער קולטור־טעטיקייט אין יידיש; און גראָד אָט די נאַציאָנאַל־דערהאַלטנדיקע קראַפֿט האָט, ווייזט אויס, באַנ־קראָטירט.

אויב מיט אונדזערע אָנשטרענגונגען אין יידיש — דורך דער פּרעסע, דעם טעאַטער, די פֿאַרלעזונגען, די שולעס — האָבן מיר „פֿאַרלוירן אַ דור", ד״ה אַז די יוגנטלעכע דורות זיינען ניט צוגעבונדן געוואָרן צו אונדזער יידישן פֿאָלק, נאָר אָפּגעפֿאַלן פֿון אים — דאַרף מען נאָך אַ בעסערן באַווייז, אַז דער גאַנצער חשבון פֿון די יידישיסטן איז לכתּחילה געווען פֿאַלש?

אַזעלכע שטימונגען, הגם ניט אַזוי קלאָר אַרויסגערעדט, טראָגן זיך שוין אפֿילו אין יענע קרייזן, וועלכע מיר האָבן געהאַט אַ רעכט צו באַ־טראַכטן פֿאַר ריין יידישיסטישע. און אין אונדזער איצטיקער צייט, וואָס קריכט צוריק אויף אַלע פֿיר כּמעט אין אַלע פּרטים, וועט אונדז ניט וואונ־דערן, ווען עס זאָל אויפֿהייבן אַ „השיבנו נאַזאַד"־באַוועגונג צו אַן אַנטי־יידישיסטישן איינשטעל.

דאַרף מען זיך ניט לאָזן צוריקגעשלעפּט ווערן מיט דעם הערשנדיקן רעאַקציאָנערן שטראָם! דער שטרענגער דין וחשבון וועגן אונדזער ביז־

אַהעריקער טעטיקייט איז זיכער אַ נייטיקע זאַך. די קריטיק און די העכ־סטע אומצופרידנקייט מיט די רעזולטאַטן — דער עיקר וועגן דעם „פאַר־לאָרענעם דור״ — איז אין תוך גאָר אַ געזונטע דערשיינונג. אָבער די פעסימיסטישע אַפּהענטיקייט, וואָס לויערט הינטער דעם שאַרף־קריטישן חשבון, דער פינצטערער יאוש, וואָס קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פריי־לעכן אַנטי־יידישיסטישן ריקודל, איז אַבסאָלוט אומבאַרעכטיקט.

האָט דען ווער פון אונדז געגלייבט, אַז די נאַציאָנאַל־דערהאַלטנדיקע קראַפט פון יידיש ליגט נאָר, אַזוי צו זאָגן, אין דעם וואָרט־אוצר פון דער שפּראַך און אירע קלאַנגען? האָט דען ווער געגלייבט, אַז די שאַ־פונגען אין יידיש וועלן אַרויסברענגען אָט די נאַציאָנאַל־דערהאַלטנדיקע קראַפט אפילו ווען זיי זאָלן אין ביכער־פאָרעם שטיין פאַרשלאָסענע אין די אַלמערס אָדער זיך וואַלגערן, ווי מאַנוסקריפּטן, ביי דעם אָדער יענעם טעאַטער־דירעקטאָר?

די איינווירקונגס־קראַפט פון יידיש הענגט אָפּ פון דעם גראַד פון דער איינווירקונג און פון דער אַרט, ווי אַזוי די איינווירקונג ווערט פון אונדז דורכגעפירט. זי הענגט אָבער אויך אָפּ פון יענע שטערונגען, וואָס שטייען איר אין וועג. וואָס מער שטערונגען און וואָס אימפּעטיקער די שטערונג, אַלץ שוואַכער מוז זיין די איינווירקונגס־קראַפט פון יידיש, אַלץ ווייניקער שאַנסן האָט אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך אויסצופירן איר נאַ־ציאָנאַל־דערהאַלטנדיקע מיסיע.

קאָנען מיר דען אַרויסלאָזן פון דעם שאַרף־קריטישן דין וחשבון גראַד אָט די שטערונגען? דערמאָנט זיך: יידיש, ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך אונדזערע, איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעוואָלוציאָנערן רוף, מיט אַ קאַמף־געשריי סיי אַנטקעגן די אַסימילאַטאָרן, וואָס האָבן געשטרעבט און שטרעבן נאָך עד היום צו פאַרבייטן זי אויף דער אָדער יענער לאַנד־שפּראַך, און אויך אַנטקעגן יענע איינזייטיקע העברעאישיסטן, וואָס ווילן זי פאַרבייטן אויף העברעאיש.

און דאָס איז דאָך אויך אַ סוד אויף גאַנץ בראַד, אַז גאָר אַ גרויסער טייל פון די אַסימילאַטאָרן און גאָר אַ גרויסער טייל פון די העברעאישיסטן האָבן געשלאָסן יד אַחת אין געמיינשאַפטלעכן קאַמף אַנטקעגן יידיש, ווי די נאַציאָנאַלע שפּראַך, אָדער אפילו ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך.

די גרעסטע אין אונדזער עפנטלעכקייט האָבן געפירט — און פירן נאָך עד היום — גראַד די פאַרטרעטער פון דעם אַסימילאַטאָרישן אָדער העברעאישיסטישן לאַגער. אויב די יידישיסטן האָבן זיי ביז אַהער ניט

אַרױסגעשלאָגן פֿון זאָטל, שטאַמט דאָס דערפֿון, װאָס — לאָמיר זיך ניט נאַרן! — קאָנסעקװענטע, פּרינציפּן־פֿעסטע יידישיסטן זיינען לפי ערך אַ גאַנץ נייע דערשיינונג אין אונדזער לעבן, און זיי זיינען נאָך עד היום אַ גאָר קליינע מינאָריטעט פֿון אונדזערע באַװאוסטזיניקע עפּנטלעכע טוערס.

נעמט אונדזער טעאַטער! װאָלט דען מעגלעך געװען אַזאַ ירידה אין דעם יידישן טעאַטער, װי די, װעלכע מיר לעבן נאָך דורך, װען די טעג־לעכע פּרעסע װאָלט באמת געװען פֿאַראינטערעסירט אין דעם טריאומף פֿון אַ בעסערן, אינטעליגענטן, הױך־קולטורעלן יידישן טעאַטער?

און אַט דעם בעסערן טעאַטער האָבן מיר, אין די שױן פֿאַראַנענע בעסערע פּיעסן פֿון אונדזערע דראַמאַטורגן. זיי, אַט די געשאַפֿענע פּיעסן פֿון אונדזערע בעסטע דראַמאַטורגן װאָלטן זיכער געקאָנט צוציען צו זיך גראָד דעם אינטערעס און די הערצער פֿון דעם אױפֿװאַקסנדיקן יונגן דור אונדזערן. אָבער װי אַזױ זאָלן אַט די קולטור־שאַפֿונגען אין יידיש אַרױסװייזן זייער װירקונג, װען די פּיעסן װערן ניט אױפֿגעפֿירט? און װי אַזױ קאָנען זיי אױפֿגעפֿירט װערן, װען אונדזער עפּנטלעכער געדאַנק, אין דער פֿאָרעם פֿון דער טעגלעכער פּרעסע, שטורעמט ניט, מאָנט ניט, עס זאָל באַשאַפֿן װערן אַ ניו־יאָרקער יידישער געמיינדע־טעאַטער, װאָס זאָל אױפֿפֿירן פּיעסן ניט צוליב דעם פּראָפֿיט פֿון די אַנטערפּרעניאָרן, נאָר צוליב דער קולטורעלער דערציאונג פֿון אונדזער יוגנט צו אונדזער פֿאָלק? װעט איר זאָגן:

װי אַזױ קאָנען מיר האָבן אַ געמיינדע־טעאַטער, װען מיר האָבן דאָך ניט קיין קולטור־געמיינדע? װעט מיין ענטפֿער זיין צוריק מיט אַ שאלה: און פֿאַרװאָס האָבן מיר ניט אַט די קולטור־געמיינדע?

עס איז דאָך קלאָר, אַז אויב אַלע װיכטיקסטע פֿאַרטרעטער פֿון אונ־דזער עפּנטלעכן געדאַנק װאָלטן אױפֿגעהױבן אַ העפֿטיקע אַגיטאַציע אין די מאַסן צו באַשאַפֿן אַ קולטור־געמיינדע, װאָלטן די אַגיטאַציע און די פּראָפּאַגאַנדע געקרױנט געװאָרן מיט דערפֿאָלג און די צװײ־מיליאָניקע יידישע באַפֿעלקערונג פֿון ניו יאָרק װאָלט געקאָנט אױסהאַלטן אַלע קול־טור אינסטיטוציעס, אין װעלכע אַ פֿאָלק נייטיקט זיך פֿאַר זיין נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ און זיין פֿרייער גייסטיקער אַנטװיקלונג.

פֿאַר װאָס האָט אונדזער עפּנטלעכער געדאַנק זיך ניט פֿאַרנומען אױף אַט דעם װעג?

אַלץ טאַקע מחמת דעמזעלביקן טעם: װייל אין אונדזער עפּנטלעכקייט פֿירט נאָך עד היום די גרענדע דער אַסימילאַטאָר און דער איינזייטיקער העברעאישיסט.

און דעמזעלביקן מאָמענט דאַרף מען האָבן אין אויג, ווען מיר טראַכטן וועגן דעם גורל פון דעם יידישן בוך און פון דער מאָדערנער וועלטלעכער דערציאונג אין יידיש.

אַ יידישע קולטור־געמיינדע וואָלט געקאָנט אויסהאַלטן צענדליקער יידישע לייען־ביבליאָטעקן איבער דער שטאָט און — ביי די ביבליאָטעקן — צענדליקער יידישע בוכהאַנדלונגען.

אַן אַלגעמיינע יידישע קולטור־געמיינדע וואָלט געקאָנט גרינדן יידישע שולעס — טאַקע אין יידיש! — פון דעם קינדער־גאָרטן ביז צו דעם אוני־ווערסיטעט! דעמאָלט וואָלט שוין דער דור, וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן, זיכער געקאָנט בלייבן ביי אונדז.

איז דאָך קלאָר, ווי צוויי מאָל צוויי, אַז דער גורל פון אונדזער וועלט־לעכער קולטור־טעטיקייט אין דער יידישער שפּראַך־ספערע, הענגט אָפּ פון יענעם גראַד, אין וועלכן עס וועט זיך אונדז איינגעבן, גובר צו זיין די צוויי, אונדז פיינטלעכסטע ריכטונגען אין אונדזער לעבן: די אַסימי־לאַטאָרישקייט און דעם איינזייטיקן אַנטי־יידישיסטישן העברעאישיזם.

דעם קאַמף אַנטקעגן זיי האָבן מיר גאָרניט אָנגעהויבן צו פירן, ווי עס דאַרף צו זיין. אָבער גראַד אָט דער קאַמף איז אונדז איצטער נייטיק ווי אין לעבן. און ווייל ער איז אַ נאַציאָנאַלע לעבנס־נויט פון אונדזער פאָלק, קאָן מען מיט גוטן גרונט האָפן, אַז ער וועט אויפקומען, נאָר — הלוואי וואָס גיכער און וואָס אינטענסיווער!

אָבער ביז ער וועט אויפקומען און ביז ער וועט גובר זיין מחנות שונאים, איז נאָך פאַראַן גענוג וואָס צו טאָן אין אונדזער קולטור־אַרבעט, מיט גאָר געהויבענע שאַנסן אויף אַ דערפאָלג גראַד אין דער איצטיקער צייט. ווייל אויך דער „פאַרלאָרענער דור" איז נאָך ניט אינגאַנצן פאַרלאָרן.

.1940

שפּראַך אָדער רעליגיע

אויף וועלכן יסוד זאָל געבויט זיין די יידישע קולטור? אויף דעם יסוד פון אַן אייגענער שפּראַך, אָדער אויף דעם יסוד פון אַן אייגענער רעליגיעזער לערע? עס דאַרף פון אָנהייב אָן פאַרשטאַנען ווערן, אַז מיר הייבן דאָ ניט אויף די פראַגע, וועלכע שפּראַך דאָס זאָל זיין, אָדער וועלכע רעליגיעזע לערע דאָס זאָל זיין, אויב שפּראַך, אָדער לערע זאָל דערקלערט ווערן, ווי דער לעצטער יסוד פון דער יידישער קולטור: העברעאיש, צי יידיש; אָרטאָדאָקס־פרומע לערע, רעפאָרמיסטישע, אָדער אַ וועלכער עס איז אַנדערע רעליגיעזע יידישקייט. דער באַדינג וואָס ווערט פאַר ביידע ענטפערס געשטעלט איז, אַז דאָס זאָלן זיין „אייגענע"...

וואָס מיינט מען דערמיט? דערמיט ווערט געמיינט אָט וואָס: סיי די פרעמדע, ניט־יידישע וועלט, סיי די אייגענע יידישע, זאָלן האָבן דאָס באַוואוסטזיין, אַז די אייגענע יידישע שפּראַך צייכנט אויס דאָס יידישע פאָלק פון אַלע אַנדערע שפּראַך־גרופּעס; מיט אַנדערע ווערטער, אַז די יידישע קולטור איז אַ קולטור פון אַ פאָלק, וועמעס קינדער עס לעבן זיך גייסטיק אויס אין דער אייגענער שפּראַך־ספערע און אַז זיי זיינען צונויפגעבונדן דער עיקר דורך אַ געמיינשאַפטלעכער שפּראַך, הגם עס מעגן זיין נאָך אַנדערע עלעמענטן, וואָס בינדן זיי צונויף אין איין פאָלק־געמיינשאַפט. והוא הדין מיט דער רעליגיע. אַן אייגענע רעליגיע איז אַזאַ, וואָס וועגן איר האָבן סיי די יידישע, סיי די ניט־יידישע וועלט דאָס באַוואוסטזיין, אַז מיט איר צייכנט זיך אונדזער פאָלק אויס פון אַלע אַנדערע פעלקער, און אַז דער עיקר פון איר און ניט פון דער שפּראַך, ווערן געצויגן די פּסיכישע פעדעם, וואָס בינדן צונויף אַלע יידן אין איין פאָלק־געמיינשאַפט.

די אָנהענגער פון שפּראַך און די אָנהענגער פון רעליגיע, ווי דעם איינציקן יסוד פון דער יידישער קולטור, האָבן דעריבער אַ געמיינשאַפט־לעכן טעאָרעטישן באָדן, אויף וועלכן זיי שטייען. דער געמיינשאַפט־

לעכער באָדן איז די אָנערקענונג, אַז יידן איבער דער גאַנצער וועלט זיינען אַ פאָלק, אַ נאַציאָנאַלע איינס. זייער אייגענע שפּראַך איז זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך. זייער אייגענע רעליגיע, איז זייער נאַציאָנאַלע רע־ליגיע.

שטייענדיק אויף אָט דעם געמיינשאַפטלעכן באָדן איז מיין ענטפער אויף דער אונדז אינטערעסירנדיקער פראַגע אַזאַ: דער אינהאַלט פון אונדזער גייסטיק־נאַציאָנאַלער היים דאַרף זיין די גאַנצע אַלגעמיין־מענטשלעכע קולטור אין אַלע אירע צווייגן; אויף די יידישע רעליגיע גייט אַריין אין דעם אינהאַלט, ווי אַן איינצלנער צווייג. ער איז בינדנדיק נאָר פאַר די וואָס גלויבן אין איר. די גאַנצע קולטור אונדזערע, ד״ה אַלע אירע צווייגן, מוז האָבן, ווי איר יסוד ניט דעם אָדער יענעם רעליגיעזן גלויבן, ניט דעם אָדער יענעם טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער, נאָר איינציק און אַליין — די אַלגעמיינע פאָרעם פון דער יידישער קולטור — די יידישע שפּראַך.

איך גיי דערביי אַרויס פון דעם גרונט־געדאַנק, אַז מיר זיינען אַ פאָלק ככל הגויים, ווי אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. אַלע פעל־קער פון דער וועלט, זיינען, ווי פאַרשיידן זיי זאָלן ניט זיין איינס פון דעם אַנדערן, קולטור־שאַפנדיקע כּמו־אָרגאַניזמען. יעדעס פאָלק איז אַ מער אָדער ווייניקער אָרגאַניזירטער קיבוץ, וואָס איז כּולל אין זיך אַלע זיינע קינדער. עס זיצט ביי זיין אייגענעם וועב־שטול און וועבט די אַלגעמיין־מענטשלעכע קולטור לויט זיין נוסח, לויט זיינע פאָרמען פון אַ מענטשלעכן לעבן. עס שטרעבט אָפּצוהיטן זיין אייגענע עקסיסטענץ און פרייע אַנטוויקלונג. ווי אַ פאָלק צווישן די פעלקער פון דער מענטשהייט, האָט עס אַ היסטאָרישן באַוואוסטזיין, ד״ה אַ באַוואוסטזיין, אַז עס עק־סיסטירט אויף דער וועלט שוין פון דורות און דורות, און אין אָט דעם לאַנגן לעבן, ווי אַ באַזונדער פאָלק, זיינען מיט אים פאָרגעקומען וויכטיקע פּאַסירונגען און דאָס פאָלק האָט אַרויסגעבראַכט וויכטיקע שאַפונגען, שטרעבט עס אָפּצוהיטן אָדער אויסצוקעמפן זיין פולע זעלבסטשטענדיקייט, זיין מעגלעכקייט, אין איינעם מיט אַלע זיינע קינדער, צו האַלטן דעם גורל פון זיין נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ אין זיינע אייגענע הענט, אין איינעם מיט זיי אַלעמען, צו באַשטימען זיין ווייטערדיקן היסטאָרישן גורל, ווי אַ מיטגליד אין דער מענטשהייט.

און נאָך אַ גרונט־געדאַנק פירט מיך דערביי אויף מיין וועג. ווי אַ פאָלק, דאַרפן מיר געהערן צו דער גרופּע מאָדערנע פּראָגרעסיווע פעל־קער פון דעם אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישן קולטור־קרייז, ביי וועלכע עס

מערקט זיך אַ שטרעבן — אָפּט דערפאָלגרייכן, אָבער אויך אָפּט אַ צוריק־געשלאָגענעם — דורכצופירן אין אַלע ווינקעלעך פון דעם פאָלקס־לעבן די פינף הויפּט־געבאָטן פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, וואָס זיינען: 1) די גרעסט־מעגלעכע פרייהייט פון יעדן יחיד; 2) די מעגלעכסט אַל־זייטיקע אַנטוויקלונג זיינע פיזיש, אינטעלעקטועל, עסטעטיש און מאָראַ־ליש; 3) די מעגלעכסט אַלזייטיקע און רייכע מענטשלעכע קולטור, סיי די מאַטעריעלע, סיי די גייסטיקע; 4) די מעגלעכסט וויטגייענדיקע סאָ־ציאַלע גערעכטיקייט און גלייכהייט, וואָס זאָל הערשן ביי אַלע זיינע קינדער, סיי עקאָנאָמיש, סיי פּאָליטיש, סיי געזעלשאַפטלעך. און לסוף, 5) די אינטערנאַציאָנאַלע ברידערלעכקייט און סאָלידאַריטעט מיט אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט.

עס איז ניט דאָ דאָס אָרט צו שילדערן דעם גורל פון אָט די פינף געבאָטן ביי די מאָדערנע פּראָגרעסיווע פעלקער פון דעם אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישן קולטור־קרייז.

דאָ דאַרפן מיר האָבן אין זינען דער עיקר נאָר דעם ערשטן געבאָט — די גרעסט־מעגלעכע פרייהייט פון יעדן יחיד, צו באַשטימען זיין לעבן, זיין טראַכטן און טאָן לויט זיין שכל, זיין יושר. און באַשטימען זאָל ער דאָס אין די גרענעצן פון זיין אייגענעם פאָלק, ווי אַ קינד פון זיין אייגענעם פאָלק. ער דאַרף אויך קאָנען פריי ווירקן, אַז זיין שכל און יושר זאָל אָנגענומען ווערן פון אַלע אַנדערע קינדער פון דעם פאָלק און פאַר־ווירקלעכט ווערן אין זייער לעבן, אויב זיי זיינען מסכים מיט אים.

אַזאַ פרייהייט פאַר יעדן יחיד אין די גרענעצן פון זיין פאָלק איז מעגלעך נאָר דעמאָלט, ווען אַלע קינדער פון דעם פאָלק זיינען צונויפ־געבונדן אין איין נאַציאָנאַלער איינס, אָדער דורך אַ געמיינשאַפטלעכן לאַנד, מיט באַשטימטע טעריטאָריאַלע גרענעצן, אָדער דורך אַ געמיינ־שאַפטלעכער שפּראַך־ספּערע. דאָס שווייצאַרישע פאָלק צב״ש איז צו־נויפגעבונדן אין איינעם ניט דורך דער שפּראַך, נאָר דורך דער געמיינ־שאַפטלעכער טעריטאָריע. די פּראָווינציזן, וואָס זיינען, צו גאָר אַ גרויסן טייל, אויך, ווי מיר, צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט זיינען צו־נויפגעבונדן אין איין נאַציאָנאַל־קולטורעלער איינס דורך דער געמיינ־שאַפטלעכער פּראָווינצישער שפּראַך.

מיר יידן, זיינען אַ היסטאָריש פאָלק, מיר האָבן אַ קלאָרן באַוואוסט־זיין, אַז ממצרים ועד הנה, פון אונדזערע עלטסטע היסטאָרישע צייטן ביז אויף היינטיקן טאָג, זיינען מיר קינדער פון איין יידישן פאָלק. מיר האָבן אַמאָל געהאַט אַן אייגן לאַנד, דאָס לאַנד, וואָס איז שפּעטער פאַר

אונדז געוואָרן ארץ־ישראל. מיר האָבן אויך געהאַט אַן אייגענע שפּראַך, וועלכע מיר האָבן אַריבערגענומען פון דעם לאַנד כנען. שפּעטער, ווען עס זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן פון דעם יידישן לאַנד די אַנדערע פעל־קער, וואָס האָבן זי גערעדט, איז די „שפת כנען" געוואָרן דער „לשון עברי", די שפּראַך פון די יידן.

האָבנדיק אַן אייגן לאַנד, וואָס האָט אונדז אַלעמען צונויפגעהאַלטן אין איינעם, האָבן מיר ניט שטאַרק מקפּיד געווען אויף דעם ענין שפּראַך, און האָבן די „שפת כנען", דעם „לשון עברי" פאַרביטן אויף אַראַמיש.

ווען מיר האָבן פאַרלאָרן אונדזער לאַנד, אָדער ווען די געפאַר פון פאַרלירן זי, איז שוין געשטאַנען פאַר די אויגן; ווען טיילן פון אונדזער פאָלק האָבן נאָך אין דער צייט פון אונדזער זעלבסטשטענדיקייט זיך פאַרשפּרייט איבער דער דעמאָלטדיקער ציוויליזירטער וועלט, איז ביי אונדז, אונטער דעם דרוק פון אונדזער מאַנאָטעאיסטישן גלויבן, אויס־געוואַקסן די האָפענונג אויף אַן איבערנאַטירלעכן משיח, וואָס וועט ווידער אויפבויען און פאַרזיכערן אונדזער נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט, און וועט צוריקברענגען אַלע אונדזערע צעשפּרייטע קינדער אין אונדזער אייגן לאַנד, ארץ־ישראל.

דער גלויבן אין אַן איבערנאַטירלעכן משיח איז געוואָרן די נשמה פון דעם יידישן רעליגיעזן לעבן. דער רעליגיעזער גלויבן, מיט זיינע טויזנטער מצוות, עבירות און מנהגים, האָט אַרומגענומען אונדזער גאַנץ לעבן פון אַלע זייטן, ווי מיט אַ שטאָלענער נעץ, כדי מיר זאָלן זיך קאָנען דערהאַלטן, ביז עס וועט שלאָגן די שעה פון אונדזער באַפרייאונג, און דער „שופר של משיח" וועט אָנהייבן שאַלן איבער דער גאַנצער וועלט.

אין אַ פּאָר ספּעציעלע אויספאָרשונגען פון דעם יידישן פילאָסאָפישן גע־דאַנק פאַר דער גאַנצער צייט פון דעם מיטלאַלטער האָב איך געשטרעבט צו באַווייזן, אַז אונדזער גאַנצע ענערגיע אין דעם קאַמף פאַר דער נאַ־ציאָנאַלער עקסיסטענץ האָט זיך קאָנצענטרירט אויף גייסטיק אָפּהיטן אָט דעם גלייבן אין משיחן און אין אַלץ ווייטער אויספלעכטן און ענגער מאַכן די אייגעלעך פון דער שטאָלענער נעץ, פון אונדזער שולחן־ערוך־לעבן. ניט שאַצנדיק דעם ענין שפּראַך, האָבן מיר, לויט אונדזער גלייבן אין איבער־נאַטירלעכע קרעפטן, וואָס זיינען ספּעציעל פאַראינטערעסירט אין אונדזער היסטאָרישן גורל, קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. דער רע־ליגיעזער גלויבן איז געוואָרן דער יסוד פון אונדזער גאַנצן סאָציאַלן לעבן.

אָבער אויך דעמאָלט איז ניט פאַרלאָרן געגאַנגען דער טיף איינ־געוואָרצלטער באַוואוסטזיין, אַז רעליגיע איז ניט דער יסוד פון אונ־

דזוער נאַציאָנאַלן לעבן, אַז ניט דערפאַר, וואָס מיר האָבן אָן אייגענע תורה זיינען מיר אַ באַזונדער פאָלק. מיר זיינען שוין געווען אַ פאָלק, ווען מיר זיינען נאָך געווען געצנדינער אָדער פּאָליטעאיסטן, — „מתחילה עובדי עבודה זרה היו אבותינו״ „אין אָנהייב זיינען אונדזערע עלטערן געווען געצנדינער״. אין פאַרשיידענע ריכטונגען האָט זיך אויסגעווירקט און איבערגעלאָזן זיינע שפּורן אָט דער טיפער איינגעוואָרצלטער באַוואוסט־זיין. קודם אין דעם איינזען, אַז אַ ייד, אַ געבוירענער פון יידישע עלטערן איז סיי ווי אַ ייד, צו וועלכן גלויבן ער זאָל ניט באַלאַנגען.

די לעגענדע דערציילט, אַז ווען די יידן אין מדבר האָבן זיך אָפּ־געקערט פון דעם יידישן גאָט יאַהוועה, און גענומען דינען אַ גילדענעם קאַלב, האָט דער אייבערשטער געוואָלט זיי אַלעמען פאַרטיליקן און מאַכן פון משה רבינוס קינדער אַ באַזונדער ניי יידיש פאָלק, האָט משה רבינו פּראָטעסטירט. ער האָט אים דערמאָנט, אַז ער, גאָט, האָט צוגעזאָגט דאָס לאַנד ישראל צו אַלע קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, זינדיקע, צי ניט זינדיקע. דאָס הייסט: די נאַציאָנאַלע פראַגע, זיי מוחל, רבונו של עולם, און שייד זי אָפּ פון דער רעליגיעזער. פאַר די רעליגיעזע זינד באַשטראָף, אָבער דאָס פאָלק היט אָפּ און אין דעם לאַנד, ביטע זייער־מוזטו דאָס פאָלק ברענגען, לויט דעם געשלאָסענעם בונד.

דערזעלביקער „משה־רבנוס שטאַנדפּונקט״, ווי איך רוף אים אָן, איז שפּעטער אַרויסגעשוואומען אין די באַשטימונגען, אַז אַ משומד בלייבט אַ ייד, „מומר להכעיס דינו ככל בן ישראל״, אַ משומד אויף צו להכעיס איז זיין דין דער זעלביקער, ווי פאַר יעדן יידיש קינד, און אַז כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא. יעדער ייד האָט אַ חלק אין יענער וועלט.

אין אַ צווייטער ריכטונג האָט דער פונאַנדערשייד פון יידישער נאַציע און יידישער רעליגיע זיך נאָך שאַרפער אויסגעדריקט אין דעם גלויבן, אַז די יידישע רעליגיע וועט אויפהערן צו זיין אַ נאַציאָנאַל־יידישע. אַלע פעלקער פון דער וועלט וועלן אָננעמען דעם זעלביקן גלויבן. „כי ביתי בית תפילה יקרא לכל העמים״. „מיין הויז, דער בית־המקדש, וועט פון אַלע פעלקער דערקענט ווערן ווי דער תפילה־טעמפּל״. און נאָר אין דעם רעליגיעזן, ניט אין דעם נאַציאָנאַלן פּרט, וועלן אַלע פעלקער ווערן איינס, ניט פאַרלירנדיק זייערע אייגענע נאַציאָנאַלע עק־סיסטענצן.

אין אַ דריטער ריכטונג האָט זיך דערזעלביקער פונאַנדערשייד פון רעליגיע און נאַציע אויסגעדריקט אין דעם גלויבן, אַז די יידישע מצוות

און עבירות וועלן בכלל פֿאַרשווינדן פֿון דעם יידישן לעבן. „לעתיד לבוא עתידין מצוות להבטל". אין דער צוקונפֿט וועלן אַלע מצוות בטל ווערן. (אַ גמרא אין גיטין). און גראָד אָט דער גלויבן האָט געהערשט כמעט אין אַלע גרויסע משיחימשע באַוועגונגען ביי אונדזער פֿאָלק — סיי ביי דעם הייליקן פּאָול פֿון תרשיש מיט באַלד אַ צוויי־טויזנט יאָר צוריק, סיי ביי די אָנהענגער פֿון דעם משיח שבתי־צבי, סיי ביי די אָנ־הענגער פֿון דעם משיח יעקב פֿראַנק.

און נאַטירלעך! ווייבאַלד משיח איז געקומען און די נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ פֿון דעם יידישן פֿאָלק איז שוין געזיכערט אויף אייביק, נייטיקט מען זיך ניט אין דער ספּעציפֿישער יידישער רעליגיע, ווי אַ נאַציאָנאַל דערהאַלטנדיקע קראַפֿט. ביים דעם הייליקן פּאָול האָט מען זיך בכלל מער געניייטיקט אין דער עקזיסטענץ פֿון פֿעלקער אויף דער וועלט.

פֿון אָט דעם געדאַנקען־גאַנג, אַז די אייגענע רעליגיעזע לערע קאָן ניט זיין קיין תּנאַי פֿאַר דער צוגעהעריקייט צו דעם יידישן פֿאָלק — אַ געדאַנק, וועלכן איך האָב געפּרוּאווט באַקרעפֿטיקן אין מיין ערשטער שריפֿט (אין רוסיש) פֿון דעם יאָר 1887 און אין שפּעטערדיקע היסטאָרישע אַרבעטן, איז אַרויסגעוואַקסן דער גלות־נאַציאָנאַליזם און דער איצטיקער אַזוי אָנגערופֿענער „יידישיזם".

ווייבאַלד קיין לאַנד האָבן מיר ניט; ווייבאַלד ביי אַ פּראָגרעסיוו פֿאָלק מוז די רעליגיע אָנערקענט ווערן, ווי אַ פּריוואַט־זאַך פֿאַר יעדן יחיד — וויל ער גלייבט ער, אלא ניט בלייבט ער פֿאָרט אַ קינד פֿון דעם פֿאָלק — איז ניטאָ קיין אַנדער וועג, ווי ווייטער צו פֿירן דעם קאַמף פֿאַר אונדזער נאַ־ציאָנאַלער עקסיסטענץ אין פֿרייער אַנטוויקלונג פֿון דעם קאַמף אַנט־קעגן דער אַסימילאַציע, ווי נאָר דאָס געמיינשאַפֿטלעכע לעבן פֿון אַלע קינדער פֿון אונדזער פֿאָלק אין איין־איינציקער אייגענער שפּראַך־ספֿערע. איך האָב מיך אַנטשלאָסן פֿאַר יידיש, ווי די איינציקע אייגענע שפּראַך־ספֿערע פֿאַר דעם גאַנצן יידישן פֿאָלק איבער דער גאַנצער וועלט, מחמת טעמים, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט די אויבן אָנגעמערקטע פֿינף יסודות פֿון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס. אָבער צו אונדזער היינטיקן ענין האָט דאָס ניט. די אייגענע שפּראַך קאָן אויך זיין העברעאיש, אויב עס זאָל באַוויזן ווערן, אַז דאָס גייט ניט להיפּוך צו יענע יסודות.

איך גלייב, אַז העברעאיש, ווי דער שפּראַך־יסוד פֿון אונדזער קולטור, גייט להיפּוך צו די פֿאָדערונגען פֿון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס,

ווי איך האָב דאָס באַוויזן אין אַן אַנדער אָרט. אָבער ניט אין דעם גייט עס אונדז איצטער!

ווען דער גלות־נאַציאָנאַליזם, געבויט אויף „שפּראַכיזם“ איז אין דעם סוף פון די אַכציקער און דעם אָנהייב פון די ניינציקער יאָרן אַרויס אין דער עפנטלעכקייט, האָט זיך גענומען באַווייזן אַן אָפּענע אָדער פאַרשטעלטע פּאָלעמיק דער עיקר אַנטקעגן דעם אַבסאָלוטן פונאַנדעררייס צווישן „נאַציע“ און „רעליגיע“, וועלכן עס האָט געקראָגן מיט זיך דער געדאַנק, אַז דער יסוד פון אונדזער קולטור דאַרף זיין די שפּראַך, און ניט די רעליגיע. די פּאָלעמיק האָט געקעמפט אַנטקעגן דער פּאָזיטיווער דערקלערונג, אַז אַ קינד פון דעם יידישן פאָלק מעג גלייבן אין וואָס ער וויל, אַפילו אין קריסטנטום, אָדער אָפּלייקענען יעדע רעליגיעזע לערע, און פאָרט בלייבן אַ ייד.

דער ערשטער קעגנערישער אַרויסטריט איז געווען מצד דובנאָוון, וואָס האָט אָבער אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון גלות־נאַציאָנאַליזם. לויט דובנאָוון זיינען מיר ניט קיין פשוט פאָלק, ווי אַלע פעלקער, נאָר אַ העכערער טיפּ פון אַ נאַציע: אַ גייסטיקע נאַציע. דער יסוד פון אונדזער נאַציאָנאַלן זיין איז דער יודאַאיזם, אַן אייגענע רעליגיע, ניט אַ פאַרגליווערטע, ווי ביז אַהער, נאָר, אַ זיך פּראָגרעסיוו אַנטוויקלענדיקע. צו דער יידישער אויטאָנאָמיע אין די גלות־לענדער קאָנען, לויט דובנאָוון, געהערן אויך אומגלייביקע יידן, אַפילו אַטעאיסטן. אָבער עס קאָן צו איר ניט געהערן יעדער, וואָס „בייט אויס דעם רענדל“ אויף אַן אַנדערן. אַזעלכע דורכאויס יידישע נאַציאָנאַליסטן, ווי דער פאַרשטאָרבענער הערצלס זון, וואָס האָט אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן, ניט צוליב אַ קאַריערע, נאָר ווי אַן אינעווייניקסטע נויטווענדיקייט פאַר זיין נשמה־לעבן — צי מיר קאָנען דאָס פאַרשטיין, צי ניט. — און נאָך אַנדערע קריסטלעך גלייביקע יידישע נאַציאָנאַליסטן, ווי צב״ש נאָרדויס טאָכטער. געהערן ניט צו דעם יידישן פאָלק לויט דובנאָווס געדאַנק וועגן יידישער נאַציאָנאַליטעט.

שפּעטער זיינען אַנטקעגן אַט דעם „שפּראַכיסטישן“ גרונט־געדאַנק, ווי איך וויל אים אָנרופן, אַרויסגעטראָטן נאָך אַנדערע קעגנער פון דעם רייך ראַדיקאַלן סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטישן לאַגער; די צווי ברידער שטיינבערג, מיט דער פאָדערונג, צו גרינדן אונדזער קולטור אויף דער אָרטאָדאָקס־יידישער אמונה, מיט אַ מאָדערנעם אויסטייטש פון דעם משיח־גלויבן אין איר; ב. ריווקין, וואָס פאָדערט אויך מיר זאָלן ווערן משיחיסטיש און נעמען אויף זיך ווי אַ פאָלק, די מיסיע, צו באַפרייען די גאַנצע

וועלט; וויליאַם נאַטאַנסאָן, וואָס באַוועגט זיך אין דער זעלביקער ליניע, מיט דער באַטאָנונג פון דעם יידיש־עטישן עלעמענט און דעם גליבן אין אַ פּערזענלעכן גאָט; דוד איגנאַטאָוו, מיט זיין אייגענער רעליגיעז־ראָמאַנטי־שער קאָנצעפּציע פון אַ גלויבן אין „דאָס ליכט פון דער וועלט"; אַבאַ גאָרדין און נאָך, און נאָך — ווער קאָן זיי אַלעמען געדענקען? דער צד השווה פון די אַלע גייסט־ריכטונגען איז דער געדאַנק, אַז שפּראַך איז נאָר אַ דרויסנלעכע פאָרעם, אַ ליידיקע כלי אָן אַן אינהאַלט (אַ ליידיקער אָרון־קודש — האָט דאָס אהרן שטיינבערג אָנגערופן). און דער כלל דערביי איז: „אַל תסתכל בקנקן, אלא במה שיש בו", קוק ניט אויפן קריגל, זע וואָס איז אין אים. שפּראַך, גלייבן זיי, איז ניט קיין עיקר, נאָר אַ טפל. אַ נעבן זאָך „קוראין שמע בכל לשון שאתה שומע". „לייען שמע ישראל אין וועלכער שפּראַך דו פאַרשטייסט", דאָס איז געווען די רעליגיעזע סאַנקציע אויף דער שפּראַך־אַסימילאַציע, וואָס האָט געהערשט ביי אונדזער פאָלק שיער פון זינט דעם גלות בבל אָן.

מיין ענטפער אויף אָט די אַלע קריטיקן באַשטייט דערין, וואָס שפּראַך איז טאַקע די אַלגעמיינסטע פאָרעם פון אַ פאָלקס־לעבן, ריכטיקער, פון דער קולטור־ספערע פון אַ פאָלק. אָבער קיין משוגענעם „שפּראַ־כיסט" איז קיינמאָל ניט אַרויף אויפן זינען, אַז אָט די אַלגעמיינע פאָרעם דאַרף זיין אַ ליידיקע כלי. יעדע שפּראַך־ספערע האָט אַן אינהאַלט. דער אינהאַלט איז — דאָס מענטשלעכע לעבן, מיט אַלע זיינע אָפּטמאָל מאוים־דיקע פּראָבלעמען, נויטן, פריידן און ליידן. און עס איז מיר געווען משונהדיק צו הערן, אַז דער „יידישיזם" איז דערפאַר אַ „ליידיקער אָרון קודש", ווייל ער איז כולל אין זיך אַלע תורות, ניט נאָר די רעליגיעז־יידישע.

און אַ צווייטער ענטפער איז — אויב איך זאָל אים פאַרשמעלערן בקיצור — אַזאַ: דרויסנלעכע פאָרעם איז ערגעץ ניט קיין גלייכגילטיקע זאַך, ניט אין דער נאַטור, ניט אין דער קולטור. יעדע פאָרעם, איז אַ פאָרמאַטיווע קראַפט, וואָס האָט איר אייגענע אַרט פון ווירקונג סיי אין דער נאַטור, סיי אין דער קולטור. אין דעם אַזוי אָנגערופענעם גאַז־פאָר־מיקן צושטאַנד פון וואַסער, אויך אין דעם דאַמף־צושטאַנד זיינעם קאָן מען ניט שטילן דעם דאָרשט. די אייגנשאַפטן און ווירקונגען פון קוילן־שטאָף אין דער קריסטאַל־פאָרעם פון אַ בריליאַנט זיינען גאַנץ אַנדערע איידער די אייגנשאַפטן און ווירקונגען פון דעם זעלביקן קוילן־שטאָף אין זיין ניט קריסטאַלינישער פאָרעם. נאָר — לאָמיר לאָזן דרויסן פון שפּיל די נאַטור מיט אירע פאָרמאַטיווע קרעפטן. נעמט די היסטאָרישע

קאַמפּף פאַר די פאָרמען פון דעם פּאָליטישן לעבן: אָדער די קאַמפּף פאַר די אַזוי אָנגערופענע פּראָדוקציע־פאָרמען: שקלאַפעריי, קאַפּיטאַליזם, קאָמוניזם, קאָלעקטיוויזם און אַנדערע. באַווייזן דען ניט אָט די פּאַר ביישפּילן, אַז דאָס וואָס מיר רופן „פאָרעם" קאָן ווערן דער „אינהאַלט" פון אַ היסטאָרישן קאַמף, וואָס שפּאַלט פונאַנדער די געזעלשאַפט אין פאַרשיידענע לאַגערן און קאָנצענטרירט אין זיך די גאַנצע היסטאָרישע ענערגיע פון אַ פאָלק?

און דאָס אייגענע איז אויך מיט דער אַלגעמיינער פאָרעם פון אַ פאָלקס־לעבן און קולטורעלן שאַפן, מיט זיין אייגענער שפּראַך. דער וואָס שטודירט די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען פון דעם ניינצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ווייס, אַז אַלע אונטערדריקטע פעלקער מיט אַן אייגענער שפּראַך, פירן זייערע נאַציאָנאַלע קאַמפן פאַר געזיכערטער עקסיסטענץ און פרייער אַנטוויקלונג אין דער ערשטער און וויכטיקסטער ליניע גראַד אויף דעם פעלד פון די נאַציאָנאַלע רעכטן פאַר זייער אייגענער שפּראַך.

און טאָפּלט וויכטיק דאַרף דער שפּראַכן־קאַמף זיין פאַר אונדז. ווייל אויף אונדזער עקסיסטענץ און פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג לויערט דער ערגסטער פון אַלע אונדזערע שונאים — די שפּראַך־אַסימילאַציע, וואָס אי זי רייסט אַוועק פון אונדז אונדזערע בעסטע כוחות, וואָס גייען אַוועק אַרבעטן אין דער פרעמדער, איז זי פאַרשאַרפט דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס וויל פּטור ווערן פון יענע בעסטע כוחות אונדזערע.

דער יסוד פון אונדזער קולטור־לעבן דאַרף דעריבער זיין די אייגענע שפּראַך, ווי יענע אַלגעמיינע פאָרעם פון אונדזער קולטור־לעבן, וואָס גיט אונדז, ווען קאָנסעקווענט דורכגעפירט, דעם בעסטן קעגנגיפט אַנטקעגן דער אַסימילאַציע — דעם שטאַרקסטן אַנהאַלט אין דעם קאַמף פאַר זעלבסט־דערהאַלטונג און פאַר פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג.

צו אָט די טעמים, פאַר וואָס דער יסוד פון דעם ייִדישן קולטורעלן לעבן דאַרף זיין אַן אייגענע שפּראַך, קומען צו נאָך פילע טעמים, פאַר וואָס אַזאַ יסוד טאָר ניט געזוכט ווערן אין אַן אייגענער רעליגיעזער לערע. איך וויל דאָ ברענגען אייניקע פון אָט די טעמים.

וואָס שפּראַך איז ווייסן מיר אַלע. וואָס רעליגיע איז, איז ניט אַזוי קלאָר. אָבער אַלע רעליגיעס, פון וואָס פאַר אַן אַרט זיי זאָלן ניט זיין, ווייזן אונדז אויף איין געמיינשאַפטלעכן שטריך. אַ רעליגיע איז אַ סיסטעם פון הייליקייטן, פון קדושה. אַ רעליגיעזע לערע איז לפי דעם אַזאַ לערע, וואָס טרעט אַרויס מיט דער פּרעטענזיע, אַז אירע געדאַנקען אָדער

געבאָטן זיינען הייליקע און אייביקע: זי איז אַ תורה הקדושה. עס איז ניט שייך זי אָפּצולייקענען. זי דאַרף נאָר זיין הייליק אַבסאָלוט, פאַר אַלע דורות. זי טרעט אַרויס מיט דער העכסטער אויטאָריטעט, מיט אַ „כה אָמר" — אַזוי האָט ער געזאָגט — מיט אַ „הוגד לך" — עס איז דיר געזאָגט געוואָרן, און פאַרפאַלן!

עס איז דערביי קיין אונטערשייד ניט, אין וועמעס נאָמען די אויטאָריטעט טרעט אַרויס מיט אירע אַבסאָלוטע אמתן און הייליקייטן: צי אין דעם נאָמען פון אַן איבערנאַטירלעכן גאָט, צי אין דעם נאָמען פון דעם אַזוי אָנגערופענעם פאָלקס־גייסט, צי אין דעם נאָמען פון דעם אַבסאָלוטן מענטשלעכן שכל און יושר, צי אין דעם נאָמען פון אַן אינדיווידועלער, אַזוי גערופענער „אינטואיציע", וואָס האָט אין דעם אייגענעם גייסט דערבליקט פנים אל פנים דעם אַבסאָלוטן אמת, דעם אַבסאָלוטן יושר און די אַבסאָלוטע הייליקייט.

אָט די אַבסאָלוטע הייליקייט איז גראָד אַ שטער פאַר דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון אַ פאָלק. דער וויכטיקסטער באַדינג פאַר אַ פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג איז די פרייע קריטיק, וואָס לייקנט צייטנווייז אָפּ אַלע פאַרהייליקטע יסודות פון דעם לעבן און שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיינער פון זיי.

אמת, אָפּט כאַפּט די פרייע קריטיק אַריבער די מאָס. דאָס איז אַ זייער אָפּטע דערשיינונג אין דער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס. ניט נאָר שטעלט מען אַוועק נייע הייליקייטן אַנשטאָט די אַלטע, נאָר מען גרייפט אָן שאַרף קריטיש דעם פּרינציפּ גופא פון הייליקייט.

אַזוי צ"ב האָבן מאַקס שטירנער, טשערנישעווסקי און דער אַטעאיסטישער מאַטעריאַליזם פּרינציפּיעל געלייקנט, אַז עס איז פאַראַן עפּעס, וואָס דאַרף דעם מענטשן זיין הייליק, מען זאָל צו דעם גאָר ניט טאָרן צוטרעטן מיט דעם ליאַנצעט פון דער קריטיק און דער אָפּלייקענונג.

קומט דאָס פאַר אין אַ פאָלקס קולטור־ספערע, וואָס איז געבויט אויף דעם יסוד פון דער שפּראַך, איז ניטאָ קיין גרויסער אומגליק אין אָט די אולטראַ־צעשטערערישע געדאַנקען, די שרעקלעכע אַפּיקורסותן, ווי די אַפּיקורסים אַליין בלייבן ביי דעמזעלביקן פאָלק, אין דערזעלביקער קולטור־ספערע. מיט דער צייט זעט מען איין זייער איינזייטיקייט. זיי העלפן אַרויסוואַרפן די אַלטע הייליקייטן, ווי אַ שטאַרקער שטורעם־ווינט, וואָס וואַרפט אום אַלע צעפוילטע ביימער אין דעם וואַלד, און נייע הייליקייטן פאַרנעמען דעם פּלאַץ.

גאַנץ אַנדערש אָבער אין אַ פאָלקס קולטור־ספערע, וואָס איר סאַמע יסוד און די עקסיסטענץ גופא פון דעם פאָלק, ווי אַ קולטור־שאַפנדיקע איינס, איז די אָדער יענער תורה הקדושה, דער אָדער יענער אויטאָ־ריטעטער „כה אמר!״ די וואָס גרייפן קריטיש אָן דעם יסוד גופא פון דער פאָלקס־עקסיסטענץ טאָרן דעמאָלט ניט פאַרבלייבן ביי דעם פאָלק, ווי זיינע קינדער. זיי מוזן אָדער אויסגעראָט ווערן, אָדער אַרויסגע־שליידערט ווערן — ווי עס זיינען ביי אונדז אַרויסגעשליידערט געוואָרן די פריי־גייסטער אוריאל אַקאָסטאַ און שפּינאָזע — אָדער זיי מוזן אַליין אַנטלויפן, ווי עס זיינען פון אונדז אַנטלאָפן אונדזערע בעסטע קינדער, אונדזערע היינעס און בערנעס, אונדזערע לאַסאַלס און מאַרקסעס אין דעם לויף פון דעם פאַריקן און דעם איצטיקן יאָרהונדערט.

וואָס זשע קומט דעמאָלט פאָר אין דעם פאָלק? דורך דעם קינסט־לעכן אָפּקלייב, ווי ביי ראַסן־פערד, אַרבעט זיך אויס אַ קיבוץ פון גלייכגלייביקע מענטשן, אַרבעט זיך אויס אַ גייסטיקע קאַזאַרמע רעזשים. אַדאַנק דעם אַנטלויפן פון די פרייערע ענערגישערע קריטישע קעפּ, ווערט דער אייגענער געדאַנק סטאַביל. עס שטעלן זיך איין פעסטע גרע־נעצן, וועלכע ער טאָר ניט אַריבערטרעטן, דרייט ער זיך אַרום אין אָט די גרענעצן, ווען אַפילו ער קאָן דערביי באַווייזן אַלערליי שאַרפזיניקע קונצן, ווי דאָס האָבן באַוויזן די יידישע גאונישע און חריפישע מוחות מיט זייערע שפּינוועבס אין דער הלכה, דער קבלה און דער חסידות. ביז דער קריטישער געדאַנק ווערט וואָך ביי טיילן פון דעם פאָלק און עס הייבט זיך אָן דער פּעריאָד פון דער עקסטרעמער אָפּלייקענונג פון דעם גאַנצן עבר, אָן אויסרייניקונג פון דעם גאַנצן אַלטן שפּינוועבס.

בלייבט מען ביי „משה רבינוס שטאַנדפּונקט״, אַז אויך די זינדיקע יידן, וואָס לייקענען אָפּ אַלע הייליקייטן, זיינען קינדער פון דעם יידישן פאָלק, ווערט דער קאַמף פון האבות והבנים, פון די עלטערן און די קינדער אָן אינעווייניקסטער אידייען־קאַמף אין דערזעלביקער נאַציע. ווערט אָבער די תורה הקדושה דער יסוד פון דעם פאָלקס־קולטור און איז שוין דאָס פאָלק אַזוי הומאַן, אַז ער פאַרפאָלגט ניט קיין אַנדערש גלייבנדיקע, מוזן די עלטערן מיט האַרצווייטיק, אָבער פריינדלעך און פרידלעך, זאָגן צו די קינדער: „מיר האָבן איין הייליקע לערע, איר האָט זיך אייער לערע, וואָס לייקנט זי אָפּ. זיינען מיר צווייי באַזונדערע פעל־קער, און ווי פרייע קיבוצים אין אַ פרייער מענטשהייט, דאַרפן מיר זיך נאַציאָנאַל פונאַנדערשיידן. זעט, די ערד ליגט ברייט פאַר אונדז.

גייט איר רעכטס, גייען מיר לינקס,גייט איר לינקס גייען מיר רעכטס״ — אַט ווי אַברהם אָבינו האָט געזאָגט צו לוטן.

אָבער אין דער איצטיקער צייט איז שוין די ערד גאָר ניט אַזוי ברייט. ניטאָ קיין שום מעגלעכקייט, גרופּקעס זאָלן אַרומוואַנדערן איבער איר און לעבן געזעלשאַפטלעך אויף דעם יסוד פון געמיינשאַפטלעכע אידייען. בפרט איז דאָס אוממעגלעך פאַר דעם יידישן פאָלק מיט זיין אויסגעשפּראָכענע קרובהשאַפט־געפילן. עלטערן און קינדער ווילן זיך ניט שיידן, ווען זיי ווערן ניט געצוואונגען דערצו. מוזן זיי אויסגעפינען אַן אַנדער יסוד פאַר אַ פאָלק־געמיינשאַפט, אַ יסוד, וואָס טראָגט אין זיך די העכסטע טאָלעראַנץ צו דעם אַנדערש־גלייביקן. און אַן אַנדערש מאָל מוזן יידישע עלטערן און יידישע קינדער וואַנדערן אין איינעם, ווייל מען טרייבט זיי פון די אָנגעזעסענע ערטער, און זיי קאָנען ניט אויסקלייבן קיין פאַרשיידענע ערטער פאַר די פאַרשיידענע לערעס, אין וועלכע די אָדער יענער גרופּע זייערע גלייבט.

אַ רעליגיעזע לערע, ווי אַ יסוד פון אַ פאָלקס־קולטור, ד״ה, ווי אַ יסוד פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ, קאָן אָבער ניט און טאָר ניט זיין טאָלעראַנט. ווערט דאָס יידישע פאָלק געצוואונגען דורך זיין לאַגע אין דער איצטיקער צייט לגמרי אָפּצוּוואַרפן אָט דעם יסוד.

און אויב אָט די רעליגיעזע לערע איז אַן אייגענע — און נאָר ווען אַזאַ רעדן מיר היינט, מוז זי ווערן אין נאָך אַ זין אַ שטער פאַר דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג. דער פּראָגרעס פון אַ פאָלק קומט פאַר נאָר דעמאָלט, ווען דאָס פאָלק שליסט זיך ניט איין אין זיינע אייגענע פיר איילן, ווען עס שטייט אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די אַנדערע פעל־קער, ווען עס ווירקט אויף זיי און ווערט באַווירקט פון זיי. אויך רע־ליגיעזע לערעס קאָן איין פאָלק אַריבערנעמען פון אַן אַנדער פאָלק. מאַכט איר נאָר איין רעליגיעזע לערע פאַר דעם יסוד פון דער גאַנצער יידישער קולטור, איזאָלירט איר אָט די קולטור פון די אַנדערע קול־טור־ספערעס ביי דער מענטשהייט. דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער, אַז איר פאַרשליסט דאָס פאָלק אין זיינע אייגענע גייסטיקע פיר ווינקע־לעך; איר איזאָלירט דאָס פאָלק פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן ווירקן־און קעגן־ווירקן פּראָצעס, וואָס איז איינער פון די וויכטיקסטע פאַר־באַדינגונגען פאַר אַ פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג.

און דערצו איז האָבן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע רעליגיע, ווי דעם יסוד פון דעם פאָלקס קולטור, אַ ווידערשפּרוך אין זיך גופא. דער עיקר אין דער איצטיקער צייט. אַמאָל איז דאָס ניט געווען קיין ווידערשפּרוך.

געווען אַ צייט פון דער פיל־געטעריי, ווען יעדעס פאָלק האָט זיך געהאַט זיין גאָט און זיין רעליגיעזע תּורה. דעמאָלט האָט מען געקאָנט זאָגן „ילך איש בשם אלהיו ואנחנו נלך", „זאָל זיך יעדער גיין אין דעם נאָמען פון זיין גאָט, מיר וועלן גיין אין דעם נאָמען פון אונדזער גאָט". אַפילו ווען ביי די יידן איז שוין אויפגעקומען דער מאָנאָטעאיס־טישער געדאַנק, האָט מען נאָך אַ לאַנגע צייט געקאָנט זיין טאָלעראַנט צו די אַנדערע געטער. אַזוי וואָרנט די יידן דער ספר דברים אין משהס נאָמען „זיי זאָלן ניט דינען צו דער זון, דער לבנה און צו די שטערן, ווייל זיי האָט גאָט באַשטימט פאַר די אַנדערע פעלקער און די יידן האָט ער געלאָזט פאַר זיך אַליין" (אשר חלק ד' אלהיך אותם לכל העמים... ואתכם לקח... להיות לו לעם נחלה. דברים ד', 19־20).

אָבער שוין באַלד האָט דער מאָנאָטעאיזם איינגעזען די פאַלשקייט פון אַזאַ איינשטעל. דער נביא מיכה האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז אַ רע־ליגיעזע לערע קאָן ניט זיין נאַציאָנאַל. דאָס קומט קלאָר אַרויס פון זיינע ווערטער: „הגיד לך, אדם, מה טוב ומה יהוה דורש ממך, כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלהיך". „עס איז דיר, מענטש, געזאָגט געוואָרן, וואָס עס איז גוט און וואָס דיין גאָט, פאָדערט פון דיר, נאָר טאָן גערעכטיקייט און ליב האָבן גנאָד און צניעותדיק אומגיין מיט דיין גאָט". מיכה ווענדט זיך ניט צו דעם יידן, נאָר צו דעם מענטשן, ווייל אַ רעליגיעזע לערע איז שוין געוואָרן אַן אַלגעמיין־מענטש־לעכע זאַך און ניט קיין נאַציאָנאַלע. האָבן אַן אייגענע רעליגיעזע לערע, ווי אַ יסוד פון דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן איז דעריבער אַ ווידער־שפּרוך אין זיך גופא. ווייל אויב זי איז אַן אייגענע נאַציאָנאַלע רעליגיעזע לערע און שטעלט אַוועק אַנשטאָט „אדם" „יהודי", איז זי שוין ניט קיין רעליגיע און קאָן שוין ניט פּרעטענדירן אויף אַבסאָלוטע הייליקייט. איז זי אָבער אַ רעליגיע, אַן אַבסאָלוטע הייליקייט פאַר יעדן „אדם", פאַר יעדן מענטשן איז זי שוין ניט קיין אייגענע, ניט קיין נאַציאָנאַלע, ניט יענער יסוד פון דעם יידישן קולטור־לעבן, וואָס צייכנט אויס דאָס יידישע פאָלק, ווי אַ טרעגער און בויער פון אַן אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור, אַ פאַרשיידענער פון די אַנדערע קולטור־ספערעס.

און אַזוי איז דאָס אָגב אויך מיט אַלע אַנדערע אידעאישע איינשטעלן און אינהאַלטן, וועלכע מען וויל מאַכן פאַר דעם יסוד פון אונדזער פאָלקס קולטור־לעבן. אויב זיי זיינען גוט און חשוב, דאַרפן זיי זיין גוט און חשוב פאַר אַלע מענטשן. אויב זיי טויגן ניט פאַר מענטשן בכלל, טויגן

זיי אויך ניט פאַר אונדז. דאָס רוסישע ווערטל: „טשטאָ ניעמצו זדאַראָוואָ, טאָ רוסקאָמו סמיערט" — „וואָס דעם דייטש איז צו געזונט, איז פאַר דעם רוס אַ טויט" — איז דער יסוד פון יעדן שאָוויניזם, פאַר וועלכן מען דאַרף זיך היטן ווי פאַר פייער.

ובכן: מיר וואַרפן אָפּ יעדע רעליגיעזע לערע, ווי אַ יסוד פון אונ־דזער פאָלקס קולטורעלן לעבן און שאַפן, ווייל אַ רעליגיעזע לערע קאָן ניט זיין נאַציאָנאַל, אויב זי איז באמת רעליגיעז; ווייל זי פּענטעט דעם אַבסאָלוט פרייען געדאַנק; ווייל זי איז עלול צו צערייסן די פּעדעם וואָס בינדן צונויף עלטערן מיט קינדער און די קינדער פון איין פאָלק אין איין פאָלק־געמיינשאַפט; ווייל זי איז עלול צו איזאָלירן דאָס פאָלק און פאַרמשפּט אים צו פאַרגליווערונג; ווייל אַן אייגענע נאַציאָנאַל רע־ליגיעזע לערע איז אַ ווידערשפּרוך איז זיך גופא; ווייל אַן אייגענע רע־ליגיעזע לערע איז ניט קיין שמירה אַנטקעגן דער שפּראַך אַסימילאַציע, וואָס איז דער גרעסטער שונא פון אונדזער נאָרמאַלער עקסיסטענץ און פון אונדזער פרייער אַנטוויקלונג, ווי אַ פּראָגרעסיוו פאָלק צווישן די מאָדערנע פּראָגרעסיווע פעלקער.

אונדזער לאָזונג פאַר דעם בוי פון דער יידישער קולטור דאַרף דעריבער זיין: „אַלגעמיין־מענטשלעכער אינהאַלט אין דער אייגענער יידישער שפּראַך־פאָרעם."

די פּראָגרעסיווע פּאַרטייען פון אונדזער פאָלק דאַרפן שטרעבן דער־צו, אַז דער אינהאַלט זאָל זיין אַ פּראָגרעסיווער. עס זאָל זיין אַ שטרעבן צו פערזענלעכער פרייהייט, צו אַלזייטיקער פיזישער, אינטעלעקטועלער, עסטעטישער און מאָראַלישער אַנטוויקלונג פון יעדן ייד. עס דאַרף זיין אַ שטרעבן צו קולטורעלער רייכקייט, מאַטעריעלער און גייסטיקער. און דער עיקר דאַרף דאָס זיין אַ שטרעבן צו סאָציאַלער גערעכטיקייט און גלייכקייט און צו אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט און ברידער־לעכקייט.

אָבער אויך די אַנדערע, די אַנטי־פּראָגרעסיווע פּאַרטייען האָבן דאָס־זעלביקע רעכט, צו פאַרבלייבן אין דער יידישער קולטור־ספערע און צו קעמפן אידעאיש פאַר זייערע אידעאַלן.

נאָר אַן אייגענע שפּראַך־פאָרעם מאַכט די קולטור־ספערע נאַציאָנאַל פאַר אַלעמען. נאָר זי בינדט אַלע קינדער פון דעם פאָלק צונויף אין איין נאַציאָנאַלער איינס און לאָזט יעדן איינעם פריי אויסלעבן זיך אין וועל־

כער גייסטיקער ריכטונג ער וויל: וויסנשאַפטלעך, עסטעטיש, פילאָ־סאָפיש, עטיש און אַפילו רעליגיעז.

גייסטיקע קנעכטשאַפט, פאַרגליווערטקייט, איזאָלירונג, קאַזאַרמע־גלייכקייט פון גאַטס קאַזאַקן — אַט דאָס איז וואָס מיר וואָלטן ווידער געהאַט, ווען אַן אייגענע רעליגיעזע לערע זאָל ווידער, ווי אַמאָל, ווערן דער אַבסאָלוטער יסוד פון אונדזער קולטור לעבן.

די פולסטע פרייהייט און פיל־געשטאַלטיקייט און דעם שטאַרקסטן נאַציאָנאַלן צונויפבונד און נאַציאָנאַל־קולטורעלער איינהייטלעכקייט — אַט דאָס איז וואָס אונדז גיט די שפּראַך, ווי אַ יסוד פון דעם פאָלקס קולטורעלן לעבן און שאַפן.

די לאַגע פון אונדזער פאָלק און וואָס דאַרף מען טאָן?*

אין דער איצטיקער קאַטאַסטראָפע פון דעם צווייטן וועלט־קריג, ליידן אַ היפּש ביסל פעלקער, וואָס זיינען ברוטאַל פאַרגוואַלטיקט געוואָרן פון היטלערס נאַצישע אַרמייען. די פּוילן, די טשעכן, די נאָרוועגיער און נאָך, און נאָך, און נאָך. אָבער די ליידן פון קיינעם פון זיי קאָנען זיך ניט פאַרגלייכן מיט יענעם גיהנום, וועלכן היטלער האָט באַשאַפן פאַר דעם יידישן פאָלק, נאָך איידער דעם אָנהייב פון דעם וועלט־קריג — באַשאַפן אין זיין, היטלערס, דייטשלאַנד און דערנאָך אַרויפגעצוואונגען אין אַ גרע־סערער אָדער קלענערער מאָס אויף די יידן פון יענע לענדער, וואָס זיינען איינגענומען געוואָרן פון זיינע חיילות, אָדער זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער זיין טיראַנישן ווילן.

ניט נאָר זיינען פאַר די יידן פון די איצטיקע היטלער־לענדער שטענדיק אָנגעגרייט די שאַרפסטע, די אוממענטשלעכסטע יסורים, פון וועלכע די אַנדערע פעלקער זיינען פריי. דער כאַראַקטער גופא פון די יידישע יסורים איז אַ גאַנץ אַנדערער. די נאָרוועגיער, די פּוילן, די טשעכן האָבן געגעבן צרות אויסצושטיין אונטער דעם קנאַפּל פון היטלערס רעזשים. אָבער אָט די צרות פאַלן אויף זייערע קעפּ ניט ווייל זיי זיינען נאָרוועגיער, פּוילן אָדער טשעכן. און אַזוי אויך מיט די ליידן פון די אַנדערע באַזיגטע פעלקער. איר קאָנט ניט צושרייבן זייער ליידן צום פאַקט, וואָס זיי זיינען קינדער פון אַ באַשטימט פאָלק. די יידישע יסורים אָבער שטאַמען די־רעקט גראָד פון דעם פאַקט, וואָס די יידן זיינען קינדער פון דעם יידישן פאָלק. עס קאָן גאָר ביי קיינעם קיין ברעקל צווייפל ניט זיין, אַז אַלע פאַרפאָלגונגען וואָס מיר שטייען אויס כמעט אין יעדן דור, שטאַמען פון דער

---

* פון מאַנוסקריפּט. אַ רעפעראַט, וואָס ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט די לעצטע יאָרן געהאַלטן אין פאַרשיידענע שטעט.

גיפטיקער רשעות צו אונדז, שטאַמען פון דער אַזוי גוט באַקאַנטער דורות־לאַנגער דערשיינונג, וואָס רופט זיך אַנטיסעמיטיזם.

אָבער קיין מאָל, אין קיין דור, אַפילו ניט אין די פינצטערסטע צייטן פון דעם מיטלאַלטער, זיינען אונדזערע מאַטערנישן ניט געווען אַזוי אומדערטרעגלעך, ווי גראַד אין דער איצטיקער צייט פון דעם ווילד־געוואַרענעם, ברוטאַלן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט שוין אַוועקגעשטעלט אין סכנה אַ פינף מיליאָן צענטראַל־אייראָפּעאישע יידן פשוט אויסגעראָטן צו ווערן.

און דער אַנטיסעמיטיזם איז ניט איינגעגרענעצט אין די לענדער פון צענטראַל־אייראָפּע. אויך אין די פּראָגרעסיווסטע דעמאָקראַטישע לענדער רייסן זיך אַלץ מער און מער אַרויס די אַנטיסעמיטישע פלאַמען פון אונטער יענעם אַש וואָס האָט זיי צוגעדעקט אַ לענגערע אָדער קורצערע צייט. פראַנקרייך גיט אונדז דעם ביישפּיל, ווי גרינג אָט די פלאַמען קאָנען אויפפלאַקערן ביי אַ גינסטיקער געלעגנהייט. און אין אונדזער אייגן לאַנד, דאָ אין אַמעריקע, זעען מיר דען ניט טאָג־טעגלעך, ווי דער אַנטיסעמיטיזם ווערט דאָ פאַרשטאַרקט?

יעדער איינער, וואָס גיט זיך אָפּ זאָל זיין נאָר אַ ברעקל דין וחשבון וועגן אונדזער לאַגע, מוז קומען צו דעם רעזולטאַט, אַז ווייטער קאָן דאָס אַזוי ניט גיין. עס מוז געמאַכט ווערן אַ ראַדיקאַלער סוף צו אונדזערע יידישעליידן. עס מוז געפינען ווערן אַ וועג ווי אַזוי אָפּצושאַפן די מאוימדיקע אָנפאַלן אויף אונדז מצד דעם ווילד־געוואָרענעם אַנטיסעמיטיזם.

פאַר דעם יידישן פאָלק שטייט איצטער ניט קיין אַנדער צענטראַל־אויפגאַבע, ווי נאָר איינע, ווי אַזוי אויסצוואָרצלען דעם אַנטיסעמיטיזם פון דעם לעבן. דערצו מוז מען אָבער האָבן קודם כּל אַ גאַנץ קלאָרן באַגריף וועגן יענער הויפּט־אורזאַך, וואָס רופט דעם אַנטיסעמיטיזם אַרויס.

עס איז באמת צו באַוואונדערן דעם קאָלאָסאַלן לייכטזין, מיט וועלכן אונדזער עפנטלעכער געדאַנק באַגייט זיך מיט דעם פּראָבלעם פון דער ברענענדיקער רשעות צו אונדזער פאָלק, פון די יסורים און פּלאָגן, וואָס שיטן זיך איצט אויף אונדז אָן און וואָס האָבן אין זייער אַכזריות געלאָזן ווייט הינטער זיך אַפילו די יסורים פון כמיעלניצקיס אוקראַינישן אויפשטאַנד, פון זיבעצנטן יאָרהונדערט, ווען מען פלעגט אויסקוילענען טויזנטער יידן, אָפּווישן יידישע שטעטלעך, כאַפּן יידן פאַר די פיס, פונאַנדערזעגן זיי און אַריינשליידערן אין דעם דניעפּר.

עס איז באמת צו באַוואונדערן די בלינדקייט אונדזערע, אָדער אונדזער ניט וועלן קוקן אויג אין אויג אין דעם זייער טרויעריקן אמת וועגן דער

יידן־פראַגע און וועגן די רדיפות אויף אונדז; דאָס ניט וועלן זעען קלאָר פאַר זיך די הויפּט־אורזאַך, וואָס ברענגט אַרויס דעם אַנטיסעמיטיזם.

מיר טרייסטן זיך מיט דעם פאַקט, וואָס די אַנטיסעמיטישע באַשול־דיקונגען אַנטקעגן אונדז באַשטייען אָדער פון אומגעלומפּערטע בלבולים און ליגנס, אָדער פון אַזעלכע ווידערשפּרוכן, אַז איין באַשולדיקונג עסט אויף די אַנדערע.

מיר ציטערן ווי פאַר דעם טייוול, אויפצוהייבן דעם פאָרהאַנג פון אַט די אַלע אַנטיסעמיטישע אומגעלומפּערטקייטן און אַריינצובליקן אין דעם תוך פון דער יידנפראַגע, וואָס פּלאָגט אונדז און די מענטשהייט שוין אי־בער צוויי טויזנט יאָר, זינט גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן גענומען וואוינען, ווי מינאָריטעטן צווישן ניט־יידישע פעלקער.

וואָס פאַר אַ משונהדיקע בלבולים מען זאָל אויף אונדז ניט האָבן אויסגעטראַכט, מיט וואָס פאַר ווידערשפּרוכפולע באַשולדיקונגען מען זאָל אין דער אָדער יענער צייט, אין דעם אָדער יענעם לאַנד, ניט האָבן גע־וואָלט פאַרענטפערן די פאַרפאָלגונגען אויף אונדז, איז הינטער זיי אַלע מאָל געשטאַנען דער איין איינציקער, צו אַלע צייטן און אַלע לענדער דער זעלביקער פאַקט, אַז דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער בנין פון דער יידישער מינאָריטעט איז באַשטאַנען פון פּריווילעגירטע שטאָטישע באַשעפטיקונגען.

דאָס איז אַ פאַקט, וועלכן מיר געפינען אומעטום אין אונדזער גאַנצער גלות־געשיכטע אין אַלע לענדער און אין אַלע צייטן, — סיי ווען מען האָט אונדז פאַרוועהרט צו האָבן אַנדערע באַשעפטיקונגען, סיי ווען און וואו עס האָבן ניט געהערשט קיין געזעצן, מיט וואָס יידן מעגן אָדער טאָרן זיך ניט באַשעפטיקן. ווי צ״ב אין די ערשטע צייטן פון דער אַראַבישער צי־ווילִיזאַציע און שפּעטער — אַלע מאָל אין דער טערקיי. דאָרטן און דעמאָלט זיינען ניט געווען קיין וועלכע עס איז פאַרבאָטן אויף אונדזער עקאָנאָמישן לעבן. אָבער אויך דעמאָלט און דאָרטן האָט זיך דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער כאַראַקטער פון דעם יידישן לעבן ניט געביטן אויף אַ האָר. אַט דער היסטאָ־רישער פאַקט, גיט אונדז אומעטום אָן די אמתע וואָרצן פון דער „אייביקער" יידן־פראַגע. איר קאָנט אַט דעם איינהייטלעכן איין־און־דעם זעלביקן פאַקט אַרויסגעפינען אין יעדער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק — דער עיקר אָבער אין ד״ר שיפּערס עקאָנאָמישע געשיכטע, אָנגעהויבן פון דעם מיטל־אַלטער. אָבער גראָד פאַר אַט דעם פאַקט ציטערט אונדזער עפנטלעכער געדאַנק.

ליידער קאָן איך מיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין היסטאָרישע דעטאַלן. איך וועל מיך מוזן באַנוגענען מיט אַ פּאָר סטאַטיסטישע דאַטן נאָר פון אונדזער איצטיקער צייט.

אין דעם „קאָנטעמפּאָרערי דזשואיש רעקאָרד״, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון דעם „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטי״ — אַגב זייער אַ וויכטיקע פּובליקאַציע, איז ניט לאַנג צוריק געוועזן אָפּגעדרוקט אַ סטאַטיסטיק פון די יידישע באַשעפטיקונגען אין יוגאָסלאַוויע, בולגאַריע און טערקיי, ד״ה אין ריין אַגראַרישע לענדער.

מיר ברענגען נאָר אַ פּאָר ציפערן: יוגאָסלאַוויע: אין האַנדל 37 פּראָצענט, ווייסע קראַגן 25 פּראָצענט, ליבעראַלע פּראָפעסיעס 8 פּראָצענט — צוזאַמען 70 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג. אַגריקולטור, און אויך דאָס אומבאַשטימט, צי פויערישע אַגריקולטור, צי פּריצישע, נאָר 3 פּראָצענט. די איבעריקע אומבאַשטימט. בולגאַריע: אין האַנדל 52 פּראָצענט, אין אינדוסטריע און מלאָכות 36 פּראָצענט, אין ליבעראַלע פּראָפעסיעס 2.5 פּראָצענט צוזאַמען אין שטאָטישע באַשעפטיקונגען 90.5 פּראָצענט, אַגריקולטור 0.5 פּראָצענט. טערקיי: אין האַנדל און קרעדיט 45.4 פּראָצענט, ווייסע קעלנער גיבן 31.9 פּראָצענט, ליבעראַלע פּראָפעסיעס 9.5 פּראָצענט אין איינעם 86.8 פּראָצענט, אַגריקולטור 2.4 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג.

פון גריכנלאַנד ווערט נאָר אָנגעגעבן, אַז אין סאַלאָניקי זיינען 36 טויזנט יידן באַשעפטיקט ווי אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, און דאָס מאַכט אויס באַלד אַ העלפט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג.

ד״ר לוואָוויטש, דער וויצע־פּרעזידענט פון דעם אַלוועלטלעכן „אָרט״, האָט ניט לאַנג פאַרעפנטלעכט אַ סטאַטיסטיק פון יידישע באַשעפטיקונגען אין פּוילן, לאַטוויע, ליטע און רומעניע. ליידער זיינען די פּראָצענטער אָנגעגעבן ביי אים לויט אַן איינהייטלעכן פּלאַן. איינע ציפערן רעדן וועגן דער ראָלע פון דער אָדער יענער באַשעפטיקונג ביי דעם יידישן פאָלק; אַנדערע ציפערן באַווייזן די ראָלע פון די יידן אין דער אָדער יענער באַשעפטיקונג. עס איז אָבער אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די צוויי אַרטן ציפערן.

אין לאַטוויע, צב״ש ליגט 9 פּראָצענט פון דער אַגריקולטור אין יידישע הענט. אָבער אָט די 9 פּראָצענט אין דער אַגריקולטור, וואָלטן פאַרגעשטעלט מיט זיך זאָגן מיר 7 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז וואָס וואָלט זיך דאָ דער נביא געהאָט צו באַקלאָגן? נאָר לאָמיר נעמען די כאַראַקטעריסטישע ציפערן. אין פּוילן (דעם נאָך פרייען)

האָבן יידן אויסגעמאַכט 9.5 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. אין האַנדל האָבן זיך באַטייליקט 32.5 פּראָצענט. די צווייטע צו האַנדל איז געווען די אַדוואָקאַטור, 49 פּראָצענט פון אַלע אַדוואָקאַטן זיינען געווען יידן.

לאַטוויע. יידן זיינען 5 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. אין האַנדל באַטייליקן זיך 49.5 פּראָצענט פון יידן. אין די פּראָפעסיעס האָבן זיך יידן באַטייליקט מיט באַלד 13 פּראָצענט. אין אַגריקולטור, ווי אויבן 9 פּראָצענט.

ליטע: יידן זיינען 6.2 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. אין האַנדל באַטייליקן זיך 3.5 פּראָצענט יידן.

רומעניע: זיינען 6 פּראָצענט. אין האַנדל באַטייליקן זיך לערך 40 פּראָצענט. אין אַגריקולטור — 15 פּראָצענט.

עסטרייך: אין האַנדל 51 פּראָצענט, באַנק געשעפטן 7.5; אין ליבעראַלע פּראָפעסיעס 7.6 פּראָצענט, און באַשעפטיקונג 11 פּראָצענט. אין איינעם 80.5 פּראָצענט שטאָטיש.

לויט י. ליעשטשענסקיס חשבונות וועגן די יידישע באַשעפטיקונגען אין ראַטנלאַנד קומט אויס, אַז די גאַר גרויסע מאַיאָריטעט פון דעם יידישן פאָלק איז עד היום אַ שטאָטישע מיט אַ קלאָרער טענדענץ צו פאַרנעמען די גרינגערע און בעסער באַצאָלטע פּאָזיציעס אין דעם האַנדלס־אַפּאַראַט און אין דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט.

אין דייטשלאַנד, איידער היטלערס קומען צו דער מאַכט, איז די גאַנצע מיליאָניקע באַפעלקערונג געווען אַ שטאָטישע, אַ הענדלערישע, אינדוסטריעל אונטערנעמערישע, מיט ליבעראַלע פּראָפעסיעס. אין אַגריקולטור איז געווען באַשעפטיקט אַ האַלבער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג.

און ווי האַלט דאָס מיט אונדז דאָ אין לאַנד? שוין אַ פּאָר יאָר ווי מיר הערן, אַז עס זיינען דאָ געלערנטע געזעלשאַפטן, וואָס שטודירן אונדזער עקאָנאָמישע ראָלע דאָ אין לאַנד. אָבער ביז צום היינטיקן טאָג איז נאָך ניט אַרויס קיין איין באַריכט, וועגן דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון דעם היגן יידישן סאָציאַל־עקאָנאָמישן בנין.

נאָר גאָר ניט לאַנג האָט אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" דר. א. דוביצקי פאַרעפנטלעכט אַ שטודיע וועגן די יידישע פאַכן און פּרנסות אין דער שטאָט דיטרויט. מיר נעמען פון איר אַרויס ציטאַטן, אַז איבער 54 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער שטאָט דיטרויט

פאַרנעמט זיך מיט האַנדל, ריעל עסטייט און אינשורנס. ביי 10 פּראָצענט אונדזערע באַטייליקן זיך אין די ליבעראַלע פּראָפעסיעס.

דער וואָס איז נאָר אַ ביסל באַקאַנט מיט אונדזער היגן לעבן, וועט אפילו אָן סטאַטיסטיקס מודה זיין, אַז אַ גאַר געוואַלטיקע מאַיאָריטעט פון די פינף מיליאָן יידן אין לאַנד לעבט פון פּריווילעגירטע שטאַטישע באַשעפטיקונגען. פּריווילעגירטע איז דער טייטש לייכטערע, בעסער באַצאָלטע און מיט גרעסערע מעגלעכקייטן, צו שטייגן עקאָנאָמיש אויף אַלץ העכערע און העכערע שטופן.

מיט וועלכן אַנדער פאָלק דאָ אין לאַנד מיר זאָלן זיך ניט פאַרגלייכן אין אונדזער סאָציאַל־עקאָנאָמישן בנין, וועלן מיר ביי קיין אַנדער פאָלק, וואָס וואוינט דאָ אין מאַסן, ניט געפינען אַזאַ דיספּראָפּאָרציע אין די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַשעפטיקונגען, ווי די יידישע: ניט ביי די דייטשן, ניט ביי די אירלענדער, ניט ביי די איטאַליענער, ניט ביי די סקאַנדינאַווער, ניט ביי די פּוילן, ניט ביי די יענקיס, ניט ביי קיינעם!

די דיספּראָפּאָרציע באַשטייט דערין, וואָס די גאָר גרויסע יידישע מאַיאָריטעט פון די עקאָנאָמיש זעלבסטשטענדיקע יידן זיינען פאַרנומען אין אַזעלכע באַשעפטיקונגען, וועלכער דער שכל הישר און די סאָציאַליסטישע עקאָנאָמישע וויסנשאַפט, דער עיקר די מאַרקסיסטישע, האָט אַ נאָמען געגעבן „אומפּראָדוקטיוו".

מילא די טעאָריעס פון די סאָציאַליסטן בכלל און די מאַרקסיסטן בפרט וועלן מיר דאָ לאָזן אָן אַ זייט. לאָמיר זיך צוהערן צו דער שטים פון דעם געוויינטלעכן, פּשוטן געזונטן מענטשנפאַרשטאַנד.

ווען פעליקס וואַרבורג האָט אַמאָל עפנטלעך אַ זאָג געטאָן: „מיר האָבן גענוג געהאַנדלט מיט ווייץ; לאָמיר אָנהייבן פּראָדוצירן ווייץ", האָט יעדער איינער פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געמיינט. ווייל יעדער איינער זעט איין, אַז פּראָדוצירן עפּעס אין אָן עקאָנאָמישן זין מיינט — אַרויסברענגען דורך פיזישע אַרבעט מאַטעריעלע פּראָדוקטן, אויף צו באַפרידיקן מענטשלעכע מאַטעריעלע הצטרכותן — אַרויסברענגען ווייץ, ציטיוול, ציי זייגערלעך. אַלע אַנדערע עקאָנאָמישע באַשעפטיקונגען, וואָס פּראָדוצירן ניט קיין מאַטעריעלע פּראָדוקטן און וואָס באַטייליקן זיך ניט אין דעם פּראָצעס פון פּראָדוצירן מאַטעריעלע פּראָדוקטן, קאָנען זיין זייער נוצלעכע באַשעפטיקונגען. אַפילו אַבסאָלוט נויטווענדיקע פאַר דער געזעלשאַפט, ווי צב"ש, דאָקטוירים און לערער; זיינען זיי אָבער פאָרט אומפּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן, מיט די מאַ־

טעריעלע פּראָדוקטן, וועלכע די פּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען ברענגען אַרויס.

די פּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען באַשאַפן די הכנסה פון דעם יער־לעכן געזעלשאַפטלעכן רייכטום. דאָס אויסהאַלטן די אומפּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען געהערט די נויטיקע אָדער אומנויטיקע — אָפטמאָל זייער שעדלעכע — הוצאות פון דעם געזעלשאַפטלעכן רייכטום.

פעליקס וואַרבורגס נאַרוואָס געבראַכטער שפּרוך: „מיר האָבן גע־נוג געהאַנדלט מיט ווייץ; לאָמיר אָנהייבן פּראָדוצירן ווייץ" — דריקט אויס דעם דירעקטן איינזען סיי פון דעם געזונטן מענטשפאַרשטאַנד, סיי פון דער מאַרקסיסטישער וויסנשאַפט, אַז דער האַנדל און דאָס רוב שטאַטישע גייסטיקע פּראָפעסיעס, אין וועלכע עס איז פאַרנומען דער רוב מנין און דער רוב בנין פון דער יידישער באַפעלקערונג, געהערן צו די אומפּראָ־דוקטיווע באַשעפטיקונגען. דאָ וועט ניט העלפן קיין פשטל פון דער בורזשואַזער פּאָליטישער עקאָנאָמיע וואָס וויל אויך דעם האַנדל און די אַנדערע אומפּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען אַריינרעכענען אין די פּראָ־דוקטיווע.

איז — ווי זאָלן מיר זיך שטעלן צו אָט דעם אַבסאָלוט זיכערן פאַקט? ווי זאָלן מיר אָפּשאַצן זיין באַדייט פאַר אונדזער פאָלקס־לעבן און פאַר דער יידנפראַגע? אין די גלות־לענדער ממצרים ועד הנה, פון אונדזער לעבן אין מצרים אין די פאַר יאָרהונדערטן פאַר אונדזער צייט־רעכענונג ביז אויף דעם הייַנטיקן טאָג אין אַלע אונדזערע גלות־לענדער?

דער אָפּשאַץ און באַדייט וועט נאַטירלעך אָפּהענגען פון דעם ענט־פער אויף איין־איינציקער פראַגע: וואָס איז דער מהות פון אונדזער עקסיסטענץ אויף דער וועלט? זיינען מיר אַלע — קינדער פון דעם איין־איינציקן יידישן פאָלק, אָדער מיר זיינען קינדער פון יענע פעלקער, צווישן וועלכע מיר לעבן, ווי מינאָריטעטן?

ס'איז דאָך איינס פון די ביידע: אָדער מיר זיינען אַ פאָלק, אָדער מיר זיינען טיילן פון אַנדערע פעלקער. טערדיום נאָן דאַטור. קיין דריטע מעגלעכקייט איז ניטאָ. די אַלטע פאַרשטעלונגען פון סתם־מענטשן, וואָס געהערן בכלל ניט צו קיין פאָלק אין דער וועלט, איז אַ וויסטע פאַנטאַזיע, כל זמן עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע פעלקער אויף דער וועלט. איז אויב מיר זיינען ניט קיין פאָלק, נאָר אין יעדן לאַנד זיינען מיר טיילן פון אַן אַנדער פאָלק, איז דער פאַקט, וואָס די באַשעפטיקונגען פון אונדזער מאַוימדיק גרויסער מאַיאָריטעט, זיינען אומפּראָדוקטיווע, האָט קיין ברעקל באַדייט ניט. פאַר די קינדער פון איין־און־דעמזעלביקן פאָלק

פירט ניט די מענטשלעכע געשיכטע קיין צווישנפעלקערלעכע חשבונות. פאַר די קינדער פון איין און דעמזעלביקן פאָלק, פירט די געשיכטע חשבונות צווישן מענטש און מענטש, צווישן קלאַס און קלאַס, צווישן רעליגיעזער גרופּע און רעליגיעזער גרופּע. קיין נאַציאָנאַלע אַנטאַגאָניזמען קאָנען דערביי ניט אויפקומען.

אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אַ פאָלק אָדער פון די פעלקער צווישן וועלכע מיר וואוינען געפינען זיך איצטער האַנדלסלייט, אַדוואָקאַטן, אינשורנס אַגענטן, פּאָליציי־לייט און וויס איך נאָך וועלכע אומפּראָדוקטיוו־באַשעפטיקטע. איז אויב מיר זיינען קינדער פון אַט דעם פאָלק, צי פון אַט די פעלקער, איז באמת קיין אונטערשייד ניט, צי איינער האָט אַזאַ נאָז, צי אַן אַנדער נאָז.

דער אַנטיסעמיטישער אָנפאַל אויף הענדלער, צי באַנקירן מיט אַ ביסל אַנדערע נעז, איז דעמאָלט אַן אומגעלומפּערטע רשעות, אַ פּשוטע משוגעת, וואָס קאָן בשום אופן ניט דערקלערט ווערן. אַ ראיה: די אומגעלומפּערטע בלבולים, וועלכע מען טראַכט אויף אונדז אויס און די זיך שטענדיק ווידערשפּרעכנדיקע חסרונות, וועלכע מען וואַרפט אונדז אויף. דער אַנטיסעמיטיזם איז דעמאָלט אַ פּשוטע פּאַרבלענדעניש, אַ מין אומדערקלערלעכער פּסיכאָז ביי דער מענטשהייט. און אונדזער איינציקע האָפענונג קאָן באַשטיין נאָר אין דער אַנטוויקלונג פון אויפקלערונג, אין דעם אויפבוי פון אַ געזונטן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין וועלכן עס וועלן פאַרשווינדן אַלערליי אַבערגלויבנס און פּסיכאָזן.

ווי איז אָבער, אַז מיר זיינען ניט קיין קינדער פון די פעלקער, צווישן וועלכע מיר וואוינען? ווי איז אַז מיר זיינען אַ באַזונדער פאָלק? אָ, דעמאָלט באַקומט דער אַנטיסעמיטיזם אַ גאַנץ אַנדער באַדייט און די יידנפראַגע ווערט אַוועקגעשטעלט אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט.

דעמאָלט פירט די מענטשלעכע געשיכטע מיט אונדז אַ גאַנץ אַנדער חשבון. אַ חוץ די חשבונות פון מענטש צו מענטש; אַ חוץ די חשבונות צווישן קלאַסן, רעליגיעס, פּאַרטייען — ד"ה געזעלשאַפטלעכע קאָלעקטיוון, וואָס געהערן צו איין און דעמזעלביקן שטאַט — פירט נאָך די געשיכטע מיט אונדז אַ באַזונדער חשבון, דעם צווישנפעלקערלעכן, דעם חשבון פון פאָלק צו פאָלק. גוטע איבער צוויי טויזנט יאָר פון אונדזער לעבן אין די גלות־לענדער פירט די געשיכטע אַט דעם פאָלק־צו־פאָלק חשבון מיט אונדז, ווייל מיר זיינען — צי איר ווילט דאָס, צי ניט — אַ באַזונדער פאָלק.

און די געשיכטע פון דער מענטשהייט ווייס, אַז דאָס לעבן פון אַ פאָלק איז אומנאָרמאַל, אויב זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישער בנין באַשטייט

דער עיקר פון אומפּראָדוקטיווע, ניט אַרבעטאַרישע באַשעפטיקונגען, אַזאַ פאָלק מוז געשפּייזט ווערן מיט די מאַטעריעלע פּראָדוקטן, וועלכע ניט זיינע קינדער ברענגען אַרויס נאָר די קינדער פון אַן אַנדער פאָלק, צי פון אַנדערע פעלקער, צווישן וועלכע ער לעבט.

אַט דאָס און ניט קיין אַנדער זאַך איז די צענטראַל־אַקס, אַרום וועל־כער עס דרייט זיך דער אַנטיסעמיטיזם, אין אַלע זיינע פאַרשיידענע פאַר־מען ,מיט אַלע זיינע פאַרשיידענע בלבולים אויף אונדז. דער וואָס זעט דאָס איין, פאַר יענעם איז דער אַנטיסעמיטיזם ניט קיין רעטעניש, ניט קיין מענטשלעכע פאַרבלענדעניש, נאָר אַ זייער טרויעריקער, זייער טראַגי־שער אָבער אויך אַ זייער פאַרשטענדלעכער פּראָצעס אין דער מענטש־לעכער געשיכטע. די קאָנפליקטן צווישן דער יידישער און דער ניט־יידישער וועלט זיינען פון דעמזעלביקן כאַראַקטער, ווי די קאָנפליקטן אין כמיעלניצקיס צייטן צווישן די אוקראַינער און די פוילישע פּאַנעס, און די יידן, וואָס האָבן אינאיינעם מיט די פּאַנעס געהערט צו די פּריווילע־גירטע קרייזן אין דעם אוקראַינישן לאַנד; אָדער ווי די קאָנפליקטן צווישן די שטאָטישע אַרמענער און די טערקישע פּויערים אין דער אַמאָ־ליקער טערקיי.

און עס איז אויך ניט קיין חידוש, פאַרוואָס דער אַנטיסעמיטיזם מוז גראָד אין אונדזערע צייטן. גראָד אין די צייטן פון דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס — ווערן שטאַרקער און גרויזאַמער מיט יעדן דור.

די אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס האָט געגעבן דעם יידישן פאָלק די מעגלעכקייט צו דעראָבערן נאָך נייע פּאָזיציעס פון פּרי־ווילעגירטע אומפּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען, פון וועלכע מיר זיינען גע־ווען אויסגעשלאָסן ביז צו דעם סוף פון אַכצנטן און אָנהייב נייצנטן יאָר־הונדערט: דאָס זיינען די פּאָזיציעס פון די ליבעראַלע פּראָפעסיעס אין דער שפּראַך און דער קולטור פון אַן אַנדער פאָלק.

וואָס גרעסער עס איז געוואָרן דאָס פעלד פון אונדזער עקאָנאָמישן צונויפשטויס מיט דער ניט־יידישער וועלט, אַלץ גרויזאַמער האָט געמוזט ווערן דער חשבון פון פאָלק צו פאָלק, אַלץ שאַרפער — דער אַנטיסעמי־טיזם.

די אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס האָט אויך געפירט דערצו, אַז אַ גרויסער טייל פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג האָט גע־מוזט זוכן חיונה אין די שטעט; אַז די קינדער פון די פריערדיקע אַריס־טאָקראַטישע קלאַסן האָבן געמוזט זוכן אַ נייעם באַזיס פאַר זייער עקאָ־

נאַמישער עקסיסטענץ און האָבן געמוזט דערבליקן אַט דעם באַזיס אויך אין האַנדל און אין די ליבעראַלע פּראָפעסיעס. די זעלביקע אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס האָט אויך געטריבן די שטאָטישע מיטל־קלאַסן און די קליינבירגער, זייערע קינדער זאָלן זיך דאַרפן שפּייזן אַלץ טאָקע פון די זעלביקע שטאָטישע פּראָפעסיעס — פון וועלכע עס לעבט כמעט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק — דער עיקר פון די ליבעראַלע פּראָ־פעסיעס.

און די זעלביקע אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס האָט — אין די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטן — אַרויסגעבראַכט אַזאַ קאָלאָ־סאַלן אויפשוואונג פון דער טעכניק אין פּראָדוצירן מאַטעריעלע גיטער, אַז אַלץ גרעסערע און גרעסערע שטאָטישע מאַסן ווערן פון די מאַשינען אַרויסגעוואָרפן אויפן גאַס און טרייבן זיי צו אַ שאַרפער קאָנקורענץ אויף דעם פעלד פון דער ריין שטאָטישער אינדוסטריע.

זיינען די אַלערליי שטאָטישע חיונה־קוואַלן אַזוי אַרום געוואָרן לפי ערך אַרעמער; די צאָל אָבער פון יענע, וואָס מוזן אָנקומען צו זיי, ווערט לפי ערך אַלץ גרעסער און גרעסער. אָבער גראָד דאָ, אויף דעם פעלד פון די שטאָטישע חיונה־קוואַלן קומט פאָר יענער צווישנפעלקערלעכער קאָנפליקט, וואָס רופט זיך אַנטיסעמיטיזם. איז דען אַ חידוש, וואָס מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, וועט די רשעות צו אונדז ניט אָפּגעשוואַכט, נאָר דווקא פאַרשטאַרקט און וואָס זי איז אַלץ מער און מער עלול אָנצונעמען די שרעקלעכסטע, די אוממענטשלעכע פאָרמען?

די מענטשלעכע געשיכטע האָט אירע וועגן. אירע רעדער ווערן געטריבן אין דער לעצטער ליניע פון די עקאָנאָמישע קלאַסן־קאַמפן און פון די צווישנפעלקערלעכע קאָנפליקטן, כל זמן די עקאָנאָמישע אומ־שטענדן וועלן זיי אַרויסרופן.

אונדזער היסטאָרישער אומגליק איז — וואָס באַלד צוויי טויזנט צוויי הונדערט יאָר ליגן מיר דאָס רוב אונטער די רעדער פון דער געשיכטע. נאָר צייטנווייז גיט זיך אונדז איין, צו זיצן אויפן וואָגן. פריער אָדער שפּעטער ווערן מיר אַרונטערגעשליידערט פון דעם וואָגן, און די געשיכטע, גייט מיט אירע שפּיציק־שאַרף־געציינדלטע רעדער איבער אונדזערע ליי־בער, איבער אונדזערע לעבנס.

אַט דאָס איז די לאַגע. אַט דאָס איז יידנפּראָגע. עס קאָן דעריבער ניט זיין קיין אַנדער ענטפער אויף דער יידנפּראָגע, ווי נאָר דער געבאָט, אַרויסצוגיין פון אונטער די רעדער פון דער מענטשלעכער געשיכטע, ד״ה

ראַדיקאַל אָפּצושאַפֿן דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן קאָנפֿליקט צווישן אונדזער פֿאָלק און די פֿעלקער צווישן וועלכע מיר וואוינען.

עס איז אויך גרינג צו באַווייזן, אַז אַלע ראַדיקאַלע ענטפֿערס, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן אויף דער יידנפֿראַגע און ווערן נאָך געגעבן עד היום האָבן אין תּוך נאָר איין־איינציקן ענדציל אין אויג: אַרויסצקריכן פֿון אונטער די רעדער פֿון דעם געשיכטלעכן פּראָצעס.

וועלכע ענטפֿערט זיינען געגעבן געוואָרן? וואַרפֿן מיר אַראָפּ פֿון חשבון דעם אַלטן גלויבן אין אַן איבערנאַטירלעכן משיח, וואָס זאָל אונדז צוריקברענגען צו אַ נאָרמאַלן פֿאָלקס־לעבן אין אונדזער אייגענעם לאַנד, האָבן מיר פֿינף ראַדיקאַלע ענטפֿערס, ווי אַזוי אַרויסצוגיין פֿון אונטער די רעדער פֿון דער געשיכטע: דאָס איז ערשטנס די ראַדיקאַלע אַסימי־לאַציע; צווייטנס, די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, דריטנס, דער ציוניזם, פֿערטנס, דער סאָציאַליסטישער גלות־נאַציאָנאַליזם פֿון דעם סוף אַכציקער און אָנהייב נײַנצנטער יאָרן פֿון דעם פֿאָריקן יאָרהונדערט, און פֿינפֿטנס, דער טעריטאָריאַליזם.

ווען איך רעד וועגן דעם ראַדיקאַלן אַסימילאַנטנטום, האָב איך אין זינען יענע אַסימילאַציע, וועלכע וואָלטער ראַטענאַו, דער באַרימטער דייטש־יידישער אינדוסטריאַליסט, עקאָנאָמיסט, און שטאַטסמאַן האָט גע־פּרעדיקט אין דעם אָנהייב פֿון אונדזער יאָרהונדערט. ער פֿאַרלאַנגט די פֿולסטע צונויפֿגיסונג מיט די ניט־יידישע פֿעלקער. דעמזעלביקן שטאַנד־פּונקט האָט מיט עטלעכע יאָרן צוריק פֿאַרטיידיקט אַ יידיש־דייטשער עמיגראַנט, — פֿאַרגעסן זיין נאָמען, — שוין אונטער היטלערס רעזשים. אין אַ בראָשור, וואָס טראָגט דעם נאָמען „איזראַעל, וואוהין", דערקלערט ער, אַז דער אומגליק פֿון די דייטשע יידן שטאַמט דערפֿון, וואָס ביז אַהער האָבן זיי זיך אין תּוך אַריין נאָך גאָרניט אַסימילירט מיט דעם דייטשן פֿאָלק. די יידן זאָגט ער, האָבן געלעבט „אין די פֿאַלבן פֿון דעם דייטשן מאַנטל". — ניט זייער קיין געהויבענער בילד; אָבער ער שטימט מיט דעם אמת. די דייטשע יידן זיינען ניט געוואָרן קיין טייל פֿון דעם דייטשן פֿלייש און בלוט, ניט געוואָרן קיין קינדער פֿון דעם דייטשן פֿאָלק. ממילא האָט ניט געקאָנט פֿאַרשווינדן דער גרויזאַמער חשבון „פֿון פֿאָלק צו פֿאָלק".

יאָ, די ראַדיקאַלע אַסימילאַציע, וועגן וועלכע מיר רעדן דאָ, וואָלט זיכער געווען אַן ענטפֿער אויף דער יידנפֿראַגע. ווערן די יידן טיילן פֿון דעם אַנדער פֿאָלקס פֿלייש און בלוט, ווערן זיי זיינע קינדער — דעמאָלט וואָלט פֿאַרשוואונדן דער נאַציאָנאַלער קאָנפֿליקט אויף די פֿעל־

דער פון דער עקאָנאָמיע און דער קולטור און דעמאָלט וואָלטן די יידן שוין ניט געלעגן אונטער די רעדער פון דער געשיכטע, ווייל עס וואָלטן שוין קיין יידן ניט געווען.

נו, איך באַטראַכט דאָס ניט גראָד פאַר מיין היינטיקער אויפגאַבע צו פּאָלעמיזירן אַנטקעגן יענע וואָס פּרעדיקן נאָך עד היום דעם יידיש נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד: אַרויסברענגען מוזן מיר דאָ, אַז ניט דערפאַר וואַרפן מיר דאָ אָפּ דעם ראַדיקאַל אַסימילאַטאָרישן ענטפער, וואָס ער גייט להיפּך צו אונדזערע אינטערנאַציאָנאַליסטיש־יידישע אידעאַלן. מיר וואַרפן אָפּ אָט דעם ענטפער דערפאַר, וואָס ער איז פול פון אַן אינוויי־ניקסטן ווידערשפּרוך און האָט ניט קיין ברעקל וואַרשיינלעכקייט, ער זאָל ווען עס איז מקוים ווערן.

דער אינעווייניקסטער ווידערשפּרוך באַשטייט דערין, וואָס דער פּראָצעס פון דער ראַדיקאַלסטער אַסימילאַציע איז אַ לאַנגדויערנדיקער. פאַר דער צייט פון זיין דויער אָבער מוז גראָד די אַסימילאַציע, די ניט פולע צונויפגעגאָסנקייט מיט דעם פלייש און בלוט פון די ניט־יידישע פעלקער, פאַרשאַרפן דעם אַנטאַגאָניזם צווישן יידן און ניט־יידן. אין דער ברויזנ־דיקער אימפּעטיקער קאָנקורענץ פון דעם יידישן פאָלק פאַר די פּריווי־לעגירטע שטאָטישע פּאָזיציעס אין האַנדל און ליבעראַלע פּראָפעסיעס וועלן די ניט־יידן אַלץ נאָך שפּירן דעם דראַנג פון אַ פרעמדן פאָלק, דער קאָנפליקט וועט זיך נאָך מער מוזן פאַרשאַרפן און ממילא אויך דער אַנטיסעמיטיזם מיט אַלע זיינע דערשיינונגען. אין אַזאַ לאַגע איז ניט צו דערוואַרטן, די ניט־יידישע פעלקער זאָלן אויסשפּרייטן די אָרעמס און באמת אַדאָפּטירן אונדז, ווי אייגענע קינדער.

און עס איז אויך פאַראַן זייער ווייניק שאַנסן, די ראַדיקאַלע אַסי־מילאַציע, דער פולער צונויפגוס זאָל ווען עס איז דורכגעפירט ווערן. וואו זיינען נאָך פאַראַן אַזעלכע גינסטיקע באַדינגונגען פאַר אָט דעם אַבסאָלוטן צונויפגוס פון יידן מיט ניט־יידן, ווי יענע רעכטלעכע און עקאָנאָמישע אומשטענדן, וואָס הערשן דאָ, ביי אונדז אין לאַנד?

אַ רייסנדיקע שפּראַכלעך־קולטורעלע אַסימילאַציע קומט טאַקע ביי אונדז פאָר. אָבער זי איז ניט יענער ראַדיקאַלער צונויפגוס מיט די היגע פעלקער, וואָס איז נויטיק, מיר זאָלן ניט זיין אונטער די רעדער פון דער געשיכטע. גיט אַ קוק אויף אונדזערע אַסימילירטע יידן אין ניו־יאָרק, און אין די אַנדערע גרויסע און מיטעלע שטעט דאָ אין לאַנד. אומעטום לעבן זיי אין קאָמפּאַקטע מאַסן. אַפילו די רייכע יאַהודים זיינען נאָך אין ערגעץ ניט אַרויס פון זייערע אַריסטאָקראַטיש רייכע און שיינע

געטאָס. האַלט זיי דער אַנטיסעמיטיזם אין די געטאָס? אָדער האַלטן אויף די געטאָס דעם אַנטיסעמיטיזם? ווער ווייס, וואָס עס ווירקט אויף וואָס? — דער פאַקט איז אָבער, אַז עס זיינען אין דער איצטיקער צייט ניטאָ קיין שאַנסן, אַז די פון אונדז אַליין געשאַפענע מויערן פון דעם היגן יידישן געטאָ־לעבן זאָלן איינפאַלן, ווי אַמאָל די ווענט פון יריחו, איינפאַלן פון די טרומייטערס, וואָס טרוממייטערן די ראַדיקאַלע אַסימילאַציע.

פאַקטיש איז די לאַגע אַזאַ, אַז וואו נאָר יידן באַזעצן זיך אין אַ גרעסערער צאָל, ווערט באַשאַפן אַ פעסטער צענטער פון יידישן לעבן, אַן אמתער יידישער געטאָ.

און ווען איינצלנע יידן הייבן אָן אַריינצודרינגען אין ריין געגנטישע רייכע געגנטן, אַזוי אַנטלויפן יענע, און אַ ניט־יידישע געגנט, אפילו גאָר אַ רייכע און „ציוויליזירטע״, ווערט באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ יידישן געטאָ.

ווי קאָנט איר דאָ האָפן, אַז אונטער אַזוינע אומשטענדן זאָל שוין אין דער איצטיקער צייט דורכגעפירט ווערן די פולע צונויפגיסונג פון יידן מיט ניט־יידן?

אַן ענטפער אויף דער יידישער פראַגע מוז אָבער געפונען ווערן גראָד אין דער איצטיקער צייט, דער אפשר שווערסטער צייט פון אונדזער גאַנצער גלות־געשיכטע.

און ווי קאָנען מיר קומען צו דעם פרידנס־טיש, צי צו ווענען עס איז מיט אַ פּראָגראַם פון דער פולסטער אַסימילאַציע, מיט אַ פּראָגראַם פון אונדזער פולן נאַציאָנאַלן פאַרשווינדן? וועלכע קאָנקרעטע פאָדערונגען זאָלן מיר אויסדריקן דעם פאַטש זיך אַליין אין פּנים? מיר קענען ניט פאָדערן פון די פעלקער, זיי זאָלן וועלן אונדז צעקייען, אַראָפּשלינגען, און איבערקאָכן, כּדי מיר זאָלן ווערן טיילן פון זייער פלייש און בלוט.

סוף־סוף איז דאָך דאָס אַ געשמאַק זאַך. ווי איז אַז די פעלקער האָבן ניט קיין איבעריק גרויסן אַפּעטיט צו אונדז?

די איינציקע זאַך, וואָס מיר קענען פאָדערן, איז ווידער ריין בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג. אויפן פּאַפּיר קאָן מען דאָס זיכער אויספירן. מען וועט מסתּמא הייסן אַריינשרייבן אין אַלע קאָנסטיטוציעס די בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. מען קאָן אָבער ניט צווינגען די פעלקער, זיי זאָלן אונדז אַרויסנעמען פון אונטער די רעדער פון דער געשיכטע און אונדז אַרויפזעצן אויף דעם וואָגן, ווי גלייכבאַרעכטיקטע קינדער פון דעם ניט־יידישן פאָלק.

שוין מער לאָגיש קאָנסעקוועגט און רעדט צום רעכטן פונקט איז דער ענטפער אויף דער יידנפראַגע, וואָס אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע דאַרף ברענגען מיט זיך.

איך מיין דאָ אַזאַ סאָציאַליסטישן איבערקער, וואָס שאַפט אָפּ אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן יעדע מעגלעכקייט פון עקאָנאָמישער קאָנקורענץ; אַזאַ אָרדענונג, וואו עס איז דאָ גענוג פּלאַץ פאַר אַלעמען און וואו אַלע מוזן זיך באַטייליקן און אַרויסברענגען די מאַטעריעלע, צי גייסטיקע פּראָ־דוקטן, אין וועלכע די געזעלשאַפט נייטיקט זיך, וואו די פאַרטיילונג פון די מאַטעריעלע פּראָדוקטן איז בדרך כלל אַ גלייכמאָסיקע פאַר אַלעמען; וואו יעדער איינער איז לכתחילה פאַרזיכערט מיט חיונה און וואו עס ווערט אָפּגעשאַפט דער אונטערשייד צווישן שטאָט און דאָרף, ווי דאָס האָט געפאָדערט מיט באַלד אַ הונדערט יאָר צוריק „דער מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי״.

אין דעם אויפבוי־פּראָצעס פון אַזאַ געזעלשאַפט וועלן געוויס נאָך זיין עלעמענטן, וואָס וועלן קאָנען אַרויסרופן צווישנפעלקערלעכע אַנטאַגאָ־ניזמען פון אַן עקאָנאָמישן אָדער ריין נאַציאָנאַל־קולטורעלן כאַראַקטער. אָבער אין אַ געזעלשאַפט, וואָס שאַפט אָפּ דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן קלאַסן־קאַמף און מאַכט אוממעגלעך דעם קאַמף פאַר עקאָנאָמישער עק־סיסטענץ, וועלן די צווישנפעלקערלעכע קאָנפליקטן פאַרלירן זייער שאַרפ־קייט און וועלן קאָנען מיט דער צייט זיך אינגאַנצן פאַרלירן. אין אַ סאָציאַליסטישן פעריאָד פון דער מענטשלעכער געשיכטע גייען ניט אירע רעדער איבער מענטשלעכע לייבער. עס זייגען ניטאָ מער אונטער אירע רעדער ניט קיין פאַרפאָלגטע קלאַסן, ניט קיין געפייניקטע פעלקער. פאַר־שטיי איך גאַנץ גוט יענע יידן, וואָס האָבן ניט קיין אַנדער ענטפער אויף דער יידנפראַגע, ווי נאָר דעם אַלוועלטלעכן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליס־טישן אידעאַל. איך אַליין וויל אויך פון גאַנצן האַרצן, אַז וואָס מער יידן זאָלן זיך באַטייליקן אין אַן אַלוועלטלעכער רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליס-טישער באַוועגונג — מיט דעם אַבסאָלוטן באַדינג אָבער, זיי זאָלן זיך באַ־טייליקן אין איר, נאָר ווי מיטגלידער פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערער סאָ־ציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, און אין אַ סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערן אינ־טערנאַציאָנאַל זאָלן זיי זיין טעטיק נאָר, ווי דעלעגאַטן פון דעם יידישן פאָלק און ניט פון קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט.

אָבער — און דאָ קומט דער זייער טרויעריקער אָבער! מען דאַרף שוין באמת פאַרלירן יעדן חוש פאַר היסטאָרישע מעגלעכקייטן, כדי צו קאָנען זיין טיף איינגעגלייבט, אַז גראָד אונדזער צייט דאַרף אַרויסברענגען

אַט די אַזוי לאַנג געטרוימטע באַפרייאונג פון אַלע אונטערדריקטע קלאַסן און פעלקער.

איך נעם מיך ניט אונטער צו זאָגן קיין נבואות און גלייב ניט, אַז ווער עס איז קאָן מיט זיכערקייט פאָראויסזען די צוקונפט. אָבער גראָד ווייל מיר מוזן אַבסאָלוט אָפּלייקענען, די אַזוי אָנגערופענע „וויסנשאַפט־לעכע" פאָראויסזעאונגען פון דער צוקונפט, מוזן מיר פאָדערן, אַז מען זאָל זיך רעכענען ניט מיט די בעסטע פאַלן און ניט מיט די שענסטע סורפּריזן, וועלכע די געשיכטע קאָן אונדז אונטערטראָגן, נאָר מיט די ערגסטע פאַלן און מיט יענע אומדערוואַרטעט גרויזאַמע קלעפּ, מיט וועל־כע די געשיכטע איז דאָס רוב געוואוינט מזכה צו זיין די מענטשהייט. מיט אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און דער אַרבעט פאַר איר, מוזן מיר יידן, זיך פאַרנעמען, ווי סאָציאַליסטן, ווי מענטשן, וואָס שטרעבן צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם העכסטן יושר אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיר טאָרן אָבער ניט פאַרבינדן מיט איר און נאָר מיט איר, אונ־דזערע האָפענונגען אויף דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון אונדזער אייגענעם פאָלק.

ווער וויים, ווי לאַנג עס קאָן נאָך אָנהאַלטן דער איצטיקער פּראָצעס פון דעם איינדאַרנדיקן קאַפּיטאַליזם, וואָס פאַרשאַרפט דעם קאַמף צווישן מענטש און מענטש, צווישן קלאַס און קלאַס און צווישן פאָלק און פאָלק?

מיר מוזן זיך רעכענען מיט אַט דעם פּראָצעס. אין זיינע צייטן, אין די איצטיקע צייטן מוזן מיר שטרעבן אַרויסצוקריכן פון אונטער די רעדער פון דער געשיכטע, וואָס גייען איבער די לייבער פון דער אַל־וועלטלעכער יידנשאַפט און וואָס קאָנען דערגרייכן און אַריינדרינגען מיט זייער פאַרשאַרפטע שפּיצן אויך אַזעלכע טיילן פון אונדזער פאָלק, וואָס ווערן נאָך איצטער געשוינט פון זיי ווי די יידן דאָ אין לאַנד.

רעכנט מען זיך מיט אַט דעם פּראָצעס פון דעם איינדאַרנדיקן קאַפּי־טאַליזם און דעם פאַרשאַרפטן קאַמף פון אַלעמען אַנטקעגן אַלע, פאַלן אַראָפּ די צוויי אפשר לאָגישסטע ענטפערס אויף דער יידנפראַגע: דער ענטפער פון דער אַבסאָלוטער הונדערט־פּראָצענטיקער אַסימילאַציע און דער ענטפער פון דער אַלוועלטלעכער קאָנסעקווענטער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

מוזן מיר זיך רעכענען נאָר מיט די דריי יידיש־נאַציאָנאַלע ענט־פערס: דעם ציוניזם, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט מיט באַלד אַ זעכציק יאָר צוריק, מיט דעם סאָציאַליסטישן גלות־נאַציאָנאַליזם, וואָס איז שוין אויך טעטיק באַלד אַ פינף און פופציק יאָר — איך רעכן זיין אָנהייב מיט

דעם שטרעבן צו אָרגאַניזירן די יידיש־נאַראָדאָוואָלישע אָרגאַניזאַציע „תשועת ישראל״ פון 1885 און מיט דעם טעריטאָריאַליזם, וואָס איז געוואָרן אַ באַוועגונג מיט אַ באַלד 40 יאָר צוריק. — די אַלע דריי נאַציאָנאַלע יידישע באַוועגונגען האָבן אַלע בשותפות איין־איינציקן גרונט־שטריך: — דאָס שטרעבן אַרויסצוקריכן פון אונטער די רעדער פון דער געשיכטע דורך דעם אַרויסשיידן זיך פון דער ניט יידישער וועלט. דאָס הייסט ניט, אַז מיר פאַרנעמען אַ שאָוויניסטיש פיינטלעכע פּאָזיציע צו איר, אָדער אַז מיר איזאָלירן זיך פון די אַנדערע פעלקער, אָדער אַז מיר ווילן ניט נעמען קיין אָנטייל אין דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס.

אונדזער אַרויסשיידן זיך פון דער ניט־יידישער וועלט הייסט נאָר דאָס שטרעבן אויסצובויען אַן אייגענעם פּראָדוקטיוו־עקאָנאָמישן לעבן, אַן אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור אין אַן אייגענער יידישער שפּראַך. דאָס הייסט נאָר צו פאַרנעמען אין דער מענטשהייט, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך, פּונקט אַזאַ פּאָזיציע, ווי עס פאַרנעמען אין איר אַלע אַנדערע פעלקער מיט זייערע אייגענע פּראָדוקטיוו־עקאָנאָמישע באַשעפטיקונגען, מיט זייערע אייגענע קולטורן און שפּראַכן. אָט דאָס אַרויסשיידן זיך פון דער ניט־יידישער וועלט איז ממילא אויף דעם טיפסטן אופן פאַרבונדן מיט דעם קאַמף אַנטקעגן אַסימילאַציע, אין וועלכע פאָרמען זי זאָל ניט אויפטרעטן, אין וועלכע מאַנטלען זי זאָל זיך ניט דראַפּירן און אין וועלכע טעאָרעטישע חשבונות זי זאָל ניט זוכן איר באַרעכטיקונג.

פון די דריי נאַציאָנאַל־יידישע באַוועגונגען וואָלט דער ציוניזם געוויס געוועזן דער אידעאַלסטער ענטפער. אָבער — ווען? ווען דער ציוניזם וואָלט ניט פאַרלאָרן זיין ריין טעריטאָריאַליסטישן כאַראַקטער. פון קיין ציוניסטישער זייט הערן מיר ניט, אַז דער ציוניזם שטרעבט צו באַקומען פון די אַראַבישע פעלקער אַ טעריטאָריע פאַר דעם גאַנצן אַל־וועלטלעכן פאָלק אין די אַראַבישע ניט באַזעצטע לענדערייען, ווי צב״ש אין דעם סירישן מדבר, אין דעם עבר הירדן, און אין דרום מעסאָפּאָטאַמיע, דעם איצטיקן „איראַק״. ווי באַקאַנט, האָט מעסאָפּאָטאַניע אַליין פּלאַץ נאָך פאַר אַ פערציק מיליאָן מענטשן.

פון קיין ציוניסטישער זייט הערן מיר איצטער ניט די אַמאָליקע טענער פון דער גאולה שלימה, פון דער פולער באַפרייאונג פאַר דעם גאַנצן יידישן פאָלק פון גאָר דער וועלט. פאַר וואָס? האָבן די ציוניסטן פאַרלאָרן יעדע האָפענונג, צונויפצורעדן זיך מיט די אַראַבישע פעלקער און צו באַקומען פון זיי, לויט זייער ווילן און באַשייד, די נייטיקע, ניט באַזעצטע לענדערייען פאַר אַ יידישן לאַנד, אפשר ווי אַ טייל פון אַ פאַן-

סעמיטישער פעדעראַציע? גלייבן די ציוניסטן אין דער אמתן, אַז די אַראַבישע פעלקער וועלן אויף אַזאַ געדאַנק קיינמאָל ניט איינגיין?

מיר זיינען צו ווייניק באַקאַנט מיט דער הינטער־קוליסן־געשיכטע פון דער ציוניסטישער פירונג. מוזן מיר זיך באַנוגענען מיט דעם פאַקט, אַז די ציוניסטן האָבן אין זינען, אַז אין ארץ־ישראל וועט געראַטעוועט ווערן נאָר אַ טייל פון דעם יידישן פאָלק, און ניט דאָס גאַנצע פאָלק. ד״ר ווייצמאַן האָט אַמאָל גערעדט וועגן אַן אַנדערהאַלבן ביז צוויי מיליאָן יידן. איצטער רעדט מען וועגן אַ פינף־זעקס מיליאָן יידן; לויט וועלכע חשבונות — ווער ווייס? און ווער פרעגט דעם חשבון?

על־כל־פנים איז דער ציוניזם, לויט די איצטיקע השגות, נאָר אַ טייל־ענטפער אויף דער יידנפראַגע. האָט מען געמעגט דערוואַרטן פון זיינע פירער, זיי זאָלן דערגאַנצן זייער פּראָגראַם מיט די צוויי אַנדערע נאַציאָנאַל־יידישע ענטפערס: מיט דעם סאָציאַליסטישן גלות־נאַציאָנאַליזם און דעם טעריטאָריאַליזם.

ליידער גייט דאָס איצטער להיפּך צו דער הערשנדיקער אידעאָלאָגיע פון דעם ציוניזם. דער ציוניזם האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט פון דעם קאַמף אַנטקעגן אַסימילאַציע, דער עיקר, דער שפּראַך־אַסימילאַציע אין די וואוין־לענדער.

שאַרף האָט דאָס אַרויסגעבראַכט דער פירער פון דער ארץ־ישראל־דיקער אַרבעטערשאַפט, בן גוריון, אין זיין רעדע אין דער גענעראַל־דע־באַטע אויפן 17טן ציוניסטישן קאָנגרעס פון דעם יאָר 1931. אין איר האָט ער דערקלערט, אַז „דער גורל פון דעם גלות״ איז „דער גורל פון דער אַסימילאַציע און פון דער אָפּשטאַרבונג אין קולטורעלער און פּסי־כישער באַציאונג״. (די רעדע פון חבר דוד בן גוריון איז אָפּגעדרוקט אין דעם „יידישן אַרבעטער״ פון דעם 14טן יולי 1931, ז׳ 9).

אויך די היגע „פּועלי־ציון־צעירי־ציון״ האָבן ניט פּראָטעסטירט אַנטקעגן אָט דעם כלומרשט היסטאָריש וויסנשאַפטלעכן הכשר וועלכן בן גוריון האָט געגעבן אויף דער אַסימילאַציע, אויף דער „קולטורעלער און פּסיכישער אָפּשטאַרבונג״ פון אונדזער פאָלק אין די איצטיקע וואוין־לענדער.

כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דער פיינטלעכער שטעלונג צו דעם גלות־נאַציאָנאַליזם איז אויך די רעזאָלוציע, וואָס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויף דער לעצטער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין וואַשינגטאָן.

פילע פון אייך מוזן נאָך געדענקען דעם קאַמף, וואָס מיר האָבן דאָ געפירט אין דער ערשטער קאָנגרעס־באַוועגונג אַנטקעגן היגע אַסימילאַ־

טאָרישע „יאַהודים״, וואָס האָבן האַרטנעקיק ניט געוואָלט אויפנעמען אונדזער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט פאַר די יידן אין די וואוין־לענדער. זיי זיינען געווען מרוצה, מען זאָל רעדן וועגן „גרופּן־רעכט״, וואָס ווער ווייס, וואָס דאָס איז אַזוינס, אַבי ניט „נאַציאָנאַלע רעכט״. די ציוניסטן האָבן דעמאָלט געקעמפט אין איינעם מיט די אידישע סאָציאַ־ליסטן־רעוואָלוציאָנערן פאַר דעם לאָזונג: „נאַציאָנאַלע רעכט״.

נו — ווי האַלט דאָס איצטער מיט אָט דער פאָדערונג? איצטער „נוזאַוואָן שאַנזשע טוס׳ליאַ״ — מיר האָבן דאָס איבערגעביטן. די אויבן דערמאָנטע ציוניסטישע קאָנפערענץ אין וואַשינגטאָן רעדט אין דער רע־זאָלוציע וועגן אונדזערע פאָדערונגען שוין ניט וועגן נאַציאָנאַלע רעכט, נאָר וועגן „גרופּן־רעכט״. ניט צו פאַרזינדיקן, אַ היפּש רעאַקציאָנערער שפּרונג צו דער יאַהודימשער פּאָזיציע פון 1918!

די איצטיקע ציוניסטישע באַוועגונג איז ניט דאָס, וואָס זי איז געווען אַמאָל, אין די צייטן פון דעם קאַטאָוויצער צונויפפאָר, אין 1888, ווען זי האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ קלאָרן איינזען די שעדלעכע ראָלע, וואָס דער אומגעלומפּערטער סאָציאַל־עקאָנאָמישער בנין אונדזערע שפּילט אין אונ־דזער ווירקלעכער לאַגע.

איצטער דערלויבט זיך אַ פירער פון די היגע „פּועלי־ציון־צעירי־ציון״, דער חבר חיים גרינבערג, צו קריטיקירן יענע געזונטע שטע־לונג פון דעם ציוניסטישן געדאַנק און צו רעהאַביליטירן מיט אַ היפּש־ביסל פּאָליטיקאָ־עקאָנאָמישער עם הארצות — די יידישע האַנדלערײַ, ווי אַ „פּראָדוקטיווע״ באַשעפטיקונג. לויט חבר גריבערגס סאָציאַל־עקאָ־נאָמיע קומט אויס, אַז האַנדלען מיט ווייץ איז פּונקט אַזוי „פּראָדוקטיוו״, ווי פּראָדוצירן ווייץ, און דער עיקר איז, אַז דערביי ווערט ווידער געמאַכט צו גאָרנישט דער איינציקער ראַדיקאַלער ענטפער אויף דער יידנפראַגע: די נויט אַרויסצושיידן זיך עקאָנאָמיש און קולטורעל פון דער ניט־יידי־שער וועלט, אָדער ווי איך רוף דאָס: די נויט אַרויסצוקריכן פון אונטער די רעדער פון דער געשיכטע.

מיט אָט דער בלינדקייט, מיט אָט דער מורא צו קוקן אויג אין אויג דעם ביטערן אמת וועגן די אמתע אורזאַכן, וואָס האַלטן אונדזער פאָלק אונטער יענע רעדער — מיט אָט דער בלינדקייט איז געשלאָגן ניט נאָר דער ציוניזם, נאָר אויך דער סאָציאַליסטישער גלות־נאַציאָנאַליזם אין זיין איצט־הערשנדיקער „בונדיסטישער״ געשטאַלט.

דער סאָציאַליסטישער גלות־נאַציאָנאַליזם, וואָס איז געבוירן אין דעם סוף אַכציקער יאָרן און וואָס איך האָב דאָס גליק אָדער דעם אומגליק

צו זיין זיין וואָרט־פירער ביז אויף דעם היינטיקן טאָג, איז געווען גע־בויט אויף אַן אָרגאַנישן סאָציאַל־עקאָנאָמישן יסוד. זיין לאָזונג איז געווען און איז: דער איבערבוי פון דער יידישער סאָציאַלער עקאָנאָמיע אויף די יסודות פון אַרבעט בכלל, פון ערד־אַרבעט בפרט. דאָס איז די קאָנ־סעקווענטע פאָדערונג אַרויסצוקריכן פון אונטער די רעדער פון דער געשיכטע, דער קאָנסעקווענטער זיך אַרויסשיידן פון דער ניט־יידישער וועלט סיי עקאָנאָמיש, סיי שפּראַכלעך און קולטורעל.

גאַנץ אַנדערש נעמט אָבער אויף דעם ענין די איצטער הערשנדיקע פאָרעם פון דעם גלות־נאַציאָנאַליזם, די „בונדיסטישע".

וואָס פאָדערט דער „בונד"? ווי וויל ער פאַרענטפערן די יידנפראַ־גע, וואָס ווערט טאָג־טעגלעך פאַרשאַרפט אין דער גאַנצער וועלט? דער „בונד" וויל נאָר אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלע יידישע אויטאָנאָמיע, בשום אופן ניט קיין פּאָליטישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע אויטאָנאָמיע, וואָס זאָל האָבן די קראַפט איבערצובויען אונדזער סאָציאַל־עקאָנאָמישן בנין און אויסגלייכן אים מיט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע בנינים פון יענע פעלקער, צווישן וועלכע מיר לעבן.

אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע איז זיכער אויך אַ נייטיקע זאַך. מיט דעם אויפבוי פון אַן אייגענעם שול־ און דערציאונגס־סיס־טעם, מיט דער אַנטוויקלונג פון אַן אייגענער קולטור אין יידיש ווערן געוויס פאַרשטאַרקט אונדזערע שאַנסן אין דעם קאַמף אַנטקעגן דער אַסי־מילאַציע, און ממילא קאָן דאָס אפשר אויך אָפּשוואַכן ביז אַ געוויסן גראַד דעם אַנטיסעמיטיזם — דער עיקר יענעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס שטאַמט פון דער דער יידישער קאָנקורענץ אויף די פעלדער פון דעם פרעמדן פאָלקס קולטור־שאַפונג: דעם אַנטיסעמיטיזם פון די ליבעראַלע פּראָ־פעסיעס — וואָס איז, אגב, דער געפערלעכסטער פון אַלע.

אָבער ווי אַזוי קאָן נאָר אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע זיין אַ ראַדיקאַלער הייל־מיטל אַנטקעגן דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס זיינע טיף־ליגנדיקע וואָרצלען ווערן געשפּייזט פון אונדזער פאַרהוּיקערטן סאָציאַל־עקאָנאָמישן בוי און פון דעם פאַקט, וואָס מיר זיינען אַ פאָלק, מיט וועלכן די געשיכטע פירט אירע חשבונות „פון פאָלק צו פאָלק"?

טראַכט זיך אַריין אַט אין וועלכער פראַגע: מיט וואָס קאָן זיך אָפּ־שיידן די בונדיסטישע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע פון יענער נאַ־ציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע, וואָס מיר האָבן געהאַט אין כמיעלניצקיס צייטן? האָבן מיר דעמאָלט ניט נאָך רייכער איידער איצטער געבויט אונדזער נאַציאָנאַל־יידישע קולטור אין אונדזערע חדרים, תלמוד תורהס,

ישיבות, בתי מדרשים און אין אין דער גאַנצער ליטעראַטור אונדזערער? האָט אָט די אַזוי רייך זיך פונאַנדערגעוואַקסענע קולטור, די יידישע, אין פוילן און אין דער אוקראַינע אונדז פאַרהיט דערפון, אַז די רעדער פון דער געשיכטע זאָלן זיך ניט קייקלען איבער אונדזערע לייבער, און ניט אַרויס־ברענגען יענע מאוימדיקע יסורים, פון דער אַזוי אָנגערופענער גזירת ת״ח ות״ט, וואָס נאָר די איצטיקע צייט לאָזט זיי הינטער זיך אין דער ווילד געוואָרענער אוממענטשלעכקייט? דער איינציקער אונטערשייד, וואָס מען קאָן דערבליקן אין די פאַרשיידענע נאַציאָנאַל קולטורעלע אויטאָנאָמיעס, קאָן באַשטיין נאָר דעריך, וואָס מיר פאָדערן, אַז אונדזערע מאָדערנע וועלטלעכע קולטור־אינסטיטוציעס זאָלן אויסגעהאַלטן ווערן פון דער רעגירונג. איז — ווי קאָן דאָס אויסוואַרצלען די סאָציאַל־עקאָנאָמישע וואָרצלען פון דעם איבער צוויי טויזנט יאָריקן קאָנפליקט אונדזערן מיט דער ניט־יידישער וועלט? יענער קאָנפליקט קאָן ניט אויסגעוואָרצלט ווערן מיט אַן אייגענער קולטור. און אין דער איצטיקער פאַזע פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, ווי מיר האָבן זי פריער גע־שילדערט, מוזן די רעדער פון דער געשיכטע גיין איבער אונדזערע לייבער און צעטרעטן אונדז, אויב דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער בנין אונ־דזערער, וואָס האַלט זיך דער עיקר אויף דעם האַנדל און די פּריווילע־גירטע שטאַטישע פּראָפעסיעס, זאָל ניט ראַדיקאַל איבערגעבויט ווערן.

עס איז אָבער מיט דעם „בונדיזם" פאַרגעקומען די זעלביקע, באמת שרעקלעכע זאַך, וואָס מיט דעם „ציוניזם". אין ביידע באַוועגונגען איז אויפגעוועקט געוואָרן דער חשק צו רעאַבּיליטירן די יידישע האַנדלעריי, צו דערקלערן זי פאַר אַ פּראָדוקטיווע באַשעפטיקונג. אויב אַזעלכע טענ־דענצן זיינען נאָך ווי עס איז פאַרשטענדלעך ביי די רעכטע פּועלי־ציון, וואָס האָבן זיך קיינמאָל ניט געבונדן מיט וועלכע עס איז מאַרקסיסטישע טעאָריעס, איז די רעאַבּיליטאַציע פון דער יידישער האַנדלעריי, ווי אַ כלומרשט פּראָדוקטיווע באַשעפטיקונג, אַן אמת סקאַנדאַליעזע דערשיי־נונג אין דער יידישער מאַרקסיסטיש־סאָציאַליסטישער וועלט.

סיי אין דעם צווייטן באַנד „קאַפּיטאַל", וואו מאַרקס האָט צו טאָן מיט דעם קאַפּיטאַליסטישן צירקולאַציע פּראָצעס, סיי אין דעם דריטן באַנד ווערט דורך אַ טיף וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז אַרויסגעבראַכט, אַז דער האַנדל קאָן ניט זיין קיין פּראָדוקטיווע באַשעפטיקונג אפילו אין דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. עס איז, ווי קאַרל מאַרקס וואָלט אין די זעכציקער יאָרן פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט האָבן געהאַט געגנבעט ביי דעם ניט לאַנג פאַרשטאָרבענעם באַנקיר, פעליקס וואַרבורג,

דעם פריער דערמאָנטן געדאַנק, אַז האַנדלען מיט ווייץ הייסט ניט פּראָדו־צירן ווייץ.

הייסט עס, אַז אויך אויף דעם „בונד" קאָן מען זיך ניט פאַרלאָזן, ער זאָל אין אונדזער צייט קאָנען רעדן אין דעם נאָמען פון דעם יידישן פאָלק און אַרויסטרעטן מיט אַ פּראָגראַם פון פאַרלאַנגען, וואָס זאָלן ראַדיקאַל פאַר־ענטפערן די יידנפראַגע און אַרויסשלעפן אונדזער אַלוועלטלעך פאָלק פון אונטער די רעדער פון דער געשיכטע.

אָבער וואָס איז מכּוח דער דריטער ריכטונג אין אונדזער פּראָגרע־סיוו־נאַציאָנאַלן געדאַנק, מיט דער טעריטאָריאַליסטישער? דער טערי־טאָריאַליזם האָט אין זיין פריערדיקער געשטאַלט אויך געהאַט אַ היפּש ביסל פעלערן, וואָס ניט דאָ איז דער אָרט צו פונאַנדערקלייבן זיך אין זיי. דאָ מוזן מיר נאָר אַרויסהייבן איין־איינציקן פעלער זיינעם, וואָס האָט דירעקט צו טאָן מיט אונדזער ענין.

עס איז אָן קיין ספק אַבסאָלוט אמת, אַז אויב מען וואָלט אונדז געגעבן אַ לאַנד פאַר אַלע יידן פון דער וועלט און אויב עס וואָלט מעגלעך געווען אַריבערצופירן אונדז אַלעמען אַהינצו אין אַ לפי ערך קורצער צייט –– ווי דאָס האָט מען אין דער לעצטער צייט אויך געפּרוּווט פּרוּווט מיט גרויס דערפאָלג אין דער טראַנסמיגראַציע פון די גריכישע פאָלקסמאַסן פון טערקיי קיין גריכנלאַנג — וואָלט דער טעריטאָריאַליזם געווען דער געזונטער ענטפער. גראָד ער וועלט דעמאָלט געקאָנט פאַר־ענטפערן ראַדיקאַל די יידנפראַגע, דורך דעם ראַדיקאַלן אַרויסשיידן זיך — עקאָנאָמיש און קולטורעל — פון דער ניט־יידישער וועלט.

אָבער פאַרלאָזן זיך דערויף וואָלט ווידער געהייסן בויען אויף די בעסט־מעגלעכע אומשטענדן און אויף די ליבעפולע סופּריזן מצד דער אַלוועלטלעכער געשיכטע.

דער פעלער פון דער אַלטער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט די צוויי אַנדערע ריכטונגען פון אונדזער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן געדאַנק, ניט מיט דעם ציוניזם, ניט מיט דעם גלות־נאַציאָנאַליזם.

עס איז אָבער ניטאָ קיין ברעקל גרונט אָנצונעמען, אַז דער טערי־טאָריאַליזם וועט אַראָפּשטופּן פון אונדזער געשיכטע־אָרענע די ציוניס־טישע אַרבעט, אָדער די גלות־ נאַציאָנאַליסטישע, וואָס זיינען ביידע אויס־געוואַקסן אין גאַנץ באַדייטנדיקע מאָסן פאַר דעם לעצטן פערטל־יאָר־הונדערט.

איז ווי זאָל זיין? — איך זע ניט קיין אַנדער אויסוועג, ווי נאָר אַז עס זאָל באַשאַפן ווערן אַ פאַראייניקונג פון אַט די דריי הויפּט־ריכטונגען און אַז זיי אַלע דריי זאָלן זיך אומקערן צו יענער לעבנס־נויט, וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט — דער נויט ראַדיקאַל אויסצואוואָרצלען דעם אַנטי־סעמיטיזם, דורך אָפּשאַפן דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן קאָנפליקט צווישן דער יידישער און דער ניט־יידישער וועלט.

צי וועלכע עס איז איין ריכטונג פון די דריי וועט אַריינעמען די אידעאַלן און גרונטשטרעבונגען פון די אַנדערע צוויי, צי אַלע דריי וועלן זיך צונויפגיסן אין איינעם, אָדער עס וועט אפשר ווערן נויטווענדיק אַרויס־צורופן אין לעבן אַ נייע פּאַרטיי, וואָס זאָל פאַראייניקן אין איר פּראָ־גראַם די דריי אידעאַלן, וועלכע ברענגען מיט זיך דעם ראַדיקאַלן ענט־פער אויף דער יידנפראַגע — דאָס וועט די צייט באַווייזן.

פאַר אונדז, דאָ, איז וויכטיק איינצוזען, אַז נאָר מיט אַזאַ פאַראייניקטן פּראָגראַם פון פאָדערונגען אָדער פאַרלאַנגען וועט האָבן אַ זין צו ווענדן זיך צו וועמען דאָס זאָל ניט זיין.

דערמיט גיי איך איבער צו זיי הויפּט־שטריכן פון דעם ווענדונגס־פּראָגראַם.

צו וועמען מען זאָל זיך ניט ווענדן מוז קודם כל אַרויסגעלאָזן ווערן אַ יידישער מאַניפעסט, וואָס איך וואָלט אים אָנגערופן אַ דעקלאַראַציע פון יידישער אומאָפּהענגיקייט („עי דעקלעריישען אָוו דזשואיש אינדע־פענדענס״).

אין אַט דעם מאַניפעסט דאַרפן קלאָר אַרויסגעבראַכט ווערן אַט וועלכע קאַרדינאַלע פונקטן:

ערשטנס, אַז די יידנפראַגע איז אַ נאַציאָנאַלע פראַגע, ווייל מיר, יידן, זיינען פונקט אַזאַ באַזונדער פאָלק אין דער מענטשהייט, ווי די ענגלענ־דער, די פראַנצויזן, ווי יעדעס אַנדער באַזונדער פאָלק.

צווייטנס: אַז די געשיכטע האָט אונדז אין די איצטיקע וואוין־לענדער פאַרמשפּט צו שטאָטישע פּראָפעסיעס, וואָס האָבן פאַרוואַנדלט אונדזער סאָציאַל־עקאָנאָמישן אָרגאַניזם דער עיקר אין אַן אַפּאַראַט פון אָדערן, נערוון און מאַרך, וואָס טויגן זיך זייער גוט פאַר האַנדל, אין שטאָטישע גייסטיקע פּראָפעסיעס — וואָס מוזן אָבער אַריינטרעטן אין סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישן אַנטאַגאָניזם מיט די אָדערן־נערוון־ און מאַרך־אַפּאַ־ראַטן פון די פעלקער צווישן וועלכע מיר וואוינען.

דריטנס, אַז פון דעם אַנטאַגאָניזם ליידן ביידע צדדים און אַז עס ליגט דעריבער אין די אינטערעסן פון ביידע צדדים, דער אַנטאַגאָניזם זאָל ראַדיקאַל אָפּגעשאַפט ווערן.

פערטנס, אַז די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע אָדערן, נערוון און מאַרך־אַפּאַראַטן זיינען ניט צונויפגעגאָסן אין איינעם, נאָר זיינען שטאַרק צו־נויפגעפלאָנטערט געוואָרן דורך אונדזער בשותּפותדיקן לעבן מיט דער ניט־יידישער באַפעלקערונג.

פינפטנס, פונאַנדערהאַקן מיט דער האַק די צונויפגעפלאָנטערטע סאָ־ציאַל־עקאָנאָמיע אָדערן־נערוון־ און מאַרך־אַפּאַראַטן, ווי דאָס טוען די אַנטיסעמיטישע רעגירונגען, דורך פאַרפאָלגונגען און עקאָנאָמישע דיס־קרימינאַציעס רופט זיך אָפּ זייער שעדלעך אויף ביידע צדדים. אָבער ניט נאָר אויף דעם שעדלעך־פונקט לייגן מיר די הויפּט־וואָג. מיר וועלן זיך לכתּחילה ניט ווענדן צו יענע, וואָס גלייבן אַז מיט דער האַק קען מען פאַרענטפערן נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן. מיר ווענדן זיך צו אַלע יענע, וואָס גלייבן, אַז אַלע פּראָבלעמען פון לעבן דאַרפן פאַרענטפערט ווערן אויף אַ מענטשלעכן וועג, לויט די געבאָטן פון דער אַלגעמיין־מענטש־לעכער מאָראַל. זייער אויפמערק ציען מיר צו דעם פאַקט, אַז ניט אין פונאַנדערהאַקן, נאָר אין פונאַנדערפּלאָנטערן די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזמען ליגט דער ריכטיקער וועג, ווי אַזוי צו באַפרייען זיך פון דעם איבער צוויי טויזנט יאָריקן אַנטאַגאָניזם.

זעקסטנס, אַז מיר פאַרלאַנגען דעריבער מען זאָל העלפן אויף דעם פרידלעכסטן אופן פונאַנדערפּלאָנטערן די צוויי צונויפגעפלאָנטערטע וועלטן און דאָס הייסט העלפן דעם יידישן פאָלק אַרויסצושיידן זיך עקאָ־נאָמיש, שפּראַכלעך און קולטורעל פון דער ניט־יידישער וועלט. מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס העלפן אונדז ווערן אַ זעלבסטשטענדיק און אומאָפּהענגיק פאָלק, אַ פּראָדוקטיוו פאָלק, ווי אַלע אַנדערע אַרבעטאַרישע פעלקער פון דער מענטשהייט.

אָט דאָס דאַרף זיין דער גרונט־טאָן און די באַרעכטיקונג פאַר אונ־דזערע פאַרשלאָגן פון אַ ריין פּראַקטישן כאַראַקטער. אָט די „דעקלערייי־שען אָוו דזשואיש אינדעפּענדענס" דאַרף זיין דער יסוד פון אונדזער פּראָגראַם און קיין פּראַקטישע פאָדערונג אָדער פאַרלאַנג טאָר ניט גיין קעגן אָט דעם יסוד.

צו ווּעמען אָבער זאָלן מיר זיך ווענדן מיט אונדזערע אַזוינע פאַר־לאַנגען? — דער וועלט־קריג וועט זיך דאָך ווען עס איז ענדיקן. מען

קאָן כמעט מיט פולער זיכערקייט אָננעמען, אַז עס וועט צונויפקומען אַ פרידנס־קאָנפערענץ. צו אָט דער קאָנפערענץ וועלן מיר זיך מוזן ווענדן אין דער ערשטער ליניע. אָבער נישט נאָר צו איר. מיין ענטפער אויף אָט דער שאלה איז, אַז ניט נאָר צו דער פרידנס־קאָנפערענץ, נאָר אויך צו דעם ווידער־אויפגעבויטן פעלקער־בונד, צו די איינצלנע רעגירונגען, וואָס קאָנען זיין פאַראינטערעסירט אין אַ ראַדיקאַלן און דער זעלבער צייט פרידלעך־מענטשלעכן ענטפער אויף דער יידנפראַגע, אויך צו די סאָציאַ־ליסטישע און דעמאָקראַטיש־ליבעראַלע פאַרטייען, ווי אויך צו אַלע פער־זאָנען, וואָס קאָנען האָבן אַ וואָג אין דעם עפנטלעכן לעבן.

אויף דעם סמך פון די גרונט־פרינציפּן, וואָס ווערן דערקלערט אין דער דעקלאַראַציע, קאָנען מיר פאָרשלאָגן דעם פרידנס־קאָנגרעס און אַלע אַנדערע אינסטאַנצן אָט וועלכע פּראַקטישע מיטלען, ווי אַזוי צו מאַכן אַ סוף צו דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן קאָנפליקט צווישן דער יידישער און דער ניט־יידישער וועלט.

מיר מוזן פאַרלאַנגען קודם כל עס זאָל באַשטימט ווערן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פאַר יידנפראַגע אין די איצטיקע וואוין־לענדער, אויך ארץ־ישראל ניט אויסגעשלאָסן.

אָט די קאָמיסיע זאָל בשום אופן ניט טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ „רעפיודזשי״־קאָמיסיע, ווי יענע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ אין עוויאַן, אַ רעפיודזשי־קאָמיסיע פאַר אַלע פעלקער־טיילן, וואָס נייטיקן זיך אין עמיגראַציע. וויל מען דערגרייכן אַ ראַדיקאַלן ענטפער אויף דער יידנפראַגע, מוז זי אַרויסגעשטעלט ווערן פון אַלע אַנדערע פראַגעס; אַרויסגעטיילט ווערן, ווי אַ באַזונדער נאַציאָנאַלע פראַגע פון דעם יידישן פאָלק.

געוויס, וועלן אונדזערע אַסימילאַטאָרן אָדער האַלב צי פערטל־אַסי־מילאַטאָרן אויפהייבן אַ געוואַלדיקן געשריי שוין פאַר דער פאָדערונג, די יידנפראַגע זאָל אויפגענומען ווערן ווי אַ ספּעציעלע נאַציאָנאַלע פראַגע.

אָבער דאָ וועט מען טאָקע מוזן שאַרף קעמפן קעגן אָט די אַלע גאַנץ־,האַלב־״, צי פערטל אַסימילאַטאָרן, אין דעם זיכערן באַוואוסטזיין, אַז ניט־יידישע פעלקער פון דער וועלט באַטראַכטן אונדז, יידן, ווי אַ באַזונדער פאָלק, בשום אופן ניט ווי קינדער פון אַ וועלכן עס איז אַנדער פאָלק. ממילא וועט זיי זיין גרינג איינצוזען, אַז די יידנפראַגע איז טאָקע ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַ ספּעציפישע נאַציאָנאַלע פראַגע.

וואָס זאָלן זיין די אויפגאַבעס פון דער נאַציאָנאַלער קאָמיסיע אויף צו פאַרענטפערן די יידנפראַגע?

סיי אין דעם מעמאָראַנדום, צי אפילו שוין אין דעם אַריינפֿיר מוז קלאָר אַרויסגעבראַכט ווערן דער געדאַנק, אַז דער ראַדיקאַלסטער ענט־פֿער אויף דער יידנפֿראַגע איז די עמיגראַציע אין אַן אייגן יידיש לאַנד, און אַז דער בעסטער פּלאַץ פֿאַר אַזאַ אייגן לאַנד אין ארץ־ישראל און די שכנישע ניט באַזעצטע לענדערייען.

פֿאַרוואָס באַטראַכטן מיר, אַז אַ לאַנד פֿאַר דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק דאַרף קודם כּל געזוכט ווערן אין דעם נאָענטן אַראַבישן מזרח? — ערשטנס, ווייל דאָרטן איז פֿאַראַן גענוג ניט באַזעצטע לענדערייען, וואָס קענען דינען אָט דעם צוועק. צווייטנס, ווייל אַ גרויסער טייל פֿון יענע לענדערייען, זיינען ניט פֿון נאַטור וויסט, נאָר זיינען פֿאַרוויסט געוואָרן, און עס איז גרינגער זיי ווידער אויפֿצובויען, איידער איינצובורעכן גאָר ווילדע לענדער. און דריטנס דאַרף מען ניט פֿאַרגעסן, אַז ארץ־ישראל און די שכנישע לענדער האָבן נאָך — און וועלן נאָך אפשר אַ לאַנגע צייט האָבן אַ ספּעציעלע מאַגנעטישע קראַפֿט אויף יידישע מוחות און הערצער און עס וואָלט באמת געווען איינער פֿון די העכסטע טריאומפֿן פֿון דער גערעכטיקייט אין דער מענטשלעכער געשיכטע ווען דאָס יידישע פֿאָלק וואָלט ווידער אויפֿגעריכט געוואָרן, ווי אַ פֿריי און זעלבסטשטענ־דיק פֿאָלק גראָד אין יענעם טייל פֿון אונדזער מוטער ערד, וואו מיר האָבן אַנטוויקלט די יסודות פֿון דער אינדיווידואַלער מאָראַל און פֿון דער סאָציאַלער עטיק, די אידעאַלן פֿון אַ ברידערלעכן לעבן צווישן מענטש און מענטש און ברידערלעכן לעבן צווישן פֿאָלק און פֿאָלק — יסודות וואָס האָבן ווייניקסטנס טעאָרעטיש איינגענומען די גאַנצע פּראָגרעסיווע מענטשלעכע וועלט.

אָבער מאַלע וואָס די העכערע גערעכטיקייט וואָלט געפֿאָדערט? יענע לענדערייען ליגן אין די הענט פֿון די אַראַבישע פֿעלקער, מוז מען אין דער ערשטער ליניע אויסגעפֿינען אויף קלאָר, ווי די אַראַבישע פֿעלקער שטעלן זיך צו אָט דעם געדאַנק. די קאָמיסיע וועט דעריבער מוזן אַריינ־שטעלן זיך צו דעם געדאַנק. די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע וועט דעריבער מוזן אַריינטרעטן אין פֿאַרהאַנדלונגען מיט רעגירונגען און די וואָרט־פֿירער פֿון איראַק, סיריע, עבר הירדן, אויך דעם אַזוי אָנגערופֿענעם נגב, און עגיפּטן (מכּוח דעם סיני האַלב־אינדזל), און אויסצוגעפֿינען אויף קלאָר, צי זיי זיינען וויליק אָפּצוטרעטן ניט באַזעצטע לענדערייען פֿאַר אַלע יידן, וואָס וועלן זיין געצוואונגען אָדער וויליק צו פֿאַרלאָזן זייערע איצטיקע וואוין־לענדער.

און דער עיקר — וויפל און וועלכע לענדערייען זיינען מרוצה אָפּ־צוטרעטן, און אונטער וועלכע באַדינגונגען?

עס מוז דאָך איין מאָל פאַר אַלע מאָל קלאָר ווערן פאַרן גאַנצן פאָלק אונדזערן, וואָס מיר קאָנען דערוואַרטן פון יענעם טייל מוטער ערד, דעם טייערסטן פאַר די הערצער פון דעם גרעסטן טייל פון דעם יידישן פאָלק.

ח׳ חיים גרינבערג האָט אַמאָל אין אַן עפנטלעכער דעבאַטע דער־קלערט, אַז אין ארץ־ישראל און די שכנישע לענדער קאָנען אַריינגיין אַזוי פיל, ווי צווישן צוויי מאָל הונדערט טויזנט און צוואַנציק מיליאָן.

נו — איך וועט מיר מודה זיין, אַז אָט דער אָפּשאַץ איז ניט גאָר קיין פינקטלעכער. אין וואַשינגטאָן איז אויף דער לעצטער ציוניסטישער קאָנפערענץ פאַרזיכערט געוואָרן, אַז שוין אין דעם איצטיקן ארץ־ישראל קאָנען באַזעצט ווערן זעקס מיליאָן. ווער האָט דאָס געחשבונט און ווי אַזוי איז דאָס אויסגערעכנט געוואָרן?

די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע, וואָס וועט דאַרפן זוכן אַ פּלאַץ פאַר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פון גאָר דער וועלט, וועט דורך די אונטער־רעדונגען מיט די אַראַבישע פעלקער און לויט די באַריכטן פון באַגלייבטע עקספערטן דאַרפן אויסגעפינען אויף זיכער און איין מאָל פאַר אַלע מאָל וואָס יידן קאָנען באַקומען אין יענע מקומות. נאַטירלעך מוז הערביי אַלע מאָל אויסגענומען ווערן דער תּנאַי, אַז פאַר די יידן וועט אויף די אָפּ־געטרעטענע לענדערייען פאַרזיכערט ווערן דאָס רעכט צו באַזעצן זיך אין קאָנצענטרירטע ישובים אויף אויטאָנאָמע יסודות.

דאָס אויסצוגעפינען אויף קלאָר, זיינען מיר שולדיק סיי דעם יידישן פאָלק, סיי דעם ציוניסטישן געדאַנק — זיי ביידע זאָלן האָבן צו טאָן מיט רעאַליטעטן און ניט מיט חלומות.

ליידער איז אָבער זייער שווער צו גלייבן, אַז די אַראַבישע וועלט וועט אונדז געבן פּלאַץ פאַרן גאַנצן פאָלק. מיר האָבן אַליין גענוג פאַר־דאַרבן אונדזערע באַציאונגען מיט די אַראַבער, מיר זאָלן קאָנען האָפן אויף גרויס־מוטיקע קאָנצעסיעס פון זייער זייט.

וועט דעריבער די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע זיך מוזן אין דער זעלביקער צייט ווענדן צו די קאָלאָניאַלע לענדער, ווי אויסטראַליע, אָפּ־ריקע, אַלאַסקאַ, קאַנאַדע, מעקסיקע, די דרום־אַמעריקאַנישע רעפּובליקן, און דער עיקר צו דער סאָוויעטישער רעפּובליק מיט דעם זעלבן אָנפרעג: ווער פון זיי איז גרייט צו געבן דעם יידישן פאָלק אַ לאַנד.

עס דאַרף ריכטיק פאַרשטאַנען ווערן, אַז אין די אונטערהאַנדלונגען, סיי מיט די אַראַבישע, סיי מיט די אַנדערע לענדער, פרעגט זיך דאָ ניט וועגן גלאַט אַ פרייער איינוואַנדערונג פון יידן. עס דאַרף געזאָגט ווערן קלאָרע דיבורים: מען פאַרלאַנגט פאַר די יידן אָדער אַ זעלבסטשטענדיקן שטאַט, אָדער אַ דאָמיניע, מיט דעם קלאָרן איינזען און אַבסאָלוטן הסכם, אַז דער אָפגעטראָטענער פלאַץ איז באַשטימט פאַר אַ יידיש פריי לאַנד.

וואָס הייסט אָבער אַ יידיש פריילאַנד? דאָס הייסט פּראַקטיש אין דער ערשטער ליניע, אַז אינעם לאַנד וועט יעדער ייד קאָנען אַריינפאָרן אָן אַ וויזע, ווי צו זיך אַהיים, אָבער יעדער ניט־ייד וועט מוזן האָבן אַ וויזע, די יידישע אויטאָנאָמיע וועט מוזן האָבן אַ רעכט פאַר אַ געוויסער צייט צו באַגרעניצן די עמיגראַציע פון די ניט־יידישע עלעמענטן. אָן אַט דעם רעכט קאָן זיך אויך אין אַ נייער יידישער טעריטאָריע אָפּשפּילן די זעלביקער מעשה, וואָס מיט די אַראַבער אין ארץ־ישראל.

יידן האָבן אויפגעעפנט נייע קוואַלן פון חיונה אין דעם לאַנד, האָבן אַריינגעוואַנדערט אַראַבער פון די שכנותדיקע לענדער, און זיי זיינען שוין געוואָרן אַ היפּשער שטער פאַר דעם אויסבוי פון דעם קליינעם ארץ־ישראל, ווי אַ יידיש לאַנד. מיט דער אַלט־איינגעזעסענער אַראַבישער באַפעלקערונג וואָלטן די יידן שוין ווי עס איז אויסגעקומען.

די ניט־יידישע פעלקער־טיילן, וואָס נייטיקן זיך אין עמיגראַציע, וועלן האָבן זייער „וואויאַנער" רעפּיודזשי קאָמיסיע. די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע פאַר דער יידנפראַגע מוז זיין פאַראינטערעסירט אין פאַרענטפערן די יידנפראַגע, ווי אַ נאַציאָנאַלע פראַגע, דורך דעם אויפבוי פון אַן אייגן יידיש לאַנד. קאָן דעריבער קיין רייד ניט זיין וועגן אַ פרייער ניט־יידישער עמיגראַציע אין דעם יידישן לאַנד, ביז דאָס יידיש לאַנד וועט ניט זיין אין גאַנצן אויסגעבויט און פאַרזיכערט ווערן.

אַ באַגרענעצונג פון דער ניט־יידישער עמיגראַציע אין דעם יידישן לאַנד פאַר אַ געוויסער צייט, וועט זיין אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט. פון דער אַנדער זייט וועלן אויך די בירגער פון דעם יידישן לאַנד ניט קאָנען אַריינפאָרן אין אַן אַנדער ניט־יידיש לאַנד אָן אַ וויזע.

דאָס איז אַ זייער וויכטיקער פּונקט. לאָמיר דעריבער רעדן קלאָרע דיבורים: קאַנאַדע האָט אַמאָל געעפנט אירע טויערן פאַר יענע יידן, וואָס קומען צו באַשעפטיקן זיך מיט ערד־אַרבעט. זיינען טאַקע געקומען אַ היפּש ביסל יידן, מיט דעם צוועק, צו באַזעצן זיך אויף דעם לאַנד. עס האָט אָבער גענומען לפי ערך ניט לאַנג, און אַט די אַלע אַגראַר־

קאָלאָניסטן האָבן פאַרלאָזן זייערע קאָלאָניעס און זיינען אַוועק אין די שטעט, צוליב האַנדל, אַסימילאַציע און ליבעראַלע פּראָפעסיעס.

זאָל, צום ביישפּיל, איראַק אונדז געבן אַ טייל פון זיין שטח פאַר אַ יידי־שער אַגראַרישער קאָלאָניזאַציע, אָבער אין די שטאַטס־רעכטלעכע גראַנ־טיעס פון אַן אייגענער אויטאָנאָמיע, וואָס קאָן באַגרענעצן די ניט־יידישע עמיגראַציע אַהין, און פון דער אַנדער זייט אין דעם רעכט פון דעם אַלגע־מיינעם שטאַט ניט אַריינצולאָזן קיין יידן פון דער אויטאָנאָמער געגנט אין אַ וויזע, וועט בלייבן די גרויסע געפאַר, אַז אין דער יידישער אויטאָ־נאָמער געגנט וועלן אַריינדרינגען אַראַבער, וועלכע די יידן וועלן עקס־פּלואַטירן, און אַז די רירעוודיקערע יידן וועלן פאַרלאָזן זייער יידיש לאַנד און אַריבערפּעקלען זיך אין די איראַקישע שטעט, אַרויסצוקאָנ־קורירן דאָרטן די אַראַבער פון זיין האַנדל און פון זייערע ליבעראַלע פּראָפעסיעס.

דאָס הייסט, אַז מיר וועלן ווידער האָבן פאַר זיך דעם זעלביקן אַלטן סאָציאַל־עקאָנאָמישן אַנטאַגאָניזם צווישן דער יידישער און ניט־יידישער וועלט, פון וועלכן מיר מוזן זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַפרייען.

דער אויסבוי פון אַ יידישן פרייער לאַנד דאַרף זיין פאַרבונדן מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלער גאַראַנטיע, אַז ניט־יידישע עמיגראַנטן זאָלן ניט מאַ־יאָריזירן די יידן, און אַז די יידן פון זייער זייט וועלן אין זייער מאַיאָ־ריטעט, בלייבן אין זייער לאַנד. דאָס רעגולירן אימיגראַציע און עמי־־גראַציע דורך דעם אינסטיטוט פון וויזעס, איז אָט די נייטיקע גאַראַנטיע.

די קעגנער פון דעם טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק שרעקן אונדז מיט די אומגעהויערע סומען, וואָס די קאָלאָניזאַציע פון אַ ווילדן אָדער וויסט געוואָרענעם לאַנד דאַרף אָפּקאָסטן, און מיט דער אומגעהויער לאַנגער צייט, וואָס עס דאַרף געדויערן דער אויפבוי פון אַ לאַנד.

דער פעלער פון אָט די שרעקונגען באַשטייט דערין, וואָס די קעג־נער רעכענען זיך מיט דער געוויינטלעכער קליין־קאָלאָניזאַציע פון איינ־צלנע פאַמיליעס. אַזאַ קליין־קאָלאָניזאַציע קאָסט טאַקע לפי ערך זייער טייער און מוז פאַרנעמען אַ גאַר לאַנגע צייט.

מען פאַרגעסט אָבער, אַז אין דער אמתן זיינען, לויט דער איצטיקער טעכניק, פאַראַנען מעגלעכקייטן, ווי אַזוי צו קאָלאָניזירן ווילדערנישן מיט די לפי ערך קלענסטע הוצאות און באַזעצן אַ לאַנד אין אַ לפי ערך זייער קליינער צייט. די מעגלעכקייטן ליגן אין אַ פּלאַנמעסיקער גרויס־קאָלאָ־ניזאַציע.

ביישפּילן פון פּלאַנמעסיקער קאָלאָניזאַציע, הגם ניט אין גאַר קאָלאָ־סאַלע מאַסשטאַבן, האָט די לעצטע צייט געגעבן אין פּול און פּיל. אין דער מדבר סאַהאַראַ, דעם טשעמפּיאָן, אַזוי צו זאָגן, פון אַ וויסטן לאַנד, פאַרוואַנדלען פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטן גרויסע וויסטע שטרעקעס אין קינסטלעכע אָאַזן, צוליב פּריוואַטע פּראָפּיטן פון אַגרי־קולטורעלע אונטערנעמונגען.

די איטאַליענישע רעגירונג האָט פאַרוואַנדלט גרויסע טיילן פון עטיאָ־פּישע, ליבישע און טריפּאָליטאַנישע וויסטענישן אין פּרוכטבאַרע גערט־נער און פעלדער. דאָס אייגענע קומט פאָר פאַר אונדזערע אויגן אין פּילע געגנטן אין ראַטנלאַנד, דער עיקר אין קאַווקאַז און סיביר.

מדבריות וואו אַ מענטשלעכער פוס איז נאָך ניט אַריינגעטראָטן, ווערן, ווי מיט אַ צויבער־שטעקל, פאַרוואַנדלט אין מענטשלעכע ישובים פאַר הונדערטער טויזנטער.

פּלאַנמעסיקע קאָלאָניזאַציע אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב באַצאָלט זיך און באַווייזט וואונדער וועגן וועלכע מען האָט ניט געקאָנט חלומען מיט אַ פּאָר דורות צוריק.

מיר דאַרפן פאַרלאַנגען, אַז די קאָלאָניזירונג פון דעם יידישן פריי־לאַנד זאָל פאָרקומען פּלאַנמעסיק און אין דעם מעגלעך גרעסטן מאַס־שטאַב. די ווילדערנישן וועט מען דאַרפן גרייט מאַכן פאַר אַ מענטשלעכן ישוב. דער בעסטער וועג דערצו איז , מען זאָל צוליב אָט דעם צוועק אָרגאַניזירן אַ פריוויליקע יידישע אַרבעטס־אַרמיי, דער עיקר, פון די אַר־בעטסלאָזע און די באַשעפטיקונגסלאָזע. אין דעם פאַר־היטלעריסטישן פוילן אַליין האָט מען גערעכנט אַ האַלבן מיליאָן אַרבעטס־פעאיקע יוגנט, וואָס וואָלט מיט דער גרעסטער פרייד אַריינגעטרעטן אין אַזאַ אַרמיי, בפרט, ווען מען זאָל זיי געבן אַ געוויסן געהאַלט און אַ פּרעפערענץ רעכט צו באַזעצן זיך דאָרטן ווי די קאָלאָניסטן.

עס מוז דאָ באַמערקט ווערן, אַז דער פּלאַנמעסיקער אויפבוי פון דעם לאַנד, ווי די אַנווענדונג פון פּלאַנמעסיקייט אין דער באַלעבאַטישקייט פון דעם לאַנד, וועט מוזן באַגרענעצט ווערן נאָר אויף דאָס לעבן פון דער אַגראַרישער באַפעלקערונג, ווי דער נויטווענדיקער באַזע פאַר דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן יידישן בנין. די דערפאַרונגען, וואָס מיר האָבן מיט לפי ערך ליידער זייער קליינמאַסיקער, ליליפּוטאַנער אַגראַר־קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל באַווייזן, אַז דער אָדער יענער טיפּ פון קאָאָפּעראַטיווע קבוצות זיינען איצטער די פּאַסיקסטע פאָרעם פאַר אַ פּראָדוקטיוון אַגראַ־רישן ישוב. נאָך פּראָדוקטיווער מוז ווערן דער אַגראַרישער ישוב, ווען די

קאָאָפּעראַטיוון זאָלן פאַרבונדן די אַגראַרישע טעטיקייט מיט אַ פּאַסיקער אינדוסטריע.

די ריין שטאַטישע באַשעפטיקונגען וועט מען אין אַ יידישן פּריילאַנד מוזן איבערלאָזן פאַר אַ גאַר לאַנגער צייט צו דער פרייער איניציאַטיוו פון די יידישע עמיגראַנטן. די אַנטוויקלונג פון דעם קאָאָפעראַטיוון פּריוואַטן צווישן זיי וועט זיין די אויפגאַבע פון די יידישע סאָציאַליסטן. אַזאַ אַנטוויקלונג וועט מוזן זיין אַ פרייע, זי וועט ניט קאָנען אַרויפגעצוואונגען ווערן אויף דער באַפעלקערונג.

די פרייהייט פון שטאַטישע באַשעפטיקונגען: אין האַנדל, פרייע פּראָפעסיעס, און אין אַ גרויסן טייל פון אינדוסטריע־אונטערנעמונגען, וועט דאָ מוזן דינען, ווי אַ צוצי־קראַפט פאַר דער יידישער עמיגראַציע.

די הוצאות פון אויספאַרשן ניט באַזעצטע לענדערייען, דאָס צוגרייטן זיי פאַר אַ חשוב מענטשלעכן ישוב, פאַר אויפהאַלטן אַן אַרבעטס־אַרמיי, אַזוי לאַנג ווי מען וועט זי דאַרפן, פאַר באַזאָרגן מיט קרעדיט די אַגראַרישע אָדער אַגראַר־אינדוסטריעלע דאָרפישע ישובים, דאָס אַלץ וועט זיכער מוזן איינשלונגען קאָלאָסאַלע סומען, וועלכע קאָנען מיט אַ גרעסערער אָדער קלענערער פּינקטלעכקייט אויסגערעכנט ווערן אין פאַראויס.

איז — וואו נעמען די דאָזיקע סומען? — אויב דער אויפבוי פון אַ יידישן פּריילאַנד זאָל געשען אויף אַ פינאַנציעל געזונטן יסוד — ווי, זאָגן מיר, די קאָלאָניזאַציע אין דער וויסטעניש סאַהאַראַ, האָט מען ניט וואָס צו זאָרגן וועגן די נייטיקע קאַפּיטאַלן.

מיר וועלן דאַרפן פאַרלאַנגען, די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע זאָל אַרויסלאָזן אַן אינטערנאַציאָנאַלע הלוואה אויף דער גאַנצער נייטיקער סומע, אַ הלוואה, וואָס זאָל באַצאָלט ווערן פון אַ טאַקסע, אַן אַרויפגעלייגטער אויף דער באַפעלקערונג פון דעם יידישן לאַנד.

דאָס אַלץ וועט געהערן צו די אויפגאַבן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע. די לעצטע באַשטימונג אָבער, וואוהין צו עמיגרירן, ווי אַן אייגן יידיש לאַנד, וועלכע ניט באַזעצטע לענדערייען אַנצונעמען דאַרף געמאַכט ווערן מיט דער צושטימונג פון דעם יידישן פאָלק.

ווי אַזוי זאָל אָט די צושטימונג אַרויסגעבראַכט ווערן? — איך זע ניט קיין אַנדער וועג, ווי נאָר דעם וועג פון אַ גייעם אַלוועלטלעכן יידישן קאָנגרעס.

גאַנץ גוט זיינען מיר באַקאַנט די זייער טרויעריקע דערפאַרונגען, וואָס מיר האָבן געהאַט מיט דעם אַזוי אָנגערופענעם אַלוועלטלעכן יידישן קאָנגרעס, ווי אויך מיט דעם אַזוי אָנגערופענעם אַמעריקאַנער יידישן

קאָנגרעס, וואָס פאַר אָט די אינסטיטוציעס האָבן פילע פון אונדז אַוועקגעלייגט אַזוי פיל ענערגיע. זיי ביידע זיינען לײדער געוואָרן, ווי איך האָב דאָס אָנגערופן, „האָלדינג קאָמפּאַניס" פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. און ווײלע די ציוניסטישע באַוועגונג נייטיקט זיך ניט אין זיי, איז זייער באַדייט און ווירקונג געוואָרן גלייך אַ קיילעכדיקער נול.

פאַרוואָס זיינען די ציוניסטן געוואָרן די באַלעבאַטים פון די קאָנגרעסן? זיינען דען די ציוניסטן די מאַיאָריטעט פון דעם יידישן פאָלק? — בשום אופן ניט! די ציוניסטן זיינען געוואָרן די באַלעבאַטים, ווייל די אַנדערע ריכטונגען האָבן באַיקאָטירט דעם יידישן קאָנגרעס און באַקעמפט די אידעע גופא פון אַן אַלוועלטלעכער, צי אַן אַל־לענדלעכער יידישער פאַרטרעטערשאַפט.

אָבער צייטן בייטן זיך. די מורא פאַר אַ כל־ישראל־שטאַנדפונקט פאַרשווינדט אַלץ מער און מער, אַפילו אין די ראַדיקאַלע אַרבעטער־ריכטונגען. דער קאָלאָסאַלער באַדייט פון אַ יידישן קאָנגרעס, וואָס וועט אין דער ערשטער ליניע דאַרפן באַשטימען דעם גורל פון מיליאָנען יידן, וועט צווינגען די קעגנער פון דעם קאָנגרעס אויסצואייננען זיך מיט אים, אויב זיי וועלן ניט וועלן פאַרלירן דעם לעצטן ביסל אָנהאַלט ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן.

און דערצו איז גאָר אַ גרויסער אונטערשייד, ווער עס רופט צו אַ דעמאָקראַטישן קאָנגרעס. אויב דאָס רופט נאָר איין פאַרטיי פון דעם יידישן פאָלק, קאָנען די אַנדערע פאַרטייען זיך פאַרגינען דעם פאַרגעניגן צו טאַנצן אַ פּרינציפּיעלן ברוגז־טאַנץ. ווען דער קאָנגרעס זאָל אָבער צונויפגערופן ווערן פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע, אַ באַשטימטער פון דער פרידנס־קאָנפערענץ, צי פון דעם ווידער אויפגעלעבטן פעלקער־בונד — אין אַזאַ קאָנגרעס וועלן יידן גיין.

עס וועט דעריבער אויך זיין אונדזער פאַרלאַנג, אַז אַזאַ דעמאָקראַטיש־יידישער קאָנגרעס זאָל צונויפגערופן ווערן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע אין איינעם מיט יענע פעלקער, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דער פאַרענטפערונג פון דער יידנפראַגע, ווי אַ נאַציאָנאַלע פראַגע.

צו די אויפגאַבן פון דעם יידישן קאָנגרעס וועט געהערן ניט נאָר דער באַשייד וועגן דעם יידישן פרייללאַנד. דער אויפבוי זיינער וועט זיכער פאַרנעמען אַ פּאָר דורות. און ניט אַלע יידן וועלן זיין מרוצה, צו פאַרלאָזן זייערע איצטיקע וואוין־לענדער.

די יידנפראַגע, ווי אַ נאַציאָנאַלע פראַגע וועט מוזן פאַרענטפערט ווערן אויך אין די וואוין־לענדער. דאָ וועט מוזן אָנהייבן ווירקן און לעבן דער

דריטער גרונט־פּרינציפּ פון אונדזער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער ריכטונג: דער אַזוי גערופענער גלות־נאַציאָנאַליסטישער.

עס איז קלאָר, אַז גראָד אין די וואוין־לענדער, אויף וויפל מיר האָבן דעם ווילן און די שאַנסן צו בלייבן וואוינען אין זיי, וועלן דאַרפן באַזונדערס שאַרף אַרויסגעהויבן ווערן די גרונט־געדאַנקען, וואָס מיט זיי דאַרף זיין דורכגעדרונגען אונדזער ווענדונג נאָך הילף צו דער ניט־יידישער וועלט: ערשטנס, דער געדאַנק, אַז מען מוז מאַכן אַ ראַדיקאַלן סוף צו דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן, שיר ניט אייביקן קאָנפליקט, וואָס הערשט צווישן דער יידישער און ניט־יידישער וועלט, און צווייטנס, אַז דאָס קאָן געשען נאָר דעמאָלט, ווען דאָס יידישע פאָלק, ווי אַ באַזונדער פאָלק, וועט זיך, ווי וויט מעגלעך, אַרויסשיידן פון דער ניט־יידישער וועלט, סיי עקאָנאָמיש, סיי שפּראַכלעך, סיי קולטורעל. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז אויך דאָ אין די יידישע וואוין־לענדער וועט דאַרפן דורכגעפירט ווערן אַ ראַדיקאַלער איבערבוי פון דעם יידישן סאָציאַל־עקאָנאָמישן בנין, אַן איבערבוי זיינער, דער עיקר אויף די יסודות פון פּראָדוקטיווער אַרבעט בכלל, פון ערד־אַרבעט בפרט.

אַזאַ גלות־נאַציאָנאַליזם האָט אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער און באַדייט, איידער דער דובנאָווישער אויטאָנאָמיזם, וואָס רעכנט זיך נאָר מיט דעם אויפבוי פון אַ ריין גייסטיקער יידישער קולטור. דאָס איז אויך ניט דער בונדיסטישער גלות־נאַציאָנאַליזם מיט זיין פאָדערונג פון אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, און — אין תוך — מיט דער נייטראַליסטישער שטעלונג צו דער עקזיסטענץ פון דעם יידישן פאָלק, ווי אַ באַזונדער פאָלק.

דאָס דאַרף זיין יענער ריין אַרבעטאַרישער, ריין עקאָנאָמיש פּראָדוקטיווער גלות־נאַציאָנאַליזם, פאַר וועלכן איך שטעל מיך איין זינט דעם יאָר 1885 — אַ גלות־נאַציאָנאַליזם, געבויט דער עיקר, אויף דער סאָציאַלער רעקאָנסטרוקציע פון דעם יידישן סאָציאַל־עקאָנאָמישן בנין אין די וואוין־לענדער.

כּדי צו העלפן אָט דער סאָציאַלער רעקאָנסטרוקציע מוז מען פאַרלאַנגען פון די נוגעדיקע רעגירונגען פרייע לאַנד אויף אַן אינעווייניקסטער קאָנצענטרירטער יידישער קאָלאָניזאַציע; אויב מעגלעך אויף איין אָרט, ווי דאָס האָט געטאָן דאָס ראַטנלאַנד מיט דער באַשטימונג פון בירא־בידזשאַן, ווי אַ יידישע אויטאָנאָמע געגנט. עס מוז אויך פאַרלאַנגט ווערן דאָס רעכט אויף אַרבעט אין אַלע שטאַטלעכע און מוניציפּאַלע אונטערנעמונגען לפּחות פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל פון דער יידישער באַ־

פעלקערונג. דער שטאַט וועט דאַרפן אויך גרינדן אויף זיין חשבון אַג־ראַרישע און טעכנישע לער־אַנשטאַלטן ספּעציעל פאַר יידן.

די הילף פאַר דעם יידישן איבערבוי טאָר אָבער ניט זיין פאַרבונדן מיט דער איינגרענעצונג פון דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. פאַר דער יידישער באַפעלקערונג דאַרפן פאַרזיכערט ווערן ניט נאָר די אַלגעמיין־מענטשלעכע, די בירגערלעכע און די פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר אויך די נאַציאָנאַלע רעכט: סיי אין די רעכט פון אַ נאַציאָנאַלער אויטאָ־נאָמיע אין געגנטן וואָס מען באַשטימט פאַר אַ יידישער קאָנצענטרירטער קאָלאָניזאַציע — סיי אין געגנטן, וואו די יידן קענען זיין נאָר אַ נאַציאָ־נאַלע מינאָריטעט. [אַז די פאַרזיכערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט — דער עיקר אויף דער אַנטוויקלונג פון דער אייגענער קולטור אין דער אייגענער שפּראַך איז ניט קיין אוטאָפּיע, באַווייזט די פּראַקטיק פון ראַטנלאַנד.] אין אַט די געגנטן דאַרפן די נאַציאָנאַלע יידישע רעכט זיין געבויט אויף די יסודות פון אַ פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

וואָס איז דאָס אַזוינס? יעדע אויטאָנאָמיע באַשטייט דערין, וואָס גע־וויסע פונקציעס פון דעם שטאַט ווערן איבערגעטראָגן אויף דער באַשטימ־טער נאַציאָנאַליטעט, צ״ב, די פונקציע פון דעם שטאַט צו זאָרגן פאַר דער אַלגעמיינער דערציאונג — די נאַציאָנאַלע זעלבסט־פאַרוואַלטונג אָדער אויטאָנאָמיע נעמט די פונקציע איבער פון דעם שטאַט און באַזאָרגט זי אַליין מיט די מיטלען פון דעם שטאַט און לויט די אַלגעמיינע שטאַטס־געזעצן וועגן דערציאונג.

נאַציאָנאַלע רעכט, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער אָרטיקער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, ווי צ״ב, אין בירא־בידזשאַן, צי אין ארץ־ישראל נעמען איבער אויף זיך כמעט אַלע פונקציעס פון דעם שטאַט, אין די גרענעצן פון די אַלגעמיינע שטאַטס־געזעצן.

אין די ערטער אָבער וואו עס וואוינען נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, וועל־כע זיינען ניט קאָנצענטרירט אַזוי, אַז זיי זאָלן קאָנען איבערנעמען די גאַנצע פאַרוואַלטונג פון אַ באַשטימטער געגנט, דאַרפן אַלע מינאָריטעטן פון איין־און־דעם זעלביקן פאָלק זיין פאַרבונדן אין איין פּערסאָנאַלן פאַר־באַנד, וואו יעדעס קינד פון דעם פאָלק איז אַ מיטגליד. זיי אַלע ווי צעשפּרייט זיי זאָלן ניט זיין איבערן לאַנד, קלייבן אויס אַ געמיינשאַפט־לעכן פאַרוואַלטונגס־אָרגאַן, אויף וועלכן דער שטאַט טראָגט אַריבער גע־וויסע טיילן פון זיינע פונקציעס. די פונקציעס ווערן דורכגעפירט לויט דעם ווילן און דעם איינזען פון דעם פאָלק, אָבער אין דער ראַם פון דער אַלגעמיינער געזעצגעבונג און אונטער דער קאָנטראָל פון דעם שטאַט.

יידן נייטיקן זיך אין אַזאַ אַלגעמיינער פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע. דער שטאַט ווערט דערפון ניט נאָר אַריבערגעטראָגן אויף איר געוויסע פונק־ציעס זיינע, נאָר אויך געבן איר אַ פּראָפּאָרציאָנעלן טייל פון דעם אַלגע־מיינעם בודזשעט, פאַר קולטורעלע און עקאָנאָמישע צוועקן, ווי אויך פאַר די צוועקן פון דער סאָציאַלער הילף.

די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג ווערט איצטער פאַרשוויגן כמעט פון אַלע יידישע פּובליציסטן, אייניקע פון זיי, ווי צ״ב דער רעדאַקטאָר פון דעם „אידישן קעמפער“, חיים גרינבערג, האָט אויך, געדענקט זיך, אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז — וואָס מיינען מיר אין דער אמתן? אין אַ סך שטאַטן שטייען אין סכנה אונדזערע מענטשלעכע, אונדזערע בירגערלעכע רעכט. הלוואַי קאָנען מיר נאָר זיי פאַרזיכערן. זאָלן מיר קומען נאָך מיט נייע פאָדערונגען? הייסט עס, בירגערלעכע רעכט זיינען פאַר אונדז וויניק. ניין! גיט אונדז נאָך, נאַציאָנאַלע רעכט! אָט אַזוי חוזקט מען איצטער אויס דעם געדאַנק, וואָס האָט באַגייסטערט אַזוי פיל דורות!

איך ווייס באמת ניט, צי אָט די פּובליציסטן אונדזערע — דאָס רוב פון דעם אַסימילאַטאָרישן און דעם ציוניסטישן לאַגער — זיינען טאַקע אַזוי נאַאיוו, אָדער זיי מאַכן זיך נאַאיוו, כדי צו שפּילן אויף דער נאַאי־וויטעט פון די פּאָליטיש וויניק־אַנטוויקלטע יידישע מאַסן.

זעט מען דען ניט איין, אַז די רעגירונגען פון די איצטיקע קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער — דער עיקר אין אייראָפּע — וואָלטן אונדז געגעבן בכבוד גדול מענטשלעכע נאַציאָנאַלע רעכט, וואָס זאָלן אונדז אין גאַנצן אַרויסשיידן פון דער ניט־יידישער וועלט און אויף אַזאַן אופן באַפרייען זי אין גאַנצן פון אונדזער קאָנקורענץ אויף דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן פעלד.

אין דער ווירקלעכקייט וועלן מיר מוזן אויסשטיין אַ שאַרפערן קאַמף פאַר בירגערלעכע רעכט, ד״ה, פאַר זייער פּאַקטישער דורכפירונג אין לעבן און אויך פאַר די רעכט אויף אַרבעט אין אַלע שטאַטלעכע און מוניציפּאַלע אונטערנעמונגען, איידער פאַר די רעכט, זאָגן מיר, צו האָבן אייגענע אוניווערסיטעטן אין דער אייגענער שפּראַך.

איך וואָלט פאַרשטאַנען אונדזערע פּובליציסטן, ווען זיי וואָלטן גע־טענהט: לאָמיר ניט פאָדערן קיין נאַציאָנאַלע רעכט, ווייל ס׳איז באמת דאָ אַ געפאַר, אַז מען וועט זיי אונדז יאָ געבן, נאָר אויף דעם חשבון פון אַ סך בירגערלעכע רעכט. און פאַר אונדז, הייסט עס, דאַרפן די בירגער־לעכע רעכט אויף אַ פרייער קאָנקורענץ מיט אונדזערע ניט־יידישע שכנים

אויף די פעלדער פון האַנדל און ליבעראַלע פּראָפעסיעס זיין אַ סך טייערער, איידער אַן אייגענע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ און אַן אייגענע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג.

אַזעלכע רייד וואָלטן געווען פאַרשטענדלעך און דער עיקר — זייער ערלעכע רייד.

די מעשה אָבער איז, אַז די פאָדערונגען פון נאַציאָנאַלע רעכט שוואַכט ניט אָפּ די שאַנסן פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער און בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר אַדרבה, זי פאַרשטאַרקט זי.

זי פאַרשטאַרקט זי גראָד דערמיט, וואָס אין איר ווערט, לויט איר אינעווייניקסטן לאָגישן אינהאַלט, קלאָר אַרויסגעזאָגט, אַז מיר זיינען אַ באַזונדער פאָלק און אַז עס איז אַ יושר, דער חשבון מיט אונדז זאָל גע־פירט ווערן אויך פון פאָלק צו פאָלק און ניט נאָר פון מענטש צו מענטש.

און נאָך מער וועט די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט פאַרשטאַרקן אונדזערע פאָדערונגען פון אַלגעמיין־מענטשלעכער און בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג, ווען מיר וועלן לכתחילה אַרויס מיט דער קלאָרסטער דערקלערונג, אַז צוליב אונדזערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן זיינען מיר גרייט צו פאַרלאָזן די קאָנקורענץ־פעלדער פון האַנדל און פּראָפעסיעס אויב מען וועט אונדז העלפן אויסצובויען אַן אייגענעם אומאָפּהענגיקן יידישן סאָציאַל־עקאָנאָמישן בנין אויף די יסודות פון אַרבעט בכלל און ערד־אַרבעט בפרט.

גראָד דאָ אויף דעם פעלד פון דעם גלות־נאַציאָנאַליזם ווערט קלאָר די וויכטיקייט פון אַן אַלוועלטלעכן יידישן קאָנגרעס ניט נאָר פאַר די באַשטימונגען וועגן אַן אייגענעם יידישן לאַנד, נאָר אויך פאַר די יידישע אינטערעסן, ווי פון מינאָריטעטן אין די וואוין־לענדער.

אַזאַ דעמאָקראַטיש־יידישער קאָנגרעס, אַ צונויפגערופענער פון דער פרידנס־קאָנפערענץ אָדער פון דעם פעלקער־בונד, וועט זיין אַן אינטער־נאַציאָנאַל אָנערקענטע פאַרטרעטערשאַפט פון דעם יידישן פאָלק, ווי אַ פאָלק אין דער משפחה פון דער מענטשהייט. ער וועט דאַרפן שטיין אויף דער וואַך, אַז די מענטשלעכע, פּאָליטישע און בירגערלעכע גלייכבאַרעכ־טיקונג פון די יידישע מינאָריטעטן, ווי אויך זייערע נאַציאָנאַלע רעכט, זאָלן ניט בלייבן אויפן פּאַפּיר פון די פאַרשיידענע נייע אָדער באַנייטע קאָנסטיטוציעס, נאָר זאָלן דורכגעפירט ווערן פול און גאַנץ אין דעם לעבן גופא אין די אינטערעסן סיי פון דער יידישער סיי פון דער ניט־יידישער באַפעלקערונג.

דער דעמאָקראַטיש אויסגעוויילטער און אינטערנאַציאָנאַל אָנדערקענ־טער אַלוועלטלעכער יידישער קאָנגרעס וועט מוזן בלייבן אַ פּערמאַנענטע

אינסטיטוציע. זי וועט מוזן האָבן אירע פאָרשטייער, ד״ה, פאָרטרעטער פון דעם יידישן פאָלק, ווי אַ פאָלק — אין דעם קומענדיקן פעלקער־בונד. און וועט מוזן האָבן אויך דאָס אָפיציעל אָנדערקענטע רעכט צו פירן פאַרהאַנד־לונגען מיט די פאַרשיידענע רעגירונגען אין די אינטערעסן פון די יידישע מינאָריטעטן — פאַרהאַנדלונגען, וואָס זאָלן ניט טראָגן אַ ריין פריוואַטן ראַקטער, נאָר זאָלן אָנדערקענט ווערן ווי אָפיציעלע פאַרהאַנדלונגען פון פאָלק צו פאָלק.

מיר האָבן ביז אַהער אַרומגערעדט די גאָר וויכטיקסטע פונקטן — דעם פּראָגראַם פון אונדזערע פאָרלאַנגען פון דער גאַנצער ניט־יידישער וועלט, סיי בנוגע ארץ־ישראל, סיי בנוגע אַ יידישער טעריטאָריע — צי יידישע טעריטאָריעס ערגעץ אַנדערשוואו — סיי בנוגע אונדזער לעבן און אונדזער רעכט, ווי נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, און די יידישע וואוין־לענדער.

די אַלע פאָרשלאָגן האָבן נאָר איין ציל אין זינען — אָפּצושוואַכן דעם אַנטאַגאָניזם, וואָס הערשט צווישן אונדז און דער ניט־יידישער וועלט, און צו פאַרזיכערן פאַר אונדז די מעגלעכקייט פון אַן אייגענער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און אַ פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג.

מיר האָבן אויך אָנגעמערקט, צו וועמען מיר זאָלן זיך ווענדן מיט דעם פּראָגראַם און מיט דער פולער באַגרינדונג פון אונדזערע פאָרלאַנגען. נאָך אַמאָל: אונדזערע אַדרעסאַטן דאַרפן זיין ניט נאָר דער פרידנס־טיש, נאָר אויך דער ווידעראויפגעלעבטער פעלקער־בונד, די פאַרשיידענע רע־גירונגען, פּראָגרעסיווע פּאָליטישע פּאַרטייען, סאָציאַליסטישע און אַרבע־טער־אָרגאַניזאַציעס פון דער וועלט, און פּראָמינענטע רעכט־דענקענדיקע פּערזאָנען. די גאַנצע ניט־יידישע וועלט, אויף וויפל זי קאָן דערגרייכט ווערן דורך דער עפנטלעכקייט, דאַרף געוואונען ווערן דורך דער עפנטלעכקייט, דאַרף געוואונען ווערן פאַר אונדזערע גערעכטע פאָרלאַנגען, די אַלע פאָרלאַנגען האָבן נאָר אַט די צוויי צילן: אָפּצושאַפן דעם אַנטאַגאָניזם צווישן אונדז און דער ניט־יידישער וועלט און צו פאַרזיכערן פאַר אונדז די מעגלעכקייט פון אַן אייגענער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ אין אַ פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. פאַר אַט די גערעכטע פאָרלאַנגען אונדזערע דאַרף געוואונען ווערן די גאַנצע ניט־יידישע וועלט, אויף וויפל זי קאָן דערגרייכט ווערן דורך דער עפנטלעכקייט. לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז אַט די פאָרלאַנגען, ווי מיר האָבן זיי דאָ אָנגעמערקט, ליגן ניט נאָר אין די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דעם יידישן פאָלק, נאָר אויך אין די טאָג־טעגלעכע אינטערעסן פון די ניט־יידישע פעלקער, צווישן וועלכע מיר וואוינען.

גראַד אַט דער אומשטאַנד באַשאַפט פאַר אונדזער פּראָגראַם די בעסטע שאַנסן, ער זאָל אָנגענומען ווערן פון דער פאַראינטערעסירטער ניט־יידישער וועלט.

און דאַרף מען נאָך פאַרלירן אַ וואָרט, כּדי צו באַווייזן, אַז אַט די פאָדערונגען פאַרקערפּערן אין זיך דעם העכסטן צווישנפעלקערלעכן יושר אין אונדזערע חשבונות מיט די ניט־יידישע פעלקער, וואָס דאַרפן געפירט ווערן דער עיקר, ווי פון פאָלק צו פאָלק? אין דער ווירקלעכקייט ווערן אַט די חשבונות סיי ווי געפירט ווי פון פאָלק צו פאָלק. ליידער ווערן דערביי צו אָפט פאַרגעסן, צו אָפט געטראָטן מיט די פיס, די חשבונות פון מענטש צו מענטש און פון בירגער צו בירגער. אָבער די חובות, וואָס אונדז קומען, לויט אַט די חשבונות — דער אַבסאָלוטער שוץ פון אונדזערע לעבנס, פון אונדזער האָב־און־גוטס, אונדזער אַבסאָלוטע גלייכבאַרעכטיקונג ווי בירגער פון אַ שטאַט — אויך אַט די חובות, זאָג איך, וועלן מיר קאָנען אויפמאָנען ערשט דעמאָלט, ווען מיר וועלן זיי אַוועקשטעלן אין דעם ליכט פון די חשבונות צווישן פאָלק און פאָלק און וועלן אָנווענדן אַלע אונדזערע כּוחות, כּדי אָפּצושאַפן דעם פּאָטאָלן סאָציאַל־עקאָנאָמישן קאָנפליקט, וואָס האָט זיי — אַט יענע חשבונות — באַהערשט ביז אַהער.

פאַר די צילן פון מיין היינטיקער לעקציע בלייבט נאָך צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער פראַגע: ווער זאָל זיך ווענדן צו דער ניט־יידישער וועלט, צו די אויבן אָנגעמערקטע אינסטאַנצן אירע מיט דעם אָנגעמערקטן פּראָגראַם פון יידישער באַפרייאונג און יידישער אומאָפּהענגיקייט. איך מוז מיך מודה זיין, אַז איך האָב ניט קיין ברעקל צוטרוי צו יענע פּאַרטייען, וואָס פירן איצטער די גרענדע אויף דער יידישער גאַס.

אַ נייע אָרגאַניזאַציע מוז באַשאַפן ווערן, וואָס וועט מוזן גיין אויף אַ גאַנץ נייעם וועג. קודם כּל וועט זי דאַרפן נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן אַט די אידעען סיי אין דער יידישער און סיי אין דער ניט־יידישער וועלט. און ערשט דערנאָך וועט דאַרפן קומען די הויפּט זאַך, צו קלייבן פּעטיציעס צו דעם פרידנס־טיש, סיי פון די מאַסן, סיי פון די חשובע פּערזאָנען אין דער עפנטלעכקייט — דער עיקר אָבער פון די גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע.

די פאַרלאַנגען וועלן דעמאָלט פאַרגעשלאָגן ווערן ניט אין דעם נאָמען פון אַן אָרגאַניזאַציע אָדער פאַרטיי, אויך ניט אין דעם נאָמען פון אַ פאַר־

איינציקונג פֿון פּאַרטייען, נאָר אין דעם נאָמען פֿון פּעטיציאָנערן — הלוואַי פון מיליאָנען — ד"ה, אין דעם נאָמען פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

פּאַראַלעל מיט אַט דער יידישער פּעטיציע וועלן אָבער דאַרפן געקליבן ווערן ניט־יידישע אונטערשריפטן, ווידער אַמאָל סיי פון די אָרגאַניזירטע ניט־יידישע אַרבעטער, סיי פון די חשובע פּערזענלעכקייטן אין דער ניט־יידישער עפנטלעכקייט. אַט די אונטערשריפטן, אויך הלוואַי אין מיליאָנען, וועלן דאַרפן אונטערשטיצן די פאַרלאַנגען פון די יידישע פּעטיציאָנערן.

אַ פֿאָלקס־פּעטיציע צוליב דער דורכפֿירונג פֿון אונדזער יידישער באַפרייאונג — אַ פאָלקס־פעטיציע, וואָס זאָל גיין, אויב נייטיק, איבער די קעפּ, פון די איצטיקע יידישע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס — דאָס איז איצטער דער איינציקער וועג צו אונדזער רעטונג.

נאָר אַ פֿאָלקס־פּעטיציע מיט דעם אָנגעגעבענעם פּראָגראַם וועט קאָנען אַרויסשלעפּן אונדזער פאָלק פון אונטער די רעדער פון דער געשיכטע, וואָס גייען איבער אונדזערע לייבער; וועט קאָנען אונדז אַרויפֿזעצן אויף דעם וואָגן פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער אַנטוויקלונג — אַרויפזעצן ווי אַן אַרבעטאַריש פֿאָלק, אַ גלייכבאַרעכטיקט מיט אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט, ווי אַ חשובן ברודער אין דער פעלקער־משפּחה פון דער מענטשהייט.

דעם 24סטן מאַרץ, 1941.

אונדזערע נעאָ־קלעריקאַלן

1

אַמאָל פלעגט ביי אונדז זיין אַזוי: ווי נאָר עס פלעגט זיך באַווייזן אַ יידישער יום־טוב, פלעגט אונדזער ראַדיקאַלער לאַגער אויפהייבן אַ געררודער און אַנשטעלן אַלע זיינע האַרמאַטן אויף די פעסטונגען פון דעם רעליגיעזן גלויבן בכלל און אויף די יסודות פון דער יידישער אמונה בפרט.

איצטער, בעוונותינו הרבים, האָט זיך דאָס בילד כמעט אין גאַנצן איבערגעביטן. ווי נאָר עס באַווייזט זיך אַ יידישער יום־טוב, שלאָגן דעם גערודער יענע ראַדיקאַלן אונדזערע, וואָס זיינען געוואָרן קלעריקאַל. און מיט זייערע כלי־זיין פאַלן זיי אָן אויף איינער פון די גרעסטע דער־גרייכונגען, וואָס דער פּראָגרעסיווער געדאַנק האָט ביי אונדז אויסגע־קעמפט: אויף דעם ריין וועלטלעכן יסוד פון אונדזער נאַציאָנאַלער עק־זיסטענץ, אין דעם עבר, דער קעגנוואַרט און דער צוקונפט.

אויך דער איצטיקער יום־טוב חנוכה איז אַריבער ניט אָן אַ קאַנאָ־נאַדע מצד אונדזערע נייע ראַדיקאַלע קלעריקאַלן — אַ קאַנאָנאַדע אַלץ טאַקע אויף די פעסטונגען פון דער וועלטלעכקייט.

פאַר וואָס רוף איך זיי קלעריקאַלן? ווייל ביי אַלע פעלקער פון דער וועלט וואָס האָבן אַ קלעריקאַלע ריכטונג באַשטייט דער הויפּט געדאַנק אירער אין דער פאָדערונג, אַז דער רעליגיעזער גלויבן דאַרף זיין דער יסוד פון דעם עפנטלעכן לעבן. די הערשנדיקע „אייגענע" רעליגיע ווערט דערביי דער באַלעבאָס. די פרעמדע רעליגיעס ווערן העכסטנס טאָלערירט.

ביי אונדז דריקט זיך דער קלעריקאַליזם אויס אין דער גרונט־פאָ־דערונג, אַז די יידישע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ זאָל זיין פאַרבונדן, ניט אָפּצערייסן, פון דער יידישער אמונה. דער פועל־יוצא פון אַזאַ פאָדערונג איז, אַז ווער עס גלייבט ניט אין דער יידישער אמונה קאָן ניט געהערן צו דעם יידישן פאָלק און מוז אַרויסגעוואָרפן ווערן פון אים.

עס איז גענוג נאָר קלאָר איינצוזען אָט דעם נייטיקן פועל־יוצא, כדי צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ נגע צרעת דער קלעריקאַליזם איז און פאַר וואָס

דער פּראָגרעסיווער געדאַנק מוז פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף אַנטקעגן אים; אין וואָסערע פאָרמען דער קלעריקאַליזם זאָל זיך ניט איינקליידן, און מיט וועלכע ראַדיקאַלע פראַזן ער זאָל זיך ניט באַפּוצן.

דער קאַמף גייט אום דאָס אַבסאָלוטע רעכט פון יעדן יידישן יחיד, צו דענקען און זיך אויפצופירן, לויט זיין אייגענעם שׂכל און יושר; צו פּראָפּאַגאַנדירן זיינע אידעען און אידעאַלן אין דעם פאָלק; צו שטרעבן, אַז זיינע אידעען און אידעאַלן זאָלן אויף אַ ריין פרייהייטלעכן וועג און אויף שטרענג פרייהייטלעכע יסודות פאַרווירקלעכט ווערן אין דעם פאָלקס־לעבן.

וואָס מיין איך מיט די ווערטער „שטרענג פרייהייטלעכע יסודות״? — איך מיין דערמיט ניט קיין אַנדער זאַך ווי נאָר, אַז אין די יסודות פון דעם פאָלקס־לעבן זאָל תּמיד הערשן דער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו פון אַבסאָלוטער פרייהייט פאַר אַלע מיינונגען, גלייבונגען, אידעאַלן, ווי אויך די אָדער אַנדערע רעליגיעזע מנהגים און „שטייגערס״. קיין ייד טאָר פון קיין יידן ניט פאָדערן אַ וועלכע עס איז דאָגמע, ווי אַ באַדינג פאַר זיין אַ ייד. זיין אַ ייד איז דער טייטש — זיך באַטראַכטן, ווי אַ קינד פון דעם יידישן פאָלק. און אויב אַלע אַנדערע ניט־יידישע מענטשן באַטראַכטן איינעם פאַר אַ קינד פון דעם יידישן פאָלק און ער אַליין איז מסכּים מיט אַזאַ בליק, דאַרפן אויך די יידן אַריינעמען אים, אַדאָפּטירן אים, ווי אַ יידיש קינד.

הכּלל, אַ ייד איז — אַ „יידיש קינד״ און נאַציאָנאַל ניט קיין אַנדער זאַך אין דער וועלט.

דאָס איז דער יסוד פון וועלטלעכקייט. וועלטלעכקייט פּראָקלאַמירט, אַז עס זיינען ניטאָ קיין פאַרבאָטענע וועגן פאַר דעם יידישן געדאַנק און ניטאָ קיין נאַציאָנאַל־אָבליגאַטאָרישע פאָרשריפטן, ווי אַזוי אַ יידיש קינד זאָל זיך אויסלעבן רעליגיעז אָדער אַנטי־רעליגיעז.

וועלטלעכקייט איז פרייהייט. קלעריקאַליזם איז צוואַנג. ביי אונדז, יידן — נאָר גייסטיקער צוואַנג, ווייל מיר קאָנען קיינעם ניט „שטעלן צום ווענטל״. גראָד אין דעם קאָנפליקט פון „וועלטלעכקייט״ און „קלעריקאַליזם״ קאָן ניט זיין קיין קאָמפּראָמיס צווישן פרייהייט און צוואַנג. דער קאַמף אַנטקעגן אונדזער נעאָ־קלעריקאַליזם, וואָס פּוצט זיך מיט ראַדיקאַלע פעדערן, מוז אויפגעהויבן ווערן פון דאָס ניי, ווייל עס שלאָגט שוין אין דער אמתן צו דער גאַל פון די האַלב משוגענע פראַזן, מיט וועלכע ער פּאַראַדירט פון צייט צו צייט.

און ווער גיט די נעאָ־ראַדיקאַלן דאָס רעכט אויסצוטראַכטן, אַז וועלט־לעכקייט איז דער היפוך פֿון דעם רעליגיעזן גלויבן? אַז צווישן רעליגיע און וועלטלעכקייט שטייט אַ וועלכע עס איז „מחיצה"? אויב וועלטלעכקייט איז דער טייטש: „ניטאָ קיין פֿאַרבאָטענע וועגן", זיינען דאָך אויך די רעליגיעזע וועגן בשום אופֿן ניט פֿאַרווערט.

וועלטלעכקייט איז ניט דער קעגנזאַץ פֿון רעליגיעזן גלויבן און רע־ליגיעזן לעבן. וועלטלעכקייט איז דער קעגנזאַץ פֿון קלעריקאַליזם, פֿון פּאַקטישן אָדער גייסטיקן צוואַנג.

און די נאַרישע — נעמט ניט פֿאַר אומגוט — „חקירות", צי מעג אַ ראַדיקאַלער רעליגיעז־אומגלייביקער ייד בענטשן חנוכּה־ליכט, אָדער פֿאַסטן אום יום־כּיפּור! וואו האָבן רעליגיעז אומגלייביקע, ראַדיקאַל־דענקענדיקע מענטשן אַ וועלכן עס איז שולחן־ערוך צו באַשטימען, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט טאָן — אַ חוץ, נאַטירלעך, די ריין מאָראַלישע געבאָטן און פֿאַרבאָטן?

דעם שרייבער פֿון די דאָזיקע שורות וואַרפֿט מען אָפּט פֿאָר, אַז ער געהערט צו די פֿאַרקעמפֿער פֿון דער וועלטלעכקייט אין אונדזער עפֿנטלעכן לעבן. יאָ, איך געהער צו זיי, אָבער פֿאַרוואָס פֿאַרשוויַיגט מען מיין גרעסערע אַרבעט: „די נאַציאָנאַל־פּאָעטישע ווידערגעבורט פֿון דער יידישער רע־ליגיע", פֿון מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק, וואָס איז שוין אַזוי פֿיל מאָל איבער־געדרוקט געוואָרן? דאָרטן איז בפֿירוש פֿאַרלאַנגט געוואָרן, מיר, די ראַדי־קאַלן, זאָלן אויפֿנעמען אַלע הייליקייטן פֿון דעם יידישן פֿאָלק, וואָס גייען ניט להיפּוך צו דעם אַלגעמיין מענטשלעכן שכל און דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן יושר.

זאָל דאָס אַלץ זיין אַ נייעס אין אונדזער ראַדיקאַלן לאַגער, אַז מען מעג יום־טובֿן אַלע אונדזערע הייליקע טעג — און דער עיקר שבת?

אסור, אויב איך האָב מיר פֿאָרגעשטעלט, אַז אונדזער ראַדיקאַלע וועלט זאָל האָבן אַזאַ קורצן זכּרון!

דאָס איז — אַ ביסל אויף דעם אַדרעס פֿון אונדזערע ראַדיקאַלן. קומען מיר צוריק צו אונדזערע נעאָ־ראַדיקאַלן!

ווען איך לייען זייערע שריפֿטן, קאָן איך ניט פֿאַרטרייבן דעם איינ־דרוק, אַז דער נאַציאָנאַלער עלעמענט אין זייער וועלט־באַנעם איז אַ טפֿל. דער עיקר איז פֿאַר זיי דער רעליגיעזער וועלט־באַנעם. דאָס איז די זעל־ביקע יאַהודימשע פּסיכאָלאָגיע, נאָר פֿרום־יידיש געשליַירט: יידן זיינען אַ רעליגיעזע עדה, וואָס האָבן אַ מיסיע דורכצופֿירן פֿאַר דער מענטשהייט.

וואָס ביי אונדזוערע נעאָ־קלעריקאַלן איז דאָס אַן אַנדער מיסיע, ענ־דערט ניט דעם עצם ענין.

דער יסוד פון זייביידן — סיי פון די נעאָ־קלעריקאַלן, סיי פון די „יאָהודים״ — איז די אַסימילאַציע — וויניקסטנס, דער ערשטער פאַר־באַדינג פאַר איר: דאָס יידישע פאָלק איז ניט קיין נאַציע. זי האָט קיין רעכט ניט אויף אייגענער אַבסאָלוט פרייער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג. און זי טאָר ניט קעמפן פאַר אַזאַ עקזיסטענץ, סיידן — סיידן — זי טוט דאָס צוליב „דער גאַנצער מענטשהייט״, צוליב איר „מיסיע״...

ווען וועלן מיר שוין פטור ווערן פון אַזוינע יידישלעך פאַרשלייערטע אַסימילאַטאָרן?

2

דער געדאַנק פון „וועלטלעכקייט״, וועלכן מען האָלט איצטער אין איין „רעווידירן״, איז בלי ספק לאָגיש ענג פאַרבונדן מיט דעם געדאַנק, אַז מיר זיינען אַ פאָלק, אַ נאַציאָנאַלער יש, ניט מיט אַן אייגענער רעליגיע, ניט גאָר אַן אַ וועלכן עס איז רעליגיעזן גלויבן.

דאָס איז דער געדאַנק, אַז „נאַציע״ און „רעליגיע״ האָבן גאָרנישט ניט וואָס צו טאָן איינס מיט דאָס אַנדערע: „נאַציע לחוד און רעליגיע לחוד״.

אָט „ככל הגויים״, ווי ביי אַלע פּראָגרעסיווע פעלקער פון דער וועלט, וואָס ביי זיי נעמט אַ „רעליגיע״ אַרום פאַרשיידענע נאַציעס, און אַ „נאַציע״ באַשטייט פון קינדער, וועלכע האָבן זייער אָפט גאַנץ פאַרשיידענע רע־ליגיעזע גלויבנס.

פאַקטיש איז עס אויך ביי אונדז, יידן אַזוי. די סלאַווישע „גרים״ — אַזאַ רוסישע סעקטע — רעכנט קיינער ניט צו צו די קינדער פון דעם יידישן פאָלק, אויך די „גרים״ אַליין, ווי מיר וויסן פון דער ליטעראַטור וועגן זיי, פּרעטענדירן ניט צו זיין קינדער פון דעם פאָלק ישראל, נאָר יחידים זייערע ווערן אַדאָפּטירט פון אונדז, ווי דאָס קומט פאָר אויך ביי אַנדערע פעלקער.

„יידן״ איז איין ענין און „יידישקייט״ איז אַ גאַנץ אַנדער ענין. „יידיש־קייט״ איז, לויט איר ריכטיקן באַדייט און מהות, אַן אוניווערסאַלע רעליגיע, אַ רעליגיע פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט. די פרום־יידישע וועלט גלייבט, אַז אַלע פעלקער וועלן אָננעמען דעם יידישן גלויבן. דערביי וועלן זיי אָבער ניט אויפהערן צו זיין פאַרשיידענע פעלקער און ממילא ניט ווערן, אַ דאַנק דעם יידישן גלויבן, קיין קינדער פון דעם יידישן פאָלק.

דער בית המקדש אין ירושלים וועט זיין אַ געבעט־הויז פאַר אַלע פעלקער („כי ביתי בית תפילה יקרא לכל העמים״!).

קלאָר איז אָט דער געדאַנק אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון דעם נביא מיכה און כּמעט ווערטלעך אַריבערגענומען געוואָרן אין די נביאות פון ישעיהו הנביא: „דער באַרג פון גאָטס הויז וועט שטיין פעסט... און אומות וועלן צו אים שטראָמען און פיל פעלקער וועלן גיין און זאָגן, לאָמיר אַרויפגיין צו גאָטס באַרג... זאָל ער אונדז לערנען פון זיינע וועגן און מיר וועלן גיין אין זיינע שטעגן... און ער וועט משפטן צווישן פיל אומות (עמים) און אַנטשיידן איבער מעכטיקע פעלקער (גויים)... אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט אויפהייבן אַ שווערד און מען וועט ניט מער לערנען מלחמה״ (מיכה ד׳ 1־3 (יהואש)), פאַרגלייך ישעיהו ב׳ 1־5).

„יאָ״, זאָגט מען אונדז, „דאָס שטימט. אָבער צו פאַרגלייכן אין דעם פּרט פון „וועלטלעכקייט״ קאָן מען נאָר אויף העלפט. ס׳איז אמת, אַז אויך די יידישע רעליגיע איז אַן אוניווערסאַלע, און איז ניט פאַרמשפּט צו בלייבן נאָר אין די גרענעצן פון דעם יידישן פאָלק. קוים נעמען אַלע פעלקער אָן דעם יידישן גלויבן, אַזוי מוז, נאַטירלעך, די יידישע אמונה אויפהערן צו זיין דער סימן מובהק פון נאָר דעם יידישן פאָלק. זי הערט אויף צו זיין נאָר אַ נאַציאָנאַל־יידישע רעליגיע. אָבער די צווייטע העלפט פון דעם וועלטלעכקייט־געדאַנק, וואָס זאָגט, אַז אַ פאָלק קאָן האָבן פאַרשיידענע רעליגיעס, איז ריכטיק פאַר די אַנדערע פעלקער, אָבער ניט פאַר אונדז. די יידישקייט קאָן אַריבערשפּרייזן די גרענעצן פון דעם יידישן פאָלק. אָבער דאָס יידישע פאָלק קאָן ניט אַריבערשפּרייזן די גרענעצן פון דער יידישקייט.

ממילא איז די וועלטלעכקייט, ווי מיר האָבן זי פאָרמולירט, אַ ריכ־טיקער געדאַנק פאַר די אַנדערע פּראָגרעסיווע פעלקער, אָבער בשום אופן ניט ריכטיק פאַר אונדז.

אַזוי זאָגט מען אונדז, אָבער — זאָגן איז גרינג. מען דאַרף באַווייזן, פאַרוואָס מיר זאָלן אין אָט דעם פּרט זיין אַן אויסנאַם פון די אַנדערע פּראָגרעסיווע פעלקער, וואָס האָבן אַזוי ראַדיקאַל דורכגעפירט דעם אַזוי וויכטיקן פונאַנדערשייד: „נאַציע לחוד און רעליגיע לחוד״.

מען גיט נאָר איין איינציקן באַווייז. מען זאָגט אונדז: „שבכל הגויים״, ביי אַלע אַנדערע פעלקער, דער עיקר: די קריסטלעכע — זיינען די רע־ליגיעזע גלויבנס ניט אַרויסגעוואַקסן פון די פעלקער גופא, נאָר זיינען אַריבערגענומען געוואָרן פון דער פרעמד. שטימט דאָס מיט זייער פּסי־

כאַלאַגיע, אַז פאָלק און רעליגיע זיינען גאָרניט אַזוי צונויפגעוואַקסן אין איינעם.

אונדזער יידישע רעליגיע איז אָבער אויסגעוואַקסן ביי אונדזער יידישן פאָלק. שוין דאָס אַליין קריצט איין אין דער נשמה פון דעם פאָלק דעם כמעט אינסטינקטיוון איינזען, אַז דער יידישער גלויבן איז אַן אייביקער אַטריבוט, פון די יידן, אַ סימן מובהק, ניט אָפּצעררייסן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער איינס.

שוין אַ פּאָר מאָל ווי איך באַגעגן מיך מיט אָט דעם אַרגומענט: צום ערשטן מאָל געדענקט זיך — ביי ד״ר איסר גינזבורג, מיט שיר ניט איבער אַ דרייסיק יאָר צוריק.

איז אָבער אָט דער איינציקער אַרגומענט, וואָס וויל טעאָרעטיש אונטערגראָבן דעם געדאַנק פון יידישער „וועלטלעכקייט״, פון זייער אַ שוואַכער טעאָרעטישער קראַפט.

קודם איז פאַקטיש ניט אמת, אַז ווען אַ פאָלק ברענגט אַליין אַרויס אַ רעליגיעזן גלויבן און נעמט אים ניט אַריבער פון דער פרעמד, קאָן ביי אים ניט דורכגעפירט ווערן דער לאָגיש געפאָדערטער פונאַנדערשייד פון די ענינים „רעליגיע״ און „נאַציע״.

נעמען מיר די אַראַבער. דער מאַהאַמעדאַניזם איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון דעם אַראַבישן גייסט (ווען אַפילו אונטער דער ווירקונג פון דעם יידישן און דעם קריסטלעכן גלויבן). אַ לאַנגע צייט האָט זיך דעם מאַהאַמעדאַניזם געדוכט, אַז אויך ביי אים קאָן ניט געשען, טיילן פון דעם אַראַבישן פאָלק זאָלן קאָנען אַריבערשפּרייזן די גרענעצן פון דעם מאַהאַמעדאַניזם, הגם דער מאַהאַמעדאַניזם, ווי אַ רעליגיע, נעמט אין זיך אַריין פאַרשיידענע פעלקער.

ווי שטייט עס איצטער מיט דעם ענין „רעליגיע און נאַציע״ ביי די אַראַבער? — קוים איז ביי דעם אַראַבישן פאָלק אויפגעוואַכט געוואָרן דער מאָדערנער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין, אַזוי איז אויך ביי אים געבאָרן געוואָרן די וועלטלעכקייט. מאַהאַמעדאַנישע אַראַבער און קריסטלעכע אַראַבער באַטראַכטן זיך ווי אַראַבער, לויט דער נאַציאָנאַליטעט, לויט דעם אויפגעוואַכטן אַראַביש־נאַציאָנאַלן געפיל און באַוואוסטזיין.

והשנית, איז נאָך אַ גרויסע שאלה, צי האָבן מיר, יידן, אונדזער יידישן גלויבן אין דעם „יידישן״ גאָט, אין דעם „שם האוויע״, ניט אַריבערגענומען פון דער פרעמד.

לויט דער יידישער טראַדיציע זיינען מיר פריער געווען געצנדינער („מתחילה עובדי עבודה זרה היו אבותינו״). מיר זיינען געוואָרן אָנהענגער

פון דעם „יידישן“ גאָט, ניט ווייל גאָט האָט אונדז אויסדערוויילט צו גלייבן אין אים און צו ווערן זיין פאָלק. אונדזער רעליגיע איז אונדז געגעבן געוואָרן פון דרויסן, אויף דעם באַרג סיני. אַזוי גלייבט די יידישע טראַ־דיציע.

און וואָס איז שייך דער היסטאָרישער פאָרשונג, זיינען פאַראַן גענוג דאַטן, וואָס באַרעכטיקן דעם געדאַנק, אַז אויך מיר האָבן אַריבערגענומען אונדזער גלויבן פון אַנדערע פעלקער אָדער שבטים — ווי, צום ביישפּיל, די „בני ריכב“ — וואָס האָבן זיך דערנאָך צונויפגעגאָסן מיט אונדז. ליידער מוזן מיר גראָד אָט דעם ענין לאָזן דאָ אָן אַ זייט.

עס איז אָבער פאַראַן נאָך אַ מאָמענט, וועלכן מען מוז האָבן אין אויג. עס איז אַבסאָלוט פאַלש צו גלויבן, אַז אין דעם באַוואוסטזיין פון די מאַסן ביי די קריסטלעכע פעלקער לעבט די היסטאָרישע דעראינערונג, אַז זייער רעליגיע איז אַן אַריבערגענומענע פון דער פרעמד.

די ניט געבילדעטע מאַסן — און ווען האָבן זיי אייגנטלעך זיך אָנגעהויבן צו בילדן? — די ניט געבילדעטע מאַסן פון אַ קריסטלעכן פאָלק גלייבן — אָדער האָבן ביז לפי ערך ניט לאַנג צוריק געגלייבט, אַז קריסטוס און די „הייליקע“ זיינען קינדער פון זייער פאָלק. אַזוי צ״ב, פלעגן די קאַנאַדיש־פראַנצויזישע פויערים זאָגן וועגן קריסטוסן, אַז „איל עטע ען באָן קאַנאַדיאַן פראַנסע קאָם טו ליי ז'אָט“ („ער איז געווען אַ גוטער קאַנאַדישער פראַנצויז, ווי אַלע אַנדערע).

דער היוצא מדברינו איז, אַז עס איז ניטאָ קיין ברעקל גרונט אַרויסצע־שיידן דאָס יידישע פאָלק פון דער משפחה פּראָגרעסיווע פעלקער אין די פּרטים פון וועלטלעכקייט.

3

מיר האָבן צוויי אָרטן וועלטלעכקייט: איינע „כּלפּי חוץ“ פאַר דעם עפנטלעכן לעבן, און איינע „כּלפּי פנים“, פאַר דעם אינעווייניקסטן לעבן פון די יידישע יחידים. וועגן אָט די צוויי אָרטן — שפּעטער. דערווייל לאָמיר געדענקען, אַז די וועלטלעכקייט בכלל איז ניט קיין קעגנזאַץ צו אַ רעליגיעזן לעבן און גלויבן. איר ווילט פאַקטישע באַווייזן? — איז אָט: נעמט קודם אונדזער אַמעריקע, וואו די וועלטלעכקייט איז דורכגעפירט געוואָרן אין אַלע אינסטיטוציעס פון דער פעדעראַלער רעגירונג, פון די איינצלנע שטאַטן און פון די מוניציפּאַליטעטן. נו? זיינען אין אונדזער אַמעריקע אָפּגעשאַפט געוואָרן דער רעליגיעזער גלויבן און דאָס רעליגיעזע לעבן? אונדזער אַמעריקע איז אַלץ נאָך איינע פון די פרימסטע ממשלות אין דער וועלט.

אָדער נעמט די פראַנצויזישע רעפובליק, איידער היטלער האָט זי אָנ־געהויבן צו היטלעריזירן. די פראַנצויזישע רעפובליק איז געווען געבויט אויף אַ וועלטלעכן יסוד, אויף דעם שאַרפסטן פונאַנדערשייד צווישן שטאַט און רעליגיע. און פונדעסטוועגן זיינען אַלע רעליגיעזע גלויבנס אויסגע־האַלטן געוואָרן אויף דעם חשבון פון דעם שטאַט.

איז ווי שטימט דאָס מיט וועלטלעכקייט? עס שטימט שוין גראָד! ווייל וועלטלעכקייט איז גאָר די טייטש: אַלע רעליגיעס זיינען גלייכ־באַרעכטיקט ביי דעם שטאַט. עס הענגט אָפּ פון דער קאָנסטיטוציע, צי דער שטאַט, ווי אַ שטאַט, וויל זיך רעכענען מיט זיי, אָדער וויל, ווי אַ שטאַט, פון זיי גאָרניט וויסן. אין פראַנקרייך (דעם אַמאָליקן!) רעכנט זיך דער וועלטלעכער שטאַט מיט די רעליגיעס: האַלט ער זיי אויס אויף זיין חשבון. אין אונדזער אַמעריקע וויל דער שטאַט, ווי אַ שטאַט, ניט וויסן פון זיי. אין ביידע פאַלן ווערט דער פּרינציפּ פון וועלטלעכקייט ניט אָנגעגריפן. אין ביידע פאַלן ליגט אין אָט דעם שטאַטס־רעכטלעכן פּרינציפּ ניט קיין ברעקל קעגנזאַץ צו רעליגיע.

די אייגענע שטעלונג איז אין דער פולסטער מאָס אמת אויך פאַר דער וועלטלעכקייט, וואָס איז געוואָרן דער יסוד פון יענעם „גלות־נאַציאָנאַליזם" אונדזערן, וועלכער איז געווען ענג פאַרבונדן מיטן סאָציאַליזם פון די אַכ־ציקער יאָרן. מען האָט ניט געקענט דערוואַרטן פון אַ סאָציאַליסטישן גלות־נאַציאָנאַליסט, וואָס האָט ערשט נעכטן געריסן מיט געוואַלד די מזו־זות פון די יידישע טירן, ער זאָל זיך וועלן רעכענען אין אַ וועלכער עס איז מאָס מיט דעם רעליגיעזן גלויבן, צי די רעליגיעזע גלויבנס ביי דעם יידישן פאָלק. געענוג, ווען ער האָט איינגעזען, אַז די „מזוזה" איז אַ פּריוואַט־זאַך, אין וועלכער ער, ווי אַ סאָציאַליסט, האָט זיך ניט וואָס צו מישן. אויב זי איז וואו צוגעשלאָגן צו אַ טיר, איז דאָס ניט זיין עסק, זי אַראָפּ־צורייסן.

און בפרט האָט מען ניט געקאָנט דערוואַרטן, אַז אַ סאָציאַליסט, וואָס האָט געקעמפט פאַר יידישע נאַציאָנאַלע רעכט, אָדער גערופן צום קאַמף פאַר זיי, זאָל אין אָט דער שטאַטרעכטלעכער פאָדערונג אַריינטראָגן וועלכע עס איז רעליגיעזע חשבונות. ביי אונדז האָט די וועלטלעכקייט געמוזט גיין ניט אין די וועגן פון דער פראַנצויזישער וועלטלעכער רעפובליק, נאָר אין די וועגן פון דער צפון־אַמעריקאַנישער.

האָט אָט דאָס שטרעבן צו וועלטלעכקייט — דער ערשטער סימן, אַז מען גייט אַרויף אויף דעם וועג פון פּראָגרעס — האָט אָט די וועלטלעכקייט,

פרעג איך, געהאַט אַ וועלכע עס איז ווירקונג אין אונדזער לעבן? — גאַנץ זיכער! און נאָך וואָס פאַר אַ מין ווירקונג!

נעמט אַלע אונדזערע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען — די פּאָליטישע, די קולטורעלע, די פילאַנטראָפּישע. איך האָב דאָ אין זינען אַלע יענע באַוועגונגען, וואָס האָבן באַוויזן, אַז מיר לעבן נאָר אַ היסטאָרישן לעבן. די פּאָליטישע באַוועגונגען און די פּאַרטייען, וועלכע זיי האָבן אַרויסגערופן, זיינען אויך ביי אונדזער פאָלק, ווי ביי אַלע פעלקער פון דער וועלט, געווען — און זיינען נאָך — פון אַ טאָפּלטער אַרט: פון אַ פּראָגרעסיווער און אַ רעאַקציאָנערער.

פון אונדזערע פּאָליטישע פּאַרטייען זיינען נאָר די „אגודה" און דער ציוניסטישער „מזרחי" — די צוויי קאָנסערוואַטיווע פּאָליטישע אָרגאַני־זאַציעס — אויסגעשפּראָכן רעליגיעז, נאָך מער: זיי זיינען דורכאויס קלע־ריקאַל, אַבסאָלוט פיינטלעך דעם שטאַטרעכטלעכן פּרינציפּ פון „וועלט־לעכקייט". פיינטלעך, באַטירלעך, נאָר אין דעם יידישן לעבן. פון די אומות העולם, צווישן וועלכע מיר לעבן, וועלן זיי גראָד דערוואַרטן די פולסטע מאָס „וועלטלעכקייט", וואָס פאַר איר זיינען אַלע רעליגיעס גלייכבאַרעכ־טיקט. האָבן „אגודה" און „מזרחי" אַרויפגעצייגט זייער שטעמפּל אויף אונ־דזער פּאָליטישער געשיכטע פון די לעצטע פופציק־זעכציק יאָר? — בשום אופן ניט! די געשיכטע איז געמאַכט געוואָרן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, פון די בונדיסטן, פון די פועלי ציון, פון די צעירי ציון, פון די טעריטאָריאַ־ליסטן — די בירגערלעכע און די סאָציאַליסטישע — פון דער „יידיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי" („סערפּ"). זיי אַלע זיינען אין זייערע פּראָגראַמען געווען געבויט אויף אַ ריין וועלטלעכן יסוד.

עס איז ניט געווען זייער דאגה, צי זייערע אָנהענגער גלייבן אין אַ וועלכער עס איז רעליגיע אָדער זיינען, רחמנא ליצלן, גאָר אָן אָן אָפיציעלער אמונה.

אין דעם פּאָליטישן לעבן האָט די וועלטלעכקייט אַרויסגעטראָגן דעם נצחון איבער יענעם קלעריקאַליזם, וואָס האָט געהערשט סיי ביי דער פרום־נאַציאָנאַלער וועלט, סיי ביי דער יאָהודימישער אַסימילאַציע.

און דעם זעלביקן טריאומף פון וועלטלעכקייט קאָנען מיר קאָנסטאַטירן ביי די מאָדערנע קולטורעלע אונטערנעמונגען — ביי דער פּרעסע, דעם טעאַטער, ביי אונדזערע מאָדערנע שולעס אין יידיש און העבּרעאיש. אין דער גרעסטער מאַיאָריטעט פון אַלע אונדזערע קולטורעלע אונטערנעמונגען הערשט דער ריין וועלטלעכער גייסט, וואָס מישט זיך ניט אין די רעליגיעזע

גלויבנס פון יענע יידן, וואָס בויען די מאָדערנע וועלטלעך־יידישע קולטור, אָדער וואָס אָטעמען אין איר ספערע.

והוא הדין מיט די פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. ניט דער „דזשאָינט״, ניט דער „האַיאַס״, ניט קיין אַנדער אינסטיטוציע, וואָס וויל העלפן יידן, האָט דערביי ניט דעם באַדינג, אַז דער וואָס וויל מען זאָל אים העלפן, מוז דווקא גלייבן אין שולחן ערוך.

די „וועלטלעכקייט״ האָט שוין איצטער אַרויסגעטראָגן דעם פולן טריאומף אין די דריי הויפּט־צווייגן פון אונדזער מאָדערנער יידישער זעלבסטשטענדיקייט: דעם פּאָליטישן, דעם קולטורעלן און דעם פילאַנטראָפּישן.

וואָקסט טאַקע אויס די שאלה: פון וואַנען האָט זיך מיט אַמאָל גענומען אַזאַ אומצופרידנקייט מיט דער וועלטלעכקייט גראַד ביי יענע טוערס אונדזערע, וואָס האָבן געהאָלפן איר, זי זאָל גובר זיין דעם קלעריקאַליזם פון די צוויי פריערדיקע פּעריאָדן פון אונדזער היסטאָרישן לעבן?

מיר דוכט, אַז די אומצופרידנקייט נעמט זיך דערפון, וואָס אין דער „וועלטלעכקייט״ דאַרפן מיר פונאַנדערשיידן צוויי גאַנץ פאַרשיידענע אינהאַלטן: ערשטנס, די וועלטלעכקייט כלפּי חוץ. די וועלטלעכקייט, ווי אַ שטאַטרעכטלעכער פּרינציפּ, וואָס מוז אַרויפגעלייגט ווערן אין דעם יסוד פון יעדער אַרט יידישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג און פון יעדער אַרט ריין עפנטלעכער יידישער טעטיקייט, ווי זי דריקט זיך אויס אין דער יידישער פילאַנטראָפּיע און, זאָגן מיר, אין דעם יידישן טעאַטער.

והשנית, האָבן מיר אַ וועלטלעכקייט כלפּי פּנים, ניט אַזוי אין דער עפנטלעכקייט, ווי אין דעם אינטימען, אינעווייניקסטן יידישן נשמה־לעבן.

דער קריזיס, וועלכן אונדזער וועלטלעכקייט לעבט איצטער דורך, און וואָס רופט אַרויס אַזאַ אויפגערודערטע רעוויזיע פון איר גאַנצן מהות, איז אַ קריזיס ניט אין דער עפנטלעכער וועלטלעכקייט — אָט דער פון כלפּי חוץ — נאָר אין דער אינטימער, דער פאַרבונדענער מיט דעם לעבן פון דעם יידישן יחיד און מיט דער אַרט פון זיין אינדיווידועלן צונויפבונד מיט דעם לעבן פון דעם יידישן פאָלק. דאָס איז אַ קריזיס אין דער וועלטלעכקייט כלפּי פּנים.

דאַרף מען אָט דעם אונטערשייד האָבן קלאָר פאַר די אויגן. קודם כל דאַרף מען אָוועקשטעלן די ערשטע אַרט וועלטלעכקייט, די וועלטלעכקייט אין אונדזער עפנטלעכן לעבן מחוץ פון אַלע ספקות. אונדזער נאַציאָנאַלער

זיין, אונדזערע נאַציאָנאַלע אספּיראַציעס און אויסזיכטן, אונדזער קאַמף פֿאַר אַ בעסערער צוקונפֿט קאָן געפֿירט ווערן נאָר אין דעם נאָמען פֿון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט ניט אין דעם נאָמען פֿון קיין אַנדער זאַך.

ערשט ווען אָט די אַרט וועלטלעכקייט ווערט פֿאַרזיכערט — און איך זע ניט, ווער עס וואָלט זי איצטער געקאָנט אָפּשאָפֿן — ערשט דעמאָלט קאָן מען זיך נעמען פֿאַר דער רעוויזיע פֿון דער צווייטער אַרט וועלטלעכ־קייט, דער „וועלטלעכקייט" כלפּי פּנים.

1941.

גלות־נאַציאָנאַליזם

1

עס איז שוין מיר ניט איין מאָל אויסגעקומען צו לייענען אין אונדזער פּרעסע, אַז דער פֿאָטער פֿון דער גלות־נאַציאָנאַליסטישער שיטה אין אונדזערע פּאָליטישע און קולטורעלע באַוועגונגען איז געווען דער באַרימטער יידישער היסטאָריקער, דער פּראָפֿעסאָר שמעון דובנאָוו, וועמעס אַכציק־יאָריקן יובילײ יעדער פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַלער ייד יום־טובט איצטער, ווען אויך ניט בציבור. ער יום־טובט דעם יובילײ, אַפֿילו ווען עס זאָלן ניט געמאַכט ווערן קיין אָפֿיציעלע פֿייערלעכקייטן. און ער יום־טובט אים מיט די אמתדיקסטע וואונטשן פֿון אריכת־ימים פֿאַר דעם יובילאַר.

ש. דובנאָווס פֿאַרדינסטן פֿאַר אונדזער פֿאָלק און אונדזער שפּראַך זיינען גרויס, ווען אַפֿילו מען זאָל צו זיי ניט צורעכענען די פֿאָטערשאַפֿט פֿון דעם „גלות־נאַציאָנאַליסטישן" געדאַנק. ווייל אין דער אמתן איז יענער געדאַנק אויפֿגעקומען און האָט גענומען ווירקן אַ סך פֿריער, איידער דובנאָוו האָט זיך באַפֿרייט פֿון זיין קאָסמאָפּאָליטיש־אַסימילאַטאָרישן איינשטעל בנוגע דעם יידישן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם.

די וואָס באַטראַכטן דובנאָוון פֿאַר דעם פֿאָטער פֿון דעם גלות-נאַציאָנאַליזם, זיינען, ווייזט אויס, באַקאַנט נאָר מיט דער לעגאַלער רוסיש־יידישער עפֿנטלעכקייט. דער מאָדערנער „גלות־נאַציאָנאַליזם" איז אָבער געבוירן געוואָרן אין דער „אונטערערדישער", דער סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער פּובליציסטיק, דער רוסישער, ווי אויך דער יידישער.

אָט די פּובליציסטיק און די גלות־נאַציאָנאַליסטישע „אונטערערדישע" פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע האָט אַרויסגערופֿן אַ „גלות־נאַציאָנאַליסטישע" באַוועגונג גראָד אין דער צייט, ווען דובנאָוו האָט ערשט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען עפֿנטלעך זיינע יידיש־אויטאָנאָמישע אידעען. געשען איז דאָס אין זיינע רוסישע „בריוו וועגן דער אַלטער און נייער יידנשאַפֿט", וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין 1897 און האָבן זיך פֿאַרענדיקט אין 1902. אין אַ בוך־פֿאָרעם זיינען זיי אַרויס ערשט אַזוי שפּעט ווי 1907.

דערבײַ טאָר מען אויך ניט פֿאַרגעסן, אַז צו יענער צײַט האָבן גראָד די „אונטערערדישע" יידישע באַוועגונגען און שטרעבונגען גענומען ווערן און זײַנען געוואָרן די טרײַבנדע קראַפֿט, וואָס האָט געווירקט אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער ריכטונג אויף דער גאַנצער יידישער עפֿנטלעכקייט.

מיר ווילן דאָ אָנמערקן אייניקע היסטאָרישע דאַטן, וואָס זײַנען, נאָך מײַן מיינונג נאָך, זייער וויכטיק פֿאַר דער געשיכטע פֿון דעם „גלות־נאַציאָנאַליסטישן" אײַנשטעל — דאַטן, וואָס האָבן צו טאָן נאָר מיט דער רוס־לענדערשער יידנשאַפֿט.

לויט מײַן קענטשאַפֿט פֿון דעם ענין — מסתמא ווייט ניט קיין אויס־שעפּנדיקע קענטשאַפֿט — איז דער געדאַנק פֿון אַ פֿרײַער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ פֿון דעם יידישן פֿאָלק אין רוסלאַנד צום ערשטן מאָל אַרויס־געזאָגט געוואָרן ניט פֿון אַ יידישן סאָציאַליסט, נאָר פֿון אַן אוקראַיִנישן: פֿון דעם פּראָפֿעסאָר מ. פּ. דראַגאָמאַנאָוו, וואָס האָט געמוזט פֿאַרלאָזן רוס־לאַנד אין דעם יאָר 1876.

דראַגאָמאַנאָוו איז אַוועק, ווי אַ פּאָליטישער עמיגראַנט, קיין שווייצאַריע, וואו ער האָט אַוועקגעלייגט די יסודות פֿאַר דעם „קליין־רוסישן" סאָציאַליזם — סײַ אין דער אוקראַיִנישער, סײַ אין דער רוסישער שפּראַך. אין דער לעצטער האָט ער שפּעטער געפֿירט אַ שאַרפֿע פּאָלעמיק אַנטקעגן דעם „צענטראַליזם" פֿון דער אויפֿגעקומענער באַרימטער פּאַרטיי „נאַראָד־נאַיאַ וואָליאַ". אין רוסיש האָט ער אויך פֿאַרעפֿנטלעכט זײַן פּראָגראַם פֿאַר רוסלאַנד, אין אַ בראָשור, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „וואָלנאָי סאָיוז", („פֿרײַער בונד"). אויף די זײַטלעך פֿון דעם שער־בלאַט איז טאַקע „פֿרײַער בונד" געוועזן אָפּגעדרוקט אויך אין יידיש.

איך געדענק ניט אין וועלכן יאָר די בראָשור איז אַרויס, אָבער מען דאַרף אָננעמען, אַז זײַן פּראָגראַם האָט דראַגאָמאַנאָוו שוין געהאַט אויס־געאַרבעט אין דער צווייטער העלפֿט פֿון די זיבעציקער יאָרן, אויב ניט נאָך פֿריער.

פּראָפֿעסאָר דראַגאָמאַנאָוו איז אין זײַן סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם געווען מער אַנאַרכיסט פֿון באַקונינשער ריכטונג, איידער אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. על־כּל־פּנים איז ער געווען אַ קאָנסעקווענטער פֿעדעראַליסט, אַ פֿאַרביטערטער שונא פֿון יעדן צענטראַליזם, פֿון יעדער קולטורעלער און שפּראַכלעכער אַסימילאַציע, אין וועלכער די קליינע און אונטערדריקטע פֿעלקער ווערן אײַנגעשלונגען פֿון די הערשנדיקע מערהייטן.

דראַגאָמאַנאָוו האָט געהערט צו די ווייניקע אינטערנאַציאָנאַליסטישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן ריכטיק פֿאַרשטאַנען, אַז דער אינטערנאַציאָנאַליזם

שטרעבט צו דער פֿאַרברידערונג פֿון פֿעלקער און קאָן בשום אופן ניט צו־נויפֿגעמישט ווערן מיט אַנטי־נאַציאָנאַליזם, מיט דער קאָסמאָפּאָליטישער קעגנערשאַפֿט צו אַ זעלבסטשטענדיקער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

דראַגאָמאַנאָוו האָט געפֿאָדערט, אַז רוסלאַנד זאָל זיך איבערבויען אויף דעם יסוד פֿון אַ פֿרייוויליקער פֿעדעראַציע פֿון אַלע פֿעלקער, וואָס וואוינען אין לאַנד. אויך יידן זיינען אַ באַזונדער פֿאָלק. יידן דאַרפֿן באַקומען אַ גע־נוגנדע צאָל שטעט (און שטעטלעך), וואָס זאָלן טראָגן דעם נאָמען: „פֿרייע יידישע שטעט״, — פּונקט אַזעלכע פֿרייע רעפּובליקן אין דער אַלגעמיינער פֿעדעראַציע, ווי די רעפּובליקן פֿון די אַנדערע פֿעלקער. דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער באַזיס פֿון דראַגאָמאַנאָווס פּראָגראַם איז פֿאַר מיר קלאָר. ווי אַ סאָציאַליסט, האָט ער מסתמא געהאַט אין אויג אַ ריין אַרבעטאַרישן לעבן אין אַלע פֿרייע רעפּובליקן. די יידישע פֿרייע שטעט וואָלטן זיך דער עיקר באַשעפֿטיקט מיט דער אינדוסטריעלער און געווערקשאַפֿטלעכער פּראָדוקציע. מיר האָבן דאָ פֿאַר אונדז אַ קלאָרן גרונט־פּרינציפּ פֿון דעם יידישן גלות־נאַציאָנאַליזם אויף דעם יסוד פֿון אַ פֿרייען סאָציאַליסטיש־פֿעדעראַליסטישן רעזשים.

אַ צווייטן מאָמענט אין אונדזער געשיכטלעכער סקיצע שטעלט מיט זיך פֿאַר די פּראָקלאַמאַציע פֿון דעם יידישן סאָציאַליסט, ראַדין, פֿון דעם יאָר 1880, ד״ה, נאָך איידער די פּאָגראָמען פֿון 1881, וועלכע האָבן געפֿירט צו דעם אויפֿקום פֿון דער פּאַלעסטינאָפֿילישער באַוועגונג.

ראַדינס פּראָקלאַמאַציע מוז זיך נאָך געפֿינען אין דעם אַרכיוו פֿון דעם „בונד״. אין איר ווענדט זיך דער מחבר צו די יידישע סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן, זיי זאָלן פֿירן זייער סאָציאַליסטישע אַרבעט אין דעם יידישן פֿאָלק, צוליב די אינטערעסן אויך פֿון דעם יידישן פֿאָלק. נאַטירלעך, דאַרף די אַרבעט געפֿירט ווערן אין דער שפּראַך פֿון דעם פֿאָלק, אין יידיש.

די פּראָקלאַמאַציע — אַ היפּש לאַנגע און, געדענקט זיך, זייער שיין, וואַרעם און קלוג געשריבן — האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ צושריפֿט פֿון די דריי גרעסטע פֿירער פֿון דעם „קליין־רוסישן״ סאָציאַליזם: דראַגאָ־מאַנאָווס, פּאַווליקס און סערגיי פּאָדאָלינסקיס.

ווער איז געווען דער ראַדין? — וויפֿל איך האָב מיך ניט געמיט אויסצוגעפֿינען, האָט זיך דאָס מיר ניט איינגעגעבן. אין זשענעווע האָב איך געהערט אַ מיינונג, אַז די פּראָקלאַמאַציע איז געווען אַ געפֿעלשטע. געשריבן זאָל זי האָבן געהאַט, אַן אוקראַינישער סאָציאַליסט, וואָס האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר כלומרשט אַ יידן. עס גלייבט זיך ניט, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי געווען. דער צוועק פֿון אַזאַ פֿעלשונג וואָלט געקאָנט זיין נאָר

איינער: אָפּצוציען די יידישע רעוואָלוציאָנערן פון דעם טעראָריסטישן קאַמף, ד״ה, שעדיקן דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״.

ברענגענ שאַדן דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ וואָלט אפשר געקאָנט האָבן געלעגן אין די אינטערעסן פון די אוקראַינישע סאָציאַליסטן. אָבער מיר האָבן זיכער קיין ברעקל רעכט ניט צו וואַרפן אַ חשד אויף אַזעלכע אי־בערגעגעבענע און ערלעכע סאָציאַליסטן, ווי דראַגאָמאַנאָוו, פּאַוולִיק און פּאָדאָלינסקי. מאַלע וואָס עס לוינט זיך אין אַ פּאַרטיי קאַמף! און דערצו: די ראָלע פון די יידישע רעוואָלוציאָנערן אין דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ איז אין 1880 גאָרניט געווען אַזאַ געוואָלדיקע, די רעוואָלוציאָנערע קעגנער אירע זאָלן זיין באַזונדערס פּאַראינטערעסירט, אָפּצוציען די יידן פון איר.

איך בלייב דעריבער ביי מיין גלויבן, אַז ראָדין איז טאַקע געווען אַ באַדייטנדיקער יידישער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט און אין דער זעל־ביקער צייט אַ הייס־איבערגעגעבענער יידישער נאַציאָנאַליסט, — שוין דעמאָלט, אין 1880!

קלאָר גייט אַרויס פון דער פּראָקלאַמאַציע דער אידעאַל, יידן זאָלן בלייבן ווי אַ באַזונדער פאָלק אין אַ פרייען פאַרבאַנד מיט די אַנדערע פעלקער פון רוסלאַנד. ווער עס זאָל זי ניט האָבן געשריבן, איז דער מחבר זיכער געשטאַנען אונטער דער שליטה פון דראַגאָמאַנאָווס האַס צו יעדער אַסימילאַציע און פון זיין שוין דעמאָלט ריכטיק פאַרשטאַנענעם אינטערנאַציאָנאַליזם.

ראָדינס פּראָקלאַמאַציע געהערט בלי ספק צו די דאָקומענטן פאַר דער געשיכטע פון דעם יידישן „גלות־נאַציאָנאַליזם״.

2

פּראָפעסאָר דראַגאָמאַנאָוו, דער פאָטער פון דעם אוקראַינישן סאָציאַ־ליזם — האָט נאָך אַ סך פריער, איידער די פּראָגראַמען פון 1881, פאַרלאַנגט, אַז די יידן פון רוסלאַנד זאָלן באַטראַכט ווערן ווי אַ באַזונדער פאָלק, נאַציאָנאַל אַ גלייכבאַרעכטיקטס מיט אַנדערע פעלקער פון דעם לאַנד. אָט דער „גלות־נאַציאָנאַליסטישער״ איינשטעל איז ביי אים אַרויסגעוואַקסן פון זיין אינטערנאַציאָנאַליזם און פון זיין פרייהייטלעך־פעדעראַליסטישן סאָציאַליזם.

אונטער דער ווירקונג פון דעם דראַגאָמאַנאָוו־קרייז איז אין 1880, אין זשענעווע, אַרויס ראָדינס אויפרוף צו די יידישע סאָציאַליסטן, זיי זאָלן באַשאַפן אַן אייגענע יידיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין יידיש.

ווענן אָט די צוויי ערשטע דאָקומענטן פון אונדזער „גלות־נאַציאָנאַליזם האָב איך פריער געשריבן.

דער דריטער דאָקומענט געהערט שוין צו דער צייט פון נאָך די פּאָגראָמען און האָט צו טאָן מיט מיין אייגענער טעטיקייט. איך האָב דאָ אין זינען מיין פאָרשלאָג צו דעם „עקזעקוטיוו־קאָמיטעט" פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", זי זאָל אָנערקענען אַ יידיש־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, ווי אַ טייל פון דער אַלגעמיין־רוסישער פּאַרטיי. געשען איז דאָס אין דעם יאָר 1885. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט דעם פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן, הגם זיין מאַיאָריטעט איז דעמאָלט באַשטאַנען פון יידישע רעוואָלוציאָנערן. (די פּרטים וועגן אָט דעם ענין האָב איך באַשריבן באַריכות אין דעם צווייטן באַנד פון מיינע זכרונות).

מיין „גלות־נאַציאָנאַליסטישער" פּראָגראַם פון 1885 האָט זיך אויסגעאַרבעט אָן אַ ברעקל השפּעה פון דעם דראַגאָמאַנאָוושען פּראָגראַם און פון ראָדינס אויפרוף. ער איז גיכער געווען אַ פּראָדוקט פון די פּאָגראָמען, פון איגנאַטיעווס „צייטווייליקע פאָראָרדענונגען" און פון דער אויפגעקומענער „חיבת ציון" באַוועגונג, דער „פּאַלעסטינאָפילישער".

אויך מיין „גלות־נאַציאָנאַליזם" האָט זיך, ווי דער דראַגאָמאַנאָוושער, פּאָליטיש געשטיצט אויף דער ווייט־גייענדיקסטער אָרטיקער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. אין דראַגאָמאַנאָווס פּראָגראַם בלייבן די יידן אַ שטאָטישע לעבן לעבן. עס איז אָבער געווען אָן אונטערשייד אין דעם בליק אויף דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן באַזיס פון דער יידישער נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. אין דראַגאָמאַנאָווס פּראָגראַם בלייבן די יידן אַ שטאָטישע אַרבעטאָרישע באַפעלקערונג. מיין פּראָגראַם איז געווען געבויט — און רוט עד־היום — אויף דעם יסוד פון אַן אַגראַר־סאָציאַליסטישער באַלעבאָטישקייט.

אין אָט דעם ריין דאָרפישן פּרט האָט מיין פּראָגראַם צונויפגעשטימט מיט יענער טענדענץ, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אויף דעם קאַטאָוויצער צונויפפאָר פון די חובבי־ציון.

אין דער עפנטלעכקייט איז אָט דער גלות־נאַציאָנאַליסטישער איינשטעל נאָך אָנגעמערקט געוואָרן אין מיין ערשטער רוסישער שריפט: „געדאַנקען וועגן די געשיכטלעכע שיקזאַלן פון דער יידנשאַפט", פון יאָר 1887. יידן ווערן דאָרט באַטראַכט ווי אַ באַזונדער פאָלק, וואָס ווערט דאַרפן אויסגלייכן זייער חשבונות מיט די אַנדערע פעלקער, ווי פון פאָלק צו פאָלק. יידיש ווערט באַטראַכט ווי די שפּראַך פון אונדזער פאָלק.

קלאָרע „גלות־נאַציאָנאַליסטישע" דיבורים אויף אַ נאַציאָנאַליסטישן יסוד זיינען געװען געװאָרן אין מיין יידיש־סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט. אַ טייל פון אָט די „דיבורים" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ רעוואָלוציאָנערער בראָשור „אַ ייד צו יידן" (אין רוסיש), פון דעם יאָר 1892, אונטער אַ פסעוודאָנים.

אַז אָט די בראָשור איז שוין זייער פרי אַריינגעדרונגען אין רוסלאַנד און האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער שטודירנדיקער יוגנט, האָב איך מיך דערוואוסט פון ד"ר שמריהו לעווינס אַן אַרטיקל אין דעם היגן „פאָרווערטס", וואו ער דערציילט, אַז ער האָט זיך מיט אָט דער בראָשור באַנוצט אין זיין פּאַלעסטינאָפּילישער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, ניט גע־קוקט דערויף, וואָס די שריפט איז העפטיק־פּאָלעמיש אַרויסגעטראָטן אַנט־קעגן דעם פּאַלעסטינאָפילנטום.

די בראָשור האָט טאַקע געפירט אַ קאַמף אויף צוויי פראָנטן: אי אַנטקעגן די „חובבי־ציון", אי אַנטקעגן די אַסימילאַטאָרישע יידישע רעוואָ־לוציאָנערן. עס ווערט אין איר געפאָדערט, אַז די יידישע רעוואָלוציאָנערן זאָלן פירן זייער קאַמף אַנטקעגן דעם רוסישן צאַריזם אויך אין דעם נאָמען פון דער „נאַציאָנאַלער ווידערבאַלעבונג" פון דעם יידישן פאָלק. (דער טערמין: „נאַציאָנאַלע ווידערבאַלעבונג" איז אַריבערגענומען געוואָרן פון אַן עלטערער פּאַלעסטינאָפּילישער בראָשור, וואָס איר מחבר איז געווען מ. ל. ליליענבלום.)

ניט קוקנדיק אויף מיין פאַרנומענקייט מיט ריין רוסישע רעוואָלוציאָ־נערע ענינים, האָב איך ניט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט צו פּראָפּאַגאַנ־דירן דעם יידישן גלות־נאַציאָנאַליזם אויף רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע יסודות. אין אָט דער פּראָפּאַגאַנדע האָב איך שוין בפירוש גערעדט וועגן אונדזער קאַמף פאַר יידישער נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג, ניט נאָר פאַר בירגערלעכער און פּאָליטישער.

דעם ערשטן פּראַקטישן רעזולטאַט פון אָט דער פּראָפּאַגאַנדע האָב איך דערלעבט ערשט אין דעם ווינטער 1896, ווען עס האָט זיך אין בערן געגרינדעט אַ גרופּע, וואָס האָט גענומען אַרבעטן אויף אַ סאָציאַליסטי־שער ליטעראַטור אין יידיש, ניט נאָר פאַר די מאַסן, נאָר אויך פאַר דער אינטעליגענץ. פאַר דער לעצטער איז צוגעגרייט געוואָרן דער „קאָמוניסטי־שער מאַניפעסט" — וואָס האָט אויך געזאָלט זיין אַ „מאַניפעסט" פון אַ ריין ווינסנשאַפטלעכער שפּראַך אין יידיש — און פּראָפעסאָר גאַשיצקיס „פאָרלעזונגען וועגן סאָציאַלער עטיק".

אַרויסגעבן אַט די ליטעראַטור האָט שפּעטער גענומען אויף זיך דער „בונד״, וואָס האָט זיך אָפיציעל געגרינדעט אין 1897.

איינער פון די טיכטיקסטע מיטאַרבעטער אין יענער גרופּע, וואָס האָט אָריגינעל איבערגעאַרבעט אין יידיש די ״מעשה פון פיר ברידער״, איז געווען בלומשטיין, וואָס איז אין יידישע ענינים אין גאַנצן געשטאַנען אויף מיין שטאַנדפּונקט. פון אים שטאַמט אַן אַרטיקל אין איינעם פון די ערשטע נומערן פון דעם בונדישן „יידישן אַרבעטער״, וואו ער רעדט שאַרף און קלאָר וועגן דער נויטווענדיקייט צו קעמפן פאַר יידישע „נאַציאָנאַלע רעכט״. איך געדענק ניט, צי ער באַנוצט אויך די לאָזונג פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג.

צו דער ערשטער בראָשור פון אַט דער גרופּע איז פון מיר, אין 1897, אָנגעשריבן געוואָרן אַ פאָרוואָרט: „פאַרוואָס דווקא יידיש?״ — אַ שאַרף נאַציאָנאַליסטיש געהאַלטענע שריפט. דער „בונד״ האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט זי צו דרוקן. די אַרבעט איז דערשינען אין דעם ניו־יאָרקער „פאָרווערטס״ פון דעם יאָר 1900.

דאָ דאַרף נאָך באַמערקט ווערן, אַז אַרום דער זעלביקער צייט פון „פאַר וואָס דווקא יידיש?״ האָט דער „בונד״ פאַרלאַנגט פון מיר אַ גרעסערן אַרטיקל: „ציוניזם אָדער סאָציאַליזם״, וואָס איז באַלד דערשינען אין דעם „יידישן אַרבעטער״, אונטער דעם פּסעוודאָנים פון „בן אהוד״. דער פינפטער קאַפּיטל פון אַט דער אַרבעט שטעלט מיט זיך פאַר אַ קלאָרן פּראָגראַם פאַר דער קולטורעלער אַרבעט פון דעם יידישן גלות־נאַציאָנאַליזם.

אין 1900 האָט גענומען אַרויסגיין די „רעוואָלוציאָננאַיאַ ראָסיאַ״, דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער „פּאַרטיי סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן״. איך האָב געהערט צו די רעדאַקטאָרן פון אַט דער צייטשריפט. אין איר איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעשטעלט געוואָרן די לאָזונג פון „נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג״ („נאַציאָנאַלנאַיע סאַמאָ־אָפּרעדעלעניע״), און צווישן די פעלקער זיינען אויך די יידן בפירוש אַריינגערעכנט געוואָרן, ווי אַ באַזונדער פאָלק.

אַזוי אַרום האָט דער יידישער גלות־נאַציאָנאַליסטישער גרונט־געדאַנק ניט געדאַרפט וואַרטן אויף פּראָפעסאָר דובנאָווס בריוו פון די יאָרן 1897—1902. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט — סיי דער יידישער, סיי דער ניט־יידישער.

פון דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט האָט ער אַריינגעברויזט אין דער רוסישער און רוסיש־יידישער עפנטלעכקייט און האָט אַרויפ־

געדריקט אויף איר זיין שטעמפּל אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן פון 1905 ביז 1907 און אַפילו ביז צו דעם ערשטן וועלט־קריג.

דער אויפקום פון דעם „גלות־נאַציאָנאַליזם" גראָד אין דער סאָציאַ־ליסטישער געדאַנקען־ספערע דערקלערט אונדז אַ היפּש ביסל פון זיין מהות — ווי, צום ביישפּיל, זיין „וועלטלעכקייט".

.1941

די אַסימילאַציע און דער קאַמף קעגן איר

די „התבוללות״ — די פולסטע אויסמישונג פון דעם יידישן פאָלק מיט די פעלקער צווישן וועלכע מיר וואוינען — איז בלי ספק איינער פון די ראַדיקאַלסטע, פון די „וואָרצלהאַפטסטע״ ענטפערס אויף דער יידנפראַגע. די יידנפראַגע איז אין איר לעצטן סך־הכל אַ פעלקער־קאָנפליקט. אויב מיר ווערן אויס פאָלק, איז ממילא אויס פעלקער־קאָנפליקט. שוין מיט יאָרן צוריק האָב איך אַרויסגעבראַכט, אַז די לאָגיק פון אַזאַ אויספיר קאָן פונקט אַזוי ווייניק אָפּגעפרעגט ווערן ווי דער קלאָרער איינזע, אַז ווען מען נעמט אַראָפּ דעם קאָפּ פאַרשווינדט דער קאָפּ־ווייטאָק.

איך זע איצט, אַז געוויזענע אַסימילאַטאָרן, אָדער האַלבע אַסימילאַ־טאָרן, באַנוצן אין אַן אַסימילאַטאָריש היגער צייטונג פונקט אָט דעם אַר־גומענט אַנטקעגן די אַסימילאַטאָרישע אידעאַלן. פרייט עס מיך.

מען טאָר אָבער ניט פאַרגעסן, אַז דער נאַציאָנאַלער מאָרד, דער יידישער, אָדער דער נאַציאָנאַלער זעלבסטמאָרד אין דער „מיתה בנשיקה״ פון דער אַבסאָלוטער אַסימילאַציע, איז ניט קיין אָפּשרעק פאַר יענע קרייזן אין אונדזער לעבן, וואָס האַלטן בכלל זייער ווייניק פון אַ נאַציאָנאַלער עקזיס־טענץ אויף דער וועלט, אָדער וואָס ווילן בשום אופן ניט מודה זיין, אַז יידן זיינען אַ פאָלק אָדער, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אין זיין תּוך אַ פלאַנץ, וואָס קאָן וואַקסן נאָר אויף דעם באָדן פון אַ פעלקער־קאָנפליקט, ד״ה, אַז די יידנפראַגע איז אין איר לעצטן סך הכל אַ נאַציאָנאַלע פראַגע.

עס איז דעריבער גאָר קיין חידוש ניט, וואָס פאַר אָט די קרייזן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער נאַציאָנאַלן צובונד צו אונדזער פאָלק, איז די אַבסאָלוטע אַסימילאַציע אונדזערע מיט דער ניט־יידישער וועלט אַן אַב־סאָלוט כּשרער אידעאַל מיט אַן אומגעהויערער מאַגנעטישער קראַפט. און ווער עס וויס, ווי לעבעוודיק אידעאַלן זיינען, מיט וואָס פאַר אַן עקשנות

זיי קראַמפּן זיך איין מיט ציין און נעגל אין יעדן פּיצלווירקלעכקייט, פאַר וועלכן זיי קאָנען זיך אָנכאַפּן. וועט מוזן מודה זיין, אַז דער קאַמף אַנטקעגן די אַסימילאַטאָרישע אידעאַלן איז נאָך כּלל וכלל ניט פאַר־שוואונדן פון דעם סדר היום פון אונדזער עפנטלעכן געדאַנק.

אין מיין קאַמף אַנטקעגן דער אַסימילאַציע, נאָך אין יענע צייטן, ווען אַט דער אידעאַל איז געווען אין די פּליטער־וואָכן ביי אונדזער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ, האָב איך מיך באַנוצט מיט נאָך אַן אַנדער אַרגומענט, אין וועלכן איך האָב, נאַטירלעך, געגלייבט בלב ונפש.

איך האָב געשטעלט די פראַגע: „צי קאָן דאָס יידישע פאָלק פאַר־שווינדן?" און האָב געפונען דעם ענטפער אויף אַט דער פראַגע סיי אין דעם גאַנג פון דעם אַסימילאַטאָרישן פּראָצעס — דער עיקר ביי די יידן אין האָלאַנד — סיי אין לאָגיש ריינע און קלאָרע אַרגומענטן.

דער פּועל יוצא איז געווען, אַז — חס וחלילה! פאַרשווינדן ווי אַ פאָלק קאָנען מיר ניט. דער אַסימילאַטאָרישער אידעאַל איז דעריבער אַ ריינע אוטאָפּיע.

קאָן מען נאָך עד היום שטיין אויף דער יונגער האָפערדיקער פּאָזיציע פון דעם אָנהייב אונדזער יאָרהונדערט? — איך בין איצטער שטאַרק מסופק דערין. ווער וויס אין דער אמתן, וואָס עס איז מעגלעך און וואָס עס איז אוממעגלעך אין אַ היסטאָרישן פּראָצעס?

אָבער איך האַלט עד היום, אַז אַזאַ פולע אַסימילאַציע, ווי אויך די פולע פיזישע פאַרטיליקונג פון אונדזער פאָלק, איז זייער און זייער אומ־וואַרשיינלעך. און דאָס גראָד דערפאַר, וואָס אויך די נעאָ־אַסימילאַטאָרן מוזן מודה זיין, אַז דערווייל זיינען מיר נאָך אַ פאָלק אויף דער וועלט, און אַז דער אַנטיסעמיטיזם ציט זיין יניקה אין דער לעצטער ליניע, גראָד פון אַט דעם באַדנהאַפטן אומשטאַנד.

אין פאַרשיידענע אַרבעטן האָב איך מיך געמיט אַרויסצוברענגען דעם געדאַנק, אַז אַט דער אומשטאַנד אַליין — דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דעם יידישן זיין אויף דער וועלט — מוז ניט אַרויסרופן קיין צווישנ־פעלקערלעכע קאָנפליקטן צווישן יידן און ניט־יידן. די פאַרשיידענע צו־גאָבן צו אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ — רעליגיעזע, סאָציאַל־עקאָנאָ־מישע, צי גאָר ראַסן־פּסיכאָלאָגישע — זיי ברענגען דאָס אַרויס דעם פעלקער־קאָנפליקט, וועלכן מיר רופן די יידנפראַגע. די פאַרשיידענע נאַ־ציאָנאַלע עקזיסטענץ אונדזערע איז זייער אַלעמענס פאַרבאַדינג. אָן דער פאַרשיידענער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, דער יידישער, פאַרלירן זיי אַלע יעדן זין און וואָלטן גאָרניט געקאָנט אויפקומען.

אָבער ווי באַלד מיר זיינען נאָך אַ פאָלק — און דאָס קאָן קיין בר דעת ניט לייקענען, וואָס ווייס וואָס אַ פאָלק איז — מוז מען דאָך מודה זיין, אַז אויך אין אונדזער פאָלקס־לעבן, ווי אין דעם לעבן פון יעדן היסטאָריש באַוואוסטזיניקן פאָלק, מוזן אויפקומען פאַקטן, טענדענצן, „היס־טאָרישע קרעפטן״, וואָס ווירקן אויף דער דערהאַלטונג פון דעם פאָלק, וואָס קעמפן, וואו באַוואוסטזיניק און וואו אומבאַוואוסטזיניק, אַנטקעגן יענע פאַקטן, טענדענצן, „היסטאָרישע קרעפטן״, וואָס גראָבן אונטער די נאַ־ציאָנאַלע עקזיסטענץ.

ביי אַ פאָלק, וואָס איז דערוואַקסן צו אַ היסטאָריש באַוואוסטזיניקן לעבן — מוז אין יעדן דור זיך געפינען אַ פּראָצענט מענטשן מיט שאַרף אויסגעשפּראָכענע נאַציאָנאַלע געפילן און אַפילו ליידנשאַפטן. דאָס מוז פאָרקומען ביי אונדזער יידישן פאָלק און אין נאָך אַ שאַרפערער מאָס: רחמנות געפילן צו די אומשולדיק ליידנדיקע, ליבע געפילן צו געוויסע טיפן פון אונדזער פאָלק, שטאָלץ־געפילן מיט אונדזערע אויפטואונגען אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט — אחריות־געפילן פאַר דעם כאַ־ראַקטער פון אונדזער פאָלק און פאַר זיין גורל אויף דער וועלט; האַס־געפילן, צו די פאַרפאָלגער און די אונטערדריקער; באַליידיקטע ערע־געפילן, ווי אַ רעאַקציע אויף די אומענדלעכע באַליידיקונגען; קאַמף־גע־פילן אַנטקעגן אַלע אונדזערע שונאים.

עס איז דאָ ניט די פראַגע צי דער שטאַנדפּונקט פון אַ חשוב־מענטשלעכן לעבן קאָן באַרעכטיקן אַזוינע נאַציאָנאַלע געפילן. זיי זיינען אַ פאַקט, אַ „היסטאָרישע קראַפט״ אין דעם לעבן פון אַ פאָלק אויף דער וועלט. זיי פאַרשטאַרקן דעם אַלגעמיינעם „דערהאַלטונגס־טריב״ פון דעם פאָלק.

אָבער גראָד דערין ליגט די צרה מיט דער אַסימילאַציע. ווי באַלד די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ פון אונדזער פאָלק בלייבט און ווי באַלד דער אינעווייניקסטער דראַנג ניט צו פאַרשווינדן ווערט נישט נאָר ניט געמינערט, נאָר לויט די אומשטענדן היפּש פאַרשטאַרקט, קאָן די אַסימילאַציע בשום אופן ניט אָפּשוואַכן יענע נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן צווישן ייד און ניט־ייד, וואָס שטאַמען פון די באַשטימטע אומשטענדן, אונטער וועלכע עס שטייט אונדזער נאַציאָנאַלער לעבן, ווי מיעוטים צווישן ניט־יידישע פעלקער.

וואָס שטאַרקער עס ווערט די ווירקלעכע אַסימילאַציע אין דעם יידישן לעבן, וואָס נענטער מיר קומען זיך צונויף אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן מיט דער ניט־יידישער וועלט, אַלץ נעענטער ווערט דער צונויפשטויס, אַלץ שטאַרקער מוזן אָנהייבן ווירקן די אומשטענדן, וואָס ברענגען אַרויס

דעם קאָנפליקט, דאָס שטרעבן אַרויסצושטויסן אונדז פון דעם ניט־יידישן לעבן.

און וואָס שטאַרקער, בולטער און געפערלעכער עס ווערט דער קאָנ־פליקט, וואָס אַכזריותדיקער דער אַרויסשטויס, אַלץ שטאַרקער און שאַר־פער ווערן די נאַציאָנאַלע געפילן, ווי אויך יענע נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקע שטרעבונגען, יענע אומבאַוואוסטזיניקע נאַציאָנאַל־דערהאַלטנדיקע שטרע־מונגען, ווי אויך יענע ריין אָביעקטיווע אומשטענדן, וואָס האַלטן אויף די יידישע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ.

אַסימילאַציע און קאַמף אַנטקעגן אַסימילאַציע זיינען דעריבער די צוויי שאַרפסטע אומפאַרמיידלעכסטע טענדענצן אין אונדזער איצטיקן היס־טאָרישן לעבן. דער אַסימילאַציע־פּראָצעס קאָן ניט גובר זיין אונדזערע נאַציאָנאַל־דערהאַלטנדיקע קרעפטן, ווייל די אַסימילאַציע ברענגט אַרויס דעם נאַציאָנאַלן קאָנפליקט אין אַ נאָך פאַרשאַרפטער פאָרעם און דער דאָזיקער קאָנפליקט מאַכט נאָך שטאַרקער די קעגן־טענדענץ, דעם דראַנג זיך צו דערהאַלטן ווי אַ פאָלק.

קאָן די אַסימילאַציע ניט אונטערגראָבן אונדזער נאַציאָנאַלע עקזיס־טענץ, מוזן מיר שטרעבן דערצו, אַז אונדזערע באַוואוסטזיניק־נאַציאָנאַלע טענדענצן, זאָלן מאַכן אַ סוף צו דער אַסימילאַציע, וואָס מוז אַלץ מער און מער שאַרפער מאַכן די שנאה צו אונדז, דעם אימפּעטיקן שטרעבן, אַרויסצושטויסן אונדז.

דעם ראַדיקאַלן ענטפער אויף דעם קאָנפליקט קאָנען מיר דעריבער ניט זוכן אין דער אַסימילאַציע. מוזן מיר זוכן דעם ראַדיקאַלן ענטפער אין „באַיאָען", אין זאָגן אָן אַבסאָלוטן „יאָ" צו אונדזער אייגענער נאַציאָ־נאַלער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג. זיי זאָלן אָבער פאַרקומען אין אַזעלכע אומשטענדן פון אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, וואָס זאָלן אָפּשאַפן די מעגלעכקייטן פון נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן מיט דער ניט־יידישער וועלט.

.1942

מײַן אמתע שטעלונג

1

אַ לייענער פֿון אונדזער צייטונג „טאָג" האָט אין „אַ שטימע פֿון פֿאָלק" אויסגעדריקט זיין פֿולע אומצופֿרידנקייט מיט מיין אָפּשאַץ פֿון דעם יידישן סאָציאַל־עקאָנאָמישן בנין. מיינע שטענדיקע שטראָף־רייד דעם יידישן פֿאָלק (מיין זיין אַ „מוכיח") האָבן אים „דערעסן", דערקלערט ער, און ער מאָנט פֿון מיר, איך זאָל דאָך קריטיקירן אויך די ניט־יידן פֿאַר די זעלביקע באַשעפֿטיקונגען.

אַזאַ שטעלונג צו דעם ענין איז אַן אַבסאָלוט פֿאַלשע. לײַדער איז זי ניט קיין פֿאַראיינצלטע. פֿאַר די יאָרן פֿון מיין אַרבעט אויף דער יידנפֿראַגע איז מיר ניט איין מאָל אויסגעקומען צו טרעפֿן זיך מיט די זעלביקע אומפֿאַרשטייעניש, וואָס זיינען אויסגעדריקט אין דעם אָפֿענעם בריוו פֿון דעם חשובן לייענער.

איז אַבסאָלוט נייטיק נאָך אַמאָל אויפֿצוקלערן מיין שטעלונג.

אין מיין אָפּשאַצן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע יסודות פֿון דער איצטיקער געזעלשאַפֿט בכלל און פֿון דער יידישער בפֿרט באַנוץ איך מיך מיט צוויי פֿאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן, וואָס זיינען ניט סותר איינס דאָס אַנדערע.

איין שטאַנדפּונקט איז אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער און איז אַנגעווענדט אויף דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט בכלל, דער יידישער, ווי דער ניט־יידישער. דער אַנדערער שטאַנדפּונקט איז אַ נאַציאָנאַל־יידישער און איז אַנגעווענדט נאָר אויף דעם מעמד און דעם היסטאָרישן גורל פֿון אונדזער אייגענעם פֿאָלק.

דער אַלגעמיין־מענטשלעכער שטאַנדפּונקט איז געבויט אויף די וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען פֿון דעם עטישן סאָציאַליזם, מיט זיין גרונטשטרעבן צו פֿאַרווירקלעכן סאָציאַלע גערעכטיקייט און גלייכהייט אין דעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן.

זיין פֿאָדערונג איז — אָפּשאַפֿן די פּריוואַט־באַלעבאַטישקייט צוליב פּריוואַטן פּראָפֿיט סיי אין דעם פּראָצעס פֿון פּראָדוצירן מאַטעריעלע גיטער,

סיי אין דעם פּראָצעס פון פאַרטיילן זיי צווישן די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. אין ביידע פּראָצעסן ווערט די הויפּט־וואָג פון דער קריטיק געלייגט אויף דעם האַנדל, אויף דעם „מקח וממכר". אָפּשאַפן „קויף־פאַרקויף" צוליב פּריוואַטן פּראָפיט איז די ערשטע קאַרדינאַלע פאָדערונג פון דעם עטישן סאָציאַליזם.

אָבער אויך דאָ פאַלט מען אַריין אין אַ פאַטאַלן טעות ווען מען מיינט, אַז אָט די קריטיק באַשעפטיקט זיך מיט „שטראָף־רייד", מיט זאָגן מוסר די איינצלנע אונטערנעמער, צי אַפילו די פאַרשיידענע אונטערנעמערישע קלאַסן. אין אַ געזעלשאַפט, אַ געבויטער אויף פּריוואַט־באַלעבאַטישקייטן און פּריוואַט־האַנדל, זוכן דאָס רוב מענטשן צו פאַרכאַפּן — לויט זייערע אייגענע כוחות, פעאיקייטן — גינסטיקע צי אומגינסטיקע לעבנס־באַדינגונגען — יענע פּאָזיציעס, וואָס קאָנען ברענגען זיי פּערזענלעך דעם גרעסט מעגלכען פאַרטייל, צי אין פּרט פון מאַכט און געזעלשאַפטלעכן פּרעסטיזש, צי אין פּרט פון עקאָנאָמישער זיכערקייט.

מיט דער פאָדערונג אָפּצושאַפן דעם מקח־וממכר־סיסטעם אין דער פּראָדוקציע און פאַרטיילונג — ווענדט זיך דער עטישער סאָציאַליזם צו יענע קרייזן, וואָס ליידן פיזיש אָדער מאָראַליש פון דעם פּריוואַט־קאַפּי־טאַליסטישן סיסטעם. עס ווערט געפאָדערט פון זיי, זיי זאָלן פאַרבייטן אים אויף אַ בעסערן, אַ פאַרטיילהאַפטערן פאַר די ליידנדיקע, אַ סאָציאַל־גערעכטן. זאָגן מיר, צוליב אַ ביישפּיל: פאַרבייטן די מקח־וממכריי צוליב פּריוואַטן פּראָפיט אויף אַ סיסטעם פון פרייע קאָאָפּעראַטיוון סיי אין דער אינדוסטריע, סיי אין דעם פאַרטייל־אַפּאַראַט דורך קראָמען און מאַגאַזינען.

אויך דאָ איז דער סאָציאַל־עטישער פּובליציסט ניט קיין „מוכיח", ניט קיין מוסר־זאָגער, נאָר אַ וויסנשאַפטלעכער פאָרשער, וואָס דעקט אויף די צעפוילטקייט אין די יסודות פון דעם בנין און ניט אין דעם אָדער יענעם שלעכטן ווילן פון דעם אָדער יענעם אונטערנעמער, וועמעס האַנד־לונגען עס ווערן באַשטימט דאָס רוב דורך די יסודות גופא פון דעם געזעלשאַפטלעכן געבוי.

און נאָך ווייניקער האָט מען אַ רעכט צו זיין אַ „מוכיח", אַ שטראָף־רעדנער, ווען מען גייט אַריבער צו דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן בנין פון יידישן פאָלק, ווען מען ווענדט אָן דעם נאַציאָנאַל־יידישן שטאַנדפּונקט.

דער גרונט־געדאַנק פון אָט דעם שטאַנדפּונקט איז פאַרשיידן פון דעם ערשטן, דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן.

דער נאַציאָנאַל־יידישער שטאַנדפּונקט האָט גאָרנישט ניט צו טאָן דירעקט מיט דער סאָציאַל־עטישער קריטיק פון דער פּריוואַט־קאַפּי־טאַליסטישער געזעלשאַפט. די קריטיק בויט זיך דאָ אויף דעם היסטאָרישן פאַקט פון אַן אומאויפהערלעכן קאָנפליקט, וואָס קומט פאָר צווישן דעם יידישן פאָלק און די ניט־יידישע פעלקער, צווישן וועלכע מיר, יידן, וואוינען. דער נאַציאָנאַל־יידישער שטאַנדפּונקט בויט זיך אויף דעם קאָנ־פליקט, וואָס רופט זיך „אַנטיסעמיטיזם״, „יידנפראַגע״, אין דעם אונטערשייד פון יידישקייט־פראַגע, וואָס פאַרלאַנגט אין תוך אַ גאַנץ אַנדער צוטריט און אַ גאַנץ אַנדער חשבון, הגם אויך די יידישקייט־פראַגע הענגט צו אַ גרויסן טייל אָפּ פון דער „יידנפראַגע״, ווי אויך די „יידנפראַגע״ הענגט אין איר פראַקטישער פאַרענטפערונג אָפּ פון אַ געוויסער אַרט „יידישקייט״־פראַגע. אָבער ניט וועגן דעם ענין רעדן מיר איצט.

וואָס איז דער הויפּט־קוואַל, פון וועלכן עס שלאָגט אין אַלע לענ־דער פון אונדזער צעשטרייאונג דער „אייביקער״ האַס צו אונדז?

לאָזט מיך דאָ דערמאָנען די מיינונג פון אַ דענקער, מיט וועמעס געדאַנקען מען האָט קיין רעכט ניט זיך ניט צו רעכענען. איך מיין דאָ די מיינונג פון פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין.

איינשטיין פאַרגלייכט דאָס יידישע פאָלק צו אַ הירש, וואָס איז פלינ־קער, איידער די אַנדערע באַשעפענישן און וואָס דערלויפט דעריבער פריער פאַר אַלעמען צו דעם קוואַל, וואָס דאַרף שטילן דעם דאָרשט. דערפון די קנאה פון די אַנדערע חיות און בהמות, וואָס זיי זיינען ניט אַזוי פלינק.

דער נמשל איז, אַז די קינדער פון דעם יידישן פאָלק זיינען קאָנ־קורענץ־פעאיקער, איידער די קינדער פון די אַנדערע פעלקער.

איינשטיינס משל איז פאַר אונדז וויכטיק דערמיט, וואָס ער לייגט די וואָג אויף דער הויפּטזאַך: מיר זיינען אַן אַנדער פאָלק. די באַציאונגען צו אונדז, אין וואָס זיי זאָלן ניט באַשטיין, ווערן באַשטימט לויט דעם חשבון: „פון פאָלק צו פאָלק״ און ניט לויט דעם חשבון „פון מענטש צו מענטש״, אָדער פון קלאַס צו קלאַס, ווי דאָס איז דער פאַל ביי די קינדער פון איין און דעם זעלביקן פאָלק.

אָט דאָס איז דער גורל־שווערער אמת וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם און וועגן דער יידנפראַגע. זי איז אַ פּראָדוקט פון אַ נאַציאָנאַלן אַנטאַגאָניזם, פון אַ צווישן־פעלקערלעכן קאָנפליקט.

אָבער איינשטיינס משל הינקט ליידער היפּש פאַטאַל.

קודם דער „קוואַל", צו וועלכן די קינדער פון די פאַרשיידענע פעל־קער יאָגן זיך מיט פאַרשיידענער געשווינדקייט. אין דעם משל איז דער קוואַל עפּעס אַזוינס, וואָס ליגט דרויסן פון די פעלקער. אין דער אמתן איז אָבער דער „קוואַל" — די עקאָנאָמישע חיונה־קוואַלן, און זיי זיינען אַלע מאָל פּראָדוקטן פון דער מענטשלעכער אַרבעט, אָנגעווענדט אויף די אוצרות פון דער מוטער־ערד און אויף די נאַטור־קרעפטן.

און אין נאָך אַ פּונקט הינקט יענער משל זייער פאַטאַל. די מעשה ביי איינשטיינען קלינגט שוין אַביסל צופיל אידיליש: עס איז דאָ אַ קוואַל, וואָס פליסט און פליסט, און יעדער איינער קאָן צוקומען צו אים און טרינקען אַזוי פיל, וויפיל זיין האַרץ גלוסט. מער נישט דער „הירש" — אונדזער פאָלק — דערלויפט צו אים פריער פאַר די אַנדערע. רופט דאָס אַרויס אַ קנאה צו אים.

ליידער שטימט דאָס ניט מיט דערווירקלעכקייט.

אין דעם פּעריאָד פון דעם איינדאַרנדיקן פּריוואַט־קאַפּיטאַליזם, וועלכן מיר לעבן איצטער דורך, ווערן די חיונה־קוואַלן אַלץ מער און מער איינ־געטריקנט, לפי ערך, פאַרשטייט זיך. די „קוואַלן" קלעקן שוין ניט אַפילו אויף צו באַפרידיקן די נויטן פון יענע פעלקער, וואָס גיבן דעם נאָרמאַלן פּראָצענט פּראָדוקטיווע אַרבעט. דער „הירש" — אונדזער פאָלק — לויפט ניט אויף אַ פרייען וועג, צו אַ קוואַל, אַ פרייען פאַר אַלעמען. מיר פירן אַ קאָנקורענץ־קאַמף מיט די אַנדערע, כדי זיך צו דערשלאָגן פריער פאַר די אַנדערע צו דעם אַלץ קאַרגער פליסנדיקן קוואַל.

מוסר איך דערפאַר דעם הירש?

חס וחלילה! אויך דאָ, ווי ביי דעם אויבן אָנגעמערקטן אַלגעמיין־מענטשלעכן, ריין סאָציאַלן שטאַנדפּונקט, קאָן קיין רייד ניט זיין וועגן וועלכע עס איז שטראָף־רייד.

דאָרטן, וואו עס גייט אין דעם ראַדיקאַלן איבערבוי פון אַ פאָלקס סאָציאַל־עקאָנאָמישן בנין, קאָן קיין רייד ניט זיין וועגן שטראָף־רייד צו דעם אָדער יענעם איינוואוינער פון דעם בנין, נאַכסאַל, גראָד ער, פלוני בן פלוני, בויט ניט איבער דאָס גאַנצע געביי.

אַ מענטש זוכט וואו עס איז בעסער, ווי אַ פיש וואו עס איז טיפער. איז דאָ ניט שייך צו רעדן וועגן שטראָף־רעד.

2

די קריטישע אָפּשאַצונג פון אונדזער סאָציאַל־עקאָנאָמישן בנין האָט נאָר איין איינציקן גערעכטן און אַבסאָלוטן נויטווענדיקן זין. דאָס איז די

אויפקלערונג וועגן דערווירקלעכער לאַגע, וועגן דער הויפּט אורזאַך, וואָס רופט אַרויס דעם שטענדיקן נאַציאָנאַלן קאָנפליקט צווישן אונדז און די פעלקער.

דאָס איז אַ ווענדונג צו יידן און צו ניט־יידן, צו אַלעמען, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אויף אַ מענטשלעכן אופן אָפּצושאַפן דעם באַלד צוויי טויזנט יאָריקן נאַציאָנאַלן אַנטאַגאָניזם. דאָס איז אַ פאָדערונג אויסצובויען אַזאַ סאָציאַל־עקאָנאָמישן בנין פאַר אונדזער גאַנצן פאָלק, וואָס זאָל זיין אומאָפּהענגיק פון דער ניט־יידישער וועלט. אומאָפּהענגיק אין דעם זעלביקן גראַד, אין וועלכן אַלע אַנדערע אַרבעטאַרישע פעלקער זיינען אומאָפּהענגיק איינס פון דעם אַנדערן.

דערין ליגט דער אונטערשייד צווישן דעם נאַציאָנאַל־יידישן שטאַנדפּונקט אין דעם ענין און דעם סאָציאַלן, דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן שטאַנדפּונקט. אין דעם סאָציאַלן ווערט געפאָדערט די אָפּשאַפונג פון דעם מקח־וממכר, די אָפּשאַפונג פון אַלע ניט־אַרבעטאַרישע באַשעפטיקונגען.

אַוודאי וואָלט איך, ווי אַ סאָציאַליסט, געוואָלט, אַז דער איבערבוי פון דעם יידישן סאָציאַל־עקאָנאָמישן בנין זאָל פאָרקומען אויף ריין סאָציאַליסטישע יסודות. אָבער אין דעם ריינעם נאַציאָנאַל־יידישן שטאַנדפּונקט איז אַזאַ פאָדערונג ניטאָ. אויב אונדזער פאָלק וועט פירן אַן אומאָפּהענגיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע עקזיסטענץ, ווי, זאָגן מיר, דאָס „הענדלערישע" פאָלק פון די ענגלענדער; אויב אויך אונדזער סוחרימשער קלאַס וועט האַנדלען נאָר מיט יענע מאַטעריעלע פּראָדוקטן, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט פון אונדזערע אייגענע קינדער; אויב אויך אונדזערע פּראָפעסיאָנאַלן וועלן אין דער לעצטער ליניע געשפּייזט ווערן מיט די מאַטעריעלע פּראָדוקטן, וואָס אונדזער פאָלק באַשאַפט — דעמאָלט ווערט דער קאָנפליקט אָפּגעשאַפט; דעמאָלט ווערט די יידנפראַגע ראַדיקאַל פאַרענטפערט.

ווי אַזוי אַט די פאָדערונג זאָל פאַרווירקלעכט ווערן איז אַ גאַנץ באַזונדער ענין, פון אַ ריין נאַציאָנאַל־יידישן שטאַנדפּונקט איז דערביי ניטאָ קיין אונטערשייד צי די אומאָפּהענגיקע יידישע עקאָנאָמיק ווערט געבויט אויף אַ פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישן אָדער אויף אַ סאָציאַליסטישן יסוד.

מיט „שטראָף־רייד" האָט דאָס אָבער לגמרי ניט צו טאָן.

1942.

ווערטער־פֿאַרטייטשונגען

זייט

9	דערשכלט — זיך דערטראַכט
10	יודאָפֿאָבן — אַנטיסעמיטן
	סכסוכדיק — פֿול מיט ווידערשפּרוכן
	יודאָפֿילן — יידן ליבהאָבן
12	ליחות — זאַפֿטן
	אין לשער — וואָס איז ניט צום פֿאַרשטעלן
16	אַ חדוש נפֿלא — אַ וואונדער
21	שמט — איז באַוואוסט, באַרימט
25	פּליטה — אַנטלויפֿן
26	למרות — נישט געקוקט אויף
30	סירוגין — זיגזאַגן, מיט איבעררייסן
34	על כּל פּנים — אין יעדן פֿאַל
37	ביודעים אָדער בלי יודעים — באַוואוסטזיניק און אומבאַוואוסטזיניק
39	ניכּר — קאָנטיק
40	מקח וממכּרישן — הענדלערישן
48	ממילא מובן — זעלבסטפֿאַרשטענדלעך
	תּביעות — פֿאַרלאַנגען
50	כּולל — נעמט אַריין אין זיך
51	תּשבורת — ברוכצאָל
54	בלי ספֿונה — אָן צווייפֿל
	צרהדיקע בינונים — גײַסטיקע מיטלמעסיקייטן
73	נפֿקא מינה — אונטערשייד
77	„ויתרוצצו" — צוזאַמענשטויס
78	מבער זיין — אויסרוימען
80	גדר — גרענעץ
81	בר־אורין — אַ געלערנטער, אַ למדן
85	במהרה בימינו — אין גיכע צײַטן
87	תּוך כּדי דיבור — אינעם זעלבן מאָמענט
88	בתּכלית השנאה — שטאַרק פֿיינט האָבן
92	משנים קדמוניות — פֿון פֿאַרצײַטיקע יאָרן
94	להדליק — אַ פֿייער
96	חפֿץ — אַ זאַך
97	שרביט הזהב — די גאָלדענע רוט
98	נוטה — געניינט

99 **היתּר — דערלויבעניש**
שליטה — הערשאַפט
101 בעצם — אין תּוך פון דער זאַך
104 כּלאַחר יד — אַוועקמאַכן מיט דער האַנט
108 מהיום והלאָה — פון איצט אָן און ווײַטער
110 על כּסא הרבנות — אויפן רבס שטול
114 כּף הקלע — גיהינום
121 הנה ידוע — ס'איז גוט באַקאַנט
126 לפועל — אין רעאַלן לעבן
142 עמא פזיזא — אַן אייליק פאָלק
עם קשה עורף — אַן עקשנותדיק פאָלק
147 עם ישראל חי — דאָס יידישע פאָלק לעבט
157 ריח ניחוח — אַ שמעקנדיקע זאַך
159 מפשפש במעשים — נאָכקוקן, נאָכזוכן די אייגענע מעשים
162 להוט — גרייט, קאַפּאַבל
203 מידה מגונה — אַ מיאוסע געוואוינהייט
210 מרמז — אָנווייזן, אָנדייטן
243 צד השוה — דאָס געמיינשאַפטלעכע
249 עלול — איז גרייט, קאָן
282 נוגעדיקע — פאַראינטערעסירטע
292 לחוד — באַזונדער, פאַר זיך
293 סימן מובהק — אַ פּינקטלעכער סימן
295 דער היוצא מדברינו — דער אויספּיר
297 רחמנא ליצלן — גאָט זאָל היטן.